STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05270

PROBLEMEN BAY YIDN IN POYLN

Yehoshua Shtengel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהושע שטענגעל

פראָבלעמען בײַ ייִדן אין פּוילן

יהושע שטענגעל

פּראָבלעמען ביי יידן אין פּוילן

פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער לעבנס־איבערזיכט

פאַרלאַג „ניי־לעבן"

תל־אביב, תשל"ז — 1977

יהושע שטענגעל

פראָבלעמען ביי יידן אין פוילן

©

נדפס בישראל תשל"ז
Printed in Israel, 1977

דפוס „אור" בע"מ, תל־אביב, שד' הר־ציון 104, טעל. 822481

געווידמעט מיין פרוי — ד ב ו ר ה

צום אָנדענק פון מיינע אומגעקומענע עלטערן,
ש מ ח ה און ח ו ה, ברידער ש ל מ ה, י ע ק ב,
ה ע נ ע ך און ג אָ ד ל, שוועסטער ר ח ל, מיט
ז י י ע ר ע מ ש פ ח ו ת — בשעת דער שואה.

פון די פריסטע קינדער־יאָרן

מיינע ערשטע דערינערונגען פונעם שטעטל זענען געווען פון די פריסטע־קינ־ער־יאָרן, דאָס ערשטע, וועלכעס איך האָב מיט מיין קינדערישן שכל באַנומען איז געווען: קליינע ליקעלעך געסעלעך, קוים באַמערקטע הילצערנע הייזקעס און זעלטן־ווי־ווו — צווישן זיי שטעקט אַרויס אַ גרעסערע מער בעל־הביתישע הייזקע. די זון האָט אין דעם טאָג, זיי די הייזקעס מער באַוואַרעמט און ווי באַלויכטן און מער זייערן סקעלעט פאַר דער עפנטלעכקייט באַוויזן. צווישן די געסעלעך איז פאַרבייגעפאָרן אַ הויפּישע פור, אַ גרויסע געשלעפּט פון אַ פּאָר הויפּישע שלעפּ־פערד און אַרום דער פור האָבן נאָכגעשפּאַנט עטלעכע מענטשן דערביי צוזאַמע־נעמענדיק פון אַלע ערטער און ווינקעלעך די טויטע מענטשלעכע קערפּער און זיי אין וואָגן געוואָרפן. נאָכהער העט אַ ביסל ווייטער פון די שטעטישע הייזקעס אין אַ גרויסן קבר צו קבורה געבראַכט! די טויטע מענטשלעכע קערפּערס זענען געווען די נעכטיקע געפאַלענע סאָלדאַטן אָנגעטוענע אין פאַרשידענע זעלנער־מלבושים גערופן זיי סאָלדאַטן געפאַלענע אין קאַמף ערשט נעכטן אָדער אנומעלט! מיט נאָר געציילטע טעג צוריק איז דאָס, די טויטע קערפּערס געווען נאָך לעבעדיקע מענטשן געקומענע אָדער געטריבענע מיט די זייערע מחנות געווען זענען מן־הסתם פול מיט לעבן און מיט מענטשלעכע האָפענונגען און ווי געשיקט זיך — פול מיט זייער קאַמפס־גלויבן.

געווען איז עס די מלחמה צווישן דעם ערשט זעלבסשטענדיקן אויפגעשטאַ־נענעם פוילן און מיט דעם יונגן אויך נאָר וואָס אויפגעשטאַנענעם ראַטן־רוסלאַנד. שפּעטער אין דער שקאָלע האָט מען אונדז קינדער געלערנט וועגן דער מלחמה אַז, זי איז געווען אַ מלחמה אין קאָנסעקווענץ פון דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אויף דעם אַנטשטאַנענעם פוילן. פאַקטיש אָבער, האָבן מיר שפּעטער גאָר זיך דערוווּסט אַז, עס איז געווען פּונקט דער היפּוך פון דעם דעמאָלט אונדז געלערנטן! די מלחמה איז געווען נישט אַנדערש ווי אַן אָנגרייפערישע מלחמה מצד די פּאָלאַקן, וועלכער זייער פירער — י. פּילסודסקי מיט דער פולער מיליטערישער אונטערשטיצונג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך — האָבן צו יענער צייט דווקא אָנגעגרייפט דעם ראַטנ־פאַרבאַנד בכדי אָפּרייסן פון איר לאַנד־שטחים.

געוועז איז עס אַ פאַרכאַפּעריִשע מלחמה. אַלט אַזעלכע, איז טאַקע פאַר־וואַנדלט געוואָרן פון ביידע זייטן סיי פון די פּאָלאַקן און סיי פון די רוסן. ביידע זייטן האָבן געקעמפּט אונטער דער אָנרעגונג פון אידעען, גערעדט האָבן פון אַ באַנייאונג פון דער וועלט־געזעלשאַפט. ביידע האָבן געטראָגן אין די זייערע אידעען — די נייע געזעלשאַפטס־פאָרמאַציע — סאָציאַליזם. ביידע האָבן געקעמפּט קעגן טיראַניע, ביידע האָבן געקעמפּט קעגן דעם אָנגעגריפענעם קעגנזייטיקן־אַגרעסאָר, ביידע האָבן געהאַט געווער געוועזן באַוואָפנט מיט אַלע נאָר מעגלעכע מלחמה־כלים. דאָך פון דעם אַלעמען פון דעם גרויסן אידעען־קאַמף זענען דאָך די איינוווינער פון שטעטל געוועזן די קרבנות.

די איינוווינער פונעם שטעטל, די שטענדיקע קרבנות, די וועלכע זענען נאָך געוועזן ביים לעבן זענען געוועזן באַהאַלטן אין די קעלערס, פאַרהונגערט און פאַרפייניקט! איך געדענק ביי אונדז אין שטוב אין אַזאַ קאַמפס־טאָג זענען געוועזן באַהאַלטן עטלעכע שטעטישע משפחות, די אָפּקלאַנגען פון די שאָסן האָבן ממש אויפגעטרייסלט די ווענט, די שויבן פון די פענצטער זענען פון לאַנג געוועזן אויסגעקלאַפּט, כאָטש דאָס אונדזער הויז איז געוועזן גאַנץ שטאַרק פון שטיין געבויט. מענטשן זענען געלעגן אין יסורים האָבן ספּאַזמירט געחלשט און געקלאָגט. איינער האָט דעם צווייטן צום לעבן געמונטערט, געשריִען: העלף, וואָסער האָבן זיך דערטראָגן פון אַלע עקן שטוב־ווינקעלעך, ווי אויך די כסדרדיקע שעפּטשן אויסגעשריִען: „שמע־ישראל״! שפּעטער נאָך אַזאַ מין קאַמפס־שיסעריי, וועלכעס האָט געדויערט טעג איז פאַרשטענדלעך צוגלייך מיט די סאָלדאַטן האָבן געליטן די שטעטישע איינוווינער, דאָס אַזוי לאַנג ביז זיך ענטגילטיקן זיך ענדיקן פון אַלע קאַמפן און ביזן אונטערשרייבן צווישן די צוויי מאַכטן דעם שלום!

דאָס קליינע געאָגראַפישע פלאַץ, וועלכעס האָט געהייסן — שטעטל, האָט אַדורכגעמאַכט אַלע יסורים צוגלייך מיטן אָנפאַנג פון דער ערשטער־וועלט־מלחמה. דורכן שטעטל זענען אַדורך די חיילות פון פאַרשידענע פעלקער. דאָ זענען אַדורך די מיט זייערע סאָלדאַטישע שטיוול די דייטשן, עסטרייכער אונגאַרן און די רוסן. דאָ זענען פאַרביי באַרויבנדיק דאָס שטעטל די פּעטלוראַווצעס און פאַרשידענע קאַזאַקן־באַנדעס און סתם־רויבער — אָרגאַניזירטע אָדער אַזעלכע סתם — נישט אָרגאַניזירטע — און אַלע אינאיינעם אויף זיין אופן האָבן באַרויבט דאָס שטעטל דאָס קליינע הילפסלאָזע שטעטל, דאָס פון קיינעם נישט באַשיצטע שטעטל! די איינוווינער זענען שטענדיק געוועזן אין אַ סכנה, שטענדיק אויסגע־שטעלט אויף אַפילו אַ לעבנס־סכנה, אַזוי למשל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נאָכן אַ אָפּגעצאָלטן כופר, אַז ענדלעך וועלן שוין דאָס קליינע הייפעלע דאָרטן באַוווינטע

משפחות שוין צוריק לעבן נאָרמאַל... און דאָ פּלוצלינג דער טאָג איז נאָך נישט פאַרביי און ווידער אַ סכנה און קיין באַשיצער ווי בפרט קיין רחמנות איז פאַרן שטעטל נישט געווען!

דאָ אין שטעטל זענען, קאַשטשאָלן און צערקוועס געווען, און סתם פאַרשידענע געטלעכע־צלמים, פון האָלץ אָדער פון שטיין, אויסגעהאַקטע. טאַקע אַזאַ מיר אויפגעשטעלטער־צלם איז פונקט אין מיטן שטעטל געשטאַנען, פאַר אים דעם דאָזיקן צלם, פאַר ישוס־בילד פלעגן די אַלע דאָרטן באַווינטע מענטשן, ווי אויך אַדורכגייער זיך מאָדליען און אפילו די פון די געקומענע פאַרשידענע מחנות־באַנדעס! אָבער טאַקע אויך פאַר דעם צלם פלעגט מען אויך די יידישע משפחות פון שטעטל פאַנאַנדערזאַמלן, אויף פויקן און בלעכן געקלאַפּט און פאַרן געטלעכן די יידן געבערענגט, כדי פון זיי קאָנטריבוציעס פאַרלאַנגען, דערביי האָט מען פון די יידן די בערד מיט דער שווערד געשניטן — סתם פשוט הנאה צו האָבן. זעט אויס צו באַוויליקן דעם געטלעכן אויפן צלם! אַמאָל האָט מען אויך דעם יידנס באָרד מיט אַ שטיקל באַק־פלייש מיטגעשניטן, ווייל ווער וועט זיך דען אָננעמען די קריוודע פון אַ יידן־זשיד־בפרט אין דער מלחמה־צייט, ווען דאָך זיי די אַלע פאַרשידענע „ריצערן" דאַך פירן אויך אַ קאַמף. אַזוי טאַקע און קיינער האָט זיך פאַרן אומגליקלעכן יידן נישט אָנגענומען, ווייל ער איז הפקר געווען פאַר אַלע!

אַמאָל, אין יענער צייט טאַקע, די קאַמפן זענען נאָך געגאַנגען, זענען מיר אין דרייען מיט אַ ברודער און שוועסטער. זי די שוועסטער איז געווען צווישן אונדז די עלטסטע — זענען מיר אַזוי זאַלבעדריי געגאַנגען צום זיידן. דאָרטן אַהין אויף דער שטעטלדיקער פאַרשטאָט עפּעס אָפּעסן. ווייל ביים זיידן אויף דער פאַרשטאָט צווישן פויערים, מיעשטשאַנעס איז געווען גרינגער עפּעס וואָס איז פון באַקומען עסן. למשל, אַ געבראָטענע קאַרטאָפל, וועלכע האָט געהאַט אַלע טעמים, אַזש די סלינע פלעגט פון מויל רינען. זענען מיר אַזוי געגאַנגען, ווי קינדער, זיך געפירט ביי די הענטעלעך, זיך געשלעפּט אין הייסן פון זון גליענדיקן זאַמד. אויפן גאַנצן וועג פוןביידע זייטן זענען געלעגן אין שרענגעס אַ סך סאָלדאַטן, אָנגעטוענע אין שינעלן און עפּעס ביי זייערע געווערן געמייסטערעוועט. מיר קינדער זענען געגאַנגען אין מיטן די שרענגעס ליגנדיקע סאָלדאַטן זיי די סאָלדאַטן פלעגן מיט ליבשאַפט און בענקשאַפט אויף אונדז קוקן, זיי האָבן אונדז שטיקלעך ברויט געגעבן, זיי האָבן מיט אונדז פריינטלעך איינגעטענהט און איך האָב דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס, אַזעלכע גוטע סאָלדאַטן שיסן דווקא איינער צום צווייטן, דאָך זענען זיי אַזעלכע גוטע סאָלדאַטן?! דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געקענט פאַרשטיין, אַז די אַזוי פריינטלעכע סאָלדאַטן, די פון ווייטן

געקומענע, די אַזוי נעבעכדיקע אין זייערע שינעלן די מיטן געווער אין זייערע הענט, אין דעם מאָמענט אפשר זיך דערמאָנען — וועגן זייערע קינדער, היימען — ערגעץ ווו, טאָקע אין דעם מאָמענט, ווען אַזוי דערבאַרעמדיק קוקן אויף אונדז.

ענדלעך, איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטיל, די סאָלדאַטן זענען אַוועק, די שיסערייען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ערגעץ האָט מען גערעדט וועגן שלום (ביי אונדז האָט מען נאָך די ידיעה נישט פאַרשפּרייט). טאָקע, איז ער אויך דער שלום צו אונדז אין שטעטל געקומען! אויף פויקן און טרומפּייטן, אים דעם שלום, אויסגערופן. מענטשן האָט מען פאַרזאַמלט — זיי די גרויסע פרייד דערציילן — דער שלום איז געקומען!

דער שלום איז טאָקע געקומען. אַלע האָבן אים דעם שלום אָפּגעפּילט, אַלע האָבן זיך געפרייט, ווייל אַלע האָבן דאָס באַגערט. אַפילו מיר, קליינע קינדער, האָבן אים באַגערט. מיר זענען דעם פויקער נאָכגעלאָפן, כדי צום וויפלסטן מאָל הערן די ידיעה, די פריידיקע בשורה וועגן דעם געקומענעם שלום.

ענדלעך איז געוואָרן אַ סוף צו די מענטשלעכע בלוט־פאַרגיסונגען, צו די מערדערייען, רויבערייען, אַ סוף צו די אבלים פאַר די איינוווינער פון שטעטעלע. דער שלום, דער אַזוי שטאַרק אויסגעבענקטער, אַזוי שטאַרק אויסגעוויינטער, דער שלום, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק יעדן דערפרייט, יעדן אויפסניי געבוירן, איז ענדלעך דאָך געקומען.

אַלעס איז טאָקע מיט אַ מאָל אַנדערש געוואָרן, דער אָרום האָט עס אויך געשעפּטשעט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלעס שפּרודלט מיטן שלום. די זון שיינט העלער און אַפילו די פייגעלעך אויף די ביימער זינגען פריילעכער און דער עיקר, ווערן נישט פון קיין שיסערייען — צעיאָגט.

שפּעטער האָבן מיר דעם קומענדיקן שלום, פאַרשטאַנען בעסער. מיר האָבן זיך, קינדער, דערוווּסט וועגן די מיליאָנען מענטשלעכע קרבנות, וועלכע זענען געווען אין רעזולטאַט ביזן שלום פון דער מלחמה. שפּעטער האָבן מיר אויך פאַרשטאַנען, פאַר וואָס און צוליב וואָס, האָבן זיך מענטשן קעגנזייטיק אויס־געמאָרדעט. דאָך אונדזערע קינדערישע פראַגע — צוליב וואָס? איז קיין מאָל אין יענער צייט געוואָרן פאַרענטפערט. אַזוי אין אַזעלכע ברוטאַלע צייטן, ווי אָרום יעדן איז געווען פאַרדאַרבנקייט, ווי אָרום יעדן איז געווען טרויער — איז אַרויס מיין ברויזנדיק לעבן — און אין לעבן אַריין!

דאָס שטעטעלע נאָך דער מלחמה איז געלעגן אין חורבות, פאַרמאַטערט און פאַרפּייניקט און געוואַרט אויף פרישע אַרבעטס־הענט עס אויפבויען, ווי בפרט, אויף דערציִען אונדזערן אונטערוואַקסנדיקן דור — און בלית־ברירה, פאַרזעצן דאָס וויטערע לעבן.

אויף צו מאָרגנס נאָכן אויסגערופענעם אין לאַנד שלום, האָט זיך דאָס לעבן ווייטער פאָרגעזעצט. עס איז אַריין אין זיין נאָרמאַלן לעבנס־טריב, כאָטש ווי גרויס און מוראדיק זענען געווען די פאַרגאַנגענע מלחמה־יאָרן, כאָטש דער גרויסער מלחמה־קאָשמאַר, כאָטש די איבערגעלאָזטע נישט־פאַרהיילטע לעבנס־וווּנדן, כאָטש עס איז געווען ביי יעדן קענבאַר — די מלחמה, דאָך דעם אַלעמען האָט דאָס לעבן געמוזט דויערן, עקזיסטירן און פאָרזעצן און ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהיילן די איבערגעלעבטע — מלחמה־וווּנדן!

מיט נייעם, נישט דערוואַרטענעם אימפּעט, מיט נישט אָפּשאַצנדיקע ענערגיע, האָבן זיך אונדזערע עלטערן גענומען אויפשטעלן זייערע ווירטשאַפטן, אויפ־שטעלן זייערע הייזער און דער עיקר, זייער משפחה־לעבן. פאָרזעצן זייערן און אונדזערן לעבנס־המשך פון זייערן „זיין" און אונדזערער צוקונפט.

שווער איז געווען דאָס באַגרייפן, נאָר דער אינסטינקט האָט אָנגערעגט, געפאָדערט, ווי די נאַטור אַליין, ווייל פרישע לעבנס זענען געקומען און צוגלייך מיטן אַלטן געפאָדערט — היט מיך, באַשיץ מיך! דער נויט איז געווען גרויס, געווען דאַכלאָזיקייט, הונגער, דאָך דעם אַלעמען האָט דער דראַנג צום לעבן איבערגעוויגן — אַלעס און אַלעס. מיר קינדער — נאָך די אַלע נעכטיקע שיסערייען, די וועלכע האָבן אונדז אַזוי דערשיטערט — פאַרשטייענדיק אָדער נישט, דעם מהות פון דעם, זענען מיר שוין צומאָרגנס נאָך דער מלחמה, געשיקט געוואָרן אין חדר, זיך לערנען, מאַכן אונדז פאַר „לייטן", לויטן אויס־דרוק פון אונדזערע עלטערן! און מיר טאָקע — נישט דערקליידעטע, נישט דערנערטע, זענען ווי די סאָלדאַטן געגאַנגען אויספירן די עלטערנס באַפעל.

כ׳געדענק די שוואַרצע אייגעלעך פון מיינע קינדער־חברים, די אויסגעדאַרטע קערפּערלעך זייערע, די וועלכע האָבן אַפילו פון זייערע שטוב־צרות פאַרשטאַנען, כאָטש שוין פרידלעכע זענען דאָס געווען זאָרגן, אָבער דאָך זאָרגן. כ׳געדענק זייערע בלאַסע פּנימלעך, קינדער־יתומלעך, וועלכע וועלן מער קיין וואָרעם מוטער־וואָרט הערן, דאָך דעם אַלעמען זענען זיי געוואָרן די פאָרזעצער פון קומענדיקן מאָרגן.

אין טראַנס פון ווערן „לייטן", זענען מיר קינדער, אַריין אין אַ צווייטער לעבנס־ווירקלעכקייט. באַלד פון אָנהויב האָט זיך עס אָנגעהויבן מיט באַהעלפער, רביים — עס זענען געווען אַזעלכע יידן מיט גרויסע בערד, אין לאַנגע קאַפּאָטעס און אין זייערע הענט האָבן זיי געהאַלטן טייטלען און אַוודאי אויך, נישט קיין געניצטע קאַנטשיקעס. מיר זענען אַריין אין אונדזער פרע־היסטאָרישן ערציערישן פּעריאָד. עס האָט זיך בעל־כורחו אָנגעפאַנגען דער באַקאַנטער מוסטער יידישער ערציאונגס־וועזן — דער חדר. דאָרטן, אַ גאַנצע קינדער־קאָלעקטיוו, וועלכנס

יעדן קינד האָט מען געמוזט נעמען באַזונדער אויף דעם רבינס קני־ען און אין אים אַריינקנעלן די יעדעס מאָל פון קינד פאַרגעסענע תורה, ביז אַזוי לאַנג, ענדלעך האָט דאָס קינד עס איינגעביסן. אַזוי זענען מיר אַריין אין אַ צווייטער וועלט, אַ נישט־געזעענע וועלט, אַ נישט־באַנעמענדיקע, נאָר דווקא אַן אָפּפּילנ־דיקע וועלט און אַזוי וואָס ווייטער איז געוואָרן פאַרשטענדלעכער, היימלעכער, נאָענטער — כאָטש אַ מאָל געלעבטע ווירקלעכקייט!

דער אָנהייב איז געווען אַזוי עפּעס מאָדנע און דאָך פאַר אונדז — ניי: שווערע אותיות, פון זיי ווערטער פסוקים, ביז גאַנצע פרשהס, גאַנצע נייע באַגריפן, בפרט פאַר אַזאַ ווי פאַר אונדז — קינדער־וועלט. דאָך עפּעס האָט זיך אָנגעהויבן געשטאַלטיקן אין אונדזער קינדער־פאַנטאַזיע, מוח, וועגן אַמאָליקע פּאַטריאַרכן, מענטשן, משפחות, שבטים — ביז פעלקער, ביז עפּעס אַ געפיל פון אייגענער משפחה־קרובשקייט. דאָס אַלעס איז געווען דאָרטן אין חדר־צימער, וועלכעס האָט געדינט סיי אַלס לערן־צימער, סיי אַלס שלאָף־צימער פאַרן רבינס־משפחה, ווי נאָר אין ווינקל איז געווען דאָס דאָרטן זייערס רבי־נ׳ס משפחה־בעט פאַרהאָנגען. אין מיטן שטוב ביים גרויסן שטייענדיקן דעמבאָווע טיש, אַרום וועלכן זענען געשטאַנען צוויי גרויסע דעמבאָווע בענק, אויף וועלכע מיר קינדער אַרום זענען געזעסן. דאָרטן אין דעם חדר־צימער, אין געדעמפּט פון קינדערישער ענערגיע, פון פריילעכע קינדערישע פּלוידערייען, האָבן מיר טאַקע די ערשטע שריט צו „לייטן" ווערן געמאַכט, דאָרטן האָבן מיר די ערשטע מענטשלעכע יניקה געצויגן, ליבע צו מענטשן — געלערנט. דאָרטן האָבן מיר אונדזערע, נאָר מעגלעכע קינדערישע פאַנטאַזיעס געוועבט!

דער רבי, האָט חנן געהייסן: אַ ברייט־פּלייציקער, באַוואַקסן מיט אַ רחבות־דיקער באָרד, געזעסן אויבן־אָן, ווי אויפן טראָן, האָט געדולדיק זיך נישט גע־בייזערט, אין אונדז די תורה געקנעלט, געלאַסן, מיט פול ליבשאַפט פאַרטייטשט, מיטן פינגער אָנגעוויזן, מיטן טייטל אָנגעצייכנט, בכדי דאָך פאָרט אין אונדז — קינדער־מוחות, דאָס לערנען אַריין קנעלן. טאַקע פון דאַן האָבן מיר אונדזערע ערשטע ווערטן אַלס אָנהויבנדיקע „לייטן" — שלעכטס פון גוטן — אונטערשיידן געלערנט.

אין די זומער־טעג אויף די פויזעס, פלעגן מיר לויפן צום שטעטישן טייכל זיך באָדן, שפּאַצירן אויף די לאָנקעס, אָדער אין די סעדער און גערטנער גיין. געחלומט וועגן דעם וואָס דאָרטן העט ווייט פון אונדז, ווייט ווו די זון פאַרגייט, זענען פאַראַן אויך ווי מיר, אַזעלכע מענטשן, וואָס לערנען אויך תורה און עס האָט זיך געוואָלט אַלעס, די אַלע קענען חבריש ווערן און באַפריינדעט ווערן.

דאָס שטעטל האָט זיך ווי פון מזרח אָנגעפאַנגען, דאַכט זיך צוגלייך מיט

זון־אויפגאַנג; טאַקע דאָרטןביים אָנפאַנג, ביי די נישט הויכע גרינגע בערג, נישט שטאַרק שיפּוע בערג. די בערג זענען געווען שטענדיק דאַכט זיך גרינע. אין שטעטל האָט מען זיי גערופן: קריניצע. דער שיפּוע פון די בערג איז געווען נישט קיין גרויסער, אפשר קוים אַ פּאָר הונדערט מעטער הויך. פון איין הויכקייט ביז דער צווייטער איז געווען אַ שטענדיק אויסגעטראָטענער פון מענטשן — סטעזשקע. גאַנץ אויבן אויפן אויבערפלאַך פון באַרג איז געווען, ביז דאָס אויג האָט פאַרכאַפּט — אַ גאָלדן ווייצן זאַנגען־פעלד.

אַראָפּצו, אונטן צו דער „דאָלינע", דאָרטן ווו עס האָט זיך געענדיקט דאָס בערגיקע איז געווען אַלץ גרין און אין דערמיטן צווישן די בערג איז געווען אַן אויסגעפּאָרענער פּאַס פעלד, וועלכער האָט געדינט פאַר די דאָרטיקע מיעש־טשאַנעס, אַלס וועג, צו זייערע דאָרט ווירטשאַפטן. אין דער דאָלינע צווישן די בערג איז געווען אַ ברונעם מיט אַ וואַסער־שטראָם, וועלכעס איז געווען שטענדיק קאַלט, אַפילו אין די זומער־מאָנאַטן ממש מחייהדיק, זיס און עפּעס ווי צויבעריק. ביי די איינוווינער פון שטעטל האָט דאָס וואַסער פונעם ברונעם געהאַט אַ מין ספּעציעלן חן, אַ מין שם־דבר. טאַקע צוליב דעם האָט איינער פון די שטעטישע בעלי־בתים ספּעציעל זיך באַמיט אויסנוצן דאָס אַזוי לעבעדיקע וואַסער, אויף פּראָדוצירן עכטע וואַסער־סאָדע פון עכטן קוואַל־וואַסער.

ווייטער מיטן וועג פון דער דאָלינע אין דעם באַרג־שטח, האָט זיך אויך געפונען אַ צעגעלניע, ווייל די בערג האָבן געהאַט אַ ליימיקן באַשטאַנד און דאָס האָט זיך געלאָזט אָנווענדן אויף פּראָדוצירן געברענטע ציגל, וועלכע נאָכן אויסברענען זענען געווען ווי אייזן־שטאַרק און האָבן געהאַט דעם ציל פאַר פּלאַסטערן וועג־שאָסייען, ווי אויך פאַר ספּעציעלע געפּאַרבטע הייזער־בויונג.

פון דער בערגיקער אויבערפלאַך, האָט זיך ווי אַראָפּגעקייקלט די פאָרשטאָט בהדרגהדיק און אַריינגעפירט אין שטעטל. די מיעשטשאַנעס האָבן באַוווינט די פאָרשטאָט, זייערע הייזקעס זענען געווען אָנטקעגן אויף ביידע זייטן. פּאַראַלאַל קעגן די אַלע הייזקעס איז געווען אויפגעבויט אַ גרויסער קאַטוילישער קלויסטער מיט דריי גרויסע שפּיצן טורעמס, און אויף דעם גרעסטן איז געווען אַ גרויסער צלם מיט ישוס סטאַטוע און דאָס האָט גאַנץ היפּש אין דער הויך דערגרייכט.

מיט דער צייט האָט דאָרטן אויך פּאַסירט דער ערשטער שטעטישער טויט־פאַל, וועלכער לויטן טראַגישן פאַרנעם, האָט אויף אַ לאַנגע צייט געווירקט אין שטעטל. עס איז געווען טראַגיש פאַרן גאַנצן שטעטל אַלס קאָלעקטיוו. לאַנג האָט מען וועגן דעם געטרויערט. געווען איז די מעשה אַזוי: איינער אַ גרויזעלך־אַרבעטער פון אַ בלעכער־מייסטער, וועלכער איז אַרויף אויף דעם הויכן שפּיץ טורעם, עפּעס דאָרט רעמאָנטירן. פּלוצלינג האָט עפּעס פּאַסירט און דער בחור

האָט זיך גענומען אַראָפּקייקלען פון דער אַזוי גרויסער הויכקייט און געפונען תיכף דעם טויט. דער אַזוי פּלוצלינגער טויט האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן ישוב. די לוויה איז געווען טראַגיש און טרויעריק. קינד און קייט האָבן געטרויערט און האָבן דעם אומגליקלעכן צו קבורה געבראַכט. די יללות האָבן ממש די הימלען געעפנט, אַזוי שטאַרק איז עס געווען פאַרן שטעטל ווייטיקלעך. דער טרויער איז געווען אַלגעמיין פאַרן שטעטל.

דאָרטן, אין דער אַזוי שיינער בערגיקער געגנט, פלעגן מיר די אונטער־וואַקסנדיקע שטעטישע יוגנט, אין די שבתים ווי אין יום־טובים טעג זיך פאַר־ווילן, ערהאָלן, אָדער ספּעציעל אין דער גרינער טראַווע, אין די זומער־טעג, אַ בוך לייענען, צוגלייך ווי מיט דער טרוימערישער גרינער הייליקייט, ווי טאַקע עפּעס פון דער נאַטור אַליין. דאָרטן האָבן מיר געפּלאַנט מיט פולער האָפענונג אונדזער דעמאָלט נישט באַקאַנטער צוקונפט. דאָרטן פלעגן מיר זיך חקרענען וועגן דעם געלייענטן. שפּעטער אין די בגרות־יאָרן פלעגן מיר זיך דאָרטן אויף פאַרלעזונגען פאַרזאַמלען. דאָרטן האָבן מיר יוגנט־אויספלוגן פון דער גאַנצער געגנט אַרום קאָנצענטרירט ווי ציוניסטישע, חלוצישע און זיך צווישן זיך — אידעאיש ווי אויך פּאָליטיש פאַרמאָסטן.

דאָרטן אין די בערג פלעגן מיר באַהאַנדלען מאָראַלישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען: וועגן דער יידישער ליטעראַטור און אירע זשאַנערן, וועגן דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט, וועגן דעם היינט און נעכטן פון יידישן פאָלק, וועגן דער נייער עמאַנציפּאַציע פונעם יידישן פאָלק. דאָרטן זענען געווען ביי אונדז בחורים, די ערשטע שפּראָצונגען פון נאָכן קינדערישן חדרישן טרוים, ביזן יוגנט־דערוואַכונג. דאָרטן צווישן די בערג האָבן אונדזערע ערשטע שטעטישע חלוצים זיך פאַרבענקט טרוימעריש, נאָכן אויסגעבענקטן אונדזערן יידישן היסטאָרישן ארץ־ישראל. דאָרטן האָבן אויך אונדזערע יידישע בחורים אויך מאַניפעסטירט קעגן דער אַמאָליקער און צוקונפטיקער מלחמה, ווייט, פאַרהוילן פון פּאָליציייאישן אויג, אויסגעדריקט דעם פּראָטעסט קעגן דעם נישט־געזעלשאַפטלעכן מאָראַלישן צדק און יושר!

נידעריקער ווי שטופּענווייז, האָט זיך די פאַרשטאָט, ווי אַראָפּגעקייקלט צום צענטער שטעטל. פון רעכטס איז געלעגן אַ גרויסער הויפישער סאָד מיט זעלטענע זאַפטיקע פרוכטן: עפּל און בירנען, פלאָמען, ווײַנפּערלעך, ווי אויך פאַרשידענע יאַגאָדן און .וויינשעלן.

דער סאָד מיט די ברייט־צעוואַקסענע פרוכטן־ביימער האָט זיך געצויגן אויף דער גאַנצער לענג ברעג פון שטעטישן טייכל. פון דער אינערלעכער זייט פון טייך האָט זיך געצויגן דער גאַנצער סאָד ביזן גרויסן דריי־זייטיקן וואַסער־קרייץ,

וועלכעס איז אויך שוין דערגאַנגען ביזן צענטער שטעטל. דער פּלאַץ פון דער דריי־קרייצונג האָט געהייסן צוליב דער טיפקייט — די „טאַניעס". דאָס אויך צוליב דעם, וואָס יאָר־יערלעך האָט טאַקע אויף דעם פּלאַץ געטראָפן אַ שטעטישער אומגליק־פאַל, עמיצער, איז לויטן שיקזאַל, געוואָרן אַ וואַסער־קרבן. דער טייך גופא האָט געהייסן „הוטשווע". ער האָט פון דעם קרייצונג־פּלאַץ אָנגענומען שווונג און אַרומגעקרייזט דאָס גאַנצע שטעטל און נאָכהער ווייטער העט ווייט נאָכן שטעטל אַריינגעפאַלן אין דעם טייך בוג.

דער פּלאַץ ווו ס'האָבן זיך געקרייצט די וואַסערן און זיך גערופן די „טאַניעס" איז געווען טראָץ דער סכנה דער סאַמע רייצנדיקער פּלאַץ פאַר דער שטעטישער יוגנט, ווייל דאָ איז געווען דער פּלאַץ פון פאַרמעסטונגען און אויסליפערן זייערע אָנגעזאַמלטע קינדער־ענערגיע, דאָ איז געווען דאָס סאַמע רעשנדיקע יוגנט־ווינקל. דאָ האָבן די בגרות־יוגנט אָנגענומען אָדערן און מוסקולן דאָ איז אויך געווען דאָס נאַטורעלסטע פּרימיטיווסטע פאַרווייַלונגס־ווינקל. דאָ זענען געווען די יוגנט אין זייערער נאַטורעלער נאַקעטקייט, דאָ איז געווען דאָס מאַנצביל־ווינקל פונעם קליינעם שטעטל. דאָ אויף דעם ראָמאַנטישן ערד־ווינקל האָבן געטרוימט די ערשטע זייערע איבערגאַנג־צייטן פון קינדער־יאָרן אין די בגרות־יאָרן. דאָ אין דעם וויכן גראָז־ווינקל אונטער די געמיטלעכע זון־שטראַלן, נאַקעטע און נאַסע פון וואַסער, פלעגן זיך פון די חדר־פויזער — די יוגנט פון די געדעמפּטע חדר־לופט ממש אין נחת אין גאַנצן גרויס אויף דער טראַווע אויסצינען. פלעגן צווישן זיך דיסקוטירן, דאָס ערשט־געלערנטע אין די חדרים און דאָ פלעגן די קינדער־דזשאַטווע קוקן אויף די עלטערע דאַרטן בחורים־גרופּן מיט עפּעס אַ קנאה קוקן, די עלטערע ווידער פלעגן זיך האַלטן, ווי עפּעס אין גרויסן און מיט זייערע רייד ווי זיך פון אונדז געהיטן. זיי פלעגן קומען שוין פון די גרויסע שטעט און ביי אונדז האָבן זיי געהאַט אַן אויסזען ווי עפּעס „העלדן". זיי די עלטערע פון אונדז יוגנט, פלעגן שוין אַנדערש רעדן, אַנדערש זיך אויפפירן און אַנדערש ווי מיר קינדער דיסקוטירן און אַפילו אין באָד־קאַסטיומען זיך באָדן. אַלעס איז פאַר אונדז געווען אַזוי ווי פאַרהוילן און נישט פאַרשטענדלעך — אַזעלכעס פלעגן מיר נאָך נישט אַלעס פאַרשטיין!

דאָס אַלעס, דער וואַסער־קרייץ, דער סאָד, די לאַנקע האָבן געהאַט פאַר אַלע אונדז אונטערוואַקסנדיקער יוגנט אַ ספּעציעלן עפעקט. דאָ פלעגן אַ סך שטעטישע ליגן און לייענען אַ בוך, צייטונג, דיסקוטירן וועגן דער אָדער יענער פּאַרטיי־פּלאַטפאָרם, אָדער ווי אַזוי איז טאַקע אין אמתן געבויט די וועלט? „טאַקע אַזוי ווי מיר לערנען אין חדר". די זון דרייט זיך אַרום דער ערד־קיילעך, אָדער טאַקע פונקט פאַרקערט, אַזוי ווי מען לערנט אין דער פאָושעכנע, אין

די ביכער שרייבט מען אויך אַזוי, טאַקע אַנדערש ווי אין חומש, טאַקע אַזעלכעס האָבן מיר קינדער־דזשאַטווע נישט געקענט אַלעס באַגרייפן און כאָטש מיר ווילן עס דווקא פאַרשטיין. שרייען טאַקע דאָך, אונדזערע שוין גרעסערע דערוואַקסענע, אַז סיי ווי סיי וועלן מיר דאָס נאָך דערווייל נישט פאַרשטיין?!

די בחורים פון דער דאָרטיקער טייך־געזעלשאַפט זענען געווען אין גרעסטן טייל, מיר די קינדער־דזשאַטווע און די אין נאָר דער ערשטער בגרות־סטאַדיע. איינער פון די ערשטע שטענדיקע דאָרטיקע באַזוכער איז געווען איטשע־לייב, די חברה האָבן אים שטיפעריש גערופן „גוי". דאָס, ווייל ער האָט קיין מאָל מיט גוטן ווילן נישט געוואָלט גיין אין חדר. שטענדיק האָט מען געמוזט ברענגען אים מיט דער הילף פון די רבינס־באַהעלפער און דאָס האָט אויך לאַנג נישט געדויערט, באַלד איז ער ערגעץ נעלם געוואָרן. דערפאַר אָבער איז ער געווען אַ שטענדיקער באַזוכער ביים טייך. דאָרטן איז געווען זיין סטיכיע, דאָרטן אויף דער ווייכער טראַוועדיקער לאַנקע פלעגט ער זיך — איטשע־לייב, אויסצוּען אין זיין גאַנצער באַקעטקייט און הנאה האָבן פון דער וואַרעמדיקער זומער־זון. די קינדער פלעגן זיך וועגן אים שטיפעריש ווייצלען, אַז פון דער בר־מצווה האָט ער קיין מאָל די תפילין נישט אָנגעטאָן. אָדער למשל, פלעגן זאָגן, אַז ער טראָגט שוין ווי אַ גרויסער אַן אונטערגעשוירענע מישקע אָדער פלעגן פון אים לאַכן, ווען ער איז למשל, דער ערשטער אין שטעטל געגאַנגען מיט אַ בוך אונטערן אָרעם. ער, איטשע־לייב, איז באמת געווען אַ שטעטישער געזעלשאַפטס־נאָוואַטאָר. דער ערשטער געטראָגן פּאָמפּע־הויזן, דער ערשטער געגאַנגען אָן אַ היטל, וואָס איז אוודאי געווען דעמאָלט אַ ווונדער, ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן אין אַ סקויטן־מונדור, געוואָרן אַן אייגגייער אין דער דאָרטן אויף דער גרעבליע אין דער פּריהייטס־פּאַרטיי. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער נישט שעמענדיק זיך, געטאַנצט מיט מיידלעך אַ הוירא־טאַנץ און אין דער גאַס געגאַנגען דער ערשטער בפרהסיה, מיט מיידלעך! די קינדער פלעגן טאַקע טענהן, אפשר פון אייפערזוכט, אַז דאָס אַלעס איז ביי איטשע־לייבן נישט מער, ווי באַרימעריי, זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, פלעגן זיי טענהן, איז נישט מער ווי זיך פאַר מיידלעך אויספּיינערן — כאָטש ער וועט די אַלע אידעען טוישן, ווי דעם קלימאַט. דאָך נאָך אַלעמען, האָבן די חברה אים ליב געהאַט, דאָס צוליבן וואַרעמען חברישן צוגאַנג. קיין מאָל האָט ער זיך נישט געבייזערט, פאַרקערט נאָר מיט אַ שמייכעלע, אויף די אַלע אָנקלאַגעס פון זיינע חברים געענטפערט.

אַ צווייטער פונקט אין דער קעגנזאַץ צו איטשע־לייבן, איז געווען דאָרטן אַ באַזוכער מיטן נאָמען שמשון, דאָס איז געווען באַהאַלטענער און שעמעוודיקער

גאון. ער האָט אויך ווי יענער ליב געהאַט דאָס שווימען, ליב געהאַט זיך אויס־וואַרעמען אויף דער הייסער זון. פאַרנעמען זיך מיט אַלע דאַרטיקע פאַרמעס־טונגען, אָבער אויך דער עיקר אין אַלעמען געווען דער ערשטער. ער שמשון פלעגט פון האַלבע נעכט גיין אין בית־המדרש און לערנען אַ פרק גמרא, זיך גריבלען אין רמב״ם; געווען מיט איין וואָרט אַ למד־וואָווניק. חוץ די אַלע זאַכן האָבן די קינדער דערציילט מיט דערשטוינונג, אַז ער שמשון האָט באַגריפֿט אין איין יאָר מאַכן אַן עקזאַמען צו דער פאָוושעכנע שקאָלע פאַר גאַנצע 5 פאָוושעכנע קלאַסן. שמשון האָט געווינט מיט זיינע עלטערן אויף דער פאַרשטאָט און געווען איינער פון די צוהעלפער אין דער שטוב־פרנסה, טראָץ די אַלע זיינע זייטיקע לערן־אַרבעטן. איז שמשון געווען אין אַלעמען דער ערשטער, קיינער פון די שטעטישע האָבן זיך נישט געקענט מיט אים פאַרמעסטן. דאָס איז געווען ממש אַ וווּנדער־קינד. געגאַנגען איז ער לויט דער דעמאָלטדיקער מסורה־קליידונג מיט אַ יידיש היטל און צו דעם אַלעם האָבן די קינדער געטענהט, איז ער נישט פאַרבאַבטשעט, דאָס פאַרשטענדלעך נישט אין זיינע אויגן.

ווי פריער שוין געזאָגט, זענען די „טאַניעס" געווען שוין פונקט אין צענטער שטעטל, דעריבער האָט זי פאַרנומען אין די זומער־חדשים אַ וויכטיקן גרויסן פלאַץ אין דער אויסשטאַלטירונג פון דער שטעטישער יוגנט. די וואַסערן האָבן דאָרטן ווי פון די טאַניעס אַרומגעקרייזט דאָס גאַנצע שטעטל, דעריבער האָט דאָס ווי איבערגעהאַקט (דער לויף פון די וואַסערן) דאָס שטעטל ביז די פאַר־שטעט און כדי צו פאַרבינדן די פאַרשטעטן מיטן צענטער שטעטל זענען געווען אין עטלעכע זייטן פונעם שטעטל אַריבער געוואָרפן בריקן — געמאַכטע פון גרויסע אָפּגעטשאַסענע ביימער־פּאָלעס, וועלכע האָבן פאַרבינדן אַלע פאַרשטעטן מיטן צענטער שטעטל.

די ערשטע גאַס, די וועלכע האָט ממש פאַרבינדן זיך מיטן שטעטל, האָט געהייסן די גרעבליע. ז״. די גרעבליע האָט שוין ממש אַריינגעפירט אין צענטער שטעטל, וועלכעס איז געווען געבויט, ווי אַ לענגלעכער קאַסטן. אַזוי איז געווען אין אַזאַ מין פאָרם אַרומגעבויט דאָרטן די שטעטישע הייזקעס, ווי צוויי שרענגעס, פאַראַלעל קעגן זיך. אינערלעך פאַראַלעל צו די צוויי שרענגעס הייזער איז געווען אויך אויפגעשטעלט אַזאַ מין גרויסער בלאָקן־הויז, וועלכעס האָט זיך גערופן: רינעק. דאָס אַלעס מיט די אַרום פאַרשידענע זייטיקע געסעלעך און ליקעלעך האָט געהייסן דאָס שטעטל. דאָס געאָגראַפיש אָרט איז געווען ווי פריער שוין דערמאַנט אַרום און אַרום מיט פריערדיקן דערמאַנטן טייכל אַרומגענומען. די גרעבליע איז געווען אַ לענגלעכע גאַס, פון ביידע זייטן הייזקעס, קוים שטאַקיקע, אַלע פון האָלץ געבויט און אין מיטן די צוויי שרענגעס הייזער, ווו דער וועג

איז געווען אויסגעלייגט אַזעלכע אין דער ברייט אָפּגעטשאָסענע פון ביימער־פּאַלעס, וועלכעס האָט געדינט ווי פּאַר אַ דאָרטיקן שאָסיי. די האָלצערנע פּאַלעס האָבן געדינט צו פאַרקלענערן די דאָרטיקע גרויסע האַרבסט־בלאָטעס. שפּעטער, מיט יאָרן שפּעטער, האָט מען ענדלעך, דאָס פּאַר יידיש געלט אויסגעפּלאַסטערט אַן אמתן פון ציגל — שאָסיי־וועג. אַזאַ וועג האָט בלית־ברירה פאַרגרינגערט דאָס דאָרטיקע לעבן סיי פאַר דער שטעטישער באַפעלקערונג, ווי בפרט פאַר דער דאָרפישער, וועלכע פלעגט קומען אין שטעטל אויף די וואָכנטלעכע יאַרידים.

די איינוווינער פון עלטסטן שטאָם פונעם שטעטל האָבן געוווינט אויף דער גרעבליע, צוליב דעם טאַקע זענען געווען די דאָרטיקע אין שטעטל — „חזקה־יידן", די יאַ־און ביין זאַגער פון שטעטל. זיי די „חזקה־יידן" פלעגן אונטערשטרייכן זייערן דורותדיקן יחוסדיקן צוגעהעריקייט צום שטעטל, נישט ווי די ערשט נאָך דער מלחמהדיקע אַנגעקומענע יידן פון די דערבייאיקע דערפער: פּושעוואָלער, פּרעספּער אָדער דובער און נאָך אַנדערע דאָרפס־יידן, די, וועלכע האָבן זיך איבערגעצויגן אין שטאָט צוליבן געבן זייערע קינדער אַ בעסערע שטעטישע יידן־דערציאונג. די געקומענע יידן האָבן דווקא באַוווינט דעם צענטער־שטעטל. די הייזקעס האָט יעדער ייד געבויט לויטן אייגענעם געשמאַק, נישט אַרכיטעקטאַניש, נישט פּראָפּאָרציאָנעל, למשל אַ קליינע הייזקע נעבן אַ גרויסע. אַ הייזקע מיט אַ שינדל־דאַך נעבן אַ הייזקע מיט שוין אַ בלעכענעם־דאַך אַזוי ווי זיך יאָגנדיק — עפּעס ווי וועלן דעריאָגן צו דערגרייכן.

דאָס שטעטל זעלבסט איז געווען אַ קליינס. זעלטן אַפילו אויף דער מאַפּע פונעם לאַנד פאַרצייכנט, דאָך האָט עס געהאַט אין דער צייט פון פאַר דער 2־טער וועלט־מלחמה ביי קנאַפּע 4000 נפשות — דאָס בלויז יידישע. דאָס שטעטל האָט געהאַט אויך אַ גרויסע היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט פול מיט פּאַטריאָטישן יחוס. אין יאָר 1655 איז דאָרטן אין דעם קליינעם שטעטעלע פאָרגעקומען די אַזוי־גערופענע היסטאָרישע קאָנפעדעראַציע, וועלכע איז אַריין אין דער פּוילישער געשיכטע אונטערן נאָמען „קאָנפעדעראַציאַ טישאָוויעצקאַ" — די קאָנפעדעראַציע דעמאָלט איז געווען פון אַלע שיכטן פון פּוילישן פאָלק אין קאַמף קעגן דעם פרעמדן אַגרעסאָר — דעם שוועדישן, קאַרל דעם 12־טן. צו דער צייט נאָך פון דער פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען נאָך געווען סימנים פון יענע היסטאָרישע שלאַכטן קעגן דעמאָלטדיקן שוועדישן אַגרעסאָר. די סימנים זענען עס געווען פאַרבליבענע קברים־קאָפּצעס, נעבן טאַקע דעם טייכל פון יענע היסטאָרישע טעג.

דאָס שטעטל איז געלעגן פונקט אין מיטל־פונקט צווישן דריי גרעסערע ראַיאָן־שטעטלעך — זאַמאָשטש, טאָמאַשאָוו־לוב. און הרוביעשאָוו. אַהין צו די

ראַיאָנען שטעט איז געווען אַ פֿאַרבינדונג מיט די שטעטישע בעלי־עגלות, וועלכע זענען געווען די פֿאַרבינדלער, געפֿירט פּאַסאַזשירן סוחרים איינקויפֿן סחורות פֿון דער גרויסער וועלט.

אין דעם געאָגראַפֿישן שטח, וועלכער האָט געהייסן טישיוויץ האָבן געלעבט יידן, פּאָלאַקן און אוקראַינער, גערופֿן „פּראַוואָסלאַוונע". דאָס בכדי נישט זיי אידענטיפֿיצירן מיטן דערבייאיקן אין שכנות־אוקראַינישן פֿאָלק, וועלכע האָבן געלעבט אין דער אַנטשטאַנענער — נייעם ראַטנפֿאַרבאַנד. די דריי עטנישע גרופּן באַפֿעלקערונג אין דעם תחום פֿון שטעטל טישיוויץ האָבן צווישן זיך געלעבט רעלאַטיוו בשלום, ביז פֿאַרשטענדלעך צו אַ תקופֿה פֿון אַ מלחמה־צייט, ווען פֿון וועלכע נישט סיבה זענען אַריין צווישן פֿעלקערלעכע שנאה־געפֿילן, פֿון וועלכע, בעיקר, האָט געליטן די יידישע באַפֿעלקערונג.

אַלע דריי פֿעלקער־שכנים האָבן געלעבט לויט דער איבערגענומענער בירושה אַמאָליקער פֿון יאָרן לאַנג מסורה־לעבן: די פּאָלאַקן האָבן געהאַט זייער קלויסטער, די פּראַוואָסלאַוונע — זייערע צערקוועס און די יידן — זייערע בתי־מדרשים. נאָכן ערשטן וועלט־קריג און נאָך דער דעמאָלטדיקער רוסיש־פּוילישער מלחמה, איז דאָס שטעטל אַדורך פֿאַרשידענע גלגולים. נישט איין מאָל געלעגן אין חורבות פֿאַרפּייניקט פֿון די דורכגייענדיקע מחנות חיילות, ביז ענדלעך דער געקומענער שלום־אָפּמאַך צווישן פּוילן און דעם דעמאָלטדיקן ראַטנפֿאַרבאַנד, ווען דאָס שטעטל האָט זיך ענדלעך גענומען אויפֿסניי אויפֿבויען און צוריק באַקומען אַ צורה פֿון אַ שטעטל.

מיט דער אַנטשטייאונג פֿון דער נייער פּוילישער זעלבסשטענדיקער רעפּובליק, ענדלעך ווען נאָך יאָרן פֿון פּאָליטישער פֿרעמדער הערשונג — אונטער פֿרעמדע דעמאָלטדיקע גרויסמאַכטן, וועלכע איז געווען אין קאָנסעקווענץ פֿון דער לעצטער פּוילישער צווישן זיך — פֿאַרטיילונג — איז ענדלעך פּוילן געוואָרן צוריק זעלבסשטענדיק און דאָס מיט אַ גרויסן פּאָליטישן אָנלען אויף די צענטראַלע דעמאָלטדיקע אייראָפּעאישע שליסל־מאַכטן, ווי פֿראַנקרייך און ענגלאַנד, וועלכע האָבן פֿאַרשטענדלעך געשפּילט די גאָר וויכטיקסטע פּאָליטישע ראָלע אין יענער צייטיקער, אייראָפּעאישער פּאָליטיק. פּוילן, אַ ניי דעמאָקראַטיש זעלבשטענדיקע רעפּובליק, האָט צום גליק נישט געהאַט, אָדער נישט גליק מיט דער טאַקע פּאָליטישער אונ־טערשטיצונג אַנגעהויבן עקזיסטירן אַלס ניי לאַנד אויף דער אייראָפּעאישער מאַפּע.

דאָס וויכטיקסטע פֿאַרן קליינעם שטעטל צו יענער צייט איז געווען פֿון דער פּוילישער געשאַפֿענער מאַכט. די איינגעפֿירטע דאָרטן אַבליגאַטאָרישע שקאָלע. צוגלייך פֿאַר אַלע די דריי דאָרטן באַווינטע עטנישע באַפֿעלקערונגען, איז געווען געגרינדעט אַ 7־פּאַכיקע פֿאָלקס־שקאָלע מיט דער אונטעררעכטס־שפּראַך פּויליש

דאָס איז טאַקע געווען דער איינציקער פּאַקטישער אויפטו פון דער דעמאָלטדיקער פּוילישער לאַנד־אַדמיניסטראַציע. צוליב דער גרויסער צאָל אין שטעטל קינדער ביי אַלע דריי עטנישע דאָרטן באַווינטע שכנים, איז די שקאָלע געווען פאַר־טיילט אויף אַלע דאָרטן פאַרשטעט, אַזעלכע זענען געווען 4 אין שטעטל. אָבער דער עיקר באַזע פון דער שקאָלע איז געווען אין צענטער שטעטל. דאָרטן איז געווען אויפגעבויט אַ צוויי־שטאָקיק הויז און דאָס איז געווען פּאַקטיש די שקאָלע. מיר קינדער פון חדר, וועלכע ווי נישט ווי — האָבן שוין געהאַט עפּעס פון שולע־דיסציפּלין, עפּעס פון געזעלשאַפטלעכן קינדער־קאָלעקטיוו — דעריבער דאָס אַלעס האָט אונדז געגעבן שוין מער צוטריט און פאַרשטאַנד צו די אַרומיקע דאָרטן מענטשן. דאָך, ווען מיר זענען געקומען אין אַ באַרירונג מיט די קינדער פון אונדזערע פעלקער־שכנים, האָבן מיר זיך געפילט ווי אין עפּעס אַ נישט־וואַרעמע סביבה. אין דער באַרירונג מיט די קינדער — אַנדערש פּסיכאָלאָגיש דערצויגענע, זענען מיר — די יידישע קינדער געווען עפּעס ביי זיי אין די אויגן — ווי פרעמדע. כאָטש אַזוי ווי מיר — די יידישע קינדער, אַזוי אויך זיי די קינדער פון די דאָרטיקע פעלקער־שכנים — האָבן געוווסט — איינע פון די צווייטע דער אונטערשיד איז נאָר געווען די שפּראַך און אַפילו דאָס האָבן מיר יידישע קינדער געמוזט קענען, צוליב פאַרשטענדלעך, די דאָרטיקע באַ־ווינטע באַדינגונגען. דאָך נאָך אַלעמען זענען מיר געווען ביי זיי — דאָס דער עיקר, די פּוילישע קינדער — ווי עפּעס פרעמדע? דער עיקר האָט זיך עס געמערקט אין פּעדאַגאָגישן צוגאַנג פון דעם דאָרטיקן שקאָלע־פּערסאָנאַל. דווקא דעריבער דאָס, האָט מיך באַוויגן צו טראַכטן, פאַר וואָס דווקא אין דער באַרירונג ציווישן אונדז קינדער אין דער דאָרטיקער איינציקער שקאָלע איז פאַראַן דער געפיל פון פרעמדקייט צו אונדז יידישע קינדער! דאָס טאַקע — די פרעמדקייט, איז קיין מאָל נישט געוואָרן דערנענטערט אין משך פון דאָרטיקן שקאָלע־לערנען. פאַרקערט דווקא געוואָרן מער פרעמד און אָפּגעפרעמדט! דער עיקר איז אין דעם געווען דעמאָלט שוין מערקבאַר די פיינטלעכע שטעלונג פון דאָרטיקן לערער־פּערסאָנאַל. דאָס אַלעס איז וואָס ווייטער געוואָרן מער פיינטלעכער, אין באַצוג צו אונדז יידישע קינדער. אַזאַ איז געווען דער אויסדרוק ביי די לערער, וועלכע האָבן זיך בכלל נישט אויסגעדריקט צום יידישן קינד — פּעדאַגאָגיש, נאָר מיט רוגזה און שנאה. אַזוי איז געווען דער זייערער פּעדאַגאָגישער אופן אין צוגאַנג צום יידישן קינד.

דער לערער־פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון אַ קיעראָווניק און נאָך עטלעכע לערער — מענער און פרויען — אין דעם געשעצטן לערער־קאָלעקטיוו האָט פאַרנומען אַ געשעצטן פּלאַץ דער שטעטישער גלח. דער גלח, האָט אַ חוץ אַלעם,

אויך געגעבן דאָרטן לעקציעס וועגן רעליגיע און איז געווען דער וואָרטזאָגער פון דעם גאַנצן שטעטלדיקן יש, פון דער פוילישער באַפעלקערונג. דער איינפלוס זיינער איז אויך געווען אין פּאָליטישן תחום. בשעת דאָרטן ביי נאַציאָנאַלע פייערונגען, ווי למשל אין דריטן מאַי פלעגט ער זיין אין צענטער פון אַלע פייערלעכקייטן. ער איז געווען דער, וועלכער האָט אַרויסגעלייגט זיין חותם אויף אַלעס און אַלעמען. נאָך מער, ער איז אַרויס מער נאָך פון זיינע גרענעצן פון די זיינע געהאַלטענע רעליגיעזע דרשות אין קאָשטשאָל, צווישן דעם אַלעמען איז ער געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט, אַ יידן־שונא. זיין באַציאונג צום יידישן פאָלק איז דווקא נישט געווען שטאַרק אַנטשפּרעכנד לויט דער קריסטלעכער ליבע־טראַדיציע. וועגן די יידן האָט אָפּן גערעדט מיט שנאה, מיט בייזקייט ווי אַלס נישט גלויביקע, ווי פאַררעטער אָדער גאָט־פאַררעטער, דאָס נישט דווקא צוליב דעם, אַז די יידן זענען געווען די שולדיקע אין ישוס־קרייצן, נאָר פשוט סתם אין זיין שורשן ביאָלאָגישן ראַסן־שטאַנדפּונקט — איז געלעגן זיין יידן־שנאה.

דער געהילף פון שקאָלע־קיעראָווניק איז געווען אַ הויכער און בייזער לערער. געהייסן ציחי, אַן אינוואַליד פון געבורט. ער איז אין דער שקאָלע געווען דער גרעסטער יידן־שונא, צווישן אַנדערש איז צו באַמערקן, אַז דווקא זיין פרוי — אויך אַ לערערין, איז אין קעגנטייל צו אירן מאַן געווען אַ באַשיידענע און זיך פריינטלעך צו אונדז יידן באַצויגן, זי איז געווען אין אַלעמען דער היפוך פון איר מאַן — לערער ציחי.

איך געדענק, למשל, אַ קוריאָז פון דעם גרויסן טאָג־געשעעניש פון יענע קינדער־טעג,ביים מיך איינשרייבן אין דער דאָרטיקער פוילישער שקאָלע. געברענגט האָט מיך אַהין איינשרייבן מיין עלטסטער ברודער. ווי געשיקט זיך, האָב איך אַלס יידיש קינד געטראָגן אויפן קאָפּ אַ היטל. אַזוי זעט אויס, בין איך אַריין אינערלעך אין דער שקאָלע־געביידע. ער, דער לערער ציחי — דער־זעענדיק מיך מיטן היטל אויפן קאָפּ, איז געוואָרן מלא חימה: „וואָס, האָט ער זיך צעשריגן, איז דאָ שוין אַ זשידאָווסקע חדר!" אַזאַ מין מכבד זיין מיך אין דעם טאָג פון איינשרייבן, האָט אויף מיר אַזוי שטאַרק געווירקט ממש ביזן היינטיקן טאָג. זעט אויס, אַז מיין ברודער האָט דעמאָלט דאָס אויך נישט באַמערקט און... שטעלט זיך נאָר פאָר אַ פאַרברעכן — אַ היטל! — אַזעלכעס האָט שוין נישט געקענט ווערן פאַרגעסלעך!

דער לערער ציחי און דער גלח האָבן זיך שטענדיק געחברט. די צוויי האָבן פאַקטיש באַהערשט די דאָרטיקע שקאָלע. ביידע זענען געווען אמתע יידן־ שונאים. דאָס נישט סתם שונאים, נאָר לעבנס־שונאים. דער לערער ציחי, נישט קוקנדיק

אויף זיין „געלערנטער פעדאַגאָגיע״, האָט איינגעפּירט אין דער דאָרטיקער שקאָלע אַ מין שטראָף־וועזן, דאָס גאָר פאַרשטענדלעך פאַרן יידישן קינד, אַ מין שטראָף למשל, פאַרן זיך פאַרשפּעטיקן אָדער סתם ביי די מינדסטע מעגלעכקייט, אַזעלכעס ווי למשל, געבן עטלעכע מלקות, קלעפּ אין הענטל פון יידישן קינד מיט אַ דין, ספּעציעל שטעקעלע, וועלכעס איז געווען גאַנץ געוווינט שמערצלעך פאַרן יידישן שקאָלע־קינד. חוץ דעם איז די באַציאונג צום יידישן קינד געווען גראָב, שרייענדיק מיט ווילדע בייזע פּאַסיע, דערביי האָט נישט געשוינט זיין צונג, שרייענדיק: יידישע מאָרדע און ענלעכעס.

דאָרטן אין דער שקאָלע פלעגט אָפט פּאַסירן טאָג־טעגלעכע געשלעגערייען צווישן די קינדער, די דאָרטיקע שילער. די קריסטלעכע קינדער פלעגן אָנפאַלן אויף די יידישע. אַזאַ מין געשלעג פון די פּוילישע קינדער, קריסטלעכע שכנים, די וואָס זענען נאָר געזעסן אין איינעם אויף דער שול־באַנק ביז דער פּויזע, איז געווען מער ווי נישט פאַרשטענדלעך. נישט איין קינד איז געווען גוט צע־מימתט, דאָס האָט גאַנץ גוט געוווּסט דער דאָרטיקער לערער־פּערסאָנאַל און דאָך האָבן זיי נישט אָנגענומען קיין שריט פון נישט דערלאָזן צו אַזאַ מין, צווישן קינדער געשלעג. פאַרקערט, אַפילו דער גלח, וועלכער האָט געוווינט אין דער נאָענט האָט זיך צוגעקוקט צו דעם קינדער־געשלעג, האָבנדיק פון דעם הנאה. דאָך האָט דער דאָרטיקער גייסטיקער פאָטער פון שטעטל, עס נישט אויסגעמיטן.

שוין צו יענער צייט האָט מיך געוווּנדערט אַזאַ מין באַציאונג פון דעם דאָרטיקן לערער־פּערסאָנאַל אין די צווישן באַציאונג צווישן די פּוילישע קינדער און באַצוג צו די יידישע קינדער, אַזעלכעס איז געווען ווי אַ מין ספּאָרט־פאַרמעסט. אָלאָ, וואָס שייך די יידישע קינדער האָבן זיי זיך בלית ברירה פאַרטיידיקט. וואָס שייך אונדזערע עלטערן האָבן זיי געטראַכט: קאָן דען זיין אַנדערש אין דעם גויאישן גלות?! פאַרשטענדלעך אַזוי האָבן זיך געדענקט אונדזערע עלטערן די אַזוי שוין אין זייער לעבן מיט אַלץ געפּרוווטן, דאָך מיר אונטערוואַקסנדיקער דור האָבן נישט געקענט דאָס אַלעס איבערקייען בפרט אַז, אין אונדזער דעמאָלטדיקן באַוווסטזיין האָט שוין געהערשט מער פּראָטעסט פון אַזאַ מין באַציאונג אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד צו אַזעלכע דערלויבטע בייזווויליקע קינדער־באַציאונג, ווי דאָס למשל אָנרייצן איין פאָלק קעגן צווייטן.

דווקא דעמאָלט האָב איך שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין אַז, דווקא אין דעם — „זשידאָווסקע־חדר״ דאָס אַ אַזוי שטענדיק אַרויסגעזאָגטע פון די דאָרטיקע לערער איז נישט געלערנט געוואָרן קיין שום פעלקער־שנאה. ווערן נישט געטריבן צו שנאה אַפילו צום גוי, אין דעם טאָקע זשידאָווסקע־חדר האָבן אַלע מענטשן איין פּנים באַשאַפן פון איין — „צלם־אלהים״, אין דעם טאָקע אויך זשידאָווסקע חדר

נאָך אין יענע צייטן, ווען אַפילו אַ סך — אַפילו יידן — האָבן געוואָלט באַווייזן אַז אין דעם אַזוי גערופענעם — רבינס־קאַנטשיק אַלס נישט קיין פּעדאַגאָגישער מיטל. דער, וועלכער איז געווען שטענדיק אין האַנט פון רבין. דאָך איז עס נישט אַנגעוואַנדן אין פאַרשטאַנד אַלס מיטל צו שלאָגן דעם יידישן תלמיד אָדער, ווי אַ טייל ווילן עס אָנרופן — „רוט". דאָרטן דווקא ביי דעם יידישן נישט פּעדאַגאָגישן רבין איז דווקא געווען מילדער אויסדויער צום קינד־תלמיד און פון דעם אַלטן יידישן רבין פלעגט נאָר אַרויסקוקן גוטסקייט און דערבאַרעמדיקייט צום יידישן קינד־שילער, וועלכעס איז ווייט נישט געווען אין דער דעמאָלטדיקער פּוילישער שקאָלע!

נאָך אַזעלכע געשעעענישן פון בלויז שנאה צו אונדז דעמאָלט יידישע קינדער, דאָס דווקא אין דער נייער פּוילישער פאַרלייגטער דעמאָקראַטישער פאָלקס־שקאָלע, דעמאָלט ביי דער פּוילישער שררה צווישן דער פּוילישער אינטעליגענץ — די אַליין אַמאָליקע פאַרשוואַכטע אונטערן פרעמדן פּאָליטישן הערשנדן יאָך האָט פאַרשטענדלעך פאַר אונדז יידישן אונטערוואַקסנדיקן דור שוין געשטאַנען די פראַגע: וועלכע זענען די סיבות פון אַזאַ באַציאונג צו אונדז יידן?

דעמאָלט שוין אין דעם פּעריאָד האָט אָנגעהויבן ביי אונדז אַרבעטן די מחשבה וועגן דעם אַז, מיר זאָלן זיך אָנהויבן מער שעצן פאַר באַרעכטיקע מענטשן; בירגער ווי אַלע גלייכע אין דעם לאַנד, וווּ מיר וווינען. נעמלעך מיר דער אונטער־וואַקסנדיקער דור האָבן ענדלעך באַשלאָסן צו ווערן ווי יעדעס פאָלק גלייך אין אַלע רעכטן — באַרעכטיקט. מיר האָבן שוין צו יענער צייט געשאַפן אין אונדז דעם באַוווסטזיין פון קאַמף פאַר אַזאַ יידישן נאַציאָנאַלן קיום־באַוווסטזיין!

שפּעטער אין אונדזערן ווייטערן באַוווסטזיין וווקס האָבן מיר זיך דעוווסט אַז, מיר דער אַזוי גערופענער פרעמדער אין פּוילן קערפּערשאַפט אין דעם דעמאָ־קראַטישע פּוילן זענען שוין דאָ באַזידלט גאַנצע טויזנט יאָר פון אונדזער גלות־געשיכטע, און כאָטש מיר האָבן דאָ אין פּוילן געבויט שטעט און דערפער, געשאַפן מסחר און אינדוסטריע אַנטוויקלט דאָס לאַנד, באַלעבט די דאָרטן געזעלשאַפט־לעכע לעבנס־באַציאונגען און געווען אַנטיילנעמער אין די בירגערלעכע אחריותן, פאַרן לאַנד קאַמפן, ווי אויך טראָגן אויס אַלע דאָרטן בירגערלעכע אחריותן, צאָלן שטייערן, דינען אין דאָרטיקן פּוילישן מיליטער היטן די דאָרטיקע גרענעץ, דאָך דעם אַלעמען זענען מיר ערשט אין קאָנסעקווענץ פון דעם אַלעמען — בירגער פון צווייטער מדרגה, עפּעס ווי דערנידעריקטע זשידעס עפּעס ווי אַ מין נישט מענטשלעכער אָן רעכטלעכער שיכט!

אַזעלכע מחשבות האָבן אין קאָנסעקווענט פאַרלאַנגט מענטשלעכן־כבוד, עפּעס אַזאַ באַציאונג, ווי אונדז אַנטשפּרעכט, קומט אַ מין אויסגלייכונג אין אַלע

רעכטן, אַזעלכעס, וועלכעס זאָל זיך אידענטיפיצירן מיט אונדזערע חדר־טרוימען וועגן גלייכהייט פאַר אַלע אונדז דאָרטן באַווינטע־יידן!

דעמאָלט בין איך טאַקע געקומען צום באַשלוס שוין אין דער פריסטער יוגנט־תקופה אַז, די צוויי באַזונדערע וועגן אין דעם דעמאָלטדיקן דערציאונגס־וועזן אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט מלחמות פון איין זייט דער אַלגעמיינער און דער יידיש־מסורהדיקער — די יידישע חדרים און אין די אַלע דאָרטן זייערע געהילפן, האָבן דאָך אונדז געגעבן אונדז דעם נייעם יידישן אונטערוואַקסנדיקן דור דעם נויטיקן שוווּנג פאַר אונדז דעם דור — דעם אַזוי גורלדיקן דור, דער דור וועלכער האָט אַזוי ווי געקאָוועט דעם יידישן ערוואַכונגס־פּראָצעס אין דעם יידישן נייעם ערוואַכונגס־רענעסאַנס פאַרן יידיש פאָלק! אונדזער עפּאָכע איז געווען ברויזנד סיי פאַר אונדזער יידישער נאַציאָנאַלער ערוואַכונגס־פּראָצעס ווי אויך סיי אין די גרויסע וועלט געשעענישן פון געזעלשאַפטלעכע סאָציאַלע ענדערונגען און דעריבער איז אין דעם קאַמף געווען אַזוי גרויס די טראַגעדיע פאַר אונדז יידישן פאָלק. אָבער אויך דער תחית־המתים פון אונדזער נאַציאָנאַלער יידישער היסטאָרישער זעלבסשטענדיקייט, וועגן די טאַקע אַנטוויקלונגען וועלן מיר ווייטער ברענגען די יידישע לעבנס־געשעענישן אַזוי, ווי זיי זענען געווען אין גאַנג פון דער געשיכטע.

די עקאָנאָמיש־פּאָליטישע באַזירונג

פּוילן איז געווען אין פּעריאָד פון די צוויי וועלט־מלחמות מער אַלס אַגראַר ווי אַלס אינדוסטריעל לאַנד אָנערקענט. כאָטש עס איז צו באַוואונדערן אַז, אַמאָל אין די צייטן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז פּוילן דווקא געווען דער אינדוסטריעלער באַשטאַנד־טייל אין שטח תחום פון צאַרישן רוסלאַנד און עס האָט זיך גערעכנט מער אַנטוויקלטער אינדוסטריעל לגבי אַזעלכע שטחים אין רוסלאַנד גופא, וועלכעס טאַקע אַ דאַנק דעם האָט דאָס געהאַט ווירקונג אויף געוויסע פירנדיקע סאָציאַליסטישע קרייזן, וועלכע האָבן געטענהט וועגן פּוילן אַלס אָרגאַנישן אינדוסטריעלן טייל אין דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער רוסישער סטרוקטור און בוי־סיסטעם פון יענער צייט, ווי בפרט אויך אין דער צוקונפט.

שפּעטער אין פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות איז דער אינדוסטריעלער פּראָפּאָרץ געגאַנגען פּונקט אין אַ פאַרקערטער ווענדונג, אַזוי איז אין קאָנסעקווענץ פון דעם, פּוילן געוואָרן מער אַ אַגראַר לאַנד ווי אינדוסטריעל, דאָס אַלעס האָט פאַרשטענדלעך געשאַפן זיין גייסטיקן געזעלשאַפטלעכן אַנטשפּרעכנדן וווקס !

פאַרשטענדלעך, אַז אונדזער שטעטל ווי בפרט די יידישע איינוווינער דאָרטן האָבן נישט געהאַט קיין ערד־באָדן צו באַאַרבעטן, פון וועלכן עס וואָלטן געקענט ציען זייערע חיונה פאַר זייערע משפחות, דעריבער אין אַזעלכע באַדינגונגען געמוזט ווערן אַ פאַרמיטלונגס־שיכט. דערצו ווען מען נעמט אין באַטראַכט אַז, אונדזער שטעטל איז געלעגן אין דער אַזוי גערופענער מער אַגראַרישער טייל פון דעם שטח לאַנד־פּוילן. טאַקע צוליב דער אַגראַרישער סטרוקטור פון יענער דאָרטיקער געגנט, איז אונדזער שטעטל געוואָרן אַ פאַרמיטלונגס־שטעטל צווישן דער דאָרטיקער דאָרפישער באַפעלקערונג מיט דער דאָרטן שטעטישער. דורך דעם אַלעמען האָבן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען געשאַפן נויטיקע אַנטשפּרעכנדע פּרנסות און צוגלייך מיט דעם דווקא נישט נאָר פאַרמיטלונגס פּרנסות נאָר טאַקע ממשותדיקע פּראָדוקטיווע, פאַרשידענע בעלי־מלאכות ווי אויך בפרט אַרבעטער־פאַכן. אַזוי למשל דערנעבן די דאָרטיקע גאַרבער „מיעשטשאַנעס" האָבן זיך אויך אַנטוויקלט יידן ־ גאַרבער, וועלכע איז דווקא געווען איינע פון די וויכטיקסטע

פּרנסה־צווייגן אין שטעטל. אויך זענען געווען דאָרטן אין שטעטל, יידישע שניידער, שוסטער, עס זענען געווען יידן בויערער און מויערער, סטאָלערס און טעסלער. און אַפילו יידישע קאָוואַלעס אויך זענען געווען גאַנץ פיל זייטיקע פּרנסה־פּאַכן, ווי אויך די נויטיקע פּאַרמיטלונגס־פּרנסות, דאָס אַלץ ביי דער זייט פון הענדלער, קלענערע און מיטעלע.

דאָס שטעטל, וועלכעס איז געאָגראַפיש געלעגן צווישן אַ סך דערפער אַרום, דעריבער איז עס לויטן דעמאָלטדיקן קרייז־געזעץ, געוואָרן אָנערקענט אַלס יאַריד־פּונקט און ס'פלעגן קומען די אַרומיקע פּויערים אויפן יאַריד פאַרקויפן זייערע — פּראָדוקטן תבואה און ירקות זייערע האָלב־פאַבריקאַטן, ווי ליין און פלאַקס ווי אויך עופות און אייער. דערקעגן פאַר די אָפּגעלייזטע געלטער פלעגן זיי אויך איינקויפן זייערע נויטיקע כלי־עבודה ווי אויך קליידער און שיך.

אַזאַ מין יאַריד־טאָג איז געווען זייער אַ גרויסער ביישטייער פאַרן שטעטישן איינוווינער, דעם יידן, טאַקע אין דעם יאַריד־טאָג פלעגן שוין אַלע יידן־סוחרים און פאַרשידענע פאַרמיטלער שוין פריצייטיק זיי אויף די דאָרטיקע פאַרשטעט אָפּוואַרטן די אָנקומענדיקע פּויערים און איינקויפן ביי זיי די געברענגטע אויף זייערע פורן צום פאַרקויפן פּראָדוקטן.

דאָך, דעם קעגנזייטיקן מסחר האָבן אַ סך פון די דאָרטיקע שטעטישע יידן נישט געקענט אַדורכקומען בכדי צו שפּייזן זיין הויזגעזונט. דאָך האָבן געלעבט אין גרויסער דחקות. דאָרטן אין שטעטל האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט אַ מין שטעטישע קליינע, כאַלופּניק־ווירטשאַפט, ווי אויסאַרבעטונג פון מלבושים שיך און די אויסגעאַרבעטע סחורות פלעגן טאָג־טעגלעך אויף יאַרידים פאַרקויפן דאָך דעם אַלעמען איז אין כלל גענומען געווען אַ שטעטל פון גאָר גרויס אָרעמקייט און דחקות. דעריבער בלית־ברירה האָבן אַ סך פון די אונטערוואַקסנדיקער יוגנט באַצייטנס געקלערט פון אויסוואַנדערן אין די גרויסע שטעט, כדי נישט זיין אַ באַלאַסט פאַרן אַלטן טאַטן אין דער היים.

אַזוי טאַקע אויך, ווען אַזאַ בחור איז געקומען אין דער גרויסער שטאָט, איז ער געוואָרן אַן אַרבעטער, אָרגאַניזירט אין פּראָפעסיאָנעלן־פאַריין און אַ מיטגליד פון דער גרויסער שטעטישער אַרבעטער ־ מאַסע אין דער גרויסער אַרבעטער־שטאָט.

דער אַלגעמיינער באַשטאַנד פון פּוילישן שטעטל איז געווען אינדוסטריעל שוואַך באַזירט, דאָס כמעט אין גאַנץ פּוילן. צוליב דעם איז נישט געווען אין די קלענערע אָרטשאַפטן קיין אַרבעטס־מערק. אַזוי אויך איז געווען און אַפילו נאָך ערגער די לאַגע אין דאָרטיקן פּוילישן דאָרף. דאָס פּוילישע דאָרף, וועלכעס האָט געלעבט אין האַלב־פעאָדאַלע — פּריצישע נאָך צו יענער צייט — באַדינגונגען,

איז געווען ממש אויפן ראַנד פון הונגער. דער אָרעמער פויער אָדער ערדלאָזער פויער, די וועלכע האָבן געמוזט אַרבעטן ביים פריץ פאַר ממש מיזערנע גראָשנס, זענען פאַרשטענדלעך געווען גוט עקספּלאָאַטירט, דעריבער איז די אומצופרידנקייט געווען גרויס. אַזוי אַרום זענען אַ סך פויערים־שיכטן געווען עקאָנאָמיש אין זעלבן צושטאַנד ווי דער שטעטישער אַרבעטסלאָזער אָדער זוכנדיקער אַרבעטער פּאַליאַק, אָדער ווי דער יידישער קליינבירגער, אַלע אין איינעם האָבן געהערט צו דער איינציקער דעמאָלט פאַררעכנטער, אַרבעטער־קאַטעגאָריע — פּראָלעטאַריער!

אַזוי אַרום זענען די אַלע אין דאָרף פויערים, אַפילו דער קליינער אָרעמער פויער און אַוודאי דער שטעטישער פּוילישער אַרבעטער אין די אַלע קלענערע מיטעלע שטעט פון דעם שטח לאַנד פוילן, וווּ קיין באַשעפטיקונג איז פאַר זיי קיין סך נישט געווען און אַזעלכע זענען אַוודאי דעמאָלט אין פוילן געווען נישט אונטערגעשטיצט פון דער רעגירונג, וועלכע איז אַוודאי געווען דער אויסדרוק פון די פריציש־קאָנסערוואַטיווע בורזשואַזיע־קרייזן, איז פאַרשטענדלעך זייער פּראָטעסט פאַר בעסערע מענטשלעכע באַדינגונגען געווען יאָר־יערלעך גרעסער און גרעסער. די רעגירונג, וועלכע איז מהות געווען האַלב־פעאָדאַליש, ווי אויך בורזשואַזיש־רעאַקציאָנער מיט אַ גרויסן פאַרשורשטן אַנטיסעמיטישן וווקס, האָבן פאַרשטענדלעך זיך שטאַרק נישט באַמיט צו פאַרבעסערן די געפאָדערטע פונעם אַרבעטער און פויער — בעסערע באַדינגונגען בפרט, ווען אַזעלכעס האָט געהייסן ממש אַפּיקורסות בנוגע דער אַזוי שטאָלצער „דעמאָקראַטישער” רעגירונג, וועלכע אַוודאי פאַר איר האָט געהייסן אַזעלכע אַרבעטער פאָדערונגען נאָר באָלשעוויזם, וואָס דאַרף פון אַלע זייטן ווערן באַקעמפט. אָבער דאָך בכדי אָפּווענדן די נישט־צופרידנקייט, ווי אויך זיך קענען האַלטן ביים רעגירונגס־רודער, האָבן זיי מיט דער גרויסער אונטערשטיצונג פון אַ סך פּאָליטישע דאַרטן — פּאַרטיי־גורמים, אָפּגעוואָנדן דעם גאַנצן פאָלקס־פאַרדראָס פון זיך און אים אויסקערעווען לויטן אַלטן נוסח אויף צווישן פעלקערלעכע שנאה־פיינטשאַפט. אַזוי אַרום איז בפירוש אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער דאָרטיקער באַווינטער יידישער פאָלקס־גרופּע, די וועלכע האַלטן אין זייערע הענט אַזאַ וויכטיקן ווירטשאַפטס־צווייג — דעם האַנדל! אַזוי אַרום איז בפירוש אָנגעוויזן געוואָרן אויף די דאָרטן באַווינטע יידן אַלס סיבה פון יעדן דאָרטן געזעלשאַפטלעכער נישט צופרידנקייט. אַזוי אַרום איז אָנגעוויזן געוואָרן ווי אַזוי מען דאַרף און ברויכט מיט אַלע מיטלען קאָמפּענסירן די פּוילישע באַפעלקערונג מיטן יידישן האַנדל, וועלכעס קאָן און באַדאַרף ווערן אַ גרויסער ווירטשאַפטס־גורם אין די הענט פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אַוודאי טאַקע וועט אַזעלכעס פאַרבעסערן די ווירטשאַפטלעכע לאַגע סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף.

אַזוי אַרום איז דער גאַנצער פּעריאָד פון דער פּוילישער זעלבשטענדיקער שטאַטלעכקייט געווען אַ פּעריאָד פון אַ פּערמאַנענטן אָנרייצן איין טייל באַפעל־קערונג אויף דער צווייטער, דאָס הייסט קעגן דער יידישער, אַזעלכעס איז געווען דער פּאָליטיש־גייסטיקער יסוד פון דער הערשנדיקער אין פּוילן רעזשים־קליקע. דער רעזולטאַט איז געווען איינפלאַנצן אין באַוווסטזיין פון פּוילישן בירגער, דער גרויסער נישט צופרידענער מאַסע־באַפעלקערונג, אַז דער יידישער באַוווינ־טער טייל, דער טייל, וועלכער האַלט די שליסל־פּאָזיציעס פון לאַנד — דעם האַנדל, ווי אויך פון יעדער מין נויטווענדיקער פאַרמיטלונג, אַזעלכעס, פּאַקטיש, וועלכעס איז דער גורם פון יעדער שלעכטס אין לאַנד.

דעריבער איז געדרינגען, אַז דער קאַמף פון די פּאָליאַקן דאַרפן זיין קעגן דעם ייד און נישט קעגן דער רעגירונג. אַזוי טאַקע האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייט פאַרצווייגטע טעטיקייט פון פּראָפּאַגאַנדירן און אַגיטירן, ווי אויך אויפשטעלן אין אַלע גרויסע און קלענערע אָרטשאַפטן אייגענע מיט פּוילישע הענט באַשעפטיקטע „ספּולדזשעלניעס", ווי אויך זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אַרויסטרעטונגען קעגן יידישן מסחר און האַנדל, ווו עס זענען אַפילו געוואָרן געשטעלט פּיקעטן־פּונקטן פאַר יידישע געשעפטן מיט אויפשריפטן: „קויף נישט ביים ייד!" דאָס אַלעס איז מיט דערמיט געוואָרן אַ ברייט פאַרצווייגטע שנאה־געיעג קעגן גאַנצן יידישן פאָלק און אַוודאי זיין עקאָנאָמישער עקזיסטענץ.

אין אָנבליק פון אַזאַ שווערער — פאַר יידן — פּאָליטיש און עקאָנאָמישע סיטואַציע אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות איז דאָך דער לעבנס־גאַנג פון טאָג־טעגלעכן לעבן נישט נאָך געווען אַזוי מוראדיק טראַגיש אין פאַר־גלייך מיט די שפּעטערדיקע קומענדיקע מלחמה־יאָרן, ווייל דאָך, וואָס האָט געקענט טוען אַזאַ גרויסער יידישער קאָלעקטיוו ווי אין פּוילן אין דער צאָל פון דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן, וועלכער גרעסטער טייל האָט געלעבט אין נויט־דחקות און פּאָליטיש האַלב אונטערדריקט, וואָס האָט געקענט אַזאַ מין גרויסער יידישער קיבוץ אָקעגנווירקן? למשל, ווו האָבן די יידן צו יענער צייט געהאַט בעסערע לעבנס־באַדינגונגען? אַזאַ מיינונג איז געווען גאַנץ שטאַרק פאַרשפּרייט ביי אונדזערע עלטערן, די שוין אין אַלעמען געפּרוווטע, דעריבער האָבן שווייגנדיק און פּאַסיוו צום דעם גאַנצן ענין זיך באַצויגן.

מיר, אונטערוואַקסנדיקע יוגנט האָבן שוין אָבער גאַנץ אַנדערע וועגן דעם באַגריפן. מיר האָבן געטענהט, אַז נאָך טויזנט יאָר אין פּוילן באַזידלונג, דאַרפן איצט נישט ווערן ערשט די אַזוי ספּעציפישע פראַגע און שעיר לעזאזל צוליבן שווערן אינערלעכן עקאָנאָמישן פּוילישן סטרוקטור לעבן! מיר האָבן געהאַלטן דאַרפן נישט ווערן די קרבנות פאַר די דאָרטן שלעכטע באַדינגונגען, ווייל דאָרטן

איז אין יסוד פֿאַראַן דער אַמאָליקער אָפּגעלעבטערווירטשאַפֿטס־סיסטעם, אַ סיסטעם פֿון אַזאַ פֿעאָדאַל־בורזשואַזישע אָרדענונג, וועלכן איז סײַ־ווי־סײַ פֿון דער געשיכטע פֿאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג.

אַזעלכע מחשבות צו יענער צײַט זענען ערשט געווען די ערשטע אָנרעגונגען, בײַ אונדז אין אונדזערע מוחות — צו יענער צײַט. דאָס איז שוין געווען אַ גאַנץ פּראָבלעם אין געבוי פֿון דער דעמאָלטדיקער פּוילישער געזעלשאַפֿט און מיר אונ־טער וואַקסנדיקער ייִדישער דור האָבן זיך גערעכנט אַלס טייל פֿון דער אַלגעמיינער פּוילישער געזעלשאַפֿט פֿון דעמאָלטדיקן פּוילן. אַלענפֿאַלס אַלס אַזעלכע האָבן, ווי באַרעכטיקטע און גלײַכע צו אַלע, דאָס לויט די פֿאַרשריפֿטן פֿון דער אַלגע־מיינער וועלט־עמאַנציפּאַציע — דעריבער אַלס אַזעלכע, געפֿאָדערט אונדזערע מענטשלעכע רעכטן.

אַזוי איז געווען דער שטאַנדפּונקט דעמאָלט פֿון דער גרעסטער טייל פּראָ־גרעסיווער ייִדישער יוגנט, דאָס פֿאַרשטענדלעך אַקטיווער יוגנט, אָבער וואָס אַן אמת, עס זענען געווען אַ טייל פֿון דער ייִדישער יוגנט, וואָס דאָס אַלעס האָט זיי נישט אינטערעסירט. געווען צו דעם אַלעמען פּאַסיוו, סטאַטיש. דאָך אַפֿילו אין דער פּאַסיווקייט איז דאָך געווען אין דער יוגנט עפּעס פֿון אַן אָנרעגונג, וועלכעס האָט זיך אויסגעדריקט נישט מער שלום מאַכן קעגן אַזעלכע פֿיזישע אָדער פּאָליטישע אָנפֿאַלן אויפֿן ייִדישן פֿאָלק. דאָס אַלעס איז געווען אין דער אידענ־טיפֿיצירונג מיטן נײַעם קאַמף פֿון ייִדישן ערוואַכונגס־פּראָצעס צו נײַע שטרע־בונגען און מענטשלעכע רעכט־דערגרייכונגען פֿון אַן אויפֿוואַכונגס־פֿאָלק.

אין דער אויך תקופֿה, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות איז געווען דער אויסדרוק פֿון דעם אַלעמען, פֿון די אַלע פּאָליטישע שטרעבונגען, די פּאַרטיי. זי איז געווען די געשטאַלטונג פֿון דעם ניי־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, וועלכע האָט גערעדט אין נאָמען פֿון אַלע די נישט־קענענדיק דערזאָגן אָדער רעדן. זי די פּאַרטיי איז געווען די פּאָליטישע אידעאישע פּלאַטפֿאָרם פֿאַר אַלע געזעלשאַפֿטלעכע סײַ פּאָליטישע און סײַ עקאָנאָמישע דערגרייכונגען און פֿאַרלאַנגען.

דאָס ערציִאונגס־וועזן בײַ אונדז אין שטעטל איז געווען אייגנאַרטיק אין דער צײַט, ווי אין אַלע אַזעלכע שטעטלעך אין פּוילן. עס האָט זיך אָנגעהויבן צוגלייך מיט די פֿריסטע יאָרן, שפּעטער יוגנט־יאָרן דורך די בגרות־יאָרן און ביזן — הייראַטן. געהאַט האָט זי — די דערציִאונג — לויט די מסורה געלערנטע צילן דאָס פֿון דור־דורות לאַנג בײַ ייִדן אײַנגעפֿירטן שטייגער־לעבן: תנ״ך, מפֿרשים, תלמוד און ענלעכעס. פּאַראַלעל מיט דעם איז אין אונדזער תקופֿה געווען די אָבליגאַטאָרישע שקאָלע דאָך נישט אַלע שילער פֿון שטעטל האָבן זי פֿאַרענדיקט, דאָס צוליב מאַטעריעלע טעמים, ווײַל אַ דערוואַקסענער יוגנטלעכער האָט געמוזט

באַלד מיטן בגרות ווערן, פאַרקאַטשן די אַרמל און אַרויסהעלפן דעם פאָטער אין דער פרנסה. אָבער אויך דאָס פריערדיקע דערמאָנטע — פּאַרטיי־לעבן — איז געווען אַ גאַנץ געגויער פּאָליטישער ערציאונגס־גורם אין דער געשטאַלטונג פון יידישן, דאָרטן נייעם דור.

דאָס פּאַרטיי־לעבן, וועלכעס ווערט סיי געזעלשאַפטלעך־פּאָליטיש, סיי פּאָלי־טיש־ערציעריש, איז פאַרשטענדלעך פאַר אונדזערע עלטערן נישט געווען באַ־קאַנט דאָס האָבן זיי גערופן: „ניי־מאָדיש", דאָס האָט פאַר זיי געהאַט דווקא אַמווייניקסטן סימפּאַטיע, דערפאַר האָט עס ביי דער יוגנט געהאַט גרויס דער־פאָלג און דאָס האָט זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט און פאַרוואָרצלט.

דאָס „ניי־מאָדישע" — די פּאַרטיי, האָט געהאַט אַ חוץ דעם פּאָליטישן געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער אויך אַ גייסטיקן ווערט פאַר אונדז יוגנט־אָנרעגונג, ווייל די ראָרטן אין דער פּאַרטיי באַהאַנדלטע פּראָבלעמען, אָנשויאונגען און פּראָגראַמען אידעען, האָבן געהאַט זיין פּועל־יוצא, עס האָט געהייסן — ביכער לייענען, זיך בילדן, נאָכפאָרשן פאַרשידענע אַרויסגעגעבענע זשורנאַלן און אַנדערע פּאָליטישע אויסגאַבן, דאָס האָט געהייסן פאַרשטיין די וועלט, געזעלשאַפט, קענען די פאָלקס־געשיכטע, די ליטעראַטור. מיט איין וואָרט זיין אַ פּאַרטיי־מאַן האָט געהייסן זיך גייסטיק אַנטוויקלען, פאַרשטיין און נישט אויף דער וועלט פאַרבלענדט קוקן. זיין אַ פּאַרטיי־מאַן האָט געהייסן דעמאָלט פאַר אונדז יוגנט — דער קול־מינאַציע־פּונקט פון די אַלע ביז־איצטיקע אָנרעגונגען, ווי אויך אַלץ דאָס, וואָס האָט געשאַפן אין דיר באַוווסטזיין, אָנערקענטן לעבנס־ציל, וועלכעס הייסט — אַן אידעע־פּלאַטפאָרם און וועגווייזער אין דעם דיין צוקונפט־לעבן. דאָס פּאַרטיי־לעבן איז געווען סיי אויף דער יידישער ווי אויף דער פּוילישער גאַס און נישט ווילנדיק געשטויסן דיך אַנטיילנעמען אין דעם געשאַפענעם לעבנס־גאַנג, פאַר־שטענדלעך — וועגווייזער צום נייעם אמת.

פּאַרטיי־לעבן איז אַ נייער פּעריאָד אין דער שטעטלדיקער געזעלשאַפט; די לאָקאַלן פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זענען איבערפולט מיט יוגנט, דאָרטן איז גרויס רעש און געפּילדער, יוגנטלעכע צערייצטע מוחות, פּלוידערן און דיסקוטירן, ווי פון אַ לאַנגער קנעכטשאַפט — ערשט נאָר באַפרייט. די פּאַרטייען זענען אויף יעדן ווינקל אין שטעטל, יוגנט צוזאַמענטרעפן, דאָ צווישן די יוגנט איז שוין נישט פאַראַן קיין יוגנט־דיסקרימינאַציע. דאָ קיין יחוס און שטאַם, אַלע ווי איינער — איין פאָלק, איין קלאַס און דער עיקר — אַלע צוזאַמען, ייִנגלעך און מיידלעך. אונדזערע עלטערן, פאַרשטענדלעך לאָכן, שפּעטן — אַ „פרישע מאָדע", זאָגן זיי — חבר און חברה, עפּעס נישט צו פאַרשטיין, אַלע גלייך — זייערע לאַזונגען פרייהייט. עס האָט נישט פאַרשטענדלעך, זיי געשמעקט דער גאַנצער

עניך, דאָס פון נישט וועלן פאַרשטיין... דאָך, האָבן ביסלעכווייז פאַרשטאַנען, עפּעס אין דעם נייעם פאַרגעזען — עפּעס וואָס קאָן אפשר טאַקע אַנדערשט ברענגען, אָדער ווי זיי זינגען דאָרטן אין די זייערע לידער — „די גאולה ברענגען"!

אין אונדזער קליינעם שטעטל איז אויף דער יידישער גאַס געווען פיל־פאַרביקע אידעאיש־באַזירטע פּאָליטישע פּאַרטייען. אָנהויבנדיק פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, פּועלי־ציון — רעכטע און לינקע — אַפילו בונד און קאָמוניסטן, די לעצטע האָבן זיך גערופן פאַרשידן. אין דער צייט — „א. י. א. פ." געווען זענען זיי די קאָמוניסטן נישט לעגאַל און קאָנספּירירט און אָרגאַניזאַטאָריש געווען אַ קעמרל־בוי פון דער אוקראַיִנישער מערב־קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַלע פּאַרטייען אין שטעטל האָבן געפירט אַ פאַרצווייגטע פּאָליטישע טעטיקייט, געגעבן פאַרלעזונגען און לעקציעס, רעפעראַטן און אַלע האָבן געהאַט צו יענער צייט גאַנץ גוט אָרגאַניזירטע ביכער־ביבליאָטעקן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן חוץ דעם אַלעמען שטענדיק אָרגאַניזירט אויספלוגן, זומער־קאָלאָניעס, געשיקט זייערע חברים אויף הכשרה. אַלע פּאַרטייען פלעגן אַרויסגעבן פלוג־בלעטער, פאַרשידענע אַגיטאַציע מאַטעריאַלן. ווי אויך אָרגאַניזאַציאָנעלע צירקולאַרן וועגן דער לויפנדיקער פּאַרטיי־אַרבעט.

די ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן אויך ספּעציעל געלערנט זייערע יוגנט וועגן יידישער געשיכטע. זיין קולטור און פאָלקס־געשעענישן. געלערנט וועגן דער אַמאָליקער יידישער ליטעראַטור און נייער יידישער, ווי אויך גענומען אַ שטעלונג צו יעדער פּאָליטישער גלות־געשעעניש, בפרט אַזעלכעס, וועלכעס האָט געהאַט צו טוען מיטן היסטאָרישן יידישן לאַנד — ארץ־ישראל, געלערנט וועגן דער באַלפור־דעקלעראַציע און דער עיקר, געזאַמלט געלטער פאַר קרן־קיימת און קרן־היסוד, ווי אויך פאַרלייגט קורסן פון לערנען די העברעישע שפּראַך פאַר דער נייער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט.

די פּאַרטייען זענען געווען אַ וויכטיקער ביישטייער אין אויסקאָווען דעם יידישן דעמאָלטדיקן ערוואַכונגס־פּראָצעס אין יידישן פאָלק, ווי אויך אַ וויכטיקער ביישטייער אין ערציאונגס־וועגן און דער עיקר האָבן קאָנטונירט די יידישע פאַרזעצונג אַלס פאָלק אין דער נייער פאָרם פּאַרטיי.

די חילוקי־דעות צווישן די אַלע יידישע ציוניסטישע פּאַרטייען זענען פאַקטיש נישט געווען קיין יסודותדיקע און צווישן זיך נישט געהאַט קיין גרויסע פּראָגראַמאַטישע קעגנשפּרוכן. דאָך צווישן זיך פלעגן שטענדיק געפונען הייסע פּאָליטישע געשפּרעכן — אָבער טראָץ דעם אַלעם זענען זיי אין סך־הכל, געווען פּאַסיוו צו די אַלע דעמאָלט ברענענדיקע יידישע פּאָליטישע ווי אויך עקאָנאָמישע צייט־פּראָבלעמען. צווישן זיך, דערפאַר האָבן זיי געפירט פאַרשידענע פּילפּולדיקע

דיסקוסיעס וועגן דער אָדער יענער פּאָליטישער געדרעכטער אידעאישער פּלאַט־פּאָרם, דאָס אַלעס האָט געברענגט צו דער אַקטיווער פּאַרנאַכלעסיקייט פון די שוין דערמאָנטע טאָג־פּראָגן, וועלכע זענען געווען ברענענדיק שאַרף און נויט־ווענדיק, געפאָדערט ענערגישע שריט. אָבער דאָס אַלעס איז ערגעץ־ווו, ווי פאַרפאַלן געוואָרן אין דעם שאַרפן פאַרשטיין די אָדער יענע ציוניסטישע אידעע־פּלאַטפּאָרם.

דאָס פּאַרטיי־לעבן איז מיט דער צייט געוואָרן ווי אַ נויטווענדיקייט. מיט דער צייט האָבן עס אַלע טאַקע דאָס פאַרשטאַנען — אונדזערע עלטערן פלעגן מיטמאַכן אַפילו זייער ביישטייער און שפענדן זייערע פאַרהאָרעוועטע גראָשנס פאַר די אַלע קרנות, אַזוי איז די פּאַרטיי געוואָרן אַ וויכטיקער יסוד פאַר דער גאַנצער שטעטישער יוגנט אין איר גייסטיקן לעבן, ווי אויך אין ווירטשאַפטלעכן בוי־סיסטעם פון לאַנד.

די יוגנט אין שטעטל איז געווען גלענצנד, וווּנדערבאַר. אַזוי ווי אין די חדר־יאָרן האָבן זיי אויך איצט געקענט גאַנצע פרשה׳ס איבערגעלייענטע ליטע־ראַטור - קלאַסיקער. מיר יוגנט זענען אַריין אין אַ נייער וועלט פון חכמה, הונגעריקע נאָך יעדן וואָרט פון וויסנשאַפט שטרעבונג, נאָך קאַמפּס־אָפּפערונג פאַר אידעען. די יוגנט, וועלכע האָט פאַרשפּעטיקט אין דער לערע פון דער שולע־צייט, האָט איצט זיך אָנגעהויבן בילדן, לייענען — דאָס סיי אין גרופּן און סיי אַלס יחידים. אומעטום, סיי אין שטוב, סיי אויף די שפּאַצירן, סיי אין וואַלד, ווי אויף די דאָרטיקע ערהאָלונגס־צייטן אין די בערג, ווי אויך סיי אויף דער גרינער, ווייכער טראַוועדיקער לאָנקע, ביים טייך — אַלע האָבן געלערנט. מען האָט נאָכהער געפאָרשט דאָס געלערנטע, דיסקוטירט. מען האָט פאַרגלייכט דאָס דערלערנטע מיטן אַמאָליקן, מען האָט געזוכט דאָס קעגנזעצלעכע. עס זענען געווען קשיות, עס האָט אויך נישט באַפרידיקט שוין דער רמב״ם, דער שולחן־ערוך, מען האָט געזוכט און געגישטערט ביי שפּינאָזאַ, געווען קריטיש צו דער גאַנצער באַנעמונג פון דעם געשריבענעם אין תנ״ך, מען האָט דיסקוטירט וועגן געטלעכ־קייט — „מאָנאָטעאיזם אָדער פּאָלאָטעאיזם״, אויסגעלייגט קריטיש דעם באַדייט פון „אלהים״ אָפּגעוואָרפן די נישט רעאַלע פאַנטאַזירטע ראָמאַנטישע סכאָלאַסטיק, אָפּגעוואָרפן דעם משיחיזם, אַלס טרוקענעם טרוימערישן נישט רעאַלן באַגריף, נאָר אפשר אין פאַל פאַרבינדן מיטן היינטיקן, געבן דעם פירוש צו דער היינטיקער משיחישער יידישער ערוואַכונגס־באַוועגונג, ווי אַ באַוועגונג פון אַ רענעסאַנס פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן פאָלקס־קאַמף.

די יוגנט האָט אין דעם זוכנדיקן וויסן געלערנט די יידישע און אַלגעמיינע פאָלקס־געשיכטע, געזוכט אין די אמתן פון מענדעלסאָנען, געפאָרשט דעם חסידיזם,

עמאַנציפּאַציע, געזוכט און געוואָלט פאַרשטיין די סיבות פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — פאַריזער קאָמונע. אַנטדעקט מאַרקסן, געגריבלט זיך וועגן די אמתן פון אידעאַליסטישן פאַרשטיין די וועלט, אָדער גאָר מאַטעריאַליסטישן דיאַ־לעקטישן פשט וועגן דער וועלט. די פראַגע, וועלכעס פריער — דאָס וואָרט אָדער די טאַט — איז שוין נישט געווען קיין גרונט־שטריך, נאָר פאַר פאָרשער אָדער דענקער, פילאָזאָפן אָדער דיכטער דאָס איז געווען דאָס טעגלעכע אין דעם זייערן יוגנט־געשפּרעך — מאַטעריע אָדער גייסט — וואָס פריער? די יוגנט איז שוין נישט געווען פּאַסיוו צו פראַגן פון געזעלשאַפטלעכע אידעען, ווי קלאַסן־קאַמף אָדער יושר און געזעלשאַפטס צדק אָדער ריינע עקאָנאָמישע פראַגן. דער חוש פאַרן נאַציאָנאַלן דערוואַכן פון יידישן פאָלק איז געוואָרן געבונדן מיט טאַקטישע און סטראַטעגישע דיונים פון דעם קאַמף. מיט איין וואָרט, עס איז געווען אַן אינטערעסירונג פאַר דער גאַנצער יוגנט אין אַלע פאָרשונגס־געביטן. זיי, די יוגנט, האָט געהאַט אַן ענטפער פאַר אַלע צייט־געשעעניש, זיי זענען געווען אָפּפּררווייליק פאַר אידעען און פאַר זיי געקעמפט. די יוגנט האָט געהאַט פאַראַכטונג פאַר יעדן אָפּווענדונג פון נאַציאָנאַלן קאַמף, געקוקט מיט פאַרדראָס אויפן דעמאָלטדיקן אַסימילאַטאָר און אָפּקערער. די יוגנט איז געווען אַ סינטעז פון אויסערלעכער אַריינדרינגונג מיטן נייעם טרוימערישן ערוואַכונגס־קאַמף פון אַ נייעם דור, פּאָליטיש גרייט זיך אָפּפערן. זי איז געווען אַ יוגנט, וועלכע לאָזט זיך שוין פון קיין שונאים אָפּשרעקן, בייגט נישט דעם קאָפּ פאַרן פריץ אָדער שלאַכטשיץ, זינגט נישט דעם מה־יפית. עס איז געווען אַ יוגנט, וועלכע האָבן געטראָגן שטאָלץ דעם יידישן נאָמען, אַ יוגנט מיט נייעם שוווּנג, אַ נייער דור — גרייט צו פאַר־ווירקלעכן אַלע טרוימען פון אַ גאַנץ טרוימערישער פאָלקס־געשיכטע.

צווישן די בחורים זענען געווען טאַלאַנטפולע יאַטן, ממש גאונים; אָפענע מוחות. עס איז געווען אַ נחת צו הערן זייערע, מיט שאַרפער לאָגיק, געהאַלטענע רעפעראַטן וועגן פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם, וועגן ראַדיקאַלע וועלט־איבער־ענדערונגען, וועגן דער אָפּגעלעבטער אַנאַכראָנישער וועלט, וועגן דעם נעכטן פון פעאָדאַלן און בורזשואַזיען געזעלשאַפט־פאָרם. האָבן גערעדט וועגן דער נייער עקאָנאָמישער סטרוקטור, באַקעמפט אָפן און שאַרף די היינטיקע עקספּלאָאַטאַציע וועלט — אַלס וועלט פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם פון מענטשן־עקספּלאָאַטאַציע פון באַרויבטן געשאַפענעם נישט־באַצאָלטן מענטשלעכן „אַרבעטער־וואָרט” און „מער ווערט” האָבן גערעדט וועגן די היינטיקע מאָנאָפּאָלן, טרעסטן און קאָלאָניאַלן, פאַרכאַפּערישן וועלט־רעזשים.

איינעם אַזעלכן באַקאַנטן האָב איך געקענט. מען האָט געשמועסט וועגן אים, אַז ער שטאַמט פון די לינקע — געהייסן יוסף, ער טאַקע, דער יוסף, פלעגט

אין זיינע געשפּרעכן מיט מיר צו יענער צייט פֿאַר מיר זיך נאָר אַ ביסל אַנטפּלעקן, דאָס צוליב זיינעם, האַלב לעגאַלן, ווויזן־סטאַטוס, אָבער אויך מיטן זעלבן פלעגט ער מיר געבן פֿאַרשטיין די יסודות פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. ער יוסף איז געווען פּאָליטיש האַלב־לעגאַל — דאָס הייסט, אַז די פּאָליציי האָט שוין נישט איין מאָל געמאַכט ביי אים אַ רעוויזיע. ער, יוסף, האָט געקענט לאָגיש און קלאָר פֿאַרשטעלן די איצטיקע וועלט־געזעלשאַפט, אָבער ער האָט געוווסט צו דערציילן פון זיין אני־מאמין אין דער געפּלאַנטקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפט. ער האָט דערציילט וועגן וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, דער אַרבעטער־באַוועגונג, זייערע פּאַרטייען, סיי דאָ אין פּוילן און סיי דאָרטן אין דעם נייעם זיך בויענדיקן ראַטנפֿאַרבאַנד. ער האָט דערציילט וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, גערעדט וועגן לענין און זיין ראָלע אין דער רוסישער רעוואָלוציע, זיינע לענינישע וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונגען אין דער נייער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליסטישער וועלט־באַנעמונג. ער האָט אויך דערמאָנט וועגן אַנדערע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער פון אַרבעטער־קלאַס. ער האָט דערמאָנט וועגן דער סאָציאַל - דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד, בשעת דער וועלט־מלחמה און זייער אָפּאָרטוניסטישער פֿאַררעטערישער ראָלע. ער האָט דערציילט וועגן ק. קויטסקין און זיינע אָפּאָרטוניסטישע טעאָרעטישע באַגרינדונגען אין דער דעמאָלטדיקער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט אויך פֿאַר מיר באַלויכטן גאַנצע היסטאָרישע תקופות אין ליכט פון מאַרקסיזם.

יוסף איז געווען פּאַקטיש דער, וועלכער האָט מיר געגעבן פֿאַרשטיין דעם באַוווסטזיין פון „קלאַסן־קאַמף" און כאַראַקטער פון אונדזער הייננטצייטיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־געזעלשאַפט. ער — יוסף האָט טעאָרעטיש נישט נעגירט דעם קאַמף פון „יידישן ערוואַכונגס־פּראָצעס פֿאַר זעלבשטענדיקער יידישער נאַציאָנאַלער־היים" און דאָס דווקא אין די היסטאָרישע ארץ־ישראל גרענעצן, ער האָט נעגירט די טאַקטישע און פּאָליטישע סטראַטעגישע פּאָליטישע אויספירן אין דער הייננטצייטיקער צייט, ווייל ווי ער האָט געטענהט — „די צייט ברענגט אַנדערע אין איצטיקן מאָמענט אַנדערע פּאָליטישע געשעענישן", אַזוי אַרום זענען מיר, האָבן עקזיסטירט צוויי קאָנקרעטע פּאָליטישע פּאַרטיי־שטעלונגען, אין דער צייט, וועלכע איך רוף „ערוואַכונגס־פּראָצעס" אין יידישן פֿאָלק אין איצטיקן עפּאָכע־לעבן,ביידע זענען אַרויס פון דער נייער געשאַפענער געשיכטע צייט, ביידע אַלס פֿאָלקס־שטרעמונגען האָבן זיך גאַנץ טיף פֿאַרוואָרצלט אין דעם אונדזערן קליינעם שטעטלדיקן יוגנט־לעבן און ביידע האָבן געהאַט שאַרפֿע קלאָרע פּאָליטישע צילן. ביידע האָבן געזאָרגט פֿאַר יושר און צדק סיי אין דער אַלגעמיינער, ווי בפרט אין דער יידישער וועלט. די יידישע יוגנט האָט זיך קאָנצענטרירט אין די ביידע פּאָליטישע אַלגעמיינע שטרעמונגען־פּאַרטייען אָבער אַ סך פון דער גאַנצער

יוגנט, די וועלכע האָבן געקעמפּט פאַר רעאַלע טאָג־טעגלעכע צייט־פּראָבלעמען, האָבן זיך גרופּירט אין די טאַקע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און זענען געווען אַקטיוו אין טאָג־קאַמף פאַר די נייע רעוואָלוציאָנערע אידעען פון יושר און צדק! אַזוי טאַקע איז צו באַטאָנען, אַז טראָץ די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען אויף דער יידישער גאַס זענען אַלע פּאַרטייען געווען טיכטיקע אין אַלע הינזיכטן פון יעדער פּאָליטישער טעטיקייט און צוגלייך מיט די אַלע פריערדיקע ציוניסטישע פּאַרטייען, האָבן געפירט איר פּאָליטישן עקאָנאָמישן קאַמף סיי אויף דער יידישער און סיי אויף דער פּוילישער גאַס און געווען אַ וויכטיקער ביישטייער אין דער געזעלשאַפטלעכער, יענער צייטיקער געזעלשאַפטס געשטאַלטונג.

צוויי וויכטיקע לאָקאַלע פּאַסירונגען זענען פאָרגעקומען דעמאָלט אין אונדזער שטעטל;ביידע האָבן געווירקט אין יענער צייט אויף מיין פּאָליטישער אויסשולונג. געווען איז עס דאַכט זיך דאָס יאָר 1929. פּאַקטיש בין איך דעמאָלט געווען נאָך אַ יונגער — פאַר דער בר־מצווה, געווען איז אַ שבת־טאָג, געגאַנגען בין איך דעמאָלט מיט דער גמרא אונטערן אָרעם פונקט פון אַ זיך „פּאַרהערן" פונעם שטעטישן רב, און דאָ פּלוצלינג האָב איך געזען מענטשן — לויטן באַגריף פון שטעטישן פּאַרנעם, האָט עס געהייסן אַ סך, זיי, די מענטשן, גייען און מאַרשירן, טראָגן רויטע קאָקאַרדעס אין זייערע מאַרינאַרקעס־לאַצן. גערופן האָבן זיי זיך אַרבעטער און מאַרשירן צו 5 פּערזאָן אין רייען, זינגען און מאַניפעסטירן און דער עיקר האָבן געזינגען אַ ליד, וועלכעס האָט זיך גערופן דער „אינטערנאַציאָנאַל", דאָס האָבן זיי געזינגען דווקא אין רוסיש. דער כאַראַקטער פון דער גאַנצער מאַניפעסטאַציע איז געווען דער 1־טער מאַי־טאָג. איבערהויפּט איז די מאַניפעס־טאַציע אַדורך שטיל, אָבער ביים פּאַנאַנדערגיין האָבן זיך געלאָזט הערן לאָזונגען, ווי: „עס לעבט דער ערשטער מאַי — דער אַרבעטער יום־טוב"; זאָל לעבן דער ראַטנפאַרבאַנד!" און אויך אַזעלכע ווי: „נידער מיט דער פּוילישער פאַשיסטישער פּילסודסקי־רעגירונג!". פאַר מיר איז דאָס געווען פאַרשטענדלעך — עפּעס אַ גרויסער נייעס. דאָס ערשטע מאָל, ווי איך האָב בייגעוווינט אַ פּאָליטישע, אַזוי־גערופענע, „מאַניפעסטאַציע" אין אונדזער קליינעם שטעטל. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, האָבן אויך דאָרטן די שטעטישע אַרבעטער אַזוי אָפן דעמאָנסטרירט. אויך דאָס ערשטע מאָל, כאָטש איך האָב אַ סך פון דעם נישט פאַרשטאַנען, האָבן די שטעטישע — אונדזערע אַרבעטער און בעלי־מלאכות — באַוויזן זייער גרויסן, אָרגאַניזירטן פּאָליטישן כוח.

דאָס ערשטע מאָל, אַזוי אָפן, האָבן די שטעטישע אַרבעטער געצייגט עפנטלעך זייער אָרגאַניזירטן כוח דאָס אַלעס האָט פאַרשטענדלעך דעמאָלט מיך, ווי אויך

די גאַנצע שטעטלדיקע געזעלשאַפטלעכקייט באַוויזן שוין טראַכטן וועגן אַזאַ מין פּאָליטישער געשעעניש אין קליינעם שטעטל.

אַ צווייטע פּאַסירונג, מער אין פּאַרנעם, אַ גרעסערע, איז געווען אַן ערך מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער. געווען איז עס אין אַ מיטוואָך־טאָג: אין דעם טאָג פון שטעטישן יאַריד. פּלוצלינג, הערן זיך פון ערגעץ־ווו קומען מענטשן — דאָס פּויערים. גייען אין רייען מיט גרויסע רויטע טראַנספּאַראַנטן און אין זייערע הענט טראָגן זיי גרויסע שטעקנס, דאָס זענען געווען דאָרפס־מענטשן, אוקראַינער פון די דאָרטן דערבייאיקע דערפער. געגאַנגען זענען זיי מיט געזאַנגען — די לידער זענען נאָר געווען דורכאויס רוסישע. יעדע עטלעכע — אַן ערך 100 מעטער האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געלאָזט הערן לאָזונגען: „נידער מיטן פּוילישן פּאַשיזם!”, אָדער אַזעלכע: „נידער מיט פּוילישער קליקע־הערשאַפט!”. אויך איז דעמאָלט געווען פּאַר אונדז נישט קיין פאַרשטענדלעכער, באַקאַטער לאָזונג: ווי למשל, „זאָל לעבן אונדזער באַפרייטע אוקראַינע!” און אויך זענען געווען אַזעלכע לאָזונגען ווי: „נידער מיט די פּוילישע אָנפאַל־פּאַציפיקאַציעס אויף אונדזערע ווירטשאַפטן!”

די דעמאָנסטראַציע איז געווען פון אָנפאַנג רויִק, אָבער, ווען אָנטקעגן זיי, איז פּונקט אָנגעקומען דער שטעטישער פּאָליציי־קאָמענדאַנט און ער האָט דורכ־אויס פאַרלאַנגט זיך פאַנאַנדערגיין, האָבן אים די דעמאָנסטראַנטן באַפאַלן, מיט אין זייערע הענט געהאַלטענע שטעקנס, דאָן האָט דער זעלבער קאָמענדאַנט אָפּגעגעבן עטלעכע לופט־שאָסן. דערווייל, ווי געווייגטלעך, האָבן זיך באַוויזן נאָך שטעטישע פּאָליציי, ווי אויך אַזעלכע שוין אין ציווילע קליידער — פּאָליאַקן־מיעשטשאַנעס, וועלכע זענען שטענדיק געווען גרייט אין אַזעלכע פאַלן אַרויס־העלפן דער פּאָליציי און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער געיעג נאָך די פּויערים דעמאָנסטראַנטן. מען האָט ממש געשלאָגן יעדן פאַרבייגייענדיקן — אָנגעקומענעם אויפן יאַריד — פּויער, ממש געמימיתט, און גלייך אין אַרעסט! דאָרטן ערשט, האָט מען זיך אָן די אַרעסטירטע גוט נוקם געווען. אַ סך פון די דעמאָלטדיקע דעמאָנסטראַנטן האָבן באַקומען שווערע תפיסה־שטראָפן, מען האָט זיי געמאַכט אַ דאַראָזשנע־משפּט — פאַרשטענדלעך, נאָך אַ סך פיזישער פּייניקונג.

די צוויי לאָקאַלע געשעענישן האָבן אויף מיר דעמאָלט אַ סך געווירקט. כאָטש אַזעלכעס איז געווען אין כלל ביי דער גאַנצער שטעטישער באַפעלקערונג און אַ סך האָט זיך געשאַפן קעגנזייטיקן נישט פאַרשטענדלעכן דעמאָלט פּאַרדראָס.

מיט עטלעכע יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט דעם ריכטיקן אמת וועגן דער דעמאָלטדיקער פּויערים־דעמאָנסטראַציע דעמאָלט האָב איך באַקומען אַ געטרוי בילד פון דער קליינער שטעטישער דעמאָנסטראַציע, איצט אָבער, אין

דעם מיטוואָך־טאָג, האָב איך נאָר געזען דאָס ווילדעווען פון דער שטעטישער פּאָליציי מיט אירע צעווילדעוועטע פּאַראַבקעס — דאָס שלאָגן אויף יעדן אָרט און שריט, שולדיקע, אָדער נישט שולדיקע פּויערים, וועלכע זענען אויך ממש געווען — גאָט די נשמה שולדיק.

פּאַקטיש איז די מעשה פון דער גרויסער דעמאָלט פּאָליטישער דעמאָנסטראַ־ציע, געווען אַ רעזולטאַט און פּראָטעסט פון די פּויערים קעגן די אַזוי דעמאָלט גערופענע פּאָליציי־פּאַציפיקאַציעס, אַזעלכעס האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי: פּלוצלינג אין אַ שיינעם געוויינטלעכן דאָרפס־טאָג, ווערן דאָרטן, אין זייערע דערפער, די פּויערים באַפאַלן פון גרופּן פּאָליציי. דאָרטן, אין זייערע אוקראַיִנער דערפער — און די פּאָליציי לאָזט זיך ווילגיין — שלאָגנדיק די פּויערים ממש אין זייערע היימען, דערצו פּלעגן די פּאָליציי ממש פאַרניכטן אַלעס וואָס די פּויערים האָבן געהאַט פון עס־פּראָדוקטן אין שטוב. די דאָרטיקע פּויערים אין זייערע אָרעמע הייקעס, מיט שטרוי געדעקטע דעכער, האָבן ממש געליטן גרויס פּיזישן און מאָראַלישן צער און דער עיקר, דאָס ביסל ביי זיי אין שטוב פאַר־האָרעוועט אָנגעזאַמלטע פּראָדוקטן האָבן די פּאָליציי פאַרניכטעט, צוזאַמענמישנדיק זייער מעל מיט פעדערן פון צעטרענטע קישנס און ענלעכע אַזעלכע ממש סאַ־דיסטישע אָפּגעטוענע פון דער פּאָליציי אַרבעטן. אַזעלכעס איז געווען אַ קליינע נקמה, צוליבן נישט לאָיאַלן פאַרשטענדעניש צו דער דעמאָלטדיקער פּוילישער הערשנדיקער מאַכט. אַזאַ מין פּאָליצייאישע שטראָף־עקספּעדיציע גערופן דעמאָלט „פּאַציפיקאַציע”, איז געווען אַדורכגעפירט פון יענער פּוילישער פּאָליציי אין אַ סך דאָרטיקע פּאָוויאַטן און דערפער. פאַרשטענדלעך, אַז דער שטעטישער איינוווינער האָט פון אַזעלכעס נישט געוווסט. אַזעלכעס איז פאָרגעקומען אין הרוביעשאָווער טאָמאַשאָווער, כעלמער און לוצקער פּאָוויאַט־קרייזן. דאָס הייסט כמעט אין דער גאַנצער פּראָבלעמאַטישער מערב־אוקראַיִנע — אין וועלכער די פּוילישע שלאַכטע־רעגירונג האָט געהערשט מיט אַ שטאַרקער אייזערנער האַנט.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין יענער געגנט האָט זיך גערופן: „קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דער מערב־אוקראַיִנע”, וועלכעס נאָמינאַל האָט אָנגעוויזן אויפן כאַ־ראַקטער, קאַמף און צילן פון אירע נאָענטע סטראַטעגישע אידעען־פּלענער, דאָס האָט דאָרטן אָנגערעגט פּאָליטיש די דאָרטיקע פּויערישע באַפעלקערונג אין קאַמף פאַר אַ זעלבשטענדיקע אוקראַיִנע, דאָס הייסט, אַ צושליסונג צו יענער טייל ראַטנאוקראַיִנע פון גרויסן מוטער־לאַנד — דעם סאָציאַליסטישן ראַטנפאַרבאַנד.

קעגן אַזאַ מין פּאָליטישער טענדענץ האָט די פּוילישע רעגירונג פון אָנהויב איר פּאָליטישן קיום געקעמפט, ווייל דאָס איז דאָך פאַרט געווען דער זייער אויסגעקעמפטער טעריטאָריע־שטח נאָך פון יענע „נס־יאָרן”. דעריבער האָט די

פוילישע רעגירונג געקעמפט קעגן אַזעלכע פּאָליטישע טענדענצן, דאָס מיט אַלע נאָר מעגלעכע מיטלען, אַריינגערעכנט פּאָליטישן טעראָר. דאָך דעם אַלעמען האָט דאָרטן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג געוואָקסן און זיך באַזירט, די יוגנט דאָרטן אין די דערפער, כאָטש די פאַרפאָלגונגען פון דער פוילישער קליקע־פּאָליציי, כאָטש די תפיסות האָבן פאַרגעזעצט זייער קאַמף — דאָס ביזן אויס־ברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין כלל גענומען האָבן די דערמאָנטע צוויי־שטעטלדיקע פּאַסירונגען באַ־איינפלוסט דאָס געזעלשאַפטלעכע שטעטל־לעבן. לאַנג האָט מען וועגן דעם גערעדט און דיסקוטירט. וואָס שייך דער ערשטער שטעטל־מאַניפעסטאַציע, וועלכע נאָך אַלעמען איז אַדורך בשלום, פלעגן מיר צו יענער צייט — קינדער רעדן וועגן דעם מיט נישט רייפער פּאָליטישער באַשטימטער מיינונג, ווי אַזעלכעס — „גאָט־לעסטערער" אָדער טייל האָבן גערעדט מיט ביטול „שוסטער און שניידער־יונגען". אָבער אין רעזולטאַט האָבן זיך אין אונדזערע מוחות באַשעפטיקט מיט אַזעלכעס וואָס הייסט מאַניפעסטאַציע און דעמאָנסטראַציע און אינטערנאַציאָנאַל, און טאַקע וואָס האָט עס געהייסן, באַדאַרפן הייסן דער „אינטערנאַציאָנאַל"?

די צווייטע, די פריערישע, וועלכע איז געווען שפּעטער אַן ערך אין יאָר 1931 — דעמאָלט, מיר שוין בר־מצווה־יוגנט, האָבן שוין אַנדערש אויף דעם געקוקט. מיר דעמאָלט יונגע האָבן זיך געדרייט צווישן די עלטערע אין שטעטל בחורים, וועלנדיק עפּעס פון זיי וועגן דעם ענין דערשנאַפּן. די אַרויסגעזאָגטע אונדזערע מיינונגען זענען נאָך געווען פאַרשידן. די עלטערע בחורים האָבן זיך נאָך אַלץ ווי באַהאַלטן מיט זייערע געדאַנקען. אונדזערע פאָטערס, וועלכע האָבן פאַרגעדענקט אַזעלכע מעשים פון אַמאָליקן רוסלאַנד האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז אַזוי טאַקע האָט זיך דאָרטן אָנגעפאַנגען... מאַניפעסטאַציעס, שטרייקן און ביזן דאָרטיקן רעוואָלוציאָנערן־אויפשטאַנד. איינער אַ שטעטישער בכבודיקער סוחר, ר' יצחק האָט סאַרקאַסטיש געשריגן: „פּאַגראַמטשיקעס, באָלשעוויקעס", וועלכעס צו יענער צייט האָט געהייסן אַ שאַנדע־וואָרט. אַ צווייטער אויך אַ סוחר, ר' משהל האָט אָנגעוויזן מיט גרויס פאַרדראָס אַז, „יאָ, זיי קומען שוין אַהער צו אונדז" אָבער האָט ער דערביי צוגעגעבן, געמיינט די מאַכט — „מיר וועלן זיך אַ עצה געבן"! אַלענפאַלס די אַלע עלטערע יידן, וועלכע האָבן געדענקט דאָס אַמאָליקע רוסלאַנד האָבן סיי גערעדט מיט מורא און סיי מיט נייעם דערמוטיקונגס־כוח. אַנדערע ווידער האָבן געלויבט דעם פּאָליצייאישן קאָמענדאַנט, ווי אַזוי טאַקע ער אליין האָט זיך אַ עצה געגעבן, „אה האָבן געזאָגט איז ער אַ איינשטעלער, ווען נישט זיין רעוואָלווער האָבן געטענהט..." אָבער טאַקע־וואָס־האָבן קיינמאָל

נישט קלאָר דערזאָגט! דערפאַר האָט טאַקע דער קצב־יונג באַגריסט דעם קאָמענדאַנט, „נישט אומזיסט גיט ער אים יעדן וואָך אַ שטיק רונד־פלייש".

אין דעם צווישן זיך געשפרעך האָבן אָנגערופן דעם קאָמענדאַנט „אזארער" ער נאָר דער „אזארער" קאָן און ווייסט וואָס מיט אַזעלכע צו טוען האָבן צווישן זיך געטענהט. ער דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט דער אזארער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע געשיכטע פאַרגאַנגענהייט, געהייסן האָט ער דזשובא, אַליין אַ געוועזענער קרימי־נאַלניק, פאַרברעכער, געזעסן פאַרמשפּט אין תפיסה. דאָרטן אין דער תפיסה זעט אויס האָט ער זיך אַרומגעקוקט וועגן דעם נוצלאָזן זיינעם פאַרגאַנגענעם־ענין און קאָן זיין מיט אפשר אַ צוזאָג פון דער תפיסה־מאַכט האָט נאָך דאָרטן אָנגעהויבן מיטאַרבעטן מיט דעם תפיסה־רעזשים, נאָך דעם איז ער פאַרשטענדלעך פריצייטלעך באַפרייט געוואָרן און אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער פּאָליציי און שנעל זיך דערהויבן ביזן קאָמענדאַנט טשינש און טאַקע אַלס אַזעלכער אין דער ראַנגע געווען געשיקט צו אונדז אין שטעטל. אין שטעטל איז ער געווען דער פּאַקטישער בעל־הבית. באַקומען און פאַרלאַנגט — מתנות דאָס נישט נאָר אין געלט־זאַכן חס וחלילה, נאָר פלייש, צוקער, גאַנצע זעק פון מעל און אַנדערע ווערט־פולע מתנות. פאַרשטענדלעך דאָס האָט נישט געהייסן קיין שוחד, נישט קיין אַפּקויפּעריי (?) נאָר... סתם, כדי צו לאָזן לעבן און קענען לעבן. אַזוי איז געווען, ווען נישט גיי באַקלאָג זיך. אַזוי איז די וועלט, בפרט אין קליינעם שטעטל, ווער ער איז אַ אַבסאָלוטער מושל!

עס זענען געווען אויך נאָך פאַרשידענע מיינונגען ביים אַלץ דעם שטעטלדיקן דיסקוטירנדיקן עולם, וועגן דער זאַך פון דער פּוילישער דעמאָנסטראַציע. אַזוי פלעגן די שוין אונטערגעוואַקסנדיקע יוגנט ווי למשל — שמשון, וועלכער איז אין שטעטל געווען אַ שטיקל יוגנט־אויטאָריטעט זיך רויטנדיק געזאָגט — דאָס מיט פאַרדראָס אין כעס — וועגן, דעם נישט גערעכטלעכן טעראָר־אָנווענדן מצד דער פּאָליציי אין באַצוג צום פּויער. איטשע־לייב, האָט גערעדט וועגן דעם רחמנות־געפיל, וועלכן ער האָט געהאַט צום געשלאָגענעם פּויער, וועגן דער נקמה פון דער פּוילישער־פּאָליציי און דאָרטן ערשט אין די זייערע דערפער! אַ אַנדערער — יהושע, האָט אָנגעוויזן וועגן דער פּראָטעסט־כאַראַקטער פון די פּויערים בשעת דער דעמאָנסטראַציע אין רעזולטאַט פון דעם פּאָליצייאישן טעראָר־ווילקיר אין זייערע היימען. אַלע, טאַקע אינאיינעם האָבן שאַרף נעגירט דאָס אין קעגנזאַץ צו די זייערע עלטערן, דעם אָנגענעמענעם־טעראָר פון פּאָליציי. נאָך דעם אַלעמען איז די שפּאַנונג געווען גרויס. די פּאָליציי האָט געהויבן דעם קאָפּ, דאָס טאַקע איז געווען פאַר זיי אַ מעגלעכקייט צו אַ אַקטיווער אין שטעטל־טעטיקייט!

די פּאָליאַקן אין שטעטל, די מיעשטשאַנעס זענען געגאַנגען נאָך דער מעשה

מיטן קאָפּ אין דער הויך. מיר, פלעגן זיי טענהן, זענען נישט די נאַרישע פּאָניעס, אָדער די דאָרטיקע זייערע צארן און קערנסקיס, „מיר וועלן זיי שוין אין שורש פאַרניכטן!" פון דעם טאָג טאַקע טאָג און ווייטער איז אין שטעטל געוואַקסן דער אומרו. יעדן טאָג זענען געווען אַנדערע נייעסן. מען האָט גערעדט וועגן רעוויזיעס. וועגן דער פּאָליציי, וועלכע באַפאַלט פּלוצלינג באַנאַכט די היימען, זוכן און נישטערן ביכער און פאַרשידענע צייטונגען. דער עיקר נישט צענזורירטע־ליטעראַטור־אויסגאַבן, נאָכהער זענען געווען אַזעלכע ידיעות, אַז מען האָט אַסך פון די שטעטישע בחורים באַנאַכט אין אַרעסט אָפּגעפירט, דאָס געקאָוועט אין קייטן, ווי געוויינטלעכע פאַרברעכער, רחמנו־ליצלן. מען האָט דערמאַנט אַזעלכע נעמען ווי יוספן, פּייווישן, משהן און אברהמן עס איז געוואָרן ממש אַ אויפטרעסלונג אין שטעטל. די אַלע האָט מען געשיקט אין דער פּאָוויאַטאָווער־תפיסה. די מאַמעס האָבן פאַרבראָכן מיט די הענד „אַזעלכע בעל־הביתישע קינדער דאָס ווי פּאַברעכער, אין תפיסה געשיקט. נאַדיר גאָר פּאָליטיק, פאַריינען, פּאַרטייען, מיר האָבן דאָך געפילט, האָבן זיי מיט געוויין געטענהט, אַז פון דעם אַלעמען וועט קיין גוטס נישט ארויס". זיי פלעגן דאָך טענהן האָבן זיי געכליפּעט אַז „דאָרטן אין די פּאַרטייען, נאָר ווי מען זינגט און טאַנצט און דאָ נאַדיר גאָר פּאָליטיק"!

יוסף איז געווען טאַקע דער ערשטער גרינדער ביי אונדז אין קליינעם שטעטל פון דער דאָרטיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַליין איז ער געווען אַ הויכער, דאַרער, געטראָגן בינאָקל־ברילן, געהאַט אַ קאָפּ מיט הויכע שטערן־ווינקלען. געווען ערנסט און שווייגענדיק און פאַרטראַכט. זיין גאַנצער אויסזען האָט פאַרלאַנגט עפּעס פון כבוד און אין אלגעמיין האָט געהאַט אַ אויסזען פון אַ געלערנטן. מיינע אוניווערזיטעטן — האָט ער אָנגעוויזן מיר — זענען אָט די ביכער־פּאָליצעס. גאַנצע בערג זעלטענע פאַר יענער צייט אין שטעטל, נישט באַקאַנטער־ליטעראַטור. געווען איז ער פון פאַך אַ פאָטאָגראַפיסט געהאַט פעאיקייט צו צייכענען און מולן. דער עיקר האָט ער ליב געהאַט צו צייכענען לעבנס־קאַריקאַטורן. ער פלעגט אַמאָל אויף שטעטישע גרויסע אפישן צייכענען פון יענער צייטיקער פּאָליטישער וועלט־געשעענישן. דאָס אויך אַ סך פון יידישן טרעפלעכן לעבנס־כאַראַקטעריסטיק: למשל אין די פסח־טעג פלעגט ער כאַראַקטעריזירן אין קאַריקאַטורן דעם יציאת־מצרים. אַזעלכעס טאַקע האָט געשאַפן צו אים פונם שטעטישן עלטערן דור, גרויס סימפּאַטיע.

צוליב דער זיינער פאָטאָגראַפישער־פּראָפעסיע פלעגן קומען צו אים „גרויסע" רעוואָלוציאָנערן. דאָס דווקא נישט קיין יידן פון די דאָרטיקע דערפער און אפילו ווי מען האָט געזאָגט פון דעם גרויסן לעמבערג און אַזעלכע אויך פון דאָרטן — געמיינט — רוסלאַנד. צוליב דער זיינער פּראָפעסיע פלעגן אַזעלכע געקומענע

געסט נישט ספּעציעל זיך מערקן, ווייל אַזעלכע זענען געגאַנגען פאַרשטענדלעך אין דאָרפישע קליידער און דער זייערער צוועק פאַרשטענדלעך, זיך פאָטאָגראַפירן. דעריבער אויך האָט עס אויף קיינעם נישט געמאַכט קיין ספּעציעלן רושם! חוץ די אַלע זאַכן איז יוסף געווען אין שטעטל אַ נאַוואַטאָר פון אַ סך דעמאָלט־זאַכן. למשל דעם ערשטן גראַמאָפאָן וועלכעס איז אין שטעטל געווען פאַר אונדז דער־וואַקסענע יוגנט אַ גרויס נייעס האָט דווקא געברענגט ער יוסף. יוסף איז געווען דאָך אַזוי סודות־פול דאָס טאַקע צוליב דער זיינער פּאָליטישער־טעטיקייט. מענטשן האָבן וועגן אים דערציילט, אַז נאָך אין די צייטן פון יענע קאַמפּן פון דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע האָט ער יוסף שוין דעמאָלט געהאַט אַ קאָמוניקאַציע מיט די דעמאָלטדיקע קאָמאַנדירן פון דער רויטער־אַרמיי!

יוסף איז צו יענער צייט שוין געווען אַ יוגנט־קאָמוניסט. צו יענע צייטן, נאָך דער מלחמה זענען געווען אין פּוילן דעמאָקראַטישע צייטן, עס זענען נאָך געווען ליבעראַלע צייטן פון די גראַבסקי־רעגירונג. ווי אויך די וויטאָס־צייטן. אָבער היינט די פּילסודסקי־רעגירונג איז גאָר אַ אַנדערער פּאָליטישער אַנזאַג אין די פּוילישע געזעלשאַפטס־באַציאונגען.

דער בוי פון דער קאָמוניסטישער־פּאַרטיי אין שטעטל איז געווען לויטן באַוווסטן סטיל, אַ קעמערל בוי. פאַרשטענדלעך, אַז נישט אַלע האָבן געהאַט קשר מיט יוספן. פאַר אים איז געווען געגנוג דער קשר מיטן ראַיאָן און ווייטער מיט לעמבערג. דאָך האָט געהאַט אַ אויג אויפן גאַנצן אָרגאַניזאַטאָרישן בוי פון דער שטעטישער באַוועגונג און אפילו ווייטער פון די שטעטישע גרענעצן. גלייכ־צייטיק מיט יוספן זענען געווען אין שטעטל נאָך אַנדערע איינפלוסרייכע פּאַרטיי־חברים, ווי למשל יצחק און פּיוויש, אברהם און משה און אַ סך אַנדערע, אַזעלכע וועלכע האָבן אַדורכגעמאַכט די פּאָליציי־דעפּע, אַזעלכע, וועלכע זענען געווען יאָרן אין די דאָרטיקע תפיסות און נישט קוקנדיק אויף זייערע יידישע בעל־הביתישן שטאַם זיך נישט איינגעבראָכן און געפירט אַ גרויסע פּאָליטישע וויסנ־שאַפטלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע דעמאָלט — טעטיקייט.

איינער פון די יידישע רעוואָלוציאָנערע שטעטישע־קעמפער איז געווען פּיוויש, גאָר אַ גאַנץ אַנדערער טיפּ פון יוספן, אָבער דאָך ביז גאָר אינטערעסאַנט אין יענער שטעטישער געזעלשאַפט. פּיוויש אַ הויכער דאַרער מיט אַ רויטלעכער טשופּרינע אין אַ יידישן דעמאָלטדיקן מסורה־כאַלאַט. נאָר וואָס פון דער בית־המדרש־באַנק. שטאַרק שאַרפזיניק און שטענדיק נאָר געווען פאַרטועט און פאַרטראַכט, שטענדיק מיטן בוך אין האַנט. דאָס נאָך ווי אַ טראַדיציע פון דער בית־המדרש־באַנק. פּיוויש אין גאַנצן זיין מהות איז געווען ווי אַ דענקער, וועלכער האָט ווי די אמתן פון לעבן ענדעקט. שטענדיק ווי ער האָט נאָר געיאָגט.

קיין צייט געהאַט. ווי זיינע חברים האָבן געטענהט, „נישט די רעוואָלוציע צו פאַרשפּעטיקן". די חברה פּלעגן ווען איבער מיט קנאה טענהן אַז ער, פּיוויש, איז אַ צווייטער טראָצקי, אַ צינג צום רעדן און דאָס נישט סתם רעדן, נאָר מיט סאַמע בלויזע מאַרקס־ציטאַטן, וואָס האָט געהייסן גרויס קענטשאַפט אין ענין פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. אַזעלכער איז נאָר אַ שאָד וואָס איז נישט אין דער גרויסער שטאָט געבוירן. ער פּיוויש איז געווען דער בעסטער שטעטישער קאָמענטאַטאָר פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער ־ וויסנשאַפט. זיין לאָגיק פון קענען באַלייכטן דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליסטישן־אמת איז געווען און נישט געהאַט קיין גלייכן. זיין מאַרקסיטישן פאַרשפּרייטן די אידעען פון מאַרקסן זענען געווען אַזוי איבערצייגעריש, פּונקט ווי עפּעס אַ עלעמענטאַרע זאַך. יעדער האָט נאָך זיינס אַ רעפּעראַט פון פּיווישן געזען זיך איבערגעצייגט. דערצו האָט ער געקענט קריטיש אַנאַליזירן יעדע וועלט פּאָליט־געשעענישן, דאָס דווקא אין ליכט פון מאַרקסיזם. דאָס קלאָר און פאַרשטענדלעך ממש ווי אויף דער האַנד אַוועקגעלייגט. אויף זיינע פּיווישעס פאַרלעזונגען פלעגן קומען אַלע אין שטעטל, ווייל נאָך דעם האָט זיך ערשט אַנטוויקלט אַ אירעאישע דיסקוסיע. אַפילו די שטעטישע פאַרלעגער פון די אַלע דאָרטן אין שטעטל ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן געשיקט זייערע גרעסטע מוחות־קאַליבערן, כדי אין דעם אידעאישן קאַמף, עפּעס קענען נאָך פּאַר דער זייערער אָרגאַניזירטער יוגנט באַווייזן זייערן אויך פולשטענדיקע אידעע־רעכטן! כאָטש די שטעטישע פּועלי־ציון־חברים, ווי למשל באַקאַנטע שטעטישע אַנגעזאָפּטע מיט וויסן בחורים ווי משה־מאָטל שלמה און יצחק ווי אויך אַ סך אַנדערע, וועלכע פּאַקטיש מען האָט אין שטעטל געהאַלטן פּאַר גרויסע־פּאָליטיקער אין די סאמאראדנע פון שטעטישן פּאָליטישן וויסן. אויף די זיינע פּיווישעס־פאַרלעזונגען פלעגט זיך ממש טוען, רודערן, יעדער איינער פון די אויסגערעכנטע פּאַרטיי־קאַליבערן האָבן געוואָלט דערווייזן זייערן אמת, זייער אַנגעלייענטער חכמה? אין גאַנג זענען געגאַנגען אַלע וועלט גדולים פון דער יענער צייטיקער געשאַפענע וועלט־באַוועגונגען. עס האָט זיך אַנגעהויבן פון מאַרקסן און לענין גערעדט וועגן טראָצקין און דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מען האָט גערעדט וועגן אַמאָליקן בונד, וועגן באָראָכאָוון, וועגן דער יידישער נאַציאָנאַלער נויוועדיקער אַנערקענונגס־רעכט. וועגן דער אַלגע־מיינער לייזונג פון יידן־פּראַגע, אָדער וועגן ספּעציפישקייט פון דער יידן־פּראַגע. מען האָט גערעדט וועגן דער יידישער יעווסעקציע און זייער קאַמף קעגן דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאַמפּס־קיום, מען האָט גערעדט וועגן דעם געגרינדעטן דעמאָלט אין רוסלאַנד — בירא־בידזשאַן און אויך דער עיקר, וועגן דעם אַלגע־מיינעם באַשטאַנד פון דער יידן־פּראַגע אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער

יושר־פראַגע אין דער צוקונפט ווי בפרט אין ראַטנפאַרבאַנד. אַזעלכע אַלגעמיינע שטעטישע דיסקוסיעס האָט געקענט אַרויסרופן נאָר פּיוויש. ער איז געווען אַ יחיד במינו. ער, דער איינציקער אין שטעטל, וועלכער האָט זיך געקענט אידעאיש פאַרמעסטן מיט אַלע און טאַקע אידעאיש איבערקעמפן אַלע פּאָליטישע אידעען־קעגנער, כאָטש ווי געווינטלעך זענען אַזעלכע דיסקוסיעס אין שטעטל זיך געענ־דיקט ווי נאָר מיטן דאָרטן אידעאישן אַרומרייסן און דאָך איז יעדער געבליבן ביי זיין געגלויבן פּאָליטישן אמת!

נאָך פּיווישעס אַ פאַרלעזונג איז קלאָר געוואָרן וואָס אַ זעלכעס איז, פון אַלע דער געפּרעדיקטער סאָציאַליזם. פּיוויש פלעגט ממש ווי אויף דער האַנד באַווייזן די גרונט־געזעצן פון מאַרקס עקאָנאָמישע־תורה. וועגן דעם באַשטאַנד פון געשאַפע־נעם־אייגענטום, וועגן דער געשאַפענער מענטשלעכער „ווערט" און טאַקע דער עיקר — דער געשאַפענער פון אַרבעטער „מערווערט" דאָס אַלץ קלאָר און וויסנ־שאַפטלעך מאַרקסיסטיש באַלויכטן. ער פלעגט געבן צו פאַרשטיין די סיבות פון יעדער היסטאָרישער געשיכטע־פאָרמאַציע. ער פלעגט אויך באַרירן די שטרעמונגען פון יידישן נייעם ערוואַכונג־פּראָצעס, וועגן יידישן שעפערישן כוח אין יידישן פאָלק. ער האָט אויך ווי דער פריערדיקער יוסף געטענהט בקשר צו דער יידן־פראַגע, אַז דערווייל איז וויכטיקער דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־קאַמף. אַלעס דאָס ווי בעסערע סאָציאַלע באַדינגונגען און אַלע די פּראָבלעמען ווערן געלייזט אין „רעוואָלוציאָנערן ־ קאַמף". וואָס זשע שייך דער יידן־פראַגע, האָט ער געהאַט דעם שוין באַוווסטן ענטפער, אַז „די יידן פראַגע איז נישט קיין ספּעציפישע נאָר ליגט אין אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן כלל".
דאָס וועלכעס פאַרשטענדלעך וועט לייזן נאָר די סאָציאַלע רעוואָלוציע. פּיוויש פלעגט טענהן, און דאָס מיט רעכט, אַז מאַרקס און לענין נעגירן נישט בכלל קיין פעלקערלעכן נאַציאָנאַלן ערוואַכונגס־פּראָבלעם, פאַרקערט שטיצן אַזעלכן, אָבער דאָס אין אַלגעמיינעם באַשטאַנד אין יעדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון יעדן לאַנד באַזונדער. דעריבער זענען די יידן, און דאָס מיטרעכט, נישט אַנדערש ווי אַ גליעד אין אַלגעמיינעם סאָציאַלן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, און דאָרטן אין רעזולטאַט פון דעם קאַמף וועט זיין דער פתרון פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין קאַמף. דעריבער אויך ביים איצטיקן מאָמענט אַ באַזונדערער יידישער נאַציאָנאַלער קאַמף אָן עקאָנאָמישע עיקרדיקע געפאָדערטע אַרבעטער אויסבעסע־רונגען איז עס נאָר אַ באַנקראָט־קאַמף און דעריבער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערישע.
פּיוויש איז געווען אַ ריכטיקער פּאָליטישער כוח אין שטעטלדיקן פּאָליטישן לעבן.
ער איז געווען פול מיט אמתער ערודיציע אין וויסן יידישער בחור, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן געאָפּפערט פאַרן סאָציאַליזם און רעוואָלוציע.

✡

נאָך דער שטעטישער פויערים דעמאָנסטראַציע, אַרעסטן און די אַדורכ־געפירטע־משפּטים האָט זיך אין שטעטל געפילט אַ מין מרה־שחורה. די עלטערן אונדזערע האָבן נישט פאַרשטאַנען די וועלט פון זייערע קינדער. מיר קינדער דערקעגן האָבן נאָר געהאַט מיטלייד צו זיי, דאָס צוליבן נישט פאַרשטייען דעם גאַנצן ענין. פאַר די עלטערן זענען די אַרעסטן געווען נישט באַגרייפלעך. אָבער דאָך פאַרן שטעטל געווען גורמדיקע, אַזוי למשל האָט זיך די באַציאונג מיט דער פּאָליציי אָפּגעפילט פרעמדקייט. עפּעס האָט אַ מורא אַרומגענומען אַלעמען. מען האָט מורא געהאַט אויסרעדן אַ פרייַ וואָרט, אַ געדאַנק. צווישן די שטעטישע איינוווינער, און אין דער שררה איז אַריין אַ גרויסער מרחק. דאָס אַמאָליקע היימישע איז פאַרביי. יעדער האָט דאָך אין שטוב קינדער און ווער ווייסט זיין די היינטיקע קינדער ?!

דאָך נאָך דעם אַלעמען האָט זיך דאָס לעבן פאַרגעזעצט. מענטשן האָבן בלית־ברירה נישט נאָר אַזעלכעס אַדורכגעמאַכט. וואָס שייך אין דער פּאָליטישער פּאַרטיי־אַרבעט איז אַריין אַ געוויסע פּאָליטישע סטאַגנאַציע. די רעוואָלוציאָנערן זענען אַריין טיפער אין הונטערגרונט און פון דאָרטן פאַרגעזעצט זייערע פּאָליטישע־טעטיקייט, ווייל דאָך האָט דאָס אַלץ געברויכט צייט כדי צו פאַרהיילן די אַלע וווּנדן.

פאַרקערט האָבן די ציוניסטישע פּאַרטיי־באַוועגונגען געפירט אַ מער אינ־טענסיווערע פּאָליטישע טעטיקייט מער געשיקט זייערע חברים אויף הכשרה מער פאַרצווייגט זייערע אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט געשאַפן יוגענט אָרגאַני־זאַציעס ווי „פרייהייט און סקויט". אויך האָט זיך דאָרטן געגרינדעט אַ נייע ציוניסטישע־רעוויזיאָניסטישע פּאָליט־אָרגאַניזאַציע מיט אויך אַ יוגענט באַוועגונג „בית"ר". די אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך אָנגעהויבן באַווייזן זייערן שטעטלדיקן ציוניסטישן אויפטו געפאָדערט פאַר זייערע חברים חלוצים שוין געענדיקטע די הכשרה — סערטיפיקאַטן כדי צו זיין עולה קיין ארץ־ישראל! צו דעם אַלעמען איז צודערגעגנצן דעם גרויסן צווישן דעם ציוניסטישן בלאָק דעמאָלט גרויסן שטרייט, וועלכער האָט געבראַכט צו גרויסע אַרומרייסענישן אין יידישן שטעטלדיקן ציוניסטישן ציבור צווישן די דעמאָלטדיקע ציוניסטישע קרייזן קעגן דער דעמאָלטיקער אין שטעטל געגרינדעטער רעוויזיאָניסטן־פּאַרטיי, דהיינו דער צו יענער צייט אַרלאָזאָראָוו־מאָרד, וועלכעס האָט געבערענגט צו גרויסע צווישן פּאַרטייאישע דערשיטערונגען אין דער גאַנצער נישט נאָר שטעטלדיקער יידישער געזעלשאַפט נאָר ווי אויך אין גאַנצן פוילישן באַווינטן יידישן פוילישן

געזעלשאַפטלעכקייט, וועלכעס פּאַקטיש איז אין אַלגעמיין געווען טאַקע שטאַרק דערשיטערנדיק אָבער דאָך, אויפגעבלאָזן און געבערענגט נאָך מער שאָדן דער גאַנצער דעמאָלטדיקער יידישער פּוילישער עפנטלעכקייט.

☆

דער ערוואַכונגס־פּראָצעס אין יידישן לעבן אין דעם אָפּשניט־צייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט איבערגעוואַקסן אַלע דערוואַרטונגען. עס איז געווען ווי אַ רענעסאַנס צייט אין יענער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. די יידישע יוגנט, דאָס יידישע שטעטל איז שוין נישט געווען דאָס שטעטל פון מענדעלע אָדער שלום־עליכם, אָדער דאָס שטעטל פון שלום־אַש. עס האָט שוין נישט געהאַנדלט מיטן ווינד אָדער מיט דעם אַמאָליקן „בטחון". דאָס שטעטל איז שוין נישט געווען קיין „מה־יפית" שטעטל, נישט צום פּריץ און אוודאי נישט צום פּאָליציאַנט און אפילו צום מיניסטער. עס איז געווען אַ שטעטל ווי מען זאָגט אַ סינטעז פון אַמאָליקן רעוואָלוציאָנערן לעקערטן און ביזן היינטיקן קעמפער־רעוואָלוציאָנער ווי אויך חלוצישן־יוגנטלעכן און ביז די זיך אָפּפערנדיקע אויף די קאַמפּס־באַריקאַדן אין דער צייט פון דער שפּעטערדיקער מלחמה. דער יידישער יוגנטלעכער האָט זיך שוין נישט אויסגעקויפט פון פּוילישן מיליטער־דינסט אָדער סתם זיך פון דעם אַרויסגעדרייט. ער דער יידישער יוגענטלעכער איז נישט געווען מער „אַ מענטש אויף דער גאַס, און ייד אין שטוב". אַזעלכעס האָט ביי אים געהייסן, צביעות. דאָס איז געווען פּחדנישע צווייזייטיקייט. אונדזער היינטיקער יידישער־בחור איז אויך שוין נישט געווען דער ראָמאַנטישער חסוד, אַ ייד פון שעריות־כאַפּער ביים רבין. אָדער אַזעלכער וועלכער לעבט נאָר מיט כוח פון רבינס ברכה, ווו האָט געזען אין דעם די פולשטענדיקייט פּאַר אַלע זיינע ווונטשן. ער איז אויך נישט געווען קיין סתם־אַפּיקורס. נישט קיין גאָט־לעסטערער, חס־וחלילה. ער איז אויך נישט קיין יאוש מענטש, קיין פּעסימיסט. ער קוקט אָפן פריי אין דער צוקונפט און דער עיקר געלעבט אין וויסן ווי אויך מיט פאַרשטאַנד. דער יידישער היינטיקער בחור איז פּראָדוקטיוו, געפאָדערט זיינע מענטשלעכע רעכטן ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע, געגאַנגען אין קאַמף צוגלייך מיטן שכן דעם פּאָליאַק אָדער דעם דאָרטיקן פּויער, וואָס נאָך מער ער איז דווקא געוואָרן, זייערער פּאָלקס־ווייזער אין דעם דעמאָלטדיקן יושר־קאַמף, דעם שטענדיקן דערוואַרטענדיקן קאַמף.

דער יידישער בחור אפילו אין קליינעם שטעטל איז געווען פּאָליטיש אָרגאַניזירט, אַזעלכעס איז געווען אַ פאַרשטענדלעכע פון זיך זאַך. זיין אין דער

פּאָליטישער באַוועגונג. האָבן אַ פּאָליטישע מיינונג איז געווען דעמאָלט ווי דער מאַטטאַ אין לעבן פון יעדן איינציקן. די יידישע יוגענט איז צו דער צייט געווען אין דער מדרגה פון דער ענדעקטער עץ־הדעת־צייט נאָר, ווי עס דאַכט זיך מיט אַ גאָר גרויס צייט־פאַרשפּעטיקונג און ווי געזוכט ווי אַזוי נאָך מער און מערער פון דעם ענדעקטן וויסן וואָס מער געניסן. יעדער יידישער בחור איז געווען אָנגעהערט פּאָליטיש. נישט זיין פּאָליטיש אָנגעהערט האָט געהייסן זיין פּרימיטיוו, ווי עפּעס אַ בושה־זאַך. יעדער שטעטישער פּאַרטיי־באַוועגונג איז געווען פאַרבינדן מיטן מרכז, פאַרשטענדלעך דער, האָט זיך געפונען אין וואַרשע. דאָרטן איז געווען דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי. יעדער פּאַרטיי־מרכז האָט אַרויסגעגעבן צירקולאַרן, פלוג־בלעטער און וואָכן־שריפטן, אָדער אפילו טאָג־צייטונגען. יעדער טאָג־צייטונג איז אַזוי אָדער אַנדערש געווען פאַרבינדן מיט אַ פּאַרטיי־באַוועגונג. עס איז נישט געווען נישט קיין פּאַרטייאישע שריפט. נישט זיין אידענטעפיצירט האָט געהייסן צביעות אָדער פּחדנות, אַזעלכעס איז אויך געווען אויף דער פּוילישער גאַס אין דער פּוילישער שפּראַך. יעדע פּאַרטיי־באַוועגונג האָט געהאַט געזאָרגט פאַר דעם פּאָליטישן ערציאונגס־וועזן פאַר זיינע מיטגלידער, געהאַט אירע פּרעליגענטן און לעקטאָרן אָרגאַניזאַטאָרן אָדער סתם־שליחים, ווו פלעגן שיקן אין אַלע פּוילישע לאַנדס־ישובים. די יוגנט דערקעגן פלעגן זיין אויך שטאַרק געבינדן מיט די זייערע צענטראַלן, פלעגן שיקן זייערע קאָרעספּאָנדענטן, שרייבן באַריכטן, באַרירן טאָג־פראַגן, קריטיקירן געוויסע פּאַרטיי־מאָסמיטלען ווי אויך פּרובירט זייערן כוח אין ליטעראַרישער אַרבעט.

די יידישע יוגענט האָט שטאַרק זיך געפלייסט באַרייכערן אירן גייסטישן אידעאָלאָגישן־באַגאַזש. דאָס נישט־סתם־תורה־לשם־תורה — נאָר ממש מיט שטאַרקן ווילן און התמדה כדי ווערן, זיין אַ מיטבויער אין יענער צייטיקער געזעלשאַפטלעכקייט. די יידישע יוגענט האָבן נישט נאָר געלערנט וועגן די יידן נאָר גלייכצייטיק געלערנט די ליטעראַטור און געשיכטע פון זיינע באַוווינטע שכנים — פּאָליאַקן און אַלע פעלקער אַרום. געלערנט די געשיכטע און די היס־טאָרישע זייערע קאַמפּס־געשיכטע. די יידישע יוגנט האָט זיך אינטערעסירט נישט סתם טרוקן אין געוויסע געשיכטע־פאַרמאַציעס נאָר אויך געלערנט אַלע גורמים פון יענע געלערנטע פאָרמאַציע־געשיכטע, זיי האָבן געלערנט נישט נאָר די קלאַסיקער פון יענע לענדער נאָר אויך די געזעלשאַפטלעכע זייער לעבנס־באַדינגונגען.

די יידישע יוגנטלעכע האָבן געלערנט וועגן דער רוסישער סאָציאַל־רעוואָלוציע, וועגן די דאָרטיקע פּאָליטישע באַוועגונגען געלערנט די סיבות פון דער רעוואָלוציע. די יידישע יוגנט האָבן גוט, און מיט פאַרשטאַנד אויפגענומען

יעדן פרייהייטס־באַוועגונג, וועלכעס דריגגט פון דער רעוואָלוציע סיי פאַר מענטש־הייט און בפרט פאַר זיי דעם יידישן פאָלק אין רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע. די יידישע יוגנט האָט געלערנט געגנוי די אַנטאַגאָניסטישע שטעלונגען פון יענער צייטיקער וועלט־געזעלשאַפט, האָבן געוווסט געגנוי די אונטערשידן פון די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס אין יענער דעמאָלטדיקער רוסישער געזעל־שאַפטלעכקייט ווי בפרט בשעת דער רעוואָלוציע.

די יידישע יוגנט האָבן געלערנט אויך וועגן די געשעענישן פון יענעם צייטיקן דייטשלאַנד, די דאָרטיקע פּאָליטישע פאַרענדערונגען און האָבן אויך פאַרגעזען יענע פּאָליטישע שאַרפע קאָנפראָנטאַציעס אין דער צוקונפטיקער קלאַסן געזעלשאַפט פון יענער צייטיקער־אייראָפּע.

✡

די עקזיסטירנדיקע אין דער עפּאָכע און טיף פאַרשפּרייטע ציוניסטישע פּאַרטיי־באַוועגונגען דעמאָלט אין פּוילן איז געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. דאָס, אַ גייסטישע דערשיינונג און אַ אַנטשפּרעכענדיקער פאַר יענער צייטיקער דענקענדיקער יידישער יוגנט־עפּאָכע. דאָס איז געגאַנגען מיט יענער פאַר־שריפטלעכער ווירקלעכקייט, דאָס איז געווען דער פּראָגראַמאַטישער סינטעז פאַרן גאַנצן און אין אַלגעמיין גענומען יידישער מענטאַליטעט אין יענער תקופה.

דער וועג פון פּאָליטישן פאַרוואָרצלען דעם פּראָגראַמאַטישן ציוניזם איז געווען גרויס און דויערהאַפטיקט אָבער אויך דאָך פּראָבלעמאַטיש. די פּאַקטישע אויספירן פון די טאַקטישע און סטראַטעגישע פּרינציפּן זענען דאָך נישט געווען פונעם גאַנצן פאָלק אויפגעמבאַר און אויך קריטיש. אזוי האָבן זיך אַ סך פון די יידישע פאָלקס־שיכטן זיך צו דעם באַצויגן. דאָס האָט פאַרשטענדלעך אַרויסגערופן גרויסע חלוקי־דעות אין דער צווישן דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג.

אָבער אַפילו אין גאַנג פון אינערלעכן ציוניסטישן פּאַרטיי־בלאָק זענען געוויסע דערלאָזט געוואָרן סטראַטעגיש־טאַקטישע געזעלשאַפטס־פעלערן. אַזעלכעס איז למשל געווען דער פון אַלע אַנערקענטער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — דער הכשרה־געדאַנק — גערופן קיבוץ, וועלכער האָט באַדאַרפן פאַקטיש זיין אַ גרונט־באַזע אין די דעמאָלטדיקע ציוניסטישע פּאַרטיי־באַוועגונגען אַלס מיטל פון צוגרייטן יידן אויסגעשולטע חלוצים צום נייעם יידישן לעבנס־שטייגער אין ארץ־ישראל.

אָבער דאָך אין יענע עקזיסטירנדיקע יידישע לעבנס־באַדינגונגען און עקאָנאָמישן שאַרפן קריזיס צו יענער צייט אין פּוילן, דאָס אין דער באַזע פון

יידישן נויט און אָרעמקייט בפרט אין די דאָרטיקע קליינע שטעט און שטעטלעך, ווו דווקא האָבן געלעבט דער רוב מנין ובנין פון פּוילישן יידענטום איז דער געדאַנק קיבוץ אין זיין תוך האָט נאָר געבערענגט פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן פּאַרטיי־פּיאסקאַ.

דער קיבוץ, צו יענער צייט איז געווען לויט מיינער מיינונג,, דאָס מיינער אַנטשפּרעכנדער איבערצייגונג דאָס שעדלעכסטע און ציוניסטישער באַזירונג אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג און האָט אין רעזולטאַט געבערענגט צו פּאָליטישן שאָדן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. שטעלט אייך פאָר, אַ קליין שטעטל אין וועלכן האָבן זיך קוים דערנערט פון די געוויינטלעכע הילפס אַרבעט אַ סך יידישע האָרעפּאַשניע משפחות, אַזעלכע יידישע משפחות זענען שטענדיק געווען פול מיט קינדערלעך, הונגעריקע אָדער האַלב־הונגעריקע איז אַזאַ מין ייד טרעפט זיך פלוצלינג מיט אַזאַ געשאַפענעם קיבוץ אין שטעטל, וועלכע קאָנקורירט אין דער פּרייז פאַר אַ געשאַפענער אַרבעט ביי אַ שטעטישן גביר. פרעגט זיך צו אַזאַ מין זאַך האָט דווקא געהייסן לויט דער תורה פון פּאָליטישן ציוניזם — הכשרה פאַר די חלוצים־קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל.

אַלזאָ אַזאַ מיןווירטשאַפטלעכער אַרבעטס־פּלאַץ אין קליינעם שטעטל אין פּוילן צו יענער צייט בפרט אין די דאָרטיקע ווינטער חדשים איז געווען גרויס פּראָבלעמאַטיש, דעריבער איז אין דער צייט ווען אַ אַזאַ יידישער משפחה־מענטש אין קאַמף פאַר זיין משפחה־עקזיסטענץ טרעפט זיך אָן אויפן קיבוץ, אַלס קאָנקורענט, וועלכער האָט זיכער נישט געטוען די אַרבעט פאַר נויטווענדיקייט איז עס דעריבער געווען מאָראַליש ווי אַ פאַרברעכערישקייט — און פאַרשטענדלעך אַזוי איז אין יענער דעמאָלטדיקער יידישער פּרעסע געשטעמפּלט־געוואָרן. פאַר־שטענדלעך דאָס איז געווען אַזוי אין דער לינקער דאָרטן פּוילן פּרעסע. טאַקע האָבן אַ סך יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן אַזוי געזען אין דעם אַ סך אמת און ער טאַקע דער קיבוץ, איז אין דער דעמאָלטדיקער פּרעסע געשטעמפּלט געוואָרן אַלס שטרייקברעכעריש. אין רעזולטאַט האָבן אַ סך יוגנטלעכע אַרויסגענומען פון דעם פּאָליטישע קאָנסעקווענץ און געשטעמפּלט די גאַנצע פּאָליטישע באַוועגונג אַלס אַזעלכע. דאָס טאַקע האָט נאָר פאַרגרעסערט די דעמאָלט אויך צווישן די יידן די זייערע חלוקי־דעות. דער קיבוץ איז געוואָרן אַ הויפּט־פּראָבלעם אין די דיסקוסיעס צווישן יעדן יידישן פּאָליטיש־דענקנדיקן יוגנטלעכן. אויב ער איז געווען קריטיש־געזעלשאַפטלעך־רייף. דאָס איז אויך געוואָרן מיט דער צייט דער פּרשה'ס־הדרכים אין פּאָליטישן זיך נישט אידענטיפיצירן מיט דער ציו־ניסטישער באַוועגונג. דאָס איז געווען ביי די יידישע ברייטע אַרבעטער מאַסן אַ געדאַנק מיט וועלכן ער האָט בשום אופן נישט געקענט מסכים זיין. דער קיבוץ

איז געוואָרן אַ שאַנד־פלעק פאַרן יידישן ציוניסטישן מהות־לעבן ביים יידישן פאָלקס־מענטש. ביי דער יידישער אַרבעטער־מאַסע איז עס געוואָרן אויסגעטייטשט ווי אַ באַוועגונג וועלכע שטייט אין דעם עקאָנאָמישן זיין לעבנס־קאַמף אויף יענער זייט פון דעם זיינעם געזעלשאַפטס־קאַמף. וועלכעס אויך דעריבער, אויך וועלן מן־הסתם שטייען אין קומענדיקן קלאַסן־פאַרמעסט אויך אין דער קעגן־באַריקאַדע אין זיין קאַמף.

דעריבער איז אויך פאַרשטענדלעך געוואָרן ביי דעם אַרבעטער דער ציוניזם ווי אַ נאָר בורזשואזיע באַוועגונג און נישט קיין ריכטיקע פאָלקס און אַרבעטער באַוועגונג, וועלכע אויך זענען קעגן די אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער.

די לינקע יידישע אַרבעטער־מאַסן האָבן צוליבן נישט לעגאַלן זייערן־סטאַטוס זיך גרופירט אין די דאָרטן שטעטעלדיקע פראָפ. פאַריינען. ביי אונדז אין שטעטל איז אַזעלכעס געווען דער נאַדעל־פאַריין. אָבער אויך האָבן זיך דאָרטן גרופירט די שטעטישע אַרבעטער פאַכן נישט דווקא קיין נאָדעל־אַרבעטער. אָבער אין גרונט גענומען האָט דער אַרבעטער־פאַריין געהיטן אויך זיינע היסטאָרישע אויסגע־קעמפטע אַרבעטער רעכטן, ווי למשל — 8־שעהדיקער אַרבעטער טאָג ווי אויך אַנדערע אַרבעטער דערגרייכונגען. דער נאָדעל פאַריין דאָך זיין פאַכמענישער נאָר עקאָנאָמישער אַרבעט האָט אָנגעפירט מיט אַ ברייט פאַרצווייגטע אַרבעט, קולטור־אַרבעט. עס זענען פאָרגעקומען פאַרשידענע ליטעראַרישע־אָוונטן און פּאָליטישע געשפּרעכן און האָבן געפירט אַ ברייט פאַרצווייגטע פּאָליטישע טעטי־קייט כאָטש דאָס אַליץ אין נישט לעגאַלן־מאַסשטאַב און האָבן געהאַט זייערע השפעה אויף אַ גרויסן חלק פון דער יידישער דעמאָלטדיקער יוגנט־עפנטלעכקייט ווי אויך אין געשטאַלטונג פון יענער צייטיקער פּאָליטישער געזעלשאַפט.

נאָכן ענדיקן זיך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין קאָנסעקווענץ געקומענע רעוואָלוציעס האָט די אייראָפּעאישע־מאַפּע געהאַט אַ פּאָליטישן אַנדערן וועלט־אויסזען. דריי פון די מעכטיקע — טראָן־מאַכטן אין דער דעמאָלטדיקער אייראָפּע פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אַראָפּ אין טמיון פון דער געשיכטע: דאָס איז געווען דאָס צאַרישע רוסלאַנד; דאָס ווילהעלם־דייטשלאַנד און דאָס עסטרייך־אונגאַריש־קייזערטום. איצט נאָך דער מלחמה איז אַנשטאָט דאָס צאַרישע רוסלאַנד אַנטשטאַנען דאָס סאָציאַליסטישע ראַטנפאַרבאַנד, דאָרטן נאָך דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע זענען די דאָרטיקע מושלים געווען באַשעפטיקט מיטן צוריק אויפשטעלן דאָס לאַנד פון די מלחמה חורבות, ווי אויפשטעלן אירער אינדוסטריע, נאַציאָנאַליזירן די דאָרטיקע גאַנצע — פּריוואַט־ווירטשאַפט ווי אויך דאָס איינפירן די אַזוי גערופענע — פויערים קאָלעקטיוויזאַציע און אַלעס אַנדערע, וועלכעס רופן — סאָציאַליזם!

פון דעם ווילהעלם־דייטשלאַנד, וועלכעס איז געלעגן צו פיס נידערגעשלאָגן, אין רעזולטאַט וועלכן האָט אין גאַנצן דאָרטן לאַנד געבושעוועט אַ רעוואָלוציאָנערער אויפברויז, ווו אין צענטער איז געשטאַנען די סכנה פון באַהערשן דאָס לאַנד דורך דעם קאָמוניסטישן — „ספּאַרטאַקוס־בונד“, וועלכעס האָט פאַרשטענדלעך געצווינגען די דאָרטיקע בורזשואַזיע איינגיין אין אַ פּאָליטישער קנוניה מיט געוויסע אַרבעטער־פירער, אַרויפצווינגען אַן אַנגעוואָרפענער קייזערלעכע־ווילהעלם דעמיסיע און נאָכהער דערשטיקנדיק אין בלוט דעם רעוואָלוציאָנערן אינערלעכן לאַנד־אויפברויז -- געשאַפן דאָרטן אין דייטשלאַנד די ערשטע דייטשע רעפּובליק!

פון דעם דריטן עסטרייך־אונגאַרישן קייזערטום זענען אין רעזולטאַט פון נאָך דער מלחמה אויפגעשטאַנען זעלבשטענדיקע לענדער: יוגאָסלאַוויע, רומעניע, אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיי. ווי אויך זענען טייל שטחים פון דעם קייזערטום, צוריק אַריין אין דער נייער אַנטשטאַנענער פּוילן. עסטרייך גופא איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מדינה מיט אַ באַפעלקערונג אַנטשפּרעכנד צו אירע לאַנד־גרענעצן.

דער „וועלטסאָלער שלום־אָפּמאַך", וועלכער איז געווען אַ „באַצווינגערישער" האָט געהאַט אַ באַרעכטיקטע פּאָליטישע שטעלונג, דאָך אין דעם „ווערסאַלן אָפּמאַך" געשאַפענער פּאָליטישער וועלט־מאַפּע שוין געווען די סיבות צו דער צוקונפטיקער מלחמה. געוויסע פּאָליטיקער האָבן אָנגערופן צו יענער צייט דעם ווערסאַלן־אָפּמאַך אַ „קאָניוקטורעלן" און „קינסטלערישן". דער עיקר אין דעם קינסטלערישן געווען שוין פּראָבלעמאַטיש אַזעלכע לענדער ווי פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיי, וועלכע לויטן עטנישן צוזאַמענשטעל געווען אַ געמיש פון פאַר־שידענע פעלקער מינדערהייטן, אַזעלכעס איז טאַקע צוגלייך מיטן ענדע פון דער מלחמה געוואָרן פּאָליטישע מחלוקות אין אייראָפּע. די פאַרענדיקטע מלחמה מיט אירע חורבות וועלכע זענען געווען שטאַרק קענבאַר אין יענער גאַנצער אייראָפּע, וועלכע וואָלטן דאָך באַדאַרפן באַשעפטיקן די דאָרטיקע מושלים כדי די אַלע חורבות צוריק אויפשטעלן, דאָך דעם אַלעמען, האָבן נישט אויסגעמיטן דעם דעמאָלטדיקן אָנקומענדיקן אין אייראָפּע וועלט־קריזיס!

וואָס שייך די צוויי אין אייראָפּע זיגערישע לענדער פראַנקרייך און ענגלאַנד זענען די געווען און געלעבט אויף די קראַנצן פון גרויסן פּאָליטישן בצחון, כאָטש האָבן געהאַט אויך די זעלבע פּראָבלעמען פון רעסטאַווורירן די דאָרטן זייערע ווירטשאַפטן, כאָטש ווי אויך האָבן געהערשט אויף כמעט אַ האַלבער וועלט, ווי אין אַזיע און אַפריקע, דאָס הייסט האָבן פאַרמאָגט „קאָלאָניעס" מיט הונדערטער מיליאָנען דאָרטן אין די קאָלאָניעס — מענטשן, דאָך נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען האָט דאָרטן אויך געבושעוועט דער אָנקומענדיקער וועלט־קריזיס.

די פאַרייניקטע שטאַטן, דאָס גרעסטע אין דער וועלט אינדוסטריעל־לאַנד, דאָס רייכסטע אין וועלט לאַנד האָט אויך אַדורכגעלעבט דעם קאַפּיטאַליסטישן וועלט־קריזיס, דאָס לאַנד האָט געהאַט מיליאָנען אַרבעטסלאָזע, מיט גרויסע דאָרטן אַרבעטער דעמאָנסטראַציעס און אַרבעטער־ קאַמפן ביז אויך באַריקאַדע־קאַמפן און אַרבעטער פאָדערונגען פאַר אַן אַנדערער געזעלשאַפטס־אָרדענונג לויטן פּראָלעטאַרישן רוסלאַנד.

כדי אַ־פּראָפּאָ צו דערמאָנען אַז אין קאָנסעקווענץ פון דעם וועלט־קריזיס איז געווען אומעטום גרויס הונגער. אָבער טאַקע דער זעלבער הונגער האָט געבו־שעוועט אויך אין רוסלאַנד. דאָרטן טאַקע נישט פון דער סטאַגנאַציע אין דער פּראָדוקציע־פּראָדוצירונג, וועלכעס איז געווען אַ רעזולטאַט פון די עודפים פון דער אָנגעשאַפענער פּראָדוקציע אין יעדן קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וועלכע האָבן נישט געפונען קיין אָפּזאַץ־מערק אין דער וועלט. אין רעזולטאַט פון דעם גרויסן עקאָנאָ־מישן וועלט־קריזיס. אָבער דאָך איז אין פּראָלעטאַרישן רוסלאַנד געווען אויך

הונגער. מיליאָנען מענטשן האָבן דאָרטן געהונגערט, טויזנטער זענען פון הונגער געשטאָרבן אין דער צייט פון דער דאָרטיקער אַדורכגעפירטער אויף כוח פויערים קאָלעקטיוויזאַציע.

דער הונגער דאָרטן, איז נישט דווקא לויטן עקאָנאָמישן געזעץ־ציקל אין דער בורזשואַזיע־געזעלשאַפט, נאָר צוליב דער קינסטלעריִשער אַנגעוואָנדענער שיטה אַלס שטראָף דער דאָרטיקער רוסישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט נישט געוואָלט אָננעמען די אַרויפגעוואָרפענע מיט כוח — קאָלעקטיוויזאַציע. די צייט טאַקע איז געווען, פּאַראַלעל מיט דער צייט פונם באַקאַנטן וועלט־קריזיס. דאָרטן אין רוסלאַנד זענען געווען גרעסערע און פילצאָליקע טויט־פאַלן אין רעזולטאַט פון דעם הונגער. נאָר צוליב דעם, וואָס אַזעלכעס איז דאָרטן נישט פּובליצירט איז עס פאַרשטענדלעך געבליבן פאַר דער וועלט — אַ סוד.

די עקאָנאָמישע לאַגע אין פּוילן איז אויך אַוודאי נישט געווען בעסער, כאָטש עס איז געווען מער אַן אַגראַר לאַנד ווי אַן אינדוסטריעל לאַנד. דאָך איז דאָרטן געווען גרויס די אַרבעטסלאָזיקייט. עס איז געווען אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס און אַפילו פויערים־אויפשטאַנדן. מיט איין וואָרט קריזיס און הונגער אויף דער גאַנצער וועלט. אומעטום סיי אין דאָרף סיי אין שטאָט! וואָס שייך דעם אונדזערן שטעטל איז עס דאָרטן דער הונגער געווען אַ שטענדיקער באַשטאַנד, דעריבער האָט עס נישט געמאַכט קיין ספּעציעלן רושם. דער יידישער איינוווינער האָט געלעבט אין פּערמאַנענטן הונגער, אין אייביקער נויט, כאָטש דאָס עקאָנאָמישע לעבן אין שטעטל איז געווען גאַנץ פּרימיטיוו, ווי נאָר הויפּטזעכלעך די שפּייזונג.

דער עקאָנאָמישער קריזיס אין פּוילן האָט געברענגט דעם אַרבעטער־קלאַס צום באַוווסטזיין נישט נאָר פאָדערן בעסערע באַדינגונגען, נאָר זיי האָבן געזוכט די סיבות פון דעם געקומענעם קריזיס. די יוגנט ווי בפרט די יידישע יוגנט זענען געווען אומעטום. געווען דער אַקטיוור גורם אין דער געזעלשאַפטלעכע דעמאָלט וועלט, געווען די טאַקע, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ זאַפּאָרטיקע לייזונג פון דעם הונגער־פּראָבלעם. די דעמאָלט פּאָליטישע פּאַרטייען אין שפּיץ־שטייענדיקע סאָציאַליסטן האָבן פאַרגעלייגט זייער גאַנצן טעאָרעטישן סאָציאַליסטישן אַרסענאַל אין קאַמף קעגן דעם וועלט־קריזיס, וועלכעס האָט זיך אויסגעדריקט אין פאָדערן דעמיסיאָנירן די דאָרטיקע רעגירונג! די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געפירט די אַרבעטער אויך אויף די גאַסן, געפאָדערט אַרבעט און ברויט, דאָס אַלץ לויטן באַקאַנטן רעצעפּט פון רוסישן נעכטן, ווי אַרבעטער־שטרייק ביז אַפילו באַריקאַדן־קאַמפן. אַלע אַנדערע פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען, ווי די פּ. פּ. ס. אויך דער יידישער בונד האָט אָנגעהויבן פאָדערן פאַרשידענע שטיצע פאַר אַרבעטסלאָזע אַרבעטער. גערעדט האָט מען אויך וועגן נייע געפאָדערטע וואַלן, וועגן אַ ליבעראַלן

מעסיקן רעגירונגס־רעזשים. ווי נישט ווו, האָבן סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געגרייט זיך צו דעם עוואָלוציאָנערן אַריינוואַקסן פון דער בורזשואַזיש־פאַשיסטישער רעגירונגס־רעזשים צו אַ מער דעמאָקראַטישער רעזשים־הערשונג. פאַרשטענדלעך האָבן געפאָדערט אין די אַלע פאָדערונגען צו נאַציאָנאַליזירן די בענק און אוודאי די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע טרעסטן און מאָנאָפּאָלן. אַזוי אַלע אינאיינעם האָבן געפאָדערט זאַפּאַרטיקע הילפס־שריט.

אָבער אין דעם פּאָליטישן עקאָנאָמישן קאַמף האָט געפעלט איין זאַך — איינהייט פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע זאָל ווי איין גוף האָבן אין שטעלונג צו די אַלע געפאָדערטע דעמאָלט פּאָליטישע פּאָסטולאַטן. יעדע איינע פּאָליטישע פּאַרטיי האָט פאַרגעלייגט אירן פּאָליטישן אַרסענאַל, אירן פּאָליטישן באַגאַזש און נישט מער. אָבער דעמאָלט האָט אויך געפעלט דער אויסערלעכער גורם, ווי בשעתו אין רוסלאַנד. דאָס איז דער מלחמה־גורם. פאַרשטענדלעך אין אַזאַ צייט וואָלטן די מאַסן געהאַט דאָס געווער אין דער האַנט. דאָס וואָלט דעם אַרבעטער געגעבן אויסדויער אין אַ באַזע פאַר זיינע גערעכטע פאָדערונגען. אַזעלכעס אָבער, האָט נאָר געהאַט דער הערשער־קלאַס. דאָס איז געווען די בורזשואַזיע. זי טאַקע האָט דאָך אויך עפּעס געלערנט פון דער פאַרגאַנגענהייט פון יענער רעוואָלוציאָנערער צייט, דעריבער פאַרשטענדלעך האָבן דאָס געווער אויסגענוצט לטובת אירע קלאַסן־אינטערעסן.

אין דער צייט, איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען אָנגעוואַנדן אין דעם וועלט־קריזיס. הילפס־שטיצע פאַרן אַרבעטער. אַזאַ שטיצע איז געווען כמעט אין דער גרויס פון זייערן פאַרדינסט, און זייערן אַרבעטער־לוין. דאָס האָט דאָרטן מעסיקער געמאַכט זייער קאַמף. אָבער אין די אייראָפּעיִשע לענדער איז אַממיינסטן געווען אָנגעוואַנדן כוח. דאָס הייסט האָבן דערשטיקט מיט כוח די אַרויסטריטן פון אַרבעטער־קלאַס. אַזעלכעס איז געווען אין די לענדער: אונגאַרן, רומעניע, איטאַליע און אוודאי אין פּוילן.

אויך איז געווען אָנגעוואַנדן דורך דער בורזשואַזיע שריט פון אַ אָרגאַנישן אַריינדרינגען אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס, כדי אינערלעך צעשפּליטערן זייערן אַרבעטער־איינהייט, אין זייערן אַרבעטער־קאַמף. אַזוי טאַקע האָבן עס אויסגענוצט מיט הצלחה אין די לענדער ווי איטאַליע און דייטשלאַנד. אויך האָבן פאַרזוכט שאַפן אירע אַרבעטער־פאַריינען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס אַליץ, איז געווען אַ שפּעטערער קעגן־גורם אין אַרבעטער־באַוועגונג, ווי בפרט אין זייערע אַרבעטער־פאָדערונגען, וועלכעס איז אויך געוואָרן שפּעטער אַ באַזיס פון דער פאַשיסטישער בורזשואַזיע־הערשונג.

פּוילן — דאָס פּילסודסקי פּוילן — איז אין יענער צייט געווען פון די ערשטע

לענדער, וועלכע האָבן אָנגעוואָנדן אינערלעכן קעגן־טעראָר אין הערשונג, לגבי דער באַפעלקערונג. דער דאָרטיקער רעזשים איז געווען פול מיט צביעות און בייז, ער איז געווען פול מיט קעגנשפּרוכן און פול, ווי געוויינטלעך מיט יידן־שנאה. געווען איז דער רעזשים אויך פיינטלעך קעגן דער דאָרטיקער מינדערהייטס־באַפעלקערונג. טאַקע אין דער צייט איז עס דעמאָלט פאָרגעקומען אין אונדזער שטעטל די דעמאָלטדיקע באַשריבענע פויערים־דעמאָנסטראַציע, וועלכע איז געווען אַ פועל־יוצא פון דער דעמאָלטדיקער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע. די פּאָליטישע אָרגאַניזירונג איז נישט דווקא געווען אַזוי ספּאָנטאַניש, ווי דעמאָלט האָט זיך זי אין אָנפאַנג אַרויסגעוויזן, נאָר געהאַט אַ פּאָליטישן אונטערשלאַק. די דעמאָלט פּאָליטישע לאָזונגען אין דער פויערים־דעמאָנסטראַציע האָבן עס טאַקע אַזוי באַשטעטיקט, ווי אויך בפירוש אָנגעוויזן אויף דער שייכות צו דער פּאָליטישער פּאַרטיי, וועלכע איז געשטאַנען און געשטיצט זי פּאָליטיש.

די דעמאָנסטראַציע האָט פּאָליטיש געווירקט, ווי מיר האָבן געזען אויף דער שטעטישער יוגנט. עס זענען געווען נאָכוויַען שטאַרק אויפטרייסלנדיקע דאָס דע־מאָלטדיקע אונדזערע שטעטלדיקער געזעלשאַפט. דאָס איז דעמאָלט געווען אַ שטויס־פּונקט פון דערלערענען די שוין אַזוי באַוווסטע טעאָרעטישע גרונט־פּרינציפּן פון דעם אַזוי שווערן אָנקומענדיקן וועלט־קריזיס. דער קריזיס איז טאַקע געווען אַ פאַרווירקלעכונג פון דער מאַרקסיסטישער באַהויפּטונג, ווי אַלס שטענ־דיקער פאַרבאַדינג פאַר יעדער קאַפּיטאַליסטישער רעזשים־געזעלשאַפט, וועלכע איז אין דער עפּאָכע געווען און געהערשט כמעט אין דער גאַנצער וועלט. דאָס טאַקע האָט באַשטעטיקט די גרונט־טעזן פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם־לעניניזם, וועגן ציקל־גאַנג פון דער נישט פּלאַנירטער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוצירונגס־שיטה און דעריבער איז נישט אַנדערש ווי געדרינגען די באַרעכטיקונג פון אַ פּלאַנירטער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפטס־שיטה, וועלכע איז אין דער פּלאַנמע־סיקייט פון דער פּראָדוקציע־פּראָדוצירונג, ווי אויך בפרט אַ ריכטיקע פאַרטיילונג פון אַזאַ מין פּלאַנירונג קאָן און מוז אויסמיידן אַזעלכע עקאָנאָמישע קריזיסן, וועלכע זענען אומפאַרמיידלעך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

דער קריזיס האָט דעמאָלט געדויערט יאָרן. טאָג־טעגלעך זענען געווען ידיעות פון קראַכן בענק און גרויסע באַנקראָטן פון אונטערנעמונגען. טאָג־טעגלעך האָט געשטיגן דער יקרות און די אינפלאַציע. דער אַרבעטער־פאַרדינסט פון די וועלכע האָבן געאַרבעט איז געווען כמעט אַ גאָרנישט אַקעגן דעם געברויכטן נויטיקן קאָנסומירן פאַר זייערן לעבן־שפּייז. אַזעלכעס איז געווען פאַרבינדן מיט גרויסע אַרבעטער־פּראָטעסטן. די דעמאָלטדיקע פּרעסע, צוגלייך מיט די אַלע דאָרטן די אָנגעגעבענע באַריכטן איז געווען באַגלייט מיט פּאָפּולערע קאַריקאַטורן פון דעם

שוין אַנקומענדיקן בורזשואַזיע־באַנקראָט, ווו עס פעלט נאָר דער איינציקער ענדגילטיקער אַרבעטער קלאַס אַלס דער לעצטער שטויס אין דעם צעפאַלנדיקן קאַפּיטאַליסטישן רעזשים.

די אַרבעטער האָבן דעמאָנסטרירט און געפאָדערט אַרבעט און ברויט. די פּויערים אין די דערפער, דאָס זעלבע, זיי, די פּויערים זענען געווען אַקטיוו באַטייליקט אין דעם קאַמף. אין אַלע שטעט אין פּוילן זענען פאָרגעקומען גרויסע דעמאָנסטראַציעס: וואַרשע, לאָדזש. קראָקע, קיעלץ און פיל אַנדערע אַוודאי אויך אין די געביטן פון פּוילישן אַרבעטער־אַוואַנגאַרד, וועלכעס איז געווען די דאָרטיקע גרובן־קאָפּאַלניעס. דאָך אין דעם אַלעמען האָט געפעלט אַן איינהייטלעכע שטאַרקע האַנט, וועלכע וואָלט אפשר געקענט דערפירן אַלץ, צו געוויסע אַרבעטער פאַר־בעסערונגען.

☆

די פּאָליטישע לאָזונגען פון דער דעמאָלטדיקער שטעטישער דעמאָנסטראַציע איז געווען ווי מיר האָבן געזען אַ רינגעלע אין דער קייט פון די אַלע דעמאָלט דעמאָנסטראַציעס. די לאָזונגען האָבן אויך פאַרשטענדלעך אַנגעוויזן אויף די פּאָלי־טישע רמזים פון די טעריטאָריעלע פאַרכאַפּטע אַמאָליקע פּוילישע־אוקראַינישע שטחים דורך דער פּוילישער הערשונגס־קליקע, ווי אַלס ערדן־צוגעהעריקע צו דער אוקראַינישער ראַטן־רעפּובליק, אַזוי אַרום מיר באַוווינטע דאָרטן יידן זענען געוואָרן אַ שפּרונג־ברעט אין דער קומענדיקער מלחמה צווישן די צוויי דעמאָלט שכנים־פעלקער: רוסלאַנד און פּוילן. אַזעלכעס האָט דעריבער באַוויגן אונדז דעמאָלט יוגנט ווערן אויך אַ אַקטיווער גורם אין די געביטן דאָרטן ווי מיר האָבן געוווינט. גלייכצייטיק האָבן מיר די יידן אין כלל גענומען, געמוזט ווערן אויך אַן אַקטיווער גורם אין דער אויסגעשפּראָכענער דעמאָלטדיקער געזעלשאַפט. דאָס יידישע פאָלק, וועלכעס איז געווען פאַרטראָטן אין די ביידע עקאָנאָמישע קעגנ־זעצלעכע ווירטשאַפטלעכע לעבנס־סטרוקטורן איז געווען גייסטיק פאַרקערפּערט אין דעם קאַמף מיטן גאַנצן זייַנעם פיזישן קיום. טאַקע אַלס אַזעלכע אויך זיך פאַרבאַרייטעט צו אַזאַ קאַמף. אין דער עפּאָכע פון דעם דערמאָנטן קלאַסן־קאַמף איז אויך דער יידישער יוגנטלעכער געווען פאַרטראָטן אין די צוויי קלאַסיש קעגנזעצלעכע דערמאָנטע לאַגערן. נאָך מער, די יידן אַלס אונטערדריקטע פאָלקס־מינדערהייט אין יענער פּוילישער געזעלשאַפטלעכקייט האָבן זיך געזען מער אויף דער זייט באַריקאַדע פון גערעכטן יושר אין דעם טאַקע פּאָליטישן געראַנגל־קאַמף, כאָטש אויך אין דער גרעסטער מערהייט זענען די יידן ווירטשאַפטלעך געווען אַ מיטלשטאַנד־שיכט, וועלכער נאַטירלעך ווערט אַ פאַרבינדעטער פון אַרבעטער

אין אַזאַ פּאָליטישן קאַמף, דעריבער אויך די גרויסע וויכטיקייט אין דעם קאַמף געווען מצד דער יידישער יוגנט שוין נישט רעדנדיק, וועגן דעם שטענדיקן יידישן פרייהייטס־ווילן נאָך פּראָגרעסיווע מענטשלעכע פרייהייטס־אידעאַלן.

☆

אַזוי, איז געווען דיווירקלעכע געשאַפענע פּאָליטישע לאַגע צו יענער צייט אין דער גאַנצער וועלט. אַזוי איז געווען די דעמאָלטדיקע וועלט אויך אין גייסטיקן אָרט דענקען, אַזוי איז עס געווען אין דעם האַלב־אַגראַרן פּוילן, ווו פאַרשטענדלעך אין דער פּוילישער רעזשים־הערשונג, זענען געווען די ערשטע קרבנות דער קליינער מיטל־בירגער און אַרבעטער פון דער יידישער יוגנט, וועלכע האָבן זיך דווקא געוואָלט באַווייזן אין דעם קאַמף ווי ריכטיקע קעמפער, זענען אויך געוואָרן די ערשטע שעיר־לעזאזלן אין דעם קאַמף, ווייל צוגלייך מיט דעם האָבן די בורזשואַזיע באַשולדיקט אין דעם קאַמף טאַקע מער די יידן, ווי אַלס, עיקרדיקע סיבות אין דעם דאָרטן גאַנצן ווירטשאַפטלעכן שלעכטן. אין רעזולטאַט פון דעם האָט זיך דאָרטן מער פאַרשאַרפט די אַזוי אויך עקזיסטירנדיקע זאָאָלאָגישע שנאה צו יידן, וועלכעס איז טאַקע געוואָרן אויסגענוצט פון אַלע דאָרטן בורזשואַזיע־פּאַרטייען, אַלס קעגן־מיטל אין דעם אַזוי בושעוודיקן אין פּוילן־קריזיס.

אַזאַ מין יידן־שנאה איז געווען אַ טאַקטיש מיטל בכדי אָפּלענקן דעם גרויסן פאָלקס־כעס פון פּוילישן פאָלק מחמת דעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס, און אים דעם כעס אַרופפירן אויף די יידן, וועלכע ווירטשאַפטלעך האָבן געהאַלטן אין זייער האַנט כמעט דעם גרעסטן טייל פון דאָרטיקן האַנדל און מסחר. דעריבער איז געווען געדרינגען, אַז, די פּוילישע דאָרטן אַנטיסעמיטישע בורזשואַזיע האָט געדענקט פון אויסנוצן אַזאַ מין פּרנסה־אָפּצווייג פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג נישט ווי אַ פאַרגרינגערונג אין דער דאָרטיקער ווירטשאַפטלעכער לאַגע, נאָר, כדי שלעכט טוען דער יידישער באַפעלקערונג ווי אויך אַוודאי פּאָליטיש אָפּלענקן יעדן אַרויסטריט פון דער פּוילישער נישט צופרידענער אַרבעטער־באַפעלקערונג נישט קעגן זיך אַלס בורזשואַזיע, נאָר דווקא קעגן דעם יידישן דאָרטן באַווינטן חלק איינוווינער אין לאַנד. כאָטש אין אַלגעמיין האָט עס נישט געקענט לייזן די אַלגעמיינע דעמאָלט אין פּוילן עקאָנאָמישע לאַגע.

פון דער צווייטער זייט איז דער נייער אויפגעשוווּמענער קעגן יידן העץ־אַנטיסעמיטיזם געווען אַ גרויסער אָנרעגונגס אַקט אין יידישן דערוואַכונגס־פּראָצעס צו אַ זעלבסשטענדיקן יידישן נאַציאָנאַלן קיום. דאָס האָט אויך געגעבן דעם נייעם שוווּנג פון אַ ספּעציעלער יידן־פראַגע, וועלכעס צו יענער צייט ווערט אַ

גרונט־פּראָבלעם אין אַלע געפירטע פּאָליטישע דיסקוסיעס אין יידישן דאָרטן ציבור־לעבן. אַזעלכעס ווערט צו יענער צייט אַ אַלגעמיינע פראַגע אין די געש־פּרעכן סיי אין אַלגעמיינעם אַרבעטער־קלאַס, ווי אַפילו ביי דער יידישער קאָמו־ניסטישער יעווסעקציע וועלכע האָט געמוזט אָננעמען פּאָליטישע שטעלונג, וועלכעס, האָט געהאַט אויסדרוק אין דער פון איר דעמאָלט געשאַפענעם יידן־לייזונג־פּראָבלעם אין די געביטן פון דער גרויסער אַרבעטער אימפּעריע — רוסלאַנד, שאַפנדיק דאָרטן אַ ספּעציעלע יידישע באַווינטע געגנט אין דעם זייערן דאָרטן לאַנד גערופן בירא־בידזשאַן.

☆

אונדזער דעמאָלטדיקער צייט־אָפּשניט, צווישן די צוויי וועלט מלחמות, האָט טעאָרעטיש געהייסן לויט לענין „אַנטשידענער עטאַפּ פון אימפּעריאַליסטישן מאָנאָפּאָליסטישן־קאַפּיטאַליזם", וו. לענין, דער גרעסטער טעאָרעטיקער פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט טאַקע דעם קאַפּיטאַליסטישן מאָנאָפּאָליסטישן עטאַפּ אויך אָנגערופן אַלס עטאַפּ פון „רעוואָלוציעס און מלחמות" דער עיקר פון שוין גוססדיקן קאַפּיטאַליזם אויך, ווי פאַרשטענדלעך האָט לענין אָנגעוויזן אין דעם עטאַפּ אויף אַ נאַציאָנאַלן דערוואַכונגס־פּראָצעס פון אַלע קאָלאָניאַלע און נישט קאָלאָניאַלע מינדערהייטס־פעלקער און גרופן צו אַ קאַמף פאַר באַפרייערישן — „פעלקס־קאַמף"! צוליב דעם אַלעמען האָט די בורזשואַזיע, כדי דווקא ווייטער הערשן און זיך דערהאַלטן אין איר הערשונג האָבן דעריבער אָנגעוואָנדן אַלע מיני טאַקטישע מעטאָדן און מיטלען כדי צו רעגירן.

זי האָט אָנגעוואָנדן אַלע מיטלען קעגן די אַלע אַרבעטער שטרעמונגען; וועלכע זענען מיט דער צייט ביים אַרבעטער געוואָרן מער באַוווסטע אין זייערע עקאָנאָמישע פאָדערונגען, אין דעם יושר־קאַמף קעגן דעם אַרבעטער, האָבן אויך די בורזשואַזיע אָנגעוואָנדן נייע מעטאָד־מיטלען פון ווילקיר־הערשונג קעגן דעם אַרבעטער, ווייל אַוודאי האָבן נישט געוואָלט איבערגעבן די פאַבריקן און אָנגע־זאַמלטן פון דורות, קאַפּיטאַל אין די הענט פון אַרבעטער.

די נייע בורזשואַזיע שיטה פון הערשונג איז געווען דער פאַשיזם. דאָס איז געווען אַ מעטאָד פון בלויז ווילקיר און גוואַלט, אויך צו יענער צייט איז געווען אַן אָנגענומען מיטל פון אָרגאַנישן אַריינדרינגען אין דער קלאַסן־סטרוקטור פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, וועלכעס האָט געהאַט אַ ציל אינערלעך צו ליקווידירן דעם סטרוקטור־בוי פון אַרבעטער קלאַס. דער פאַשיזם איז געווען דער סאַמע בלוטיקסטער און ווייטיקלעכער רעזשים פון די ביז אַלע היינטיקע רעזשימען

פון דור דורות אונטער דעם פּאַשיזם האָט מען דעם אַרבעטער אונטערגעדריקט, געוואָרפן אין די תּפיסות, פאַרשמאַכט אין די לאַגערן און נאָכמערער פון אים פאַרלאַנגט זיין אַרבעטס־ווערט.

דער קולמינאַציע פּונקט פון דעם פּאַשיזם איז דערגאַנגען אין דייטשלאַנד. דאָרטן איז דער פאַשיזם געווען אַזוי גרוילעך אַזוי חיהשדיק, וועלכער איז אין רעזולטאַט פאַרוואַנדלט געוואָרן בלי ספק אַלס מכשיר אין די הענט פון דער בורזשואַזיע ווי אַ מיטל בכדי גענצלעך ליקווידירן אַלע ביז יעצטיקע אַרבעטער־דערגרייכונגען און אַפילו אַלס זעלבסשטענדיקן קלאַס. אויסער דעם האָט דער פּאַשיזם ליקווידירט אַלע דעמאָלטצייטיקע פּראָגרעסיווע וועלט־אַנשויאונגען, דער פּאַשיזם אין דייטשלאַנד האָט אַנגעוואַנדן אויך כּוח פון פיזישן קאַמף קעגן יעדער דעמאָלטדיקער פעלקער־מינדערהייט ביי זיך אין לאַנד, ווי אויך דעריבער געשאַפן אַ מין ראַסן־טעאָריע, וועלכע האָט באַדאַרפן ווערן אַ מין קעגן טעאָריע דער טעאָרעטישער פּראָלעטאַרישער באַגרינדונג פון קלאַסן־קאַמף צו אַ גרעסערן יושר. דער פאַשיזם האָט אָפן ערקלערט נישט נאָר קאַמף קעגן זיין אייגענעם אַרבעטער פאָלק נאָר אויך דערקלערט אַן אומרחמנותדיקן קאַמף קעגן אַלע אַרבעטער אין אויסערלעכן וועלט־מאַסשטאַב, וועלכער האָט געהייסן — קאָמוניזם. אויך האָבן זיי די פאַשיסטן געריעדט וועגן אַ פאַרכאַפּערישער מלחמה פאַר זייער ראַסן־פאָלק, ווי אַלס אויבער־פאָלק, ווי דעריבער אין זייערע פאַשיסטישער באַגרינדונג האָבן אָפן גערעדט פון אַ פאַרניכטונג פונעם יידישן פאָלק, ווי אַלס באַקטעריע־טרעגערין פון אַלע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע געזעלשאַפטלעכע אידעען.

☆

דער קאַמף פאַר מענטשלעכן יושר און צדק און אַוודאי דער קאַמף קעגן יעטוועדער מענטשלעכער עקספּלאָאַטאַציע, איז פאַר אונדז יידישער יוגנט געווען אַ דערהויבענע קאַמפס־דערהויבנקייט. ביי אונדז יידישע יוגנט איז געווען אַזאַ מין קאַמף ווי אַ גאָטס געבאָט, ווייל, ווי קענען אַנדערש יידישע יוגנטלעכע דענקען אין דער אונדזער צייט, וועלכע האָבן זיך בלויז דערצויגן אויף ליבעראַלע מאָראַלישע יסודות? מיר יוגנט האָבן זיך געאָפּפערט אין דעם קאַמף, מיר זענען געגאַנגען פאָראויס, ווייל דער קאַמף איז געווען, ווי אַ הייליקייט. דעריבער איז אַזאַ קאַמף אַפילו קעגן דער אייגענער בורזשואַזיע אויך באַרעכטיקט. דעריבער ווען אויף אַזאַ מין קאַמף ערהאַלט אין זיך מיטלען פון שטירצן דעם הערשנדיקן קלאַס, איז ער דעריבער געווען ביי אונדז באַרעכטיקט, ווייל ער האָט געדינט

דעם הייליקן הומאַנישן ציל פון מענטשלעכן יושר, דעריבער האָבן מיר געטראָגן הויך דעם פאָן פון דעם קאַמף.

צוגלייך מיטן קלאַסן קאַמף, וועלכער דרינגט אַרויס פון די עקאָנאָמישע פּראָדוציר־מיטלען האָבן זיי, די מיטלען באַוויגן די גאַנצע דעמאָלטדיקע בור־זשואַזיע, פירן צווישן זיך עקאָנאָמישע קאַמפן אויף דער אויסערלעכער אַרענע, ווי אַ אָפּקאָפּירונג פון דעם אינערלעכן קאַמף. אַזאַ שוין אויסערלעכער קאַמף האָט געהייסן — מלחמה, כדי צו פאַרכאַפּן מער לאַנד־שטחים און אָפּזאַץ־מערק פאַר דער זייערער אָנגעזאַמלטער אָנגעפּראָדוצירטער פּראָדוקציע. ביידע די גע־זעלשאַפטלעכע קאַמפן האָבן דעם עקאָנאָמישן אינטערשלאַק, סיי דער אינערלעכער און סיי דער אויסערלעכער מלחמה זענען געווען אינספּירירט פון דער בורזשואַזיע, ביידע אַלס אַזעלכע זענען נישט קיין באַרעכטיקטע.

די בורזשואַזיע אין אָנפאַנג פון איר אַנטשטייאונגס־פּראָצעס האָט געהאָט דער־הויבענע צילן, די בורזשואַזיע דעמאָלט אין איר זיך עקאָנאָמישן און פּאָליטישן באַזירן האָט געהאָט פּראָגרעסיווע דערהויבענע אידעען לגבי דער פריערדיקער געזעלשאַפט — דעם פעאָדאַליזם. שפּעטער אין גאַנג פון איר אַנטוויקלונג, ווי אַוודאי אין גאַנג פון אָנגעזאַמלטן קאַפּיטאַל אין פּראָצעס פון וואָס מערער עקס־פּלאָאַטירן דעם אַרבעטער, וועלכער שאַפט פאַקטיש דעם בורזשואַ דאָס רייכטום, ווערט די בורזשואַזיע מער פאַרברעכעריש. דעמאָלט שאַפן זיך אויך טרעסטן און מאָנאָפּאָלן. אַלעס דאָס, פאַרלאַנגט מער אָפּזאַץ־מאַרק, ווי פאַרשטענדלעך, אַזעלכע גרופּענע — האַלב־קאָלאָניעס אָדער קאָלאָניעס, דעריבער די פּראָפּאָרץ אין דער פאָלקס־עקספּלאָאַטאַציע ווערט גרעסער און גרעסער ביז צו אַן אינער־לעכן באַהערשן די מאַכט. אַזעלכעס שטויסט אויך די בורזשואַזיע צו אַזאַ מין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן באַהערשן אויסערלעך די וועלט. טאַקע אין דעם אויסערלעכן באַהערשונגס־קאַמף שטייט דער בורזשואַ קעגן אַזאַ ענלעכן ווי ער זעלבס־קאַפּיטאַליסט.

☆

די יוגנט אין יענער צייט, ווי אויך אַ גרויסער טייל יידישע יוגנט איז געווען אַדורכגענומען מיט דעם קלאַסן־קאַמף, אַפילו די דעמאָלט ציוניסטישע יידישע באַ־וועגונגען זענען געווען אין אַזאַ מין געזעלשאַפטלעכן לעבנס־קאַמף. די יידישע יוגנט איז געגאַנגען ווי מען זאָגט אין פאָלק. די יוגנט איז געווען דער פאָרויס־גייענדיקער אַוואַנגאַרד און געפירט דאָס פאָלק אומעטום אויף דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַציעס. די יידישע יוגנט האָבן אַגיטירט און פּראָפּאַגאַנדירט סיי

אין שטאָט ווי אין דאָרף, אין װערקשטאַט אָדער אין פאַבריק. די יידישע יוגנט האָבן אויך געקעמפט קעגן די דעמאָלטדיקע רעגירונגס־קרייזן, קעגן דער אונטער־דריקונגס אַקציע קעגן דעם יידישן פאָלק צו יענער צייט. די יידישע יוגנט האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דעם יידישן האַנדלס־בויקאָט, געפירט דעם קאַמף קעגן די עקסצעסן אויף יידן אין דער פוילישער גאַס, אויך האָבן זיי געפירט אַ קאַמף קעגן די באַגרענעצונגען אין שטודירן, וועלכע מען האָט איינגעפירט פאַר דעם יידישן סטודענט אין די דאָרטיקע הויך־שולן. די יידישע יוגנט האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דער פוילישער ענדעקישער אַנטיסעמיטישער פאַרטיי, וועלכע האָבן בשותפות מיט די פוילישע פאַשיסטישע רעגירונגס־קרייזן איינגעשטעלט די דאָרטיקע „פיקעטן" קעגן דער יידישער פרנסה עקזיסטענץ. אויך האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן דעם דעמאָלטדיקן פאַרבאָט פון דער יידישער „שחיטה", וועלכעס איז געווען אַ שטאָך אין האַרצן דער גאַנצער יידישער עפנטלעכקייט. די יידישע יוגנט האָבן אין זייערער אַגיטאַציע אויפגעקלערט די ריכטיקע סיבות פון דאָרטן מענטשלעכן נישט יושר אין דער עקזיסטירנדיקער פוילישער געזעלשאַפט!

שווער איז געווען דער וועג פון דער יידישער יוגנט. זיי זענען געוואָרן געשליידערט אין די תפיסות אין די דעמאָלט געשאַפענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, געווען געשלאָגן פון דער דאָרטיקער פּאָליציי־דעפּע. דאָך, האָבן זיי דעם קאַמף נישט אויפגעגעבן! די יידישע יוגנט זענען געווען די פאָרשטייער אין צעמענטירן דעם דאָרטיקן אַרבעטער־פראָנט, דעם איינהייטלעכן פראָנט קעגן דעם אינערלעכן פאַשיזם, ווי אויך קעגן דער דראָענדיקער געפאַר פון פאַשיזם אין דער אייראָ־פּעאישער וועלט. די יידישע בחורים האָבן געקעמפט פאַר אַ „קאָלעקטיוון־פאַקט" פון מלוכות קעגן אַן אַנגריף פון דעמאָלטדיקן דייטשן אַגרעסאָר — דעם נאַציזם. די יידישע יוגנט זענען געווען צווישן די קעמפנדיקע רעוואָלוציאָנערן אין דעמאָלטדיקן קעמפערישן פאָלקס־שפּאַניע קעגן דעם פאַשיסטישן פראַנקאָ. די יידישע יוגנט זענען אומעטום געשטאַנען בראש פון אַזאַ געזעלשאַפטלעכן קאַמף!

דער פּאָליטיש־גייסטישער האָריזאָנט אין אייראָפּע, בפרט אין פוילן, איז געווען אין דער איבערוויגנדיקער מערהייט געשטימט — מאַרקסיסטיש. די יוגנט איז געווען פאַרכאַפּט פון זיך נאָר בילדן און לערנען. אומעטום זענען געווען פאַרלייגט אַזעלכע פאָלקס־קעמערלעך פון זיך בילדן. די יוגנט, וועלכע האָט דאָס נישט געקענט באַגרייפן אין יענע צייטן בשעת זייערן מסורה־דערציאונגס, האָבן עס איצט געטוען אַלץ כדי זיך מער באַוווסטזיניק מאַכן, זענען געגאַנגען אויף די דאָרטיקע פאָלקס־אוניווערסיטעטן, ווי אויף פאַרשידענע רעפעראַטן און אַנדערע לעקציעס. אַלע דעמאָלט, האָבן גערעדט וועגן ק. מאַרקסן, באַלייכטן אַ געזעל־שאַפטלעך־פּראָבלעם האָט באַדאַרפן הייסן לויטן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם.

טאַקע צוליב דעם איז אַלעס, וואָס איז אַרויס פון דעם דאָרטן סאָציאַליסטישן ראַטנפאַרבאַנד געווען ווי אַ הייליקייט; רוסלאַנד איז געוואָרן דער מוסטער פון דער דעמאָלטדיקער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. דער ראַטנפאַרבאַנד איז געווען דער באַסטיאָן פון דעם אַלעס וואָס הייסט יושר און צדק, ווי אויך געוואָרן די טרעגערין פון דער שלום פּאָליטיק אין דער וועלט!

אַלעס, דעריבער וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד איז געווען אָן קריטיק אויפגענומען, למשל: די דאָרטן איינגעפירטע שלאָגלעריי אין דער אַרבעט, ווי בפרט די דאָרטן סאָבאָטניקעס — כשר. יידישע באַזידלונג אין ביראָ־בידזשאַן — כשר. די דאָרטן געפירטע פּאָליטישע „רייניקונגס־פּראָצעסן" געווען אַוודאי ווי אַ פאַרשטענדלעכע זאַך. די דאָרטיקע 5־יאָר פּלענער אין דער אַנטוויקלטער אינ־דוסטריע — אויך כשר (כאָטש פּאַקטיש איז עס געווען ו. לעגינס טעאָרעטישער געדאַנק), דאָס אַפילו בויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד איז אַוודאי געווען ריכטיק און פאַרשטענדלעך. מיט איין וואָרט רוסלאַנד איז געוואָרן און געווען דעמאָלט אונדזערער טרוים און אונדזער קאַמף. רוסלאַנד איז געווען פאַר אונדז דער מוסטער פון אַן מענטשלעכער עקספּלאָאַטאַציע, יעדער דאָרטן אויפטו האָט דערוועקט אין אונדז גרויס פרייד. מיט איין וואָרט דער ראַטנפאַרבאַנד איז געווען די שטאַנצע פאַר דער גאַנצער פּראָגרעסיווער וועלט. ער איז געווען דער טרוים פון הומאַנישן מענטשלעכן סימבאָל און פון נאַציאָנאַלער גערעכטיקייט אין דער וועלט.

☆

מיטן אָנקומען די פּאָליטישע ענדערונגען אין דאָרטיקן דייטשן רעזשים דעמאָלט בשעתן איבערנעמען די מאַכט פון דער היטלער־קליקע אין דייטשלאַנד — אין יאָר 1933 — האָט אַרויסגערופן גרויס באַאומרואיקונג אין יענער אייראָפּע, בפרט ביי אונדז — די יידן. היטלער און זיין כנופיה, דער עקסטרעמסטער טייל פון דער דייטשער בורזשואַזיע, אונטערגעשטיצט פון גרויסן דייטשן פינאַנץ־קאַפּיטאַל, ווי אויך פון קרייזן פון אַלוועלטלעכן פינאַנץ־קאַפּיטאַל, די טאַקע, וועלכע האָבן געוואָלט ווירטשאַפטלעך באַקעמפן דעם דעמאָלטדיקן זיך בויענדיקן ראַטנפאַרבאַנד, האָבן אַפילו אַליין נישט פאַרשטאַנען ווי גרויס ליגט די סכנה, פאַרוואָרצלט אינערלעך, אין דער פאַשיסטישער נאַצי־מאַכט בנוגע דער גאַנצער מענטשהייט, די דווקא וועלכע האָבן געהאָלפן קומען צו דער מאַכט.

די נאַצי־פּאַרטיי, איבערנעמענדיק אין דייטשלאַנד די מאַכט, האָבן זאָפאָרט

אָנגעהויבן איינפירן דעם נישט פאַר דער וועלט גלויבלעכן סתם דעמאַגאָגישע פּאָסטולאַטן פון זיין „מיין קאַמף"־בוך. אָבער די היטלער־רעגירונג האָט אָבער אויסגעפירט כלשונו יעדעס זיינס געשריבן וואָרט פונעם געפּרעדיקט נאַציזם! די ערשטע זיינע פאַראָרדענונגען זענען געווען אויסוואָרצלען מיטן שורש יעדע ליבעראַלע דעמאָקראַטישע פרייהייט, די אַזוי אין בלוט פון דור־דורות אויסגעקעמפטע פון דייטשן־פּראָלעטאַריאַט! נאָכן ליקווידירן יעדן מין געזעלשאַפטלעכן ליבעראַלן געדאַנק סיי אין פאַרטיי פאָרם פון די אַלע וועלכע אידענטיפיצירן זיך נישט מיט היטלערישן נאַציזם האָבן אויך ליקווידירט אַלע דאָרטן מענטשלעכע רעכטן, ווי אויך איינגעפירט אַ מענטשלעכע קסענאָפאַביע צו יעדער מענטשלעכע פאָלקס־מידערהייט, דאָס בפרט קעגן יידישן פאָלק, וועלכעס האָבן איבערהויפּט געוואָלט ממש עוקר מן השורש זיין! פּאָליטיש, איז געוואָרן ליקווידירט דער ווערסאַלער שלום־אָפּמאַך. מיליטעריש אָנגעהויבן זיך באַוואָפּענען, וועלכעס איז אויך אַ מיטל ליקווידירן דאָס דאָרטיקע אַרבעטסלאָזיקייט דערנאָך צוריק איינשליסן די שטחים געביטן, וועלכע האָט געהאַלטן פאַר דייטשע, ווי דער סאַאַר־געביט, ריין־געביט, דערנאָך דער אָנשלוס פון עסטרייך, דערנאָך די געפּאָדערטע סודעטן, פּוילישן־דאַנציג, ווי בפרט גאַנץ פּוילן און דערנאָך די גאַנצע וועלט.

אַ סכנה האָט באַהערשט די גאַנצע וועלט. אינערלעך האָט ער טאַקע זאָפאָרט ליקווידירט אַלע פּאָליטישע פאַרטייען אַ חוץ פאַרשטענדלעך די נאַצי־פּאַרטיי. גלייכצייטיק האָבן זיך אָנגעהויבן די יידן־עקסצעסן, פאַרניכטעט זייערן רכוש, געשיקט אין די טויטן־לאַגערן און געשטעלט זיי — די יידן אויסער יעדן מענטשלעכן קיום־געזעץ. די יידן זענען געוואָרן הפקר. מאָרדן און טויט־פאַלן זענען געוואָרן אַ טאָג דערשיינונג. אויך איז אינערלעך די אַרבעט געוואָרן נישט אַנדערש, ווי אַ קנעכטשאַפט! אינערלעך בכדי זיך גרייטן צו דער מלחמה האָט מען אָנגעהויבן פּראָדוצירן געווער, וועלכעס האָט אַוודאי פאַרקלענערט די דאָרטן גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט, ווייל מיטן פּראָדוצירן דאָס געווער האָט מען געגעבן אַרבעט — נאָך מער וויפל מען האָט באַדאָרפן, דאָס געווער, מיט וועלכן מען האָט באַוואָפנט מיליאָנען דייטשן און געמאַכט פון זיי די חיילים, האָבן שפּעטער אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף דער גאַנצער מענטשהייט. די אַלע זאַכן, די אַלע — פּאָסטולאַטן זענען געווען טאַקע בפירוש געשריבן אין היטלערס פּראָגראַמאַטישן ווערק „מיין קאַמף". אַזוי טאַקע איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ קולטורעל לאַנד. אונטער טאָטאַלע גוואַלט־טאַטן איז געלעגן אַ גאַנץ לאַנד — איינס פון די אַמאָליקע קולטורעלע אין אייראָפּע, וועלכע באַפעלקערונג איז געוואָרן אין לאַגערן געוואָרפן און „פלוכט דערשאָסן", אָדער באַדאָרפן ווערן געשטויסן צו אייגענער באַצווינגענער „זעלבסט־מערדעריי"! דער היטלער רעזשים האָט זיך

אין די זיינע רעזשים־מיטלען נישט אָפּגעשראָקן פאַר קיינע אינערלעכע און אויסערלעכע אָנגענומענע מיטלען. אַזוי האָט מען דעמאָלט אין דעם צוועק פאַרברענט דעם זייערן דאָרטיקן רייכסטאַג. פאַרברענט די ווערק פון יענער צייטיקער וועלט־קולטור אין דעם דעמאָלט באַוווּסטן ביכער־פאַרניכטונג. אַזוי טאַקע פאַרגעדענקט זיך מיר די מעשים ביים פאַרברענען די אַלע ווערק פון די גרעסטע וועלט־קלאַסיקער פון יעדן ליבעראַלן מענטשן־וואָרט. דאָס ווילדעווען פון דער נאַצי־סטאַלפּע בשעת דער נידערטרעכטיקער אַרבעט איז אַזעלכעס דעמאָלט אין דער קולטורעלער וועלט נאָך נישט געווען באַוווּסט! אַ מהומה איז געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט. דאָך איז דאָך נאָך געווען צייט אַז די וועלט זאָל זיך נאָך דאָך באַדענקען און די וועלט האָט געשוויגן.

איך געדענק די דעמאָלט הייסע טעג פון די געשעענישן, די דיסקוסיעס, איך געדענק דעם דעמאָלטדיקן דימיטראָוו־פּראָצעס, דעם באַשולדיקטן אין פאַר־ברענען דעם רייכסטאַג. איך געדענק די שטאָלצע אָפּגעוואָרפענע פון דימיטראָוון באַשולדיקונג אַלס שקר. דאָס זייענדיק פאַרשמאַכט אין דאָרטיקן געסטאַפּאָ־משפּט. איך געדענק דעם געפירטן וויכוח מיטן נאָך נישט אַזוי שטאַרק באַרימטן, דייטשן פּראָקוראָר — גערינג, וועמען ער האָט פאַרגעוואָרפן די אַלע מזימות צו דער פּאָליטישער שפּעטערער פּלאַנירטער וועלט פאַרכאַפּונג, פון דעמאָלטדיקן אינערלעכן פאַשיסטישן דערדריקונגס מעטאָד אין דייטשלאַנד גופא!

איך געדענק שפּעטער די קריסטאַל־נאַכט, ווען די נאַצי־מערדער האָבן אין זייער ווילדן געיעג געיאָגט נאָכן דאָרטיקן יידישן האָב און גוטס, דעם פאַרהאָרע־וועטן פון דור־דורות, דערביי הרגענדיק די אַלע דעמאָלט אָנגעטראָפענע יידן, אין זייער נידערטרעכטיקן בלוטיקן וועג, דערנאָך נאָך האָבן פאַרלאַנגט סאַדיסטיש, אַז די יידן זאָלן זעלבסט באַצאָלן דעם שאָדן פאַר די דאָרטיקע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן!

נישט בעסער זענען געווען זיינע ערשטע שריט אין דער אויסערן־פּאָליטיק. דער „ווערסאַלער שלום", וועלכער האָט באַגרענעצט די באַהערשטע שטחים פונעם פּרייסישן יונקערטום. די פּאַקטיש וועלכע האָבן געברענגט צום ערשטן וועלט־קריג. אָט דער טאַקע — „ווערסאַלער שלום", וועלכער האָט באַגרענעצט די עקספּאַנסיע פון די דייטשע אימפּעריאַליסטן, וועלכע די אין וועג פאַרכאַפּטע שטחים האָבן צו זיך אין זייערן פּרייסן־דייטשן לאַנד פאַרכאַפּט. די שטחים, וועלכע זענען געווען דער רויב־אַרסענאַל פון יענע ביסמאַרק־צייטן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט, דאָס אַלעס, אַזעלכעס איז טיף געווען פאַרוואָרצלט אין דעם דייטשן צוריק רעסטאַווּרירן זיך אַלס אימפּעריאַליסטישע פאַרכאַפּערישע מאַכט בפרט איצט ביי דער היטלער קליקע, איז טאַקע געוואָרן אין ערשטן שריט ליקווידירט.

דער ערשטער תנאַי טאַקע איז געווען פון באַשאַפן באַדינגונגען פון צוריק אָפּנעמען די טאַקע אַמאָל פאַרכאַפּטע שטחים צוריק אין די דייטשע הענט, וועלכע אין רעזולטאַט פון דעם ווערסאַלן אָפּמאַך האָבן געהערט פּאָליטיש צו פראַנקרייך! אין רעזולטאַט פון דער זייערער פאַרלוירענער אַגרעסיע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַזעלכעס איז געלעגן גוט אין די אָדערן פון דער דאָרטיקער דייטשער בורזשואַזיע. דעריבער דאָס איינציקע אין זייערער פּאָליטישער צוקונפט איז נאָר געווען פּאָליטישער רעוואַנש און נקמה! די היטלער כנופיה האָט גאַנץ געניי פאַרשטאַנען די מענטאַליטעט פון דער דייטשער בורזשואַזיע, וואָס נאָך מער, זיי די דייטשן האָבן זיך שוין מיט אַזעלכעס נישט באַגנוגנט, זיי האָבן שוין געדענקט פון אַ וועלט באַהערשונג פון דער גאַנצער מענטשהייט — דאָס האָבן גאַנץ קלאָר דערקלערט און זיך טאַקע צו דעם געגרייט!

די היטלער־רעגירונג, אויסנוצנדיק די דייטשע פסיכאָזע פון רעוואַנש און נקמה, האָבן אויך מיטן זעלבן געשאַפן די אַזוי פאַררעטערישע טעאָריע פון זייערן פּאָלקס־העכערונג פון ראַסן־טעאָריע, וועלכעס האָט באַדאַרפן ווערן אַ מין רעכט־לעכע באַזע פאַר אַ דער גאַנצער זייערער וועלט־פאַרכאַפּונג און באַהערשונג!

☆

דער אָפּגעהאַלטענער נצחון אינערלעך אויפן אַרבעטער־קלאַס אין איינעם פון די שטאַרקסטע אינדוסטריעלע אייראָפּעאישע לענדער פון צענטראַל־אייראָפּע, איז געווען גרויזאַם און פאַרברעכעריש! דייטשלאַנד אין וועלכן לאַנד איז געבוירן געוואָרן דער וויסנשאַפטלעכער־מאַרקסיזם, דאָס לאַנד פון לאַסאַלן, מאַרקסן און ענגעלסן, דאָס לאַנד פון ערשטער אָרגאַניזירטער שטאַרקער אַרבעטער־באַוועגונג, איז געווען אויך און געוואָרן דער גרעסטער פּאָליטישער אַרבעטער־פּיאָסקאָ פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָך די אַלע אָפּגעטוענע ווילקיר־לעכע טאַטן אונטערן היטלערישן־רעזשים — האָט עס נישט אָפּגעשראָקן אַ סך לענדער אין אייראָפּע אין יענער צייט, די טאַקע מער עקסטרעמע פון אויך איינפירן אַזעלכע אינערלעכע פאַשיסטישע לאַנד־באַדינגונגען. פּוילן איז געווען איינס פון די לענדער, כאָטש דאָרט האָט שוין פון לאַנג געהערשט דער פאַשיזם. פּוילן, וועלכעס איז געלעגן אין שכנות מיט רוסלאַנד, דאָך האָט זיך באַדאָרפן רעכענען פּאָליטיש מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די נאַציאָנאַלע דאָרטן מינדערהייטן, די באַוווינטע דאָרטן אין אירע פּאָליטישע גרענעצן, וועלכע דאָך פאָרט האָבן געהאַט אַ פּאָליטישן אָנלען אין דער שכנותדיקער ראַטן־אוקראַינע, דאָס קאָן מעגלעך זיין אַז סוביעקטיוו האָט אפשר באַווייגן די דעמאָלטדיקע

פּוילישע רעגירונג נישט צו זיין אַזוי שטאַרק עקסטרעם צו די אַלע דאָרטן ביי איר באַוווינטע פעלקער מינדערהייטן, דאָך דעם אַלעמען האָט זיך גאַנץ אָפּ־געפּילט דער טעראָר אין גאַנצן לאַנד!

דאָס אַלעס: די דאָרטיקע נאַציאָנאַלע פאָלקס־מינדערהייטן, ווי אויך דאָס זעלבע איז געווען שטאַרק אין בלוט פון יעדן פּאָליאַק, וועלכער האָט געפילט די אייביקע און היסטאָרישע שנאה פון די דייטשן צו פּוילן, זענען אָבער נישט געווען אָפּגעשאַצט פון דער הערשנדער פּוילישער פּאָלקאָווניק־קליקע אין יענער צייט, דאָך די באַדינגונגען זענען געווען פאַרשטאַנען און באַטראַכט פונעם פאָלק. דער עיקר האָבן עס פאַרשטאַנען אַלע אַרבעטער־שיכטן, דאָס אַלעס האָט געקענט געבן פיל־גייענדיקע פּאָליטישע רעזולטאַטן פאַר דער פּוילישער רעגירונג, ווען למשל די פּוילישע בעק־סמיגלי רעגירונג וואָלטן נישט אַזוי שטאַרק נאָכגעלאָפן אין אַלעמען דער דייטשער פאַשיסטישער כגופיה. אַזעלכע צו יענער צייט פּאָליטישע געשעענישן האָבן פאַרלאַנגט אַ מיטאַרבעט פון אַלע דאָרטן פּאָליטישע גורמים אין דער פּוילישער מדינה, כדי צו זיין פאָרבאַרייטעט צו די נאָענטסטע פּאָליטישע געשעענישן. די מאַכט אָבער, איז געלאָפן אין געשפּאַן מיט דער היטלערישער קליקע, ווייל בעסער און גרינגער איז פאַר דער רעגירונג דער אויפגעצווינגענער טעראָר אויפן פּולישן פאָלק, ווי צו אַקעגנקומען די אָנקומענ־דיקע סכנה פונעם מערב־שכן — דייטשלאַנד, ווייל אַזעלכעס וואָלט געהייסן פאַר זיי — פּאָליטישער פּיאַסקאָ!

די נויטווענדיקע אינערלעכע אין פּוילן פּאָליטיק וואָלט באַדאַרפן זיין: איינ־הייטלעכער פראָנט דאָס פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען מיט אַ מיטבאַטייליקונג פון דער דאָרטיקער רעגירונג. אַזעלכעס וואָלט געהייסן קאָנצענטרירן אַלע פּוילישע פאָלקס־שיכטן קעגן דעם אַגרעסאָר. אַזעלכעס איז נישט געוואָרן גע־שאַפן, ווייל טאַקע אַזאַ פּאָליטיק איז געווען די פּאָליטיק פון מאָסקווע. דאָס הייסט שאַפן אַ „קאָלעקטיוון בלאָק" פון מלוכות קעגן דעם פאָראויסגאַנג פון פאַשיזם!

אַזאַ מין פּאָליטיק פון אַ קאָלעקטיוון מלוכות־פאַרזיכערונג האָט טאַקע געהייסן ווי אַן אָפּקאָפּירונג אין דער רוסישער אויסערן־פּאָליטיק פונם אינערלעכן אַזעלכן זיך צעמענטירנדיקן איינהייטס־פראָנט. ביי די פּאָליאַקן אָבער איז אַלעס פון דאָרטן — מאָסקווע איז געווען און געהייסן רוסיש — אין דעם אַליין ליגט שוין די שנאה פון די פּאָליאַקן אין באַצוג צום מזרח־שכן — רוסלאַנד.

אַזאַ שנאה פון פּוילן צו רוסלאַנד איז געווען דאָרטן ביי דער גרויסער טייל באַפעלקערונג אין פּוילן מער אויסדריקלעכער, ווי אַזעלכע אין אויסדרוק צו דייטשלאַנד, ווען אַפילו די דייטשן האָבן שוין ממש זייערע פרעטענסיעס צו פּוילן — אַלס זעלבסשטענדיקן פּאָליטישן רעזשים געהאַט.

אַזוי איז געווען דאָרטן אין פּוילן די פּאָליטישע לאַגע, אויך אינערלעך אין יעדן לאַנד באַזונדער און סיי אויסערלעך אין אייראָפּע. טאַקע אַזוי איז נאָכגעקומען די אינערלעכע געזעלשאַפטס לאַגע ביי אונדז דער יידישער יוגנט, וווּ איז נישט געווען קיין איינקייט, דווקא אין מאָמעט, ווען עס האָט זיך גענויטיקט אַזאַ מין פּאָליטישע איינהייט!

אַזוי אַרום, ווייל עס האָט טאַקע געפעלט דער אחדות צוליב די גיבע חילוקי דעות אין דער אַרבעטער באַוועגונג און ווייל די אחדות איז נישט געווען האָבן די פּוילישע רעגירער געקענט מאַנעווורירן אין דעם ים פון פּאַרטייאישער מחלוקת, און עס איז צו באַוווּנדערן וואָס זעלבסט די פּאַרטייען האָבן נישט פאַרגעזען די גרויסע נויטווענדיקייט פון אַזאַ מין אַרבעטער־פראָנט. אין דעם פּאַרטיי־גערעגל איז דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די דעמאָלטדיקע געשעענישן, וועלכע זענען געווען אַ נויטווענדיקייט ווי דער געבאָט פון דער שעה!

די פּוילישע פּילסודסקי רעגירונג, וועלכע האָט אונטער זיין רעגירן געפירט דאָס לאַנד, אָנהויבנדיק פון יענע האַלב־לעגאַלע צייטן פון צאַרישן רוסלאַנד, דורך די צייטן פון די געשאַפענע לעגיאָנערן, דורך דעם זעלבסשטענדיקן פּוילן, דורך דעם ווערסאַלער שלום, דורך דעם שפּעטערדיקן אַוואַנטורע־פּעריאָד פון דעם אָנפאַל אויף דער יונגער ראַטנרעגירונג דורך דער שפּעטער אָנגעוואָרפענער אין יאָר 1926 — זיין פאַשיסטישער דיקטאַטור, דער זעלבער — י. פּילסודסקי האָט מיטן גאַנצן זיינעם פּאָליטישן אויטאָריטעט, אין יאָר 1934 — זיך געלאָזט פאַרפירן פון די היטלעריסטן אין זייערן פּאָליטישן שווינדל און אונטערגעשריבן אויף גאַנצע 10 יאָר — אַ נישט אָנגרייפס־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, וועלכער איז געווען אין גרונט, פּאָליטישער שווינדל, וועלכעס איז אויך געווען דער אַריינפיר צו אַ פיזישן און פּאָליטישן באַנקראָט פון דער פּוילישער זעלבסשטענדיקייט.

מיטן אונטערשרייבן אַזאַ מין אָפּמאַך צווישן די צוויי לענדער צום יאָרטאָג פון היטלערס קומען צו דער מאַכט, האָט שוין געהאַט גאָר אַ גרויסע סכנה פאַרן פּוילישן פאָלק, נעמלעך עס האָט געהייסן זיך פּאָליטיש אָפּרייסן פּוילן פון דער פראַנצויזישער פריינטשאַפט. פּאָליטיש האָט עס געהייסן פאַר דייטשלאַנד אָפּ־שוואַכן סיי פּוילן און סיי פראַנקרייך, ווייל ביידע לענדער זענען געווען צו יענער צייט די גרעסטע שונאים פאַר דייטשלאַנד, אַזוי דעריבער האָט עס געהייסן אַריינשטעכן אַ מעסער אין רוקן פון ביידע די לענדער! אַזאַ זאַך האָט אַרויס־גערופן גרויסן נישט פּאָליטישן פאַרשטאַנד אינערלעך אין די פּוילישע פּאָליטישע קרייזן דאָס סיי ביי אַלע שיכטן דאָרטן באַפעלקערונג. ווי פאַרשטענדלעך האָט עס נאָר געהייסן נאָר אַ דערנענטערונג אין די אינער־לעכע זייערע הערשונגס־

שיטות, וועלכע דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט און קריטיש אָקעגנגעשטעלט! דאָך דעם אַלעמען האָבן גאָר געקענט מער פאַרשמאַכן אינערלעך דאָס פאָלק, וואָרפן אין די תפיסות אַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, לויטן נוסח דייטשלאַנד, דאָס הייסט אַ נצחון אינערלעך אויפן אַרבעטער און דאָרפס־מענטש. דעריבער אין די באַדינגונגען איז געווען נויטיק דער אַרבעטער און פאָלקס־פראָנט און עס דאָס באַדאָרפן קומען די גרעסטע אָשטערענגונג צו אַזאַ מין פאָלקס־איינקייט.

✡

אומאויפהערלעך, שריט ביי שריט, גייען די נאַציס פאָראויס מיטשלעפנדיק דאָס דאָרטיקע דייטשע פאָלק, אַ סך האָבן זיי געבערענגט צו פאָליטישער ליקווי־דאַציע. אַ סך צו פאָליטישער פאַסיוויטעט און אַ סך אויך פאַרכישופט אין זייערע שווינדלערישע נצחונות. דאָס סיי אויפן אינערלעכן פראָנט און סיי אויפן אויסערלעכן פראָנט! אָט, וועלכע זענען געווען זיינע — היטלערס ערשטע דער־גרייכונגען — אינערלעך האָט ליקווידירט אַלע פאָליטישע פאַרטייען. אַלעס וואָס איז געווען ליבעראַל און דעמאָקראַטיש. ליקווידירט יעדן רעכט פון פרעסע און וואָרט. ליקווידירט יעדע אַרבעטער טעטיטקייט, עס האָט נאָר עקזיסטירט איין פאַרטיי, דאָס איז די היטלער־פאַרטיי, וואָס שייך די יידן זענען זיי געווען אויסער יעדן געזעץ, יידן זענען געוואָרן הפקר. פאַר יידן איז געווען אומעטום פאַרבאָטן דער איינגאַנג. דאָס אַלעס איז ערשט געווען דער אַריינפיר צום שפעטערן, וואָס מיר ווייסן היינט, די שואה!

אויף דער אויסערלעכער אַרענע האָט געהאַט נצחונות, ווי למשל אַ גלייכע באַוואָפענונג צוגלייך מיט די גרויסמאַכטן — ווי פראַנקרייך און ענגלאַנד. דאָס איז געווען די סיבה און פונעם פאַרלאָזן דעם דעמאָלטדיקן פעלקערבונד, ווי אויך דאָס אונטערשרייבן דעם 10־יאָריקן נישט אַנגרייפס־פאַקט מיט פוילן, וועלכעס איז געווען פון די ערשטע זיינע פאָליטישע מזימות אין אייראָפע אָנהויב פון סאַאַר־געביט ביזן „אַנשלוס" פון עסטרייך! אַזוי אַרום זעען מיר, ווי דאָס נאַצי־דייטשלאַנד איז געוואָרן די גרעסטע סכנה פאַר דער גאַנצער וועלט, איבער־הויפט פאַר יידנטום. זי איז געוואָרן דער סימבאָל פון ווילדקייט אין אַ דראָאונג פאַר יענער צייטיקער וועלט, זי האָט אָנגעוויזן וועגן דעם געפאַר, וועלכע ליגט
פאַר יענער צייטיקער וועלט, זי האָט אָנגעוויזן וועגן דעם געפאַר, וועלכע ליגט
פאַרבאָרגן אין איר אַגרעסיע־גאַנג — דאָס אַלעס בסך־הכל אין ערשטן יאָר פון זיין קומען צו דער מאַכט. דאָס אַלעס האָט באַדאַרפן אַ זאַפאַרטיקע קעגנערשאַפט קעגן דער גאַנצער היטלער־דייטשלאַנד, פאַשיסטישן רעזשים!

☆

טאַקע צו יענער צייט זענען כמעט אַלע מאַכט־רעזשימען אין איראָפּע געווען טאָטאַל — עס האָט געהערשט דער פאַשיזם אין איטאַליע, רומעניע און אונגאַרן, ווי אויך אין פּוילן. עס איז צוגעשטאַנען צו דער פלעיאַדע דאָס האַלב־פאַשיסטיש דאָלפוס־עסטרייך. דאָרטן ווו עס האָט נאָך געהערשט די דעמאָקראַטיע איז געווען פראַנקרייך, ענגלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיי.

די פאַשיסטישע לענדער זענען געווען רעזשימען פון דער הער־שנדיקער עקסטרעמער בורזשואַזיע. די אַלע האָבן אין פאַרשטייענדיקן וועלט־פאַרמעסט צוגעגרייט זייערע לענדער אין די זייערע טאָטאַלע מעטאָדן צו פאַרגרינגערן דעם פאַרשטייענדיקן וועלט־פאַרמעסט! אָבער אויך אין דער אַקעגן שטייענדיקער אַקעגן באַריקאַדע רוסלאַנד. דאָרטן ווו עס האָט זיך געבויט די גרונט־פּרינציפּן פון דער נייער אָרדענונג, האָט אויך געהערשט אַ טאָטאַלער רעזשים! דאָרטן אין רוסלאַנד עטוואָס אַנדערש. דאָרטן האָט געהערשט אַ פאַרקערטע אינערלעכע טאָטאַלע הערשונגס־רעזשים, וועלכעס האָט זיך באַדאַרפן אויסדרוקן קעגן דער בורזשואַזיע. אָבער דאָך אַ טאָטאַלער הערשונגס־רעזשים. דאָרטן איז אויך געווען תפיסות און לאַגערן און גוואַלט־טאַטן, דאָרטן האָט אַזאַ זאַך געהייסן אין נאָמען פון פּראָגרעס, פון מענטשלעכן יושר און צדק, דאָרטן זענען אויך געווען — פּאָליטישע פּראָצעסן: טויט אורטיילן, דאָס אַלעס פאַרשטענדלעך פאַרהוילן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, פון דער עפנטלעכקייט, דאָס אַלעס נישט אויפ־געריסן אַזוי ווי אין די דאָרטיקע פאַשיסטישע לענדער. אין ראַטנפאַרבאַנד האָט נאָר נישט עקזיסטירט די פעלקער שנאה. דאָ, זענען מיר — יידן נאָך נישט געווען דערוויל געיאָגט אַלס יידן!

דער עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס, וועלכער האָט געהערשט אין יענער צייט אין דער וועלט. דער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער איז געווען דער קולמינאַציע־פּונקט צו קומענדיקע וועלט־דערגרייכונגען פאַרן וויל פון אַרבעטער־קלאַס און די זייערע אַרבעטער־פּאַרטייען. די פּאַרטייען, וועלכע זענען געשטאַנען פאַר רעאַליזירונג פון גרויסע סאָציאַלע וועלט־פּראָבלעמען, דער קריזיס פון וועלכן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט דערוואַרטן נייעם רעוואָלוציאָנערן־שווונג. דאָס, וועלכעס איז געוואָרן קאָמענטירט אַלס לעצטער „טויט קלאַפּ” פאַרן קאַפּיטאַליזם, ווען נאָר נאָך אַ קליינער אָנשטרענגונג און דער גאַנצער קאַפּיטאַליזם צעפאַלט זיך. דאָס דווקא — דער עקאָנאָמישער קריזיס, האָט געבוירן דעם פאַשיזם, וועלכער האָט געברענגט צו גרויסע אַנטוישונגען! דער וועלט־קריזיס האָט אַריינ־געברענגט צוריק צו אַ פּאָליטישן רעגרעס און צו ליקווידירן גרויסע איראָפּעאישע

אַרבעטער־באַוועגונגען! דער קריזיס האָט אין רעזולטאַט געברענגט צו פּאָליטי־שער פאַרשקלאַפונג אין היפּוך פון דעם וואָס די וועלט האָט דערוואַרטן! ער האָט געברענגט צו אויך אַ ליקווידירונג פון פּאָליטישע ליבעראַלע אידעען־אַנשויאונגען. דאָס אַלעס צוליבן נישט וועלן פאַרשטיין פון יענער אַרבעטער וועלט די נויטיקייט פון דער שעה, וועלכע איז געווען — שאַפן דעם אַרבעטער און פאָלקס־פראָנט!

די סטראַטעגישע און טאַקטישע פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועגן שאַפן אַזאַ מין אַרבעטער־אחדות איז געווען די ריכטיקע דערפאַרנקייט פון יענער צייט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכן טאַקע קאַמף האָט אומאויפ־הערלעך געפירט און האָבן מיט ממש מסירת־נפש אין דעם ענין זיך אַריינגעטאָן. דער איינהייט פראָנט איז געווען די איינציקע פּאָליטישע אַלטערנאַטיוו אין יענער צייט, סיי אינערלעך אין יעדן לאַנד באַזונדער און סיי אויפן אויסערלעכן געביט אַלס קאָלעקטיווער פעלקער־בלאָק קעגן דעם פאָראויסגאַנג פונעם פאַשיזם אין יענער צייט! אָבער צום גרויס באַדויערן, געווען נישט אָפּגעשאַצט סיי פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אינערלעך און סיי פון די לענדער, וועלכע זענען געווען באַדראָט אויסערלעך אין יענער אייראָפּעישער עפנטלעכקייט, אַזוי טאַקע די אַמייסנטן לענדער, וועלכע האָבן עס באַדאַרפן אָפּשאַצן, ווי פּוילן אָדער פראַנק־רייך האָבן עס נישט געוואָלט אָפּשאַצן און האָבן טאַקע באַצאָלט מיט זייער זעלבסשטענדיקייט.

וואָס שייך פראַנקרייך, דאָס קלאַסישע לאַנד פון געזעלשאַפטלעכע רעוואָ־לוציעס פון פּאָליטישע געזעלשאַפטלעכע פאַרענדערונגען, אָנהויבנדיק פון יענע גרויסע צייטן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע ביז דורך דער פּאַריזער קאָמונע. פראַנקרייך, וועלכעס איז אייביק געווען אַ לאַנד פון טראַדיציאָנעלן פאָלקס־קאַמף, אַ לאַנד פון דעמאָקראַטישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז טאַקע אין יענע צייטן פונעם פאַשיסטישן שאַנטאַזש־פּאָליטיק געווען יאָ אַ באַזע פאַר אַן אַרבע־טער־איינהייט און פאָלקס־פראָנט, נאָר האָבן קיינמאָל נישט געקענט נעמען זיך אין די הענט בפרט, די רעגירונג, דעריבער האָבן אַנטקעגן די פּאָליטישע אינטריגעס פון דער דאָרטיקער בורזשואַזיע נישט געקענט שאַפן אַ קאָנסעקווענטן קאַמף קעגן דעם פאָראויסגאַנג פון דעם פאַשיזם.

דאָס פראַנקרייך, וועלכעס האָט יאָ גרופירט די העגעמאָניע פון אַרבעטער־קלאַס, איז אָבער געווען שוואַך פון אויספירן די פּרינציפּן פון אומבאַדינגטן זיך קעגנשטעלן דעם אָנגרייפערישן פאַשיזם. די דאָרטיקע געשאַפענע — בלום־רעגירונג האָט געקענט ווערן אַזאַ מין מעכטיקער כוח אַנטקעגן דעם פאַשיזם, נאָר עס האָט איר געפעלט די שטאַרקע האַנט! די אינערלעכע אינטריגעס פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע האָט דערפירט צו אַ פּאָליטישע פּאַסיוויטעט.

דווקא דעמאָלט ווען די דייטשן האָבן דווקא זיך פאַרמאָסטן קעגן פראַנקרייך, דווקא צו יענער צייט זענען געווען די גרעסטע אינטריגעס פון כסדרדיקן פאָליטישן דאָרטן רעגירונגס־קריזיס. אַזוי טאַקע בשעת די פאַרכאַפּונג דורך די דייטשע — די ריין־זאָנע, איז דעמאָלט נישט געווען קיין רעגירונג אין פראַנקרייך און דעריבער איז נישט געווען ווער זאָל זיך אַקעגנשטעלן דעם דעמאָלטדיקן מיליטערישן פאַרכאַפּן פון דעם ריין־געביט!

די היטלער־רעגירונג אויסנוצנדיק די שוואַכקייט פון די אייראָפּעישע פּאָליטיקער האָט אין יאָר 1935 אָרונטערגעריסן געגצלעך דעם ווערסאלך־שלום, אַרויסגעבנדיק אַ געזעץ פון שאַפן אַן אַרמיי פון אַ האַלבן מיליאָן מענטשן, וועלכעס איז געווען פאַרשטענדלעך אַ פאַרבאָט לויטן ווערסאלך־אָפּמאַך.

די היטלער־שריט פון אויפשטעלן אַ האַלב־מיליאָניקע אַרמיי איז פּאַקטיש דער אַריינפיר פון דייטשן פאַשיזם צום וועג פון מיליטאַריזירן זיך. דאָס האָט אָפּגעווישט אַלע דאָרטן באַגרענעצונגען פון ווערסאַלך־פּאַקט. קעגן אַזאַ שריט האָבן דאָרטן די צענטראַל לענדער מיט גאָרנישט געענטפערט. דער פעלקער־בונד האָט אַנגעוויזן אויפן נישט געוואונטשענעם שריט, אָבער האָט גאָרנישט געטון, די פּאָליטישע טעטיקייט פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע וועלכע האָבן געוווּסט וווהין דאָס קאָן פירן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען ווו יאָגט דער פּאָליטישער ווינט פון דער היטלערישער מעשה האָבן טאַקע שפּעטער מיט אַ מאָנאַט צייט, שפּעטער אין דער שטאָט שטריזע, אונטערגעשטראָכן די זעלבסשטענדיקייט פון עסטרייך, וועלכע דרינגט פון לאָקאַרנאַ־פּאַקט פון יאָר 1925, אָבער טאַקע פון דעם מאָמענט הייבן זיך אָן די געשעענישן ווי געיאָגט פון זיך זעלבסט־אַנטוויקלען. דער לאָקאַרנאַ פּאַקט האָט זיך אויך פאַרברייטערט אויף די מזרח לענדער: פראַנקרייך חתמעט אַזאַ אָפּמאַך מיט רוסלאַנד, רוסלאַנד דערקעגן פון איר זייט אַזאַ אָפּמאַך מיט די טשעכאָסלאָוואַקיי. פּאַקטיש האָט זיך געגלויבט, קענען אַזעלכע „אָפּמאַכן" פאַרהאַלטן דעם אָנפאַנג פון דער דייטשער אַגרעסיע.

די דייטשן האָבן אָבער אַנדערש פאַרשטאַנען, פון זייער זייט, דעם מהות פון די אַנטוויקלטע געשעענישן און אין קאָנסעקווענץ פון דעם זיך אויסברייטערן דעם לאָקאַרנאַ־פּאַקט, האָבן דערקלערט, אַז זי האָט מער קיין פאַרפליכטונג מיט דעם אויסברייטערן דעם לאָקאַרנאַ־פּאַקט, צוליבן זיך צושליסן צו אים דעם ראַטנפאַרבאַנד, דאָס הייסט זיי די דייטשן גאַראַנטירן מער נישט די מערב־גרענעצן פון דער ריין־זאָנע, טאַקע שפּעטער אין יאָר 1936 האָבן זיי די דייטשן די ריין־זאָנע פאַרכאַפּט.

דאָס פאַרכאַפּן פון דעם היטלער־דייטשלאַנד די ריין־זאָנע נאָכן פריערדיקן סאאר־געביט האָט שוין אינגאַנצן אַרונטערגעריסן דעם פּאָליטישן סטאַטוס־קוואָ

אין איראָפּע, פאַרשטענדלעך אַז, די וועלט האָט געוואַרטן אויף דער רעאַקציע פון פראַנקרייך, זי איז דעמאָלט געווען די שטאַרקסטע מיליטערישע מאַכט אין איראָפּע. פראַנקרייך האָט געקענט צו יענער צייט מאָביליזירן ביז 100 מיליטערישע גוט באַוואָפנטע דיוויזיעס, זי האָט געקענט גרינג באַזיגן דעמאָלט דעם היטלער־אַגרעסאָר, זיי וואָלטן דאָך געקענט מיליטעריש באַזיגן די דעמאָלט אַריינגעשיקטע דריי דייטשע דיוויזיעס און בלית ברירה וואָלטן די דייטשן זיך צוריקגעצויגן. דאָס וואָלט אויך אָפּגעשראָקן דעם היטלער־רויבער אויף לאַנגע יאָרן, אָבער אַזאַ מין שריט האָט פראַנקרייך נישט געטון, עס האָט דאָרטן געפעלט די שטאַרקע האַנט, דאָס טאַקע האָט גוט פאַרשטאַנען היטלער און ער האָט אַרויסגעצויגן פאַר זיך די נויטיקע מסקנות.

אַזוי אַרום איז די וועלט געשטאַנען פאַר גאָר גרויסע פּאָליטישע געשעענישן פאַר דער וועלט איז געשטאַנען אַ גרויסער בלוטיקער שונא. היטלער ערשט קוים דריי יאָר נאָכן קומען צו דער מאַכט און האָט שוין געהאַט אַרונטערגעריסן דעם פּאָליטישן סטאַטוס־קוואָ, פון איראָפּע, האָט שוין געהאַט פאַרנעמען די אַלע דעמאָלט געביטן, נאָך וועלכע ער האָט דערקלערט אַז ער האָט נישט מער קיין טערי־טאָריעלע פּרעטענסיעס אין איראָפּע. האָט אינצווישנצייט געגעבן אָנווייזונגען אויף דעם „אַנשלוס“. פאַרשטענדלעך ווי אַ נאַטירלעכע זאַך איז געווען דער געבאָט פון דער שעה פאַרהאַלטן דעם שונא. דער איינציקער כוח אינערלעך אין יעדן לאַנד איז געווען דער קאָמוניסטישער כוח, וועלכער האָט אָפּגעשאַצט די דעמאָלטדיקע ריכטיקע לאַגע. און איינציקער קאָנסעקווענטער כוח, וועלכער האָט באַדאַרפן זיין דער טרייב־כוח פון דעם געשאַפענעם קעגן־כוח, קעגן דעם פאַשיזם.

☆

דער ראַטנפאַרבאַנד נאָך דער דאָרטיקער זיגרייכער רעוואָלוציע, נאָכן בירגער־קריג, נאָך אַלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע נאָכווייען, דער ראַטנפאַרבאַנד, וועלכעס לאַנד איז געלעגן אין חורבות, ווען דער הונגער האָט געבושעוועט, ווען די באַ־פעלקערונג איז געווען פול מיט יאוש־געפיל, דאָך האָט זיך נישט איינגעבראָכן. די דאָרטיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, דער ראַטנפאַרבאַנד האָט פאַרגעזעצט זיין עקאָנאָמישע באַזירונג פון דער אויסגעקעמפטער רעוואָלוציע. די פראַגע פון אויפבויען דאָס לאַנד איז געשטאַנען אין דער גאַנצער שאַרפקייט, ווייל גלייכצייטיק האָט זיך דער דעמאָלטדיקער פירער־רעזשים געניטיקט צו רעאַליזירן די אידעאַלן פון דער רעוואָלוציע, פאַר וועלכער די רעוואָלוציע האָט געקעמפט.

די פראַגע פון דער פאָרם פון דער דעמאָלטדיקער הערשונג איז געשטאַנען אין דער פולער קראַפט, ווייל דאָס איז געווען אַ צייט פון איבערוואַנדלען דאָס דאָרטיקע פריוואַט אייגענטום אין אַ געזעלשאַפטלעכן אייגענטום, פון פריוואַטע קאַפיטאַליסטישע מיטלען אין געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע־מיטלען, דאָס הייסט נאַציאָנאַליזירן די גאַנצע אינדוסטריע, די לאַנד־ווירטשאַפט, דאָס הייסט שאַפן די אָן קלאַסן־געזעלשאַפט אָן קלאַסן עקספּלאָאַטאַציע אַ געזעלשאַפט פון מענטשלעכער פרייהייט פאַר יעדן גלייך. אַ געזעלשאַפט וועלכע באַדאַרף ווערן דער שליסל־קאַמף פאַר אַ גאַנצער דור־דורותדיקער געוועזענער נישט גערעכטיקייט. אַלזאָ אינערלעך אין דעם ראַטנפאַרבאַנד איז געווען פול מיט גרויסע פּראָבלעמען, ווייל סתם נאָר צו זאָגן איבערוועקסלען דאָס פריוואַטע אייגענטום אין אַ געזעלשאַפטלעך אייגענטום.

אָדער למשל, קאָלעקטיוויזירן די לאַנד־ווירטשאַפט, דאָס סיי די יעניקע גרויסע און מיטעלע ערד־באַזיצער און סיי אַפילו די, וועלכע האָבן גאָר בשעתן דער רעוואָלוציע באַקומענע (אַ גאַנצע מאַסע מיליאָנען ערדלאָזע־פויערים) ערד, דעמאָלט אין גאַנג פון בשעת דער רעוואָלוציע, אַזאַ מין זאַך איז דעמאָלט געווען אַ נויטווענדיקייט כדי צו האָבן די גרויסע פויערים־מאַסע אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, דעריבער איצט בשעת דער געשאַפענער אומבאַדינגטער קאָלעקטיוויזאַציע איז פאַרשטענדלעך געווען פאַרבינדן מיט אַ סך אינערלעכע ווי אויך אויסערלעכע גורמים. אין די אַלע פּראָבלעמען זענען פאַרשטענדלעך געווען פאַראינטערעסירט אַ סך אויסערלעכע אינטערווענטן, כאָטש אין די דרייסיקער יאָרן זענען שוין נישט געווען זיי מערקבאַר, אָבער אינערלעך האָבן די אייגענע סאָוויעטישע מאַכטרעגירער, פלעגן שטענדיק רעדן פון אַ קיום פון אַזעלכע אינטערווענטן!?

דעריבער אין אַזאַ מין גרויס ווערק פון גרויסע אינערלעכע און אויסערלעכע שטרייטן האָבן געברויכט אַ שטאַרקע האַנט, איינשליסלעך טעראָר־מיטלען, ווי תפיסות, לאַגערן און אַזוי טאַקע איז געווען, דאָס דווקא מיט אַ ברייטער האַנט.

חוץ דעם אַלעמען איז, דאָס אַלץ אַרויס פון די נויטיקע געבראַכטע באַדינגונגען, געשאַפענע פון דאָרטיקן רעזשים. טראָץ דעם אַלעמען האָבן די באַדינגונגען דאָס זעלבס געפאָדערט, חוץ דעם אַלעמען האָבן זיך עורשט געשאַפן אַרום דעם טעאָרעטישע באַדינגונגען פון פאַרשידענע פּרשנים וועגן די גרונט־פראַגן פון „מאַרקסיזם און לעניניזם״, וועגן דער, אָדער יענער גערעכטער ליניע־ריכטיקייט, וועלכע, איז ריכטיק לויט מאַרקס, אָדער אָפּאָרטוניסטיש, אָדער וועלכע איז מער לינק אָדער מער רעכט, דאָס אַלץ אָבער איז געווען פאַרבונדן מיטן אַלגעמיינעם יסוד — סאָציאַליזם, דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן דאָס שוין פון יאָרן לאַנג דיסקוטירטע פראַגן וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וועגן פערמאַנענטער רעוואָ־

לוציע, אָדער וועגן דער בלויז זיך „באַזירונג פון סאָציאַליזם אין אַן איינציקן לאַנד״ בשעת ווען די אָביעקטיווע באַדינגונגען זענען אַרום פּאָליטישע קעגנער פון דעם סאָציאַליסטישן רעזשים. וועלכע טאַקע זענען גרייט צו קעמפן קעגן דעם לאַנד, וועלכעס האָט זיך אַנטוואָגט איינפירן אַזאַ מין אַרבעטער־געזעלשאַפט ווי דער ראַטנפאַרבאַנד.

פאַרשטענדלעך איז, אַז אין דער פראַגע פון איינפירן דעם „סאָציאַליזם אין איין לאַנד״ זענען געווען (אַפילו אין אַזאַ לאַנד ווי רוסלאַנד), וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פּאָזיטיוו, ווייל ווען נישט, צו וואָס זשע די אַלע מיליאָנען קרבנות, דער קאַמף, די רעוואָלוציע, דאָס נאָך היינטיקע בלוט־פאַרגיסונג? דאָך זענען די חילוקי־דעות געווען גרויס, נישט געווען פאַרשווונדן, זיי די קעגנער האָבן גע־קעמפט און דאָך געקעמפט פאַר זייערע כביכול אמתן.

אַלזאָ דער ראַטנפאַרבאַנד איז אַריין אין טראַנס פון פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד האָט אָנגעהויבן איינפירן די קאָלעק־טיוויזאַציע, אויפשטעלן דאָס לאַנד פון די חורבות, אַנטוויקלען אירע דאָרטן גרויסע נאַטור־אוצרות און פאַרשטענדלעך שאַפן די דאָרטיקע זייערע רויטע פאָלקס־אַרמיי, די וועלכע דאַרף ווערן די באַשיצערן פון דעם גרויסן לאַנד ראַטנפאַרבאַנד.

טעאָרעטיש האָבן די שליטים פון נייעם געשאַפענעם ראַטנפאַרבאַנד פאַר־געזעצט און פאַרטיפט, ווי זיי זעלבס האָבן וועגן זיך עדות געזאָגט און אַנטוויקלט די גרויסע אידעאַלן פון דער סאָציאַליסטישער אידעען־אָנשויאונגען אַלס אידעע פון סאָציאַלער געזעלשאַפט ענדערונגען. דאָס זענען געווען היסטאָרישע נויט־ווענדיקע באַדינגונגען. זייער שיטה האָבן זיי אָנגערופן „די פאַרטיפערונג פון מאַרקסיזם־לעניניזם״ ווי די פאַרזעצונג פון וויסנשאַפטלעכן רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. דאָס פאַרשטענדלעך דורכן גרויסן י. סטאַלין. דאָס אַלץ איז געווען אָנגעוואָרפן מיט כוח אויף אַלע קאָמוניסטישע פאַרטייען אַפילו אויסער די גרענעצן פונם ראַטנפאַרבאַנד. דעריבער אינאיינעם מיט דעם איז אין גאַנג פון פאַרשפרייטן דעם רעוואָלוציאָנערן קאָמוניסטישן געדאַנק האָבן זיי פאַרשטאַרקט דעם אידעאישן בונד מיט אַזעלכע פאַרטייען אין אַלע לענדער, ווי בפרט זיך קעגנזעצלעך אונטער־געשטיצט. דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט אַז, דער ראַטנפאַרבאַנד איז געווען פאַר־אינטערעסירט אין אַ פּאָליטישער שטיצע מצד אַנדערע גורמים, וועלכע קענען ברענגען גרויסע פּאָליטישע נוצן אירע פּאָליטישער לאַגע, ווי בפרט איר זעלבס רוסישע אינטערעסן, און אין דעם אַלעמען אַ פאָדערונג פון אָנערקענען דעם ראַטנ־פאַרבאַנד אַלץ פּאָליטיש הערשנדיקער רעזשים אין דער וועלט. אַזאַ מין פּאָליטי־שער אָנערקענונג פאַרן ראַטנפאַרבאַנד האָט געהייסן אַראָפּנעמען דעם פּאָליטישן

באַיקאָט קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד מצד די מערב־מלוכות אין יענער צייט, ווי בפרט פון זיי אַדורכגעפירטע איזאָלאַציע קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

פאַרשטענדלעך אַזעלכע דערגרייכונגען פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע אײַנערלעך אין לאַנד האָט באַדאַרפן אַן אויסגעשפּראָכענעם טאָטאַלן רעזשים. פאַרשטענדלעך אַז נאָר בלויז דער געדאַנק פון רוסישע ערשטע לאַנד דערגרייכונגען, האָבן געוואָרפן אין פּחד די דעמאָלטדיקע וועלט־בורזשואַזיע, דאָס סיי אין דער נאָענט פון רוסלאַנד ווי אויך גאַנץ ווייט פון רוסלאַנד. די אַזעלכע קעגן־גורמים אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן נאָך אַלץ געדענקט פון ליקווידירן דעם רוסלאַנד, וועלכער איז פאַרשטענדלעך דער נאַטירלעכער שונא פון קאַפּיטאַליסטישן אינערלעכן רעזשים, דעריבער איז אויך קיין וווּנדער אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט נאָר געלעבט מיטן געדאַנק פון נאָר אַ מעגלעכן פאַרניכטן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

אַזוי אויך איז דאָס געווען דער פּאָליטישער וועלט־יסוד אין דעמאָלטדיקן עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס. דאָס אַלץ איז דאָך געווען דער עיקר אין זייערן קלאַסן אַנטאַגאָניזם, אין זייערן קלאַסן־קאַמף, וועלכער צו דער צייט האָט שוין געהאַט די צורה פון אַ לאַנדס־מאַסשטאַב. דער קלאַסן־יסוד האָט אין דער צייט, אין יעדן לאַנד אַ מלוכה־פאָרם דאָס אויך און אין אויף דער זײַט פון אַרבעטער־קלאַס. דעריבער איז דער דעמאָלטדיקער פּאָליטישער קאַמף צווישן די פעלקער געווען מער וויגיקער און שאַרפער, וועלכעס אין רעזולטאַט האָט באַדאַרפן פירן צו דער וועלט־קאָנפראָנטאַציע, צו דער נישט אויסמײַדנדיקער מלחמה.

אַזוי אַרום אַרויסגייענדיק פון דער הנחה בפרט לויט די ק. מאַרקס־לערע אַז, די „וועלט־געשיכטע איז אַ קלאַסן־קאַמף געשיכטע” און אַז, די גאַנצע וועלט געשיכטע מיט אירע אַלע מלחמות איז נישט אַנדערש ווי דער אויסדרוק פון דעם עקאָנאָמישן קלאַסן־קאַמף. דעריבער קומען צום פּשוטן געדאַנק אַז, אַפילו אין רוסלאַנד איז דער פּראָלעטאַרישער רעזשים פון פּראָלעטאַרישער טאָטאַלער דיקטאַטור דאָס לויט אַלע באַדינגונגען, איז דער פּרינציפּ הערשן און באַהערשן מיט כוח די דאָרטן באַהערשטע געזעלשאַפט. ווייסנשאַפטלעך איז פון דעם געדרינגען, אַז דער עקאָנאָמישער בוי־סטרוקטור פון יעדן קלאַס באַזונדער שאַפט אין זיך דעם נויטיקן זײַנעם אַנטאַגאָניזם צו דעם אַקעגן שטייענדיקן אַקעגן זיך — קלאַס, וועלכער ברענגט אויך צו דעם קלאַסן פאַרמעסט. דעריבער ביידע טאָטאַלע רעזשימען סיי דער בורזשואַזיש־קאַפּיטאַליסטישער און סיי דער פּראָלעטאַריש־קאָמוניסטישער זענען גאַנץ געבוי באַוווסטזיניק אין זייערע ענד־צילן, אַזעלכעס איז געווען פאַרגעזען אין יעדן לאַנד באַזונדער, דאָס הייסט אָבער נישט אַז ס׳דאַרף קומען

צו דער נויטווענדיקייט פון דעם פֿאַשיסטישן רעזשים, צו דעם אַזוי ווילקירלעכן הערשונגס־פּעריאָד און צו דער מלחמה.

אַלזאָ אין דעם צווישן קלאַסן־פֿאַרמעסט איז דער אויסגאַנג געווען די מלחמה, דאָס, די מלחמה ברויכט טאַקע נישט זיין אומפֿאַרמיידלעך, ווייל דאָך קענען ווערן געפֿונען מער ראַדיקאַלע געזעלשאַפֿטלעכע לייזונגען אין אויסגאַנג פֿון אויסמיידן די מלחמה. ווי אויך איז פֿאַראַן צו זאָגן אַז, דווקא דער ראַטנפֿאַרבאַנד דאָס, וואָס די וועלט האָט דעמאָלט געוווּסט, האָט נישט געשטרעבט צו אַ מלחמה, דערקעגן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־קלאַס ווי טאַקע דער עיקר דער פֿאַשיסטישער בלאָק מלוכות האָבן טאַקע זיך געגרייט צו דער מלחמה.

אַזוי זענען געווען די עיקר סיבות פֿון די אָנקומענדיקע פֿאַר דער וועלט פּאָליטישע צייטן, אַזוי זענען געווען פֿאַראַלעל צו די עקאָנאָמישע באַדינגונגען די דעמאָלט פּאָליטישע באַזירונגען, אַזוי האָבן אין יעדן לאַנד פֿאַרקערפּערט די צווישן זיך קלאַסן־אינטערעסן, פֿעלקער שנאה ביז דער אָנקומענדיקער אַרויפֿגעוואָר־פֿענער אויף דער וועלט די שרעקלעכע היטלער־מלחמה.

ערבֿ־מלחמה־יאָרן

מיטן איבערנעמען אין דייטשלאַנד די מאַכט אין יאָר 1933 דורך דעם עקס־טרעמסטן טייל פון דער דייטשער בורזשואַזיע־גרופּע, די היטלעריש־פאַשיסטישע כנופיה, די פאַרברעכערישסטע אין זייערן רעזשים־אָרדענונג, די סאַמע טעראָר־ריזירנדיקסטע אין דעם דאָרטן אינערלעכן געזעלשאַפט־לעבן, די אַממייִנסטן אַגרעסיווע פון אַזעלכע בורזשואַזיע־קלאַסן אין דער אייראָפּעאישער וועלט, איז טאַקע דאָרטן, די באַציִאונג אין לעבן צווישן מענטש צו מענטש אין דייטשלאַנד גופא איז געוואָרן דערפירט צו גרעסטער נידעריקסטער ווילדסטער מענטשן־שפלות. דער אַנגעוואַנדענער אינערלעכער רעזשים־טעראָר פון די דייטשע פאַשיסטן איז געווען דאָס גרעסטע בייז פון יענער צייטיקער געזעלשאַפט בפרט אַזעלכעס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין באַציִאונג צו דער יידישער באַפעלקערונג.

צו יענער צייט האָבן מיר אין פוילן אין שכנות פון דייטשלאַנד אויך געלעבט אונטער אַ הערשנדיקן פאַשיסטיש רעזשים, אַזעלכעס איז געווען דעמאָלט אין פוילן דער איינגעפירטער י. פּילסודסקי־רעזשים אין יאָר 1926.

דער פּילסודסקי־רעזשים אין פוילן איז נישט געווען קיין אַ סאַך מעסיקער, ווי דער טאַקע היטלער־פאַשיזם אין דייטשלאַנד. אינערלעך אין לאַנד זענען געווען תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, דער טעראָר האָט גאַנץ שטאַרק געווילדעוועט נאָר אין דער באַציִאונג צו דער יידישער באַפעלקערונג אָנפאַנגס צייט פון די ערשטע יאָרן פון דעם דאָרטיקן פאַשיזם־הערשונג ביזן זיך באַזירן אַזאַ טאָטאַלן פאַשיסטישן רעזשים אין דייטשלאַנד, איז די באַציִאונג צו דער דאָרטיקער באַ־וווינטער יידישער באַפעלקערונג געווען נאָך געהאַמעוועט. חוץ דער אַזוי גערופענער הערשנדיקער דאָרטן פאַשיסטישער פּילסודסקי־פּאַרטיי, גערופן די סאַנאַציע, האָט אויך נאָך עקזיסטירט אַ פּוילישע פאַשיסטישע פּאָליטישע פּאַרטיי, וועלכע איז געווען אין פוילן אַן אָפּאָזיציע־פּאַרטיי. די פּאַרטיי גערופן „נאַראָדאָוואַ דעמאָקראַ־ציאַ”, קורץ „ענדעקישע פּאַרטיי”, איז געווען אויסשליסלעך אין דער אידעען־אָנשויאונג דורכאויס אַנטיסעמיטיש.

ביידע די פּוילישע פּאַרטייען האָבן אין זייערן פּאָליטישן אַרסענאַל געהאַט בלויז בייזוויליקייט צום דאָרטן אין פוילן יידישן איינוווינער. ביידע האָבן געפירט

אַ ברייט פאַרצווייגטע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע קעגן דער יידישער באַווינטער באַפעלקערונג, דעמאָלט בשעתן בושעוועדיקן עקאָנאָמישן לאַנד־קריזיס. ביידע האָבן אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג, וועלכער איז געווען דער אויסדרוק אין דעם דעמאָלטדיקן איינגעפירטן „פיקעטן־קאַמף" קעגן דעם יידישן האַנדל, אָבער צו־גלייך מיטן קומען פון דער דייטשער כנופיה צו דער מאַכט האָבן, מער באַשיידענער ווי אין דייטשלאַנד, איינגעפירט אַ טעראָריזירנדיקן טעראָר קעגן דער יידישער באַווינטער דאָרטן באַפעלקערונג אין פוילן.

די טאָג־טעגלעכע ידיעות פון דעם שכנות־לאַנד דייטשלאַנד, די טעראָריזירנ־דיקע באַריכטן אין דער דעמאָלטדיקער פּרעסע וועגן דעם פאַרגוואַלדעווען די רעכטן אויף אַרבעט, ווי אויך יעדן אין דייטשלאַנד ליבעראַלן דעמאָקראַטישן אַרויסגעזאָגט וואָרט אָדער געדאַנק, ווי בפרט פּאָליטישער ליבעראַלער טעטיקייט אָדער סתם פּאָליטישער אַרבעטער־טעטיקייט איז געווען ממש דערשיטערנדיק, אַלעס אַזעלכעס האָט תיכף געהאַט גרויס השפּעה אין די טאָקע צווישן באַציאונגען פונם געזעלשאַפטלעכן פוילישן לעבן. אין שייכות מיט דעם האָבן זיך מער פאַרשאַרפט די צווישן באַציאונג צווישן די דאָרטן באַווינטע באַפעלקערונג — פּאָליאַקן און יידן, אַזעלכעס איז ביי אונדז יוגנט אין אונדזער אַזוי שטאָלצירנ־דיקער עפּאָכע געווען מאָראַליש דערנידעריקט. אַזעלכעס איז פאַר אונדז יוגנט בפרט אין די קליינע שטעטלעך, וועלכע זענען ערשט מיט דער גאַנצער יוגנט־ענערגיע אַריין אין געזעלשאַפטלעכן לעבן איז געווען אַ מאָראַלישער קלאַפּ, כאָטש מיר האָבן געוווסט פון אַן עקזיסטירנדיקע יידן־שנאה, דאָך אַזעלכע באַריכטן למשל ווי: היטלער־באַנדעס אין ברוינען מונדורן, שיכורע פון בלוטיקן נצחון, שפּרייזן און זינגען דאָס ליד „דייטשלאַנד איבער אַלעס". היינט מיט די זייערע בלוטיקע שטיוול אינערלעך אין לאַנד דייטשלאַנד, און מאָרגן אויף זייערע טאַנקען, האַרמאַטן און אַנדערן פאַרניכטונגס־געווער ערגעץ־ווו אויף די פעלדער און וועגן אין „דראַנג נאָך אָסטן", אין דראַנג נאָך דער איראָפּע, ווייל דער וועג נאָך אָסטן פירט דורך דער איראָפּע.

עס דאַכט זיך, אַז דאָס אַזוי אָפּגעשפּעטע וועגן דעם: „שטובן מאַליער" אָדער „קאַפּראַל" נעמט היינט אָן מער באַדייטונג. היינט איז דער קאַפּראַל דייטשער „רייכס־קאַנצלער", דאָס אין איינער פון די מעכטיקסטע מדינות אין איראָפּע. שווער איז געוואָרן אונדזערע יידן־לאַגע, די נאָך איינציקע טרייסט ביי אונדז, אַז מיר יידן זענען אין דעם קאַמף דערווייל נישט אַליין, מיר יידן זענען אין דעם קאַמף מיטן זעלבן פּאָליאַק אַפילו, ווען זייער צו אונדז יידן־שנאה איז אויך גרויס.

פאַר אונדז, פּאָליאַקן און יידן איז דער היטלער־רעזשים אַ בלוטיקער שונא,

דאָס נאָר, ווען דער פּאָליאַק זאָל עס ווען טאַקע פאַרשטיין — האָבן מיר זיך געטראַכט, דאָס וואָלט געהייסן אַז מיר אַלע אינאיינעם ברויכן שטיין אין איין פראָנט, ווי טאַקע וואָלט עס אַנדערש אויסגעזען, אַזעלכעס איז דערווייל שווער איינפלאַנצן אין די זייערע מוחות, ווייל זיי איז דאָך פּאַרט מיט דער זייערער שנאה צו אונדז יידן, אַזוי טאַקע גלויבן — גרינגער, ווייל זייער פיינטשאַפט צו אונדז איז אַן איינגעוואָרצלטע פון געבוירן.

אין קליינעם שטעטל איז די שנאה פון פּאָליאַק צום ייד נישט געווען אַזוי שטאַרק אַנטאַפּנדיק, ווייל דער ייד אין דעם קליינעם שטעטל האָט ווינציקער געהאַט פאַרבינדונג מיטן דאָרטן איינוווינער — פּאָליאַק. דער עיקר יידן־שנאה איז געווען אין די גרויסע שטעט, ווי וואַרשע, קראָקע און אַנדערע.

דאָרטן אין פּוילן אין די גרויסע שטעט איז פאָרגעקומען יידישע עקסצעסן נוסח דייטשלאַנד, קליינע אַזעלכע אינצידענטן, ווי למשל שלאָגן פראַנק און פריי יידישע דורכגייער אויף די גאַסן פון וואַרשע, די יידן זענען געווען געיאָגט פון די דאָרטיקע שטעטישע פּאַרקן און אַנדערע עפנטלעכע ערטער, גערטנער. דער וואַרשעווער קראַשינסקי פּאַרק איז שוין געווען אַ סכנה פאַר אַ יידישן איינוווינער צו שפּאַצירן כאָטש דאָס איז געווען אין צענטער שטאָט, ווי אַרום האָבן געוווינט יידן. אַלע טאַקע אַזעלכע זאַכן זענען געווען אַ „באַגאַטעלע" צו דעם וואָס איז פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד. יידן זענען טאַקע אויך אין דער העץ־קאַמפּאַניע געוואָרן באַשרענקט אויף די דאָרטיקע אוניווערזיטעטן, פאַר זייערע געשעפטן זענען געווען פּיקעטן מיט אויפשריפטן: „קויף נישט ביים זשיד". מיט איין וואָרט די יידן־שנאה האָט זיך ערשט פון טאָג צו טאָג אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן און פאַר־וואָרצלען, אַלעס אַזעלכעס איז געטוען געוואָרן אין לאַנד, וועלכעס איז געווען פאַרבינדן מיט די דעמאָלטדיקע דעמאָקראַטישע אייראָפּעאישע לענדער, ווו זענען געוואָרן געהיטן די רעכטן פון יעדן בירגער: ענגלאַנד און פראַנקרייך.

די פּוילישע פּאָלקאָווניק־קליקע, נאָכן טויט פון זייער פירער י. פּילסודסקי, די איצטיקע גענעראַל רידז־שמיגלי און ווי אויך דעם סטראַטעג פון דער פּוילישער אויסערן־פּאָליטיק, פּאָלקאָווניק בעק, וועלכע מיר ווילן אין קורצן ווייטער אָנרופן: בעק־סמיגלי־רעגירונג. די רעגירונג, וועלכע האָט נישט געקענט זיך דערלויבן צו לייזן דאָס יידן־פּראָבלעם אַזוי אַנטגילטיק ווי אַזוי האָבן עס געטוען די היטלער־כנופיה ביי זיך אין דייטשלאַנד, דאָס צוליב דער פּשוטער סיבה, ווייל פּוילן גופא איז זעלבס אויסגעשטעלט פאַר אַ דראָאונגס סכנה צו ווערן אַ קרבן פון אַ דייטשער אַגרעסיע! דערווייל אין צווישן צייט האָט די פּוילישע קליקע הערשערין פּאָליטיש מאַנעווירט מיט אירער העץ־שנאה קעגן די יידן צווישן די דאָרטיקע איינוווינער

פּאָליאַקן און יידן, ווי אויך אַנדערע באַווינטע אין פּוילן פעלקער מינדערהייטן.

די יידן־שנאה האָט אָנגענומען אַ גאַנץ שאַרפן כאַראַקטער אין יענער פאַר מלחמה אייראָפּע, אַלס אַזעלכע האָט זי אין פּוילן געהערשט און עקזיסטירט, דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן אַ פּאָליטישער מאָנעוור ביי דער גאַנצער דע־מאָלטיקער בורזשואַזיע וועלט. די יידן זענען געוואָרן דער שעיר־לעזאזל אין יעדן געזעלשאַפטלעכן בייז, ווי אַוודאי אַן אָביעקט צו באַקעמפן די דאָרטיקע רעוואָ־לוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון אַרבעטער־קלאַס, כדי אָראָפּפירן פון רעוואָלו־ציאָנערן וועג די געפאָדערטע אַרבעטער פאָדערונגען, וועלכע אין דער צייט זענען אַלץ שטאַרקער און באַוווסטזיניקער אין זייערע אַרבעטער־פאָדערונגען, וועלכעס איז באַשטאַנען: אַ ריכטיקער אַרבעטער־לוין און בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, ווי אויך ווויִן־באַדינגונגען.

דאָך אין אָנבליק פון דער שטייגנדיקער פעלקער־שנאה קעגן די יידן איז דאָך די יידן־פראַגע גופא ביי די יידן נישט באַהאַנדלט געוואָרן. די פראַגע: וואָס ווייטער, וואָס טאָן? כאָטש זי איז געווען אַזוי ברענענדיק אַקטועל, דאָך קיין שריט איז נישט אָנגענומען געוואָרן אין יענע יידישע פּאַרטייאישע און געזעלשאַפטלעכע קרייזן, אַפילו שוין צו דער צייט, ווען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע פון דייטשלאַנד פליטים איז אויך גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט געטוען געוואָרן. חוץ פאַרשטענדלעך יידישער רחמנות אָדער געלט־שטיצע אָבער עיקר ענין יידישע־פיזישער עקזיסטענץ־קיום, לחלוטין גאָרנישט.

די יידישע פּאָליטיקער זענען געווען פּאַסיוו, ווייל זיי האָבן געגלויבט אין יידישן בטחון אַז, וועלכער איז געדרינגען: ווי קאָן מען פיזיש פאַרניכטן אַזאַ גרויסן יידישן קיבוץ, ווי דאָס פּוילישע יידנטום? דערווייל, אין צווישן־צייט איז די גאַנצע פּאָליטישע עפנטלעכע מיינונג געווען געוואָנדן צו יענע דעמאָלטדיקע צענטראַל־לענדער — ענגלאַנד און פראַנקרייך, לענדער מיט אַ טראַדיציאָנעלן דעמאָקראַטישן רעזשים ווי אויך צו די דעמאָלטדיקע פאַראייניקטע־שטאַטן. אַלע אַנדערע לענדער זענען געווען פאַשיסטיש אָדער ווי מען קאָן זיך אויסדריקן האַלב־פאַשיסטיש, אַזוי טאַקע איז אין יענער צייט געווען אַ מאָדע פון איינפירן דעם פאַשיזם אין זייערע אינערלעכע לענדער־רעזשים בפרט אין די לענדער אַרום דייטשלאַנד, וועלכע זענען משפיעה געוואָרן פון דייטשלאַנד.

אַזוי טאַקע איז אין יענער צייט אין עסטרייך האָט דער דאָרטן הערשנדיקער האַלב־פאַשיסטישער דאָלפוס־רעזשים וועלנדיק באַהערשן אינערלעך דאָס לאַנד בכדי איינפירן דאָרטן אַ טאָטאַלן רעגירונגס־רעזשים האָט באַהערשט מיט כוח די רעגירונג און האָבן בלוטיק באַקעמפט דעם דאָרטן דעמאָקראַטישן „שוץ־בונד״. וועלכער האָט געקעמפט פאַר אירע אַרבעטער רעכטן. די שטאָט ווין, איז

געוועז אויף באַריקאַדן, בלוט האָט זיך געגאָסן פונעם עסטרייכישן אַרבעטער, כאָטש טאָקע אַביסל שפּעטער איז דער דאָרטיקער דאָלפוס נאָכפאָלגער שושניג געוואָרן באַצווינגען פון אַ גרעסערן באַטריגער זיך אַרונטערוואַרפן זיינעם געפאָדערטן „אַנשלוס״־דיקטאַט.

היטלער קאָנסעקווענט לויט אין זיין בוך „מיין קאַמף״ פּאָסטולאַטן איז געגאַנגען פאָרווערטס כאָטש די וועלט האָט נאָך אַלץ געשפּעט פון זיינע נאַרישע אידעען, די וועלט האָט געזוכט אין זיין בוך: ליטעראַרישע פעלערן? אָבער היטלער איז אין זיין פּאָליטיק געווען קאָנסעקווענט, שריט ביי שריט איז געגאַנגען פאָר־ווערטס, סיי אינערלעך און סיי אויסערלעך, דאָס אפילו נישט געבנדיק דער דעמאָלטדיקער וועלט קיין צייט צו אָטעמען. היטלער האָט נישט אויסגעקליבן קיין מיטלען צו דערגרייכן זיין פּאָליטישן ציל. פאַר היטלערן איז געווען אַלץ הייליק אין וועג צו דערגרייכן זיין פּאָליטישן ציל. דאָס שפּעטערע פאַרברענען דעם רייכס־טאָג האָט אָנגעוויזן ממש אויף דעם וואָס איז צו דערוואַרטן פון היטלערן, דעמאָלט בשעתן פאַרברענען דעם רייכס־טאָג איז די וועלט געוואָרן ממש באַוווּנדערט פון אַזאַ מין פּאָליטיש מיטל כדי אַריינדרינגען אין דעם דאָרטן אינערלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן אַלס סיבה עס — דאָס דאָרטיקע געזעלשאַפטלעכע לעבן צו פאַרניכטן. דעמאָלט בשעתן דימיטראָוו — טאַרגלער־פּראָצעס האָט די וועלט ממש געזען די נידערטרעכטיקסטע אָנגענומענע מיטלען פון דער היטלער כנופיה, וועלכע קאָן אָנווענדן כדי אויספירן זיינע פאַרברעכערישע פּלענער.

דער דימיטראָוו־פּראָצעס האָט צו זיך צוגעצויגן די גאַנצע דעמאָלט ליבעראַלע וועלט מיט זייערער פולער מענטשלעכער סימפּאַטיע צו די אָנגעקלאָגטע. די גאַנצע דעמאָלט ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע וועלט האָט פּראָטעסטירט קעגן די מזימות אין דער באַשולדיקונג קעגן דימיטראָוון און זיינע חברים אין פּראָצעס אַלס, באַשולדיקטע אין פאַרברענען דעם רייכס־טאָג. דימיטראָוו האָט העלדיש אויפגעדעקט די אַלע שווינדלערייען און נידערטרעכטיקטע מזימות פון דער היטלער — גערינג־באַשולדיקונג, אַזעלכעס וואָלט דאָך באַדאַרפן ווערן פאַר דער גאַנצער וועלט אַ גרויס וואָרענונג. די וועלט האָט באַוווּנדערט די העלדישע אַרויסטרעטונגען פון דימיטראָוון, באַוווּנדערט זיין גרויסן אויסדויער אין זיין מצב אונטערן געסטאַפּאָ־טעראָר. נאָך דעם אַלעמען האָט די וועלט נישט געלערנט פון דעם — גאָרנישט... און אויך האָט אַזעלכעס כאָטש אַלע וועלט־פּראָטעסטן נישט אָפּגעשוואַכט די הענט פון די היטלער־מערדער און האָבן ווייטער פאַרגע־זעצט זייערע מערדערלעכע אונטערדריקונג יעדן ליבעראַלן מענטשלעכן געדאַנק אינערלעך אין דייטשלאַנד און אויסערלעך זיין פּאָליטישע אַגרעסיע־פּאָליטיק.

פאַרשטענדלעך אַז, דער דימיטראָוו־פּראָצעס וואָלט באַדאַרפן געבן דער וועלט

אַ ביישפּיל ווי אַזוי קעמפן קעגן דער היטלער פּעסט, זי וואָלט באַדאַרפן זיך אָרגאַניזירן קעגן יעדן אינערלעכן פּרווו פון דער אָרטיקער בורזשואַזיע־קלאַס איינפירן אַזאַ מין רעזשים־אָרדענונג און אַזעלכעס איז נישט געטוען געוואָרן.

די דעמאָקראַטישע וועלט צו יענער צייט, ענגלאַנד און פראַנקרייך זענען געווען אָדער עס האָט זיך נאָר אַזוי אויסגעדאַכט — גלייכגילטיק. די נאָכגעפאָלגטע פּאָליטישע געשעענישן האָבן עס באַשיינפּערלעך באַוויזן. די געפירטע פון היטלערן אויסערן־פּאָליטיק, וועלכעס שוין אין די ערשטע זיינע שריט איז געווען דאָס אַרונטעררייסן דעם ווערסאַלן־אָפּמאַך, למשל, דאָס זיך באַוואָפענען מיליטעריש, וועלכעס איז דאָך געווען אַ פאַרבאָט פונעם ווערסאַלן־אָפּמאַך, דאָך אַזעלכעס האָט נישט אַרויסגערופן די נויטיקע מסקנות אין יענע מערב־לענדער, ענגלאַנד און פראַנקרייך ! ?

פאַרשטענדלעך, אַז יעדער בר־דעת אין ענגלאַנד ווי אין פראַנקרייך האָט געקענט גלויבן ווי בפרט דרינגען, אַז אויב היטלער איז קאָנסעקווענט אין זיין אינערלעכן פּאָליטישן קאַמף אין לאַנד ווי אַזעלכעס, הייסט לקיווידירן די דאָר־טיקע אַרבעטער רעכטן, דאָרטן איז ממש אַ קאַמף אויף טויט איז דאָך טאַקע געדרינגען, אַז אויסערלעך וועלן זיינע שריט ווערן געפירט אויך לויט דער זיין פּאָליטישער פּלאַטפאָרם, ווי טאַקע ער היטלער זעלבס שרייבט: „דראַנג נאָך אָסטן״; דאָס הייסט לעבנס רוים פאַר דייטשלאַנד.

דאָס פאַרשטענדלעך הייסט פשוט מזרח, וועלכעס איז נישט אַנדערש פאַר־שטאַנען — הייסט רוסלאַנד. דעריבער האָט זיך געשפּירט דאָרטן אין די לענדער אַזאַ מין פּאָליטישער גלייכגילטיקייט און טאַקע ווי אויך, אויב אַפילו מען וועט דאַרפן זיין נאָכגיביק דעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד אַפילו אין געוויסע שטחים איז עס אויך אַ פּאָליטישער געווינס פאַר די מערב־לענדער !

פאָלגענדלעך איז אַזאַ מין דענקן געווען ריכטיק, ווי מיר וויסן היינט איז אין די לענדער געווען געוויסע פינאַנציעלע קריזן, שליסל־מענטשן פון יענער צייטיקער אייראָפּע, וועלכע זענען געווען באַהערשט פון אַזאַ מין היטלער־פּאָליטיק, דעריבער האָבן מיט צופרידנקייט נאָכגעפאָלגט יעדן פּאָליטישן ווייטערן היטלער־שריט. אַזוי טאַקע האָבן אין קאָנסעקווענץ געפירט אַ פּאָליטיק פון הסכמה פון שתיקה פון מוותר זיין אויף געוויסע אייראָפּעאישע מיליטעריש סטראַטעגישע פּאָזיציעס, דעריבער די שתיקה ביים דעמאָביליזירן דעם ריין־געביט, וועלכעס אין תוך האָט באַדראָט פראַנקרייך !

אַנאַליזירנדיק דעם שריט פון דער דייטשער רעגירונג פון יענער צייט איז אַפילו היטלער זעלבס געווען פון גרויס פּאָליטישע הצלחה אויסער זיך, עס איז געווען אַ מין קאָפּ־שווינדל פון זיין היטלערס גרויסער הצלחה. ווייל טאַקע די

דריי דייטשע מיליטערישע דעוויזיעס, וועלכע זענען אַריין אין ריין געביט זענען געווען אָן באַדייטונג קעגן דער דעמאָלטדיקער פראַנצויזישער מיליטער מאַכט צו יענער צייט און אַוודאי וואָלטן געוואָרן צעשמעטערט, און בלית ברירה וואָלט זיך היטלער באַדאַרפן פּאָליטיש און מיליטעריש צוריקציִען.

די דעמאָקראַטישע לענדער אין אייראָפּע: ענגלאַנד, פראַנקרייך, ווי אויך די טשעכאָסלאָוואַקיי זענען געווען דאָס וויגעלע פון דער אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע. ענגלאַנד און אויך פראַנקרייך זענען געווען מיליטעריש שטאַרק ווי אויך אינ־דוסטריעל אַנטוויקלט האָבן פאַרמאָגט און באַהערשט אַ סך לענדער אין פאָרם פון האַלב־קאָלאָניעס אָדער קאָלאָניעס.ביידע די לענדער האָבן געהאַט גענוג אָפּזאַץ־מערק, ביידע די לענדער האָבן געהיטן די זייערע עיקרדיקע דערגרייכונגען אַלס אימפּעריאַליסטישע וועלט מאַכטן און פאַרשטענדלעך געהיטן דעם פּאָליטישן סטאַטוס־קוואָ אין דער דעמאָלטדיקער אייראָפּע. ביידע די מאַכטן האָבן אויך גוט פאַרשטאַנען, אַז די זייערע הערשונג איבער דעם אַלעמען איז קיין אייביקייט, אָבער דאָך האָבן געהיטן זייערע שליטה בפרט די זייערע עקאָנאָמישע שליטה אין זייערע אָפּזאַץ־מערק. ביידע די לענדער און עיקר ענגלאַנד איז געווען אַ ים־מאַכט דאָס די גרעסטע אין דער וועלט. ביידע די לענדער האָבן געדענקט, אַז קאָן קומען פאַר זיי אַ סכנה פון אַ צווייטער אויפגייענדיקער מאַכט אַ קאָנקורירנ־דיקע מיט זיי וועלט מאַכט. ביידע האָבן געקענט אָפּשאַצן די נאַטירלעכע סכנה, וועלכע ליגט באַהאַלטן אין אויפשטייגענדיקן דייטשן פאַשיזם, וועלכער וועט מיט דער צייט פאַרלאַנגען גלייכע מיט זיי פּאָליטישע און מיליטערישע רעכטן. ביידע די לענדער האָבן אויך געקענט אָפּשאַצן די מעכטיקייט פון דער דייטשער אינ־דוסטריע, ווען אין פאַל עס זאָל קומען צו אַ מלחמה־פאַרמעסט.

וואָס שייך זייערער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער באַציאונג צום ראַטנפאַרבאַנד, איז עס געווען באַוווסט ווי צו אַ לאַנד פון אַ קעגנערישן סטרוקטור־רעזשים. אין יענע צייטן בשעת דער רעוואָלוציע און אויך נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע זענען די צוויי גרויסמאַכטן געשטאַנען אין שפּיץ פון די דאָרטיקע אינערלעכע און אויסער־לעכע קעגן איר — רוסלאַנד אינטערווענטן, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן זיך באַזירן דאָרטן דעם פראָלעטאַרישן אַרבעטער־רעזשים. ביידע די מאַכטן האָבן דעריבער געזען אין ראַטנפאַרבאַנד דעם עיקר שונא קעגן זייערן קאַפּיטאַליסטיש־אימפּעריאַליסטישן הערשונגס־רעזשים. דערפאַר טאַקע האָבן שטענדיק אונטער־געשטיצט אַזעלכע אינטערווענץ־אַוואַנטורעס כאָטש האָבן געהאַט אין דעם נישט מער ווי פּאָליטישן פאַרלוסט דאָך האָבן נישט אָפּגעשוואַכט זייערע הענט אין דעם קעגן רוסלאַנד פּאָליטישן קאַמף!

גאַנץ קלאָר איז געווען באַוווסט צו דער צייט פאַר די צוויי אייראָפּעאישע

מאַכטן: ענגלאַנד און פראַנקרייך, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז אין איצטיקן מאָמענט שאַפט נישט קעגן זיי קיין שום זאָפאָרטיקע סכנה בפרט קיין מלחמה־סכנה, ווייל דער ראַטנפאַרבאַנד איז איבערן קאָפּ פאַרנומען מיט זיך זעלבס. די צוויי לענדער האָבן געוווסט געגוי, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד באַדאַרפט און פאַרלאַנגט נאָר שטיל־שטאַנד, וועלכעס איז אין קאָנסעקווענץ נאָר אַ שלום פּאָליטיק און אין קאָנסעקווענץ פון אייראָפּעאישן סטאַטוס־קוואָ אין דער יעגער צייטיקער אייראָפּע. אין שייכות דערמיט איז טאַקע אין דעם זין געוואָנדן די רוסישע אויסערן פּאָליטיק וואָס הייסט סטאַטוס־קוואָ אין אייראָפּע, נאָך מער דער ראַטנפאַרבאַנד פאַרלאַנגט פון די אַלע לענדער דווקא מערערן אַנערקענונג צו זיך.

דעריבער מיטן אַנטשטיין אין דייטשלאַנד פון דער היטלער רעגירונג, וועלכער האָט בפירוש גערעדט וועגן דער שנאה צום קאָמוניזם, וועגן זיין „דראַנג נאָך אָסטן" אַלס נאָענסטער ציל אין זיין פּלאַנירטער עקספּאַנסיע, און וועלכע שנאה צום קאָמוניזם צייגט בפירוש ביי זיך אין לאַנד האָט אַזאַ היטלער פּאָליטיק גע־שלאָגן טיפע וואָרצלען אין די ענגלישע אימפּעריאַליסטישע קרייזן, כאָטש עס איז געווען פאַר יעדן קלאָר, אַז אַזאַ „דראַנג נאָך אָסטן" קאָן נישט אַנדערש ווי דורך דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט ווערן פאַרווירקלעכט. דאָך האָבן אים אַ סך באַאיינפלוסטע פון היטלערן קרייזן אין ענגלאַנד היטלערן אונטערגעשטיצט. אַלזאָ איז פאַרשטענדלעך, אַז היטלער האָט געקענט מיט פאַרשטאַנד אויסנוצן פּאָליטיש זיין צייט דאָס מיט גרויס פּאָליטישע דרייסטקייט. די פּאָליטיקער פון יענער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אויב האָבן נישט באַרעכטיקט די אָנגעוואָנדענע דעמאָלט היטלער פּאָליטיק האָבן, אָבער נישט טיף אַריינגעדרינגען אין דער היטלערס פּלאַנירטער וועלט עקספּאַנסיע. די פּאָליטיקער פון יענער אייראָפּע האָבן מיט גאָרנישט זיך קעגנגעשטעלט דער דעמאָלטדיקער אָנגעוואָרפענער אויף דער וועלט היטלער פּאָליטיק, דעריבער איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז די פּאָליטישע פאָדע־רונגען ביי היטלערן וואַקסן און היטלער האָט אַלץ מער אָנגעגריפן!

היטלער ווערט דעמאָלט דער פּוסק אחרון אין דער וועלט פּאָליטיק ער ווערט דער מיסיע פירער פון דייטשן פאָלק. היטלער פאַרלאַנגט דערוויל צו יענער צייט נאָר ווי קאָנצענטרירן אַלע דייטשן אָדער לכל הפחות די אַלע פעלקער אין יענע ערטער, וועלכע רעדן דייטש כדי איינזאַמלען זיין אונטער איין דייטשן רייכס־פאָן, אַזעלכעס אַוודאי שטערט נישט פּאָליטיש די דעמאָלטדיקע — ענגלאַנד און פראַנקרייך!

אויב דעריבער איז היטלער דער מיסיע־פירער פון אַלע רעדנדיקע אין דער וועלט — דייטשן, איז דעריבער פאַרלאַנגט היטלער פּאָליטיש נישט אַנדערש ווי די צושליסונג פון עסטרייך צום דייטשן רייך. דאָס הייסט — „אַנשלוס". היטלער

פאַרלאַנגט אַלזאָ דעם אַנשלוס פון 7 מיליאָן עסטרייכער־בירגער, וועלכע ער אַנערקענט פאַר דייטשן, ווייל ער איז דער פוסק אין ז׳ער ריינער „אַריער ראַסע״.

עסטרייך — אַ לאַנד אין דער צענטראַל־אייראָפּע, דאָס לאַנד פון גאַר גרויסער פּאָליטישע פאַרגאַנגענהייטן, אַ געוויזענע פּאָליטישע מאַכט אין דער אייראָפּע. עסטרייך פון פראַנץ־יוסעפס־קייזערטום מוז ווערן פּאָליטיש ליקווידירט, מוז ווערן אַ פּראָווינץ טייל פון דעם דייטשן רייך!

אַמאָל בשעת אַזאַ ענלעכן פּאָליטישן שריט אין אייראָפּע צוריק מיט הונדערט יאָר בשעתן דעמאָלטדיקן זיך באַזירן פון פּרייסישן יונקערטום, ווען דער אייזערנער קאַנצלער — ביסמאַרק, האָט מיט אַזאַ ענלעכער פּאָליטיק פאַרכאַפּט גאַנצע לאַנד־שאַפטן פונם דעמאָלטדיקן דענימאַרקישן קעניגרייך, ווי אויך קלענערע וואַסאַלן און הערצאָגן הערשאַפטן פון יענער אייראָפּע און אין פּרייסישן אימפּעריאַליסטישן רייך איינגעשלאָסן שאַפנדיק דאָס ערשטע אין דער געשיכטע — פּרייסיש־דייטשע אימפּעריאַליסטיש־רייך, האָט שוין דעמאָלט אַזעלכעס געהייסן — אימפּעריאַליס־טישע פאַרכאַפּונג אין יענער אַנפאַנגס־געשטאַלטונג פון די דעמאָלטדיקע פאַר־שידענע בורזשואַזיע־קלאַסן אין דער זייערער נאַציאָנאַלער פאָרם פאַרמירונג. היינט איז אַזאַ מין פאַרכאַפּונג אַוודאי נישט אַנדערש ווי נאָר אַ דייטשע פּאָלקס מיסיע, ווייל דער פירער דער גרויסער, דייטשן פירער, היטלער — פאָדערט אַזעלכעס. זיין לאָזונג איז — אַלע דייטשן אונטער איין פאָן! כאָטש די עסטרייכער אַנערקענען זיך נישט אַלס דייטשן. זיי פאַרמאָגן זייערע אייגענע קולטור, גע־שיכטע, היסטאָרישע געשיכטע פאַרגאַנגענהייט. אָבער ווער רעכנט זיך מיט זייערע עסטרייכישע פּאָלקס געשיכטע, ווער פרעגט זיי אין דער זייערער געשיכטע פאַר־גאַנגענהייטן?! היינט איז נאָר דער היטלער־באַשלוס בפרט אין דער אַריער־וועלט. די לענדער: ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַפילו איטאַליע, וואָס האָט נישט לאַנג גוואַראַנטירט עסטרייכס זעלבסשטענדיקייט האָט קיין שום ווערט. ווייל פאַרן היטלערן איז נאָר ווערט זיין באַשלוס — „אַנשלוס״!

אַזוי אַרום איז דער „אַנשלוס״ דער פאָלגענדער פּאָליטישער היטלער־שאַנטאַזש נאָך די פריערדיקע: סאַאַר־געביט און „ריין־געביט״ געווען דורכאויס אַנגעוואָר־פענע טעריטאָריע עקספּאַנסיע! פאַר דער וועלט איז עס געווען פאַרגעשטעלט ווי אַ „לאָגישע״ פאַרשטענדלעכקייט כאָטש דער פאַקט זעלבס איז געווען ברוטאַל דורכגעפירט און קעגן דעם ווילן פון עסטרייך און איר׳ע בירגער!

די שיטה פון אַדורכפירן דעם „אַנשלוס״ איז געווען ברוטאַל און פאַרברעכע־ריש, וועלכעס די דעמאָלטדיקע וועלט האָט קיין אַנונג געהאַט אין דער זייערער פּאָליטישער היסטאָריאָגראַפיע, דאָך האָט די וועלט געשוויגן. די מעטאָדע פון פאַרגוואַלדיקן די זעלבסשטענדיקייט פון עסטרייך איז געוואָרן געפירט אין אַ

צווי זייטיקן וועג, אינערלעך האָבן אַזעלכעס געפאָדערט די דאָרטן געשאַפענע היטלער־פאַרטיי, די דאָרטיקע נאַציסטן, ווי געוויינטלעך, אינספּירירט פון דער היטלער רעגירונג, האָבן טעראָריזירט יעדן איינוווינער אין עסטרייך, וועלכער האָט זיך אַנטוואָגט אַקעגנשטעלן דער פּאָליטיק פון „אַנשלוס" און אויסערלעך... איז פאַרבעטן געוואָרן דער עסטרייכישער קאַנצלער בכבודו ובעצמו צו היטלערן אין זיין דאָרטיקער רעזידענץ — ברעכטסגאַדן. דאָרטן אויפן היסטאָרישן צו־זאַמענטרעף צווישן היטלערן און שושניגן, האָט היטלער ממש געפאָדערט פון שושניגן אונטערשרייבן דעם געפאָדערטן „אַנשלוס", ווייל אַזוי האָט געטענהט היטלער, אַז „אַנשלוס" איז זיין באַשלוס און אַנדערש קאָן עס נישט זיין! אין שייכות דערמיט — האָט היטלער דעמאָלט דעם קאַנצלער שושניגן דערקלערט: „אַז ענגלאַנד וועט מיט קיין פינגער נישט העלפן עסטרייך, און פראַנקרייך, האָבן זיי שוין איצט פאַרשפּעטיקט, זיי די פראַנצויזן האָבן געקענט עפּעס קעגן אונדז דייטשן עפּעס אויפטאָן דעמאָלט צו יענער צייט פון די געביטן, היינט איז דערי־בער פאַר זיי שוין שפּעט און וואָס שייך איטאַליע איז היינט צו טאָג איטאַליע דאָס זעלבע וואָס מיר — דייטשלאַנד, ביידע זענען מיר אין איין געשפּאַן, דעריבער הער שושניג באַקומסט צייט ביז די מיטאָג־שטונדע בכדי אַלעס איבערטראַכטן און דער ענטפער ברויכט זיין — פּאָזיטיוו!"

די ווייטערע אונטערהאַנדלונגען מיטן עסטרייכישן קאַנצלער איז געווען געפירט מיט כוח, אַנגעוואָרפן חוץ דעם, האָבן די היטלעריסטן צוגעגרייט מיליטערישן כוח, וועלכער איז ממש געשטאַנען און געוואָרטן אויף באַפעלן כדי אַריינמאַרשירן קיין עסטרייך, ווען אין פאַל... אויב די אַלע „פּאָליטישע" אַנשטרענ־גונגען וועלן נישט געבן די געוויסע פּאַר היטלערן רעזולטאַטן! אַזוי טאַקע, אַזוי לאַנג פון אַנגעוואָרפענעם פּאָליטישן שאַנטאַזש און דאָראונגען — בילת ברירה, פאַרלאָזט פון אַלע מדינות און אָן פריינט איז דער טאַקע „אַנשלוס־אולטימאַטום" געוואָרן אונטערגעשריבן, געחתמעט פון שושניגן, אַזוי איז געווען די קאַפּיטו־לאַציע פון עסטרייכס זעלבסשטענדיקייט.

די נייע מעטאָדע פון דעם היטלער שאַנטאַזש האָט נישט געהאַט קיין גלייכן אין יענער וועלט פּאָליטיק. היטלער האָט געהאַט רעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ענגלאַנד וועט קיין פּיפּס טאָן און פראַנקרייך האָט אַלע אירע מיליטערישע פּלוסן פאַרלוירן, אלא וואָס שייך איטאַליע זענען זיי שוין געגאַנגען האַנט ביי האַנט. ביידע דיקטאַטאָרן, האָבן זיך פּאָליטיש פאַרשטאַנען, ווייל אין דער צייט איז איטאַליע געווען פאַרטאָן מיליטעריש אין אַביסיניע און אַליין געווען אויס־געשטאַנען אויף חסדים פונעם היטלער־דייטשלאַנד.

ווי אַזוי איז דעמאָלט געווען די וועלט רעאַקציע? פאַר דער ענגלישער

טשעמבערליין־רעגירונג האָט דער „אַנשלוס״ געהייסן צוריק גיין צום שויס פון דייטשן פאָטערלאַנד (?) אַזוי האָט עס אויך ביי אַ סך דעמאָלט פּאַשיסטישע פּאָליטיקער געהייסן! נאָכהער נאָך דער פּאָליטישער מעשה — „אַנשלוס״, האָט היטלער טויזנט מאָל פאַרזיכערט דער וועלט „אַז מער האָט נישט קיין פּרע־טענסיאָנעלע אינטערעסן אין אייראָפּע, צום קיין שום לאַנד אין אייראָפּע״. דאָך, עס איז נישט פאַרביי קיין פּאָר מאָנאַטן נאָכן „אַנשלוס״ נאָך דעם, ווי דייטשלאַנד האָט זיך פאַרשטענדלעך מער באַוואָפנט, האָט שוין אַזעלכע שאַנטאַזש־פּאָליטיק אַנגעוואָנדן צו דער דעמאָלטדיקער טשעכאָסלאָוואַקיי־רעפּובליק! ווידער מיט די זעלבע גוואַלט מיטלען דאָס מיט מער איפער און מיט מער פּאָליטישן שאַנטאַזש!

פאַרשטענדלעך, אַז פון דער באַגעגעניש צווישן היטלערן און שושניגן אין פעברואַר מאָנאַט — 1938 יאָר און ביזן זיך אונטערגעבן פון דער שושניג־רעגירונג האָט געדויערט אַ געוויסע צייט. מען קאָן נישט דעריבער זאָגן, אַז מיט גרינגן געפיל האָט קאַנצלער שושניג מוותר געווען אויף דער עסטרייך־זעלבסשטענדיקייט. עס זענען נאָך געווען דעריבער טרעפונגען און דראָאונגען מיט פאַרשידענער אָנגעוואָנדענער מיליטערישער קראַפט־דעמאָנסטראַציע, דאָך ווען דער קאַנצלער שושניג האָט זיך געזען אין דעם קאַמף איינזאַם פאַרלאָזט פון אַלע דעמאָלט שליסל־פּאָליטיקער אין דער אייראָפּע — בפרט פון ענגלאַנד און פראַנקרייך אין דעם טאַקע גורלדיקן קאַמף, האָט ער בלית־ברירה נאָכגעגעבן, דאָס הייסט ער האָט — דעמיסיאָנירט!

אַזוי האָט היטלער באַהערשט מיט פּאָליטישן שאַנטאַזש אַ לאַנד מיט זיבן מיליאָן מענטשן, דאָס אָן אַ שאָס צו טוען, אַזעלכעס האָט אינערלעך אין דייטשלאַנד נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין היטלערס השפעה.

אלא וואָס שייך פראַנקרייך האָט דאָרטן געהערשט אַ רעגירונגס־קריזיס. ערשט שפּעטער נאָכן „אַנשלוס״ איז דאָרטן געלונגען צו שאַפן אַ רעגירונג מיט לעאָן בלום בראש, וועלכע למעשה איז געווען פּאָליטיש שוואַך און וואָלט אַוודאי נישט אָקעגן געווירקט ווי דעמאָלט בשעתן דעם פאַרכאַפּן דעם רייך־געביט!

אינטערעסאַנט איז דעריבער געווען די שטעלונג פון טשעמבערליינען. ער, טשעמבערליין האָט ממש איבערגעחזרט דאָס געלויטעטע אין דער דעמאָלטדיקער דייטשער פּרעסע, ער איז דאָך געווען אין אַלעמען נאָכגיביק — היטלערן. דאָרטן אין דער דייטשער פּרעסע האָט מען ציטירט, אַז ער, האָט באַדאַרפן זאָגן פּאָל־גענדעס: „די צוויי פּאָליטיקער — היטלער און שושניג — האָבן זיך געטראָפן אין ברעכטסגאַדן פּשוט כדי צו באַהאַנדלען געוויסע ענדערונגען אין די זייערע — לענדער, זיי זענען געקומען צו אַ הסכם צווישן זיך. מען קאָן אָבער נישט טענהן, אַז צוליב דעם האָבן זיי די פּאָליטיקער מוותר געווען איינער צום צווייטן, פאַר־

קערט אין דער רעדע פון קאַנצלער שושניג פון פעברואַר מאָנאַט — דרינגט נישט גאָרנישט, אַז עס זאָל געבן דעם רושם, אַז ער דער קאַנצלער שושניג זאָל גלויבן, אַז האָט מוותר געווען אויף דער זיינער לאַנדס־זעלבסשטענדיקייט!"

אַזעלכעס איז געווען אין פעברואַר מאָנאַט. שפּעטער זענען געקומען אין ענגלישן קאַבינעט געוויסע פאַרענדערונגען דער אויסערן־מיניסטער אידען האָט דעמיסיאָנירט, אויף זיין פּלאַץ אין דאָרטיקן קאַבינעט האָט פאַרנומען האַליפאַקס און פון אַלעמען איז געדרינגען געווען, אַז וואָס היטלער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ענגלאַנד וועט מיט קיין פינגער אַ פּיפּס טוען האָט זיך באַשטעטיקט.

די נאָמינאַציע פון האַליפאַקסן — אַנשטאָט דעם פריערדיקן אויסערן־מיניסטער אידען איז געווען לטובה די היטלעריסטן, וואָס נאָך מער, טאַקע אין דער צייט איז געקומען אַ מיטיילונג פון ענגלאַנד צום דייטשן אויסערן־מיניסטער ריבענטראָפּן וועגן דעם, אַז ענגלאַנד זעלבס איז גרייט מסדר זיין געוויסע חילוקי־דעות מיט דער דייטשער רעגירונג.

אַזוי איז טאַקע אָפּגעמעקט געוואָרן אַ לאַנד, אַ זעלבסשטענדיק לאַנד, אַ לאַנד מיט וועלכער — אינדוסטריע האָט פאַרשטאַרקט דעם מיליטערישן אינדוסטריע־פּאָטענציאַל פון דייטשלאַנד. פאַר די נאַצי־פאַשיסטן איז געווען פריילעך, אָבער פאַר דער יידישער דאָרטן באַוווינטער באַפעלקערונג איז געוואָרן אַ צווייטע טרויעריקע רונדע פון מאָרד־טאָטן, ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן דאָרטן אויך קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן דאָס טעראָריזירן יעדעס דאָרטן ליבעראַלע טייל באַפעלקערונג, ליקווידירן די רעשטלעך טיילן פון אַרבעטער קלאַס, דאָס וועלכעס פאַר אונדז איז שוין געווען באַקאַנט פון די פריערדיקע צייטן אין דייטשלאַנד גופא.

✡

דער יידישער קיבוץ אין פוילן איז געווען דער גרעסטער אין אייראָפּע. די יידן האָבן אין פוילן געלעבט אין אַלע אָרטשאַפטן פון פוילן. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געווען לויט דער שטרענגער הלכה און ווי מען זאָגט אויף תורה, עבודה און גמילת־חסדים. די יידן האָבן מקפיד געווען אויף כשרות, געפירט זיך היגיעניש לויטן כלל יידישן דין, אָפּגעהיטן דעם שולחן ערוך. די יידן זענען שטענדיק געווען אין די זייערע בתי־המדרשים, אָפּגעהיטן די שבתים און חגאים. יעדער ייד אַפילו אין די קלענסטע ישובים האָבן זיך צו די יום־טובים קאָנצענטרירט אין גרופּן בכדי מתפלל זיין כדת ודין, כדי האָבן פאַרשטענדלעך די גייסטיקע הנאה פון יידישן טראַדיציאָנעלן לעבן.

די יידן האָבן זיך געקליידעט לאַנג און באַשיידן, געטראָגן לאַנגע קאַפּאָטעס, כאַלאַטן, דאָס אויף דער גאַנצער פּוילן טעריטאָריע. דער אונטערשיד איז געווען נאָר דאָס היטל. דער פּוילישער ייד האָט געטראָגן אַזאַ מין היטל — אַ קיילעכדיקס מיט אַ רונד קליין דאַשעקל — גערופן האָבן אַזעלכעס „יידיש היטל". דער ייד — ווידער אין גאַליציע האָט אָממיינסטן געטראָגן שטריימלעך אָדער קאַפּעלושן. די יידן האָבן דערצויגן די זייערע קינדער אין שטרענגן מסורה־גייסט. אַזעלכעס, למשל ווי עובר זיין אויף אַן עבירה איז געווען שטאַרק אין פאָלק אָפּגעהיטן, אַפילו שפּעטער מיטן אַריינדרינגען די נייע וועלטלעכע געדאַנקען ביי דער געבילדעטער יוגנט, וועלכע האָבן פאַרשטענדלעך אַרויסגערופן — אַפּיקורסות ביי דער יידישער יוגנט (לויט דער זייערער מיינונג, די פאַרעלטערטע יידישע מנהגים), האָבן אויך נישט באַגאַנגען קיין עבירות־בפרהסיה, למשל רייכערן אַ ציגאַר אין שבת — אָדער עסן נישט כשר.

די יידן האָבן געהאַט אַפילו אין די קלענסטע שטעטלעך זייערע אויסגעקלי־בענע קהילה פאַרוואַלטונגען: דאַזאָרן און אַנדערע — כלי קודש מענטשן, האָבן געהאַט זייערן ריטואַלן בית־הדין און ווי פאַרשטענדלעך אין יעדער אָרטשאַפט זייערן אַ רב, וועלכער איז געווען דער פּוסק פון גאַנצן יידישן ריטועלן לעבן! די יידן האָבן געהאַט זייערע ערציאונגס־אַנשטאַלטן, געהאַט געשאַפענע גמילות־חסדים־קאַסעס, געהאַט איינגעפירט אַ מין פילאַנטראָפּישע תלמוד־תורה־באַוועגונג אין אַרויסהעלפן יידישע נישט פאַרמעגלעכע קינדער צו לערנען און זיך דער־ציִען, די יידן האָבן געהאַט איינגעפירטע עקאָנאָמישע שטיצע פאַר נויטבאַדערפ־טיקע יידישע אָרעמע משפחות, ווי אַרויסהעלפן אין די זייערע צוגרייטונגען בשעתן אַן אָנקומענדיקן יידישן יום־טוב, אָדער הכנסת־כלה א. א. וו.

געזעלשאַפטלעך איז אין דער תקופה — יעדער ייד געווען אַ חסיד, געהאַט זיין אויסדערוויילטן רבין. דער רבי איז געווען זיין אויסדערוויילטער פירער, פאָלקס־באַשיצער, דער זיין געטלעכער פאַרמיטלער צווישן גאָט און פראָסטן בשר־ודם. דער רבי איז געווען דעם פראָסטן יידס עצה־געבער און וועג־ווייזער, גאָטס שליח און פאַרשטענדלעך — דער ברכה־ברענגער פאַר דער זיינער משפחה!

דער חסידיזם אַלס געזעלשאַפטלעכע יידישע פאָלקס־באַוועגונג איז געווען טיף פאַרצווייגט אין יידישן פאָלק. ער איז געווען אַ פּראָדוקט פון יידישן פאָלקס־טימלעכן און אַוודאי גייסטישן רעליגיעזן יידישן לעבן און געווען אַ דעמלטדיקע היסטאָרישע נויטווענדיקייט לויטן כלל דעמאָלטדיקן אַלגעמיינעם געזעלשאַפט־לעכן הערשנדיקן לעבן. היינט נאָך, אַפילו אין אונדזער צייט, האָט די חסידישע פאָלקס־באַוועגונג נאָך זיין פאָלקס־באַרעכטיקטן פאָלקס־כאַראַקטער. מיטן אַנט־שטיין איז דער חסידיזם אַלס פאָלקס־באַוועגונג געווען אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע

רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין באַצוג צו יענער הערשנדיקער גייסטישער מתנגדים באַוועגונג אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן פאָלקס־לעבן. עס איז געווען אַן אויסדרוק ווי אַלס רעפאָרם באַוועגונג פּאַראַלעל צו דער דעמאָלט קריסטלעכער רעפאָרם־באַוועגונג עקזיסטירנדיקער אין יענער צייט אין אייראָפּע.

דאָס רעפאָרמירטע אין דער חסידישער באַוועגונג האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאַרקערפּערונג פון אויפהויבן די פשוטע יידישע פאָלקס־מאַסן צום געהעריקן מענטשלעכן צלם־אלהים. אַנשטאָט דעם אָנגעוואָנדענעם און געפּאָדערטע פון די מתנגדים לערע פון דווקא נאָר תורה־לערנען, האָט דער חסידיזם געגעבן זיין ביישטייער און בלויז פאַרלאַנגט פון פשוטן פאָלק — טיפן הערצלעכן אויסגוס געפיל פון מענטשלעכער־נשמה, וועלכעס איז געווען פאַרשטענדלעכער פאַרן יידישן אָרעמען פּראָסטן האָרעפּאַשנעם פאָלקס־מענטש.

דער חסידיזם האָט געהייסן גיין אין פאָלק און מיטן פאָלק, האָט געגעבן דעם פאָלק אויסדויער. דעריבער איז צו יענער צייט געוואָרן אַ היסטאָרישער נויט־באַדינג. היינט פאַרשטענדלעך אין דער בורזשואַזיע־תקופה, ווען עס האָבן זיך דערוועקט מער רעאַלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לעבנס־באַדינגונגען איז פאַרשטענדלעך דער חסידיזם מער קיין פאָרשריטלעכע באַוועגונג און טרעט אָפּ זיין פּלאַץ פאַר מער פאָרשריטלעכע פּאָליטישע פאַרטיי־באַוועגונגען!

דאָס פּוילישע יידנטום האָט נישט נאָר בלויז געלעבט מיט דער זייערער גייסטישער געירשנטער פאָלקס־ירושה. די יידן אין פּוילן זענען שטענדיק געווען אַ גרויסער ווירטשאַפטלעכער כוח און גורם אין דער מדינה. דאָס פּוילישע יידנטום, וועלכעס האָט אין פּוילן פון משך 1000 יאָר דאָרטן אין פּוילן באַזידלונג כאָטש אין אַנאויפהערלעכע פּורעניותן סיי אינערלעכע און סיי אויסערלעכע שונאים האָבן דאָך געשאַפן דאָרטן אין דער מדינה גרויסע ווערטן: געבויט שטעט און שטעטלעך, פאַבריקן און ווערקשטאַטן, אַנטוויקלט דעם דאָרטיקן מסחר און האַנדל. מיט איין וואָרט די יידן זענען געווען אַ גרויסער און וויכטיקער ביישטייער אין דער פּוילישער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור. גלייכצייטיק זענען די יידן אין פּוילן געווען אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן אַ גרויסער גייסטישער כוח. די יידן האָבן דאָרטן געשאַפן און אַנטוויקלט די איינגעפּירטע דאָרטן יידן־שפּראַך, וועלכע פון אַ בלויז רעדנדיקן זשאַרגאָן געוואָרן אַ פול פאַרצווייגטע און אַנטוויקלטע שפּראַך — יידיש, אין וועלכער שפּראַך האָבן געשאַפן גרויסע ליטעראַרישע און פּאָעטישע ווערק אין אַלע ליטעראַטור זשאַנערן. גלייכצייטיק זענען די יידן געווען אין פּוילן אַ שעפערישער כוח אין אַלע צווייגן פון יידישער תלמודישער וויסנשאַפט, צו וועלכער האָבן געגעבן זייערן גרויסן ביישטייער.

די יידן זענען אויך געווען פאַרטרעטן אין אַ סך פּוילשע געשיכטלעכע פאָלקס־

קאַמפּן פון די דעמאָלטדיקע צייטן פון נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און ביז די צייטן פון רעוואָלוציאָנערן פוילישן ערוואַכונגס־קאַמף פאַר אַ זעלבסשטענדיקן פוילן. ווי אויך אַוודאי האָבן די יידן געגומען אַנטייל אין די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן צוגלייך מיט דער פוילשער פּ. פּ. ס. געווען אין יענע רעוואָלוציאָנער טעג בשעת דער רעוואָלוציע, געווען אין די רייען פון סאָציאַליסטישן נאָך קעמפערישן בונד. די יידן זענען געווען צווישן די דאָרטיקע פוילישע אַרבעטער קרייזן אין דאָרטיקן ק. פּ. פּ. די יידן זענען געווען דער טרייב־כוח אין פאַרמירן די ציוניס־טישע פּאָליטישע ערוואַכונגס־באַוועגונג אין יידישן פאָלק פאַר אַ זעלבסשטענדיקע מדינה אין אירע היסטאָרישע ארץ־ישראל גרענעצן!

די זעלבע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיבות וועלכע האָבן באַוויגן אין אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן פוילישן לעבן — דעם דראַנג נאָך אַ פאָלקס באַ־פרייערישן ערוואַכונג קאַמף, האָבן אויך נאָר מיט גרעסערן שטאַרקערן פאָלקס־געפיל געשאַפן ביים יידישן פאָלק דעם ערוואַכונגס געפיל צו אַ זעלבסשטענדיקן נאַציאָנאַלן קיום, איבערהויפּט ווען מיר נעמען אין אַכט די אַלץ וואַקסנדיקע יידן־שנאה, וועלכעס האָט נאָך מער אָנגערעגט די יידישע פאָלקס־מאַסן צו אַזאַ טאָקע ערוואַכונגס־פּראָצעס. ענדלעך האָבן די אַלע סיבות באַוויגן די יידישע פאָלקס־מאַסע, כאָטש, וועלכע האָבן קיינמאָל אין משך פון זיין גאַנצן גלות־לעבן נישט אויפגעגעבן אַזאַ מין פאָלקס־האָפענונג צו אַ פאָלקס זעלבסשטענדיקייט, אָבער איצט אין די נייע באַדינגונגען געוואָרן גרעסער און מער אויסדריקלעכער.

אין דער צייט אין די 30־ער יאָרן איז דער ציוניזם אַלס אַ פּאָליטישע פּאַרטיי באַוועגונג געווען שטאַרק פאַרצווייגט אין פוילן. דער ציוניזם אַלס באַוועגונג האָט געהאַט אַנערקענונג סיי אין דער אַלגעמיינער פּאָליטישער וועלט־אַרענע און בפרט אין דער יידישער וועלט, דעריבער איז געווען די סאַמע פאַרשפּרייטסטע פּאָליטישע באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס אין פוילן און האָט אַרומגענומען אַלע יידישע פאָלקס שיכטן. דער ציוניזם האָט גלייכצייטיק ווי די דעמאָלטדיקע פּאַרטיי באַוועגונגען געהאַט אויך אירע פּאָליטישע באַפאַרבונג, די אַלע תוספתן פונם דעמלטדיקן הערשנדיקן אין דער מאָדע — סאָציאַליזם. אַזוי זענען געווען ציוניסטן סאָציאַליסטן און ציוניסטן רעוואָלוציאָנערן, אויך איז די קלאַסי־פיקאַציע פון די יידישע פּאַרטיי באַוועגונגען געווען פּולזייטיק און גרויס, און פון דער צווייטער זייט איז די יידישע יוגנט אויך געווען באַהערשט פון די דעמאָלט אַלגעמייינע אידעען באַוועגונגען.

אַזוי אַרום האָט עקזיסטירט אין פוילן אַ גרויסער באַוווסטזיניקער יידישער קיבוץ מיט אַ רייך אין גייסטישן זין — יוגנט. דעריבער האָט אַזאַ מין ציוניסטיש־פּאָליטישע באַוועגונג באַדאַרפן נעמען שטעלונג צו יעדער דעמאָלטדיקער וועלט

געשעעניש בפרט צו די אַנקומענדיקע געשעענישן אין די יאָרן אין קאָנסעקווענץ פון דעם היטלער־רעזשים, וועלכער האָט באַאיינפלוסט די דעמאָלטדיקע אייראָפּע און באַדראָט דעם עצם יידישן פיזישן קיום פון יידישן פאָלק.

אַזאַ טאָקע דראָאונגס קיום פאַרן יידישן פאָלק איז שוין געווען אויסדריקלעך נאָכן „אַנשלוס" פון עסטרייך צו דייטשלאַנד. דאָס פאַרפאָלגן דעם יידישן קיבוץ אין עסטרייך אין איינעם מיטן יידישן באַוויגטן קיבוץ אין דייטשלאַנד גופא, האָט אָנגענומען אַזעלכע גרוילעכע פאַרברעכערישע ווילדע מעשים, איז געוואָרן אַזוי סכנהדיק, אַז די יידן אין די לענדער זענען געשטאַנען פאַר אַ גענצלעכער פאַרניכטונג!

דאָס שיקאַנירן און מאָרדן די יידן אין עסטרייך נאָכן אַנשלוס איז געווען גענוג כדי צו פאַרשטיין די פּערספּעקטיוון, וועלכע דערוואַרטן דעם יידישן פאָלק אומעטום, ווו נאָר די דייטשע עקספּאַנסיע גרייכט. מיר אין פוילן, ווי אויך דער יידישער קיבוץ אין טשעכאָסלאָוואַקיי זענען איצט געווען אין דער רייע פאַר דער נאַצישער ווילדער פאַרפאָלגונג, ווייל ווי קאָן מען זיין נאָך אַזוי פאַרבלענד און נישט זען די דעמאָלטדיקע אייראָפּעאישע ווירקלעכקייט?! דאָך דעם אַלעמען איז נישט געווען קיין זאַכלעכע ממשותדיקע פּאָליטישע שטעלונג צו דער פראַגע פון דער גרויסער יידישער אַלגעמיינער יוגנט באַוועגונג און זייערע ציוניסטישע פּאָליטישע פּאַרטייען. די לעצטע זענען נאָר געווען פאַרנומען ביז איבערן קאָפּ אין בלויז פּאָליטישע שטרייט־פראַגן און זעלטן האָבן געקלערט וועגן דער אָנ־קומענדיקער סכנה. פרעגט זיך דעריבער, צי די פראַגע פון פאַרגרעסערן די צאָל אַרויסגעגעבענע פון די ענגלישע רעגירונג סערטיפיקאַטן פאַרן אַריינפאָר קיין ארץ־ישראל איז געווען וויכטיקער ווי למשל פאָדערן אַ דרינגענדן באַהאַנדלען די וויכטיקייט פון דער שוין דראָענדיקער סכנה פאַרן יידישן פאָלק אין קאָנ־סעקווענץ פון דעם הערשנדיקן דייטשן נאַצי־רעזשים!

פאַרוואָס טאָקע האָבן נישט געפירט די אַלע ציוניסטישע פּאָליטישע פּאַרטייען די נויטיקע באַוווסטזיניקע טעטיקייט דווקא פאַר דער גאַנצער דעמלטדיקער וועלט מיינונג כדי אויפרודערן די וועלט אין אַנבליק פון דער פאַרניכטונגס סכנה, וועלכע באַדראָט דעם יידישן פאָלק. לאָמיר זאָגן, אַז וואָלטן אין דעם קיין סך אויפגעטאָן, דאָך וואָלטן געקענט באַצייטנס ווירקן סיי אין דער דעמאָלטדיקער אייראָפּע ווי אַוודאי אין אַמעריקע, בפרט אין דער דעמאָלטדיקער ליבעראַלער וועלט געזעלשאַפט שוין נישט רעדנדיק פון געבן די פולע פּאָליטישע אונטער־שטיצונג אויף דער אויסערלעכער פּאָליטישער אַרענע פאַר אַזעלכן פאַרגעלייגטן דעמאָלט פון רוסישן אויסערן־מיניסטער ליטוויניאָוו — קאָלעקטיוון אָפּמאַך —

אַלס גרונט און באַזע אין פאַרהאַלטן דעם פאַראויסגאַנג פון נאַציזם און פאַשיס־טישער עקספּאַנסיע אין דער וועלט!

קאָן אויך מעגלעך זיין, לאָמיר זאָגן, אַז פּאָליטיש האָבן די ציוניסטישע פירער אין פוילן פאַרשטאַנען, אַז אין דער גרויסער עקזיסטירנדיקער פוילן העץ־קאַמפּאַניע קעגן די יידן זענען זיי נישט בכוח גאָרנישט אויפטאָן. דאָס טאַקע האָט געהאַט אין זיך פול אמת, דאָך פון נאָר העץ־שנאה ביז גענצלעכן פיזישן פאַרניכטן איז נאָך ווייט דער וועג, און עס איז נאָך געווען דעמאָלט צייט וועגן אַזעלכעס צו באַהאַנדלען כדי פאַרהאַלטן דעם פאַרניכטונגס־ציל פון פאַשיזם קעגן יידישן פאָלק!

אין שייכות דערמיט איז פוילן געמיינט אירע הערשער־קליקע — איז אַחוץ דער יידן־שנאה געווען ממש ווי באַהערשט פון יענער דעמאָלטדיקער שאַנטאַזש פּאָליטיק פון היטלערן און זעלבס פּרובירט פאַר זיך אַרויסגעפונען געוויסע טעריטאָריעלע פאַרדינסטן. כדי דערמאָנען דעריבער דעם דעמאָלט אונטערגע־שריבענעם אָפּמאַך צווישן פוילן און דייטשלאַנד. ווי דעריבער, אַלס פאַרהערער און נאָכפאָלגער פון דער דייטשער פּאָליטיק פאַרשטענדלעך אויך געהאַט אין פּלאַן צו האָבן אין דעם פּאָליטישן געיעג — זיין חלק, ווייל טאַקע שוין אין יענער צייט זענען געווען און פאַרגעקומען די פּאָליטישע שאַנטאַזש געשעענישן אין באַצוג צו דער טשעכאָסלאָוואַקיי.

דעריבער אין דעם פּאָליטישן שאַנטאַזש־געיעג האָט די פּוילישע רעגירונג געוואָלט ווערן אַ גרויס־מאַכט. די פּוילישע רעגירונג איז געווען פאַרבלענדט פון די היטלער סוקצעסן. די פּוילישע רעגירונג איז ממש נאָכגעלאָפן מיט אירער פּאָליטיק דעם היטלער־פּסיכאָז, וועלנדיק פאַרשטענדלעך האָבן אירן אין דעם חלק!

אַזאַ פּאָליטיק פון דער בעק־סמיגלי רעגירונג צו דער טשעכאָסלאָוואַקיי אין דעם מאָמענט, ווען די דייטשע נאַציסטן האָבן ווידער אָנגעהויבן אָנווענדן די באַוווסטע זייערע שאַנטאַזש־פּאָליטיק לגבי דער טשעכאָסלאָוואַקיי, ווען ווידער האָבן אָנגעהויבן באַדראָען די וועלט אין אירן שלום קיום, דעמאָלט ווען עס איז געווען באַוווסט, אַז שוין מאָרגן נאָכן טשעכאָסלאָוואַקיי־סקאַנדאַל וועלן אַזעלכע פאָדערונגען זיין געשטעלט צו פוילן, האָט באַשיינפּערלעך באַוויזן דאָס נישט רייפקייט פון דער פּוילישער פאָלקאָווניק קליקע. די פּוילישע פאָלקאָווניק רעגירער כדי צו ווערן אויף נאָר אַ ווייל, אַ גרויסמאַכט האָבן נאָכגעשפּילט די עקספּאַנסיע פון די היטלער־שאַנטאַזשיסטן צו אַ דעמאָקראַטיש שכנות־לאַנד כדי אין סוף ווערן זעלבס — אַ קרבן צו דער מאַכט, וועלכע זי האָט נאָר וואָס זעלבס געהאָלפן אַדורכפירן אירן שאַנטאַזש־פּאָליטיק!

אַזוי טאַקע צוליב דער פאַרבלענד־פּאָליטיק האָט די פּוילישע רעגירונג זיך

אַקעגנגעשטעלט דעם געדאַנק פון פאַרגעלייגטן רוסישן־קאָלעקטיוון־אָפּמאַך אַלס אַ געשאַפענעם באַזיס קעגן דעם היטלער־פאַשיזם און אויך שפּעטער אַפילו ווען אַזאַ זעלבס פּראָבלעם איז געווען אין באַצוג צו איר פוילנס זעלבסשטענדיקן קיום האָבן אויך אָפּגעוואָרפן יעדע אַנגעבאָטענע הילף מצד רוסלאַנד מיט דער טענה, אַז זי פוילן וועט נישט דערלויבן דעם אַדורכגאַנג פון דער רויטער־אַרמיי דורך אירער טעריטאָריע אַפילו אין הילף צו זיך זעלבס, דאָס הייסט גלייכער ווערן זעלבס ליקווידירט אַלס מאַכט און זעלבסשטענדיק לאַנד, ווי זיך אידענטי־פיצירן אין דער אויסערן פּאָליטיק מיטן פאַרהאַסטן רוסלאַנד.

אַזאַ בלענד פּאָליטיק פון דער פוילשער פּאָלקאָווניק־גרופּע האָט געבראַנגט צו גרויס פּאָליטישן דערשטוינונג סיי אינערלעך אין דער פוילישער געזעלשאַפט און סיי אין די אויסערלעכע וועלט קרייזן. געשטוינט האָט נאָר אויך די יידישע גלייכגילטיקייט פון די דעמאָלטדיקע ציוניסטישע קרייזן דעמאָלט טאַקע אין די טעג פון די מינכענער געשעענישן דעמאָלט ווען עס איז געווען נאָך אַ סך צו רעטן סיי דעם וועלט שלום און דאָס יידישע פאָלק פון — פאַרניכטונג.

דעריבער איז מיט רעכט צו באַצייכענען די טעטיקייט פון די יידישע רעוואָ־לוציאָנערן אַרעבטער קרייזן אין אַנבליק פון די אַנקומענדיקע געשעענישן, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, גערופן צום קאַמף, גערופן אַקעגנשטעלן זיך יעדער ווייטערער נאַציסטישער אַוואַנטורע, גערופן צו דער אייניקייט פון אַלע אַרבעטער־שיכטן צו אַ פאָלקס־קאַמף ווי בפרט פאַר אַ קאָלעקטיוון אייניקייט פון פעלקער אַלס איינהייטלער בלאָק קעגן דעם אַנגרייפערישן פאַשיזם!

דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער אַוואַנגאַרד דער דווקא, וועלכע די ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן מבטל געמאַכט אַלס געזעלשאַפטלעכן גורם אין יידישן לעבן. דווקא זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דער לויערנדיקער סכנה פאַרן יידישן פאָלק. זיי זענען געווען די, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט און צעמענטירט דעם יידישן כוח פון דעם יידישן אַרבעטער מיטן פוילישן אַרבעטער כוח פון פוילישן פאָלק. זיי האָבן געקעמפט סיי פאַרן איינהייטלעכן פראָנט און סיי פאַרן קאָלעקטיוון פראָנט אויף דער אויסערלעכער פּאָליטישער אַרענע. אַזאַ טאַקע כוח האָט געקענט ווירקן סיי אינערלעך אויף דער דאָרטיקער פוילישער רעגירונג ווי סיי אין אויסערלעכן וועלט מאַסשטאַב, ווען למשל אַזאַ קאָלעקטיווער מלוכה כוח, ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד אינאיינעם מיט דער טשעכאָ־סלאָוואַקיי און פוילן און אויך אַנדערע לענדער וואָלט זיכער געווען געקענט ברענגען צום רעטונג פון וועלט שלום.

די יידישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע יוגנט אין פוילן האָבן ממש איינגעלייגט וועלטן, די פּראָבלעמען: איינהייטס־פראָנט, פאָלקס־פראָנט, אָדער קאָלעקטיווער

וועלט־זיכערקייט, אַלעס דאָס איז געווען דער געבאָט פון דער שעה. דער קאַמף איז געווען געפירט סיי אויסערלעך און סיי אינערלעך אין אַלע דערשיינונגען, ווייל עס האָט זיך געפאָדערט צעמענטירן אַזאַ קעגן באַזע קעגן דעם פאַשיזם. די יוגנט איז געקומען אויף רעפּעראַטן און פאַרלעזונגען, מאַניפעסטירט און דעמאָנסטרירט דאָס אומעטום, דאָרטן, ווו עס האָבן זיך געפונען מענטשן אין צווישן זיי אַלע, געפירט דעם קאַמף פאַרן שלום קעגן דער פאַרכאַפּערישער מלחמה, קעגן מענטשלעכער פיזישער פאַרניכטונג און קעגן מענטשלעכער פאַר־שקלאַפונג. דער קאַמף איז געווען אַ קאַמף פאַר אַ קיום פון דער וועלט ציוויליזאַציע, דער אַזוי אויסגעקעמפּטער פון מענטשלעכע לאַנגע דורות, אָבער גלייכצייטיק איז עס געווען אַ קאַמף פאַר דער אונדזער יידישער עקזיסטענץ.

אין דעם פאַרשטייעדניקן קאַמף האָט מען שוין נישט גערעדט וועגן פאַרטיי אַנשויאונגען, ווייל אַזעלכעס האָט אַרויסגערופן חילוקי־דעות, עס זענען אַפילו נישט געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג די אַמאָליקע קאַמפּס־שטרייטן אין דער פאַרטיי־באַוועגונג ווי: אַפּנויגונג און אָפּאָרטוניזם אָדער אַזעלכעס ווי למשל אַרבעטער פאַראַט. דאָס אַלעס איז אַריין אין היסטאָרישן אַרכיוו, ווייל דער עיקר איז געווען און געשטאַנען אויפן סדר־היום: פאַרהאַלטן דעם פאַראויסגאַנג פון פאַשיזם!

אַנאַליזירנדיק דעם פּעריאָד פון הערשונג פון דער עקסטרעמער בורזשואַזיע טייל — פאַשיזם און איר'ער אַנגעוואָנדענער ווילקיר־פּאָליטיק סיי אין אינערלעכן הערשונגס רעזשים און סיי אין דער זייערער אויסערן פּאָליטיק איז צו רעזומירן פון די באַקומענע שוין רעזולטאַטן ווי: דייטשלאַנד און איטאַליע, עסטרייך און אַנדערע פאַשיסטישע רעזשימען, ווו אויך דאָרטן אין קעמפערישן נאָך שפּאַניע, ווו די ערשטע צוויי פאַשיסטישע לענדער האָבן דערלאַנגט אַ מאַסיווע אונטערשטיצונג דעם דאָרטן פאַשיסטישן גענעראַל פראַנקאָ, ווי אויך, וועלכעס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין ווייטן אַזיאַטישן מזרח־קאָנטינענט, ווו דאָס אימפּעריאַליסטישע יאַפּאַן האָט מיט די זעלבע פאַרכאַפּערישע אינטריגעס אָנגעהויבן פאַרכאַפּן שטחים אין דער אויסערן מאַנגאָליע און כינע, ווי אויך די פאַשיסטישע פאַרכאַפּערישע מלחמה אין אַביסיניע אין אַפריקע, אַז דאָס אַלעס איז געווען אַ רויבערישע פאַרכאַפּערישע עקספּאַנסיע פון די פאַשיסטישע לענדער אין דער זייערער — וועלט אַגרעסיע.

אַלזאָ די פאַרכאַפּערישע פּאָליטיק פון די פאַשיסטישע לענדער איז אַריין און געהאַט אַ וועלט מאַסשטאַב, וועלכע האָבן סיי אינערלעך און סיי אויסערלעך מיט זייערע בלוטיקע שטיוול געטרעטן אונטער זייערע פיס אַלץ כדי זייערן ציל דערגרייכן. דעריבער איז דער קעגן קאַמף האָט באַדאַרפן ווערן צעמענטירט אַן

פאַרטיי חשבונות, אָן אַנשויאונגס אונטערשידן, ווייל ווען נישט קאָן אַזאַ קאַמף — צווישן זיך — מער שעדיקן ווי נוצן ברענגען. דעריבער אויך איז די רעזומע, אַז מיר יידן צו יענער צייט האָבן באַדאַרפן אין דעם קאַמף נעמען גרויסן אַנטייל.

אַזוי טאַקע איז אין דעם קאַמף. דער קאַמף פון די יידישע רעוואָלוציאָנערן געווען אַדורכאויס אָפּפערישער און בויטווענדיקער צו יענע צייט באַדינגונגען און היסטאָריש אַקטועל. דאָס האָט פאַרשטענדלעך געגעבן גרויסן ביישטייער צום אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן ווקס און סאָציאַליסטישן רעוואָלוציאָנערן באַוווסט־זיין ביי דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער אַוואַנגאַרד.

אַלזאָ דעריבער דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון די טויזנטער יידישע בחורים וועלכע האָבן געקענט פירן די פּאָליטיק פון צעמענטירן יענע גרויסע אַרבעטער באַוועגונג צו אַזעלכע הויכע דערפּאָלגרייכע ציילן אין אַנבליק צו די פאַרשטייעדניקע וועלט געשעענישן וואָס האָט געהייסן קאַמף קעגן אַגרעסיע און יידן פאַרניכטונג פאַרנעמט און באַדאַרפט פאַרנעמען אַ באַזונדער גרויס אָרט אין דער יידישער פאָלקס געשיכטע! ווייל טאַקע זיי — די יידישע רעוואָלוציאָנערע בחורים, האָבן פאַרשטאַנען דאָס וויכטיקסטע אין דער צייט, אַז זייער קאַמף איז אַ קאַמף פאַר יידן־עקזיסטענץ און מענטשלעכן אויף קיום־עקזיסטענץ און טאַקע אַלס אַזעלכן איז ביי זיי געווען דער קאַמף אָפּגעשאַצט און פאַרשטאַנען. גרויס אָבער באַדויערן, וואָס אַזאַ טאַקע קאַמף איז נישט געווען אָפּגעשאַצט און אויפגעמבאַר ביים דאָרטיקן יידישן פאָלק אין פוילן, וועלכעס אַ גרויסער טייל האָט געלעבט נאָר אין ראָמאַנטישן יידישן ביטחון.

דאָך נישט קוקנדיק אויף דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן אָנשטרענג פון דער יידישער טייל יוגנט אין קאַמף פאַר אַזאַ איינהייטס פראָנט קעגן דעם פאַשיזם, איז דאָך אַלע זייערע אָנשטרענגען צו דעם טאַקע איינהייטס פראָנט אין פוילן נישט געקומען צום אויסדרוק נישט אויף דער יידישער גאַס ווי אויך סיי אויף דער פוילישער גאַס. אַלע האָבן געפירט זייער קלויז־פּאָליטיק און פּאָליטיש זיך נאָר אַרומגעריסן און אין לאַנד האָט אַלץ געבושעוועט די פּאָלקאָווניק־קליקע, וועלכע האָט פאַרניכטעט יעדעס ליבעראַל וואָרט און טאַט און מיט דער ברייטער האַנט געוואָרן אין די תפיסות די רעוואָלוציאָנער פאַרשטייער פון דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער און פאָלקס־פראָנט אָדער אַהין אין דעמאָלט געשאַפענעם קאָנצענטראַ־ציע לאַגער — בערעזע. אָבער אויך אַ גרויסע שטערונג ווי אַ סיבה פון זיך נישט צעמעטירן פון פוילישן אַרבעטער קלאַס איז אויך געווען די סיבה דאָס זיך נישט וועלן אידענטיפיצירן מיט מאָסקווע צו וועלכן דער פוילישער אַרבעטער קלאַס האָט נישט געהאַט צופיל פּאָליטישן צוטרוי.

די פוילישע פ.פ.ס. ווי אויך די פוילישע פויערים באַוועגונג אויף דער

פוילישער גאַס בפרט די זעלבע אויף דער יידישער גאַס ווו דער בונד האָבן נאָך געהאַט אין זכרון יענע היסטאָרישע יאָרן פון בשעת דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד מצד דער דאָרטיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. כאָטש אַזעלכעס ביים היינטיקן טאָג הייסט מעכאַניש דענקען און פאַרשטיין די היינטיקע איצטיקע וועלט געשעענישן. דאָך אָבער זענען די פאַרגעלייגטע פּראָפּאָזיציעס פון דער פּוי־לישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז געווען די איניציאַטאָרן און דעם צעמענטירן פון אַזאַ מין אַרבעטער איינהייט האָבן דאָך אַלעמען נישט געהאַט צו זיך דעם נויטיקן צוטרוי און גלויבן און בכלל האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דעם וואָס קומט פון מאָסקווע. און אין רעזולטאַט איז טאַקע צו דעם איינ־היטלעכן פראָנט נישט צושטאַנד געקומען וועלכעס איז גאַנץ געווען טראַגיש און טרויעריק!

☆

די רוסישע אויסערן פּאָליטיק אין דער צייט, ווען די געשעענישן אין דער מערב וועלט איז געשטאַנען פאַר די עקספּאַנסיע פון דעם פאַשיסטישן בלאָק איז געווען און אויסגעפאַלן, ווען די אויסערן פּאָליטיק אין ראַטנפאַרבאַנד געווען אָנגעפירט דורכן אויסערן מיניסטער ליטווינאָוו. צו דער צייט איז די פּאָליטיק פונעם ראַטנפאַרבאַנד געווען אַ דורכאויס שלום פּאָליטיק. זי איז געווען פאַר קאָ־עקזיסטענץ צווישן אַלע פעלקער דאָס נישט אָנבאַלאַנגט פון פּאָליטישן רעזשים. ווייל אין אַזאַ קאָ־עקזיסטענץ האָבן זיך די רוסן געניטיקט און פאַר אַזעלכעס ענערגיש געקעמפט.

די רוסן ווי באַוווּסט זענען געווען באַשעפטיקט אין באַזירן דעם: „סאָציאַליזם אין איין לאַנד" געווען פאַרנומען אין דער דאָרטיקע אויף כוח אַדורכגעפירטער קאָלעקטיוויזאַציע פון פּויערנטום און דעריבער געווען פאַראינטערעסירט אין קיום פון וועלט שלום. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט נישט סתם געקעמפט פאַרן שלום נאָר אויך אַזעלכעס פאַרגעלייגט דורך אַלע אירע פאַרבינדעטע אין דער וועלט אירע קאָמוניסטישע פּאַרטייען ביי וועלכע עיקר לאָזונג איז געווען נישט דערלאָזן צום אויסברוך צו דער געפּלאַנטער פון פאַשיזם מלחמה.

פאַר די רוסן איז געווען גוט באַקאַנט די געפּלאַנטע שטרעבונג פון דער פאַשיסטישער עקספּאַנסיע באַזונדערס דעם נאַציזם. די רוסן האָבן פאַרשטאַנען אַזוי טאַקע ווי היטלער האָט געשריבן אין זיין בוך: „מיין קאַמף" ווי דער עיקר ביי אים איז קאַמף קעגן קאָמוניזם, דעריבער האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דער דייטשלאַנדס „דראַנג נאָך אָסטן" קאָן נאָר ווערן דערגרייכט דורך די לענדער,

וועלכע ליגן אויפֿן וועג קיין אָסטן, דאָס הייסט אויפֿן וועג קיין רוסלאַנד. דעריבער אין קעגנזאַץ צו די מערב לענדער פֿון דעם ווערסאַלן אָפּמאַך, ווי די פּאַקטישע זיגער זענען געווען ענגלאַנד און פֿראַנקרייך, וועלכע האָבן דווקא אינספּירירט דעם נאַציזם כּדי מיט זיינע פֿאַרברעכערישע הענט אויספֿירן דעם „דראַנג נאָך אָסטן" און אים היטלערן אַפֿילו מיט שטחים און אַנדערע פּאָליטישע קאָמפּענ־סאַציעס אָנגערעגט צו דער אָסטן־אַגרעסיע, וואָס הייסט רוסלאַנד, וועלכעס איז טאַקע האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער פּאָליטיק ביז מינכען, ווי טאַקע נאָר, אַ פּאָליטיק קעגן רוסלאַנד און קאָמוניזם. דעריבער אין קעגנזאַץ צו אַזאַ פּאָליטיק פֿון די מערב לענדער ווי אויך בפֿרט צו אַזאַ פֿאַרכאַפּערישער פּאָליטיק פֿון דער דייטשער עקספּאַנסיע האָבן די רוסן פֿאָרגעלייגט זייער פּאָליטיק פֿון אַ קאָלעק־טיוון פּאַקט פֿון מלוכות כּדי פֿאַרהאַלטן דעם פֿאַשיזם אין זייער עקספּאַנסיע, וועלכער טאַקע דער — קאָלעקטיווער אָפּמאַך — איז נישט אַנדערש ווי אַ קאָפּיע פֿון דעם איינהייטלעכן אַרבעטער־פֿראָנט אינערלעך אין יעדן לאַנד באַזונדער. גלייכצייטיק האָבן זיך די רוסן דעמאָלט פֿאַרפּליכטעט אויך אין צוויי זייטיקן „נישט אָנגריפֿס־פּאַקטן" וועלכן זיי האָבן געהאַט מיט דער דעמאָלטדיקער — טשעכאָסלאָוואַקיי... אויך איז כּדאַי צו דערמאַנען, האָבן די רוסן דעמאָלט אין דער שלום פּאָליטיק געווען אויך אַן עמוד תּווך אין יענעם צייטיקן לאָקאַרנאָ־פּאַקט. די רוסן זענען געווען רעאַליסטן. זיי האָבן געזען דאָס אָנקומענדיקע בייז, זיי האָבן פֿאָרגעלייגט מיליטערישע הילף אַפֿילו אין פֿאַל, ווען זיי האָבן באַדאַרפֿן מוותּר זיין אויף געוויסע רעוואָלוציאָנערע יסודות.

אַלעס אַזעלכעס, ווי אַ פֿאַרשטענדלעכקייט אין קאַמף קעגן אַ „גרעסערן בייז", כּדי אַזעלכעס מיט אַלע מיטלען פֿאַרהאַלטן.

אַזעלכעס איז געווען די אויסערן פּאָליטיק פֿונם ראַטנפֿאַרבאַנד אין יענער צייט אַזוי איז אויך געווען דעמאָלט די פּאָליטיק פֿון קאָמינטערן אין יענער צייט, דעריבער איז געווען אַזוי עקשנותדיק דער טאַקע קאַמף אין די פּאָסטולאַטן פֿון אויסערן מיניסטער — ליטווינאָוו אין יענער צייט.

אַזעלכעס זענען געווען די גרונט שטריכן פֿון דער קאָלעקטיווער בלאָק פּאָליטיק די פֿאָרגעלייגטע פֿון רוסלאַנד. דאָך האָט זי נישט געשלאָגן קיין וואָרצלען אין יענער אייראָפּע, ווייל די וועלט מאַגנאַטן האָבן געקלערט פֿון נאָכ־גיביקייט פֿון באַגיטיקן היטלערן דאָס כּדי אים פֿירן אין קאַמף קעגן רוסלאַנד. אַזאַ טאַקע נאָכגיביקייט איז געקומען צום אויסדרוק אין מינכען.

אַזוי טאַקע איז די איינציקע רעאַל פּאָליטיק געווען די רוסישע. צוליב דעם טאַקע האָט זי געהאַט גרויס סימפּאַטיע ביי דער יידישער יוגנט, דאָס פֿון אַלע פֿאָלקס־שיכטן, דאָס אויך בעוויל די יידישע יוגנט איז לויט דער גאַנצער זייערער

מסורה באַוווסט אַלס רודף שלומדיקע און דעריבער האָט די פּאָליטיק ביי די יידן געהאַט גרויס פאַרשטאַנד און געשלאָגן טיפע וואָרצלען!

☆

היטלער דייטשלאַנד צו דער צייט אין זיין פּלאַנירטער עקספּאַנסיע אויף טשעכאָסלאָוואַקיי איז געווען מיליטעריש און פּאָליטיש גוט באַזירט. דאָס גאַנצע לאַנד האָט בלויז נאָר פּראָדוצירט געווער און וואָפּען, דעריבער איז די דאָרטן אין דייטשלאַנד אַרבעטסלאָזיקייט גענצלעך געווען ליקווידירט. ווייל דער גאַנצער אַרבעטס אָנשטרענגג איז געווען פּראָדוצירן געווער און זיך באַוואָפּענען ווי זעלבס האָבן געטענהט: „האַרמאַטן וויכטיקער פון פּוטער". צו דער צייט האָבן שוין אויך געהאַט פּאָליטישע פאַרבינדעטע.

היטלער׳ס פּלאַן צו פאַרכאַפּן דעמאָלט די טשעכאָסלאָוואַקיי איז געווען פּלאַנירט מיט אַלע נאָר מעגלעכע מיטלען, אָנהויבנדיק פון שוין באַקאַנטן באַוווסטן שאַנטאַזש־שפּיל ביזן מיליטערישן קאַמף כדי נאָר אַבי דערגרייכן זיין ציל. אין אַזאַ קאַמף איז היטלער געווען גרייט צייטווייליק צו גיין אין דעם קאַמף מיט זיינע גרעסטע פאַרהאַסטע שונאים, ווי דאָס איז געווען פאַר די דייטשע — פּוילן. אַזוי טאַקע איז געווען באַקאַנט די דייטשן, אַז פּוילן האָט חשק צו געוויסע טעריטאָריאַלע טשעכישע געביטן ווי דער ציעטשן ראַיאָן, ווי אויך אַזעלכע פאָדערונגען האָבן געהאַט צו דער טשעכאָסלאָוואַקיי — אונגאַרן. איז פאַרוואָס טאַקע נישט אויסנוצן אַזעלכע לענדער צו זיינע פּאָליטישע צילן ווען אַזעלכעס פאַרגרינגערט נאָר היטלערן אין דער פאַרכאַפּערישער מלאכה.

אין שייכות טאַקע מיט די ערב־מלחמה געשעענישן צו יענערצייט אין אייראָפּע, וועלכע זענען טאַקע געקומען צום אויסדרוק אין דער מינכענער קאָנ־פערענץ, ווען באַשיינפּערלעך איז געווען צו זען, אַז דאָס נאַצישע דייטשלאַנד גרייט זיך צו פאַרכאַפּן נישט נאָר די טשעכאָסלאָוואַקיי נאָר וועלכעס איז שוין געווען דער אַריינטריט צו פאַרכאַפּן די גאַנצע אייראָפּע ווי אויך אַפילו די גאַנצע וועלט, און ווען אין דער ערשטער רייע איז געשטאַנען שוין פּוילן, האָבן דאָרטן אין פּוילן די בעק־פּאָליטיקער נאָך אַלץ דערקלערט אָפן און קלאָר די שנאה צו רוסלאַנד, וועלכע איז געווען דער אויסדרוק אין נישט אַדורכלאָזן דעם דורכגאַנג פון דער רויטער אַרמיי דורך אירער טעריטאָריע צו הילף די לענדער, וועלכע זענען געוואָרן, אָדער וועלן ווערן באַפאַלן פון דעם פאַשיזם. דעריבער מיטן זעלבן האָבן אַרויסגערופן די דייטשע אָנרעגונג אויף אַן איבערפאַל אויף טאַקע פּוילן,

ווייל אין אַזאַ מאָמענט האָבן די דייטשן פאַרשטאַנען וועט פוילן בלייבן אַליין, אָן פּאָליטישע און אָן מיליטערישע הילף.

די פוילישע רעגירונג האָבן פאַרשטענדלעך נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז אַזאַ פּאָליטישער שאַנטאַזש ווי דאָס איר אַרויסהעלפן דעם מאַרגנדיקן שונא ליקווידירן די טשעכאָסלאָוואַקיי האָט אין זיך די יסודות פון אייגענעם אונטער־גאַנג. די פוילישע בעק־רעגירונג האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין די וויכטיקע סטראַטעגישע באַדייטונג פון פוילישן דאַנציג אין באַצוג צו זייערן געפאָדערטן פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי — ציעטשן ראַיאָן, אָדער די באַדייטונג פאַר דייטש־לאַנד — דעם געפאָדערטן פון די דייטשן — „קאָרידאָר" דורך דער פוילישער טעריטאָריע! דעריבער די פּאָליטיק פון דער פוילישער רעגירונג נאָכלויפן דעם דייטשן שאַנטאַזש־שפּיל האָט נישט אַנדערש פאַר פוילן געהייסן ווי נאָר פאַראַט צו דער פוילישער זעלבסשטענדיקייט.

אָדער נעמען מיר די פּאָליטיק פון דער דעמאָלטדיקער ענגלישער טשעמ־בערליינס רעגירונג, האָבן דען די ענגלענדער נישט פאַרשטאַנען די וויכטיקע און סטראַטעגישע באַדייטונג פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי אין קאַמף קעגן דעם אַגרעסאָר, ווען עס קומען צו אַזאַ פאַרמעסט אײנאײנעם מיט נאָך מלוכות קעגן דייטשלאַנד. זיי די ענגלענדער האָבן נישט געקענט אָפּשאַצן די ווערט פון טשעכאָ־סלאָוואַקיי, וועלכע איז געווען מסוגל אַרויסשטעלן אַ גוט אויסגעשולטע אַרמיי און אויסגעשטאַטער מיליטעריש אין אַזאַ צוקונפטיקן מלחמה־פאַרמעסט. אַלעס דאָס האָבן די ענגלענדער פון זיך קינסטלעריש פאַרהוילן, ווייל האָבן געלעבט מיט פאַלשע באַגריפן פון אָנרייצן די דייטשן אויף רוסלאַנד, וועלכעס איז שוין געווען אָפּגעלעבטער אַנאַכראָניזם, דאָס נאָך אין יענע יאָרן פון רוסישן בירגער קריג, וועלכעס דעמאָלט האָט פאַר די ענגלענדער די דעמאָלטדיקע אינטערווענץ גאָרנישט געגעבן.

געווען טאַקע איז היטלער גערעכט ווען ער האָט בשעת דעם אַנשלוס געזאָגט, אַז די ענגלענדער וועלן מיט קיין פינגער קיין פּיפּס טוען כדי זיך אַקעגן שטעלן דעם אַנשלוס, ווייל אַפילו אין מינכען האָבן זיך נישט אַקעגן געשטעלט. טשעמ־בערליין האָט באַדאַרפן נאָכן אַנשלוס זאָגן, אַז „גאָרנישט האָט געקענט פאַר־האַלטן דאָס וואָס איז געשען אין עסטרייך, נאָר אפשר ווען עסטרייך וואָלט מיט דער הילף פון אַנדערע מלוכות אַנגעוואָנדן מיליטערישן כוח" ממש נישט צו פאַרשטיין אַזעלכעס פון אַ פּאָליטיקער וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ וועלט מאַכט ווי ענגלאַנד, ווייל ווער וואָלט באַדאַרפן אַריינגערעכנט ווערן אין דער צאָל מלוכות וועלכע וואָלטן מיליטעריש אַרויסגעהאָלפן — עסטרייך?

פאַר היטלערן איז געווען קלאָר און דייטלעך, אַז טשעמבערליין איז נישט

גרייט צו באַרירן דאָס פּראָבלעם וועגן „פּאַרהאַלטן דעם פּאַראויסגאַנג פון דער היטלער אַגרעסיע” אַפילו אין דער נאָענסטער צוקונפט. למשל, ווען דער ראַטנ־פאַרבאַנד האָט אין מערץ פון יאָר 1938 פאָרגעלייגט באַהאַנדלען די פראַגע אין פעלקער־בונד וועגן דער ווייטערדיקער דייטשער אַגרעסיע, האָט טשעמבערליין אַזאַ זאַך מיט ביטול אָפּגעוואָרפן צוליב דער טענה, אַז אַזעלכעס קאָן ברענגען צו ווייט גייענדיקע קאָנסעקווענצן. פאַר דערפאַר אָבער האָט ער טשעמבערליין אין דעם זעלבן רעפּעראַט דערקלערט זיין רעגירונגס באַשלוס צו יענער צייט דהיינו: „אַז ענגלאַנד נעמט נישט אָן דעם פּאָרשלאָג פון אַרויסהעלפן דער טשעכאָ־סלאָוואַקיי אין אַ פאַל פון אַן איבערפאַל אויף איר פון אַ דריטן צד” אויך דער־קלערט אַז „ענגלאַנד וועט נישט אונטערשטיצן אַפילו פראַנקרייך אויב זי וועט יאָ אין אַזאַ פאַל געבן הילף דער טשעכאָסלאָוואַקיי רעגירונג”. דאָס האָט פאַר־שטענדלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין אַזאַ פאַל קענען אַפילו די רוסן נישט קומען צו הילף דער טשעכאָסלאָוואַקיי, ווייל לויטן אונטער־געשריבענעם אָפּמאַך צווישן די טשעכן און די רוסן איז בפירוש געזאָגט: „אַז רוסלאַנד פאַרפליכטעט זיך געבן הילף דער טשעכאָסלאָוואַקיי נאָר אין פאַל, ווען אַזאַ הילף קומט אויך פון פראַנקרייך”. דעריבער איז געווען זעלבספאַרשטענדלעך קלאָר פאַר דער גאַנצער וועלט און אַוודאי פאַר פראַנקרייך, אַז זי ענגלאַנד וועט זיך נישט רירן פון אָרט צו געבן הילף די טשעכאָסלאָוואַקיי. דאָס הייסט, עס איז שוין געווען גענוג צו פאַרשטיין, אַז די פּאָליטישע לאַגע פאַר די טשעכן איז איינזאַם און טאָמער עס קומט צו אַן איבערפאַל פון דייטשלאַנד אויף איר, איז זי אַליין אין קאַמף, וועלכעס הייסט פון פאָראויס אַ פאַרשפּילטער, אַזעלכעס טאַקע האָבן די היטלעריסטן נאָר דערוואַרטן.

צום סיכום איז געדרינגען, אַז אין די מינכען טעג האָבן די ענג־לענדער ווידער באַגאַנגען דעם מענטשלעכן פאַרברעכן ווי ממש פריער בשעת דעם אַנשלוס. איצט ווי אויך פריער האָבן די ענגלענדער אויסגעשטעלט דאָס טשעכן פאָלק אויף רויב ווי גלייכצייטיק דעם דאָרטיקן יידישן ישוב, וועלכער איז טאַקע נאָך די מינכענער געשעעענישן געוואָרן נאָך מער אַכזריותדיקער אונ־טערגעדריקט ווי בשעת דעם אַנשלוס אין עסטרייך. מיר יידן אין פּוילן האָבן זיך דעריבער דערנענטערט צום פיזישן פאַרניכטונג, ווייל שוין נאָך דער טשעכאָ־סלאָוואַקיי זענען מיר אין פּוילן געשטאַנען אין דער רייע.

מיר יידן צו יענע מינכענער טעג זענען שוין ממש געווען אויפן שוועל פון אָפּגרונט, ווען נאָך דער באַרימטער מינכענער קאָנפערענץ זענען נאָך אַלע וועלט פּאָליטיקער געווען נאָך אַלץ פאַרבלענדט און נישט געוואָלט אַריינקוקן אין די אויגן פון יענערווירקלעכקייט זענען מיר יידן שוין געווען פאַקטיש ווי צום טויט

פּאַרמשפּטע. די דעמאָלטדיקע וועלט פּאָליטיקער האָבן נאָך נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז די וועלט שטייט ממש פאַר ערב מלחמה צייטן, אָבער היטלער האָט דאָס גראַדע יאָ פאַרשטאַנען! היטלער שוין אין יענער צייט נאָך די מינכענער געשעענישן אין זיינע באַפעלן אין באַצוג צו פּוילן אַט שוין פאַרשטאַנען און אָנגעוויזן דעם וועג פון דער מלחמה. איצט, וואָס שייך פּוילן קענען שוין נישט ווערן אויסגענוצט קיין שאַנטאַזש־פּאָליטיק ווי די ביז איצט אָנגעוואַנדענע לגבי עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיי — איצט האָט ער פאַרשטאַנען קאָן נאָר און מוז נאָר קומען צו דער געטרוימטער פון היטלערן־מלחמה!

אַזעלכעס האָבן די פּאָליאַקן נישט פאַרשטאַנען, אַזעלכעס האָבן נישט געוואָלט פאַרשטיין די טשעמבערליינס און די דאַלאַדיעס, אָבער די רוסן האָבן עס טאַקע גלייך מיט די היטלערס — יאָ פאַרשטאַנען.

די היטלערס האָבן פאַרשטאַנען, אַז כדי אויסמיידן די מלחמה־קאָנפראָנטאַציע ברויכן זיי טאַקע שאַפן דעם פאַרגעלייגטן פון די רוסן — קאָלעקטיוון אָפּמאַך — און ווען פון דער היטלער זייט האָט ער זעלבס היטלער פאַרשטאַנען האָט שוין מער קיין אַנדערן אויסוועג פון דערגרייכן און פאַרכאַפּן די וועלט ווי נאָר דורך דער מלחמה. דעריבער וואָלטן זיי — געמיינט — די מערב וועלט און בפרט פּוילן אויב ווילן אויסמיידן די מלחמה, שאַפן אַ קעגן בלאָק פון מלוכות, וועלכעס איז נאָך אימשטאַנד נישט צו דערלאָזן צו אַזאַ מלחמה. דעריבער איז געווען דרינגענד צו שאַפן דעמאָלט דאָס פאַרגעלייגטע פון רוסלאַנד — קאָלעקטיוון אָפּמאַך בלאָק קעגן דעם פאַראויסגאַנג פון דער פאַשיסטישער אַגרעסיע!

אַלזאָ מיר יידן אין פּוילן זענען געשטאַנען פאַר גורלדיקע טעג. מיר יידן אין פּוילן זענען געשטאַנען פאַר גרויסע געשעענישן מיט אונדזער פולער באַגאַבטער פאַרצווייגטער שעפערישער קולטור און שאַפן: וויסנשאַפט און ליטעראַטור מיטן גאַנצן דאָרטן תלמודישן וויסן, מיר יידן, מיט אונדזער גאַנצן דאָרטן ציוניסטישן וויסן און שאַפן, מיר די יידן מיט אונדזער גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן וואָלטן אַריין אין אָפּגרונט פון — אומקום.

אַזעלכעס איז געווען רעאַל און אָנטאַפּנדיק און דאָך האָט דאָרטן אין יענע טעג געהערשט צווישן אונדז אין יידישן ישוב אַ מין פּאַסיווער אויסדויער אין אונדזער גאַנצער דעמאָלט געזעלשאַפטלעכקייט!

צו אַזאַ מין נישט פאַרשטענדלעכער יידישער פּאַסיוויטעט פון אַ סך גורמים צו יענער צייט איז געווען קריטיש נישט צו פאַרשטיין בפרט אין אַזאַ מין פּאַסיוויטעט האָבן געלעבט די יידישע רעליגיעזע קרייזן, די וועלכע זענען קיינמאָל נישט אַרויס פון זייערן בית־המדרש בטחון, וועלכער איז ביזן היינטיקן טאָג נישט אָפּגעפרעגט געוואָרן כדי נישט מחלל זיין השם זיין.

אין שייכות דערמיט איז האָבן צו זיך די גרעסטע אַכטונג די יידישע יוגנט, וועלכע האָבן געקעמפט פּנים לפנים מיטן שונא ווי אויף די שלאַכט פעלדערן, אויף באַריקאַדן און אויפשטאַנדן, ווי אויך שפּעטער אין די געטאָס און אין די טויטן־לאַגערן, ווי אויך אויף די פּראַנטן קעגן בלוטיקן נאַצי־שונא פאַר זיי — דער גרעסטער מענטשלעכער כבוד. זיי טאַקע זענען געווען דער אַוואַנגאַרד־כוח אין דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף בשעת ערב דער מלחמה, און טאַקע אין גאַנג פון מלחמה גופא, זיי דער טייל יידישע יוגנט זענען געווען דער אַקטיווער כוח אין דעמאָלטדיקן צעמענטירן דעם קאַמף קעגן — פאַשיזם!

☆

אין די צייטן פון פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה בין געווען אָנגעשלאָסן פּאָליטיש צו דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט קאָמסאָמאָל, וועלכע איז געווען די יוגנט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אונדזער געביט, און אָרגאַניזאַציאָנעל געווען אָנגעשלאָסן צו דער מערב־אוקראַאינישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ק. פּ. ז. או. ווי אַ סך דעמאָלט יוגנטלעכע כאָטש פון אָפּשטאַמונג נישט קיין פּראָלעטאַרישע, דאָך האָבן געהאַלטן פון מיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, אַז נאָר די סאָציאַל־רעוואָלוציע קאָן ברענגען צו לייזן דעם דעמאָלטדיקן נישט יושר אין דער וועלט!

איך בין אַריין אין דער באַוועגונג מיט פול ברען און התלהבות צו ווערן אַ מוטיקער קעמפער. מיר דעמאָלט אַ סך פון יענער יוגנט זענען געווען גאַנץ באַוווסטזיניק אין אונדזערן פּאָליטישן וועג און אַלס אַזעלכע זענען געגאַנגען אין פאָלק, עס אַגיטירט און באַוווסטזיניק מאַכן און פאַרשפּרייטן די נייע אמתן פון דער צוקונפטיקער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, ווי אויך גלייכע רעכט פאַר אַלע אָן אויסנאַם מענטשן און פאָלקס־אָפּשטאַמונג. ווי אויך פאַרשטענדלעך גלייכע רעכט פאַרן יידישן פאָלק, וועלכעס אַזעלכע רעכטן איז פאַר אונדזער דעמאָלט רעוואָלוציאָנערער וועלט געווען גרויס וויכטיק, ווייל עס איז געווען דאָס ספּעציפישע אין יענער דעמאָלטדיקער יידישער געזעלשאַפט. שוין אין דער צייט, וועלכע איז געווען פּאַראַלעל מיט דער צייט פון דעם באַרבאַרישן זיך באַגיין מיט אונדז יידן אין דייטשלאַנד, האָבן מיר יוגנט געגלויבט הייליק אין דער אונדזערער שליחות אין דער אונדזערער אידעע, אַז דאָס יידישע פּראָבלעם קאָן און מוז ווערן געלייזט אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

איך האָב געגלויבט אין די יושר אידעען, זיך געאָפּפערט מיט פולן געביין פון מיין גאַנצער נשמה־אייפער און יוגנט ענערגיע און ווי אַ סך טויזנטער דעמאָלט יידישע בחורים, וועלכע זענען געקומען גלייך פון די שולן און בתי־

מדרשים, ווי פון לער־און אַרבעטער־וואַרשטאַטן. האָבן מיר זיך געוואָרפן אין דער אַרבעט ווי פאַרשפּעטיקטע, מיר זענען געגאַנגען זיך מוסר נפש זיין, געגאַנגען אין דאָרף צום פּויער, אין שטאָט צום אַרבעטער, צום קליינהענדלער — אַלע זיי ברענגען — באַוווסטזיין. מיר האָבן גערופן אויף רעפּעראַטן, פאַרלעזונגען, גערופן אויף פאַרזאַמלונגען, סיי אין לאָקאַלן און סיי אויף דער גאַס, פאַרהוילן פון פּאָליציייאישן אויג. אומעטום זענען מיר געווען אין שליחות פאַרן פאָלק, דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער פאָלק. מיר, די דעמאָלטדיקע רעוואָלוציאָנערן האָבן געפירט דעם פאָלקס קאַמף פאַר עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען, מיר זענען געווען ווי דער דופק פון פאָלק, געפירט עס פון שטאָפּל צו שטאָפּל אין זיין עקאָנאָמישן פּאָליטישן קאַמף. די אַרבעט איז געווען ווי אַ הייליקייט, עפּעס ווי אַ נייער גלויבן, און מיר נישט נאָר וואָס האָבן זיך מקריב געווען, נאָר ווי קעמפער גע־שטאַנען און עקשנותדיק געקעמפט. אַ סך טאָקע זענען פון אונדז געפאַלן, אין תפיסות געשליידערט, דאָך זענען מיר נישט אָפּגעשטאַנען, נישט געוואָרן אָפּ־געשראָקן און דעם קאַמף וויטער געפירט, ווייל מיר זענען געווען ווי די נביאים אין דער טאָקע פאָלקס־שליחות.

דער קאַמף פאַר אמת איז שטענדיק און אייביק געווען שווער. דאָס האָבן מיר געוווסט, דאָך האָבן מיר דעם קאַמף פאַרגעזעצט, דאָס פאַרשטענדלעך נאָר צוליב די ריינע אידעען־אָנשויאונגען אָן געלט־קאָמפּענסאַציעס. דאָס באַווייזט די וויכטיקייט פון דער אונדזערער אידעען־שליחות. וואָס אָן אמת איז, אַז דער בייטראָג אונדזערער איז געווען גרויס, כאָטש ווער וואָלט געקענט גלויבן, אַז מיר יידישע בחורים צעפּיעשטשעטע פון דער היים האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פון פּאָליציייאישן טעראָר און זייערן גרויל־טאַטן. אַזאַ פּאָליציייאישער ווילקיר טעראָר אין פּוילן האָט געהייסן: „דעפּע״, דאָס האָט געהייסן אַ דעפענסיווער קאַמף פון דער דאָרטיקער פּאָליציי קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קאַמף. אין אַזאַ קאַמף איז טאָקע נישט איין רעוואָלוציאָנערער יוגנטלעכער געוואָרן געפייניקט און געטויטעט, דאָך דעם אַלעמען האָבן מיר געקעמפט.

אונדזער בייטראָג אין דעם קאַמף איז געווען פאַרשידנאַרטיק. מיר די רעוואָלוציאָנערן האָבן נישט נאָר אויסגעפירט ממשותדיקע אַרבעטן ווי פּראָפּאַ־גאַנדירן, אַגיטירן, נאָר אויך אַוודאי טעכנישע פּאַרטיי־אַרבעטן. מיר האָבן אָר־גאַניזירט דעם קאַמף פון אַרבעטער קלאַס, מיר האָבן אויפגעדעקט אין אונדזער קאַמף די אומרעכטן פון דער בורזשואַזער קלאַס און זייער אַרבעטער־עקס־פּלאָאַטאַציע, דעם נישט יושר אין דער היינטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. מיר האָבן אין דעם קאַמף נישט געזוכט קיין לאָרבער קרענץ!

איינס פון די וויכטיקסטע פּאָליטישע אָרגאַניזיר־אויסדריקן אין דעם קאַמף

צו יענער טאָקע צייט בשעתן זיך פאַרשאַרפן די פּאָליטישע ווילקיר־מיטלען פון דער דעמאָלטדיקער בורזשואַזיע סיי אינערלעך אין פּוילן און סיי אויסערלעך אין דער גאַנצער דעמאָלט אייראָפּע איז געווען דאָס צעמענטירן פון דעם אַזוי גערופענעם איינהייטס־פראָנט פון אַלע אַרבעטער פּאַרטייען, אָדער דאָס צעמענ־טירן דעם פאָלקס־פראָנט!

אין פּוילן האָט באַדאַרפן ווערן צעמענטירט אַזאַ איינהייטס־פראָנט פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען סיי אָנגעהעריקע צום 2־טן אינטערנאַציאָנאַל און סיי צום 3־טן אינטערנאַציאָנאַל, ווי דער פּוילישער פּ.פּ.ס., בונד און ביידע פּועלי־ציון פּאַרטייען: רעכטע און לינקע און פאַרשטענדלעך די פּוילישע ק.פּ.פּ. מיט דער יידישער יעווסעקציע. אָבער אין דעם אונדזערן קאַמף צו צעמענטירן דעם איינ־הייטס־פראָנט האָבן מיר קאָמוניסטן, וועלכע זענען געווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם זיך שאַפנדיקן פראָנט, געהאַט גרויסע פּאָליטישע שטרויכלונגען, וועלכע זענען מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרויסע פּאָליטישע אַנטוישונגען, וועלכע טאָקע אַנטוישונגען זענען געקומען פון דעם דווקא אויסגעבענקטן אונדזערן פּראָלעטאַרישן ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער איז צו יענער צייט געווען פאַר אונדז קעמפנדיקע דאָס מוסטערלאַנד.

די שטרויכלונגען, די דווקא פּאָליטישע, זענען גלייכצייטיק געקומען מיט אונדזערן פּאָליטישן אַריינוואַקסן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער צייט פון אָנקומענדיקן פאַשיסטישן טעראָר. ווען מיר רעוואָלוציאָנערן האָבן געזוכט די וועגן אין קאַמף פון אָרגאַניזירן אַ קעגן כוח קעגן דעם פאַראויסגאַנג פון בושעוועדיקן פאַשיזם, ווען מיר האָבן געזוכט דעם נויטיקן באַוווסטזיין צו שאַפן דעם פּאָליטישן אַלגעמיינעם איינהייטס־כוח אין קאַמף קעגן פאַשיזם — זענען פּלוצלינג געקומען די ערשטע פון ראַטנפאַרבאַנד פּאָליטישע „רייניקונגס־פּראָצעסן" קעגן די דאָרטיקע כלומרשטע — פאָלקס־שונאים, וועלכע זענען געווען די אַמאָליקע אַרבעטער־באַוועגונגען: טראָצקיסטן, מענשעוויקעס און אַנדערע, מיט אַ באַשמוצונג אַלס פאָלקס־שונאים אין ראַטנפאַרבאַנד גופא, אַזעלכעס האָט פאַר־שטענדלעך געהאַט ביי אונדז דעמאָלט אין פּוילן אַ פאַרקערטן פּאָליטישן עפעקט אין דער צייט פון אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער־פראָנט.

די קאָמינטערן שיטה פון שאַפן אַזאַ מין אַרבעטער־פראָנט קעגן דעם פאַשיזם האָט געהאַט אַ פּאָליטישן פיאַסקאָ — דעמאָלט בשעת די אין רוסלאַנד — פון י. סטאַלין אינספּירירטע — רייניקונגס־פּראָצעסן. די טאָקע פּראָצעסן זענען געווען אַ קעגן באַווייזונג צו דער וויכטיקייט פון שאַפן אַזאַ מין אַרבעטער־פראָנט אין דעם מאָמענט, ווען דאָרטן אין רוסלאַנד זעלבס זענען אַזעלכע אַרבעטער באַוועגונגען ווי מיר דאָ אין פּוילן אָרגאַניזירן — ווערן אין רוסלאַנד געשטעלט אויסערן

געזעץ. אויב אַזוי איז עס דאָך אַ קעגנשטאַנד צום געפאָדערטן פון מאָסקווע — „איינהייטס־פראָנט״! אָבער פרעגט זיך ווער וואָלט זיך אַנטוואָגט אין דער פּאַרטיי באַווייזן די קעגנזעצלעכע פּאָליטישע טאַקטישע שיטות אין דער באַשטימטער פּאַרטיי־ליניע?!

אין דער אַרבעט פון צעמענטירן דעם איינהייטס־פראָנט פלעגט מען אונדז מיט רעכט פאָרוואַרפן די דערמאָנטע פּאָליטישע פּראָצעסן אין רוסלאַנד. אונדז פלעגט מען פאָרוואַרפן אויך דעם דעמאָלטדיקן געשאַפענעם אין ראַטנפאַרבאַנד דעם דאָרטן הערשנדיקן — „סטאַלין־קולט״, זיין דיקטאַטאָרישן און טאָטאַלן כאַראַקטער אין באַהערשן אינערלעך אין רוסלאַנד די פּאַרטיי לויט זיין — י. סטאַלינס דיקטאַטאָרישן דיקטאַט!

בסך־הכל — פלעגן אונדזערע קעגנער, די פּאָליטישע קעגנער טענהן, האַנדלט זיך נאָר אין געבן אַן אַנדערן פּירוש פון אויסטייטשן דעם „מאַרקסיזם־לעניניזם״, אָדער די דערפאָלגן און אויפטאָן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זיי די פאָרשטייער פון די אַנדערע אַרבעטער באַוועגונגען — פלעגן טענהן און מיט גרויס פאָרוואורף, אַז וו. לענין וואָלט זיכער אין זיין מעגטשלעכער הומאַניטאַרער פּערזאָן נישט דערלויבט צו אַזעלכע אינסצעניזירטע — „ריינקונגס־פּראָצעסן״ קעגן די פירער און שעפער פון דער רוסישער פּראָלעטאַרישער רע־וואָלוציע. זיי פלעגן פרעגן צי זענען די פאַרדינסטן פון: טראָצקי, קאַמענעוו און זינאָוויעוו, ריקאָוו, בוכאַרין און ראַדעק און פיל אַנדערע טויזנטער רעוואָ־לוציאָנערן־קעמפער, וועלכע ווערן איצט „ליקווידירט״, זענען געווען פּאָלקס־שונאים פון דער רעוואָלוציע? — אַזוי טאַקע ווי סטאַלין אין דעם זיי באַשולדיקט!

אַזעלכע באַשולדיקונגס פראַגן אין מאָמענט פון שאַפן דעם איינהייטס־פראָנט האָט אַרונטערגעריסן דעם פולן צו אונדז גלויבנס־צוטרוי. דאָס זענען נישט געווען סתם פראַגן נאָר דווקא מהות־פּראָבלעמען און באַשולדיקונגען קעגן אונדז. מיר די קאָמוניסטן כאָטש אונדזערן גרויסן פּאָליטישן אידעען אַרסענאַל זענען געווען פּשוט — אין אונים, קעגן אַזעלכע לאָגישע באַשולדיקונגען. אין אמתן געזאָגט האָבן מיר אויך נישט געקענט מסכים זיין מיט דעם אַלעמען, וועלכעס איז פאָר־געקומען אין רוסלאַנד, ווייל ווי קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז אַלע די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פירער זאָלן ווערן אַנערקענט אַלס שונאים פון דער רוסישער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע?! אָבער דאָך, ווייל אין דער צייט געווען אין פוילן מער וויכטיקערע פּראָבלעמען, אַזעלכע זענען געווען דאָס „גרעסערע בייז״, אַזעלכעס האָט באַדאַרפן דעמאָלט אַ זאָפּאַרטיקן קעגן קאַמף, כדי פאַר־האַלטן דעם פאַראויסגאַנג פון שונא פון אַרבעטער־קלאַס, זיין באַוועגונג און אַלע שטרעמונגען, וועלכער איז געווען צו יענער צייט דער פאַשיזם.

אַזוי טאַקע איז אינערלעך אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג — איז דער סטאַלין־קאַמף אינערלעך אין רוסלאַנד קעגן זיינע אַמאַליקע חברים, די מיטשעפּער פון דער רוסישער רעוואָלוציע געוואָרן אַ וויכטיקער קעגן באַדינג אין צעמענטירן פון דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס אין אַן איינהייטס־פראָנט, ווי אויך אַוודאי אין יענער דעמאָלטדיקער אייראָפּע אין אָרגאַניזירן דעם פּאַרגע־לייגטן פון קאָמינטערן אַרבעטער־פראָנט. אויך טאַקע איז עס געוואָרן די ערשטע אונדזערע ספקות, וועלכע טראָץ אַלע טעאָרעטישע באַזירונגען האָבן אָנגענומען שוין אין דער צייט ווי מען זאָגט, אַדערן און פלייש און צום סוף גרויסע אַנטוישונג אין אונדזערן רעוואָלוציאָנערן לעבנס־וועג. דאָך דעם אַלעמען האָבן מיר פאַר־געזעצט אונדזערע פּאָליטישע טעטיקייט, ווייל די סכנה פון פאַשיזם איז געווען פול גרעסער און פאַרברעכערישער.

אין מיטן 1937 יאָר בין איך צום צווייטן מאָל אַריינגעשליידערט געוואָרן אין דער פּוילישער תפיסה, ווידער געוואָרן באַשולדיקט אין פּאָליטישע מעשים קעגן דער דעמאָלטדיקער פּוילישער בורזשואַזיע רעגירונג. דאָס איז געווען די צייט פון גרויסע אָנקומענדיקע פּאָליטישע געשעענישן אין אייראָפּע. די היטלער רעגירונג האָט אַלץ דערוואָרבן נייע און נייע פּאָליטישע דערפאָלגן, אַלץ מער האָבן זיך דערנענטערט די פּאָליטישע פאָדערונגען צו פּוילן. מיר קאָמוניסטן האָבן גאַנץ רעאַל אָפּגעשאַצט די רעזולטאַטן פון די דערוואַרטע טעריטאָריאַלע פאָדערונגען פון מערב־שכן — דייטשלאַנד. מיר דעריבער אַלס אַוואַנגאַרד אין דעם קאַמף זענען פאַרשטענדלעך נישט געווען גינסטיק פאַר דער פּוילישער פאַשיסטישער רעגירונג, ווייל מיר האָבן געפאָדערט פון דער פּוילישער רעגירונג זיך פאַרבינדן אין קאַמף קעגן דעם אָנגרייפערישן פאַשיזם מיטן ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער קאָן ווערן אַ פּאָליטישער און מיליטערישער אָנלען פאַר פּוילנס זעלבס־שטענדיקייט. אָבער דווקא די פּוילישע רעגירונג איז צו דער צייט געלאָפן מיט דעם דאָרטן צו יענער צייט אייראָפּע פאַשיסטן־פּסיכאָז — בפרט אינערלעך אין לאַנד. אויסערלעך איז די פּוילישע דעמאָלט רעגירונג געווען פאַרבלענדט פון דער פאַשיסטישער דייטשער הצלחה־פּאָליטיק און אפשר אויך געגלויבט אין היטלערס „דראַנג נאָך אָסטן" — וועלכער קאָן דאָך הייסן פאַרווירקלעכן דעם אַמאָליקן טרוים, דאָס למשל, וועלכעס האָט זיך נישט געלאָזט פאַרכאַפּן בשעתן יאָר 1920/21, אַנפאַלנדיק דעמאָלט אויפן יונגן אויסגעמאַטערטן ראַטנפאַרבאַנד, דעריבער דעמאָלט האָבן זיי געשאַפן דעם זייערן פּאָליטישן 10־יאָריקן פּאַקט מיט דעם היטלעריסטישן דייטשלאַנד, וועלכעס האָט פאַרשטענדלעך געהאָלפן אָנעקסירן פּאָליטיש ווי אויך עקאָנאָמיש דאָס טשעכן לאַנד, און אַליין געווען אַ מיטווירקערין אין דעם פּאָליטישן שאַנטאַזש, דעריבער זענען אַלע קעגן־עלע־

מענטן פון דער פוילישער פּאָליטיק געשליידערט געוואָרן אין די תּפֿיסות אָדער לאַגערן.

כּדי צו דערמאָנען, אַז די תּפֿיסות זענען דעמאָלט געווען איבערפֿולט פון פּאָליטישע קעגנער פון פוילישע און יידישע רעוואָלוציאָנערן און אויך סתּם פּשוטע פוילישע בירגער, די וועלכע האָבן נישט געקאָנט מסכּים זיין מיט דער נישט פאַרשטענדלעכער פוילישער פּאָליטיק. אין די תּפֿיסות זענען דעמאָלט געווען בקרוב 70 טויזנט נאָר בלויז פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, וועלכעס באַווייזט די גרויסע פּאָליטישע באַוווסטזיניקייט פון דעם דעמאָלטדיקן פוילישן בירגער.

אין דער תּפֿיסה אין וואַרשע, ווו איך בין דעמאָלט געזעסן, איז געווען אויף דער דאַנילעווישעווסקי גאַס, עס איז געווען אַ תּפֿיסה אין סטאַדיום פון אויס־פאַרשונג, וועלכעס האָט ביי אַ סך פּאָליטישע אַרעסטאַנטן געדויערט אַפֿילו, ביז אַ יאָר און מערער. עס זענען נאָך געווען אין וואַרשע — תּפֿיסות, ווי דער פּאַוויאַק און מאָקאָטאָוו.

מיר פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אַלס אַזעלכע, האָבן מיר זיך גערעכנט, האָבן געפאָדערט פאַרשידענע פּאָליטישע פּריווילעגיעס, ווי שרייב־געצייג, צייטונגען, אייגענע קליידונג, גרעסערן און לענגערן שפּאַציר, ווי אַוודאי שפּייז־פּעקלעך און אָפטע זעאונגען מיט די אונדזערע משפּחות! אַ סך פון די אַלע פּריווילעגיעס זענען צו יענער צייט מיטן פאַרשאַרפטן פוילישן אָנגעוואָנדענער הערשונגס־שיטה געוואָרן באַשראַנקען, אָבער די מלבושים זענען נאָך געווען אונדזערער און איז אַלס אַזעלכער געווען פון אונדזערע רעכטן. אויך זענען שוין געווען צו יענער צייט באַשראַנקען דאָס אַריינבאַקומען פון שפּייז און שרייב־געצייגן!

אויסערלעך האָט די דאַנילעווישעווסקי תּפֿיסה נישט געהאַט קיין אויסזען פון אַ תּפֿיסה. די געביידע איז אַ גרויסע ווי אַ סך אויף יענער גאַס, נאָר זי איז געווען אַן עקיקע קיילעכדיקע געביידע. אָבער ביים נאָר אַריבערטרעטן די שוועל דאָרטן האָט מען שוין געמערקט די דאָרטן אַדזשעלאָוועס אין זייערע גרינע תּפֿיסה־מונדירן. אינערלעך אין דער געביידע איז געווען אַ גרויסער קיילעכדיקער קאָרידאָר מיט אַ גאַלעריע אַרום אַלע שטאָקן, און דורך איר איז געווען אַ צוגאַנג צו די קאַמערן אין וועלכע האָבן געלעבט די אַרעסטירטע. אין יעדן קאַמער איז געווען אַן ערך ביז 40 אַרעסטאַנטן. די בעטן זענען געווען אייזערנע און פאַר־האַנגען אויף די ווענט. אין מיטן קאַמער איז געשטאַנען צוויי נעבן זיך גרויסע דעמבאָווע טישן און אַרום זיי צוויי גרויסע בענק און אין דעם אינוועטאַר איז אויך געווען אַ פּאַראַשע, וועלכע איז געשטאַנען נאָענט צו דער טיר. די פּאַראַשע האָט געדינט פאַר מענטשלעכע פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן בשעתן טאָג, ווען עס איז נישט דערלויבט געווען דאָס אַרויסגיין צו די שרותים.

אין דער הויף אויף איין זייט וואַנט איז געווען צוויי קליינע פאַרקראַטעוועטע פענסטערלעך אין דער שיפּוע כדי מען זאָל נישט קענען אַרויסקוקן און אויך אַריינקוקן. דער באָדן אינערלעך איז געווען פון אַספאַלט און געפּוצט יעדן טאָג מיט פּאַראַפין. אַזעלכעס איז אויך געווען געפאָדערט פון דעם דאָרטיקן תפיסה־רעזשים.

דאָס עסן איז באַשטאַנען פון 400 גר. שוואַרץ ברויט און געברענטע ציקאָריע אין דער פרי בשעת דעם פרישטאָג און דער מיטאָג עסן האָט באַטראָפן פון אַ ליטער זופּ מיט אַביסל קאַשע און בייגאַכט אויך אַ ליטער זופּ. דאָס איז געווען דער שפּייז־צעטל אין דער דאָרטיקער וואַרשעווער תפיסה. פאַרשטענדלעך, ווען נישט אונדזער היים־שטיצע וואָלט דער תפיסה וויקט נישט געווען גענוג צו דערהאַלטן אונדז ביים געזונט!

מיר פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָבן געלעבט אין אַן אינערלעכער קאָמונע און אַלע גלייך האָבן באַקומען אַ תוספת עסן — פון די באַקומענע שפּייז־פּעקלעך, אַזוי אויך האָבן מיר געהאַט אונדזערן דאָרטן אינערלעכן רעזשים, וועלכער איז געווען אַרונטערגעוואָרפן דער דאָרטיקן פאַרבאַנדס־קאָמיטעט, וועלכער איז שטענדיק געווען אין די הענט פון באַגלויבטע קאָמוניסטן, וועלכע אויך זענען נישט געווען פאַר יעדן חבר אין קאַמער באַקאַנט צוליב טאַקע דעם אויספאַרשונגס כאַראַקטער פון יענער תפיסה. אויך האָבן מיר געהאַט יעדן טאָג אַ שפּאַציר גאַנג, וועלכער האָט געדויערט אַ קנאַפּע שעה, ווי אויך האָט מען אונדז יעדע 10 טעג געפירט אין אַ באָד, דאָרטן האָט מען אונדז געטוישט — וועש.

אינערלעך האָבן מיר פּאָליטישע געהאַט אונדזערן אייגענעם טאָג־פאַר־טיילונג. מיר האָבן באַהאַנדלט פאַרשידענע טעמעס פון פאַרשידענעם פּאָליטישן און וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער. די לעקטאָרן זענען געווען אייגענע חברים, וועלכע האָבן געהאַט גענוג וויסנשאַפטלעכע לערע־קענטענישן מיט אַפילו אוניווערסיטעט טיטולן. אַזוי האָבן מיר זיך אויך אַ סך חברים געבילדעט, צו וועלכן אויך האָבן געהאַט שרייב־געצייג און אויך די דעמאָלטדיקע טאָג־פּרעסע. צוליב דער אויספאַרשונגס כאַראַקטער פון דער תפיסה דאָרטן זענען אַ סך חברים נישט געווען אויסגעפאָרשט דורך דער קאָמונע, דעריבער איז די אַלגעמיינע לאַגע געווען אַביסל באַשרענקט בעוויל דאָך איז יעדער געווען אין דער „אויספאָרשונג" צוליב די טאַקע טעמים איז דאָס דאָרטן לעבן אין קאַמער געווען ווי סודותפול.

צו יענער צייט טאַקע פלעגט שוין די דאָרטיקע מאַכט־פּאָליציי אַריינשיקן מענטשן אין די פּאָליטישע קאַמערן אין די תפיסות כדי זיי די „מענטשן" זאָלן ווערן אין זייערע באַוויזן אַלס די „אינפאָרמירטע קרייזן", וואָס צייגן די באַ־שטעטיקונגען אין דער באַשולדיקונג קעגן די פאַרמשפּטע קאָמוניסטן.

דער אָפּקלייב פון די דאָרטן פּאָליטישע אַרעסטאַנטן איז געווען סיי אַ פּוי־לישער און סיי אַ יידישער, דער רוב אָבער חברים זענען געווען פון יידישע פּאַרטיי־חברים, אַזעלכעס איז געטוען געוואָרן פון די פּוילישע דאָרט מאַכט בכוונה כּדי צו ווייזן דעם גרויסן פּראָצענט פון די יידן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, דעמאָלט טאַקע האָבן געהאַט די פּולע זיכערקייט צו באַווייזן טאַקע אַזוי ווי אין דייטשלאַנד, אַז נאָר די יידן זענען די קאָמוניסטן און די באַקצילן טרעגער פון קאָמוניזם!

פּאַקטיש אָבער איז עס נישט געווען קיין סוד, אַז די יידישע רעוואָלוציאָנערן זענען געווען די מהות קערפּערשאַפט פון דער פּוילישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די יידישע חברים זענען געווען די וועלכע מען האָט אָנגערופן די ריכ־טיקע „מאַרקסיסטן־לעניניסטן”. זיי זענען געווען די ריכטיקע קאָמענטאַטאָרן פון מאַרקסיסטישן וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, און אַלס אַזעלכע די סאַמע וויכטיקסטע אין פּראָצעס פון ברענגען דעם סאָציאַלן באַוווסטזיין — אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

די באַציאונג צווישן די יידן און פּאָליאַקן איז געווען האַרמאָניש און פּאַר־שטענדלעך, דאָך פלעגט זיין אַמאָל אַ געוויסער איפּערזיכט צו די יידישע חברים צוליבן בעסערן קאָמענטירן געוויסע מאַרקסיסטישע פּראָבלעמען, געוויסע דיאַ־לעקטישע מאַרקסיסטישע גרונט־געדאַנקען, וועגן דעם מאַטעריאַליסטישן דיאַלעק־טישן פאַרשטיין עפּאָכע פּראָבלעמען, וועלכעס דאָך, איז די גרונט־באַזע פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער תורה. עס איז טאַקע געווען צו באַוואונדערן ווען אַ יידישער בחור אַזעלכער דווקא נישט פון די אוניווערסיטעטן האָט געקענט ממש אַזוי גרונטלעך געבן פאַרשטיין די גאַנצע וועלט־סטרוקטור און זיין עקאָנאָמישן בוי. דאָס אַלעס אין ליכט פון מאַרקסיזם, אַזוי אַרום איז אַזעלכעס האָט אַרויסגעברענגט אַביסל קנאה אין דעם גייסטישן אַנטוויקלונגס־גאַנג צווישן דעם יידישן רעוואָלוציאָנער און דעם פּוילישן. דערקעגן דער יידישער בחור פלעגט זיך באַשיידן פאַרענטפערן, פאַרגלעטן, אַזאַ מין גאַנצן ענין כּדי נישט אַרויסרופן קיין צווישן שנאה צווישן אים דעם ייד און דעם אידעעאישן חבר־פּאָליאַק. וואָס אַן אמת זענען די יידישע קאָמוניסטן געווען די אַממיינסטן חברישע, די אַממיינסטן איבערגעגעבענע קאָמפּס־חברים, די אַממיינסטן זיך אָפּ־פּערדיקע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פאַר דער באַוועגונג. געווען אויפריכטיקע רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַליסטן מיטן גאַנצן לייב און לעבן!

צוליב טאַקע דעם אויספאָרשונגס כאַראַקטער פון יענער תפיסה, איז דאָרטן שטענדיק פאַר אַלע דאָרטן פייער־טעג, ווי ערשטער מאַי, פלעגן די דאָרטיקע תפיסה־קאַמער ווערן פול מיט אַרעסטאַנטן איבערפולט. אַמאָל האָט פּאַסירט, האָט

מען איינעם אַזאַ יונגן מאַן אַן ערך אין די 30־ער יאָרן צו אונדז אין קאַמער אַריינגעלאָזט. דאָס איז געווען אַ יידישער בחור, וועלכער תיכף מיטן אַריינקומען האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין קאָמוניסט, נאָר דווקא אַלס ייד איז ער אַן איבערצייגטער ציוניסט. דערווייל איז ער מיט אונדז אַ געוויסע צייט דאָרטן אין קאַמער געזעסן. דער בחור האָט חיים געהייסן און אין משך פון די עטלעכע וואָכן איז ער געווען אָנווענדנד אויף אַלע אונדזערע פאַרלעזונגען און דיסקוסיעס און פאַרשידענע אַדורכגעפירטע לעקציעס.

אַמאָל האָט דער חבר חיים פאָרגעלייגט באַהאַנדלען אין תפיסה קאַמער צוויי וועלט אידעען, באַגריפן, עקזיסטירנדיקע אין דער יידישער עפנטלעכער מיינונג אַלס באַוועגונגען. דאָס הייסט ער לייגט פאָר באַהאַנדלען דעם ציוניסטישן אידעען־פּראָבלעם, ווי אויך דאָס קאָמוניסטישע אידעען־פּראָבלעם. פאַר אונדז דאָרטן אין קאַמער אַזאַ פּראָפּאָזיציע צו באַהאַנדלען אַזלעכע צוויי גרויסע אידעען פּראָבלעמען, האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס, בפרט ווען דער חבר חיים וויל פאַרטיידיקן פאַר אונדז זיין ציוניסטישע אידעען־אָנשויאונג, האָט עס אויסגעזען שטאַלץ און באַרעכטיקט. אגב וויל איך אונטערשטרייכן מיין פּערזענלעכע דעמאָלט צופרידנקייט פון אַזאַ געמיינזאַמען שמועס, ווייל אַפילו אַלס איבערצייגטער קאָ־מוניסט האָבן נישט מסכים געווען מיט דעם דעמאָלטדיקן הערשענדן אין דער פּאַרטיי — סטאַלין־פּרינציפּ, אַז דאָס יידישע פאָלק — אַלס אַזעלכעס — איז אין גרונט גענומען נאָר אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט באַגריף און נישט אין פולן זין פון וואָרט — אַ נאַציע.

י. סטאַלין האָט אין זיין פאַרשונגס־אַרבעט א. נ. „מאַרקסיזם און נאַציאָנאַלע פראַגע" אָנגעוויזן אויף דעם: „אַז דעם יידישן פאָלק פעלן צוויי עיקרדיקע גרונט־אייגנשאַפטן אין דעם באַשטאַנד, וועלכעס מען דעפיניציאָנירט אַ פאָלק אַלס נאַציע. אַזעלכעס זענען: אַ געמיינזאַמע באַוווינטע טעריטאָריע און אַ געמיינזאַמע רעדנדיקע פאָלקס־שפּראַך. די צוויי עלעמענטן פעלן אין באַשטאַנד־טייל פון דעם יידישן פאָלק. דעריבער זענען די יידן לויט זייער וויסנשאַפטלעכע באַווייזן נאָר אַ נאַציאָ־נאַלע מינדערהייט־גרופּע־נאַציאָנאַליטעט — און נישט אין פולן פאַרשטאַנד — אַ נאַציע!" פאַרשטענדלעך, אַ סך קאָמוניסטן מאַרקסיסטן האָבן מיט אַזאַ סטאַ־לינישן אויספיר נישט מסכים געווען, אָבער קיינער האָט זיך צו יענער צייט אַנטוואָגט צו פּאָלעמיזירן מיט אַזאַ דעמאָלטדיקן אויטאָריטעט, ווי עס איז געווען י. סטאַלין.

דעריבער איצט ביי אַזאַ מין מיינונגס אויסטויש, ווי וועלן באַטראַכט ווערן טעאָרעטישע עיקר פּראָבלעמען וועגן ציוניזם און ספּעציפישע יידן־פראַגע אויך טאַקע די פּראָבלעמען פון נאַציע, האָט עס ביי מיר אַרויסגערופן גרויס צופרידנ־

קייט. פאַרשטענדלעך איך האָב דעמאָלט נישט דערוואַרטן אַ טויט קלאַפּ דער סטאַליניסטישער פעסטשטעלונג וועגן דער באַהאַנדלטער נאַציע־פראַגע פון אונדזערן חבר חיים, דאָך האָב איך געוואָלט און געהאָפט, אַז די דאָרטן זיצנדיקע מיט אונדז פּוילישע חברים זאָלן האָבן מער באַגריף וועגן די יידישע שטרייט־פראַגן עקזיסטירנדיקע אויף דער יידישער גאַס. איך האָב געהאָפט, אַז דער חבר חיים אויב האָט נאָר די פּאָליטישע צוגרייטונג זאָל באַרירן די פראַגן פון אַמאָליקן יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין זיין היסטאָרישן היימלאַנד — ארץ־ישראל. איך האָב אויך געהאָפט, אַז דער חבר חיים זאָל רעדן וועגן די גלות־צייטן פון יידישן פאָלק, זיין שטענדיקן קאַמף פאַרן יידישן עצם־קיום און וועגן דעם יידישן ספּעציפישן פּראָבלעם אין היינטיקער ערוואַכונגס־צייט אין יידישן פאָלק. איך האָב געדענקט ער זאָל רעדן וועגן דעם ציוניזם אַלס באַפרייערישער פאָלקס־באַוועגונג אין יידישן פאָלק. אַלט אַזעלכער, איז דער יידישער ערוואַכונגס־כוח, דאַרף ווערן אָנערקענט אַלס פאָלקס־באַפרייערישער נאַציאָנאַלער קאַמפס־כוח. ווייל ווי יעדער ערוואַכונגס־באַוועגונג קעמפט ער פאַר נאַציאָנאַלער יידישער אומאָפּהענגיקייט, וועלכער קאַמף איז אין מהות רעוואָלוציאָנעריש.

דעריבער אַלס אַזעלכער ברויכט האָבן די פולע אונטערשטיצונג פון יעדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג בפרט דער קאָמוניסטישער, דעריבער איז געדרינגען, אַז דער ציוניזם, וועלכער איז אין עיקר זיין באַוועגונג אַן ערוואַכונגס־כוח פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, אַ היסטאָרישע נויטווענדיקע באַוועגונג אין קאַמף קעגן דער אימפּעריאַליסטישער ענגלישער בורזשואַזיע אַקעגן וועלכער זי קעמפט. דעריבער דרינגט אויך אַז אומעטום, ווו די באַוועגונג געפינט זיך, קעמפט און ווירקט, ברויכט האָבן די פולע פון אונדזז קאָמוניסטן מאָראַלישע אונטערשטיצונג!

אַלזאָ, דער חבר חיים האָט געהאַט אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. דאָך האָט דער חבר חיים נישט אַנטוישט אין זיינע טעאָרעטיש־לאָגישע אויספירן, וועלכע זענען געווען אין עיקר צו באַווייזן דעם גרויסן נאַציאָנאַלן פאָלקס־בונד פון יידישן פאָלק צו זייערן היימלאַנד — ארץ־ישראל פאַר וועלכן היינט צו טאָג פירן זייערן נאַציאָנאַלן אומאָפּהענגיקן ערוואַכונגס־קאַמף.

שוין צו יענער צייט פון אָנהויב די פּרעהיסטאָרישע צייטן — האָט אָנגע־פאַנגען זיין רעפעראַט דער חבר חיים, וועלכע צייטן ווערן דערציילט אין די אָבות דערציילונגען פונם תנ״ך — גייט אַדורך אַ געמיינזאַמער בונד צווישן גאָט — דעם וועלט באַשעפער, און זיי — די יידישע פאַטריאַרכן־אָבות, וועגן דעם, אַז גאָט זאָגט זיי די אָבות: „איך גאָט וועל ירשנען דאָס לאַנד, ווו איר באַוווינט פאַר אייערע קינדער און קינדס־קינדער אויף דור־דורות, ווי אויך וועל

זיי באַפרוכפּערן אין אַ גרויס פאָלק, באַשיצן און באַוואָכן פון אַלעם שלעכטן".

גאָט — דער וועלט־באַשעפער פאַרלאַנגט פון די אָבות נאָר די הבטחה: „זיך נישט אָפּקערן אין זייערן גלויבן צו אים, דעם איינציקן וועלט־שעפער — גאָט!" אַזעלכעס האָט געשאַפן אין יענער צייט דעם גלויבן ביי די אָבות־פּאַטריאַרכן אַן איין־געטלעכער גאָט־גלויבן (מאָנאָטעאיזם) און אין וועלכן גלויבן, איז דער וויכטיקער גרונט־שטיין: דער בונד צווישן גאָט און די אָבות און אויך אַ געמיינזאַמער גרונטשטריך פון דעם באַשעפער גאָט צו דעם פאָלק אַרויסגע־קומענעם פון זיי די יידישע פּאַטריאַרכן. דאָס איז די וויכטיקסטע אידעע־באַזע אין דעם טאָקע זיך שפּעטערן אַנטוויקלען פונעם יידישן פאָלק — פון די אָבות אָפּשטאַמענדיקן.

אַזעלכעס, דער גלויבן אין דער איינגעטלעכקייט (מאָנאָטעאיזם), איז דער גרונט־פּרינציפּ אין דעם אַנטוויקלטן זיך פון די פּאַטריאַרכן אָפּשטאַמיקע שבטים. אַזעלכעס איז געוואָרן — האָט פאַרגעזעצט דער רעפערענט — דער טרייב־כוח פאַר די שפּעטערדיקע בני־ישראל. דער גלויבן אין איין גאָט, ווערט מיט דער צייט ביים פאָלק זיין אומבאַדינגטער גלויבן, דאָס ווערט אומשטערבלעכער — בלוט־בונד פון גאָט צום פאָלק און פאַרקערט, פון פאָלק צו גאָט. אַזעלכעס ווערט אָנגעצייכנטער פאַרן פאָלק — וועג.

דער געטלעכער צוזאָג: „פאַר דיינע קינדער און קינדס־קינדער וועל איך וועלט־באַשעפער דאָס לאַנד פון די אָבות פאַר אייערע קינדער ירשענען", ווי אויך דער דעוויז „איך וועל זיי באַשיצן פון אַלעם שלעכטן", גייט איבער בירושה פון פאָטער צו זון אַזוי אין קייט פון דער גאַנצער זייערער לעבנס־געשיכטע. אָנפאַנגס מינדלעך, נאָכהער שריפטלעך. אַזעלכעס ווערט דער אָנרעגס־כוח אָנ־הויבנדיק פון די פּאַטריאַרכן ביזן זיך אַנטוויקלען אין אַ פאָלק אין גלות מצרים און ביז יציאת מצרים.

אין פּעריאָד פון גלות מצרים האָבן זיי די שבטים זיך אין אַ פאָלק צעוואַקסן אָבער טאָקע אין דער דעמאָלטדיקער קנעכטשאַפט באַדינגונגען זענען די אַלע דעמאָלט נאָך מינדלעכע גאָט צוזאָגן, ווערן אַן אָנרעג צו אַ זעלבסשטענדיק לאַנד און צו אַ פריי פאָלק. די אָנרעגונג שאַפט די האָפענונג פון דער געבענקטער גאולה די טאָקע פון גאָט־צוגעזאָגטע צו אַ זעלבסשטענדיק לאַנד — זייערע אָבות געגעבן. אַזעלכע דעוויזן פון גאָט געגעבן באַקומען אָדערן און פלייש אין דעם דעמלטדיקן אַנטוויקלטן זיך פאָלק, אַזוי אויך ווייטער אין דעם געביט ווערט דער קאַמף פאַרגעזעצט און די דערוואַרטע טרוימישע באַפרייאונג ענדלעך ווערט פאַרווירקלעכט!

טאָקע דעמאָלט נאָך דער פאַרווירקלעכונג פון דער קנעכטשאַפט צו דער

באַפרייאונג זענען די יידן גערופן דעמאָלט „בני ישראל". דעמאָלט זענען זיי נאָך אַ סטיכיש נישט אָרגאַניזירט פאָלק אָבער טאַקע דעמאָלט אונטער דער באַוווּסטער אָנפירונג פון פאָלקס־פירער — משה, וועלכער איז גאָטס־שליח, ווערן די דעמאָלט גערופענע „בני־ישראל" צוגעגרייט צו אַ פּאָליטיש־רעליגיעזן שטאָט־לעבן.

איצט אין צווייטן טייל פון רעפּעראַט שטעלט זיך אָפּ דער רעפערענט וועגן דער שטאָט־פאָרם אין זעלבסשטענדיקן יידישן געירשנטן לאַנד. דער רעפערענט ווייזט אָן אויף דער גרויסער וויכטיקייט אין זייערן יידישן לעבן, דעם דאָרטיקן דעמאָלטדיקן יושר לעבן וועגן דער זייער גַעזעצלעכקייט. דער רעפערענט רעדט אויך וועגן דער שפּעטערדיקער דאָרטן געשאַפענער דינאַסטיע — דוד און שלמה, וועגן דאָרטן געשאַפענעם —טעמפּל־קולט פון איין־גאָטלעכקייט, וועגן דער באַדייטונג פון שטאָט ירושלים, די אויפגעבויטע אויפן באַרג־ציון.

ווייטער האָט דער רעפערענט אַנטוויקלט זיין רעפעראַט — אָנגעוויזן, אַז משך פון דער גאַנצער תקופה פון יידישן זעלבסשטענדיקן שטאָטלעכן לעבן, אָנהויבנדיק פון די ערשטע — יהושע בן־נון־צייטן, דאָס אָנהויב פון דער זיך באַזירונג פון דער יידישער שטאַאָטלעכקייט און ביזן 2־טן לאַנד־חורבן און צום ענטגילטיקן זיי פאַריאָגן דורך די רוימער, נאָכן פּאָליטישן און פיזישן זיי באַקעמפן, וועלכעס איז געווען אין ערשטן יאָרהונדערט פון אונדזער נייער ערע — האָבן די יידן אין גרויסן זייערן שטאָטלעכן פּעריאָד געשאַפן אַ פולן נאַציאָנאַלן, רעם־באַוווּסטזיין. דאָס סיי אין עקאָנאָמישן ווי אויך סיי אין פּאָליטיש־געזעצלעכן געזעלשאַפטס־לעבן, וועלכעס איז לויט אַלע אירע פאָרמען לויט אַלע היינטצייטיקע באַדייטונגען אַ נאַציאָנאַלער שאַפונגס־פאָרם וועלכעס איז נאָך געווען פאַרבינדן מיט גרויסער מסירת־הנפש און אהבת־ישראל! גלייכצייטיק מיט דעם האָבן די יידן אין דער זייערער גאַנצער געשיכטע־לעבן געשאַפן גרויסע וועלט באַדייטנדיקע ווערק, וועלכע זענען די שפּעטערדיקע באַזירונג סיי פאַר דער קריסטלעכער ווי און סיי פאַר דער שפּעטערדיקער מוסולמענער־וועלט.

דאָס יידישע פאָלק האָט אין יענער צייט אויך געשאַפן די מאָראַלישע באַזע פאַרן היינטיקן וועלט־יושר און די פאַרבאַדינגונגען פון סאָציאַליזם אין דער היינטיקער פאַר אונדז קעמפנדיקער וועלט־געזעלשאַפט. אַלעס דאָס איז נאָך געווען געשאַפן אין דעם פעריאָד, ווען די אייראָפּע־וועלט איז, ווי מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — איז געווען אין האַלב־ווילדער געוווינטן לעבנס־שטייגער און אין דעם אַלעמען איז געווען דער פאַרשפּרייטער פאָלקס־דעוויז — דאָס מיטבאַגלייטע פון אייביק און שטענדיק — „דו מיין פאָלק זאָלסט גיין נאָר אין מיינע

גאָטס־וועגן, דאָס הייסט נישט זינדיקן, נישט זיך אָפּקערן אין גלויבן צו מיר — דעם איינציקן גאָט".

די יידן אַלס פאָלק האָבן שטענדיק געקעמפט פאַר דער זייערער אומאָפּהענגיקייט. די יידן האָבן געפירט אַ גרויסן קאַמף מיט דער דעמאָלטדיקער רוימישער וועלט־אימפעריע. אַ קאַמף, וועלכער איז געווען אַ בלוטיקער. גרויסע העראָאישע בלעטער האָבן אָנגעשריבן אין דער זייער יידישער געשיכטע. אַ סך פעלקער זענען אין דעם דעמאָלטדיקן קעגן רוים־קאַמף — אומגעקומען. די יידן אָבער האָבן נישט קיינמאָל דעם קאַמף קעגן די פאַרשמאַכער — די רוימער — נישט אויפגעגעבן. די יידן האָבן געקעמפט אין דעם קאַמף סיי פאַר דער זייער זעלבסשטענדיקייט ווי אויך סיי פאַר זייערער מאָראַלישער און גייסטישע זייערע געשאַפענע וועלט־ווערק. דער קאַמף צווישן רוים און ירושלים — כאָטש פיזיש איז געווען אויף דער זייט פון באַטריגער, דאָך איז עס באַקאַנט — מאָראַליש איז געווען אויף דער זייט פון ירושלים — אַזוי איז ער אויך אַריין אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אָבער אַפילו מיטן פאַרלירן זייער זעלבסשטענדיקייט אין קאָנסעקווענץ פון דעם קאַמף מיט דער רוימישער אימפעריע, האָבן די יידן דאָך ווייטער געקעמפט. זיי האָבן נישט אויפגעגעבן דעם זייערן פאַר זייערער זעלבסשטענדיקייט קאַמף און ווייטער פון משך לאַנגע דורות געגעבן בלוטיקע קלעפ — דעם אַגרעסאָר באַהערשער!

ווידער איז אַזאַ פאָלקס־קאַמף געווען די אָנרעגונג פאַר זעלבסשטענדיקייט צום אויסדערוויילטן — זייער לאַנד. דער קאַמף איז געווען געפירט מיט נאָך מער אייפער, מיט נאָך גרעסערן באַוווסטזיניקן טרייב־כוח, וועלכעס האָט זיך שוין אויסגעדריקט אין דעם גייסטישן באַוווסטזיין פונם פאָלק, וועלכעס האָט געדענקט די צייטן פון אייגענער זעלבסשטענדיקייט — און געהאָט זיינע פאָלקס־אינטערעסן.

שפּעטער האָט ווייטער פאַרגעזעצט דער רעפערענט, ווען דאָך, דאָס יידישע פאָלק איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט אַנטקעגן די גרעסערע אַנטוויקלטע מיליטערישע מלוכות, ווען דאָס פאָלק איז געוואָרן מיט כוח אויסגעזידלט און פאַרשפּרייט אין אַלע עקן וועלט, ווען פאַרשטענדלעך אין קאָנסעקווענץ פון דעם איז דער קאַמף פונעם אָפּגעשוואַכטן פיזישן פאָלק נישט געקענט ווערן מיליטעריש פאַרגעזעצט, איז דער קאַמף געוואָרן פאַרגעזעצט אין אַן אַנדערן אופן — אין אַנדערע ראַמען. דאָס אין תפילות צו גאָט, ווי אין געשאַפענע גרויסע לירישע, טרוימערישע פּאָעזיע, געשאַפענער שוין אין די שפּעטערע יאָרן, אין דעם גלות־לעבן — אַזאַ קאַמף, אַ פּאַסיווער קאַמף, אָבער דאָך אַ קאַמף און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג.

היינט דעריבער, אין דער אויסגעקעמפטער אַלגעמיינער מענטשלעכער עמאַנ־

ציפּאַציע־געזעלשאַפט, ווען דער מענטשלעכער פּריווּהייטס־קאַמף גייט אָן אין אַלע לענדער, קומט ווידער צום אויסדרוק דער יידישער ערוואַכונגס־קאַמף פאַר אַ באַנייטער נאַציאָנאַלער זעלבסשטענדיקייט. דאָס איז אַ קאַמף פון אַ שטענדיקן נישט־אויפגעגעבענעם פאָלקס־קאַמף פון אַ באַוווסטזיניק פאָלק, וועלכעס איז געטריי זיינע אידעאַלן, געטריי זיינע זעלבסשטענדיקע אידעען. דאָס פאָלק איז אַ געיאָגטס. טראָץ דער אויסגעקעמפּטער מענטשלעכער עמאַנציפּאַציע, דאָך ווערט דאָס פאָלק געיאָגט און געפּייניקט. דעריבער איז די העכסטע צייט, אַז אַזאַ פאָלקס־קאַמף געפירט פון דעם פאָלק פון משך — כמעט 2000 יאָר אַקטיוון און פּאַסיוון פאָלקס־קאַמף, זאָל ענדלעך קומען צו אַ ריכטיקער און געוווּנטשע־נער לייזונג!

אַזוי אויך צום שלוס — ווענדיק אַנאַליזירן — האָט פאַרענדיקט זיין רע־פעראַט — חיים, אַז די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע סוביעקטיווע באַדינ־גונגען פון דער איצטיקער וועלט־געזעלשאַפט שאַפן נאָך מער — די באַדינגונגען אין יידישן פאָלק צו אַזאַ מין אַנערקענונג — צו אַן אייגן לאַנד, וועלכעס איז דאָס היסטאָרישע ארץ־ישראל. דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז אַ באַגלייט־באַשיין אין דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — גיט פאַרן יידישן פאָלק בלויז נאָר ראַסן־שנאה, וועלכער איז ביים היינטיקן טאָג איינגעפלאַנצט אין דער גאַנצער אויך אייראָפּעאישער וועלט. דעריבער מוז דאָס יידישע פאָלק ווערן אַנערקענט סיי אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווי אויך סיי אין סאָציאַליסטישער אין רוסלאַנד, ווייל אויך דאָך דאָס געשאַפענע דאָרטן אין דעם סאָוויעטן־לאַנד, דאָס יידישע באַצירק בירא־בידזשאַן, איז אַן עדות וועגן אַזאַ נויטיקע יידישע זעלבשטענדיקע אַנערקענונג. נאָר ווייל דאָס געשאַפענע אין רוסלאַנד, בירא־בידזשאַן האָט נישט די פּסיכישע און היסטאָרישע מאָראַלישע ווירקונג אויף דעם יידישן פאָלקס־לעבן, ווי דאָס היסטאָריש גייסטישע, וועלכעס אַנטהאַלט פאַרן יידישן פאָלק — דעם נאַציאָנאַלן תוכן פון אַ לאַנד פון גאָט געגעבן וועלכעס איז נאָר ארץ ישראל.

דאָס איז געווען אין קורצע שטריכן דער פּאָליטישער רעפעראַט פון דעם חבר חיים. דעמאָלט אין די באַדינגונגען פונעם תפיסה־לעבן, וועלכעס מיר, דאָס אוידיטאָריום — פון בלויז קאָמוניסטן האָבן מיט גרויס אינטערעס אויסגעהאָרכט אין די יענע צייטן פאַרן קריג־אויסברוך. ווי דער שטייגער, אַז מיר האָבן באַשלאָסן צו געבן אַ פול־זייטיקן ענטפער, צו וועלכן צוועק מיר האָבן געגעבן צווי אָוונטן צייט. דאָס אַליין זאָגט עדות וועגן דעם דערוועקטן אין יענער צייט ביי אונדז אין קאַמער, גרויסער אינטערעסירונג. דרך־אגב, ווייל דער חבר האָט דערמאַנט דאָס בירא־בידזשאַן פּראָבלעם צייגט שוין, ווי גרויס אַפילו ביי די סאָוויעטישע

מושלים איז געווען די פּאַראינטערעסירונג אין דער אַזוי־גערופענער יידן־פּראַגע.

דאָך, כאָטש דער פּראָבלעם ביראָ־בידזשאַן איז געווען שטאַרק פּראָפּאַגאַנדירט סיי דורך די קאָמוניסטן בפרט דער יידישער יעווסעקציע, אויך בפרט דער דעמאָלטדיקער האַלב־סימפּאַטיזירטער מיט דער רוסישער מיינונג — וועלט, זייער פּרעסע און אַלע אַגיטאַציע־כלים, וועלכעס האָט באַדאַרפן ווערן אַ קעגנשטאַנד צו דער אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייטער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע אין דער אירע באַוועגונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג. דאָך האָט די גאַנצע מעשה מיטן ביראָ־בידזשאַן געהאַט גרויסן פּאָליטישן פיאַסקאָ, אַפילו די קאָמוניסטישע יוגנט וואָלט זיך נישט געוואָלט דאָרטן אין ביראָ־בידזשאַן — קאָנצענטרירן אין דעם דאָרטן וויטן־מזרח און דער גאַנצער ענין האָט נישט ערוועקט קיין גרויסער דאָרטן אַפילו אין רוסלאַנד סימפּאַטיע, וועלכעס דאָך באַווייזט, אַז עפּעס מער... ווי אַלגעמיינע טעריטאָריע שאַפט דעם פּסיכישן כאַראַקטער און באַוואוסטזיין אַנערקענונג פון אַ נאַציאָנאַלן פאָלקס־געדאַנק!

וואָס שייך דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע אַלס אַזעלכער, וועלכעס פאַר מיר פּערזענלעך האָט עס געהייסן אַן אַנטגילטיקע לייזונג פון מענטשלעכע אומרעכטן. דעריבער אויך האָט עס ביי מיר אַרומגענומען דעם ספּעציפישן יידישן פּראָבלעם אין יענער צייט, דעריבער איז געווען גענדערינגען פאַר מיר, אַז די אַלגעמיינע סאָציאַלע רעוואָלוציע נעמט אויך אַרום דעם יידישן קאַמף, דעריבער האָבן מיר געגלויבט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין יעדער מדינה באַזונדער וועט שאַפן די נויטיקע פּאָליטישע ענדערונגען, פאַר אַלע דאָרטן באַוווינטע באַפעלקערונגען פאַרשטענדלעך אָן אויסנאַם פון נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג. אַזוי איז געווען אויך מיין רעפּליקע אויף דעם אידעאישן רעפעראַט פון חבר חיים. אַזוי אַרום זענען אין דער דיסקוסיע געוואָרן געגעבן גאַנץ אינטערעסאַנטע רעפּליקעס, וועלכע צווישן אַנדערן איז כדאַי דערמאָנען די פאָלגנדע: נעמלעך, חבר יוזשאָ — דאָרטן אַן אַרעסטאַנט, אַ קאָמוניסט מיט גרויסער בילדונג, פון פאַך אַן אינזשיניער, האָט געטענהט אין דעם זיינעם ענטפער, אַז ער איז נישט מסכים מיט די געוויסע אויספירן פונם רעפערענט, דהיינו, דער יידישער פאָלקס באַפרייערישער נאַציאָנאַלער קאַמף אַלס אַזעלכער איז אַ באַרעכטיקטער, אָבער צוליב דעם וויל ער וועט אָנגעפירט דורך דער יידישער בורזשואַזיע, איז צוליבן עטנישן זייערן צעטרענצלונג בלייבט אַ קאַמף, וועלכער פאַרלירט זיין קוואַליטאַטיוון כוח. דעריבער איז דער קאַמף אַן אָפּגעשוואַכטער און אָן אויסזיכטן אויף אַ שנעלן זיג. דעריבער פון דער צווייטער זייט, איז אַזאַ קאַמף אַ גינסטיקער פאַר דער בורזשואַזיע, דעריבער זעט אין דעם קאַמף אַ גרויסן מיגוס אין צעמענטירן דעם כוח פון רעוואָלוציאָנערן אַלגעמיינעם אַרבעטער־קלאַס אין וועלכן

זענען דאָך אַ גרויסער טייל פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערע יוגנט. דעריבער איז אויך נישט פאַראַן קיין איינהייטלעכע פּאָליטישע ליניע אין קאַמף קעגן דעם אָנקומענדיקן מענטשלעכן בייז — דעם פאַשיזם! דעריבער איז ער אויך אַ מינוס פאַרן אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, ווייל אַ סך יידישע יוגנט ווערן אָפּגעריסן צוליב דעם פון כלל קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע.

אויך האָט דער חבר יוזשאַ אָנגעוויזן אויפן גאַנצן כלל קאַמף, וועלכער איז נישט קיין מאַסע קאַמף, האָט נישט קיין פּראָגראַמאַטישע טאָג־טעגלעכע פאַר די יידישע אַרבעטער נויטוועדיקע געפאָדערטע טאָג־פאָדערונגען. אויך האָט ער אָנגעוויזן אויף דער קליינער לאַנד פּראָפּאָרץ פון דעם לאַנד — ארץ־ישראל, וועלכעס לאַנד וואָלט סיי־ווי־סיי נישט געקענט אַריינגעמען און בפרט באַשפּייזן דאָס יידישע פאָלק אין דער צאָל — כאָטש וועלכעס אַנטהאַלט היינט דאָס יידישע פאָלק! וואָס שייך דעם עקזיסטירנדיקן אַנטיסעמיטיזם, איז עס פאַרשטענדלעך אַ מיטל־קאַמף קעגן דעם יידישן פאָלק, ווייל דאָס איז אין אַלגעמיין אַ בורזשואַזיע טאַקטיק פון אַקעגן קעמפן דעם גערעכטן אידעען קאַמף פון אַ וועלט־יושר פאַר וועלכעס די קאָמוניסטישע וועלט קעמפט. אָבער פאַרשטענדלעך, אַז מיט דער שטירצונג פון דער בורזשואַזיע, וועלן אַזעלכע אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען ווערן ליקווידירט אַזוי ווי עס איז ביים היינטיקן טאָג ליקווידירט אין דעם ראַטנפאַרבאַנד. דעריבער איז קיין צוועק צו רעדן וועגן דער ספּעציפישקייט פון יידישן פּראָבלעם אין דער היינטיקער צייט, ווען דאָס פּראָבלעם קעגן פאַשיזם איז אַזוי — הייס־ברענענדיק.

אַ צווייטער חבר, אַן אַרבעטער, דאָס דווקא פון פּוילישער אָפּשטאַמונג, אַן אינוואַליד פון אַ פּראָלעטאַרישער גאַסן־דעמאָנסטראַציע, האָט גערעדט וועגן דעם, אַז ריכטיק, עס עקזיסטירט אַ גרויסע יידן־שנאה און העץ־פּאָליטיק אין פּוילישע רעגירונגס־קרייזן, אַלס אויסדרוק פון דער הערשנדיקער בורזשואַזיע, דעריבער פאַרשטענדלעך, די אַלע ציוניסטישע מסקנות, וועלכע דרינגען אַרויס אין דער אַפילו יידישער אַרבעטער־מאַסע, אָבער דאָס איז נישט אַנדערש ווי נאָר אַ פּאָליטישע פאַרבלענד־ליניע פון דער בורזשואַזיע, ווי סיי דער יידישער און סיי דער פּוילישער. דעריבער מיר רעוואָלוציאָנערן דאַרפן קעמפן סיי אין דער ריכטונג ווי אין בפרט אין דער קעגנריכטונג, ווייל מיר ריכטיקע רעוואָלוציאָנערן קענען נישט אַנדערש דענקען, ווי נאָר שוין פון דער לאַנג־באַוווסטער אַרבעטער שטעלונג, וועלכעס הייסט פעלקער־פריינטשאַפט. דעריבער קומט ער נישט צו דער מסקנא אין דער עקזיסטענץ פון אַ ספּעציעלער יידן־פראַגע, ווייל דער געשאַפענער אַנטיסעמיטיזם פון דער בורזשואַזיע איז אַ ספּעציעלער מעטאָד פון דער זייערער הערשונגס־טאַקטיק. אַזוי איז דער ענטפער אין דער יידישער גאַס אַ

קעגן מעטאָד, אַ רעאַקציע, וועלכעס דווקא איז אויף ז׳ער האַנט פון דער בור־זשואַזיע. אַזעלכעס שטערט נאָר דעם אַלגעמיינעם קאַמף. אַזעלכעס אָבער ברויכט נישט אָפּשרעקן די אמתע קעמפער אין רעוואָלוציאָנערן גלויבן, אין נייע געזעל־שאַפטלעכע אמתן און ברענגען דווקא אַ נייעם שוווּנג אין קאַמף פאַר די גרויסע מענטשלעכע יושר־אידעען.

אלא, וואָס שייך דעם אַזוי גערופענעם יידישן נאַציאָנאַלן פאָלקס־קאַמף, זעט נישט דער חבר פעלעק (אַזוי האָט געהייסן דער פּוילישער חבר), אין דעם קאַמף אַ יידישע ספּעציפישע נויטווענדיקייט. פאַרקערט, ער דער חבר פעלעק — זעט נאָר די נויטווענדיקייט צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן דעם שוווּנג אין קאַמף פאַר דער אַלגעמיינער אַרבעטער זאַך, אין קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע, וועלכעס מיט דעם זעלבן ברענגט די לייזונג פאַר דער יידישער ספּעציפישער יידן־פראַגע, אַזעלכעס האָט ער אונטערגעשטראָכן דאַרף זיין די פאָדערונג פון שעה.

דער רעשט אַנטיילנעמער אין דער דיסקוסיע — זענען אַלע געווען כמעט פּוילישע חברים: אלכסנדר און סטאַניסלאַוו, ווי אויך חבר מיעטשיסלאַוו האָבן אַלע ווי איינער נעגירט און געטאַדלט דעם אַנטיסעמיטיזם. זיי האָבן גערעדט וועגן נויטיקן אחדות פון אַלע אַרבעטער אין דער פּוילישער מדינה, אָן אויסנאַמען פון פאָלקס־אָפּשטאַם, וועלכער אחדות דאַרפט זיין די באַזע אין קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע. האָבן גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון שאַפן אַזאַ אייניקן אַ ר ב ע ט ע ר ־ פ ר אַ נ ט פון אַלע שיכטן באַפעלקערונג, ווייל אין איינהייט קאָן מען דערגרייכן דעם אונדזערן פּאָליטישן ציל און נישט ביי אַן אַרבעטער צעטרענצלונג אין אַרבעטער פראָנט, וועלכעס ווערט אויסגענוצט פון דער בור־זשואַזיע אַלס קעגן קאַמף קעגן אַרבעטער־קלאַס. דעריבער אַרויסגייענדיק פון דער הנחה האָבן דערמאָנט, אַז דער ציוניזם אַלס אַזעלכער ברענגט דעריבער אַ צעטרענצלונג אין יידישן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער איז פאַרשטענדלעך אַ גרויסער מינוס פאַרן פּוילישן אַלגעמיינעם אַרבעטער־קלאַס אין קאַמף פאַר זיינע יושרדיקע אידעאַלן, ווייל אַנשטאָט פירן די יידישע מאַסן צו רעוואָלוציאָנערע קאַמפס־פאָדערונגען ברענגט דער ציוניזם אין איצטיקן מאָמענט צו דער ספּעצי־פישקייט פון אַזוי־גערופענעם יידישן פּראָבלעם, וועלכעס גייט נאָר אויף דער האַנט — דער בורזשואַזיע! דעריבער האָבן געענדיקט — אַ געמיינזאַמער אַר־בעטער־קאַמף פון אַלע באַווינטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אונדזערן לאַנד, אין געמיינזאַמער אַרבעטער־אַנשטרענג וועט ברענגען די פולע לייזונג פאַר אַלע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע מינדערהייטס־פּראָבלעמען — וועלכער וועט זיין אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף און נאָר אין אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, געלייזט. דעריבער מוזן די יידן אויך אין דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־קאַמף זיין פאַרטרעטן.

אַזוי טאַקע האָט דער חבר חיים געמאַכט דעמאָלט זיין געשיכטע אין אונדזערן פּאָליטישן קאַמער. דאָס וועלכעס איז נישט געווען דערזאָגט איז געווען פּאָליטיש ווייטער פאַרהוילן. דאָך, דעם אַלעמען איז געווען צו באַוווּנדערן דעם ליבעראַלן און פּאָליטישן צוגאַנג צום עצם ענין פון דעם פּאָליטישן דעמאָלטדיקן וויכוח, וועלכער איז נישט געווען קיין אָנגעוואָרפענער און יעדער חבר האָט זיין מיינונג אַרויסגעזאָגט פראַנק און פריי. מיר קאָמוניסטן, נאָך דער דיסקוסיע, האָבן נאָר געזען אַ נויטיקייט פון מער פאַרשטאַרקן אונדזער רעוואָלוציאָנערן באַוווּסטזיין.

☆

דאָס תפיסה־לעבן פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די פּוילישע תפיסות איז נישט נאָר באַשטאַנען אין נאָר אַ געמיינזאַמען קאָמונע־לעבן. איינס פון די עיקרדיקע פּרינציפּן אין דאָרטן פּאָליטישן קאָמונע־לעבן איז געווען דאָס פאַר־טיפערן דעם באַוווּסטזיין פון די אַלע דאָרטן אין די תפיסות — אַרבעטער־עלעמענטן, וועלכע זענען דאָך פאַרשטענדלעך געווען דער אַרבעטער אַוואַנגאַרד אין דעם גרויסן קלאַסן־קאַמף אויף דער פריי קעגן דער בורזשואַזיע. אַזעלכער האָט פאַרשטענדלעך געמוזט האָבן דאָס נויטיקע סאָציאַליסטישע און מאַרקסיס־טישע וויסן כדי פירן און קעמפן פאַר אַזאַ געזעלשאַפטלעכן עקאָנאָמישן, ווי בפרט פּאָליטישן קאַמף פאַר די אַרבעטער־מאַסן. אַזעלכעס דעריבער האָט באַדאַרפן האָבן אַ גרויסן פּאָליטישן און טעאָרעטישן פּאַרטיי־וויסן.

אַזאַ טאַקע פּאָליטישן באַוווּסטזיין, ווי אויך געהעריקן פּאַרטיי־וויסן, כדי אַזאַ מין אַרבעטער נאָכן באַפרייען זיך פון דער תפיסה זאָל ווייטער מוזן און קענען פאָרזעצן זיין פּאָליטישע טעטיקייט, האָט פאַרשטענדלעך באַקומען אַלס אַרעסטירטער אין יענע דעמאָלטדיקע פּוילישע תפיסות. אַזאַ טעטיקייט אין די דאָרטן תפיסות איז אָנגעפירט געוואָרן פון די דאָרטן אַזוי אָנגערופן ז. ק., וועלכעס האָט געהייסן — פאַרבאַנדס־קאָמיטעט — און, וועלכער קאָמיטעט האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער פּאָליטישער און טעאָרעטישער אַרבעט אין תפיסה.

איינס פון די וויכטיקסטע צו יענער צייט אין די דאָרטיקע תפיסות איז געווען צו באַהאַנדלען און פּאָליטיש באַשטעטיקן די דעמאָלט געפירטע אין ראַטנ־פאַרבאַנד פּאָליטישע פּראָצעסן, אַזוי גערופענע „אויסריייניקונגס־פּראָצעסן" קעגן די רעוואָלוציאָנערן פון דער דאָרטיקער רוסישער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און היינט אָנערקענטע שונאים פון ראַטנפאַרבאַנד וועגן וועלכע מיר האָבן אַדורכ־גייענדיק שוין פריער אָנגעמערקט.

אַזאַ מין באַשטעטיקונג צו אַזעלכע פּאָליטישע פּראָצעסן אין דעמאָלטדיקן תפיסה־לעבן האָט געהייסן אַ מין מאָראַלישע און פּאָליטישע אונטערשטיצונג דער רוסישער הערשונג מיט י. סטאַלין בראש אין זיינע אַלע די באַשולדיקונגען,

וועלכע מען האָט אָנגעוואָרפן אויף די דאָרטן אַלע רעוואָלוציאָנערן פון דער רוסישער רעוואָלוציע כדי אויסווייזן אַלס באַרעכטיקטע די סטאַלין פּאָליטיק צו יענער צייט. דעריבער די אונדזערע מאָראַלישע באַשטעטיקונג האָט אַוודאי געהייסן אַ באַשטעטיקונג צו די פּראָצעסן אַלס ריכטיקע און מיט דעם זעלבן אַ ווייטערע באַשטעטיקונג צו זיינע פּאָליטישע גרונט־געדאַנקען אין דעם גרויסן פּאָליטישן שטרייט, וועלכער איז אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער געשיכטע, ווי אַ קאַמף צווישן טראָצקין און סטאַלינען.

אַלזאָ, דאָס אַדורכפירן אין די באַדינגונגען פון דער תפיסה דאָס גרונטלעכע דערלערנען די ריכטיקייט פון דער סטאַלין ליניע און מיט דעם זעלבן געבן אונדזער מאָראַלישע באַשטעטיקונג צו די אויסריייניקונגס פּראָצעסן איז געווען צו רעהאַביליטירן און באַרעכטיקן די סטאַלין ליניע קעגן דעם טראָצקיזם אין אַלע דאָרטן רוסלאַנד פאַרמען.

אַזאַ באַשטעטיקונג צו רעהאַביליטירן דער רוסישער סטאַלין פּאָליטיק איז געווען געמאַכט ביי אונדז אין די תפיסות אויף כוח. אַזעלכעס איז געמאַכט געוואָרן אומעטום אויף די שפּאַצירן און אין אַלע נאָר מעגלעכע פאַרזאַמלונגס־פּלעצער און ווי איז געווען שוין אין יענער צייט צו אַזאַ חבר, וועלכער האָט אַזעלכעס נישט באַשטעטיקט. אַזעלכער איז אויטאָמאַטיש געוואָרן אין יענער צייט געשטעמפּלט אַלס טראָצקיסט, וועלכעס אין יענער צייט איז שוין געווען אַנערקענט אַלס שונא פון רוסלאַנד.

אינטערעסאַנט איז צו כאַראַקטעריזירן די גרונט־שטריכן פון די אַלע אַנפירנדיקע חברים אין יענער צייט אין די דעמאָלטדיקע פּוילישע תפיסות. די וויכטיקסטע קאָמוניסטישע פּערזענלעכקייטן אן יענע צייטן זענען געווען דווקא די יידישע בחורים. זיי זענען געווען די אייבערשטע פון שטייסל, ווייל זיי זענען געווען די וויכטיקסטע אין אַנטשיידן געוויסע טעאָרעטישע און פּאָליטישע לעבנס־פּראָבלעמען. זיי טאַקע דעריבער זענען שפּעטער געווען אין דער ערשטער רייע די זעלבס קרבנות פון די דאָרטן אין באַפרייטן זאַפאַד רייניקונגס־פּראָצעסן. בשעת דער איבערפאַלנדיקער מלחמה פון דייטשן פאַשיזם אויף פוילן און אין דעם באַפרייטן מערב געגנטן — „זאַפּאַד" פון דער רויטער אַרמיי.

אַלזאָ, כמעט די גאַנצע פּאָליטישע לייטונג אין די עטלעכע תפיסות, וווּ איך האָב פאַרבראַכט אין דער פאַרמשפּטער מיין צייט, איז געווען אין די הענט פון די יידישע בחורים. זיי זענען געווען די מחברים פון דער ריכטיקער פּאָליטישער פאַרטיי־שיטה אין די דעמאָלטדיקע געלערנטע לעקציעס און רעפעראַטן. זיי זענען געווען די גייסט־פירער אין דער פאַרטיי, די ריכטיקע מאַרקסיסטן־לעניניסטן. די וועלכע האָבן געהאַט ריכטיקן טעאָרעטישן גרונטלעכן מאַרקסיס־

טישן וויסן. טאַקע, איז געווען צו באַוווּנדערן די טיפֿע ערודיציע פֿון די יידישע בחורים אין דער וויסנשאַפֿטלעכער סאָציאַליסטישער אַרבעט כאָטש אַזעלכע זענען געווען אַממייניסטן בחורים מיט נאָר קוים זעלבס בילדונג. דאָך האָבן פֿאַרמאָגט גרויס פֿיליזאָפֿישן און עקאָנאָמיש וויסן און פֿאַרשטענדלעך מאַרקסיסטיש־לעני־ניסטיש אידעאישן גרונט־וויסן.

אַזוי שטייט פֿאַר מיר דאָס נישט פֿאַרגעסלעך געשטאַלט פֿון אַ דעמאָלטדיקן יידישן רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט זיך גערופֿן שטאַרק באַשיידן — בלויז — מאַניעק. ער גופֿא איז טאַקע געווען פּשוט און באַשיידן, ער איז געווען אַ הויכער און צאַרטער, געטראָגן בינאָקל־ברילן, פֿון פֿאַך געווען אַ זשורנאַליסט. מאַניעק האָט געלייענט לעקציעס וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם. דעריבער האָט אין זיינע לעקציעס אַנטוויקלט דאָס אַנטשטיין פֿון אַרבעטער־קלאַס אין אַלע זיינע אַנטוויקלטע פֿאָרמען אין יענער צייטיקער אייראָפּע ביז דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

מאַניעק האָט אונדז געלערנט וועגן דער העגעליאַנישער פֿיליזאָפֿיע און איר השפּעה אויף מאַרקסן און האָט באַגרינדעט די טעזן פֿון דעם איבערגאַנג פֿון דער העגעליאַנישער אידעאַליסטישע שיטה אין דער פֿאַרוואַנדלונג צו דער שפּעטערער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליסטישער באַזירונג אין מאַרקס דענקען. ער האָט באַגרינדעט די טעזיסן וועגן דעם קאַפּיטאַליסטישן בוי אין דער בורזשואַזיע געזעלשאַפֿט און אין געשאַפֿענעם קלאַסן־קאַמף. ער האָט גערעדט וועגן די צייטן פֿון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל אין דער גאַנצער יענער צייטיקער אייראָפּע פֿון דעם זיך באַזירנדיקן קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם.

אַ צווייטער — פּינעס, אַן אינזשיניער, האָט גערעדט וועגן דער עקאָנאָמישער וועלט־געשטאַלטונג פֿון דעם זיך שאַפֿן פֿון פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל, וועגן זייערע אַנטאַ־גאָניסטישע אינטערעסן וועגן די אין קאָנסעקווענץ קאַמפֿן, וועלכע באַדראָען די הייניטיקע וועלט־געזעלשאַפֿט. אַזוי זענען געווען לעקציעס וועגן פֿאַרשידענער וויסנשאַפֿטלעכער טעמאַטיק און יעדער אין זיין ספּעציאַליטעט.

אין דעם אַלעמען האָבן מיר געלעבט אין אַ געוויסער פֿאַרטיי־דיסציפּלין. עס איז געווען ביי אונדז אַ פּאָליטישער סדר, אַפֿילו אין די תּפֿיסה־באַדינגונגען האָט געהערשט אַ פּאַרטיי־כּוח, אַן אָנגעוואָרפֿענער אויף דער דעמאָלט גאַנצער קאָמונע־לעבן און מיט וועלכן אַפֿילו די דאָרטיקע רעגירונגס־מאַכט האָט זיך נישט ווילנדיק מיט דעם אונדזערן פּאָליטישן כּוח — גערעכנט.

אין שייכות מיט דער פּאָליטישער יענע צייטיקער לעבנס־אַטמאָספֿערע, אין דער צייט פֿונם אויפֿשטייענדיקן פֿאַשיזם, איז כּדאַי דערמאָנען די גרויסע פּאָלי־טישע גרונט שטרייטן, וועלכע זענען געווען אין דער אינערלעכער קאָמו־

ניסטישער באַוועגונג צו יענער צייט אין פּוילן. דאָס איז געווען צו יענער צייט דער פּאָליטישער שטרייט צווישן די דעמאָלטדיקע קאָמוניסטן זיך גערופן סטאַ־ליניסטן און די אַנטקעגן שטייענדיקע זיך גערופן — די טראָצקיסטן — דעמאָלט טאַקע, ווען אין קאָנסעקווענץ די אין רוסלאַנד אַדורכגעפירטע פּאָליטישע „רייני־קונגס־פּראָצעסן", וועלכע זענען ווידער אַרויפגעשווימען אויף דער אויבערפלאַך אין די טעג פון זיך שאַפנדיקן איינהייטס־פראָנט. אַזעלכע טאַקע אין דעם מאָמענט אין די תפיסות האָבן מיר אַוודאי געמוזט און אויך אונדז באַוויזן פונם „קאָמינ־טערן" נאָכאַמאָל איבערקייען און שטעמפלען די ביז־יעצטיקע שוין באַוווסטע, צווישן זיי, שטרייט־פראַגן און מלוכה־פּראָבלעמען.

אַמאָל געווען איז עס אין דער לאָמזשער תפיסה, האָבן מיר געטראָפן אַ גרופּע יידישע און פּוילישע סטודענטן, וועלכע האָבן זיך גערופן: רעוואָלוציאָנערן־טראָצקיסטן. די טראָצקיסטן האָבן דעמאָלט אויף דער פריי אין וואַרשע אַרויס־געלאָזט אַ פּאָליטישן וואָכנשריפט, וווּ זיי האָבן געשטעמפּלט די דעמאָלטדיקע פּאָליטישע רייניקונגס־פּראָצעסן אין רוסלאַנד, ווי אויך צו יענער צייט געשאַ־פענעם סטאַלין־קולט אין ראַטנפאַרבאַנד. אין דעם דעמאָלטדיקן זייערן פּאָליטישן וואָכנשריפט, האָבן זיי אָפן באַשולדיקט די סטאַלין־מאַכט אין אויסראָטן די אָנפירנדיקע רוסישע רעוואָלוציאָנערן פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער רעוואָ־לוציע. זיי זענען טאַקע געווען די, וועלכע האָבן אונדז קאָמוניסטן־סטאַליניסטן אָנגעבאָטן דעם פּאָליטישן וויכוח אין אַלע שטרייט־פראַגן צווישן סטאַליניזם און דעם טראָצקיזם. אַ סך טאַקע פון זייערע דעמאָלט אָנטפּלעקונגען וועגן דעם פּאַקטישן לעבן אינערלעך אין לאַנד, זענען טאַקע געווען אמתע און אויך שפּעטער האָבן זיך אַרויסגעוויזן באַרעכטיקטע. זיי, די טראָצקיסטן, האָבן באַשריבן די אויף כוח אַדורכגעפירטע אין רוסלאַנד — קאָלעקטיוויזאַציע, וועגן דעם דעמאָלט קינסטלערישן געשאַפענעם פון י. סטאַלין: הונגער־קריזיס אין יענע צייטן אין רוסלאַנד, וווּ עס זענען טויזנטער מענטשן געשטאָרבן פון נאָר הונגער. זיי האָבן דערציילט פון ליקווידירן די אָנפירנדיקע קאַדרן אין דער רויטער־אַרמיי און אַנדערע פאַרברעכנס אָפּגעטוענע אין סטאַלינס רעזשים אין רוסלאַנד, פאַרגלייכנ־דיק אַזעלכעס מיטן ווילדן געהערשטן טעראָר צו יענער צייט אין דייטשלאַנד.

דעמאָלט האָבן מיר, די סטאַליניסטן, אַזעלכעס אָפּגעוואָרפן ווי אַ פאַרלוימדונג קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. מיר האָבן פאַרשטענדלעך געוווסט וועגן די טעאָרעטישע חילוקי־דעות צווישן טראָצקין און סטאַלינען, וועגן דער טראָצקי טעאָריע פון „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע", וועלכעס איז אין קעגנזאַץ צו דער באַקאַנטער י. סטאַלין טעאָריע — „סאָציאַליזם אין איין לאַנד". מיר האָבן אָפּגעשאַצט, אַז דאָס בויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד איז מער פּראַקטישער און לאָגישער,

ווי דאָס שטענדיקע נישט גאָרנישט זאָגנדיקע — „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע״, וועלכעס הייסט אייביקע רעוואָלוציע, אייביקער קאַמף, אָבער אָן אַ גרונטלעכער באַזוע־באַזירונג, דעריבער אין דער צייט פון בויען דעם ראַטנפאַרבאַנד, ווו אַרום זענען און עקזיסטירן קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלטע לענדער וואָלט אַזאַ טעאָריע פאַרן ראַטנפאַרבאַנד געהייסן פּאָליטישער באַנקראָט!

אַזוי אויך איז צו יענער צייט פאַר אונדז געווען נישט פאַרשטענדלעך די לאָזונג פון טראָצקין, בשעת דעם בריסקער שלום, ווען זיין טראָצקיס לאָזונג איז געווען: „נישט שלום און נישט מלחמה״. אַזאַ לאָזונג איז פאַרשטענדלעך גאָר־נישט געזאָגט אין פּראַקטישן פּאָליטישן לעבן, אַזוי איז אַפילו אין יענע באַדינ־גונגען די לאָזונג פון וו. לענין „אומבאַדינגטער שלום״ — מער געווען אויס־שפּרעכלעכער אַפילו צו יענער שווערער פאַר רוסלאַנד צייט.

אַזוי טאַקע איז דער געדאַנק פון פּערמאַנענטן בלויז קאַמף, הייסט זיך באַזירן אויף ניסים. דערקעגן דער דעמאָלטדיקער סטאַלין־געדאַנק וועגן בויען דעם סאָ־ציאַליזם אין איין לאַנד רעדט וועגן באַזירן אַ לאַנד אויף שטאַרקע עקאָנאָמישע יסודות, וועלכע וועלן זיין שטענדיק אַ באַזע פאַר דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט, ווי בפרט אויב עס וועט חס־וחלילה קומען צו אַ מלחמה־קאָנפראָנטאַציע צווישןביידע אַנטאַגאָניסטישע וועלטן — אגב אין כדאי צו דערמאָנען, אַז דער טאַקע געדאַנק פון סאָציאַליזם, גייט אַדורך אין אַלע לענין־ווערק, ווי אַ באַזע פון סאָציאַליסטישער באַזירונג.

צווייטנס, וואָס אַזעלכעס איז סאָציאַליזם? דאָס הייסט פאַרגעזעלשאַפטלעכן דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַל און אַלע פּראָדוקציע־מיטלען — אין אַ געזעלשאַפטלעכן אייגנטום. אַזאַ זאַך איז דער ערשטער עטאַפּ נאָך דער רעוואָלוציע. איז דאָך פאַר־שטענדלעך דאַרף האָבן די נויטיקע כלים כדי אַדורכפירן דעם פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין אַ געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל. דעריבער איז אויך באַרעכטיקט די אַרבעטער דיקטאַטור, די אָנגעוואַנדענע פון אַרבעטער־קלאַס אין דעם לאַנד, ווו איז פאַרגעקומען און באַזירט געוואָרן די רעוואָלוציע. דעריבער האָבן מיר אונטערגעשטיצט די צוויי אָנגעוואַנדענע פּאָליטישע טעאָרע־טישע באַגרינדונג ווי „סאָציאַליזם אין איין לאַנד״ און דעם געדאַנק פון פּראָלע־טאַרישער דיקטאַטור. אָבער דאָך הייסט אַזעלכעס נישט אין דער פאָרם פון אַזאַ גוואַלט־דיקטאַטור, וועלכע מיר האָבן שפּעטער טאַקע אין דער ווירקלעכקייט געטראָפן אין רוסלאַנד אין יענער צייט, וועלכע זאָל באַדאַרפן אַדורכפירן די רייניקונגס־פּראָצעסן קעגן די רעוואָלוציאָנערע אָנפירער פון דער דאָרטן אין רוסלאַנד פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע!

וואָס אַן אמת געזאָגט, איז דאָס אַרונטעררייסן די מאַסקע פון פּרצוף פון

די דעמאָלטדיקע „ריינִיקונגס פּראָצעסן" אין מאָסקווע האָט געהאַט גרויס אָפּקלאַנג בײַ אונדז דעמאָלט אין תּפיסה. ווי מיר האָבן נאָר מיט אַזעלכע פּאָליטישע געשעענישן געלעבט. דאָך די פּראָצעסן גופא זענען געוואָרן אַ מין גרויזאַמע זאַך בײַ אונדז אין דער מענטאַליטעט מיט וועלכע מיר האָבן אין קיין פֿאַל נישט געקענט מיט זיי מסכּים זײַן. דער פּאַרנעם איז געווען אַזוי אײַמעדיק אַפילו אין די באַדינגונגען פֿון דער פּוילישער תּפיסה. פֿונדעסטוועגן האָבן מיר זיך בלית ברירה געמוזט זיך אַרונטערוואַרפֿן אַלע פֿון מאָסקווע געפֿאָדערטע באַדינגונגען און זיך אידענטיפֿיצירן מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פֿון דעמאָלטדיקן קאָמינטערן און סטאַלין־פּאָליטיק.

אין שייכות דערמיט איז כּדאַי דערמאָנען, אַז דאָס ביסל אויפֿגעדעקטע וועגן די פּראָצעסן דעמאָלט אין דער זייערן „פּאָליטישן וואָכנשריפֿט" איז נישט געווען אַפילו קיין טראָפּן אין וואַסער אין באַצוג צו דעם גרויסן פּאַרנעם, וועלכעס אין דער ווירקלעכקייט זענען אַדורכגעפֿירט געוואָרן אין רוסלאַנד! ווײַל שוין אין די שפּעטערע אונדזערע ידיעות זענען די קליינע אומשולדיקע ידיעות וועגן די פּראָצעסן דעמאָלט געווען ממש אַ נול אַנטקעגן דעם ריכטיקן דאָרטן פּאַרגעקומענעם אין יענער צײַט קעגן אַ גאַנץ פֿאָלק אין רוסלאַנד. אומגלויבלעך, דאָך אַזוי איז געווען ממש אַ גאַנצע גענעראַציע. אַ גאַנצע תּקופֿה איז געוואָרן אומגעבראַכט דאָס באַוווסטזיניק אויפֿן מזבח פֿון דער רעוואָלוציע, ווײַל אַזוי איז געווען די פּאָליטיק פֿון מענטשן־פֿרעסער — י. סטאַלין.

די טראָצקיסטן האָבן פֿאַרגליכן די מעשׂים פֿון י. סטאַלין מיט די פֿון זעלבע דעמאָלט מעשׂים אין דײַטשלאַנד. זיי האָבן געטענהט אַזוי אויך אין רוסלאַנד ווערן די ריכטיקע אַרבעטער־פֿירער און זייערע פֿאָלקס־מאַסן פֿאַרשמאַכט און פֿאַרניכטעט, אַזוי ווערן אויסגענוצט אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַביסל דעם זיך פֿאַרבעסערן דעם דאָרטן שטייגער לעבן, וועלכעס איז ספּעציעל אויסגענוצט פֿון דעם דאָרטיקן סטאַלין־רעזשים, ווי אַ סיבה, אַן אייביקע דאָרטן סיבה, קעגן די אַלע דאָרטן גאַנצער באַווינטער באַפֿעלקערונג.

אַזאַ טאַקע קליינע ווײַלע — אין די דאָרטן לעבנס באַדינגונגען אין רוסלאַנד, איז געוואָרן אויסגענוצט פֿון דער סטאַלין־האָרדע קעגן די אַלע ניבע געמאַכטע אָפּטריניקער און פֿאַרשידענע אָפּאָרטוניסטן סײַ פֿון רעכטס און סײַ פֿון לינקס און אַלע אײַנאײַנעם אַלס פֿאָלקס־שׂונאים ווערן ליקווידירט. אַזוי אין אײַנקלאַנג מיט דעם איז עס שטענדיק געווען אַ סיבה פֿאַר דאָרטן יעדן בירגער צו ווערן אָדער אַנטיקאָמוניסט אָדער סאַבאָטאַזשניק, וועלכעס איז דאָרטן פֿאַרברעכעריש און געריכטלעך געשטראָפֿט!

וואָס שייך דעם אַזוי אָנגערופֿענעם י. סטאַלין־קולט איז עס נישט סתּם געווען

אַ פֿאַרבייגייענדיקע דערשיינונג. דער סטאַלין־קולט האָט געשלאָגן טיפֿע וואָרצלען אין פֿאָלק און געווען פֿאַרבינדן מיט דער פּאַרטיי אַלס איינציקע היטערן פֿון דעם לאַנד זיכערהייט. דער סטאַלין־קולט איז געווען פֿאַרבינדן מיטן פֿאָלק, איז געוואָרן דאָרטן אַ פֿאָלקס גלויבן, אַ אַנגעוואָרפֿענער פֿאָלקס גלויבן אויפֿן גאַנצן רוסישן שטייגער לעבן. ווייל די וויכטיקסטע זאַך איז דאָרטן די פּאַרטיי. „די פּאַרטיי הייסט — י. סטאַלין און י. סטאַלין הייסט די פּאַרטיי" — אַזוי ווי טאַקע ער סטאַלין גופֿא האָט עס דעם דאָרטן רוסישן פֿאָלק געלערנט, געבנדיק אַ ביישפּיל נאָכן דאָרטן טויט פֿון לעניגנען אַזוי: „ווען איך זאָג לעניך — מיין איך די פּאַרטיי און ווען איך זאָג פּאַרטיי — מיין איך לעניך". דעריבער איז פֿאַרשטענדלעך דער בונד פֿון לעניך צו דער פּאַרטיי און דעריבער איז פֿאַרשטענדלעך דער בונד פֿון דער פּאַרטיי צו לעניגען. דעריבער איצט אין דער צייט פֿאַרשטענדלעך דער בונד פֿון סטאַלינען צו דער פּאַרטיי — און פֿאַרקערט, אַזעלכעס פֿאָדערט נישט מער קיין קאָמענטאַרן.

אַזוי זעען מיר איז דער סטאַלין־קולט געווען אַ וויכטיקער הערשונגס־פֿאַקטאָר אין דער דעמאָלטדיקער סטאַלין־תּקופֿה אין רוסלאַנד. אַזעלכעס איז געווען געבינדן מיטן דאָרטן באַוווסטן דיקטאַטור־הערשונג, איינס איז געווען באַגלייט מיטן צווייטן,ביידע האָבן זיך זעלבספֿאַרשטענדלעך צוזאַמענגעגאָסן. אַזעלכעס איז געווען אַנגעוואָרפֿן אויפֿן דאָרטן רוסישן פֿאָלק.

אין שייכות דערמיט איז כּדאַי אונטערשטרייכן דעם פּאָליטישן כּוח פֿון דעם דאָרטיקן סטאַלין־קולט, כאָטש דער מאַרקסיזם און אויך דער לעניניזם וואַרפֿן אָפּ יעדן מין היסטאָרישן פּערזענלעכן קולט אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, בפֿרט אויך אין דער געשיכטע פֿון אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפֿט. אָבער דער נייער מעכטיקער און באַרעכטיקטער סאָציאַליסטישער פֿאַרשער — י. סטאַלין האָט אַזאַ אין רוסלאַנד ווייטערע טעזע פֿון מאַרקסיזם, ווי אַ וויסנשאַפֿטלעכע אַנטפּלעקונג באַגרינדעט, וועלכעס האָט אויך געהאַט אין רוסלאַנד אַן אַנגעוואָרפֿענעם דערפֿאָלג ביי געוויסע רוסישע פֿאָלקט־פּעריאָדן. אַזוי טאַקע אין דעם נייעם אופֿן פֿון לערנען געשיכטע, האָבן אויסגעפֿונען „היסטאָרישע" וויכטיקע פּערזענלעכקייטן.

אין קאָנסעקווענץ האָבן אָנגעהויבן רעווידירן געוויסע היסטאָרישע פּעריאָדן אין דער רוסישער היסטאָריאָגראַפֿיע, ווו מען האָט אויפֿסניי אָנגעהויבן אָפּמערקן די פּערזאָן־קולט אין יעדער רוסישער עפּאָכע געשיכטע.

דער סטאַלין־קולט איז געוואָרן באַצווינגעריש בפֿרט אין גייסטישן לעבן סיי אין דער דאָרטיקער געשאַפֿענער געזעלשאַפֿטס לעבן ווי אַוודאי האָט ער זיך געוואָלט מיט כּוח איינשאַפֿן די טעאָרעטישע אַנערקענונג צו ווערן אַנערקענט אין

דער פלעיאַדע צו די דריי גרויסע וויסנשאַפטלעכע באַגרינדער פון סאָציאַליזם, ווי ק. מאַרקס, פ. ענגלעס, וו. לענין און י. סטאַלין!

אַזוי טאַקע אין קאָנסעקווענץ פון דעם סטאַלין־קולט האָבן באַדאַרפן ווערן אַנדערש געלערנט און קאָמענטירט די אָנפירער פון דער רעוואָלוציע, אַנדערש האָבן באַדאַרפן ווערן באַלויכטן דאָס אַנטשטיין פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אירער געשיכטע, אַנדערש האָבן באַדאַרפן ווערן קאָמענטירט די פּערזענלעכע ראָלע פון י. סטאַלין אין זיין רעוואָלוציאָנערן וועג בשעת דער רעוואָלוציע. אַזוי טאַקע איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע פּאַרטיי געשיכטע, וועלכע איז הויפּטזעכלעך צוגעשריבן — י. סטאַלינען.

דער סטאַלין־קולט אַלס הערשנדיקע שיטה האָט ליקווידירט אַ גאַנצע פּלעיאַדע רעוואָלוציאָנערן אַ מענטשן־גענעראַציע — סאָציאַליסטישע פירער אויף דור־דורות. די דאָרטן אין רוסלאַנד נייע פּאַרטיי געשיכטע דערמאָנט כמעט גאָנץ ווינציק וועגן אַזעלכע אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן ווי עס איז געווען: פּלעכאַנאָוו, מאַרטאָוו, אָדער אַקסעלראָד. ווייל דאָס נאָר אויף וויפל די פּאַרטיי־געשיכטע מוז אַרויסברענגען דעם גרויסן פּאָליטישן וו. לענין קאַמף אין באַזירן דעם דעמאָלט־דיקן באָלשעוויזם קעגן דעם פון מאַרטאָוון און חברים: מענשעוויזם. אַזוי איז אויך געדרינגען, אַז אין דעם גאַנצן גייסטישן מאַרקסיסטישן אַרסענאַל ווערן מיט גאָרנישט דערמאָנט אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי טראָצקי און בוכאַרין און פיל אַנדערע פירער פון דער רוסישער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע!

דעריבער אַזאַ מין אָנווענדן נייע פּאָליטישע שטעלונג צו היסטאָרישע איינ־פלוסרייכע פּערזאָנען אין דער רוסישער געשיכטע, ווען בשעת אין דער דאָרטיקער רוסישער געשיכטע זענען דווקא נעגאַטיווע היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן געוואָרן מיטאַמאָל — פּאָזיטיווע און פאַרקערט, פון פּאָזיטיווע האָט מען געמאַכט נעגאַ־טיווע, האָט אַרויסגערופן גרויס מיספאַרשטענדעניש, וואָס מער עס האָט אַרויס־געטראָגן נישט לאָיאַלקייט צו דער ראָטן־מאַכן צוליב וועלכן, טאַקע איז מען געוואָרן צוגעצויגן צו גערייכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אין שייכות דערמיט האָבן מיר דעמאָלט אין פּוילן נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס די באַקאַנטע היסטאָרישע אין דער אוקראַאינישער געשיכטע פּערזענלעכקייט, למשל די כמיעלניצקי־פּערזאָן איז געוואָרן דווקא אַ פּאָזיטיווע היסטאָרישע פּער־זענלעכקייט, ווען מיר האָבן דאָך געוווסט, אַז מיט דער פּערזאָן איז פאַרבינדן אַ סך יידישע פּאָגראָמען אין יענע צייטן אין די געפּירטע זיינע קאַמפן קעגן פּוילן.

אויך איז נישט געווען צו פאַרשטיין די פּערזאָן — פון רוסישן פּיאָטר דעם ערשטן, אָדער — איוואַן גראָזני און אַ סך אַנדערע, וועלכע טאַקע צו יענער צייט זענען געקומען צו אַ פּאָזיטיווע געשיכטלעכע אַנערקענונג. אַלע אַזעלכע

פערזאָנען האָבן באַקומען נייעם פּאָליטישן פּירוש, וועלכער איז נאָר געוואָרן אַ באַלאַסט אויף די וועלכע האָבן באַדאַרפן באַהאַנדלען אַזעלכע היסטאָרישע עטאַפּן און ווי איז געווען צו אַזעלכן, וועלכער האָט אָפּגענויגט אין זיין כאַראַקטעריסטיק דעם נייעם געשיכטלעכן מאַרקסיסטישן פּירוש! אַזוי האָט טאַקע דער סטאַלין־קולט געבראַכט צו גאַנצע וויטגייענדיקע דאָרטן געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען אין דער מענטאַליטעט פון דער דאָרטיקער סאָוויעטישער געזעלשאַפט, וועלכעס האָט נאָר געבראַכט צו תפיסות און פאַרשיקונגען!

אויף דער שוועל פון מלחמה

די צייטן פון מיין זיין אין דער ווארשעווער דאַנילעווישעווסקער תפיסה איז פונקט אויסגעפאַלן מיט דער פאַרברעכערישער דייטשער עקספּאַנסיע פּאָליטיק קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקיי און מיט דער צושטימונג פון קיין קלענערע פאַר־ברעכערישע פּאָליטיק פון די צוויי שליסל לענדער — ענגלאַנד און פראַנקרייך און דער דעמאָלטדיקער אייראָפּע. היינט ווייסן מיר, די וועלט האָט עס ענדלעך אָפּגעשאַצט און באַשטעטיקט די אונדזערע השערה, אַז די פּאָליטיק פון היטלערן איז געווען — אַ וועלט עקספּאַנסיע. פונקט אין קעגנזאַץ פון יענער פאַרבלענד־פּאָליטיק פון די טשעמבערליינס און די דאַלאַדיעס, אַז דאָס (געמיינט די מינ־כענער קאָנפערענץ) איז געווען אַ פאַרהיטונג דעם וועלט שלום. פּאַסירט האָט די גאַנצע געשיכטע מינכען בסך־הכל עטלעכע מאָנאַט נאָכן פריערדיקן „אַנשלוס".

דאָס היטלער־דייטשלאַנד איז באמת געווען דעמאָלט גענוג שטאַרק כדי אַדורכפירן אַזאַ עקספּאַנסיע קעגן דעם טשעכאָסלאָוואַקיי, אָבער דאָך נישט אַזוי פיל שטאַרק דאָס טוען לגבי למשל, ווען עס וואָלט געשאַפן געוואָרן אַ וועלט־בלאָק פון עטלעכע מלוכות צוזאַמען מיטן ראַטנפאַרבאַנד קעגן דעם פאַשיזם. דער ראַטנפאַרבאַנד איז דאָך געשטאַנען אויף דער וואָך און אַזעלכעס אָנגעבאָטן. אָבער דער שליסל צו אַזאַ פּאָליטיק איז דעמאָלט געווען אין די הענט פון ענגלאַנד, וועלכע האָט בפירוש אַזאַ פאַרגעשלאָגענעם הסכם מיט רוסלאַנד נעגירט און אָפּגעוואָרפן. וואָס נאָכמער די ענגלענדער האָבן אין דער פּאָליטיק מיטגע־שלעפּט נאָך זיך פראַנקרייך, ווייל ווען למשל פראַנקרייך דערלאַנגט צו יענער צייט אַזאַ הילף דער טשעכאָסלאָוואַקיי רעגירונג, קומט אויטאָמאַטיש אַזאַ הילף מצד רוסלאַנד אויך פאַר דער טשעכאָסלאָוואַקיי!

דערקעגן היטלער האָט בפירוש געוווסט, אַז די עיקר מאַכטן און בראש ענגלאַנד ווילן זיך פאַר אים רעוואַנזשירן און וואַרפן צו זיינע פיס די טשעכאָ־סלאָוואַקיי כדי ענגלאַנד זאָל דאָך פון דעם אַרויס צוריק אַ וועלט־מאַכט. אָבער היינט ווייסן מיר אויך, אַז נישט נאָך דאָס איז ביי זיי געווען דער עיקר, דעמאָלט ביי די ענגלענדער. דעמאָלט ביי די ענגלענדער איז געווען דער עיקר דאָס אָנרייצן די דייטשן אויף רוסלאַנד. אָבער אויך ווייסן מיר היינט, אַז אַפילו ביי

די דייטשן איז דאָס אויך נישט געווען דער עיקר. ביי די דייטשן איז עס געווען נאָר אַ מיטלוועג צו איר ער וועלט־עקספּאַנסיע. ער, היטלער, האָט אָנגעהויבן אַזעלכעס מיט איינצלנעם שאַנטאַזש־פּלאַן, באַזונדער יעדעס לאַנד, איינס נאָכן צווייטן, דאָס אַפילו נישט געבן אָפּאָטעמען קיין ווייל די זיינע קרבנות, ווי תיכף זיך וואַרפן אויפן קומענדיקן קרבן!

אַלזאָ, צום סכום צו די געפאָדערטע טענות מצד דער דייטשער רעגירונג לגבי טשעכאָסלאָוואַקיי זענען ביידע שליסל לענדער — ענגלאַנד און פראַנקרייך, געקומען צו אַ בשותפותדיקע הסכמה וועגן דעם, אַז די טשעכאָסלאָוואַקיי־רעגירונג זאָל אומבאַדינגט אָננעמען אַלע געפאָדערטע פון דייטשלאַנד פאָדערונגען, דאָס טאַקע ביז אַ באַשטימטער צייט (!) נאָכהער די פאַרבליבענע רעשטן אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי־טעריטאָריע — שוין נאָר אַ פּראָווינץ, וועלן זיי, ענגלאַנד און פראַנקרייך — גוואַראַנטירן! אַלזאָ, פאַר אַ לאַנד ווי דאָס איז געווען די טשעכאָ־סלאָוואַקיי, וועלכע האָט דווקא געהאַט מיט די לענדער קעגנזייטיקע הילפס־פאַר־פליכטונגען געווען קלאָר די גאַנצע סיטואַציע און כוונה פון די צוויי לענדער, וועגן דעם, אַז זי דאַרף אוועקגעבן גאָר גרויסע לאַנד־שטחים פאַר די דייטשן, דערונטער מיט אַלעמען דאָרטן עקזיסטירנדיקן אינוועטאַר, סיי דעם לעבעדיקן און סיי טויטן, וועלכעס געפינט זיך אויף דעם שטח חלק טשעכן־לאַנד. דאָס הייסט נישט אַנדערש ווי אַ פּאָליטישער און מענטשלעכער פאַרברעכן. אַזעלכעס איז געווען דעמאָלט פון ענגלאַנד און פראַנקרייך באַשטעטיקט. טראָץ דעם האָט נעמלעך דאָס בילד געהאַט אויך אַן אַנדערן כאַראַקטער, אַ מער ברייטערן כאַראַקטער: נעמלעך, דער באַשלוס פון היטלערן איז געווען ממש געגנצלעך פאַרניכטן די טשעכאָסלאָוואַקיי — אַלס לאַנד! זייער פּלאַן איז נישט נאָר געווען די סודעטן מיט דער דייטשער באַוווינטער דאָרט מינדערהייט, נאָר טאַקע דאָס גאַנצע טשעכן־רייכטום מיט זייערן גאַנצן אינדוסטריעלן און לאַנדווירטשאַפטלעכן אינוועטאַר אין אַלע פאָרמען. חוץ דעם כדי זיך פאַרגרינגערן אין דער מעשה, האָט היטלער אונטערגעהעצט די דאָרטיקע פעלקער־שכנים — פוילן און אונגאַרן — אויך אַזעלכעס פאָדערן פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי.

אין שייכות מיט דעם האָט די פּוילישע בעק־סמיגלי רעגירונג זיך פול־שטענדיק פּאָליטיש אידענטיפיצירט מיט דער היטלער רעגירונג, אָבער זי האָט זיך נישט אָריענטירט אַז מאָרגן נאָכן אַרויסנעמען די הייסע קאַשטאַנעס פון פייער מיט אירע הענט פאַר די דייטשע פאַשיסטן, וועט זי מוזן טייער באַצאָלן מיטן זעלבן וועקסל און זעלבן שאַנטאַזש, ווייל שוין אין דער דאָזיקער צייט איז שוין אַזעלכעס געווען קעגן פוילן צוגעגרייט מצד דער דייטשער היטלער רעגירונג.

אַזוי אַרום איז די איינציקע גערעכטע שטעלונג אין דעם מאָמענט געווען די

שטעלונג פונעם ראַטנפאַרבאַנד, ווייל נאָך אין חודש סעפּטעמבער 1938 ווען די צוויי מאַכטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן געדריקט אויף טשעכאָסלאָוואַקיי אַנצונעמען די דייטשע פּראָפּאָזיציעס, האָט ליטווינאָוו איבערגעחזרט זיין רוסישע פּאָליטישע שטעלונג וועגן קומען צוהילף טשעכאָסלאָוואַקיי אין אַ פאַל פון אַן איבערפאַל אויף איר. דאָך האָט פראַנקרייך זיך נאָכגעשלעפּט נאָך ענגלאַנד און ביידע האָבן געצוווּנגען די בענעש־רעגירונג צו קאַפּיטולירן.

אַלזאָ, די טשעכן רעגירונג איז פאַרבליבן איינזאַם, אָן פריינט. זי איז געשטאַנען פאַר גורלדיקע טעג און עיקר גורלדיק איז געווען אַזעלכעס פאַר דער דאָרטיקער באַפעלקערונג. דערווייל האָבן די געשעענישן זיך פון זיך זעלבסט געקייטעלט. די פּוילישע רעגירונג האָט פאַרלאַנגט אַ פּלעביסציט אין ציעטשן ראַיאָן, דאָס זעלבע אונגאַרן און צו אַלעמען איז דאָס דייטשע מיליטער געווען צוגערוקט צו די טשעכן גרענעצן. אַלעס אַזעלכעס האָט געפאָדערט די קאַפּיטולאַציע פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי רעגירונג צו די דייטשע פאָדערונגען.

אין די שטורמישע טעג האָט אויך פּוילן געוואָלט ווערן אַ גרויס־מאַכט. פּלוצלינג און אין איין אויגנבליק. די פּוילישע בעק־סמיגלי רעגירונג איז נאָכגעלאָפן דעם דייטשן פּאָליטישן שאַנטאַזש־שפּיל. פּלוצלינג האָט זי געוואָלט אין דעם שאַנטאַזש־שפּיל „אַרויפציען פּוילן אין דער הויך", אָבער עס האָט איר ווי געווייַנטלעך צו דער גרויס מעכטיקייט געפעלט סיי שווונג און סיי מיליטערישן כוח, אָבער רעש און געפילדער האָט איר נישט געפעלט. אַזעלכעס איז געווען דאָרטן אין פּוילן — צופיל.

די פּוילישע רעגירונג האָט אין באַצוג צו איר טשעכן־שכן אַדורכגעפירט נישט קיין קלענערן שאַנטאַזש ווי די פריער דערמאָנטע ענגלאַנד און פראַנקרייך. די פּוילישע באַפעלקערונג איז געוואָרן דורך רעגירונגס־קרייזן אונטערגעהעצט און אונטערגעבושעוועט. אויף די וואַרשעווער גאַסן איז געווען טומלדיק און רעשיק. עס זענען געווען דעמאָנסטראַציעס קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקיי מיט אויסגעמישטן ביליקן שאָוויניסטישן גרויס דראַנג. דער לאָזונג: „אַרויפציען פּוילן העכער". האָט געקלונגען בייזוויליק, נאַריש ווי אויך נאָר קינסטלעריש. די שטימונג ביי אונדז דעמאָלט אין קאַמער איז געווען אַ געפּרעסטע און גע־דריקטע, פיינלעך און פאַרדראָסיק. צו דען — פלעגן מיר זיך פרעגן, פאַרשטייען נישט, די אויף דער גאַס צעהיצטע פּוילישע שאַנטאַזש־קעפּ אַז, שוין מאָרגן וועלן זיי זעלבסט זיין אַ היטלער־קרבן? און אַז די דייטשן היינטיקע אונדזערע שותפים וועלן האָבן קעגן אונדז די זעלבע טעריטאָריאַלע פאָדערונגען. אָבער דער דאָרטן אויף די גאַסן המון איז געווען אונטערגעהעצט, אַז די געשרייען זענען צו אונדז אין קאַמער דערגאַנגען.

אַזוי זענען מיר געלעגן אין די אָווגטן שטיל זיך איינהערנדיק צום גרויסן אויף דער גאַס געפּילדער ווי וועלנדיק עפּעס אין דעם ווילדן געשריי אפשר הערן אַ שטימע פון אַ ניכטערן פּאָליאַק, וועלכער וועט שוין מאָרגן מוזן מיט געווער אין דער האַנט פּאַרטיידיקן זיין לאַנד קעגן איצטיקן פריינד דייטשלאַנד. אָבער די ריכטיקע פּאָליאַקן האָבן די פּוילישע מושלים פאַרשפּאַרט אין די תפיסות. צוגלייך אויך מיט דעם זענען די באַציאונגען פון דער מאַכט צו אונדז געוואָרן פאַרשאַרפט. די פריערדיקע „קאָרעקטע" זענען געוואָרן פאַרטוישט אויף שאַרפע און בייזע, ווי אויך אין דעם, האָבן אונדז באַגרענעצט די אונדזערע שפּייז־ראַציעס און אַנדערע תפיסה־רעכטן.

אין דער געשפּאַנטער לאַגע האָבן מיר געוואָלט פאַרשטיין עפּעס פון דער מענטאַליטעט פון פּוילישן אַרבעטער און מיטלשטאַנד בירגער, דאָך דאַרפן מיר פאַרשטיין זענען מיר אין שכנות אויך מיט רוסלאַנד, אַזעלכעס דאַרף דאָך אויך ווירקן. וואָס אָן אמת, אַז די פּוילישע בעק־סמיגלי־רעגירונג האָט באַהערשט אַ גרויסע מאַסע פּוילישע באַפעלקערונג אַזעלכעס איז איבערגעגאַנגען בירושה פונעם פאַרשטאָרבענעם פּילסודסקי און איצט זענען דאָך זיי די רעגירונג זייַנע נאָכלויפער. כאָטש פון דעם אַלעמען איז געדרונגען, אַז די פּוילישע רעגירונג וואָלט באַדאַרפט פירן אַ פּאָליטיק פון „קלענערן בייז", דאָס הייסט זיך אידענטיפיצירן מיטן מזרח־שכן, וועלכער האָט דאָך קיינע טעריטאָריאַלע פּרעטענסיעס צו פּוילן.

אַלזאָ, לאָמיר צוריקגיין צו די מינכען־געשעענישן. דאָרטן האָבן זיך פאַרזאַמעלט: היטלער, מוסאָליני און טשעמבערליין מיט דאַלאַדיע — זיי האָבן באַדאַרפן אַרויסגעבן דעם פּסק־דין קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקיי רעגירונג. דער ענגלישער טשעמבערליין גלייך מיטן אָנקומען קיין דייטשלאַנד האָט דערקלערט, אַז ער קומט מיט אַ באַשלוס און קיינער קאָן נישט שטערן אים אין אויספירן זיין אָנגענומענעם באַשלוס און אויב — האָט ער צוגעגעבן וועלן די טשעכאָסלאָוואַקיי נישט אָננעמען דעם זיינעם באַשלוס, דאַן וועלן זיי זעלבסט זיין די פאַראַנטוואָרטלעכע אין די קאָנסעקווענצן. דעריבער, אין שייכות מיט דעם, וועלן די ענגלענדער נישט האָבן קיין אַחריות צו די טשעכאָסלאָוואַקיי. אַלזאָ, קלאָרע דבורים.

אַזוי זענען אין די מינכענער באַשלוסן פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דאָס דייטשע מיליטער שפּרייזט אַריין דעם 1־טן אָקטאָבער 1938, אין די טשעכאָסלאָוואַקישע סודעטן און פאַרנעמען אַלעס — טויטן און לעבעדיקן אינווענטאַר און פאַר די טשעכאָסלאָוואַקיי בלייבט נאָר אונטערצושרייבן, אַז דאָרטן זאָל בלייבן אַלץ כלשונו, אַזוי איז די קאָמעדיע מינכען געקומען צו אַ בייזווייליקן סוף.

אַזוי אַרום האָבן ווידער די היטלעריסטן באַקומען, אָן אַ שאָס צו טוען, אַ שטח פון 11.000 מייל קוואַדראַט שטח מיט אַ באַפעלקערונג פון — 3 מיליאָן דייטשן און מיט אַ מיליאָן טשעכן־בירגער, ווי אויך מיט אַלע מיליטערישע פעס־טונגען, וועלכע די טעריטאָריע האָט אַנטהאַלטן. אין דעם איז געווען די גרעסטע טייל פון קוילן־אינדוסטריע, צעמענט אינדוסטריע און אנדערע אינדוסטריע צווייגן פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי ווירטשאַפט — מיט איין וואָרט, דאָס אַלעס וועלכעס האָט געמאַכט די טשעכאָסלאָוואַקיי אַלס לאַנד און אַלעס דאָס וואָס האָט די טשעכאָסלאָוואַקיי געמאַכט אויס — לאַנד. אָבער אין עיקר זענען אין מיליטערישן מאַסשטאַב די טשעכאָסלאָוואַקיי געוואָרן ליקווידירט, אַלס מלוכה. צו דעם אַלעמען האָבן די פּאָליאַקן באַקומען זייערן געפאָדערטן שטח — ציעטשן־ראַיאָן אין גרויס פון 650 מייל־קוואַדראַט און אויך די אונגאַרן האָבן פאַרכאַפּט אַ שטח פון 7500 מייל־קוואַדראַט.

אַזוי איז טאַקע דאָס דעמאָקראַטישע לאַנד טשעכאָסלאָוואַקיי אַראָפּ פון דער היסטאָרישער אַרענע מיט דער הילף פון ענגלאַנד און פראַנקרייך מיטן אויסרייד צו ראַטעווען דעם וועלט־שלום, ריכטיק אָבער, כדי רעטן דאָרטן אין ענגלאַנד און פראַנקרייך די אייגענע הויט. אַזוי איז ליקווידירט געוואָרן די טשעכאָסלאָ־וואַקיי, געוואָרפן צו פיס דעם דייטשן פאַשיזם, כדי צו ראַטעווען זייערע דאָרטן אין מערב שטעט פון אַ היטלערישן איבערפאַל. אַזוי דעריבער איז באַצאָלט געוואָרן אַ גאַנץ זאַטע קאָמפּעסאַציע היטלערן כדי צו רעטן איר אייגענע הויט.

אַזוי איז ליקווידירט געוואָרן אַ לאַנד, וועלכעס אין פּאָליטישן און מילי־טערישן פאַרנעם איז געווען סטראַטעגיש זייער וויכטיק, ווייל זי וואָלט דאָך געקענט אַרויסשטעלן ביי 30 גוט אויסגעשולטע מיליטערישע דיוויזיעס, וועלכע וואָלטן געקענט געבן הילף אין דעם אַקעגן קאַמף קעגן היטלערן. אַזוי איז ליקווידירט געוואָרן אַ לאַנד נישט אין נאָמען פון שלום, נאָר אַלס קאָמפּעסאַציע צו ווייטערע היטלער־אַגרעסיעס, וועלכע האָט טאַקע אויף זיך נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן.

די פּערספּעקטיווע דערגרייכונגען אין מינכענער פאַראַט־קאָנפערענץ האָט זיך אפילו די טשעמבערליינס נישט פאַרגעשטעלט. נאָר איין פּאָליטיקער אין יענער צייט האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט, דאָס איז געווען טשערטשיל, וועלכער האָט געזאָגט פאָלגענדעס: „דער מינכענער אָפּמאַך האָט געגעבן דער היטלער מאַכט אַ גרויסן נצחון און אַ גרויסע מפּלה דער דעמאָקראַטישער וועלט, ווייל מיטן פאַרנעמען די טשעכאָסלאָוואַקיי איז פאַר די דייטשן געעפנט געוואָרן דער טויער צום שוואַרצן ים און צו אַלע לענדער פון מיטל־אייראָפּע איצט איז פריי דער

וועג צום דאַנאַווער־טאַל״ אַזוי טאַקע איז דער וועג פאַר היטלערן געווען אָפן גישט באַהיטן און געלעגן צום אַנעקסירן פאַר היטלערן.

די סטראַטעגישע און פּאָליטישע באַדייטונג פונעם מינכענער פאַראַט־אָפּמאַך איז געווען פיל גרעסער ווי מען האָט זיך דעמאָלט אין כלל פאַרגעשטעלט. די פאַרכאַפּטע שטחים פון די שוין דערמאָנטע לענדער איז נאָך נישט געווען אַלעס אין דעם אָפּמאַך, דער פאַרבליבענער שטח אין די טשעכאָסלאָוואַקיי איז בהדרגיק געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ דייטשער פּראָווינץ, דאָס איז געווען דער שטח, וועלכן די מאַכטן ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן באַדאַרפן פּאָליטיש — „פאַרזיכערן״. אַזוי איז אָפּגעווישט געוואָרן גענצלעך אַ לאַנד און געוואָרפן צו די פיס פון דעם ווילדן צערייצטן דייטשן פאַשיזם.

צוגלייך נאָכן אָפּמאַך און נאָכן איבערנעמען די אַלע שטחים פון די דייטשן, האָבן זיך דאָרטן אויף אמת אָנגעהויבן אַ ווילדעווען, ווידער האָט זיך געשאַפן די טויטן־לאַגערן, וועלכעס איז געוואָרן דער באַגלייט באַשיין פאַרן טשעכן־בירגער. דאָס איז געוואָרן דער לאָרבער־קראַנץ פאַר די טשעמבערליינען און די דאַלאַדיעס, דאָס איז אויך געוואָרן אַן אייביקער שאַנד־פלעק, אַן אייביקער קין־צייכן אויף זייערן אייביקן געוויסן, דאָס איז אויך געווען דער אַריינפיר צו דער גרויסער פאַרניכטונגס־מלחמה, וועלכע היטלער האָט אין אַ יאָר שפּעטער אָנגע־וואָרפן אויף דער וועלט.

וואָס שייך דעם ראַטנפאַרבאַנד — האָבן זיי די מערב מלוכות אין אַזאַ מין „רעטן״ די וועלט פאַרשטענדלעך מיט ביטול אָפּגעשליידערט פון זיך, ווי אַלס נישט וויכטיקער פּאָליטישער און מיליטערישער גורם, אַזוי האָבן אויך פאַר־שטאַנען דעמאָלט די גרויס־פּאָליטיקער פון דער פוילישער בעק־סמיגלי־רעגירונג. פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ מין פּאָליטישן ביטול האָבן די רוסישע מלוכה־פּאָליטיקער גוט פאַרגעדענקט. טאַקע זיי, די רוסן האָבן באַלד אָנגעהויבן אָננעמען באַ־צייטנס פאַר זיך די גויטיקע מיטלען בכדי נישט ווערן אַ קינדער־שפּיל אין די הענט פון דער דעמאָקראַטישער מערב־וועלט.

אינאיינעם מיט די אַלץ פאַרשאַרפטע וועלט געשעענישן, מיטן אַלץ פאַרגייי־ענדיקן פאַשיזם, נאָכן גרויסן פאַרלוסט פאַרן אַלגעמיינעם אַרבעטער־קלאַס, נאָכן פאַרלירן דאָס דעמאָקראַטישע טשעכן־לאַנד, ווי אויך די שלעכטע אָנקומענדיקע בשורות פון שפּאַניע די אַלע געשעענישן האָבן אונדז באַוויגן אויפסניי אַנאַליזירן די רעוואָלוציאָנערע שטעלונג וועגן די פריינדלעכע קלאַסן — אַרבעטער און פּויערים אין ווייטערדיקן אָנקומענדיקן וועלט־קאַמף. ווי באַוווסט, האָט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־קלאַס געשטיצט זיך אויף דעם מאַרקסיזם און לעניניזם — וועלכע האָבן געלערנט — וועגן די אומבאַדינגטע קלאַסן קאַמפן

אַלס אַ פּראָדוקט פונעם געבוי אין סטרוקטור פון דער בורזשואַזיער געשאַפענער געזעלשאַפט־אָרדענונג וועלכע איז קיין באַרעכטיקטע און עקספּלאָאַטירנדיקע אָרדענונג, דעריבער מוז אַזאַ געזעלשאַפטס־סיסטעם אין רעזולטאַט פון דעם נישט יושר — ווערן געשטירצט.

☆

די בורזשואַזיע געזעלשאַפט האָט אין אירן שויס געבוירן דעם פּראָלעטאַריאַט. דער לעצטער שאַפט און פּראָדוצירט מיט זיין פלייש און בלוט מיט זיינע אַרבעטער הענט „ווערטן", גערופן פּראָדוקטן. די פּראָדוקטן־ווערטן בלייבן טאַקע אין רשות פון דער בורזשואַזיע־קלאַס, אַזעלכע ווערטן געשאַפענע דורך דעם אַרבעטער זענען אין גרעסטן טייל נישט ריכטיק פאַר דער אין איר אַריינגעלייגטער אַרבעטס־ענערגיע באַצאַלט, חוץ דעם, איז אין פּראָצעס פון שאַפן אַזעלכע ווערטן דורכן אַרבעטער־קלאַס איז פאַראַן אַזעלכעס, וועלכעס מען רופט עקאָנאָמיש „איבערווערט" אָדער „מערווערט", וועלכעס איז געגנצלעך דעם אַרבעטער נישט באַצאָלט

דעריבער, מיטן אַלץ גרעסערן באַקומענעם אַרבעטער באַזוסטזיין וועגן דעם געשאַפענעם „מערווערט" שאַפט אין אים, די קעגנערשאַפט צו דער בורזשואַזיע־קלאַס צוליב דעם נישט באַצאָלטן מערווערט, ווי אויך נישט ריכטיקן אַרבעטס־לוין, וועלכעס דאַרף ווערן באַצאָלט פאַר דער אַרויסגעגעבענער ענערגיע, אַריינגעלייגטער אין פּראָדוצירן די פּראָדוקטן.

דער באַגריף קלאַס, הייסט דער געמיינזאַמער באַשעפטיקונגס־כאַראַקטער פון אַ גרופּע מענטשן אין זייער עקאָנאָמישער באַשעפטיקונג. אַלזאָ דעם אַרבעטער כאַראַקטעריזירט דאָס געמיינזאַמע: די אַרבעט, און פאַרקערט דעם בורזשואַזיע־קלאַס כאַראַקטעריזירט אַלס אַרבעטס־געבערין דער קאַפּיטאַל גערופן בורזשואַזיע־קלאַס. אַזוי אַרום איז פאַרשטענדלעך דער אינערלעכער תוכן־קעגנזאַץ, דאָס וואָס מיר רופן אַן עקאָנאָמישער קעגנזאַץ. אַזוי איז דער עקאָנאָמישער סטרוקטור־בוי אין דער גערופענער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

אַלזאָ איז געדרונגען, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס פאַרלאַנגט מער פּראָפיט, וועלכעס קאָן נאָר קומען אַ דאַנק דער גרעסערער אַרבעטס־עקספּלאָאַטאַציע אין וועלכן עס גייט אויך אַריין דער נישט ריכטיקער באַצאָלטער אַרבעטער־לוין און אין דעם דער עיקר זיין נישט באַצאָלטער מערווערט. דאַקעגן דער אַרבעטער־קלאַס פאַרלאַנגט אמתן יושרדיקן באַצאָלונג פאַר זיין אַרבעט, דעריבער קעמפט ער קעגן דער עקספּלאָאַטאַציע. אַזוי אַרום צווישן די צווי קעגנזעצלעכע

קלאַסן קומט מיט דער צייט צו אַ פאַרשטענדלעכער קאָנפראָנטאַציע־קאַמף, וועל־כער רופט זיך קלאַסן־קאַמף.

אַזאַ קאַמף איז קיין לייכטער, האָט פאַרשידענע וועגן און אופנים, ווי שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, גאַסן־קאַמפן און ביז באַריקאַדן־קאַמפן. ביידע די קלאַסן נעמען אָן שאַרפע קאַמפס־מיטלען, אַפילו ביז מיליטערישע אַרויסטריטן, ווי אויך ביזן אַריינמישן זיך דער דאָרטיקער רעגירונג, וועלכע איז פאַר־שטענדלעך אַ בורזשואַזיע רעגירונג און אוודאי פאַרטיידיקט זי אירע עקאָנאָמישע אינטערעסן. אין דעם קאַמף איז פאַרשטענדלעך דער צדק אויף דער זייט פון אַרבעטער־קלאַס, וועלכער פאָדערט נאָר זיין לעגיטימע נאַטירלעכע רעכטן, אָבער דאָך ווערן אַזעלכע רעכטן נישט אָנערקענט און דעריבער מוז זיי דער אַרבעטער־קלאַס אין קאַמף אויסקעמפן.

פאַרשטענדלעך, אַז אונדזערע היינטיקע געזעלשאַפטס עפּאָכע איז אַ בורזשואַ־זיע עפּאָכע, דאָס אַלעס הייסט אַז אַלע פּראָדוקציע־מיטלען ליגן אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. דאָס הייסט אייגנטום־קלאַס, קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, וועלכער האָט אין משך פון דורות לאַנג קאָנצענטרירט אין זיינע הענט דאָס געשאַפענע פון אַרבעטער־רייכטום. די בורזשואַזיע זענען טאַקע אין דער היינטיקער געזעלשאַפט די מינדערהייט־גרופּע פון פאָלק, אָבער אין זיין רשות דאָס גאַנצע פאַרשידענע לאַנד־רייכטום, ווי פאַבריקן, די בענק, די גרויסע געשאַפענע טרעסטן און מאָנאָפּאָלן, די נאַטור־אוצרות ווי אויך די גרויסע ערד־שטחים. דעריבער דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער נישט־יושר אין אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען.

דער מאַרקסיזם, וועלכער האָט באַגרינדעט די דערוויזענע געזעלשאַפטלעכע אומרעכטן האָט אויך באַגרינדעט די וועגן צום אויסקעמפן דעם יושר פון דער געזעלשאַפטלעכער נישט יושר־וועלט. צוויי וועגן זענען פאַראַן וויסנשאַפטלעך צו דערגרייכן דעם וועלט־יושר. דאָס איז דער רעוואָלוציאָנערער און דער עוואָלוציאָנערער וועג. ביידע שקאָלעס האָבן גענוג אַרבעטער אָנהענגער, ביידע באַזירן זיך אויף ק. מאַרקסן. די קאָמענטאַטאָרן, וועלכע טענהן פון אויסקעמפן דעם יושר מיט כוח, דאָס הייסט שטירצן די בורזשואַזיע־וועלט האָבן זייער לאָגישן געדאַנק, ווייל ווי קאָן מען פאַרשטיין, ווען די קאַפּיטאַליסטישע וועלט מיטן גוטן ווילן זיך פּשוט לאָזן אויסאייגענען פון דעם גאַנצן באַרויבטן פון דורות — אייגנטום?! פאַרקערט די עוואָלוציאָנערן טענהן: פאַרוואַנדלען דאָס אַלעס אין דעמאָקראַטישע וועגן, הייסט פון פּריוואַטן קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום אין אַ געזעל־שאַפטלעך־סאָציאַליסטישן אייגנטום. דאָס הייסט, דורך וואַלן און מיט איבער־צייגונגען, וועלכע איז פאַרשטענדלעך פאַרבונדן אויף אַ לאַנגער מעטע

און דערוויל איז פֿאַרשטענדלעך די פֿאַרגעזעצטע אַרבעטער־עקספּלאָאַטאַציע. די בורזשואַזיע־קלאַס, וועלכע איז גאַנץ פּאָליטיש רעאַל און באַזירט אויף די עקאָנאָמישע רייכטימער, ווי אויך אַ דאַנק אירער דערגרייכטער הערשנדיקער רעגירונג־פֿאָרם וועט פֿאַרשטענדלעך נישט גרינג מוותר זיין אויף זיך, אַלס גורם אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַלס רעגירער און אייגנטום־קלאַס. דעריבער איז פֿאַרשטענדלעך צווייפֿלהאַפט דער וועג פֿון די, וועלכע טענהן פֿון אַן עוואָלוציאָנערן וועג צו דערגרייכן דעם אַרבעטער־יושר אין דער היינטיקער וועלט.

די בורזשואַזיע־קלאַס זענען נישט נאָר די, וועלכע קאָנצענטרירן אין אירע הענט דאָס גאַנצע לאַנד־רייכטום נאָר אויך אָנערקענען זיך און ווירקלעך האָבן געשאַפֿן די פֿאָלקס־גורמים, דאָס אין משך פֿון דורות, וועלכע האָבן קאָנצענטרירט די אַלע שיכטן באַפֿעלקערונג פֿון דער פֿעאָדאַלער געזעלשאַפֿטס־אָרדענונג, שאַפֿנדיק פֿון דעם אַלעמען אַ גערופֿענעם באַוווסטן פֿאָלקס־ראָם גערופֿן נאַציע. דאָס בכדי מער זיך פּאָליטיש באַזירן אין אירע עקאָנאָמישע פֿאַרפֿעסטונגען און ווי געווינלעך זיך אין דעם נישט יושר באַרעכטיקן. אַזוי טאַקע אויך, און מיט רעכט איז די בורזשואַזיע געווען די ערשטע אין דער וועלט געשיכטע, וועלכע האָבן געשאַפֿן אַ מין פֿאַנצער־פֿאָרם אונטער דעם הייליקן נאָמען וואָס הייסט — נאַציע, וועלכע ווי באַוווסט דאַרפֿן אַרומנעמען אַלע פּאָליטישע פֿאָלקס־טענדענצן, דעריבער האָבן געשאַפֿן פֿאַר זיך די רעכטלעכע באַגרינדונג פֿון אַן אייביקער אַרבעטער עקספּלאָאַטאַציע — דאָס אין געהייליקטע צילן פֿאַרן פֿאָטערלאַנד.

אַזעלכע עיקר קלאַסן־אינטערעסן זענען געשטאַנען איצט אין דער צייט פֿון פֿאַראויסגאַנג פֿון פֿאַשיזם. אַזעלכעס איז געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג מער פּראָבלעמאַטישער און מיר האָבן טאַקע אַזוי אין קאָמער קריטיש אַנאַליזירט עפּאָכע און עפּאָכע בפרט די אָנגעוואָנדענע שאָוויניסטישע העץ־מיטלען און ווילקיר שיטה פֿון דער בורזשואַזיע אין באַצוג צום אַרבעטער־קלאַס ווי אויך אין באַצוג צו די פֿעלקער־מינדערהייטן. אַזעלכעס האָט אויך געברויכט אויפֿסניי זיך אַנאַליזירן, כדי אַרונטעררייסן די פּראָוואָקאַטאָרישע אויסטייטשן פֿון דער אין יעדער לאַנד הערשנדיקער בורזשואַזיע־קליקע, וועלכע האָט אוודאי געוואָלט אין זייער פֿאַרברעכערישער הערשונג פֿירן צו אַ פֿאַרכאַפּערישער וועלט־עקספּאַנסיע.

אינאיינעם מיט דעם אַלץ פֿאַרשאַרפֿטן עקאָנאָמישן אינערלעכן שטרייט קאַמף צווישן די צוויי שטייענדיקע געזעלשאַפֿטס־קלאַסן איז כדי אָנצווייזן אויף דער דעמאָלטדיקער הערשנדיקער ווילקיר־שיטה, וועלכע די דעמאָלט הערשנדיקע קלאַס האָט אָנגעוואָנדן אַלס סיסטעם־מיטל קעגן זיין אַרבעטער קלאַס און זיין רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער אַוואַנגאַרד. אויך אין פּוילן זענען מיר די רעוואָלו־

ציאַנערע אַרבעטער מאַסע געווען פאַרשטענדלעך דער קרבן אין דער ווילקיר שיטה, וועלכער מען האָט אָנגעוואָנדן לגבי אונדז. אַזוי טאַקע איז געקומען אונדזער ערשטער אַרעסט, וועלכער איז געווען אין אונדזער געבוירן־שטעטל.

געווען איז עס אין אַ שטאַרקן ווינטער־טאָג, דער אַרעסט אונדזערער איז געווען אין רעזולטאַט פון דער פאַרצווייגטער דעמאָלט שטעטישער פּאָליטישער טעטיקייט פון אונדזער יוגנט אָרגאַניזאַציע דעם קאָמסאָמאָל. טאַקע אַזוי איז אונ־דזער פּאָליטישע טעטיקייט געקומען צום אויסדרוק. דעמאָלט האָט דאָרטן די שטעטישע פּאָליציי אַנטדעקט אַ פּאָליטישן קשר צווישן אונדז און מיט דעם דעמאָלטדיקן שטעטישן־סטשעלעץ, ווי אויך מיט אַלע דערפער אַרום געשאַפענע אוקראַינישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען געווען די יוגנט פון דער דאָרטיקער קאָמוניסטישער אוקראַינישער פּאַרטיי. מיך פּערזענלעך האָט דער שטעטישער פּאָליציי־קאָמענדאַנט אַרעסטירט און מיך אַריינגענומען אין דאָרטיקן שטעטישן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. נאָך אין שטעטישן קאָמיסאַריאַט, האָט דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט מיך געוואָלט „איינברעכן”. דאָרטן האָט מען מיך געהאַלטן געקאָוועט אַ גאַנצן טאָג אין קייטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. גלייכצייטיק האָט ער מיך געפּאַרשט און אַביסל געשלאָגן. דאָך וועלכעס האָט נאָך נישט געהייסן שלאָגן לויטן דעמאָלטדיקן דעפע־באַגריף, ווי אַזוי איז געקומען צום אויסדרוק אין פּאָוויאַט־שטאָט, אין אַזאַ צושטאַנד האָט מען מיך געהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אפילו דער באַזוך פון מיין פאָטער דעמאָלט אין דער פּאָליציי האָט נישט געהאָלפן פון מיך נישט אַביסל שלאָגן. שפּעט ביינאַכט נאָכן זיך איבער מיר איזדיעקעווען האָט מען מיך אָפּגעפירט אין דאָרטיקן שטעטישן אַרעסט. אויפצומאָרגנס, געווען איז דעמאָלט יאַנואַר 1935 האָט מען אונדז, אַן ערך 12 פּערזאָן אַריינגעזעצט אין צווי פּויערישע וועגענער, די הענט אונדזערע זענען געווען איינער צום צווייטן געקאָוועט און אין אַזאַ צושטאַנד אויפן גרויסן יאַנואַר־פראָסט האָט מען אונדז געפירט אין פּאָוויאַט־שטאָט טאָמאַשאָוו. דער וועג ביז דער שטאָט טאָמאַשאָוו איז געווען גאַנץ שמערצלעך (אַן ערך 28 קילאָמעטער) דאָס אין שטאַרקן פראָסט אַזוי אין אַ האַלב פאַרפרוירענעם צושטאַנד האָט מען אונדז ענדלעך דערפירט קיין טאָמאַשאָוו. נאָכן אָנקומען אין פּאָוויאַט האָט מען יעדן פון אונדז געשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט, וועלכעס האָט געדויערט ביז דער נאַכט. שפּעטער ערשט אין דער נאַכט האָט זיך עס אָנגעהויבן דאָס אמתע איזדיעקעווען זיך איבער אונדז, וועלכעס האָט געדויערט אָן אויפהער ביזן אָוונט פון דעם צווייטן טאָג.

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די „דעפע־פאַרשונג”. יעדן איינעם פון אונדז האָט מען אַריינגענומען אין אַ פינסטערן פאַרהאַנגענעם צימער, ווו אַרום אונדז

זענען געשטאַנען די פּאָליציי־פּאַכאָלקעס, וועלכע פֿנימער זענען געווען אין מאַסקעס. דאָ האָט מען מיך אָנגעהויבן אויף אַן אמת שלאָגן. נאָך אַזאַ אָנשלאָגן מיך, האָט מען ערשט מיר געקאָוועט די הענט מיט אַזאַ קייטל, וועלכעס האָט אויטאָמאַטיש ביי יעדן האַנט־באַוועג דריקט שמערצלעכער די הענט. דערנאָך אין אַזאַ מין געקאָוועטן צושטאַנד האָט מען אין צווישן די צוויי הענט אַריינגעשטופּט מיינע ביידע קניען און אין דעם קרייז פֿון מיינע געבונדענע הענט אין די קניען אַדורכגעשטופּט אַ גרויסן גראָבן שטעקן אין אַזאַ צושטאַנד האָבן מיך עטלעכע פֿאַרשוינען פֿון דער פּאָליציי פֿון ביידע זייטן דעם גרויסן שטעקן אָנגעהויבן וואַרפֿן אַרויף און אַראָפּ ווי אויך און אַרום ווי אין אַ קאַראַזעלע ביז איך בין אין חלשות געפֿאַלן, אַזוי האָט עס געדויערט אַ פּאָר שעה.

שפּעטער האָבן זיי מיך אין אַזאַ געבונדענעם צושטאַנד אַוועקגעלייגט אויף אַ גרויסער ברייטער באַנק מיטן מיין קאָפּ אַראָפּגעבויגן, אַזעלכעס איז געווען שוין ביים סאַמע עק פֿון דער באַנק און פֿאַרשטאָפּנדיק מיר דאָס מויל מיט אַ גרויסע שמאַטע האָט מען ערשט מיר אַריינגעגאָסן אין די נאָז־לעכער פֿון אַ טשייניק וואַסער מיט טערפּענטין, דאָס הייסט מען האָט מיך ממש געטראַנקען. אַזעלכעס איז געווען געטוען אַ סך מאָל, ביז ווען דער געפּייניקטער האָט אָנגעהויבן ווייזן סימנים פֿון גסיסה, דעמאָלט ערשט האָבן זיי די פּייניקער צוריק מיך געצומען מונטערן און צום לעבן ברענגען.

אַזאַ מין איזדיעקעווען זיך דעמאָלט האָט געדויערט שעהן לאַנג ביז זיי, די פּייניקער האָבן זיך נישט אָנגעזעטיקט אין זייער אַרבעט אָדער דער פּאַר־פּייניקטער האָט עס שוין נישט מער אויסגעהאַלטן.

אַזאַ מין טיפּול איז געווען מיט יעדן אַרעסטירטן, אָבער עס איז נאָך געווען מערערע שווערע טיפּולים, ווי אַזעלכעס וואָס מען האָט דעמאָלט גערופֿן „אָפּקלאַפּן די לונגען", אָדער רייסן די נעגל פֿון די הענט פֿון די אַרעסטירטע און ווי אויך אַזעלכעס, ווי שטעכן מיט אַ שטרוי אין מענערלעכן געשלעכטס־אָרגאַן.

שפּעטער בשעת דער אויספֿאָרשונג ביים פּראָקוראָר האָבן מיר וועגן דעם גערעדט און דערציילט, מיר האָבן אַזעלכעס פֿאַרגעוואָרפֿן בשעתן משפּט. אָבער דאָס אַלעס איז געווען און נישט געוואָרן פֿאַרענדערט. אַזוי איז געווען אין גאַנצער געגענט; ווי טאָמאַשאָוו און הרוביעשאָוו, קאָוול און לוצק און אַרום די געגנטן פֿון דער גאַנצער פּוילישער מערב־אוקראַינע, אַזוי איז אויך געווען דער פּאָליטישער מאַטערניש־וועג פֿון יעדן אין פּוילן, קאָמוניסט אין דער דעפֿע־פּאָליציי חוץ די געביטן פֿון צענטראַל פּוילן, וווּ מען האָט קיין פּאָליטישע נישט געשלאָגן אין דער צייט פֿון דער אויספֿאָרשונג.

דאָרט אין די תפיסות האָבן מיר ערשט דערזען דאָס ריכטיקע פּרצוף פֿון

פאָלק. דאָרטן האָבן מיר דערקענט דאָס פאָלק אין זיין אייגנאַרטיקייט. פון זייערע דערציילונגען האָבן מיר ערשט פאַרשטאַנען דעם ריכטיקן צאָרן און פּראָטעסט פונעם פאָלק קעגן די אַלע דעמאָלטדיקע פאָלקס־רדיפות. דעמאָלט האָבן מיר געטראָפן די דעמאָלט אַרעסטירטע פויערים פון דער דעמאָלטדיקער שטע־טישער דעמאָנסטראַציע זיי האָבן דערציילט וועגן די דעמאָלטדיקע פּאָליציי־פּאַציפיקאַציעס, וועלכע זענען געווען, כדי אָנלערנען דעם פויער פאַר דער זיינער פּאָליטישער סימפּאַטיע צום דעמאָלטדיקן ראַטנפאַרבאַנד אין אונדזערע דעמאָלט געגענטן.

דער קאַמף פון פויער און אַרבעטער איז טאַקע אויך נישט געוואָרן פאַרענ־דיקט מיטן אים פאַרשפּאַרן אין די דאָרטיקע תפיסות, ווייל פון דאָרטן איז דער קאַמף פאַרגעזעצט געוואָרן. מיר אין די תפיסות דאָרטן אין פוילן האָבן זיך נישט גערעכנט פאַר סתם פאַרברעכער, דעריבער האָבן מיר געפאָדערט געוויסע פּאָליטישע דאָרטן אין תפיסות — רעכטן, וועלכע איך האָב שוין פריער דערמאָנט. דער טאַקע, — אונדזער קאַמף — איז געווען דאָרטן אויך געגנוג שאַרף, איז געווען אַ טאָג־טעגלעכער און פּערמאַנענטער. מיר האָבן טאַקע פאַרשידענעס געהאַט פעריאָד דורכגאַנג אין דעם קאַמף, נישט שטענדיק האָבן מיר דעם קאַמף פאַר אונדזערע רעכטן געווינען. דאָך אָבער האָבן מיר געהאַט די פאָלקס־מאַסע אין די שטעט אויף אונדזער זייט. ווי אין רעזולטאַט האָבן די מאַכט אָנפירער פון די תפיסות געמוזט שטענדיק אָקעגן קומען אונדזערע פאָדערונגען — כאָטש נישט איינמאָל זענען געווען מענטשלעכע קרבנות.

עס זענען אָנגעקומען די טעג נאָך דער מינכענער קאָנפערענץ־אָפּמאַך. די צייטן פון דער פוילישער גרויס־מאַכט, פון פאַרכאַפּן דעם ציעשן ראַיאָן האָט נישט געדויערט לאַנג. כאָטש אין דער צייט האָט זיך די קאָנסעקווענץ פון דער געהויבענער פויילן־פּאָליטיק געלאָזט גאָר גרויס אין די תפיסות אַפּילן אויף דער גאַס איז די לאַגע געווען נאָך מער געפערלעכער פאַר דער מינדסטער זאַך האָט מען געשיקט אין בערעזע, דאָס איז געווען אַ לאַגער נישט ערגער אין זיין פיזישן מצב — ווי אַזעלכע געשאַפענע דורך די דייטשן ביי זיך אין לאַנד, ווי אין בפרט אין די פאַרכאַפּטע עסטרייך ווי אויך אין טשעכאָסלאָוואַקיי.

אַלזאָ אין דער צייט, האָבן אויך אין דער פוילן גדלות, האָבן פאַרמשפּט אַרבעטער מיט דער גרעסטער דעמאָלט באַקאַנטער „אוושעם־פּאָליטיק". קיינער איז נישט באַפרייט געוואָרן פון אַ פּאָליטישן פּראָצעס און מיר האָבן אַלע באַקומען גרויסע אורטיילן, וועלכעס פאַרשטענדלעך מיר האָבן פאַרשטאַנען וועט אַזוי צי אַזוי — געשען. אָבער דאָך האָט זיך פאַרגעדענקט דעמאָלט אויפן מיין משפט אַזעלכע מיין אַרויסגערעדטן צו יענער צייט אויפן פּראָצעס פונעם דאָרטיקן

אונדזערן משפט פראַקוראָר געדאַנק: „די באַשולדיקטע קאָמוניסטן, די וועלכע זענען פאַר אונדז אין משפט־זאַל אויף דער באַשולדיקונגס באַנק ווילן פאַר־ניכטן און שטירצן אונדזער רעגירונג אין לאַנד און אַזעלכעס טאַקע טוען מיט זייערע טאָג־טעגלעכע מעשים. זיי ווילן איינפירן אין פוילן זייערן דיקטאַטאָרישן אַרבעטער־רעזשים און פאַר דער באַפעלקערונג — הונגער. זיי די נאָכגייער פון לענסקין און וואַרסקין, וועלכע זענען פון לאַנג דערשאָסן און ליגן אויף די קברים פון זייערן באַליבט קרעמל. פאַר די בחורים איז אפשר נאָר בעט רחמים בכדי זאָלן אַרויס פון פאַרכישופטן קרייז פון קאָמוניזם". אמתע נביאישע ווערטער. געווען זענען שוין דעמאָלט די טעג פון נייעם אָנפאַנגס שאַנטאַזש פון דער היטלער קליקע קעגן פוילן.

מיר די קאָמוניסטן אין די פוילישע תפיסות האָבן גענוי געקענט אָפּשאַצן דעם פּאָליטישן האָריזאָנט פון דעם שטענדיקן און פּערמאַנענטן סיכסוך צווישן פוילן און דייטשלאַנד. מיר האָבן געקענט און געוווסט אויך אַז, עפּעס ענלעכעס קומט פאָר צווישן די רוסן און פוילן צו יענער צייט, מיר האָבן אָביעקטיוו באַ־רעכטיקט דעם פּאָליטישן קאַמף פון דער פוילישער מדינה קעגן דייטשלאַנד, קעגן די פּרעטענסיעס, וועלכע די דייטשן האָבן צו פוילן אין דעם איצטיקן מאָמענט.

אַלזאָ, די שנאה פון דייטשלאַנד צו פוילן האָט געהאַט אַ גרויסע רייכע געשיכטע פאַרגאַנגענהייט. אַזוי איז נאָך אין די צייטן פון מיטלאַלטער האָבן די דעמאָלטדיקע דייטשע שבטים א. ג. „קאַטוילישער ריצאַרדן אָרדן" אָדער, ווי ביי די סלאָוואַקישע פעלקער אונטערן נאָמען „טעווטאָנישן אָרדן" האָבן שוין אין יענע צייטן פון 13 — 14־טן יאָרהונדערט אַדורכגעפירט אַן עקספּאַנסיע פּאָלי־טיק, פאַרכאַפּנדיק גרויסע טעריטאָריע שטחים אין מזרח אייראָפּע. צו יענער צייט האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט געביטן פון דער באַוווסטער פּרייסן און ליטע ווי אויך די פוילישע פּאָמעראַניע און גדאַנסק. נאָכן פאַרכאַפּן די געביטן האָבן אין די געביטן געשאַפן דאָרטן אַ פעאָדאַלע הערשאַפט, דאָס האָט דעריבער באַוויגן אַז אין יאָר 1410 האָבן די פּאַליאַקן מיט בשותפותדיקע כוחות רוסן, טשעכן און ליטווינער דערלאַנגט אַ גרויסע מפּלה דעם דעמאָלטדיקן „ריצאַרדן אָרדן". דאָס איז געווען אין דער שלאַכט אונטער „גרינוואַלד". אין רעזולטאַט פון דעם פאַרלוירענעם קאַמף אונטער „גרינוואַלד" האָבן די טעווטאָנען געמוזט צוריק אָפּגעבן אַ סך פון די פריערדיקע פאַרכאַפּטע סלאָוואַקישע ערדן.

שפּעטער האָבן זיך די דאָזיקע רעשטן פון די „אָרדנס" אויסגעמישט מיט דער דאָרטן אין פּרייסן באַפעלקערונג און געשאַפן די שפּעטערדיקע יונקער מאַכט אין פּרייסן, ווי אויך שפּעטער אין ווייטערדיקן אַנטוויקלונגס וועג אונטערן

אייזערנעם קאַנצלער ביסמאַרק, געשאַפן דאָס באַקאַנטע ערשטע אימפּעריאַליס־טישע רייך — פּרייסן־דייטשלאַנד. אַזוי טאַקע איז די טענדענץ פון יענער פאַרכאַפּעריש ער אָרדן פּאָליטיק געווען שטענדיק און פאַרבליבן אין באַצוג צו די סלאַוואַקישע ערדן, אַזוי אויך שפּעטער זענען די פּוילישע „צעטיילונגען" — געווען פאַרשטענדלעך אַדורכפּירבאַר.

דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז נאָכן ערשטן וועלט־קריג אין „ווערסאַלן שלום־אָפּמאַך" זענען צוריק אָנערקענט געוואָרן פאַר פּוילישע, די שטחים: פּויזן און פּאָמעראַניע, אַלס פאַרשטענדלעכע פּוילישע ערדן, וועלכע האָבן געאָג־ראַפיש אָפּגעטיילט יוי אַ קאָרידאָר די מזרח פּרייסן מיט רעשט דייטשלאַנד. אויך האָט דער ווערסאַלער שלום באַשלאָסן, אַז די שטאָט דאַנציג בלייבט אַ פרייע שטאָט מיט אַ פּוילישן מלוכה קאָנטראָל, וועלכעס הייסט פּאַקטיש רעגירט דורך פּוילן.

די דערמאָנטע איינפירונגען פאַר דער פּוילישער מדינה אין ווערסאַלן אָפּמאַך אויף וועלכענס סמך איז אויפגעשטאַנען דאָס נייע פּוילן, האָט אַרויסגערופן גרויס שנאה ביים דייטשן פאָלק, אפילו נאָך אין די צייטן פון דער ווימאַר־רעפּובליק, זענען דעמאָלט געווען קעגנעראַשאָפטן אַ קעגן די אַמיינסטן דערני־דעריקטע פּונקטן קעגן דייטשן פאָלק — אין דעם דעמאָלטדיקן ווערסאַלן אָפּמאַך צוליב דעם אַליין האָבן גענערעלער פון דער דעמאָלטדיקער ווימאַר־רעפּובליק געהאַלטן, אַז „פּוילן דאַרף ווערן און מוז ווערן אַלס מאַכט — ליקווידירט". פאַרשטענדלעך האָבן נאָר געוואָרטן אויף אַזאַ געלעגנהייט, ווי למשל אַ שותפות מיט רוסלאַנד, ווי פּונקט אין די פריערדיקע אַמאָליקע היסטאָרישע צעטיילונגען. דעריבער מיר קאָמוניסטן זענען אַקעגן אַזאַ מין פּסק־הדין פון אַ פּוילישער צעטיילונג געווען קעגן, ווייל מיר האָבן געקעמפט פאַר אַ פּוילישער אומאָפּ־הענגיקייט, דעריבער אויך אין די באַדינגונגען האָבן מיר געמוזט די פּוילישע רעגירונג זיך באַדענקען אין זייערער נישט ריכטיקער אויסערן־פּאָליטיק, וועלכע איז געווען דורכאויס אַ נאָכלויפן דעם היטלער דייטשלאַנד. מיר קאָמוניסטן נאָך היינט, דערקלערן, אַז מיר וועלן גיין האַנט אין האַנט מיט דער פּוילישער רעגירונג קעמפן קעגן דער פּעסט פון דער טעווטאָניש־יונקערישער נאַצישער רעגירונג.

אַנדערש טאַקע, אַנדערש וואָלט אויסגעזען אונדזער פּוילישע קאָמוניסטישע שטעלונג ביי ענלעכע געפאָדערטע טעריטאָריע פאָדערונגען מצד רוסלאַנד. ווייל, ווי באַוווסט, אַז כאָטש די פּוילישע רעגירונג האָט אין משך פון אַ גאַנצן דור געלערנט אונדז וועגן די יאָרן פון דער „באָלשעוויסטישער אינוואַזיע", וועלכע איז כלומרשט געווען אין די יאָרן 21 — 1920, מצד רוסלאַנד אויף אירע

פוילישע שטחים, איז דאָך דער ענין געווען פונקט פאַרקערט. די פוילישע רעגירונג, די אויפגעשטאַנענע פון דעם ווערסאַלן־אָפּמאַך — האָבן אַדורכגעפירט דעם אויף רוסלאַנד — איבערפאַל, מיט דער הילף און אָנרעגונג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. און טאַקע אין רעזולטאַט פון אומגעלומפּערטן — דעמאָלט — רויטער־אַרמיי פירער בודיאָנני, איז געקומען צום אַזוי צעפּאַמפּעוועטן „נס ביי דער ווייסעל״! אַלזאָ, אַ דאַנק דעם האָבן די רוסן אונטערגעשריבן דעם דעמאָלט־דיקן אָפּמאַך מיט פוילן, טאַקע אַ דאַנק דעם אָפּמאַך, האָבן די פּאָליאַקן איבערגע־רוקט זייערע גרענעצן אויף אַ שטח פון 150 מייל מזרחדיק פון דעם גערופענעם — קו־קערזן, אַזוי אַרום האָבן באַהערשט ביי קנאַפּע — 6 מיליאָן אוקראַינער און ווייסרוסן. אַזוי איז דעמאָלט געווען דער פּאָליטישער מצב אין יענער צייט אויף דער גרענעץ מיט רוסלאַנד.

די באַשריבענע היסטאָרישע פאַקטן זעט אויס זענען נישט געקומען צו דער קענטעניש פון דעם פוילישן רעגירונגס־הערשער, ווי אויך צו יענער צייט פון די צוויי מערב־מאַכטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך, ווי אויך זענען געוואָרן, אָן אויפהער אָפּגעשטופּט די אָנשטרענגן פונעם ראַטנפאַרבאַנד וועגן די שות־פותדיקע מיליטערישע באַמיאונגען קעגן דעם אַלץ פאַראויסגייענדיקן פאַשיזם. מיר, די לינק־דענקענדיקע פוילישע קרייזן זענען אין דער צייט אַרויס פון דער הנחה אַז, אין דער קעגענוואָרט האָט די ראַטנרעגירונג קיין געפאָדערטע פּאָליטישע פּרעטענסיעס צו פוילן. אויב אַזעלכע זענען פאַראַן, אין די פּאַרטיי־לאָזונגען איז עס נישט מער ווי פּראָפּאַגאַנדע, פאַרקערט אַזעלכע, איצט זענען נאָר פון מערב־שכן — דייטשלאַנד. היטלער דוקא אַזעלכעס פאָדערט אַלס לעבנס־רוים פאַר 80 מיליאָן דייטשן וועלכע איז פּראָסט פשוט הייסט — מזרח, דאָס הייסט — פוילן און רוסלאַנד. דעריבער איז פאַרשטענדלעך ווען דער ראַטנ־פאַרבאַנד שלאָגט פאָר צו זיין אַ שותף אין דער צרה, קומט און לייגט פאָר אַ שותפות פאַקט קעגן היטלערן וואָלט פאַרשטענדלעך אַזאַ שוואַך לאַנד מיליטעריש ווי פוילן — ברויכן דעריבער אַזאַ מין פאַקט, בלית ברירה אָננעמען, אָדער לכל הפחות וואָלטן באַדאַרפן עס אָפּשאַצן ווי אַ פּאָליטיק פון „קלענערן בייז״. אין דער צייט, אַזעלכעס האָבן מיר געדענקט דאַרף זיין, פאַר דער פוילישער פּאָל־קאָווניק גרופּע — דער ראַטנפאַרבאַנד, דער איינציקער פּאָליטישער און מיליטע־רישער אָנשפּאַר. אָבער די בלינדע פוילישע בעק־סמיגלי־הערשער, האָבן די אויסגעשטרעקטע האַנט פון דעם ראַטנפאַרבאַנד — אָפּגעוואָרפן, אפילו די ניכ־טערע ענגלישע פּאָליטיקער האָבן אַזאַ פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן.

די רוסן זענען געשטאַנען אויף דער וואָך און נאָכגעפאָלגט דער זיך אַנטוויקלטער נאָך מינכען וועלט־פּאָליטיק, דאָך, אָבער, ווען די אַלע אָנגע־

באַטענע פֿאַקטן, פּאָליטישע פֿאָרשלאָגן, זענען אַלץ מיט ביטול אָפּגעוואָרפֿן, האָבן אָבער פֿאַר זיך אַרויסגענומען זייערע מסקנות.

די רוסן, ווען די אירע פֿאָרגעלייגטע קאָלעקטיווע מיליטער פֿאַקטן זענען אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן, ווען אויך אין די טעג פֿון מינכען האָט מען זיך מיט זיי נישט געצהט, ווען זי האָט פֿאַרשטאַנען אַז די גאַנצע פּאָליטיק פֿון טשעמבערליינעז פֿירן גאָר אין אָנרייצן דייטשלאַנד אויף דעם ראַטנפֿאַרבאַנד, ווען נאָך אַלעמען איז געוואָרפֿן געוואָרן טשעכאָסלאָוואַקיי צו די פֿיס פֿון דייטשלאַנד, דעמאָלט טאַקע זענען געקומען די ענדערונגען אין דער דאָרטיקער רוסישער אויסערן־פּאָליטיק, אָבער דאָך, נאָך נישט אויף אַזוי פֿיל טראַגיש ווי זי איז שפּעטער געוואָרן.

י. סטאַלין — האָט אויף דער 18־טער קאָנפֿערענץ פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד אין מערץ 1939, דאָס הייסט ווען עס האָבן זיך דאָרטן קריסטאַליזירט די דאָרטן פּאָליטישע ענדערונגען קעגן דער אייראָפּעאישער וועלט האָט אין זיין רעפֿעראַט געשפּעט פֿון די לענדער וועלכע דענקען, אַז אין זייערן קיום קאַמף פֿון וועלט־שלום — וועלן אָנרייצן היטלערן אויף רוסלאַנד. סטאַלין האָט דעריבער פֿעסטגעשטעלט און געוואָרנט די מערב־מאַכטן אין דער זייערער פּאָליטישער פֿאַלשקייט פֿון זייערער אַוואַנטורע־פּאָליטיק. אַז „עמיצער וועט ברויכן אַרויסשלעפּן די הייסע קאַשטאַנען פֿון פֿייער פֿאַר זיי", דאָך האָט סטאַלין פֿעסטגעשטעלט, „אַז דער ראַטנפֿאַרבאַנד וועט ווייטער פֿירן אַ פּאָליטיק פֿון זיך נישט לאָזן אַריינציען אין אַן אַוואַנטורע־פּאָליטיק פֿון מלחמה". דאָך פּאַרט נאָך דער קאָנפֿערענץ אין זעלבן מערץ־מאָנאַט פֿאָרגעלייגט די מערב־מלוכות, אַ בלאָק פֿון 6 מלוכות, וועלכע זאָלן באַהאַנדלען די פֿראַגן פֿון נישט דערלאָזן אַ ווייטערע פֿאַשיסטישע אַגרעסיע און דאָס אויך איז געוואָרן אָפּגעוואָרפֿן פֿון טשעמבערליינען. ער האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם רוסישן פֿאָרשלאָג מיטן אויסרייד אַז עס איז פֿרי צו באַהאַנדלען אַזאַ פֿאָרשלאָג. אָבער די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך באַדאַרפֿן דירעקט פֿאַראינטערעסירן שוין צו יענער צייט מיט אַזאַ פֿאָרשלאָג האָבן גאָר בפירוש דערקלערט: „אַז פּוילן וועט קיינמאָל נישט דערלויבן אַדורכגיין דורך איר באָדן די רויטע אַרמיי אין הילף צו עמיצן"! אויך האָבן די פּאָליאַקן בכלל געהאַלטן אַז מיליטעריש האָבן די רוסן קיין ווירטיקע באַדייטונג.

דערוויל זענען די דעמאָלטדיקע געשיענישן געלאָפֿן געשווינדער ווי די טעג. היינט ווייסן מיר די סיבות. דעמאָלט טאַקע שוין האָבן די דייטשע רייכסווער געהאַט באַקומען פֿון היטלערן גענויע באַפֿעלן פֿון צוגרייטן דעם איבערפֿאַל אויף פּוילן, ווי אויך וועגן דעם, אַז פֿאַר דייטשלאַנד איז מער קיין אַנדערער ברירה פֿאַראַן, ווי נאָר גיין צום קאַמף. אַזעלכעס האָט בפירוש היטלער דעם זיינעם גענעראַל שטאַב טעאָרטיש אויפֿגעקלערט, אַזעלכעס איז נאָר — עקספּאַנסיע.

דערביי האָט היטלער דעם גענעראַל שטאַב אָנגעוויזן אויף דעם, אַז מער קאָן נישט זיין קיינע פּאָליטישע איבעררעאַשונגען ווי אַזעלכע, וועלכע זענען געווען ביז איצט, דאָס הייסט, אָן בלוט פאַרגיסונגען.

היטלער האָט גענוי פעסטגעשטעלט, אַז כדי צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון דער דייטשער אַריער־ראַסע איז נאָר אין וועג פון פאַרכאַפּן יענעמס באָדנס און דאָס מיט אַלע מיטלען, אָן רחמנות. ווייל פאַר די אַריער ראַסע איז אַלעס הייליק אין דעם אַגרעסיע קאַמף.

אַזוי אַרום האָט היטלער אין דער אַגרעסיע מלחמה געהאַט אָנגענומען פאַרשידענע מעטאָדן, מיטלען, אפילו דאָס ווי מיר וועלן זען ווי שאַפן אַן אָפּמאַך מיט רוסלאַנד, כדי רוסלאַנד נייטראַליזירן אין דעם פאַרגעזעענעם מיט פוילן קאַמף, אָדער אין אַ בשותפות פּאָליטיק, ווי אַמאָל בשעתן דער פוילן צעטיילונג.

נאָך אונדזער פּסק־דין אין אונדזערן דעמאָלטדיקן וואַרשעווער פּראָצעס האָט מען אונדז אַלע שוין פאַרמשפּטע, גלייך נאָכן משפּט אַריבערגעפירט קיין מאָ־קאָטאָוו. דאָרטן איז די תפיסה געווען אין פולן זין אַ תפיסה־געביידע. אַ סך בלאָקן פליגעל און אויך מיט אַ סך איינצעלנע קאַמערן. אהין טאַקע האָט מען אונדז פון דער דאַנילעווישעווסקער תפיסה געברענגט. אין יעדן אַזאַ איינצעלנעם קאַמער איז געזעסן נאָר איין אַרעסטאַנט, וועלכעס דעריבער האָט פאַרשווערט אונדז דאָס אונדזער קאָמונע־לעבן. דאָרטן אין דעם קאַמער איז געווען אפילו אַן איינגעאָרדנטע קאַנאַליזאַציע, וועלכעס האָט אוודאי פאַרשווערט און באַשרענקט אונדזער דאָרטן געזעלשאַפטלעך לעבן. דעריבער זענען די דאָרטן עטלעכע מאָנאַטן זיצן אין קאַמער געווען איינע פון די שווערסטע פאַר אונדז צייטן, כאָטש מיר האָבן עס אויסגענוצט אויף לייענען און שטודירן ווייל צוויי מאָל אין דער וואָך זענען מיר געגאַנגען טוישן ביכער און טאַקע ביי אַזאַ געלעגנהייט האָבן מיר צווישן זיך פאַרטיילט אונדזערע פּראָדוקטן מיט אַנדערע געגויטיקטע אין פּראָדוקטן פּאַרטיי־חברים.

אָן ערך סוף חודש אַפּריל האָט מען אונדז ווידער געשיקט אין טראַנספּאָרט, דאָס שוין קיין קאַליש, נישט ווייט פון דער דייטשער גרענעץ. די פרייד פון אַרויספאָרן פון מאָקאָטאָוו איז געווען גרויס צוליבן איינזאַמען זיצן. אָבער מיר זענען געוואָרן שטאַרק אַנטוישט, ווען אין דער תפיסה קאַליש האָבן מיר אויך אָנגעטראָפן אויף בלויז איינצלנע קאַמערן. נאָר צוליב דער שטאַרקער מענטשן־ענגשאַפט האָט מען אונדז געהאַלטן צו פינף פּערזאָן אין אַזאַ איינצלנעם קאַמער. די תפיסה איז געווען אַן אַלטע און די נאָענטקייט צו דער דייטשער גרענעץ האָט אונדז דווקא נישט שטאַרק געשמעקט אין יענער פּאָליטישער צייט. דאָרטן

אין קאַליש האָט מען אונדז אין תפיסה־קליידער בכוח איבערגעטוען, וועלכעס האָט נאָך מער געמאַכט אויף אונדז אַ געדריקטע שטימונג.

דאָס איבערטוען אונדז אין קאַליש האָט אונדז דערפירט צו דער גרעסטער פאַרלעגנהייט. מיר האָבן נישט געוווסט, וואָס צו טוען, פירן וועגן דעם אַ קאַמף אָדער נישט. דערווייל, ביז — וואָס און ווען— האָט מען אונדז אַזוי געהאַלטן, אָפּגעזונדערט פון דעם רעשט קאָמונע־חברים. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז דאָרטן זיצן נאָך אַן ערך אַריבער הונדערט פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, דערונטער 35 פּאָליטישע אַרעסטירטע פרויען.

די תפיסה איז געווען אַ קליינע, אַ טיפּישע „היסטאָרישע" תפיסה, וועלכע מען האָט דאָרט גערופן „ביסמאַרק־תפיסה" — דאָס הייסט געבויט נאָך פון יענע ביסמאַרק־צייטן. די שפּאַצירן זענען געווען אין אַ קליינעם הויף און מיר האָבן נאָך שפּאַצירט אין אונדזער אָנגעקומענער מאַקאַטאַוו־גרופּע. דאָס עסן איז דאָרט געווען לויט דער צאָל געברויכטע קאַלאָריעס, אַ סך ערגער ווי אין וואַרשע אָדער מאַקאָטאָוו, און פון די אַלע פּאָליטישע „רעכטן" אין פאַר־גלייך צו דעם וואָס מיר האָבן געהאַט אין וואַרשע איז אונדז נאָר פאַרבליבן די רעכט פון אויסשרייבן אַ טאָג־צייטונג און די שפּייז־פּעקלעך. די סלוזשבע איז געווען שטרענג און בייז און די גאַנצע תפיסה אָרדענונג איז געווען שווער.

דער פּאָליטישער אָפּקליוב פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן איז געווען פּאָליטיש שוואַך און קיינמאָל האָבן מיר זיך נישט געטראָפן מיט די רעשט חברים ביז, ווען מיר האָבן די תפיסה אין די טעג פון דעם אָנהויב־מלחמה אויפגעבראָכן. דער צוזאַמענשטעל פון אונדזער דאָרטיקער פּאָליטישער געזעלשאַפט איז געווען און גרעסטער מערהייט פון די מינדערהייטן, אַזעלכע, ווי אוקראַינער און ווייס־רוסן. מיר, די געקומענע פון מאַקאַטאַוו האָבן דווקא געהאַט אַ גרויסן פּראָפּאָרץ פון פּאָליטישן כוח אין באַצוג צו די דאָרטן לאַנג געזעסענע פּאָלי־טישע אַרעסטאַנטן. מיר, די נייע פון מאַקאָטאָוו האָבן אַפילו געפּרוווט עפּעס יאָ פון אונדזערע רעכטן אויסקעמפן, אָבער דאָס אַלעס איז געווען אין יענע שווערע פּאָליטישע טעג אוממעגלעך. עס האָט זיך געענדיקט מיטן אונדז שיקן אין די קאַרצערן. חוץ די אַלע דאָרטן באַדינגונגען איז אויך נישט געווען קיין דאָרטן מעדיצין־באַדינגונגען, וועלכעס האָט זיך טאַקע שפּעטער אויף אונדז אָפּגעשפּירט. אַזוי איז אונדזערס אַ חבר קראַנק געוואָרן, איז געווען אַ האַרץ־ליידנדיקער, נאָך גאָר אַ יונגער, בסך־הכל נאָר ערשט 22 יאָר און דאָרטן פאַרענדיקט זיין יונג קורץ־לעבן. געווען אַ געטרייער בחור, שטענדיק אַ שמייכלדיקער, וועלכער האָט אַליין נישט געוווּסט ווי גרויס סכנהדיק איז זיין האַרץ און געזונט־צושטאַנד. די

ידיעה וועגן זיין טויט האָט אונדז פאַרשאַפט גרויס ווייטיק, בפרט ווען ער איז געווען אַ חבר פון אונדזערן פּראָצעס.

אין אַלגעמיין איז אונדזער עקאָנאָמישער צושטאַנד אין יענער צייט איז געווען נאָך צום דערלאַדן. די חברה אין וואַרשע האָבן אין אונדז נישט פאַרגעסן און זייערע געלט־איבערווייזונגען פאַר אונדז זענען נאָרמאַל אָנגעקומען. פאַר די געלטער האָבן מיר געקויפט אונדזער צוגאָב־עסן ווי אויך די איינציקע דערלויבטע צייטונג פאַרן גאַנצן קאַמער אַרעסטירטע. שפּעטער מיטן אַלץ זיך פאַרשאַרפטן פּאָליטישן וועלט־קריזיס איז אַפילו די איינציקע צייטונג געוואָרן אונדז פאַרבאָטן אויסקויפן און אפילו די איינגעקויפטע צוגאָב עסנס זענען געוואָרן באַשרענקט

די מלחמה־שטימונג איז צו יענער צייט שוין ממש ווי געהאַנגען אין דער לופטן, אַזעלכע ידיעות האָבן מיר באַקומען פון דער הוים אין די בריװ צו אונדז, וועלכע האָבן אָנגעדייטעט וועגן מיט אונדז זיך אין קורצן אויף דער פריי זען.

וואָס שייך דער מלחמה איז אונדזערע אַלגעמיינע שטעלונג געווען, אַז אויב פּוילן וועט אַרויסווייזן ווילן צו קעמפן קעגן דעם היטלערישן פאַשיזם איז נישט געצווייפלט אַז, מיר אַנטי־פאַשיסטן וועלן שטיין אין קאַמף קעגן דעם דייטשן פאַשיזם. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָבן מיר אויך דאָך געוווסט אַז, עס האַנדלט זיך וועגן שאַפן אַ בלאָק מלוכות קעגן דער דייטשער אַגרעסיע, דעריבער האָבן מיר זיך געפרעגט, וואָס װעט זיין טאַקע ווען די פּוילישע בעק־רעגירונג וועט אָפּוואַרפן אַזאַ מין פאַרשלאַג מיטן אויסרייד, אַז זי װעט נישט אַדורכלאָזן די רויטע אַרמיי צו הילף אַ באַפאַלענער מדינה דורך אירער טעריטאָריע, אַפילו אין הילף צו זיך־זעלבס, ווייל די פּוילישע רעגירונג אָנערקענט נישט די מיליטערישע באַדייטונג פון דער רויטער אַרמיי אין קיין מלחמה־קאַמף. דאָך, אין דעם אַלעמען חזרן מיר שטענדיק איבער אונדזערן פּאָליטישן לאָזונג אַז: מיר, זענען שטענדיק גרייט צו קעמפן קעגן דעם פאַשיזם!

אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּראָבלעמען זענען געווען ביי אונדז געפירט אין קאַמער דעמאָלט אין די לעצטע וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה. צו יענער צייט אַרויסגייענדיק פון די אַלע פּאָליטישע פאַראַרדענונגען אין דער וועלט, פלעגן מיר אָבסערווירן די באַציאונג פון דער תפיסה אַדמיניס־טראַציע צו אונדז. אַזעלכעס איז געווען ווי אַ פּאָליטישער באַראָמעטער. פון דעם האָבן מיר געקענט דרינגען — צי למשל די רוסישע פאַרשלאָגן וועגן — קאָלעק־טיוון פּאַקט — זענען געווען אָנגענומען אָדער נישט, ווייל באַלד תיכף פון אַ מין אָפּוואַרפן אַזעלכע דורך פּוילן רוסישע פאַרשלאָגן האָט זיך גלייכצייטיק די אונדזערע דאָרטן געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען מער נאָך פאַרערגערט. אַ קורצע צייט פאַרן קריג־אויסברוך האָבן מיר עס טאַקע ממש אָפּגעפילט, עס איז געוואָרן

אַ נישט דערטרעגלעכע אין רעזולטאַט צווישן אונדז באַציאונג און דער דאָרטיקער תפיסה־מאַכט געווען איז עס שוין ממש אַ פּאָר וואָכן פאַרן מלחמה־אויסברוך.

אין דער דעמאָלטדיקער צייט האָט מען אונדז צו וויסן געגעבן, וועגן אַ אינס־פּעקציע פון דעם תפיסה־נאַטשאַלניק אין די דאָרטיקע קאַמערן. מיר פון אונדזער זייט האָבן ביי דער געלעגנהייט באַשלאָסן באַרירן פאַרן נאַטשאַלניק די פראַגע פון דערלויבן אונדז דאָס אויסשרייבן פון אַ צייטונג און אויך וועגן אונדז צו־ריק איבערטועז אין אונדזערע אייגענע מלבושים, אַזעלכעס האָבן מאָטיווירט מיטן אָנקומען פון די ווינטער־מאָנאַטן, אַזעלכע אויך בקשות האָבן פאָרגעלייגט אַלע דעמאָלט דאָרטן אַרעסטירטע אין די קאַמערן.

בשעת מיין בקשה וועגן די דערמאָנטע ענינים האָט ער דער נאַטשאַלניק זיך צעשריגן ממש היסטעריש — „אַז איבערהויפּט וועט איר אייערע מלבושים מער נישט זען!” דעמאָלט אין ענטפער האָב אים — דעם נאַטשאַלניק — געענטפערט: „אַז, אַזוי ווי, ער איז נאָך נישט אונדזער גאַנצער בעל־הבית, דעריבער פאָדערן מיר דאָס קומען צו אונדז דעם שטעטישן דאָרטן — פּראָקוראָר!” אַזעלכעס האָט נאָך מער צעווילדעוועט דעם נאַטשאַלניק און ער האָט פאַראָרדנט תיכף אָפּפירן מיך אין דאָרטן תפיסה־קאַרצער, דאָס אויף גאַנצע צוויי טעג, נאַקעט אָן עסן.

אַזאַ זאַך איז אַפילו אין די תפיסה־באַדינגונגען האָט געהייסן גרויסער תפיסה־שטראָף. אַזוי טאַקע האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ פינצטערן קעלער־גרוב גערופן — קאַרצער. די פינצטערניש איז ממש געווען דאָרטן אָנצוטאַפּן. דאָס פלאַץ איז געווען אַזוי קליין אַז עס איז נאָר געווען מעגלעך בלויז שטיין. געווען איז ער געבויט פון בלויז בעטאָן, וועלכעס האָט נאָך מער צוגעגעבן פאַכקייט און קעלט. און, ווייל איך בין געווען גאַנץ נאַקעט האָב איך זיך נישט געזעצט, נאָר די גאַנצע צייט בלויז געשטאַנען. צוויי טעג בין איך דאָרטן געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט די אַקסלען אין דער וואַנט, אַזוי האָב איך אויך געטוישט די פּאָזיציע, אַמאָל רעכטס און אַמאָל — לינקס. די פינצטערניש האָט אויף מיר דעמאָלט שטאַרק געווירקט — פּסיכאָלאָגיש, דאָך האָב איך זיך זעלבס צעשטרייט מיטן איבערחזרן פאַרשידענע געלייענטע ליטעראַרישע דערציילונגען.

די מעשה האָט פּאַסירט קורץ פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, דעריבער טאַקע איז געווען גרויס דעם נאַטשאַלניקס היסטערישער אָנפאַל דעמאָלט אויף מיר און בכלל, האָט ער זיך די גאַנצע צייט נאָר אַזוי און נישט אַנדערש אויפגעפירט. דאָך דעם אַלעמען כאָטש די שטראָף מיטן קאַרצער איז געווען דעמאָלט גאַנץ גרויס, איז עס נאָך נישט געווען אַזוי שטאַרק פאַרברעכעריש צו פאַרגלייכן מיט דעם וואָס איז שפּעטער געוואָרן געטוען לגבי אונדז אַלע דאָרטן אין קאָליש געזעסענע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן שוין אין די ערשטע מלחמה־טעג.

נאָך די צוויי טעג אָפּוועזנהייט פון קאַמער, האָבן מיר, די חברים קומענדיק צוריק, דערציילט וועגן דער דעמאָלטדיקער שוין באַקאַנטער לאַגע, נעמלעך אַז, די סלוזשבע דאַרטן רעדן גאַנץ אָפן וועגן דעם אַז, אַ ליאַדע טאָג קאָן אויסברעכן די מלחמה. מיר טאַקע אין אונדזער סיטואַציע זענען דעריבער געווען פול מיט יאוש־שטימונג. מיר האָבן אייגנטלעך נישט געוווּסט וואָס צו טוען? דאָס עסן אין דער תפיסה איז געוואָרן ממש פון טאָג צו טאָג ערגער. קיין צופירונג פון פּראָדוקטן איז שוין נישט מער געווען. אַזוי אויך האָבן דערציילט די קוד־אַרבעטער. און דאָס לעצטע ממש פון די נאָך דאַרטיקע פּראָדוקטן־זאַפּאַסן האָבן אַזוי איצט באַנוצט בכדי עס זאָל דויערן וואָס לענגער.

די געשפּרעכן צו יענער צייט זענען נאָר געווען וועגן, די טאָג־טעגלעכע גרענעץ־פּראָוואָקאַציעס מצד דייטשלאַנד און אַזוי ביזן טאָג ווען עס האָט אויסגע־בראָכן די מלחמה.

טאַקע צוגלייך מיטן מלחמה־אויסברוך, זענען די דאַרטיקע סלוזשבע מיטן נאַטשאַלניק בראש, תיכף אַנטלאָפן, נעלם געוואָרן. און אין אַזאַ מצב ווי אָן עסן אָן יעדער מעגלעכקייט אונדז צו באַפרייען זענען מיר געוואָרן אויסגעשטעלט אויפן פּראָאיזוואָל פון יענער גרויזאַמער צייט. וואָס שייך די אַנדערע דאַרטן אַלגעמיינע אַרעסטירטע האָט מען זיי באַפרייט און כדי אין יענע טעג אונדז פּאָליטישע צו באַרואיקן, האָבן זיי דעמאָלט נאָך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז, אונדז, די פּאָליטישע וועט מען בלית־ברירה איבערפירן אין אַנדערע תפיסות ווייט פון דער דייטשער גרענעץ.

טאַקע אין יענער נאַכט אין דער לעצטער אויגוסט־נאַכט פון יאָר 1939, האָבן מיר טאַקע ביינאַכט געהערט בלויז דאָס קלאַפּן ביי די דאַרטן קאַמער־טירן. מען האָט געהערט בפירוש אויסרופן נעמען, אַזעלכעס האָבן מיר, זיך אויסגעטייטשט ווי נאָר דאָס איבערשיקן אין טראַנספּאָרט און טאַקע אַ אומגלויבלעכע פרייד האָט אונדז אַלע דעמאָלט אַרומגענומען, ווייל דאָך זענען מיר דאָך אַזוי נאָענט צו דער דייטשער גרענעץ! אָבער די פרייד איז פאַר אונדז נישט געווען לאַנג, ווייל פון אונדז פּאָליטישע האָט מען קיינעם נישט אויסגערופן.

אויפצומאָרגנס, דאָס איז שוין ממש געווען דער טאָג פון דעם דייטשן איבער־פאַל, האָבן מיר געהערט דאָס וואָיען פון אַדורפליענדיקע עראָפּלאַנען. אין דעם טאָג האָבן נאָך דאַרטן די אַרבעטער דערציילט פאַרשידנס, אַז, די דייטשע עראָ־פּלאַנען באָמבאַרדירן ס׳גאַנצע לאַנד, ווי אויך אַז דאָס פּוילישע מיליטער גייט פאָראויס, איז אַריבער די דייטשע גרענעץ; אלא וואָס שייך אונדז פּאָליטישע אַרעס־טירטע ווייסן זיי נאָר צו דערציילן אַז, אין תפיסה זענען פאַרבליבן נאָר מיר —

די פּאָליטישע, אַלע אַנדערע זענען געוואָרן געשיקט אַהיים. אויך האָבן צוגעגעבן אַז, קיין פּראָדוקטן זענען מער אין קוך נישט פאַראַן.

אויפן צווייטן טאָג פון דער מלחמה האָבן מיר אויפן אַפּעל געטראָפן גאָר אַנדערע מענטשן מיט רויטע פּאַסקעס אויף זייערע אַרמלען. גערופן האָבן זיך מיליץ. דאָס פאַרשטענדלעך — פּריוויזיליקע, אַפילו אָנגעהערן צו דער דאָרטיקער פּ. פּ. ס.־פּאַרטיי. זיי די מיליץ־מענטשן האָבן געזאָגט אַז, וועלן זיך מיט אונדז מטפּל זיין און וואָס שייך דער פריערדיקער גאַטשאַלסטוואָ אַז: זענען אַלע מאָבי־ליזירט. טאַקע, נאָך די אַלע אונדז דערציילטע ידיעות האָבן מיר תיכף באַשלאָסן אָננעמען שריט, דאָס זאָפאָרט, ווייל די פראַגע שטייט אין אונדזערן ממש לעבנס קיום.

מיר האָבן דעמאָלט פאַרשטאַנען אַז, עפּעס איז אין דעם גאַנצן ענין נישט קלאָר, אָבער מיר האָבן נישט געקענט גלויבן אַז מען האָט אונדז איבערגעלאָזט אין תפיסה אין דער צייט, ווען האָבן אַלע אַנדערע, די אַלע פּאָספּאָליטע אַרעסטאַנטן באַפרייט, אַזעלכעס האָט אונדז אויסגעזען אַ סך פאַרדעכטיקט, דאָך האָבן מיר נישט געקענט גלויבן אין אַזאַ נידערטרעכטיקער שפלות פון דער דאָרטיקער מאַכט אין דעם, וואָס האָבן אונדז איבערגעלאָזט פאַרשלאָסן דאָס אָן עסן, ממש אויף דער גרענעץ — אַלס אַ מתנה פאַר די דייטשן.

נישט פאַרלירנדיק קיין צייט האָבן מיר זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט אַלע דאָרטן קאַמערן אין דער געשאַפענער סכנה־לאַגע און נישט קיין סך טראַכטנדיק האָבן מיר באַשלאָסן לאָזן הערן דורך אַלע פענצטער אַזעלכע לאָזונגען ווי: „מיר פאַרלאַנגען צו שיקן אונדז אויפן פראָנט קעמפן קעגן — פאַשיזם!” אַזעלכעס האָבן מיר געלאָזט הערן אָן אויפהער אַ גאַנצן טאָג. ווי אויך האָבן מיר געפאָדערט קומען דעם שטעטישן פּראָקוראָר, ער זאָל צו אונדז זאָפאָרט אין תפיסה־קומען ווי אויך געפאָדערט עסן, ווייל מיר שוין הונגערן צוויי טעג! די אַלע לאָזונגען האָבן מיר געשריגן דורך אַלע פענצטער. דאָס איז געווען אַזוי איומעדיק, ווייל עס זעט אויס האָט געווירקט, עס האָט געהאַט אַ — עפעקט. דאָרטן צווישן די לויפנ־דיקע מענטשן אויף דער גאַס האָט עס געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג!

פאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכעס האָט אַרויסגערופן פאַר אונדז דאָרט אַרעסטאַנטן מיטלייד. דאָך דעם אַלעמען איז צו אונדז ערשט נאָר אויף צו מאָרגנס אַ פאַר־שטייער פון דער שטעטישער פּראָקוראַטור געקומען.

מיר האָבן געפרעגט, פאַרוואָס מען באַפרייט אונדז נישט אַזוי ווי טאַקע מען האָט דאָס געטוען צו אַלע דאָרטן אַרעסטאַנטן? ווי אויך האָבן מיר פאַרלאַנגט אונדז זאָפאָרט איבערטוען אין אונדזערע ציוויל־מלבושים און אויך האָבן פאַר־לאַנגט אַפילו אין מיליטער שיקן, דאָס אַבי ווייט פון דאַנען דער גרענעץ. דער

שליח פונעם פּראָקוראָר האָט אונדז אויסגעהערט, צוגעזאָגט מטפּל זיין אין דעם ענין. אָבער די גאַנצע מעשה איז געווען נאָר שקר, ווייל עס איז אַוועק כמעט דער גאַנצער טאָג און ווידער זענען מיר געווען אין דער זעלבער סיטואַציע. דעריבער האָבן מיר געשריגן דאָס שוין אָן אויפהער אַ גאַנצע נאַכט, דאָס מיט מער כוח ממש מיט געוואַלד. דערווייל פאַרטאָגס צייט, האָבן זיי, די דאָרטיקע ציוויל מאַכט אַרויפגעזעצט די דאָרטיקע 35 פּאָליטישע פרויען אויף לאַסט־מאַשינען און העט וויט אונטער די שטאָט קאַליש באַפרייט. וועגן דעם האָבן מיר מענער דעמאָלט נאָך נישט געוואוסט. מיר פאַרשטענדלעך האָבן וויטער געשריגן דאָס איינציקע דעמאָלט אונדזער געווער. שפּעטער צו מיטאָג־צייט, דאָס איז שוין דער 4־טער טאָג פונעם קריג זענען אין רעזולטאַט פון די געשרייען, האָבן די דאָרטיקע מיליץ אָנגעהויבן מיט אונדז פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם, אַז אויב מיר וועלן אויפהערן שרייען וועלן זיי אונדז געבן די אונדזערע פון מחסן־מלבושים.

אַרויסגעוויזן אַז, קיין שום באַשלוסן וועגן אונדז צו באַפרייען האָבן נישט געהאַט. זיי האָבן אויך נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן פון דער זייערער נאַטשאַלסטוואָ וועגן דעם ענין, ווייל דאָך האָבן אַלע שוין געמאַכט פּליטה. אָבער די מיליץ, כדי אונדז אָפּשטילן האָבן אונדז איינגערעדט אַז, זיי וועלן אונדז ברענגען די מלבושים פונעם מחסן. דעמאָלט טאַקע האָט פּאַסירט, ווען זיי האָבן געעפנט די טירן פון די קאַמערן כדי מיט אונדז פירן אונטערהאַנדלונגען אַז, מיר זאָלן אויפהערן שרייען אין בשעתן עפענען די קאַמער־טירן, זענען מיר מאַסנווייז אַרויס אויפן קאָרידאָר. זעענדיק דאָס, האָבן די מיליץ אונדז פאָרגע־לייגט אויסקלייבן איינציקע פון יעדן קאַמער, וועלכע זאָלן גיין ברענגען די אונדזערע מלבושים. אָבער, ווען דעמאָלט, ווען מיר די אויסגעקליבענע האָבן זיך געלאָזט גיין צום מחסן נאָך אונדזערע מלבושים און פאַרשטענדלעך אַז, מיר האָבן נישט געקענט פאַר אַלע מענטשן ברענגען די געפאָדערטע נויטיקע אַלע מלבושים איז געשען דעמאָלט, אַז יעדער פון אונדז אין זיין סטיכישן אינס־טינקט האָט אָנגעהויבן לויפן צום מחסן. דערזעענדיק אַזעלכעס האָבן די מיליץ אָנגעהויבן ממש שיסן צו די חברה און מיט דער הילף פון זייערן געווער צוריק אונדז אַריינגעשטופּט אין די קאַמערן און פעסט ערשט פאַרשלאָסן די דאָרטיקע קאַמערן־טירן.

נאָך דער מעשה איז געוואָרן אויפן גאַנצן דאָרטן קאָרידאָר שטיל. דאָ, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די גאַנצע טראַגעדיע: זיי די מיליץ, פאַרשליסנדיק די אונדזערע קאַמערן, זענען באַצייטנס נעלם געוואָרן. מיר, נישט לאַנג וואַרטנדיק, האָבן אָנגעהויבן רופן די מיליץ, און טאַקע אַז, איבערצייגנדיק זיך אין דעם אַז, קיינער דאָרטן פון דער מיליץ געפינט זיך שוין נישט אין קאָרידאָר פון דער

תפיסה, האָבן מיר באַשלאָסן אויפהאַקן מיט אונדזערע אייגענע הענט די תפיסה־טירן. אַזעלכעס, נישט געזוימט האָבן מיר תיכף געטוען.

די אַרבעט פון אונדז פאַרשליסן און זעלבס זיך רעטן האָט טאַקע אַנטשפּרעכנד די פּוילישע מלוכה־מענטשן צו יענער צייט, וועלכע האָבן געוואָלט דערטרונקען דאָס אייגענע פאָלק אין בלוט, באַגיין זעלבסטמאָרד. אָבי אין דער זייערער אויסערן־פּאָליטיק נישט פירן קיין פריינטשאַפט מיט די פאַרהאַסטע רוסן. אַזוי טאַקע אויך דאָ אין תפיסה, וואָס האָט געהייסן אונדז איבערלאָזן, פאַרשלאָסן, אָן יעדער מעגלעכקייט זיך צו שפּייזן אַלס מתנה דעם דייטשן אַגרעסאָר דערפאַר, ווייל מיר זענען געווען אַנדערש פּאָליטיש געשטימט. אַזוי אַפילו האָבן עס אויך געטוען די דאָרטיקע פּ. פּ. ס.־מיליץ, וועלכע זענען נישט געווען קיין קלענערע פאַרברעכער אין זייער באַציאונג צו אונדז — פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

דאָס אויפברעכן די תפיסה איז געווען גאַנץ שווער, סיי פיזיש און סיי אַוודאי פּאָליטיש, ווייל דאָך האָבן מיר דאָך נישט געוווּסט וואָס אַזעלכעס, קאָן מיט אונדז פּאַסירן, ווען למשל מיר טרעפן אָן אויף ווידערשטאַנד!? דאָך אין אַנבליק פון זיך זעלבס רעטן פון אַ זיכערן טויט־געפאַר, האָבן געמוזט אויפברעכן די דאָרטיקע תפיסה. צו דעם האָבן מיר זיך באַנוצט מיט די דאָרטיקע אייזערנע בעטלעך, וועלכע זענען געווען אין תפיסה־קאַמער. מיר האָבן צוזאַמען אַלע אינאיינעם מיטן כוח פון אַלע חברים אַזוי לאַנג געקלאַפּט אין טיר, ביז די לעצטע האָט זיך געמוזט אונטערגעבן.

און נאָכהער נאָכן אויפקלאַפּן די טירן, האָבן מיר זיך קעגנזייטלעך אַרויסגעהאָלפן אין דער אַרבעט. אַזוי סיי פון אויסן מיט דער הילף פון די חברים און סיי פון אינעווייניק האָבן מיר געלונגען אַלע חברים פון די קאַמערן באַפרייען פון דער פאַרשאָלטענער תפיסה און פון אַ זיכערן אַריינפאַלן אין די הענט פון די דייטשע פאַשיסטן, וועלכע זענען שוין צו יענער צייט אַריין אין שטאָט קאַליש.

נאָכן אַרויסגיין פון די קאַמערן האָבן מיר טאַקע פון די פּ. פּ. ס.־מיליץ קיינעם נישט געטראָפן. נאָכן אַרויסשלעפּן די אַלע חברים אויפן דאָרטן הויף, האָבן מיר זיך געציילט אַרום 70 חברים, אַזוי אַז, מיר האָבן גענומען נאָכזוכן נאָך אַלע דאָרטן אין אַלע שטאָקן קאַמערן, זוו טאַקע מיר האָבן געפונען נאָך צוויי קאַמערן־צעלן מיט בלויז דאָרטן פּאָליטישע אַרעסטאַנטן — אוקראַאינער, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט באַפרייען. זיי האָבן געטענהט, אַז, אויב די פּאָליאַקן האָבן געקענט אַזעלכעס זיי אָפּטוען, געמיינט איבערלאָזן פאַר די דייטשן, האָבן זיי דעריבער באַשלאָסן צו בלייבן טאַקע ביז די דייטשן וועלן אַריין אין תפיסה, דאָס, ווי זיי האָבן אונטערגעשטראָכן אָן מורא, פאַר אונדז, דעמאָלט אַזאַ מין שטעלונג האָט אויסגעזען מער, ווי נישט פאַרשטענדלעך אָבער, ווען מיר האָבן

געוואָלט זיי אין דעם איבערצייַגן האָט אויך גאָרנישט געהאָלפן, וואָס נאָך מער, האָבן אַפילו אָפּגעזאָגט אונדזער הילף זיי צו באַפרייען. דעריבער בלית־ברירה האָבן מיר זיך געזעגנט און די רעשט אונדזערע מענטשן צעטיילט אויף גרופּן און פון דער תפיסה אַרויס.

נאַטירלעך, אַז אונדזער פרייד איז געווען גרויס — דאָס נישט צו באַ־שרייבן, כאָטש מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז גרויס וועלן זיין די שוועריקייטן ביזן אַהיים קומען, מיר האָבן זיך געפרייט, ממש די ערד געקושט פון פרייד. דאָרטן אויפן ערשטן פרייהייטס־שריט שוין אויף דער גאַס, איינזאַפּנדיק אין אונדזערע לונגען די ערשטע פרייהייטס־לופט מיט דער נאָך וואַרעמער הערבסט־זון, האָבן מיר נאָר בלויז אַ פּופציק מעטער פון תפיסה־טויער געזען דעם ערשטן שוין אַריינקומענדיקן דייטשן פאַטראָל, אַן ערך פון אַ הונדערט מענטשן אויף מאָטאָציקלען. געפאָרן זענען לאַנגזאַם און געלאָסן ווי מעסטנדיק די ערד אויף זייערע מאָטאָציקלען. צום גליק, אַז זיי האָבן אונדז נישט אָפּגעשטעלט, זעט אויס, אַז זיי האָבן אונדז אָנגענומען ווי די אַלע מענטשן, יאָגנדיקע און לויפנ־דיקע אין דעם בהלה־געיעג פון אַלע זייטן און עקן פון דער שטאָט, אויף וועגענער און ראָווערן, ווי אויך פיס־גייער, וועלכע האָבן געשטראָמט אַהין צום הויפּט־וועג, וועלכער האָט געפירט צו אַן אַנדערער שטאָט אַבי פון דאַנען, פון קאַליש אַנטלויפן, און מיר טאַקע אויסמישנדיק זיך מיטן גאַנצן מענטשן־שטראָם האָבן פאַרגעזעצט גלייך מיט די אַלע, — זייערן און אונדזערן — אַנטלויף־וועג.

☆

ווי אַזוי האָט אויסגעזען די וועלט־דיפּלאָמאַטיע אין די גורלדיקע טעג, וועלכע זענען געווען אַזוי גורלדיק אויך פאַר אונדז יידן דעמאָלט. ווי עס איז שוין באַוווסט, האָבן זיך פּאָליטישע קרייזן אין דער ענגלישער הויך גע־זעלשאַפט פאַנטאַזירט, אַז נאָכן „מינכענער דער גרייכונג" וועט די וועלט אַריין אין אַ פרידלעכן לעבנס־פּעריאָד. טשעמבערליין קומענדיק צוריק פון מינכען האָט געפּאַכעט מיט זיין פאַרכישופטן לאַרבער־קראַנץ פון דעם „היטלער־שלום", מיט וועלכן לאַרבער־קראַנץ האָט געפּאַכעט איבער די קעפּ פון זיינע פאַר־ערער אין דעם גרויסן שלום־אויפטו.

אַנדערש האָבן די זאַך געזען די דייטשע פאַשיסטן. אַנדערש האָבן גע־דענקט דעמאָלט דער פאַשיסטישער בלאָק, אַלס אַנגרייפערישער מדינות צווישן די וועלט־בלאָקן. זייערע פאַרכאַפּערישע אַגרעסיע אַפּעטיטן. זייער ציל צו

באַהערשן פרעמדע לענדער האָט שוין נישט געהאַט קיין גרענעץ. אַזוי האָט טאַקע בלויז צומאָרגנס נאָך מינכען האָבן שוין דאָרט דערוויל אָן רעש אַרויס־געריקט זייערע טעריטאָריעלע פאָדערונגען צו פוילן. היטלער האָט פאַרשטאַנען דעמאָלט, אַז שוין נאָכן אַנטגילטיקן ליקווידירן די „זעלבסטשטענדיקע סלאָוואַקיע". די שוין פון די מערב־לענדער „באַשיצט", אַז פון איצט און ווייטער, וואָס שייך צום פאַרהאַסטן פוילן וועט שוין נישט מער זיין קיינע איבערראַשונגען. געמיינט, אַז עס זאָל זיך בלויז אָפּקומען גלאַט אַזוי אָן אַ מלחמה. דעריבער, ווי מיר ווייסן שוין האָט פאַראָרדענט זיינע באַפעלן צום דייטשן גענעראַל־שטאַב וועגן צוגרייטן דעם פּלאַן וועגן פאַרניכטן דאָס „פאַרפלוכטע פוילן", וועלכעס איז שוין געווען פעסט באַשלאָסן, אפילו דער גענויער טערמין איז געווען אַרויסגעגעבן — דאָס איז דער ערשטער סעפּטעמבער 1939 יאָר.

דאָך ווי מיר האָבן דערמאָנט וועגן דעם, אַז מיליטעריש האָבן די דייטשן געוווסט זענען גענוג שטאַרק צו באַזיגן פוילן, דאָך האָבן אויך די דייטשן פאַרשטאַנען דאָס, וועלכעס די פּאָליאַקן האָבן זיכער נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז עס לוינט זיך אים, היטלערן, נייטראַליזירן פון אים די נישט ווינציקער פאַרהאַסטע רוסן. אָדער אַפילו אין דעם שאַנטאַזש האָבן זיי אַלס שותפים, ווי טאַקע אַמאָל בשעת די פוילן פאַרטיילונגען.

אויך האָט היטלער געדענקט, אַז אויך, ווען מער קיין איבעראַשונגען וועלן אין באַצוג צו פוילן נישט זיין, ווייל אפשר אויך וועלן די ענגלענדער נישט מוותר זיין, וועלן זיך שטעלן פּאָליטיש אויף דער זייט פון די פּאָליאַקן. דעריבער, ווען אפילו די דייטשן זענען אין שפּיץ פון דעמאָלטיקן „אַנטי־קאָמוניסטישן בלאָק", דאָך טאַקע וועט זיך לוינען אין דער זיין שטענדיקער שאַנטאַזש־פּאָליטיק, דאָך פירן אַ פּאָליטיק, כדי די רוסן, אָדער נייטראַליזירן אָדער מיט די רוסן זיך פאַנאַנדעררעדן.

פאַראַלעל זענען אַזעלכע מחשבות צו יענער צייט געווען ביי די רוסישע מושלים, דער ראַטנפאַרבאַנד, ווען נאָך אַלע אירע פּאָליטישע אַנשטרענגונגען אויף דער פּאָליטישער דעמאָלט אייראָפּעאישער אַרענע, אין פאַרלויף פון די יאָרן פון פעלקער־בונד, ווען אַלע אירע פאָרשלאַגן וועגן דער אייראָפּע זיכערהייט, וועלכעס איר אויסערן־מיניסטער ליטווינאָוו האָט כסדר אַליין פאָרגעלייגט אין פאַרשידענע וואַריאַנטן, ווען דאָך נאָך דעם אַלעמען האָבן נאָר געזען צו זיך אַ פּאָליטיק פון אָנטרייב־אָנגריף קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, איז פאַרשטענדלעך האָבן געקלערט, וועגן ענדערן די גאַנצע זייערע סטראַטעגיע פּאָליטיק אין דער זייערער אויסערן־פּאָליטיק.

אַלזאָ נאָך דער פּאָליטיק פון דער מערב־וועלט אין מינכען, האָבן באַשלאָסן

פירן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטיק פון זעלבסטשטענדיקן כּאַראַקטער, ווייל דאָך, האָבן דאָך געקענט טראַכטן, פּאַרוואָס טאַקע נישט פירן אַ פּאָלטיק פון אַ דערנענטערונג מיט דייטשלאַנד אפילו מיטן גרעסטן פּאַרהאַסטן שונא פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ווי דאָס איז געווען דייטשלאַנד, לויט דער זייערע באַקאַנטער שיטה, פון וועלכער זענען אויך געווען פּאַרהערער, אַז „די מיטלען הייליקן דעם ציל". כּאַטש אַזאַ פּאָליטיק וואָלט געשלאָגן שטאַרקע וואָרצלען אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג, מיט וועלכער מיינונג מוז זיך דער ראַטנפאַרבאַנד רעכענען, דעריבער זענען טאַקע די טעג געווען אויך גורלדיק פאַר רוסלאַנד. די צייט האָט געברענט ממש אונטער די פיס. דער קאָנפליקט מיט פוילן האָט אַלץ אָנגענומען שטאַרקן כּאַראַקטער. דאָך, פאַרן אָננעמען די נייע פאַרענדערונגען האָבן נאָך פּרובירט פאַרשידענע וועגן פאַר־צולייגן דער דעמאָלטדיקער מערב־וועלט.

י. סטאַלין, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָט געוואָרנט די מערב וועלט, וועלכע לאָזן זיך נישט פּאָליטיש איבערצייגן אין דער וויכטיקייט פונעם קאָלעקטיוון פאַקט־אָפּמאַך, דענקענדיק פון נישט אַריינמישן זיך אין יענעמס עני־נים. דאָך וועגדן זייערע־אַנרייץ־פּאָליטיק קעגן אַנדערע געמיינט — רוסלאַנד. דערי־בער נאָכאַמאָל חזרט איבער סטאַלין „אַז די פּאָליטיק פונעם ראַטנפאַרבאַנד, וועט דאָך זיין זיך נישט אַריינמישן אין מלחמה־אַוואַנטורעס ווי אויך און ווייטער אַ פּאָליטיק פון שלום און גוטע צווישן עקאָנאָמישע לענדער־באַציאונגען". דאָס אַלעס האָט געזאָגט אָן שום פּאָליטישע רעזשימען־אונטערשידן — דאָס לעצטע איז פאַר־שטענדלעך געוואָרן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען פון די דייטשע פּאָליטיקער, וועלכע האָבן שוין צו יענער צייט געזוכט אַנטאַפּן די פּאָליטישע מעגלעכקייטן פאַר זיך פון דעם רוסישן פאַרהאַסטן אַרבעטער־לאַנד. אַזעלכעס איז געווען אויפן 18־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

פונדעסטוועגן — נאָכן פּאַרטיי־קאָנגרעס האָט נאָך ליטווינאָוו נאָכאַמאָל דער־לאַנגט דעם ענגלישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע אַ פאַרשלאַג פון „דריי מלוכות" געמיינט ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד מיט אַן אָפּציע פאַר פוילן אויב זי וועט האַלטן פאַר נויטווענדיק צושטיין צו אַזאַ מין פאַקט, וועלכער אַזעלכער האָט באַדאַרפן זיין אַ פאַקט קעגן דער ווייטערדיקער דייטשער אַגרעסיע, דאָס איז אויך געווען אגב ליטווינאָווס לעצטער פּאָליטישער־פּרווו נאָך איידער דער ראַטנפאַרבאַנד וועט זיך פּאָליטיש פּרווון דערנענטערן צו דייטשלאַנד. דער דריי־פאַקט, לויט זייערן פאַרשטאַנד האָט באַדאַרפן דערווייטערן די וועלט פון מלחמה־אַוואַנטורעס, ווי זיי האָבן עס אָנגערופן.

אַזאַ פאַקט פון דריי גרויס מאַכטן, וועלכעס לכל הפחות וואָלט באַדאַרפן

זערן באַהאַנדלט דורך די מערב־לענדער איז בכוונה געוואָרן אָפּגעשלעפּט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט וועלנדיק אַזעלכן דריי־פּאַקט אויסמיידן.

אַזאַ דערשטוינונג האָט אפילו אין ענגלישן פּאַרלאַמענט אַרויסגעבראַכט טשערטשיל, וועלכער האָט אָפּען געשטויגט אַז: „די ענגלישע רעגירונג געפינט נישט נויטיק צו באַהאַנדלען אַזאַ וויטגייענדיקן רוסישן־פּאַרשלאַג און ער האָט טאַקע דעמאָלט אויך אָנגעוויזן (טשערטשיל) אַז אין קאַמף קעגן די דייטשן איז נישט קיינער מסוגל אַקעגן שטעלן זיך די דייטשן אָן דער מיטבאַטייליקונג פון די רוסן". דאָך האָט די ענגלישע רעגירונג דעם ענין אָפּגעשלעפּט!

דער ליטווינאָוו פּאַרשלאַג — וועגן דעם דריי־פּאַקט — מיט אַ אָפּציע אויך צושליסן פּוילן איז געווען זיינס — ליטווינאָוס לעצטער פּאָליטישער אנשטרענג פון צעמענטירן דעם בשותפות כוח קעגן דעם אָנגרייפערישן פאַשיזם. דאָס איז גע־ווען דער לעצטער פּאַרשלאַג אין זיין פּאָליטישער קאַריערע — עס איז געווען דעמאָלט פאַרשטענדלעך אַז היטלער גרייט די מלחמה. עס איז אויך געווען דע־מאָלט פאַרשטענדלעך, אַז דייטשלאַנד, אַזויווי פריער אין באַצוג צו די טשעכאָ־סלאָוואַקיי אין זייערן פּאָליטישן שאַנטאַזש האָבן געזוכט שותפים צו דער אַרבעט פון אַנעקסירן פּוילן, אַזוי אויך דעריבער האָבן געזוכט וועגן אַפילו מיטן שטן רוסלאַנד זיך דערעדן. אָבער אויף וויפל דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך פאַר דייטשלאַנד, אַזוי אין דער פּאַרקערטער פּראָפּאָרץ נישט געווען פאַרשטענדלעך פאַר פּוילן צו יענער צייט. פּוילן האָט בפירוש געענטפערט אויף די רוסישע פּאַרשלאַגן — „ניין"!

פּוילן האָט זיך אָקעגנגעשטעלט יעדער מין מיליטערישע הילף פון רוסלאַנד. פּוילן האָט געצווייפלט אין דער וואַרטפולקייט פון די רוסן אַלס מיליטערישער־גורם. חוץ דעם האָבן אַזעלכעס איינגעפלאַנצט אין פאַרשטאַנד פון די ענגלענדער, דעריבער איז עס געוואָרן אַ סיבה — אַ באַרעכטיקטע פאַר די ענגלענדער פון אָפּוואַרפן אַזאַ מין רוסלאַנד־פּאַרשלאַג! אלא, וואָס שייך די באַציאונג פון ענגלאַנד צו פּוילן האָבן זיי דערקלערט: „אַז אויב פּוילן וויל זיך פאַרטיידיקן וועלן די ענגלענדער איר — פּוילן — קומען צו הילף". אַזוי טאַקע אין דער פּאָליטישער לאַגע האָבן די רוסן געענדערט אירע גאַנצע פּאָליטישע שטעלונג. אַזוי האָט אויך זיך גלייך דערוויזן אַ קליינע פּאָליטישע ידיעה וועגן דעם, אַז ליטווינאָוו האָט זיך אָפּגעגעבן אין דער דעמיסיע און אויף זיין פּלאַץ איז געקומען מאָלאָטאָוו, וועלכער איז געווען שוין אַליין אַ אָנדייטונג וועגן דער פּאָליטישער ענדערונג.

אַזאַ מין ענדערונג, דאָס דווקא אויף רעכטס האָט געהייסן פּאַרוואָס קענען נישט די רוסן פּרובירן אַ דערנענטערונג מיט דייטשלאַנד, ווען בפרט אויפן לעצטן פּאַרשלאַג האָבן די מערב־לענדער געענטפערט פעסט מיט אַ ניין! דאָס הייסט אויך,

אז דער אנגעבאטענער „דריי־פאקט" פון די רוסן איז פאליטיש אויך געווארן אויסגעטייטשט פון די רוסן, אז די ענגלענדער מיטן אונטערשרייבן אזא מין פאקט קענען אויסמיידן דאס פארכאפן פוילן. דעריבער האבן געדענקט אז די ענגלענדער דענקען נאך, וועגן א פארשטענדיקונג מיט די דייטשן אין ענין פוילן.

☆

ענדע מאנאט מאי זענען פארגעקומען באקענונגס־געשפרעכן צווישן דארטן אין מאסקווע דייטשן אמבאסאדאר מיט מאלאטאוון. צו יענער צייט האבן שוין אפילו קורסירט קלאנגען וועגן דעם אז, די דייטשן דענקן פארלייגן ווייט־גייענדיקע פארשלאגן די רוסן וועגן: א פוילן־פארטיילונג. דערקעגן האבן זיך אין די ענגלישע פאליטישע קרייזן אנגעהויבן דאס אויסניכטערן פון דער פארכישופטער טשעמבערליין פאליטיק אין באצוג צו דייטשלאנד. אזעלכע קרייזן האבן אפילו שוין געפאדערט זיך פאנאנדערעדן מיט די רוסן, וועגן טאקע דעם לעצטן רוסישן־פארשלאג. אזעלכעס האט מען געשמועסט איז אין דעם „ענין" אין מאסקווע פירן זיך געשפרעכן.

צו דער זעלבער צייט האט מאלאטאוו אין זיין בכורה־רעדע קלאר געמאכט די שטעלונג פון רוסלאנד וועגן דעם „דריי־פאקט". ער האט געזאגט, אז דער אפמאך דארף האבן א פארטיידיקונגס־כאראקטער ווי אויך האט ער, מאלאטאוו, אין דעם רעפעראט פארלאנגט, אז „דער דריי־פאקט" דארף געבן גאראנטיעס פאר אלע מלוכות, וועלכע גרענעצן זיך מיט רוסלאנד, ווי אויך פארלאנגט ממשותדיקע הילף פאר קליינע מדינות אין פאל פון אן אגרעסיע". ווי אויך האט ער אונטערגעשטראכן, אז רוסלאנד באדארף האבן אויך עקאנאמישע באציאונגען מיטן „אקס־פאקט". פון דער רעדע איז קלאר געווארן, אז רוסלאנד שטייט אויף דער פלאטפארם פון שאפן אן אפמאך מיט די מערב־לענדער מיטן באדינג, אז די מערב־לענדער וועלן אננעמען אירע — רוסישע פארשלאגס־באדינגונגען. אבער די דייטשן — אזוי ווי מיר וויסן — האבן שוין געהאט אפגעשטימט ביי זיך דעם איבערפאל אויף פוילן. דעריבער איז געלעגן אין זייער אינטערעס אין דעם געיעג מיט די מערב־לענדער — פריער, מיט די רוסן וועגן אזעלכע פראבלעמען אדורכקומען.

דערווייל זענען פארגעקומען געשפרעכן צווישן די ענגלענדער און רוסן. אזוי ווי אבער די ענגלענדער האבן איבערהויפט נישט געגלויבט, אז עס זאל קומען צווישן זיי מיט די רוסן צו דער פארשטענדעניש האבן זיי דעם ענין ווידער אפגעשלעפט. די רוסן האבן פארלאנגט אונטערהאנדלן מיט ווייט־גייענדיקע ענגלישע פערזענלעכ־

קייטן, און די ענגלענדער האָבן געהאַט זייערע נאַרישע אויסריידן, וועלכעס האָט אוודאי באַוויזן די נישט ערנסטקייט פון דעם גאַנצן ענין.

שפּעטער אַפילו אין די אונטערהאַנדלונגען, אין די געפּירטע, מיליטערישע געשפּרעכן צווישן די רוסן און ענגלענדער, האָבן די רוסן פאַרלאַנגט אַ גענויעם פּאָליטישן און מיליטערישן הסכם. די רוסן אין דער באַטייליקונג פון וואָראָשילאָוון און שאַפּאָזשניקאָוון אויף דער דעמאָלטדיקער מיט די ענגלענדער־קאָמיסיע האָבן פאַרלאַנגט וויסן וויפל, למשל, איז די גרויס פון מיליטערישן כוח און הילף, וועלכע יעדע פון די דריי מלוכות וועלן קענען אַרויסשטעלן קעגן אַגרעסאָר. פאַר־שטענדלעך אַז קעגן דער גרויסער צאָל מיליטערישע דיוויזיעס, וועלכע די רוסן האָבן פון זייער זייט געדענקט אַרויסשטעלן איז געווען גאָר שטאַרק אָפּחוזקדיק און לעכערלעך דאָס וואָס די ענגלענדער האָבן געדענקט אַרויסשטעלן. אַזעלכעס האָבן די רוסן געדענקט איז שפּעט און נאָר־חוזק צו זיי מצד דער ענגלישער דעלע־גאַציע, אגב פרעגט זיך מיט וועלכן כוח האָבן די ענגלענדער געשפּעט אויף די רוסן בשעת זייער דערקלערונג, אַז די רוסן זענען גאָרנישט באַדייטנדיק וויכ־טיק מיילטעריש.

דערווייל איז דער סיכסוך צווישן פּוילן מיט דייטשלאַנד אַלץ זיך מער פאַר־שאַרפט, די דייטשן האָבן אַריינגעשמוקלט געווער קיין דאַנציג ווי אויך מיליטער לייט, אַזעלכעס האָט פאַרשטענדלעך באַצווינגען פּוילן אָננעמען שריט, וועלכעס איז געווען דער אויסדרוק אין דעם, וואָס אַ גרויסער צאָל שטאַטס־מענטשן פּאָליאַקן אין דער דאַנציג שטאַט זענען געווען באַוואָפנט בשעתן אויספירן זייערע פולמאַכטן, דאָס האָט פאַרשטענדלעך פאַרשטאַרקט די מיינונג ביי די דייטשן וואָס גיכער מיט די פּאָליאַקן — ענדיקן.

אין דער טאָקע הייסער צייט פון די געשעענישן זענען דווקא די רוסן געוואָרן דער פּאָליטישער צענטראַל פּונקט פון די אַלע פּאָליטישע געשעענישן פון איין זייט די דייטשן און פון דער אַנדערער זייט — די ענגלענדער. יעדע איינע זייט האָט געמאַכט אירע קאָלקולאַציעס : וואָס געבן און וואָס נעמען? אָבער דאָך זענען די דייטשן געשטאַנען פאַר ווינציקער צייט און אויסדויער און דאָך פאַרט האָבן באַדענקט אַלע די שטרייט־פראַגן צווישן זיך מיט די רוסן און אפילו צווישן די ענגלענדער מיט די רוסן.

דאָך, האָט נאָר די צייט אַלץ גורם ביי די דייטשן, וועלכע האָבן שוין געהאַט אפילו דעם טערמין פון דעם אָנפאַל אויף פּוילן געהאַט פעסטגעשטעלט דעריבער האָבן מותר געווען דאָס אפילו אונטערן דרוק פון היטלערן זעלבסט.

אין צווישנצייט זענען פאָרגעקומען אין מאָסקווע די צוזאַמענטרעפן צווישן די ענגלענדער מיט די רוסן. כאָטש די זענען אַלץ געוואָרן מער און מער פאַרשווערט

צוליב די טאַקע זיך אַריינמישונג פון דייטשלאַנד. אַזוי טאַקע האָט דעמאָלט אויף די צוזאַמענטרעפן געדאַרפן די רוסישע דעלעגאַציע מיט וואָראָשילאָוון בראש פרעגן, ווי אַזוי וועט האַנדלען פוילן אין ענין פון אַדורכלאָזן די רויטע אַרמיי דורך אירע טעריטאָריע גרענעצן, ווייל די פוילישע רעגירונג איז דאָך בפירוש קעגן דעם?! אַזאַ ענין ווי דער אַדורכגאַנג פון דער רויטער אַרמיי דורך דער פוילישער טערי־טאָריע איז פאַר די רוסן געווען שטאַרק וויכטיק צוליב דעם וואָס די רוסן האָבן בפירוש נישט געוואָלט אַ דערנענטערונג פון די דייטשע מיליטער צו אירע גרענעצן. דעריבער, האָבן געדריקט אין די דעמאָלדיקע געשפּרעכן וועגן אַ פּאָזיטיוון ענטפער פון פוילן אין דעם ענין. רוסלאַנד איז געשטאַנען אויף דער הנחה אַז אין פאַל פון אַ דייטשן אַנגריף וועט פוילן פאַרכאַפּט ווערן פון דייטשלאַנד און דעריבער האָבן נישט געוואָלט אַזאַ פאַל וואָס הייסט אַ דערנענטערונג פון דעם דייטשן מיליטער צו אירע גרענעצן.

אַזאַ פראַגע פון געבן דעם רשות פון „אַדורכגאַנג" דער רויטער אַרמיי דורך דער טעריטאָריע פון פוילן איז דאָך געווען דירעקט פאַרבינדן הויפּטזעכלעך מיט פוילן. דעריבער איז געווען באַשלאָסן אַז די לענדער ענגלאַנד און פראַנקרייך זאָלן אָננעמען שריט אין דעם ענין ביי דער פוילישער רעגירונג. אָבער די מערב־לענדער האָבן גאָרנישט אין דעם ענין געטוען. שפּעטער אין 18־טן אויגוסט, ווען די טאַקע די פריינטלעכע צו פוילן מדינות האָבן יאָ געוואָלט איבערציִיגן אין דעם וויכטיקן ענין פוילן האָט זי די פוילישע רעגירונג געענטפערט מיט אַ שאַרפן — ניין! דאָס פאַרשטענדלעך מיט דער אייביקער טענה אַז, זעט נישט קיין מיליטערישע וויכטיקע סטראַטעגישע ממשותקייט אין דער רויטער־אַרמיי. דעריבער וועט אַזעלכעס אויך דורך אירער טעריטאָריע נישט אַדורכלאָזן.

שפּעטער זענען נאָך אַזעלכע ווענדונגען געמאַכט געוואָרן צו פוילן פון דער פראַנצויזישער זייט, וועלכע האָט אין די טעג ערשט אָנגעהויבן פאַרשטיין דאָס ערנסטקייט פון דעם ענין אָבער פוילן איז געווען פאַרעקשנט און נאָר געענטפערט מיט אַ ניין! שפּעטער האָבן די פראַנצויזן פּרובירט אין דעם ענין ענדערן די שטעלונג ביי דער רוסישער דעלעגאַציע אויף די דעמאָלטדיקע מאָסקווער געשפּרעכן. אָבער וואָראָשילאָוו האָט מיט רעכט געענטפערט אַז אָן אַזאַ ממשותדיקע אינפאָר־מאַציע מצד פוילן אין דעם ענין ווי דאָס אַדורכגיין פון דער רויטער אַרמיי דורך די פוילן שטחים זענען די געשפּרעכן אָן אַ צוועק.

אַזעלכעס איז פאַר די דייטשן געווען באַקאַנט דעריבער טאַקע האָבן אין דעם ענין די מערב לענדער איבערגעיאָגט, ווי אויך אַזוי טאַקע פאַר די דייטשן האָט די צייט אויסגעקלאַפּט האָבן דעריבער געשיקט ריבענטראָפּן קיין מאָסקווע אונטער־

שרייבן מיט רוסלאַנד אַ הסכם וועגן נישט אָנגרייפס אָפּמאַך, ווי אויך די אַזוי געררופענע פּוילן צעטיילונג!

☆

די לעצטע דיפּלאָמאַטישע געשעענישן אַרום דעם קאָנפליקט דייטשלאַנד און פּוילן איז אונדז דעמאָלט אין תפיסה נישט געווען באַקאַנט. מיר האָבן אויך נישט געוווּסט אויף וויפל זענען געווען די ענדערונגען מצד רוסלאַנד לגבי דייטשלאַנד ווי דאָס, וועלכעס האָט דאָרטן באַוויזן די רוסן צו אָנערקענען פּאָליטיש און אונ־טערשרייבן מיט דעם פאַרהאַסטן פאַשיסטישן אַרבעטער שונא אַזאַ נישט אָנגרייפס אָפּמאַך. איינס איז פאַר אונדז געווען קלאָר, אַז די דייטשן זענען אין דער זייערער עקספּאַנסיע די גרעסטע מענטשן שונאים און ווי אויך שונאים פאַרן אַלגעמיינעם אַרבעטער קלאַס, ווי אויך אוודאי פאַר אונדז יידן. דעריבער ווי קאָן געמאָלט זיין אַזאַ מין דערנענטערונג צווישן די צוויי נישט פריינטלעכע רעזשימען, ווייל דאָך קומט אויס איז אין שורש פון אָפּמאַך פאַראַן פאַראַן אַ מין אינסצעניזירטקייט אַ מין קינסטלערישער פּאָליטישער שפּיל דעריבער איז אַזאַ מין אָפּמאַך פאַר אונדז געווען אַ נישט פאַרשטענדלעכקייט, ווייל דאָך זענען מיר דאָך דער אַרבעטער־אַוואַנגאַרד און קעמפן דעם אויך פאַר רוסלאַנד עקזיסטענץ קאַמף ווי אויך זיין רוסלאַנדס קיום.

דעמאָלט, אין די טעג, ווען מיר האָבן נאָכנישט געוווּסט פון דעם אונטערגע־שריבענעם אָפּמאַך — איז עס פאַר אונדז געווען — אפשר לייכטער אין דעם מאָמענט ווען מיר אויפן וועג אהיים פון תפיסה אונטער דער באָמבאַרדירונג פון די דייטשע עראָפּלאַנען. דעמאָלט אונטער די גרויסע שיסערייען פון די זייערע אויפגעריסענע באָמבעס, וועלכע האָבן געזייעט טויט און חורבן אין דער פּוילישער מלוכה, האָבן מיר נישט געקענט קלערן וועגן אַזעלכע געוואָרענע פּריינט, און טאָקע בעסער, וואָס מיר האָבן וועגן אַזעלכעס נישט געוווּסט!

שפּעטער האָט אַזאַ אונדז ידיעה שטאַרק דערשיטערט, ווייל ווי קאָן געמאָלט זיין אַז דאָך ערשט נעכטן האָבן מיר פאַרלאַנגט פון דער פּוילישער מאַכט — שיקן אונדז אויפן פראָנט קעמפן קעגן דייטשלאַנד און היינט זענען זיי די פריינט פונעם ראַטנפאַרבאַנד — נישט גלויבלעך. אַזאַ זאַך הייסט דאָך ווידער געבן אַ באַשטע טיקונג די רוסן מיט אונדזער זעלבסט אונטערשריפט פאַר אַלע טעראָר מעשים קעגן אונדז־אַליין.

אין גאַנג פון די ווייטערע פּאָליטישע געשעענישן, וועלכע זענען אין מאָמענט געווען אויפברויזנדיק קעגן די רוסן זענען אין משך פון דער צייט געוואָרן פאַר־

שטענדלעך. די אַלטע טענות, געררעכטע טענות, פּראָלעטאַרישע טענות, קעגן די רוסן צוליב דעם „נישט אַנגרייפס־אָפּמאַך" מיט די דייטשן איז געוואָרן אויך אַ פֿאַרשטענדלעכקייט, צוליב די ריינע אָביעקטיווע באַדינגונגען וואָס אַזאַ מין זאַך האָט דעמאָלט פֿאַר אונדז געשאַפֿן — דהיינו אַז מיר האָבן זיך געקענט רעטן פֿונעם דייטש אין די רוסישע באַפֿרייטע מערב־אוקראַיִנישע און ווייס־רוסלאַנד שטחים. ווי אויך, האָבן זיך געראַטעוועט הונדערטער טויזנטער יידן פֿון פּוילן קיין רוסלאַנד, דאָס איז געוואָרן דער איינציקער מקלט פֿאַר אונדז יידן, די וועלכע זענען אַנטלאָפֿן פֿון די היטלער־קלאַגסן באַנדעס.

אַנאַליזירענדיק די וועלט פּאָליטיק פֿון יענער צייט, קענען מיר קומען נאָר צו דער הנחה, אַז דער ראַטנפֿאַרבאַנד האָט אויך געפֿירט אַ מין בלינד־פּאָליטיק אין באַצוג צו היטלערן, כאָטש ביים „פֿאָטער פֿון דער גאַנצער מענטשהייט" האָט אַזעלכעס קיינמאָל נישט געהייסן בלינד־פּאָליטיק, אַזעלכעס האָט געהייסן וויט־זעענדיקע־פּאָליטיק, דאָך האָט ער נישט געגעוני אָפּגעשאַצט די דעמאָלטדיקע וועלט לאַגע אַזוי ווי אַלע צו יענער צייט פּאָליטיקער. יעדער האָט געהאַט זיין אייגענעם פֿאַרענטפֿערונג, כאָטש אויך דאָס איז געווען דער אַריינפֿיר אין דער דעמאָלטדיקער אייגענער זייערער סכנה. דאָך שפּעטער זענען געשטאַנען אויף דער וואַך בשעת דער מלחמה, האָבן העלדיש געקעמפֿט און נישט אַנטוישט.

דאָך קענען מיר נישט אַוועק פֿון דער הנחה, אַז ווען נישט דאָס אונטער־שרייבן מיט דייטשלאַנד דעם נישט־אַנגרייפֿס־אָפּמאַך וואָלט אפשר געקומען צו אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט דער מערב־וועלט, ווייל צו דער צייט האָט שוין אָנגעהויבן אַזעלכעס ביי די מערב־לענדער צייטיק ווערן. אַלנפֿאַלס די רוסן האָבן זעט אויס געוואָלט באַשטראָפֿן די מערב־וועלט, ווי אַ באַצאָלונג צוליב דער ביז איצטיקער געפֿירטער דורך זיי וועלט־פּאָליטיק.

גלייכצייטיק באַשולדיקן מיר, מיט דער פֿולער זיכערקייט די מערב לענדער, ענגלאַנד און פֿראַנקרייך, וועלכע האָבן פֿון אָנפֿאַנג היטלערס שאַנטאַזש־פּאָליטיק געפֿירט אַ פּאָליטיק פֿון אָפּקויפֿן און נאָכגעבן, פֿירנדיק היטלערן ביזן גרויסן אָנגעוואָרפֿענעם דורך די נאַציסטן וועלט־חורבן. וואָס שייך אונדז יידן האָבן אונדז די געשעענישן אַנטוישט פֿון דער גאַנצער דעמאָלטדיקער וועלט סיי פֿון דער בורזשואַזיער וועלט און סיי פֿון דער פּראָלעטאַרישער וועלט, פֿון ביידע זייטן זענען מיר יידן געוואָרן געשלאָגן. אויך איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז אַזוי ווי מיר יידן האָבן קעגן רוסלאַנד אַזעלכע באַשולדיקונגען אַזוי אויך האָבן אַזעלכע באַשולדיקונגען קעגן דער רוסישער רעגירונג די זעלבע רוסן. דאָס רוסישע פֿאָלק האָט געדענקט געגעוני די פּאָליטישע פֿעלערן פֿון דער סטאַלין רעגירונג אין דער

צייט ווען זיי האָבן מיט די דייטשן אַזאַ נישט אַנגרייפס־אָפּמאַך געחסמעט, וועלכעס צייגט זיין סטאַלינס פאַרענטפערונג פאַרן פאָלק בשעתן אָנפאַל פון דייטשלאַנד איבער רוסלאַנד.

ער דער פאָטער פון זיין אייגענעם רוסישן פאָלק האָט זיך אין יענע טעג אַזוי פאַרענטפערט: די דייטשן — האָט געזאָגט — י. סטאַלין האָבן פאַרגעלייגט קלאָפּנדיק אין אונדזער טיר אַן נישט אַנגרייפס אָפּמאַך, דאָס, אין דער צייט, ווען אַלע ביי אונדז האָבן געגלויבט נאָר פון אַ מלחמה מיט די דייטשן. דעריבער פאַרוואָס זשע אַזאַ פאָרגעלייגטן אָפּמאַך נישט אָננעמען? אַזאַ סטאַלין פאַרענטפערונג באַווייזט שוין אויף וויפל גרויס איז געווען דער פאָלקסצאָרן קעגן אים סטאַלינען פאַר זיין בלינד פּאָליטיק צו יענער צייט.

אַ ענלעכע ווערסיע וועגן דער סטאַלין פאַרענטפערונג גיט איבער טשער־טשיל אין זיינע זכרונות „מיר האָבן געוווסט — האָט סטאַלין דערציילט, אַז די דייטשן וועלן סוף כל סוף אונדז אַנגרייפן דעריבער אַזאַ נישט אַנגרייפס אָפּמאַך, וועלכער האָט אונדז געגעבן אַ קליינע פּערעדישקע, אין וועלכער מיר האָבן זיך געקענט מער פאַרשטאַרקן איז געווען זייער וויכטיק פאַר אונדז רוסן!"

אַזוי זענען ביידע נוסחן פון דער י. סטאַלין פאַרענטפערונג. דאָך, האָט עס אונדז און אַוודאי פאַר די רוסן נישט געגעבן די נויטיקע באַפרידיקונג, ווייל קיינע לעבעדיקע וועלן אונדזער יידן־קרבנות צוריק פון דעם נישט אויפשטיין. אַזוי יעדער מיט זיין נוסח און דאָך אַלעמען וואָלטן געקענט די דעמאָלטדיקע וועלט הערשער נישט דערלאָזן צו דער גרויסער פאַרברעכערישער מלחמה.

די מלחמה

מיט עטלעכע טעג נאָך צוריק אין תפיסה קאַמער, ווען מיר האָבן דאָרטן גערעדט וועגן דער מלחמה, האָבן מיר זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט געהאַט קיין אנונג וואָס אַזעלכעס איז מלחמה. יעדער פון אונדז האָט דעמאָלט גערעדט וועגן די אָנגעלייענטע מלחמה־ידיעות, אַז מלחמה איז אַ פּאָזיציע־קאַמף פון צוויי קעגנזעצלעכע פראָנט־ליניעס מיט אָנגרייפס אַטאַקעס און אַדורכשיסונגען קעגן זיך, דערפאַר איצט תיכף מיטן אַרויסקומען פון תפיסה־טויער האָבן מיר באַלד געזען און פאַרשטאַנען דאָס, וואָס אַזעלכעס איז מלחמה.

עס שטראָמט אַ כוואַליע מענטשן, טויזנטער מענטשן, אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער, ערגעץ־ווו לויפן. אַלע די אַנטלאָפענע טראָגן אויף זייערע פּלייצעס דאָס ביסל אויף שנעל פאַרכאַפּט שטוב־אָרעמקייט מלבושים און אַנדערע נויטיקע זאַכען אפילו קינדער טראָגן וואַליזקעס אונטער ווועלכער שווערקייטן נעבעך אַזש זיך בייגן. אַלע די מענטשן לויפן געיאָגט אַהין אָן אַ ציל דאָס נאָר כדי וואָס גיכער פון דאַנען אַוועק פון דער גרענעץ־שטאָט פון באַפאַלענעם אַגרעסאָר דעם דייטש אַנטלויפן.

דער גאַנצער וועג פון אָנהויב דער שטאָט קאַליש ביזן שטעטל טורקי איז דאַכט זיך באַזעצט פון מענטשן אַנטלויפער אויף פאַרשידענע אופנים, וועגענער, געשפּאַנטע אין פערד אָדער מיט מענטשלעכע הענט געשטופּטע אָדער יאָגן אויף ראַוערן און אויף דעם אַלעמען ליגט זייערס פון יאָרן אָנגעקליבן אָרעמקייט, וועלכער איז טאַקע נישט מער ווי אַן אָרעמקייט. דערצו פון אַלע זייטן און וועגן קומען אָן נאָך פון די דאָרטיקע דערפער מענטשן פּליטים און אַלץ שטראָמט אַהין, העט ווייט אין טיף לאַנד, ממש אַ ים מיט מענטשן, אַז קיין ענדע צו דער מענטשן־כוואַלע זעט מען נישט.

די אַלע מענטשן, נאָך באַוואָרעמט די לעצטע שטראַלן פון דער סעפּטעמבער־זון, צווישן דער גאַנצער מענטשן כוואַלע שטייען אויף די דאָרטיקע קרייץ־וועגן, עלטערע פרויען און טיילן שטיקער ברויט געשניטן פון גרויסע, אָנגעבאַקענע ברויטן־לאַבענס פאַר דורכגייער, וועלכע נויטיקן זיך אָדער הונגערן אין

ברויט. מיר די פון דער תפיסה, זענען אויך דעמאָלט געווען פון די הונגעריקע מענטשן.

און פלוצלינג — אויף דער גאַנצער גייענדיקער מענטשן־כוואַליע לאָזן זיך אַראָפּ נישט געאײַלט מיט אַ זשומען זייערע עראָפּלאַנען — מעסערשמידטן. זיי די דייטשע עראָפּלאַנען, לאָזן זיך אַראָפּ כמעט ביז דער הויך פון דער מענטשן מאַסע, דאָס מיט אַזאַ פּונקטלעכקייט, און מיט די מאַשין געווערן זייען זיי טויט און פאַרניכטונג אין דער גאַנצער לויפנדיקער מענטשן־כוואַליע. דאָס שיסעריי איז מוראדיק און אָן רחמנות — עס איז דאָך פאַראַן אין וועמען צו שיסן, אַזאַ סטראַטעגישער פּונקט, אַזאַ סטאַלפּע מענטשן קיין איין קויל גייט אומזיסט נישט אַוועק... דער רעזולטאַט אַ טויט־שניט, וועלכעס איז נישט צו באַשרייבן אַלטע און יונגע, פרויען און מענער, קינדער און אויך שטוב־חיות, פערד און בהמות. אַ געמישט פון מענטשלעכע יללות און בהמות רעווען. די געשרייען דערגיין צו גאָטס הימלען און אין דעם אַלעמען איז קיין מענטש־לעכע הילף פאַראַן.

אַהין צום הימל דערגייען צוזאַמען מיט די געשרייען פונעם מענטשלעכן פּיין אויך די מענטשלעכע געבעטן: גאָט אין הימל, אָדער יעזוס מאַריאַ. וועלכע זענען ממש האַרץ רייסנדיק. אָבער זעט אויס ווערן נישט אין די געטלעכע הויכקייטן דערהערט. אַזוי איז יעדער אומגליקלעכער אַליין מיט זיין פּיין און ווייטיק.

דער רעזולטאַט פון באָמבאַרדירונג איז שרעקלעך: טויטע און פאַרוואונדעטע, אָפּגעריסענע אברים, דורכגעשאָסענע מענטשלעכע קעפּ און בייכער און אַנדערע מענטשלעכע גוף־טיילן. מוראדיק; שרעקלעך מוראדיק, אפילו טויטע קינדער־קערפּערלעך, אונטער די געשלעפּטע שווערע וואַליזקעס און די נאַציסטן אין זייערע עראָפּלאַנען שטשירן מיט די ציינער פון גרויס הנאה.

אַזוי האָט געדויערט דאָס באָמבאַרדירן אפשר אַן ערך 10 אָדער מער מינוטן. איין גרופּע עראָפּלאַנען זענען אַוועק און אַ צווייטע גרופּע איז געקומען. דער סוף; הונדערטער קרבנות, פון אַלע טריפט מענטשלעך פאַרגאָסן אומ־שולדיק בלוט.

די בהלה איז גרויס , צום ווייטיק איז קיין טרייסט, קיין רעטונג, קיינע רופאים. קיינער קאָן נישט העלפן ־זוי נאָר מיטווייגען און קלאָגן, אַלץ איז דאָך אויפן וועג. צום אומגליק, האָט נאָך באַדאַרפן טרעפן, אַז אַ ווילדער אָקס האָט זיך אין דער בהלה פון זיין שטריק אָפּגעריסן און אַנגעהויבן יעדן אָנגע־טראָפּענעם מענטש — דויערעסן, און ווידער יללות און געשרייען. ווידער אַ

טרויעריק בילד, ביז ענדלעך איינער אַ סאָלדאַט וועלכער איז געפּאָרן זיך צושטעלן האָט אים דעם אַקט געשאָסן.

עס איז געווען נאָר אַ מזל זאַך וואָס מיר, גייענדיק מיט דער גרויסער מענטשן־מאַסע זענען באַצייטנס אַריין אין ריוו ביים שאָסיי־וועג. אַזוי, ביזן שטעטל טורקי האָבן מיר אַדורכגעלעבט נאָך אַזאַ מין לופט אַטאַקע און ווידער מענטשלעכע קרבנות מיט יללות, ווידער צו גאָט געבעטן, און ווידער דאָרט אין די עראָפּלאַנען האָבן זיי גרויס הנאה. אַזוי איז עס געווען שוין אין ערשטן טאָג פון אונדזער תפיסה באַפרייאונג, אַזעלכעס האָט באַדאַרפן זיין דער אָנזאָג פון דער טויזנט־יאָריקער דייטשער ציוויליזאַציע.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע בילד פון דער היינטיקער מלחמה, דער אָנגעוואָרפענער אויף פוילן פון היטלערס דייטשן גענעראַל־שטאַב: אַ אָן רחמנות־דיקע מלחמה, ווייל אַזוי איז געווען דער היטלער־באַפעל!

פינסטערלעך, זענען מיר אָנגעקומען אין שטעטל טורקי. אין שטעטל איז נישט געווען קיין קיום און געביין פון מענטשלעכן לעבן. מיר האָבן זיך פאַר־זאַמעלט אין דער שטעטישער יידישער שול, קלערנדיק, אַז דאָרטן וועלן מיר געפינען יידן, וועלכע וועלן אונדז אין אונדזער לאַגע — אַרויסהעלפן, ווייל מיר זענען אָן געלט און אָן דאָקומענטן און הונגעריקע. די שטאָט טורקי האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרלאָזטע. מיר פון צופיל מידקייט האָבן זיך אויס־געלייגט אויף די דאָרטיקע בענק כדי כאָטש אַביסל פון דעם טאָגיקן מאַרש אָפּרוען.

וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע האָבן מיר נישט געהאַט קיין אַנונג, אָבער אָנקוקענדיק דאָס לויפעניש און יאָגעניש פון מענטשן, האָט שוין אָנגעוויזן אויף דעם, אַז מיר ברויכן זיך גאָרנישט פרעגן. יעדער איז מיט זיינע פּער־זענלעכע צרות און טאָקע בעסער זיך נישט פרעגן. אַזוי, נאָכן זיך אַביסל אָפּרוען האָבן מיר באַשלאָסן דאָך, אפשר עמיצן אויסגעפינען אין דער שטאָט־פינסטערניש, ווייל פאָרט זוינען דאָרטן מענטשן, אַרויסגייענדיק טאָקע פון דער שול, האָבן מיר געטראָפן אַן אַלטיטשקע פרוי, אַ יידישע, וועלכע האָט אונדז, צו זיך גערופן. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו איר און זי געפרעגט, וואָס זי ברויכט? דעמאָלט האָט זי אונדז געבעטן פירן זי פון דאַנען נישט ווייט צו איר זון, ווייל אין דער פינסטערניש קען זי אַליין נישט גיין.

מיר האָבן גענומען די אַלטיטשקע ביי דער האַנט און געפירט זי אַהין, וווּ זי האָט אונדז אָנגעוויזן „דאָ וווינט מיין זון” — האָט זי געזאָגט. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין טיר, עס האָט זיך אין איר באַוויזן אַ יונגערמאַן אַן ערך אין די 30־קער יאָרן און מיר אַנווייזנדיק אויף דער אַלטיטשקער האָבן געזאָגט:

„מיר האָבן אייך געברענגט די מוטער זי האָט זעט אויס פאַרבלאָנדזשעט“. ער דער זון דערהערנדיק מײַנע ווערטער האָט שנעל פאַרמאַכט די טיר, זאָגנדיק דערבײַ, אַז „דאָס איז נישט זײַן מוטער און וועט זי אין שטוב נישט אַרײַנלאָזן“. דערשוינט פון אַזאַ ענטפער האָבן מיר, אים פרובירט איבערצײַגן, אַז מיר זענען געקומען פון קאַליש, דעריבער קענען איר דער אַלטיטשקער מיט גאָרנישט העלפן, ווײַל מיר זעלבסט זענען אין שטעטל נאָר דורכגייער און פאַרשטענדלעך מאָרגן זענען ממשיך אונדזער וועג. אלא, וואָס שייך דער פרוי, וועט איר נישט קענען אייביק לייקענען, אַז זי איז נישט אייער מוטער בשעת ווען די פרוי טענהט, אַז איר זענט יאָ איר זון משה, אַזוי ווי די פרוי רופט אייך.

די אַלטיטשקע האָט טאַקע געהאַלטן אין איין שרײַען, אַז דאָס איז איר זון און אַז זי וועט בלײַבן זיצן אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, כדי ער, דער זון זאָל זיך איבער איר דערבאַרעמען, איבער איר. מוטער, מיר האָבן טאַקע געגלויבט דער אַלטיטשקערס רייד, ווײַל צו וואָס, האָט זי באַדאַרפן זיך אויסקלערן אַזאַ מעשה, אַז דער מענטש, וועלכער וווינט דאָ, איז דווקא איר זון און הייסט משה. ממש נישט באַגרײַפלעך איז פאַר אונדז געווען דער פאַקט פון אַזאַ באַציאונג פון אַ זון צו אַ מוטער, נישט גלויבלעך, נאָך אַזעלכעס בײַ אונדז ייִדן!?

אַזאַ מין נישט מאָראַלישע באַציאונג פון אַ זון צו זײַן מוטער האָט אונדז שוין אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה ממש אויפגעשוידערט, דעמאָלט, ווען מיר האָבן געזען מענטשן אויף די דאָרטן פרשת־הדרכים טיילן ברויט פאַר הונגעריקע אַדורכגייער, און דאָ דווקא בײַ אונדז ייִדן אַזאַ עקעלדיקייט, אַזאַ פאַרקריפלונג אַזש עס האָט אונדז ממש אונטערגעטראָגן, מיר האָבן דעריבער אויפגעהערט צו קלערן פון אייגענעם הונגער און הייִנטיקער באָמבאַרדירונג און פון די אַלע געשאָסענע טויטע קערפערס, און אַנטוישט פון אַלעמען זענען מיר צוריק אַרײַן אין דער שול כדי דאָך אַביסל אָפּרוען און צוגלײַך מיטן טאָג פאָרזעצן אונדזערן וועג אַהיים.

אויפצומאָרגנס, נאָך פינסטערלעך זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף, ווו מיר האָבן אָנגעטראָפן פוילישע זעלנער, רײַטער, די פערד זענען בײַ דער זעלנער־קאָמפאַניע געווען גרויסע און שטאַרק פעטע. די זעלנער־קאָמפאַניע איז געווען די ערשטע פוילישע מיליטער־גרופּע און אויך די לעצטע, וועלכע מיר האָבן געטראָפן אין אונדזערן גאַנצן וועג גאַנג ביז אַ היים. אַרום דער דאָזיקער קאַוואַלעריע־גרופּע האָבן זיך געדרייט: מענטשן ציווילע, אַדורכגייער, און סתם אַנטלאָפענע דערזעענדיק אַזעלכעס האָבן מיר זיך אויך צוגעשאַרט צו דער זעלנער־גרופּע. נאָכמער, זעענדיק די ליבעראַלע באַציאונג פון די זעלנער צו די ציווילע מענטשן האָבן מיר, גייענדיקע פון דער תפיסה, באַשלאָסן, בעטן בײַם דאָרטיקן

אָפּיציר פון דער קאַוואַלעריע אָפּטיילונג אונדז אָנקאַרמען, דערציילנדיק אים, אַז אַזוי־ווי מיר זענען אַרויס פון דער שטאָט קאַליש אין מאָמענט, ווען דער דייטש איז אַהין אין שטאָט אַריין, דעריבער האָבן ביי זיך נישט קיין געלט און זוי אויך קיינע דאָקומענטן. דער קאַוואַלעריע־אָפּיציר האָט זעט אויס געגלויבט אונדזער דערציילונג און האָט תיכף פאַראָרדנט — אַזויווי עס איז פּונקט געווען דער סאָלדאַטן־פרישטאָג, אונדז אויך אָנקאַרמען.

די זעלנער פון דער קאַוואַלעריע־אָפּטיילונג זענען געווען צעשפּרייט אין עטלעכע דאָרפישע הייזער, דאָס כדי נישט ווערן באַמערקט פון שונא. דעמאָלט האָט מען שוין געהערט פון פאַרשידענע שפּיאָנען, וועלכע וואַנדלען אַרום אין דער געגנט מיט אַזעלכע ראַדיאָ־הילכער און איבערגעבן מיט דער הילף פון זיי איינצלהייטן וועגן באַגעגנטע פּויליש מיליטער־גרופּן, וועלכע מען זאָל קענען שפּעטער באַמבאַרדירן און פאַרניכטן. מענטשן, דעמאָלט האָבן זיך נאָך נישט געקענט גלויבן אַז, מיט אַזעלכע מיטלען קענען די דייטשע שפּיאָנען זיך באַנוצן. אַלענפאַלס די זאַך וועגן אַזעלכע דייטשע שפּיאָנען איז אונדז דעמאָלט גוט אַריין אין זכרון בשעת אונדזערן גיין אַהיים.

מיט אַ שעה שפּעטער — דערפרישטע און אָנגעגעסענע, זענען מיר ווידער געווען אין וועג. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אויף — וואַרשע, אויסמיידנדיק די שטאָט — לאָדזש, ווייל מענטשן האָבן געשמועסט, אַז אין לאָדזש געפינען זיך שוין אויך דייטשן. דעריבער האָבן מיר גענומען אונדזער וועג אויף לענטשיץ.

דערווייל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז, די פאַרשידענע קלאַנגען וועגן די שפּי־אָנען זענען ריכטיק, ווייל ווי נאָר מיר זענען אַריין אין נאָענטסטן דאָרף האָבן זיך אויף אונדזערע קעפּ אַ לאָז געגעבן אַ קליין ביסל דייטשע עראָפּלאַנען און עס האָט זיך אָנגעלויבן דאָס שוין אונדז באַקאַנטע בילד: אַ מוראדיק באַשיסונג מיר זענען געלאָפן צוגלייך מיט אַלע, צו די אַהין שטייענדיקע הייזקעס אין דאָרף. אָבער דווקא אַזעלכעס איז געווען אַ גרויסע סכנה, ווייל אַממייסטן האָבן דעמאָלט געשאָסן צו די שטייענדיקע מענטשן נעבן די ווענט. מיר אַלע האָבן אין פאַר־צווייפלונג אָנגעהויבן יאָמערן. נעבן מיר אַ פּויער האָט ווידער אָנגעהויבן זיך צלמען ווי שוין פריער דאָס באַקאַנטע בילד פון דער פריערדיקער באַמבאַרדירונג. דערווייל האָט עמיצער געשריגן: לויפט צום גאָרטן אין די קאַרטאָפל דאָרטן, איז זיכערער ווי שטיין ביי דער וואַנט! איך נישט לאַנג טראַכטנדיק האָב אויסגעמיטן די הייזקע און זיך געלאָזט נאָכן געשריי צו די קאַרטאָפל און אין זיי זיך אַריינ־געוואָרפן. וואָס אַ אמת, אַז, דער געשריי איז ווי פון גאָט געקומען דער געשריי איז געווען פאַר מיר דעמאָלט שטאַרק גורלדיק.

די מעשה מיט דער קלייגער באַמבאַרדירונג איז געווען אַזוי: די עראָפּלאַנען

האָבן זעט אויס געזוכט די פּוילישע קאַוואַלעריע־איינהייט, ביי וועלכער, מיר האָבן געגעסן. נאָר זעט אויס אַז, די אָנגעגעבענע שפּיאָנאַזש־אינפאָרמאַציע איז נישט געווען פּונקטלעך אָדער אפשר, האָבן אויך דאָרטן באָמבאַרדירט — וועגן וועלכער איך קאָן נישט וויסן. דאָך פון דער קליינער באָמבאַרדירונג, איז אויך דער טויט־שניט געווען גרויס: עטלעכע טויטע סאָלדאַטן זיצנדיקע אויף זייערע ראָוווערן, וועלכע האָבן געזוכט שוץ אונטערן גרויסן ברייטן בוים. און אַ סך שרייענדיקע פאַרוואונדעטע אַדורכגייער, וועלכע זענען געלעגן אויף דער גאַנצער לענג פון שאָסיי־וועג.

עס איז געוואָרן ווידער פינסטערלעך און קיין לענטשיץ האָבן מיר נאָך געהאַט אַ שפּאָר שטיקל וועג. דעריבער, האָבן מיר באַשלאָסן ערגעץ־ווו, פאַרן אַריינקומען אין שטאָט לענטשיץ איבערנעכטיקן מיר זענען אָנגעקומען אין אַ פּריצישן הויף, דער אייגנטימער האָט אונדז געצייגט אַ בוידעם מיט פּריש שמעקענדיק היי, נישט לאַנג טראַכטנדיק האָבן מיר באַשלאָסן אין דעם הויף איבערנעכטיקן, נאָר צוערשט האָבן מיר איינגעשטעלט צווישן זיך אַ וואַך־דיזשור. אין יענעם טאָג זענען מיר געווען נאָר בלויז 8 פּערזאָן, ווייל צוליב מער זיכערקייט האָבן מיר זיך ווידער צעטיילט אין קלענערע גרופּן, דריי פון אונדז זענען געווען פּאָליאַקן און פינף זענען מיר געווען יידן. אַלע זענען מיר געווען יונג, נישט קיין פאַרהייראַטע, אַ חוץ איינער — מאַריאַן, האָט געהאַט ערגעץ־ווו, אין קיעלצער געגנט אַ פרוי מיט קינדער. אַלע מיר, צווישן זיך זענען געווען באַזאָרגט און קיין דיסקוסיעס האָבן מיר נישט געפירט. נאָר פלעגן זיך טיילן מיט דער מיינונג, וועלכעס אָרט איז למשל זיך אויסצובאַהאַלטן זיכערער בשעת אַ לופט־אָנגריף.

דערמאָנענדיק די אַמאָל ביי אונדז געפירטע דיסקוסיעס אין די תפיסה־קאַמערן, וועגן דער מלחמה, האָבן מיר שוין איצט נישט געצווייפלט, דערקענט די הייניטיקע ניי־מאָדערנע מלחמה. מיר האָבן שוין די מלחמה געזען אין יעדער שטוב, אין יעדן ווינקל, ווו נאָר מענטשן זענען געווען און געלעבט. מיר האָבן שוין געזען די מענטשן אין זייער וואַנדער־וועג, אין רעזולטאַט פון דער מלחמה, מיר האָבן געזען די פּיינען און קלאָגן און די מענטשנס ביטערן גורל, דאָס בסך הכל ערשט אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה.

כאָטש אין אמתן געזאָגט האָבן מיר נאָך נישט געזען קיין ממשותדיקן פראָנט, מיר האָבן אַפילו נאָך נישט געזען קיין ממשותדיק מיליטער. חוץ דעמאָלט אין קאַליש בשעתן אַהין אַריינשפּרייזן די דייטשע מאָטאָציקלען־גרופּע. דערפאַר האָבן מיר טאַקע געזען די מעסערשמידט־עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן אַן

רחמנות געזייט טויט און פאַרניכטונג אין יעדן דאָרף און שטעטל, ווו זיי זענען נאָר פאַרבייגעפלויגן.

פריער איידער מיר זענען אָנגעקומען צום פּריציִשן הויף האָבן מיר געזען אַ זיך רויטנדיקן הימל, מענטשן האָבן גערעדט וועגן דעם, אָנווייזנדיק, אַז דאָס ברענט — לאָדזש. אַנדערע גאָר האָבן געטענהט, אַז לאָדזש איז שוין פון נעכטן פאַרכאַפּט. אונדז האָט אַזעלכעס געוווּנדערט, הייסט עס, אַז די דייטשן שטראָמען סיי פון מזרח־פּרייסן און סיי מערבדיק, הייסט דאָס, אַז שוין זענען מיר באַלד געגנצלעך אין די הענט פון די דייטשע אַגרעסאָרן. דער מענטשן־שטראָם איז דאָ געוואָרן גרעסער, ווייל וואָס נענטער צום צענטער־לאַנד האָט זיך דער מענטשן־שטראָם אַלץ מער פאַרגרעסערט. די בהלה איז דאָ געווען נאָך גרעסער, די לויפנ־דיקע געיאָגטע מענטשן האָבן נישט געוווּסט, ווו זיך צו ווענדן, ווייל דאָ, איז מען שוין געלאָפן אָן אַ ציל, אַבי פון דעם דייטש אַוועק. אַלעס דאָס האָט אויסגעזען ווי אַ נייע מענטשן־וואַנדערונג געיאָגט פון אַ בלוט גייציקן שונא.

מיר חברה זענען געווען פאַרכמורעט און פאַרזאָרגט יעדער אין זיינע מחשבות, יעדער האָט אין זיינע מחשבות מורא געהאַט פאַר יענעם זיך אָנפאַרטרויען, און דער עיקר, ווען מיר זענען איצט געוואָר געוואָרן וועגן דעם צווישן־דייטשלאַנד און רוסלאַנד אונטערגעשריבענעם נישט־אָנגרייפס־אָפּמאַך זענען געווען שטאַרק אויף זיך זעלבסט־פאַרדראָסיק, ווייל מיר האָבן זיך געפילט אַלס שולדיקע אין דער גאַנצער אָנפאַלנדיקער אויף פּוילן מלחמה.

מיר האָבן געזען דעם גרויסן בלוט־שניט צו וועלכן, ווי וואָלטן געהאַט אַ מאָראַלישן חוב ווי אַ מיטשולד אין דער גאַנצער מלחמה. אַזעלכעס, האָבן מיר געקלערט איז ערשט אויף די פּעריפעריעס, פרעגט זיך וואָס אַזעלכעס געשעט דאָרטן אין די גרויסע צענטערן, ווו מערער באַוווינען מענטשן, ווייל דאָך די פאַשיסטן זוכן אַזעלכע מאַסיווע סטראַטעגישע פּונקטן, וועלכעס איז שטעט מיט גאָר גרויסער באַווינטער באַפעלקערונג.

מאַריאַן, דער עלטסטער אין אונדזער גרופּע האָט געשפּרייזט נעבן מיר. מיר האָבן זיך נאָר געקענט פון יענע מאַקאַטאַוו־צייטן ער, מאַריאַן האָט פּשוט געשטוינט־: פאַרוואָס זעט מען נישט קיין הילף, די צוגעזאָגטע פון ענגלאַנד ? אינטערעסאַנט, אַז בשעת יעדן דורכפליענדיקן עראָפּלאַן פלעגן די לויפנדיקע מענטשן נאָכקוקן מיט זייערע אויגן אין הימל, פרעגנדיק זיך, אפשר שוין איז דער פון די צוגעזאָגטע ענגלישע עראָפּלאַנען. וועלכע דאַרפן קומען אונדז צו הילף, ווייל דאָס, איז דאָך פּאָרט די איינציקע פאַרן פאַליאַק טרייסט. **אלא**,

וואָס שייך דער גרויסער פּוילישער מיליטערישער מעכטיקייט האָבן אַלע בירגער אין לאַנד שטאַרק נישט געהאַט צו איר קיין צוטרוי.

מאַריאַן, וועלכן דווקא איך האָב געקענט פון דער גאַנצער צייט און אים געהאַלטן פאַר שטאַרק אין זיך פאַרמאַכטן טיפּ האָט זיך אין די טעג אַנגע־הויבן פאַר מיר אויסרעדן. ער האָט מיר דערציילט וועגן זיינע זאָרגן, וועגן דער דאָרטן ערגעץ־ווו, אין קיעלצער געגנט משפחה: פרוי און קינדער. מאַריאַן איז געשפּרעך צו מיר האָט אויסגעדריקט זיין פאַרדרוס צו די ענגלענדער, צו די רוסן. צו די רוסן האָט געהאַט גערעכטע טענות פאַרוואָס האָבן איבערהויפּט אָנערקענט אַזאַ בלוטיקן מענטשן־שונא, די היטלעריסטן, ווייל, זיין נישט דאָס אונטערשרייבן מיט די דייטשן דעם נישט־אַנגרייפס־פּאַקט, וואָלטן די נאַציסטן אפשר נישט אָנגעהויבן זייערן בלוט־רויב אויף פּוילן, נישט וויניקער פאַר־דראָסיק בין געווען אויך איך דאָך, האָב איך מאַריאַנען געטרייסט. כאָטש צו יענער צייט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיינע צרות זענען פיל גרעסערע, מיר איז שוין געווען דעמאָלט פאַרשטענדלעך, אַז אַלס ייד וואַרטן מיך פיל גרעסערע צרות, וועלכע זענען שוין געווען באַקאַנט פון די פריערדיקע דייטשע אַנעקסיעס.

אַזוי זענען מיר געגאַנגען יעדער מיט זיינע מחשבות, פּלוצלינג האָב איך געהערט מאַריאַנען זיך אונטערזינגען זיין באַליבט לידעלע: „ווען אויף אַ מלחמהלע, אַ מלחמהלע, איז אַוועק דער מלך. פאַר אים, דעם מלך האָבן געשאַלן טרומפּייטען זעלנערישע, גאָלדענע, און דעם מלך אויף אַ מלחמהלע, און צו אַ מלחמהלע גערופן". אָבער נישט אַזוי — האָט צוגעגעבן איז דאָס היינטיקע מלחמהלע.

מיטאָג־צייט זענען מיר אָנגעקומען אין שטעטל לענטשיץ. דאָ, האָט מען דערקענט שוין מער באַוועגונג, ווי אין די פריערדיקע, דאָס לעבן אין שטעטל איז זעט אויס אויך מער געווען אָרגאַניזירט. אויף די גאַסן האָבן געשפּרייזט מענטשן מיט ביקסן און אויף זייערע אָרמלען רויטע לענטעס, וועלכעס מיר האָבן שוין געזען אין שטאָט קאַליש. גערופן האָבן זיך — „מיליץ", שטעטישע אָרדע־נונגס־היטער. טאַקע באַלד האָבן מיר זיך איבערצייגט אין זייער טיכטיקייט. געזען האָבן אין אונדז פרעמדע, און פאַרשטענדלעך פאַרלאַנגט פון אונדז אויס־קונפט־דאָקומענטן. מיר האָבן דערציילט אונדזער באַקאַנטן סיפור המעשה, אַז שטאַמען פון קאַליש, פליטים און אַז מיר זענען אַוועק פון דער שטאָט אין מאָמענט, ווען די דייטשן זענען אַהין, אַריין. אַזוי, אַז מיר האָבן אפילו נישט געהאַט קיין צייט אויפצוזוכן אונדזערע דאָקומענטן.

אונדזערע דערציילונגען זעט אויס האָט זיי נישט צופרידנגעשטעלט און

כדי צו ציַיגן זייער חוב, האָבן דערוויַיל אונדז פאַרבעטן אין דאָרטיקן פּאָליציַיי־אַרעסט. דורך אַגב האָבן מיר געטראַכט, קאָן קומען צו אַזאַ מין מעשה, צו וועלכער מיר האָבן זיך טאַקע מיט אונדזער סיפּור־המעשה פאַרענטפערט, אָבער מיר האָבן זיך געטראַכט, דאָך האָבן אַן אויסזען פון פּוילישע, רעדן פּויליש און אויך צווישן אונדז זענען דריַי חברים ממש פּאָליאַקן, פּוילישע בחורים. דאָך האָט אונדזער אַרעסטירן אונדז שטאַרק נישט געשמעקט. מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז אויב זיי וועלן אונדז חושד זיין אין שפּיאָנאַזש, קענען זיי אַזעלכעס באַגריַיפן און זיי וואָלט געווען צו אונדז דעמאָלט אין אַזאַ מאָמענט, דעריבער נישט לאַנג קלערנדיק האָבן מיר באַדאַרפן פון דאָרטן זיך אַרויסקריגן. אַזאַ זאַך, ווי חס־וחלילה מאַכן אונדז פאַר שפּיאָנען אין דער מענטשלעכער בהלה איז שוין אונדז געווען באַקאַנט. טאַקע ריכטיקע שפּיאָנען האָבן קיינמאָל נישט געכאַפּט אָבער געמאַכטע האָבן אין זייער טעטיקייט יאָ געהאַט, אַזעלכע ווי למשל יידן אָדער אַן אַנגעוויזענעם קאָמוניסט. דער רעזולטאַט האָט דעריבער געקענט אויך פאַר אונדז אַלע אַכט פּערזאָן, ווייל סיי אַלס יידן און סיי אַלס קאָמוניסטן זיין שטאַרק סכנהדיק.. בפרט שוין ווען מיר האָבן געהאַט שוין אַ געוויסע פּראַקטיק אין דער באַציאונג פון דער מיליץ סיי ענדעקישער און סיי פּעפּעסישער צו אונדז קאָמוניסטן. שוין אין יענער צייט האָבן זיך געהערט וועגן אַזעלכע אויסגעפירטע דאָראַזשנע משפּטים איבער נעבעך פאַרכאַפּטע אומגליק־לעכע מענטשן פון די הענט אַזעלכע מלוכה היטער מיליץ אין די דאָרטיקע שטעט.

מיר, תיכף נאָכן אונדז אריַינפירן אין דאָרטיקן אַרעסטן־קאַמער האָבן נישט פאַרזוימט אָנגעהויבן קלערן וועגן זיך אַרויסבאַקומען צוריק אויף דער פריַי. אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן אָבסערווירן אַרום דעם אַלעמען וואָס דאָרטן אין דעם פּאָליציַיי־אַמט געשעט. דאָס ערשטע האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז דער קאַמער איז נישט פאַרשלאָסן, וועלכעס האָט אונדז צוגעגעבן קוראַזש. דעריבער אָפּזייענדיק דאָרטן אין קאַמער אַ ערך אַ שעה, ווען אויך קיינער האָט זיך מיט אונדז נישט פאַראינטערעסירט און אויך האָבן מיר באַמערקט דעם דאָר־טיקן נישט סדר, רעש און געפילדער, ווען אַלע אינאיינעם רעדן, מאַכן מיט די הענט, האָבן מיר באַשלאָסן אין דער סאַמאַטאָכע זיך איינציקערוויַיז אַרויס־קריגן און פון דאָרטן נעלם ווערן.

אַזוי טאַקע האָבן מיר זיך געבעטן אין די דאָרטיקע שרותים און אַזוי ווי די שרותים זענען געווען ביים אַריַינגאַנגס טיר פון דעם פּאָליציַיי־אַמט און פון דאָרט וויַיטער אַרויס אויף דער גאַס, דאָס טאַקע האָבן מיר געטוען. אַזוי אַז אין משך פון אַ האַלבער בלויז שעה זענען מיר געווען שוין וויַיט

פון דער שטאָט און פאַרגעזעצט אונדזער וועג אַהיים. אַזוי איז געווען אונדזער צווייטע באַגעגעניש מיט דער מיליץ אין יענע מלחמה טעג, וועלכע האָט געקענט זיין פאַר אונדז גרויס טראַגיש.

אינטערעסאַנט איז, אַז שוין אין יענע אָנהויב טעג פון דער אָנפאַלנדער אויף פוילן מלחמה, האָבן די פּאָליטישע דאָרטן אין פוילן פּאַרטייען, נישט געפונען צווישן זיך קיין אחדות. די אַלע פּאַרטייען וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געקענט רעאַל אָפּשאַצן די דעמאָלטדיקע אין פוילן פּאָליטישע לאַגע, האָבן דווקא אין באַצוג צו איינס, וועלכעס איז געווען די יידן פראַגע, יאָ צווישן זיך געפונען די נויטיקע אין דעם אחדות. וועלכעס איז געווען נאָר בלויז העץ־שנאה צו דער יידישער באַפעלקערונג. דעריבער האָט טאַקע געוויל־דעוועט אין פוילן שטאַרק די יידן־שנאה צו יענער צייט בפרט, איצט אין דער אַזוי געשאַפענער לעבענס־אַנאַרכיע אין רעזולטאַט פון דער מלחמה. אין די טעג, ווען אין גאַנצן לאַנד איז נישט געווען קיין סדר, ווען אין יעדן ווינקל האָט נאָר געהערשט די אַנאַרכיע, ווען פּלוצלינג פון דער אַזוי גרויסער פּוי־לישער מעכטיקייט איז אין געציילטע טעג געוואָרן נאָר אַ זייפנבלאָז, ווען די גרויס מעכטיקע פוילישע רעגירונג און שטאַרק מעכטיקע מיליטערישע מאַכט וועלכע האָט נישט געוואָלט אָנערקענען די רוסישע מיליטערישע פּאַטענץ אַלס וויכטיקן מיליטערישן באַדייטונגספולן גורם, דערפאַר האָבן זיך געהאַלטן פאַר אַ מיליטעריש שטאַרק מעכטיק לאַנד, איז צום שפּאַס פון גורל געווען אין די ערשטע בלויז מלחמה־טעג צעשמעטערט אין דייטשן בליץ־קריג! דעמאָלט, אין יענע טעג, ווען דאָס גרויס מעכטיקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם זעלבסמערדערישן קאַמף, וועלכן האָבן געפירט די פוילישע קאַוואַלעריע איינ־הייטן מיט נאָר שווערדן און ביקסן, קעגן דעם נייעם מאָדערנעם מעכאַנישן געווער, וועלכעס איז געווען די דייטשע פאַנצער גרופּען.

אין צווישנצייט זענען די פוילישע מיליטער־כוחות, וועלכע האָבן נאָר געקענט פאַסיק זיין צו די קאַמפן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געלעגן שוין נידערשלאָגן צופיסענס פאַרן דייטשן אַגרעסאָר, דאָס נאָך איידער מיר זענען אָנגעקומען אויפן וועג אַהיים קיין וואַרשא, חוץ נאָר צוויי גרעסערע מיליטער־פּונקטן ווי די פעסטונג מאדלין און די הויפּט־שטאָט וואַרשא. אַלעס דאָס איז געשען בסך הכל נאָר אין דער ערשטער וואָך פון דער אָנפאַלנדיקער אויף פוילן — מלחמה.

אין דער צייט, ווען צווישן אַנדערן איז אין גאַנצן לאַנד געווען אַ פול־שטענדיקע אַנאַרכיע, עס האָט שוין נישט געהערשט קיין געזעלשאַפטלעכער סדר, איז אין שייכות דערמיט האָבן אפילו קורסירט קלאַנגען וועגם דעם, אַז

די גרויס מעכטיקע בעק־סמיגלי־רעגירונג איז שוין ווייט אויסער די גרענעצן פון אייגענעם מעכטיקן לאַנד. דאָס הייסט האָבן פאַרלאָזט דאָס גאַנצע פאָלק, דאָס לאַנד, און רעטענדיק איר אייגענע הויט — אַנטלאָפן. דעמאָלט, אינערלעך אין לאַנד גופא איז פאַרבליבן דער איינציקער זייער נישט אויפגעגעבענער קאַמף, וועלכעס איז געווען דער קאַמף קעגן די יידישע בירגער.

דעריבער האָבן זיך פאַר מיר ווידער פאַרגעשטעלט, די אונדזערע לעצטע אין תפיסה טעג אין שטאָט קאַליש, ווען נאָכן אַנטלויפן פון דער דעמאָלטדיקער תפיסה מאַכט זענען מיר פאָליטישע אַרעסטירטע געבליבן פאַרשפאַרט אין דער תפיסה, כדי אונדז אַלס געשענק איבערלאָזן פאַר דער דייטשער פאַשיסטישער מאַכט, ווייל דאָך איז געווען באַוווסט, וואָס פאַר אַ באַציאונג האָבן די נאַציסטן איבערהויפּט צו יידן און בפרט אויך אַלס קאָמוניסטן.

אַזוי האָבן אויך נישט בעסער געהאַנדלט די פוילישע פּעפּעסעשע־מיליץ, וועלכע אַנשטאָט אונדז דעמאָלט פון תפיסה באַפרייען, האָבן אונדז נאָך שטאַרקער אונטער די דאָרטיקע תפיסה שלעסער פאַרמאַכט. אַזעלכעס האָבן געטוען וויסנדיק, אַז מיר זענען אַן שפּייז און אַן יעדער באַדינונג, ממש הפקר, בשעת ווען די דייטשע פאַשיסטן זענען אַריין אין שטאָט קאַליש.

דער באַפעל פון דער גרויס געוואָרענער אין פוילן גרויס־מאַכט, די באַהערשערין און באַצווינגערין מיט כוח אַ פאָלק, די הערשערין פון אַרויפּ־געצוווּנגענעם אין דער הויך פוילן־לאַנד, אַזעלכעס איז דאָך געווען נאָר ערשט נעכטן בשעת דער מינכענער פאַראַט־קאָנפערענץ, דעריבער האָבן זיך היינט אין רעזולטאַט פון אַזאַ גרויס מעכטיקייט געקענט באַגיין אַזוי נידערטרעכטיק און פאַרברעכעריש צו אירע אייגענע בירגער צוליב דעם, ווייל אַזעלכע זענען געווען פאָליטיש אַנדערש געשטימט, אַזעלכעס איז געווען אַן אויסדרוק פון נקמה. און ווי אויך אין דער שפלות האָבן די דאָרטיקע תפיסה־משרתים זיך נישט געשעמט איינטינקן זייערע ברודיקע הענט אין אונדזערן איבערגעבענעם אין זייער רשות געלט־דעפּאָזיט און אַנדערע ווערטפולע זאַכן.

דאָס אַלעס האָבן מיר אַנגעהויבן פאַרשטיין איצט אין אונדזערן וועג אַהיים, בשעת מיר זענען געווען אַ פאַר שיינע קילאָמעטער ווייט פון לענטשיץ. דעמאָלט ערשט האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט ווי גרויס האָט געקענט זיין פאַר אונדז די סכנה, אין יענעם דאָרטן שטעטישן לענטשיצער פאָליציי־אַרעסט.

די מעשה וועגן דאָרטיקן לענטשיצער פאָליציי־אַרעסט האָט אַרויס־גערופן ביי אונדז גרויסע רוגזה. דער עיקר האָבן געפייערט אונדזערע פוילישע יאַטן די סטודענטן פּעלעק און סטאַשעק, איצט האָבן ערשט פאַרשטאַנען די דאָרטן אין תפיסה אַדורכגעלעבטע לעצטע טעג. זיי די סטודענטן האָבן אויך

געפּײערט אויף דער גאַנצער מלוכה ווי איצט וואָלטן פאַרשטאַנען די באַציאונג פון דער גאַנצער פּוילישער רעגירונג צו אירע בירגער.

אין דעם מאָמענט האָבן מיר, איך און נעבן מיר מיין שפּאַצירנדיקער חבר — מאַניעק, זיך איבערגעקוקט דאָס צוליבן אַגווענדן דאָס וואָרט „דאָרטן". דאָס וואָרט דאָרטן האָט געהייסן די נעכטיקע תפיסה און דאָס האָט אונדז ביידע מיך און מאַניעקן דערמאָנט, אַז צוריק מיט דריי טעג אין קאַמער, בשעתן דעם דעמאָלטדיקן אויפהאַקן די תפיסה־קאַמערן זענען מיר געווען נאָר זאַלבער צווײ אין קאַמער, אַזעלכעס איז געווען פאַר אונדז ביידע — טראַגיש. ווייל ביידע צוזאַמען האָבן מיר נישט געהאַט דעם גענויען פיזישן כוח אויפצוהאַקן דעם אונדזערן קאַמער־שלאָס. און געווען איז די מעשה, ווייל אונדזער קאַמער איז געווען אויפן שטאָק דער סאַמער לעצטער ביי דער וואַנט, אַזוי אַז צו יענער צייט, ווען מיר האָבן געפירט די אונטערהאַנדלונגען מיט דער דאָרטיקער פּ.פּ.ס.־מיליץ וועגן אַרויסנעמען אונדזערע ציווילע מלבושים פון דאָרטיקן תפיסה מחסן האָט פּאַסירט, אַז אין די אונטערהאַנדלונגען האָבן אונדזערע חברים אין סטיכישן געראַנגל אָפּגעשטויסן אַלע שטייענדיקע מיליציאַנערן און געלאָפן אַהין צום מחסן נאָך זייערע מלבושים.

די מיליץ זעענדיק אַזעלכעס, האָבן אָנגעהויבן שיסן ממש אויף דער חברה ־וועלענדיק זיי אַרייניאָגן צוריק אין די קאַמערן, אַזוי איז אין רעזולטאַט פון דעם געלויף זענען די לויפנדיקע חברים כדי נישט ווערן געטראָפן פון דער שיסערײ אַריין אין די ערשטע אָנגעטראָפענע אויפן וועג תפיסה־קאַמערן, צוליב דעם זענען מיר, איך און דער חבר מאַניעק וועלכע זענען געווען אין לעצטן קאַמער און געבליבן טאָקע אין צווייען בשעת דעמאָלטדיקן שיסן און נאָכהער אויך ביי דעם פאַרשליסן די קאַמערן אויפן דאָרטיקן תפיסה שטאָק.

אין רעזולטאַט פון דעם, בשעתן אויפברעכן די תפיסה קאַמערן זענען מיר טאָקע אין קיין פאַל נישט געווען מסוגל מיט אונדזערן כוח אויפהאַקן דעם תפיסה־שלאָס, ווייל אין צווייען האָבן מיר נישט געקענט דערלאַנגען דעם נויטיקן שטאַרקן קלאַפּ אַז דער שלאָס זאָל זיך נאָכגעבן.

מאַניעק איז געוואָרן שטאַרק פאַרצווייפעלט, ער האָט ממש פאַרבראָכן מיט די הענט דאָס זעלבע איך. דאָך האָב איך אין זיך געפונען נויטיקן מוט און אים מאַניעקן צוגעגעבן טרייסט און שוווּנג. איך האָב געטענהט — שרעק זיך נישט מאַניעק, מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז מיר וועלן זיך אַרויסבאַקומען פון דאַנען דער פאַרשאָלטענער תפיסה און אויב נישט מיט אונדזערע כוחות — ־זועלן אונדז די חברים פון דרויסן — אַרויסהעלפן. אַזוי איז געשען, מיר טאָקע מיטן אונדזערן גאַנצן אָנשטרענג האָבן גאָרנישט געקענט אויפטוען, אָבער די חברים וועלכע

זענען שוין געווען אויף דער גאַלעריע האָבן אונדז מיט מסירת נפש געהאָלפן. זיי האָבן אונדז מבטיח געווען, אַז וועלן זיך נישט רירן פון דאַנען, ביז וועלן אונדז נישט באַפרייען. טאַקע נאָך לאַנגן אָנשטרענג אויסהאַקנדיק די גאַנצע וואַנט אויסערלעך אַרום דעם שלאָס, האָבן טאַקע מיט גרויס מי אונדז ענדלעך באַפרייט.

די געשיכטע פון דעם „דאָרטן" איז אַזוי ביי מיר און חבר מאַניעק געלעגן טיף אין אונדזערע אָדערן, דאָך האָט מיך איצט דער חבר מאַניעק פאַרשטאַנען און ער האָט מיר הארציק מיין האַנט געדריקט. איך דאַקעגן האָב אים גע־ענטפערט, מאַניעק — מיר וועלן פון דעם איצטיקן אומגליק אויך אַרויס בשלום.

מאַריאַן גייענדיק נעבן מיר האָט ווידער געפייערט, געווען אָנגעכמורעט. ער האָט מיך געפרעגט פאַרוואָס איז געווען אַזוי גרויס די פוילישע עקשנות פאָליטיק אין וועלן נישט אָננעמען די פאַרגעשלאָגענע פון דער רוסישער רעגירונג הילף, אויב אַזוי וועט זשע וועט אונדז קומען צו הילף, די ענגלענדער, ווו זשע זענען זיי? דאָך ברויכט עמיצער מיט אונדז פאָליטיש זיין פאַרבינדן. ווו פרעגט ער, איז די וועלט אין דעם גרויסן קאַמף, ווו איז די וועלט מאָראַל? אַנדערש, וואָס האָט די פוילישע רעגירונג געדענקט אין דעם מצב, אָפּזאָגנדיק די רוסישע הילף?!

אמת איז, אַז אַלע דעמאָלט לויפנדיקע מענטשן, געיאָגטע פון שונא האָבן אַזוי טאַקע געדענקט. די אויגן פון אַלע איז געווען געוואָנדן צום הימל, זוכנדיק די ענגלישע עראָפּלאַנען, ווייל יעדער איינער האָט געלעכצט זיך שאַפן די קלענסטע כאָטש סאַטיספאַקציע, אַז דאָך זענען מיר אין קאַמף נישט אַליין.

איך, גייענדיק נעבן מאַריאַנען בין נישט ווינציקער געווען באַזאָרגט פון אים. איך האָב געדענקט פון מיין משפחה. עס איז דאָך געווען ביי אונדז באַקאַנט זועגן דעם, וואָס זיי די היטלעריסטן טוען מיט יידן אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך ווי אויך אין טשעכאָסלאָוואַקיי. אַזעלכעס האָב איך זיך אָנפאַר־טרויט דעם חבר מאַריאַנען און ער האָט מיט מיר מסכים געווען.

אַזוי שפּאַנענדיק איז צוגעפאַלן די נאַכט. מיר האָבן זיך דערווייל מער דערנענטערט צו דער שטאָט וואַרשאַ. די מענטשן אויף די וועגן האָבן גאָרנישט געקענט דערציילן ווי נאָר פון מאַסן הרוגים און פאַרניכטונגען. וועגן דער פאָליטישער לאַגע, האָבן נאָר געמאַכט מיט די אַקסלען און שוויגענדיק אפילו פון זייערע צרות נישט געוואָלט רעדן, ווייל אַזעלכע זענען געזען ביי אַלע דעמאָלט לויפנדיקע מענטשן.

די נאַכט איז ווידער צוגעפאַלן. היינט איז שוין דריי טעג און דריי נעכט פון אונדזערן אָנאויפהערנדיקן מאַרשירן. אונדזערע פיס זענען געשוואָלן און פול מיט

מאַזאַלעס און דערצו זענען מיר הונגעריקע, אָבער דאָך דעם אַלעמען, ווילן מיר וואָס שנעלער דערגרייכן די שטאָט, וואַרשאַ.

וואַרשאַ איז כמעט ביי אַלע אונדזער חברה דער ציל. פינף פון אונדזערע חברים זענען ממש וואַרשעווער און פאַר מיר, מאַניעקן און מאַריאַנען איז וואַרשאַ אויפן וועג אַהיים. מיר אָנהויב פון אונדזערן וועג האָבן געזוכט דעם וועג פאַר־קירצן נאָר מחמת דער מורא פון אַריינפאַלן אין די הענט פון קיין געוווּנטשענע פאַר אונדז מענטשן האָבן אָנשטאָט פאַרקירצן דעם וועג קיין וואַרשאַ דווקא פאַרלענגערט.

פונדערוויטנס אויפן האָריזאָנט האָט זיך ווידער דער הימל גערויטלט. דאָס הייסט אַ שטאָט אָדער שטעטל האָבן די דייטשן ווידער פאַרברענט, מיר האָבן באַשלאָסן עס אויסמיידן. די מענטשן באַגעגענטע פון דעם ברענענדיקן שטעטל האָבן עס טאַקע באַשטעטיקט, אַזוי האָבן מיר גענומען דעם וועג אויף סקערניעוויץ.

ערגעץ־ווו, דאָרטן ווערט פון שונא־אַגרעסאָר פאַרברענט אַ שטאָט, דאָס שוין צום וויפלסטן מאָל? עס ווערט פאַרברענט אַ שטאָט און מיט אַלעמען, דאָרטן ווערן פאַרברענט צענטליקער גאַסן, טויזנטער הייזער אין וועלכע האָבן געוווינט מענטשן: אַלטע און יונגע, געזונטע און קראַנקע, פון די ברענענדיקע הייזער נישט יעדן געלינגט צו אַנטלויפן און זיין לעבן ראַטעווען. דאָרטן אונטערן פלאַ־מענדיקן פייער אונטערן רויטלעכן הימל, יאָמערן מענטשן, שרייען קינדער, וויטיקן און זיך מאַטערן. פאַר גאָט זייערן געבעט ברענגען זייער האַרץ אויסגיסן, די הענט צום הימל הייבן, רחמנות בעטן. די פאַרצווייפלונג איז גרויס אָבער דער שונא ווייסט נישט פון קיין רחמים!

דער אַגרעסאָר פאַרברענט אַ שטאָט מיט אירע פאַבריקן און ווערקשטאַטן, אין וועלכע מענטשן האָבן געאַרבעט פון וועלכער אַרבעט האָבן זייערע משפחות געשפייזט. דער שונא פאַרברענט די שקאָלעס אין וועלכע האָבן זייערע קינדער געלערנט פאַרברענען די שפּיטעלער, ווו האָבן מענטשן געהיילט. דאָרטן אין די אַלע פאַרברענטע שטעט, דערפער, אינאיינעם מיט די שקאָלעס און שפּיטעלער, קאָשטשאָלן און בתי־מדרשים ווערט גלייכצייטיק אומגעבראַכט אַ פאָלק, אַ געשיכטע, אַ געגענוואַרט, אַ גאַנץ געזעלשאַפטלעך לעבן, דאָרטן ווערט אומגעבראַכט אַ גאַנצע מענטשן־תקופה מיט התמדה און גייציקייט מיט אמתער דייטשער פּינקטלעכקייט, אין וועלכער אַרבעט באַנוצן זיך מיט ציינד און לייכט־באָמבעס כדי די אַרבעט פון פאַרניכטן אויספירן דייטשמעריש און פּינקטלעך.

ערשט קוים אַ וואָך, אַז די מלחמה דויערט, ערשט קוים אַ וואָך, ווען די דאָרטיקע איינוווינער האָבן אין זייערע וווינונגען רואיק געשלאָפן, ערשט קוים

אַ וואָך ווען די דאָרטיקע קינדער האָבן זיך אין זייערן קינדער גליק נאָך געפרייט. ערשט קוים אַ וואָך און אַזוי פיל שמערצלעכן טויט!

ערשט קוים אַ וואָך און שוין זענען אַזוי פיל שטעט און שטעטלעך פון דער ערד־אויבערפלאַך אָפּגעווישט, קוים אַ וואָך און עס ליגט שוין דאָס פאָלק פאַרבלוטיקט פון די דייטשע בלוטיקע שטיוול געטרעטן, דאָס פאָלק שטיל־שווייגענדיק איז געלאָפן מיט געדריקטן פּיין אין האַרצן, ווייל פאַר קיינעם איז נישט געווען זיך צו באַקלאָגן.

אַזוי, צוליב די זעלבע סיבות האָבן מיר דאָס ברענענדיקע שטעטל אויסגע־מיטן און מיר האָבן גענומען דעם וועג קיין זשיראַרדאָוו, דאָרטן שוין האָט מען אונדז געזאָגט איז שוין נאָר אַ קליינע שטרעקע קיין וואַרשע. דאָרטן האָט מען געשמועסט איז פול מיט מענטשן פול האָפענונג מיט פּולער ענגלישער און פראַנצויזישער מיליטערישער שטיצע. דאָרטן אין וואַרשע ברויכט מען דעם שונא דעם אַנטגילטיקן טויטן קלאַפּ געבן.

די נאַכט אין וועלכער מיר זענען געווען אין וועג קיין וואַרשע איז אַדורך רעלאַטיוו רואיק. דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט זענען מיר אַביסל געשלאָפן און געפאָרן אויף אַ פּויערישן וואָגן. אַזעלכע פּויערישע וועגענער זענען געפאָרן הונדערטער, איינער נעבן צווייטן צוליב דער גרויסער ענגשאַפט. דעריבער האָבן מיר געקענט אויך אַ ביסל שלאָפן, געווען איז דאָס די נאַכט אויפן 9־טן סעפּטעמבער 1939 יאָר.

דער הימל איז אין יענער געגענט געווען אויך אין דער נאַכט פריי פון עראָפּלאַנען־אַנגריפן דאָך האָבן מיר די עראָפּלאַנען געהערט ערגעץ־ווו פליען. שפּעט אין טאָג שוין האָבן מיר זיך פון דעם שלאָף אויפגעכאַפּט מיר האָבן הערצלעך באַדאַנקט די אונדזערע ווילטעטיקער און האָבן זיך געלאָזט גייען צום נאָענסטן וועלדל. נאָכן וועלכן, מען האָט געזאָגט גייט אַ קליינע קאָלייקע קיין וואַרשע.

נאָכן וועלדל האָבן מיר טאַקע באַלד געזען די דאָרטיקע קליינע קאָלייקע אויף וועלכער איז געשטאַנען פול אָנגעלאָדענע וואַגאָנען מיט מענטשלעכן פאַר־האַרעוועטן גוטן, מלבושים און אַנדערע שטוב זאַכן אויך זענען דאָרטן געווען פאַרשידענע אָנגעוואָרפן אָן אַ סדר מענטשלעך האָב און גוטס אָבער אינערווייניק זענען קיין מענטשן געווען. זעט אויס, האָבן פון אַ לופטס־אַנגריף ערגעץ־ווו, אין וועג אַנטלאָפן. און אַזוי אָן מענטשן איז געקומען די קאָלייקע אַהער קיין זשיראַדאָוו. אַזעלכעס האָט דעמאָלט פּאַסירט ווי אַ אָפּטע זאַך, דעריבער טאַקע צוליב דעם האָבן מיר שטאַרק געקלערט: פאָרן מיט דער קאָלייקע ביז וואַרשע אָדער שוין אפשר צופוס צוגיין.

☆

ענדלעך בין איך אין ווארשא. נאָכן זיך אַרומוואַשן און אַביסל אָפּרוען ביי מיין מוטערס משפחה, וועלכע האָט דאָרטן געוווינט בין איך נאָך אין זעלבן טאָג געגאַנגען אויפזוכן צוויי פרויען פון מיין דעמאָלטדיקן פּראָצעס — יאַדזשן און העלן. ביידע די פרויען האָבן באַקומען קליינע שטראָפן אין אונדזערן פּראָצעס און פאַרשטענדלעך באַדאַרפן זיין אין דער היים. חוץ דעם האָבן מיר געהאַט אָפּגעשמועסט צווישן זיך אין וועג, אַז, יעדער אָנקומענדיק אין שטאָט זאָל איבערגעבן גריסן איינער פאַרן צווייטן.

די צוויי אונדזערע חברות יאַדזשאַ און העלאַ האָבן אונדז גאָר וויכטיקע נייעסן דערציילט. קודם כל אַז, דאָס נידערטרעכטיקע זיך באַגיין מיט אונדז פּאָליטישע אין די דאָרטיקער קאַלישער תפיסה איז געווען אַ באַגלייט באַשיין אין אַלע פּוילישע תפיסות אין באַצוג צו די פּאָליטישע אַרעסטירטע. אַזוי איז געווען דער באַפעל פון דער פּוילישער שררה אין אַלע דאָרטן געפענגענישן, וועלכעס האָט געהייסן איבערלאָזן אַלע דאָרטן פּאָליטישע אַרעסטאַנטן פאַרשלאָסן און אַליין זעלבס זיך ראַטעווען. אַזעלכעס איז געטוען געוואָרן מיט כוונה, ווייל, דאָך האָבן די פּוילישע רעגירונג געוווסט פון דער באַציאונג מצד די נאַציסטן צו קאָמוניסטן. אין שייכות דערמיט האָט אונדז יאַדזשאַ דערציילט געפונען זיך נאָך אַ סך פּאָלי־טישע אין די תפיסות. אויך האָט זי דערציילט ברויכן מיר, יעדער איבערגעבן וועגן דעם עדות אין דער ווארשעווער מאָפּר־אָרגאַניזאַציע וועגן דער באַציאונג פון דער פּוילישער תפיסה מאַכט אין די לעצטע טעג צו אונדז פּאָליטישע דאָרטן אין די תפיסות. אויך האָט יאַדזשאַ אונדז געזאָגט אַז, אין די באַדינגונגען, וועלכע הערשן אין שטאָט אין באַצוג צו יידן און בפרט צו קאָמוניסטן ברויכן מיר זיך איינשאַפן דאָקומענטן אָדער עפּעס ענלעכעס ווי אַ צייטווייליקן דאַוואַד, וועלכעס טאַקע מיר באַקומען אין דער מאָפּר־אָרגאַניזאַציע אָנגעפירט אונטער די לייטערן און הומאַנישע שרייבערין פּוילישע געזעלשאַפטלעכע טוערין — יאַדוויגאַ סעמפּילאָווסקאַ.

די לעצטע איז היינט די פּאַטראָנאַטין פון דער גאַנצער פּאָליטישער אַרעס־טאַנטן באַוועגונג, וועלכע געפינט זיך איצט אין שטאָט ווארשא. אויך האָט זי אונדז דערציילט אַז, אַזעלכע באַפרייטע פּאָליטישע אַרעסטירטע זענען פאַראַן טויזענטער אין שטאָט, וועלכע האָבן זיך דערווייל פּראָוויזאָריש איינגעאָרדנט אין די שטעטישע קינאָס און אויך אין די שטעטישע טעאַטערס.

יאַדזשאַ האָט אונדז דערציילט אַז, מען שמועסט גאַנץ אָפן אַז, די פּוילישע בעק־סמיגלי־רעגירונג איז אַנטלאָפן קיין רומעניע, די טאַקע פאַרעטערישע רעגי־

רונג, וועלכע האָט נאָך אַ יאָר פריער אָנגעפירט איר שאַנטאַזש־פּאָליטיק קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקיי, וועלענדיק פּראָוואָקאַטאָריש אַרויפשלעפּן פּוילן „אין דער הויך !"

די פּוילישע בעק־סמיגלי רעגירונג האָט אין דעראמתן פאַראַטן דאָס פּוילישע פּאָלק בלויז שוין אויפן 4־טן טאָג פון דער מלחמה, אַנטלאָפן קיין רומעניע און אין פּאָלק האָט מען פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז די רעגירונג איז ניבע אין לובלין און אָרגאַניזירט דאָס פּאָלק לויט די אַמאָליקע היסטאָרישע פּאָלקס־קאָנפעדעראַציעס.

☆

די שטאָט וואַרשא איז געווען אין די טעג פול מיט מענטשן פון גאַנצן לאַנד באַזעצט. די באַפעלקערונג איז דערגאַנגען ביז צוויי מיליאָן. חוץ דעם זענען נאָך יעדן טאָג פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט אין דער שטאָט אריינגעשטראָמט נאָך פליטים. וואַרשא איז געווען די האָפענונג פון פּאָלק. אַהער קיין וואַרשא האָט מען געזאַמלט כל מיני געווער, מיליטער־איינהייטן פון פאַרשידענע מיליטער־גאַרניזאָנען, וועלכע זענען שוין געוואָרן דעם שונא אָפּגעגעבן. אַלע פּאַרקן ווי אויך אַלע פרייע פלעצער האָט מען באַזעצט מיט מיליטער.

די האָפענונג, דאָ אין שטאָט, איז געווען גרויס. כאָטש אינערלעך אין זיך, האָבן מענטשן געוווסט און געפילט דעם ביטערן אמת, דאָך איז די שטימונג געווען פּאַטריאָטיש, דאָ האָט מען זיך געטרייסט מיט אַ קעגן־אַנגריף — „וואַרשע האָט מען געזאָגט דאַרף ווערן פאַרן שונא אַ קבר". אַהער קיין וואַרשע וועט מען שוין דערוואַרטן הילף פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. דערווייל טאָקע האָט מען נאָר געהערט... דעם פּוילישן הימען זינגען דאָס ביי יעדער געלעגנהייט און אין יעדן ווינקל כדי אונטערשטרייכן כאָטש מיט דעם — זייער גרויס פּויליש פּאַטריאָ־טישקייט און מאַכט הערשונג.

די גאַסן אין שטאָט זענען געווען פול מיט מענטשן אַלע הייפן און געזעל־שאַפטלעכע לאָקאַלן קינאָס און טעאַטערס זענען געווען צו דער דיספּאָזיץ פון בירגער. עס זענען געוואָרן אָרגאַניזירט הילפס־אינסטיטוציעס, ווו מען האָט אַרויסגעגעבן מיטאָגן און יעדע נויטיקע מעגלעכע הילפס־שטיצע. דער עיקר איז אַזעלכעס געווען אויף דער יידישער גאַס. אַלע יידישע פּאַרטייען האָבן זיך, ווי אויפגעכאַפּט פון לאַנגן פּאָליטישן שלאָף. און אויך איז דער מאָראַל געוואָרן געטראָגן גאַנץ הויך ביים יידישן וואַרשעווער ציבור לעבן. אויף די גאַסן פון וואַרשאַ האָבן געשפּרייזט יידישע מיידלעך מיט זייערע סאַניטאַרן־טאַרבעס פאַר גיכער הילף מיט איין וואָרט עס איז געווען מלחמה צושטאַנד.

אין שייכות מיט דעם פלעגט מען זיך אויך דערציילן וועגן די גרוילעכע

פאַרגעקומענע מעשים אויף דער יידישער באַפעלקערונג, ווי כאַפּן יידישע בירגער אויף „אַרבעטן" גיבע ראוועס קאַפּן, פאַקטיש אָבער איז אַזאַ מין אויף אַרבעט כאַפּן געווען נאָר אַ אויסרייד כדי די נעבעך געכאַפּטע שפּעטער ערגעץ־ווו דער־שיסן אַלס דייטשע שפּיאָנען. אַזעלכע גיבע שפּיאָנען זענען געווען נישט אַנדערש ווי געשאָסענע יידן.

אין דעם אַלעמען האָט די שטאָט אָנגעהויבן איבערלעבן שווערע טעג אויך אין עקאָנאָמישן מצב, ביסלעכווייז איז די שטאָט מער געוואָרן פון שונא אַרומגע־נומען, קיין פּראָדוקטן, קיין ברויט, קיין אַנדערערס עסן צופירונג, אַזעלכעס איז געווען דעם שונאס־פּלאַן, אין רעזולטאַט פון דעם איז אַלץ געוואָרן בצימצום. מענטשן האָבן אָנגעהויבן שטיין אין רייען נאָך יעדן געברויכטן פּראָדוקציע־מיטל און עיקר שווער איז געוואָרן מיט ברויט.

וואַרשע איז אין דער צייט געווען — נישט אַרויס און אַריין. די שטאָט איז אַלץ מער געוואָרן אַרומגערינגלט, אַזאַ לאַגע האָט מער געדרענגט דעם דאָרטיקן בירגער, ווייל פאַקטיש דער רוב דאָרטן אין וואַרשע איז דאָך געווען אין גרעסטן טייל אַ אָנגעקומענער פון די פּראָווינץ־שטעט. די, ווידער האָבן געוואָלט צוריק אין זייערע פריערדיקע ערטער. אין דעם טאָקע כלל האָט זיך אויך אָפּגעפּילט דערני־דערונג לגבי די יידן. די יידן־שנאה האָט דערגרייכט צו דער העכסטער גראַד — די ענדעקישע דאָרטן פּאָליטישע פּאַרטיי איז ממש געשפּרינגען פון הויט, ווייל האָט דאָך זיך דערלעבט — אין די יידן — נקמה נעמען.

די באַלעגערונג פון דער שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ערך דעמאָלט, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין וואַרשע, דאָס אַהין אַריינקומען איז געווען גרינגער, ווי דאָס זיך אַרויסבאַקומען, ווייל קיינער האָט נישט געוווסט מיט אַ וואָסערן וועג זיך פון דער שטאָט אַרויסבאַקומען, ווייל ביז עס גייען אָן די קאַמפן אַרום שטאָט איז פאַרשטענדלעך נאָך מלחמה צייט.

דאָס פּוילישע פאָלק כאָטש עס איז געווען פון דער דאָרטיקער רעגירונג פאַרברעכעריש פאַראַטן. דאָך האָט ליב געהאַט דאָס לאַנד. דאָס פאָלק האָט זיך פאַרן לאַנד ממש מקריב געווען, געקעמפט. אָבער טאָקע אין נישט גלייכן קאַמף באַזיגט געוואָרן, ווייל אין פאַרגלייך צו יענער דייטשער ניי־מאָדערנער טעכניק האָט זיך די פּוילישע גרויס־מאַכט נישט געקענט פאַרגלייכן בפרט אין מלחמה־פאַרמעסט, דאָס בפרט אין באַדינגונגען ווי דאָס איז דעמאָלט געווען פּוילן ממש אַליין.

אַזוי טאָקע איז דאָס דאָרטיקע פּוילישע מיליטער געווען נידריק טעכניש אויסגעשטאַטעט אָדער בכלל נישט טעכניש אויסגעשטאַט, ווייל אַזוי האָבן געטוען די דאָרטן — בעק־סמיגלי — רעגירונג־מושלים, וועלכע האָבן געדענקט אַז, מיט

דעם דאָרטן פּוילישן פּאַטריאָטיזם וועלן באַהערשן דעם דייטשן מיליטאַריזם. נישט וויסנדיק אַז, אַזעלכעס איז נישט גענוג אין קאַמף מיט אַזאַ שטאַרקן דייטשן שונא.

אַזוי טאַקע האָב איך באַמערקט שלעפּן אויף די דאָרטיקע אין וואַרשאַ גאַסן גרויסע און שווערע האַרמאַטן. זיי זענען געשלעפּט געוואָרן מיט פערד. די פערד האָבן מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט און ווייטער האָבן נישט געוואָלט די האַרמאַטן שלעפּן. עס האָט נישט געהאָלפן קיין שלאָגן און קיין אונטערשטופּן... די פערד שטייען, רירן זיך נישט... דאַן האָט עמיצער פּלוצלינג אַ געשריי געטאָן — „ברענגט אַ טראַקטאָר פון רוסלאַנד, ווייל אַזעלכן פאַרמאָגט איר נישט, אַזאַ טראַקטאָר וועט שוין דעם האַרמאַט צום נויטיקן פּלאַץ אָוועקשלעפּן״! די אָנדייטונג איז פאַרשטענדלעך געווען פאַר אַלע דעמאָלט גאַנץ קלאָר.

☆

די מלחמה האָט ערשט קוים אַ וואָך געדויערט דאָך איז שוין דאָס גאַנצע לאַנד געלעגן פאַר די דייטשע פיס־געטרעטן. גאַנצע צענטערן: קראָקע, לאָדזש, פּויזן און טשענסטאָכאָוו, די דאָרטיקע פאַמערן — געגענטן אויך דער צענטער לאַנד, לובלין, און צווישן דעם, דער פּוילישער מיליטערישער קיעלץ־ראַדאַם צענטער — אַלץ איז געווען שוין באַהערשט פון דייטש. די דייטשן האָבן שוין געטענהט: „דער פּאַליאַק קאַפּוט״. טאַקע וואָס אַ אמת חוץ נאָך וואַרשאַ, וועלכע איז אויך שוין באַלעגערט און אַ ליאַדע טאָג... וועט זי דאָך אויך — פאַלן. ווי אויך זאָגט מען אַז, ערגעץ־ווו, אין דער מאָדלין פעסטונג קעמפט מען נאָך.

אָבער וואַרשאַ איז נאָך — אונדזער, היימיש, פּויליש. וואַרשאַ איז געווען באַלעגערט. דער דייטש האָט עס פון לאַנג פאַרנעמען געקענט נאָר זיי די דייטשן האָבן עס געוואָלט צוערשט אויסמאַטערן פאַרפּייניקן אָנלערנען עס מער צו ליידן ברענגען. די אויסזיכטן פון דער באַפעלקערונג איז נישט געווען קיין גוטע. קיין האָפענונג ביי קיינעם, דאָך האָבן מענטשן זיך געוואָלט איינרעדן אַז, דאָך וועט אפשר קומען די דערוואַרטע — הילף. די איינוווינער פון דער שטאָט וואָס אַ אמת האָבן ביז איצט טאַקע נאָך נישט געוווסט וואָס איז עס אַזעלכעס — מלחמה, אַזעלכעס טאַקע האָבן אַ סך פון די אָנגעקומענע — יאָ געוווסט, כאָטש אַזעלכעס האָט זיך שוין געלאָזט אָפּפילן.

עס האָט שוין צו ביסלעך געדרענגט דער באַוווסטזיין פון דער מלחמה, עס האָט שוין טאַקע נישט געאַרבעט די קאַנאַליזאַציע, קיין עלעקטריע, קיינע פאַר־ווייַלונגס־ערטער, מענטשן זענען געווען אָנגעכמורעט נערוועאיש, דאָס אַלעס ווען די דייטשן זענען פאַר דער שטאָט, אָבער דאָך פאַר די טויערן פון דער שטאָט.

די לאַגע ביי די יידישע איינוווינער איז געווען פיל — ערגער. געוואָרן פון טאָג צו־טאָג ערגער. די אַרבעט איז געווען אָפּגעשטעלט, די שפּייז־ראַציעס איינגע־שרומפּן. חוץ דעם איז די ברויט־לאַגע איבערהויפּט נישט געווען אָרגאַניזירט. אין די רייע צו באַקומען אַ ברויט איז מען געשטאַנען גאַנצע טעג אָדער נעכט, כאָטש אויפן פּאַסעק האָט מען עס — יאָ באַקומען! אָבער נישט יעדער האָט זיך געקענט אַזעלכעס דערלויבן אויפן פּאַסעק קויפן. דאָך אין דעם אַלעמען האָבן זיך יידן געוויצלט — שלעכטע צרות, שלעכטע וויצן — דאָך זיך געוויצלט, דאָס אַלעס האָט טאַקע דעריבער באַוויגן אַ סך צוריק פאַרן אַהיים אין די קלענערע שטעט, אָבער ווי אַזוי?

פאַר די יידן איז אָנגעקומען שווערע טעג. די יידן האָבן זיך איינער דעם צווייטן אונטערגעשטיצט. דאָך אויפן האַרצן איז געווען אַ נישט באַקאַנטע זאָרג. אָבער דאָס אַלעס איז געווען נאָך גאָרנישט אַ קעגן וואָס האָט ערשט געברויכט אָנקומען. געווען איז עס פּונקט אין דער ערשטער ראש־השנה נאַכט: יידן זענען געקומען פון דאַווענען, זיך געווונטשן אַ גוט־יאָר אַ בעסערס ווי דאָס פאַרגאַנגענע, מענטשן האָבן זיך געזעצט צו דער פייערלעכער יום־טוב סעודה האָבן זיך גע־ווונטשן — לחיים. עס איז דאָך נאָך דעמאָלט געווען צוגעגרייט פון אַלעמען ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ יום־טוב, ווי ראש־השנה און פּלוצלינג, מעלדעט דער ראַדיאָ: אַליאַרם אַרויס פון די שטיבער און הימל עפן זיך: וואָס מיר האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט, הונדערטער עראָפּלאַנען פליען ממש איבער די דעכער, באָמבאַר־דירן מיט אַלע נאָר מעגלעכע באָמבעס: צינד־באָמבעס, אויפרייס באָמבעס, אָדער סתם באַשיסן מיט די זייערע מאַשין־געווערן. ממש אַ וועלט־איבערקערעניש, הונ־דערטער עראָפּלאַנען פליען אָפּ און הונדערטער קומען. אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצן טאָג און נאָך אַ נאַכט. די בהלה איז גרויס. פון די שריפות איז די גאַנצע שטאָט רויט ממש, באַלויכטן ווי אין טאָג. עס ברענען גאַנצע גאַסן. גאַנצע בלאָקן — הייזער און דאָך, ווער קאָן זיי שטערן אין דער פאַרניכטונגס־אַרבעט! אַזוי ברענט די זאַמענהאָף און די נאַלעווקי, גענשע און סמאטשע, מילא און פראַנציסקאַנער עס ברענט די פאַוויע די זשעלאַזנע די גראַניטשנע אַלץ אַרום ברענט. עס איז נישטאָ ווו, צו אַנטלויפן. דער שונא האָט ענדלעך באַשלאָסן פאַרניכטן די שטאָט!

וואַרשאַ ברענט. אַזעלכעס איז נישט נאָך געווען. אַזאַ שטאָט, אַ מיליאָניקע שטאָט, די סאַמאַטאָכע איז גרויס און עיקר מען ווייסט נישט, ווו צו לויפן. אַלעס ברענט, אַלעס איז אָנגעגליט אַלעס אין פייער. גאַסן, הייזער, בלאָקן צעפאַלן זיך און פאַרדעקן מיט דער זייער שווערקייט די מענטשלעכע אַדורכגייער! הייזער צעפאַלן זיך ווי קאָרטן שטיבלעך ממש אַ פחד. יידן לויפן אין די נאָך זייערע זיידענע קאַפּאָטעס פאַרבינדענע מיט גאַרטלען, אַנגעטוענע אין שטריימלען אָדער

אין קיטלען: מען לויפט, מען שרייט, מען ליאַמערט, מען זיינט מען בעט הילף, מען טרעט אויף מענטשלעכע קערפּערס. עס האָט שוין גאָרנישט קיין ווערט. עס זענען אויפגעבראָכן די געשעפטן, עס וואָלגערן זיך אַרום סחורות: גאַנצע שניט־וואַלן, שיך־וואַרג, זילבער־זאַכן און אַנדערע סחורות. אַלעס איז אויס־ווערט. יעדער איינער זוכט נאָר אַ פּלאַץ, ווו זיך רעטן. און קיין אַזעלכער איז נישט פאַראַן — אַלץ איז אין פלאַמען. שוין שעהן דויערט דער לופט־אַנגריף, דאָס זעט שוין די וועלט דאָס דערציילט דער הימל, דאָס וואָס דאַרטן באַגרייפן די דייטשן. און די וועלט — שווייגט!

די מערדער פאַרברענען — וואַרשאַ אַ פּראַכט פון אַ שטאָט, וועלכע אויף דער וועלט — שעמט, מיט וועלכער שיינקייט די וועלט האָט זיך געגרייסט, געצערטלט, אַ שטאָט, וועלכע דורות האָבן געבויט און אין דער שטאָט זיין פאָלקס נשמה — אַריינגעלייגט.

די נאַציסטן האָבן פאַרברענט — וואַרשאַ, דאָס האַרץ פון פּוילישן פאָלק. ווער האָט דאָס נישט געזעען ווי הייזער זענען ממש גאַנצע פאַרניכטעט געוואָרן און דער שונא האָט אַלץ געבושעוועט אַלץ געשטורעמט. באָמבאַרדירט: טויזנטער הרוגים, צענדליקער טויזנטער פאַרוואונדעטע, יללות דערגרייכן ביזן הימל אַהין צו דער הויך פון גאָטס הימלען, וועלכע האָבן די דייטשן מיט די זייערע עראָפּלאַנען האָבן באַזועצט. ווו די עראָפּלאַנען טוישן זיך אין דער זייערער פאַרברעכערישער טעטיקייט. דאָס כדי נישט געבן דער שטאָט — אָפּרו, ז' די שטאָט באַדאַרפן גענצלעך פאַרניכטן אַזוי איז דער פּלאַן, אַזוי איז דער באַפעל.

טויזנטער באָמבעס, אייזערנע, קויל־שוואַרצע, און ווייסע פון ניקל, אַזעלכע זאָפּאַרט אויפרייסן און אַזעלכע אַביסל שפּעטער. דאַכט זיך זייערן גאַנצן רור־געביט האָבן דאָ אויף דער שטאָט וואַרשאַ געוואָרפן, דאָס בדי די שטאָט פאַרניכטן, בעוויל אין איר לעבן מענטשן. בעוויל אין איר פרוכפערן זיך מענטשן. זיי די נאַציסטן פאַרניכטן אַ שטאָט נישט סתם קיין שטאָט נאָר דווקא — וואַרשאַ, דאָס וועלבע כאַראַקטעריזירט דאָס פאָלק און לאַנד, וועלכעס אויך פאַר זיי די דייטשן הייסט פאַרפלוכטעט — פּוילן. און די נעבעכדיקע שטאָט ברענט צוגלייך מיט די איינוווינער אַזוי טאָקע ווי די פריערדיקע שטעט און שטעטלעך דורך דעם גאַנצן זייערן פאַרכאַפּונגס גאַנג — נאָר וואַרשאַ ברענט מיט מער גרימצאָרן מיט מער דייטשע שנאה און זיך, פאַרשאַפן מער — האַרץ פאַרגעניגן.

☆

פון דעמאָלט און ווייטער איז די שטאָט געוואָרן טאָג־טעגלעך באָמבאַרדירט. דאָס ביז ענדע דער באַלעגערונג, ביזן זיך אונטערגעבן, קאַפּיטולירן! דאָס באָמ־באַרדירן די שטאָט איז געוואָרן אַ געזיינטלעכקייט, בהדרגה מיט אַ שיטה, און אגב איז געווען צו באַמערקן אַז דער שונא האָט געהאַט אַפילו דאָ אַ געוויסע כוונה. דער שונא האָט מער באָמבאַרדירט די יידישע געגנט כדי אָנמערקן דער פּוילישער באַפעלקערונג, פאַר איר באַווייזן אַז די יידן זענען פאַר די דייטשן די גרעסערע שונאים! אַז, פאַר זיי די פּאַליאַקן האָבן נאָך די דייטשן מער פאַרשטענדעניש! דער פאַרלוסט פון די יידן האָט טאַקע געהאַט קאָנסעקווענצן. די לאַגע אין שטאָט איז געוואָרן מער שווערער און שווערער. מענטשן האָבן אָנגעהויבן זוכן עסענס, שפּייז, דער הונגער איז אַלץ געוואָרן אָנטאַפּנדיקער, מענטשן האָבן געזוכט אין די חורבות אַפילו אונטער דער באָמבאַרדירונג פון קוילן און שיסעריי, ווייל דער הונגער איז געווען מערער פיינלעכער ווי די באָמבאַרדירונג־זעלבס.

אינטערעסאַנט אַז, אין דער גרויסער דעמאָלט באָמבאַרדירונג פון יענער ערשטער ראש־השנה־נאַכט איז געווען צו באַמערקן אַ טענדענץ פון זיך נאָר ראַטעווען. קיין זאַך איז נישט געווען וויכטיקער אויפן דעמאָלדיקן לויף־וועג אַבי נאָר זיך פון דער באָמבאַרדירונג אויסבאַהאַלטן כדי לעבן בלייבן. איצט אָבער מיטן זיך שוין צוגעוווינען צו די טעגלעכע מערדער שיסערייען, איז אַריין אין דאָרטן מענטשלעכן לעבן אַ צווייטע טענדענץ, וועלכעס איז געוואָרן דאָס באַשפּייזונג אַפילו אונטער דער סכנה פון דער דייטשער שיסעריי.

אַזעלכעס האָבן די דייטשן געוווסט אין דעם איז געווען זייער שיטה וואָס האָט געהייסן אויסהונגערן די שטאָט און אין רעזולטאַט פון דעם מאַכן די באַ־פעלקערונג אומבאַהאָלפן און נאָכגיביק, דאַן פאַרשטענדלעך גרינגער איז דעם שונא צו באַהערשן.

טאַקע אַזוי איז געווען די דעמאָלטדיקע ווירקלעכקייט, גלייך נאָך דער ערשטער באָמבאַרדירונג איז אַריין אין פאָלק אַ מין אַפּאַטיע־שטימונג, אַ מין גלייכגיל־טיקייט. מענטשן האָבן נאָר מיט די הענט פאַרבראָכן, שטיל געליטן, שטיל זיך באַקלאָגט, ווייל קיין האָפענונג איז ביי קיינעם נישט געווען. פון די פריערדיקע הבטחות איז פאַרבליבן נאָר פוסטער צערינענער חלום און די צוגעזאָגטע הילפן זענען אַוועק ווייט אויסער די לאַנד־גרענעצן צוגלייך מיט דער פאַרעטערישער רע־גירונג. און דאָרטן אין שטאָט זענען פאַרבליבן די איינוווינער מיט זייערן ווייטיק־לעכן ביטערן אמת, דאָס אונטער די קוילן פון מערדערלעכן אַגרעסאָר פון וועלכן רעזולטאַט נאָר הרוגים און חורבות און בלוט, מענטשלעך אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט.

דריי וואָכן ווי עס דויערט שוין די באַלאַגערונג. טאָג טעגלעך זענען איצט

בלויז די באָמבאַרדירונגען. די גאַנצע צייט האָבן מיר געטיילט צווישן מיין מו־טערס משפחה און די דאָרטיקע חברים פון די תפיסות, וועלכע זענען געווען אין די דאָרטיקע קינאָס. דאָרטן אין די קינאָס זענען געווען טויזנטער געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע, אַזאַ נאָמען האָט מען איצט אונדז געגעבן. דער רוב פון די חברים זענען געווען אויפן וועג צו זיך אַהיים. ביי אַלע די געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע איז געווען, דער זעלבער סיפּור המעשה, ווי ביי אונדז פון קאַלישער תפיסה, איצט צוקוקענדיק זיך צו דער גאַנצער דאָרטן מלחמה איז געווען פאַר־שטענדלעך אַז די פּאַרעטערישע בעק און סמיגלי־רעגירונג — האָט פאַראָרדנט אַזאַ מין נידערטרעכטיקן זיך באַגיין מיט די דאָרטן אין תפיסות געזעסענע פּאָלי־טישע אַרעסטאַנטן, ווייל אויך נישט בעסער האָט די זעלבע פּאַרעטערישע רעגי־רונג זיך באַגאַנגען מיטן גאַנצן דאָרטן באַוווינטן פּוילישן פאָלק, וועלכעס האָבן געלאָזט הפקר און אַליין זיך ראַטעווענדיק קיין רומעניע אַנטלויפן. דעריבער איז פאַרשטענדלעך זייער נידערטרעכטיקן טאָט לגבי די קאָמוניסטן, ווי אַלס נקמה פאַר זייער פּאָליטישער אומבאַהאָלפנקייט.

די פּוילישע פאַשיסטישע רעגירונג, די אַזוי העצערישע און פּאַרעטערישע האָט שוין טאַקע נאָר בלויז אין 4־טן טאָג פון דער מלחמה געקלערט ווי אַזוי איר אייגענע הויט רעטן און דאָס פאָלק אַלס פּאַרציקונג פאַר די דייטשע מערדע־רישע חיות איבערלאָזן. אַזוי האָבן פאַראַטן אַ פאָלק אין דער צאָל פון עטלעכע דרייסיק מיליאָן מענטשן: איינוווינער, בירגער פּאַרעטעריש און נידערטרעכטיק, אַזעלכעס איז געווען נאָר זיי אַנטשפּרעכנד. זיי די פּאַרעטער, די רעגירער — די בעק־סמיגלי־רעגירונג, אַזוי אַנטשפּרעכנד צו זייערע מעשים זענען אַראָפּ אין אָפּגרונט פון דער געשיכטע מיט אַ אייביקן קיין צייכען ווי אַ באַצאָלונג פאַר זייערע זינד קעגן אייגענעם פאָלק.

✡

ביי אונדז די דאָרטיקע אין די קינאָס באַפרייטע פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט גאַנץ גרויס אויפגעשוידערט די דעמאָלט פּאָליטישע ידיעה וועגן דעם אונ־טערגעשריבענעם צווישן די צוויי טאָטאַלע וועלט־בלאָקן: פאַשיסטישן דייטשלאַנד און קאָמוניסטישן רוסלאַנד „נישט אַנגרייפס־אָפּמאַך". מיר האָבן וועגן דעם אָן אויפהער נאָר דיסקוטירט. דאָך האָט זעלטן פון אונדז עמיצער, די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט געהאַט אַ באַרעכטיקונג פאַרן עצם — „נישט אַנגרייפס אָפּמאַך" און פאַר דער רוסישער אָפּגעטוענער פּאָליטישער מעשה, ווייל דער טאַט איז נאָר געווען מער אַ אָפּגעטוענער, מצד רוסלאַנד.

די גאַנצע מעשה מיטן אַפּמאַך האָט אונדז דערשיטערט ווי אַזעלכעס איז איר גאַנצער רוסישער געשיכטע־גאַנג. דאָס הייסט האָבן קיינמאָל זיך נישט גערע־כנט מיט קיין מיינונג פון אַן אַנדערער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־באַוועגונג. ערגעץ־ווו, אין אַ לאַנד. נאָכהער, האָבן זיך געפּלייסט אַבזואַרפן אַזאַ אַנגענעמענע שטעלונג אויף אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען די איינגעשלאָסענע אין ראַם פון — קאָמינטערן. דאָס אין פאָרם — „פון דער הויך" און גלייכצייטיק אַזוי עס פאַרשטעלן ווי אַ זאַך געקומען פון די — „הונטענס" פון דער מאַסע. אַזוי איז שטענדיק געווען די פּאָלי־טישע אַנגעוואָרפענע — סטאַלין שיטה, אַזוי בשעת די רייניקונגס־פּראָצעסן און אַזוי טאַקע, בלית ברירה האָבן מיר זיך געמוזט אונטערוואַרפן אַלע דעמאָלטדיקע באַשלוסן.

אָבער איצט, האָבן מיר אין קיין פאַל אַזעלכעס געקענט איבערקייען. ווייל דעם רעזולטאַט האָבן מיר געהאַט פאַר אונדזערע אויגן. דאָס איז געווען אַזוי גרויזאַם אַז מיר זאָלן אַזעלכעס באַשטעטיקן. כאָטש אין אמתן געזאָגט זענען מיר די פּאָליטישע דערוויל די געווינערס. דאָך אין דעם אַלעמען האָט אונדז דער געוויסן געפּייניקט אַז אין דעם גאַנצן בלוטיקן קאַמף זענען מיר די מאָראַלישע שולדיקע, ווייל זיי די רוסן זענען געווען די אַנרעגער פאַר די דייטשע אַגרעסאָרן אין דעם איבערפאַל אויף — פּוילן.

גלייכצייטיק מיט דעם האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז, מיר, די נעכטיקע פּוילישע אַרעסטירטע וועט דער אונטערגעשריבענער צווישן די צוויי מאַכטן — אַפּמאַך, ברענגען אונדז דעם — קיום־עקזיסטענץ, כאָטש וועלכעס מיר האָבן נאָך נישט געוווסט. דאָך אין אונדזער פּאָליטישן חוש האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז, אין רעזול־טאַט פון דעם אַפּמאַך וועלן די רוסן אַריינדרינגען אין די פּוילישע מזרח־געביטן כדי זיי פּאָליטיש באַפרייען, וועלכעס דאָך וועט אין דעם מלחמה־קאַמף זיין פאַר אונדז די געווונטשענע פיזישע רעטונג, ווי אויך אַ פיזישער רעטונגס פאַר אַ סך יידישע פּוילישע בירגער, וועלכע לעבן סיי אין די געביטן פון די באַפרייטע שטחים און אויך אַפילו פון די פאַרכאַפּטע פּוילישע שטחים אונטער דער הערשונג פון דייטשע פאַשיסטן.

די שטאָט וואַרשאַ איז אַריין אין לעצטן יאוש־קאַמף. די באַפעלקערונג איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג מער פאַרצווייפלטער און טראַגישער. דער הונגער האָט מער געדרענגט. מענטשן כדי זיך פיזיש דערהאַלטן האָבן זיך געוואָרפן מאַסנווייז אויף געשאָסענע פערד, וועלכעס פלייש מען האָט געשניטן און מיט דעם זיך דערנערט. אויך איז מען שוין אָן מורא געלאָפן צו חורבות פון צעקלאַפּטע שפּייז־פאַבריקן פון פאַרשידענע עסענס און קאָנסערוון.

אין די טעג פון דער לעצטער וואָך באַלעגערונג האָט מען שוין גערעדט גאַנץ

אַפֿן וועגן דעם אַז, אינגיכן וועט מען די שטאָט דעם דייטש אָפּגעבן אַז, עס פֿירן זיך שוין אונטערהאַנדלונגען, דער שונא פֿאַרלאַנגט — קאַפּיטולירן. דער בלוטיקער שונא וויל אין דער שטאָט וואַרשאַ אַריינמאַרשירן מיט — פּאַראַד מיט מיליטערישן האָנאָר ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מיליטערישן זיגער.

אַזוי זענען מיט יעדן טאָג די לעבענס־באַדינגונגען אין שטאָט געוואָרן שווע־רער און געדרענגטער, אַוודאי פֿאַר אונדז — פּליטים, דאָך אַלע די קלאַנגען האָבן די דייטשן נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין באָמבאַרדירן די שטאָט כדי וואָס מערער טעראָריזירן די באַפֿעלקערונג און עס דעריבער, גרינגער שפּעטער באַהערשן.

אין דער טאָקע צייט פֿון די לעצטע קאַמפֿן אַרום וואַרשאַ איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דעם אַז, די רוסן זענען אַריין (אַזוי ווי מיר האָבן פֿאַרגעזען) אין לעמבערג, בריסק און ביאַליסטאָק. די פֿרייד ביי אונדז האָט זיך פֿאַרגרעסערט כאָטש מיר האָבן עס נישט געקענט קאָנטראָלירן. די ידיעה איז פֿאַר אונדז געווען פּשוט אַ נייער לעבענס צופֿלוס, אַ נייע לעבענס דערפֿרישונג און נישט נאָר מיר האָבן זיך געפֿרייט. געפֿרייט האָבן זיך אויך אַ סך פֿון די דאָרטיקע פּוילישע באַפֿעלקערונג מענטשן, וועלכע זענען געווען סימפּאַטיש צו רוסלאַנד געשטימט. ווייל דאָך אין דעם אַלעמען איז געלעגן די האָפֿענונג און אויסוועג פֿאַר אַלע די, וועלכע ווילן און קענען אַנטלויפֿן פֿון דעם דייטשן אַגרעסאָר. אין אמתן, איז עס טאַקע געווען אַ רעטונגס־וועג פֿאַר הונדערטער טויזנטער מענטשן און בפֿרט יידן פּוילישע בירגער. אַזעלכעס איז דאָך געווען דאָס קלענערע בייז אין יענע פּאָליטישע באַדינגונגען.

דעריבער טאָקע כאָטש די קאַמפֿן אַרום דער שטאָט זענען נאָך אָנגעגאַנגען האָבן מיר די געוויזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די דאָרטיקע קינאָס זיך געגרייט צו פֿאַרלאָזן די שטאָט וואַרשאַ, אַהין צו די באַפֿרייער און אויך איי־גענטלעך פֿאַר אַ סך אונדז זענען דאָס געווען אונדזערע געבוירן געגענטן. אַזוי האָבן מיר זיך גרופּירט אין גרופּן און האָבן זיך דערנענטערט צו די פֿאָרשטאָט אין דעם פֿאַל איז עס געווען — גראָכאָוו, פֿון וועלכער האָבן געקענט פֿאָרזעצן אונדזער וועג אויף לובלין און ווייטער צו דער גרענעץ טייך בוג. דערווייל אין צווישנצייט האָבן מיר זיך אין גראָכאָוו אָפּגעזוכט אַ פֿאַרלאָזטן אַרבעטער־קאַמער, ווו מיר האָבן געוואַרט אויפֿן טאָג פֿון ענדע די דעמאָלטדיקע אַרום דער שטאָט קאַמפֿן כדי נאָכהער אַרויס פֿון דער שטאָט. צו דער צייט האָט אויך שוין נישט לאַנג געדויערט און די קאַפּיטולאַציע איז געוואָרן אונטערגעשריבן דאָס באָמ־באַרדירן האָט זיך אָפּגעשטעלט און די אַגרעסאָרן האָבן זיך געגרייט אַריינמאַר־שירן מיט גרויס פּאַראַד אין שטאָט וואַרשאַ.

אַזוי, פֿון קיינעם אונטערגעשטיצט, איז געקומען די קאַפּיטולאַציע פֿון דער

שטאָט וואַרשאַ. זי איז געווען אַ פּולשטענדיקע. וואַרשאַ איז געלעגן צופיסענס פונעם אַגרעסאָר, די שטאָט וואַרשאַ, די ערשטע שטאָט אין בלוט דערגרייכטע פונעם באַרימטן דייטשן פעלד־צוג, די אַזוי פּאַרהאַסטע, איז געלעגן אַ פּאַרברענטע אַ חורבע פאַרן אַגרעסאָר. וואַרשאַ, וועלכע האָט סימבאַליזירט דעם פּערמאַנענטן קאַמף אין משך פון דער היטלערישער פאַרברעכערישער פּאָליטישער טעטיקייט איז געלעגן איצט אַ פּאַרבלוטיקטע פאַר זיינע היטלערישע בלוטיקע שטיוול.

דאָס פּלאַץ אין גראַבאָוו, ווו מיר האָבן געוואַרטן אויף דער דערלויבעניש אַהיים גיין, איז געווען פּונקט אַנטקעגן דעם גראַבאָוו קיבוץ־דרור פון דאָרטן נישט ווייט שוין אַ הונדערט מעטער, איז געשטאַנען אויף דער וואַך, אַ דייטשער סאָלדאַט און געהיטן אויף דער דאָרטיקער מענטשלעכער באַוועגונג, וועלכע זענען געלאָפן אויף די דאָרטיקע קיבוץ פעלדערן עפּעס אויסקאָפּן פון געמיזע כדי מיט דעם זיך שפּייזן, דערווייל צו דער צייט האָבן זיך די זיגער געגרייט צום אַריינמאַרשירן מיט גרויס פּאַראַד אין שטאָט.

די באַוועגונג פון די דייטשע זעלנער איינהייטן איז שוין דאָרטן געווען שטאַרק צו מערקן, די קאַמפן זענען שוין געווען אָפּגעשטעלט זענען דעריבער די איינ־ווייגער אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן און אַ סך אַפילו האָבן אָנגעהויבן איינ־טענהן מיטן דאָרטיקן שטייענדיקן אויף פּאָרפּאָסטן — סאָלדאַט. ווייל עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן געבן שוין די דערלויבעניש אַרויס פון דער שטאָט. אַזעלכעס האָט אויך באַשטעטיקט דער שטייענדיקער אויף דער וואַך דייטשער סאָלדאַט.

אין יענעם מאָמענט האָב איך באַמערקט אַז, אַרום דעם דייטשן סאָלדאַט שטייען אַ גרופּע יוגנטלעכע פון קיבוץ און פירן מיט אים אַ גאַר גרויסן פריינט־לעכן געשפּרעך, דאָס זעענדיק האָט מיך אינטערעסירט, וועגן וואָס אייגענטלעך רעדן אונדזערע יוגנטלעכע מיטן דייטש? דער דייטש באַמערקנדיק מיך האָט מיר אַ וווּנק געגעבן איך זאָל זיך דערנענטערן צו דער גרופּע יוגנטלעכע און דאַן האָט ער מיך געפרעגט: ביסט דא יודע? — יאָוואָל, האָב איך געענטפערט און זיך פון אים צוריק דערווייטערט. געוווּנדערט האָט מיך: פאַרוואָס האָט דער דייטש דווקא אין מיר געזען דעם ייד, דאָך זענען אַלע דאָרטן דעמאָלט שטייענדיקע יוגנטלעכע געווען — יידן.

אַזעלכעס האָט מיר שוין דעמאָלט געגעבן גרויס וואָרענונג וואָס אַזעלכעס קאָן מיך דערוואַרטן אונטער זייער דייטשער הערשונג. שפּעטער ערגעץ־ווו, אונטער דער שטאָט לובלין האָב ווידער געהאַט אַזאַ צו מיר פראַגע נאָר אַזעלכעס איז נישט געווען פון אַ רייכסווער סאָלדאַט נאָר שוין פון אַ ריכטיקן געסטאַפּאָ אָפיציר.

שפעטער אין זעלבן טאָג זענען די דייטשן זיגעריש אַריין קיין — וואַרשאַ. עס האָט מאַרשירט אַ גאַנצע אַרמיי אַלץ מעכאַניש, אַלץ אויף מאַשינען אַלץ אויף רעדער, מעכאַנישע רעדער דאָס מיט עכטער דייטשער פּונקטלעכקייט. זיי, די נאַציסטן זענען אַריין קיין וואַרשאַ מיט דער עכטער מיליטערישקייט מיט אַלע געווערן: טאַנקן, האַרמאַטן, הויביצער און אַנדערע מענטשלעכע פאַרניכטונגס־כלים, געגאַנגען זענען שנעל פאַרכאַפּעריש ווי זיגער, שטייפע, בלוטיקע מיט פאַרשטיינערטע פּרצופים, אין וועלכע איז נישט געווען צו זען קיין מענטשלעכן רחמנות־געפיל, זיי די נאַציסטן אין זייערן גאַנצן תוכן האָבן נישט געקענט פאַרשעמען, פאַרקערט איבערגעוואַקסן די זייערע אור־עלטערן: הונען, טעווטאָנען, יונקר־פרייסן און אַוודאי נישט די היינטיקע ראַסן־העצער, וועלכע זענען ערשט אין אָנהויב פון דער זייערער שפּעפערישער טעטיקייט.

אַזוי זענען אַריין אין דער שיינער האַלב־פאַרניכטעטער וואַרשאַ די אַגרעסאָרן פון אַ פאָלק, וועלכעס האָט רואיק געלעבט אויף זייערער היסטאָרישער נחלה, זיך געשפּייזט פון זייער פּראַצע און אַרבעטס־ענערגיע. אַזוי זענען אַריין אין שטאָט וואַרשאַ די פאַרברעכער פון דער אָנגעוואָרפענער פאַרכאַפּערישער מלחמה, די פאַרשמאַכער פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. די דייטשע קלאַגסן זענען אַריין קיין וואַרשאַ מיטן באַוווסטזיין צו פאַרטיליקן די רעשטן דאָרטן באַפעלקערונג בפרט דער יידישער. די דייטשע קלאַגסן זענען אַריין אין וואַרשאַ כדי רויבן פאַרניכטן הרגענען אין נאָמען פון אַ רוצח, וועלכער האָט געגלוסט נאָך מענטשלעך בלוט!

דער פּאַראַד האָט געדויערט אפשר אַ שעה, צוגלייך מיטן פּאַראַד האָט מען שוין געצויגן קאַבעלן ווי אויך פאַרפולט די זייטן וועג פול מיט געווער. די זייערע הערשונגס־מיטלען אין זייערער געשאַפענער קולטור־וועלט.

נאָכן זיגערישן פּאַראַד קיין וואַרשאַ איז געוואָרן אַרויסגעהאַנגען צוויי מעל־דונגען פון דער דייטשער מיליטערישער קאָמענדאַטור. אין איינעם איז געווען געזעדט, וועגן דער דערלויבעניש פון אַרויספאָרן פאַר אַלע בירגער אין די געביטן, וווּ זענען געבוירן אויב אַזעלכעס ווילן, און אין צווייטן איז געווען געזעדט, וועגן דער אומבאַדינגטער רעגיסטראַציע פון אַלע פּאָליטישע פאַרדעכטיקטע בירגער אין לינקע איבערצייגונגען, אויף פאָלגענדע אָנגעוויזענע אַדרעסן.

אַזעלכעס וואָס איז געווען געשריבן אין די מעלדונגען האָט אונדז די געווע־זענע פּאָליטישע אַרעסטירטע געגעבן שוין די ריכטיקע אָפּשאַצונג וועגן דעם וואָס אונדז קאָן דערוואַרטן אין איצטיקן וואַרשאַ רעזשים, דעריבער נישט פאַר־זוימט האָבן מיר תיכף פאַרלאָזט גראָכאָוו אַז, אפילו דאָס עסן וואָס מיר האָבן דאָרטן פאַר זיך אָפּגעקאָכט נישט טועם געווען, מיר האָבן געיאָגט אַהיים.

דער וועג קיין לובלין איז געווען שוין פון מיליטער געגנצלעך פריי, ווי עס וואָלט קיין מלחמה געווען. נאָר די דאָרטיקע חורבות האָבן דאָס געצייגט. מיר אין אונדזער וועג דעמאָלט האָבן געגעכטיקט אין דערפער, צו יענער צייט נאָך האָבן די דאָרטיקע דאָרפישע באַפעלקערונג נישט אָפּגעזאָגט פון אַזעלכעס ווי איבער־געבטיקן און האָבן אַפילו אונדז אָנגעקאָרמעט אָן געלט צו פאַרלאַנגען.

אויפן צווייטן אָדער דריטן טאָג זענען מיר געווען אין לובלין. פאַרן אַריינגאַנג אין דער שטאָט זענען געווען אַ סך אַדורכגייער, אַלע סיי, וועלכע זענען אין שטאָט אַריין און סיי, וועלכע זענען פון דער שטאָט אַרויס זענען אַדורך אַ גאַסן־רעוויזיע. דאָס איז געווען אויף דער דאָרטיקער באַן־סטאַציע. מיך האָט געוווּנדערט דאָס פּונקטלעכקייט פון דער אַדורכגעפירטער רעוויזיע, דאָך זענען מיר געווען נאָך פרייע בירגער נאָך נישט אין קיין תפיסות? אָבער קיינער פון אונדז האָט נישט געפרעגט גאָרנישט. מיר האָבן געצייגט אויף זייער פאַרלאַנג אונדזערע רוקן־טאַשן וווּ מיר האָבן געהאַט דאָס אונדזער ביסל אָרעמקייט, פון וועלכן, די דייטשן האָבן אַרויסגעוואָרפן דעם לעפל און מעסער, וועלכעס מיר האָבן נאָך געטראָגן פון וואַרשע. דעמאָלט טאַקע האָב איך אויך געהאַט צו מיר אַ געשטעלטע פראַגע: ביסט אַ יודע?

אין דער שטאָט לובלין איז געווען שוין דעמאָלט גרויס פאַרצווייפלונג בפרט איז אַזעלכעס געווען ביי דער יידישער באַפעלקערונג. מיר, וועלכע האָבן זיך געוואָלט דערוויסן וועגן דעם רוסישן מיליטערישן אין זאַפאַד אַריינקומען האָבן זיך אָפּגעגעבן אין דאָרטיקן יידישן בית־המדרש כדי זיך אינפאָרמירן אין דעם ענין ביי דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג.

דעמאָלט האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז, די רויטע אַרמיי איז אַריין אין דער געגענט ביז דער שטאָט — זאַמאָשטש, נאָר עס זעט אויס אַז, לויטן אָפּגעמאַכטן אָפּמאַך זענען צו זויט אין זייערע באַפרייערישער מיסיע אַריין, דעריבער טאַקע איצט האָבן זיך אָנגעהויבן צוריק ציען ביז דעם טייך בוג, וועלכער וועט זיין די גרענעץ צווישן די צוויי מאַכטן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. אַזאַ מין ידיעה האָט דעמאָלט פאַר מיר געהייסן אַז, מיין געבוירן שטעטל איז צוערשט יאָ געווען אונטער דער הערשונג פון דער רויטער אַרמיי איז איצט צוריק אַריין צו די הערשונג פון די דייטשן, דעריבער איז פאַר מיר קיין מעגלעכקייט צוקומען אַהיים זיך זעען מיט מיין אין שטעטל משפחה.

וואָס אַ אמת, אַז, ערשט דאָרטן אין לובלין האָב זיך אָנגעטראָפן צום ערשטן מאָל מיט אונדזער יידישער קיום־פראַגע אין משך פון דער אָנפאַלערישער מלחמה. אַזעלכעס האָט זיך שוין דאָרטן אין שטאָט אָנגעהויבן — אָפּפילן דאָרטן אין דער דאָרטיקער שול האָט זיך אַזעלכעס אָפּגעפילט ביים גאַנצן יידישן ציבור שוין

דעמאָלט האָבן די יידן אָפּגעפילט וואָס עס הייסט לעבן ביים דייטשן אַגרעסאָר, שוין דעמאָלט איז דער ייד געוואָרן ממש הפקר. פאַר די דאָרטיקע יידן זענען נאָר געבליבן אַזעלכע מעגלעכקייטן, ווי — תּפיסות און די שפּעטערדיקע טויט־לאַגערן פון וועלכע דער וועג צום טויט איז נאָר די צייט!

איצט אין פּוילן אין דער דייטשער זאָנע, זענען קרוב דריי מיליאָן יידן אין אַן פיזישער קיום־סכנה. דער באָדן אונטער זייערע פיס — ברענט. דעריבער איצט, ווען שטייט די מעגלעכקייט פון אַריבער דעם גרענעץ־טייך בוג, איז דאָך די פראַגע פאַר די דאָרטיקע יידן, וועלכעס הייסט פאַרלאָזן דאָס אַלעס פון זייער פאַרהאָרעוועט פון דורות האָרעוואַניע און פּראַצע מיט די שטובער און לעבענס־פּרנסות, דעריבער אין דער טאַקע פאַרצווייפלונג האָבן נישט געוווסט ווי אַזוי האַנדלען, בלייבן מיטן אַגרעסאָר אָדער אַוועק צום באַפרייער?

☆

בשעת דעם אָנהויב פון דער באַפאַלערישער מלחמה אויף פּוילן זענען די אַגרעסאָרן געווען — די דייטשן: אַלעס רעשט, למשל די פאַרטיילונג פון פּוילן, וועגן וועלכן איז דאָך געווען גערעדט אין די פאַרהאַנדלונגען צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד אין זייערן נישט אָנגרייפס־אָפּמאַך, האָבן מיר צו יענער צייט די — עפענטלעכע מיינונג — נישט געוווסט. אַזוי טאַקע זענען אַלס אַגרעסאָרן פאַרבליבן נאָר — די דייטשן. די לעצטע האָבן טאַקע געשפּרייזט און פאַרכאַפּט דאָס לאַנד, אין שייכות מיט דעם, האָבן דעמאָלט נאָכגישט די רוסן מיט גאָרנישט דערמאָנט אַז, דענקן פון באַפרייען לויטן זייערן פּאָליטישן אויסדרוק — די מערב אוקראַינישע און מערב־ווייס־רוסישע לאַנד געביטן פון פּוילישן יאָך.

שפּעטער, דאָס איז שוין געווען אין דער דריטער וואָך פון דער דייטשער עקספּאַנסיע, האָבן די דייטשן געדריקט אויפן שותּף — די רוסן, אויך, אָנהויבן זיין פאַרכאַפּערישע טעטיקייט, דאָס הייסט ווערן די פאַקטישע שותּפים פון דער פּוילן־פאַרטיילונג. די רוסן ווי געוויינטלעך האָבן נאָך אַלץ געזוכט די נויטיקע פּאָליטישע פאַר דער וועלט פאָרמולע וועגן פאַרכאַפּן די געביטן. ענדלעך האָבן עס געפונען אין דער פאָרם פון באַפרייען זייערע ברידער — אוקראַינער פון פּריצישן בור־זשואַזישן פּוילישן יאָך, וועלכעס טאַקע האָבן צו יענער צייט אָנגעהויבן.

אין רעזולטאַט פון דער באַפרייערישער שליחות זענען אַפילו אַריבער דעם טייך בוג, וועלכער האָט באַדאַרפן ווערן די גרענעץ צווישן די צוויי מאַכטן — דייטשלאַנד און רוסלאַנד. און זענען דערגאַנגען ביז דער שטאָט — זאַמאָשטש. אָבער אונטערן דרוק פון די דייטשן האָבן זיך געמוזט צוריקציען ביז דער באַשטימטער גרענעץ וואָס איז געוואָרן דער טייך — בוג.

אַזוי אַרום אין רעזולטאַט פון דעם זענען אָביעקטיוו באַדינגונגען פון איין זייט — די דייטשע אַגרעסיע און פון דער צווייטער די באַפרייערישע רוסישע מיסיע פון דער רויטער אַרמיי, האָבן, ביידע צוזאַמען געשאַפן די באַדינגונגען פון פאַרשאַרפן די אייביקע דאָרטן הערשנדיקע — יידן־שנאה, וועלכע האָט באַהערשט די דאָרטיקע באַווינטע באַפעלקערונג. וואָס שייך די דייטשן האָבן ממש אַזאַ שנאה — פּראָקלאַמירט, פאַרקערט די רוסן האָבן אויך, אַפילו נישט ווילנדיק אַזאַ יידן־שנאה געשאַפן.

אַזוי אַרום זענען אין די געביטן, וווּ די רויטע אַרמיי איז אין די ערשטע טעג אַריין און אַפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט פון זיך דאָרטן באַזירן, ווייל בסך־הכל זענען דאָרטן געווען געציילטע טעג אָבער דאָס אַליין, איז געווען גענוג אַלס סיבה צו פאַנאַנדערפלאַקערן אַ שנאה קעגן די דאָרטן באַווינטע יידן מצד דער דאָרטיקער פּוילישער מיעשטשאַנען באַפעלקערונג.

אַזוי, איז האָט באַדאַרפן געשען אַז, אין די עטלעכע טעג בשעתן דאָרטן זיין פון דער רויטער אַרמיי, האָבן געוויסע פאַרשוינען פון יענע שטעטישע באַפעלקע־רונג, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געהאַט צו טוען מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער באַוועגונג האָבן זיך, דווקא אין די טעג געוואָלט זיך לאָזן — „ווילגיין" מיט וועלכן, האָבן זיך געוואָלט באַווייזן פאַר דער רוסישער מאַכט אַלס אמתע רעוואָלוציאָנערן. אין רעזולטאַט פון אַזאַ אַרבעט האָבן אויסגעפונען צווישן די דאָרטיקע מיעשטשאַנעס קלאַסן שונאים: פאַמיעשטשיקעס און כל־מיני קולאַקן, וועלכע ברויכן ווערן געבראַכט צום סאָוויעטישן סאָציאַליסטישן געריכט?

אַזעלכעס ברענגען, די קלאַסן־שונאים צום סאָציאַליסטישן משפט איז טאַקע נישט צושטאַנד געקומען. די שונאים האָבן גאָרנישט געליטן נישט אין פיזישן און נישט אין מאַטעריעלן זין, דאָך איז גענוג געווען פאַר די דאָרטיקע שטעטישע מיעשטשאַנעס אַזעלכעס, אַלס אָנזאָג און וואָרעניש. נאָכהער מיטן נאָר זיך צוריק ציען פון דער רויטער אַרמיי צו די איינגעשטעלטע גרענעץ, האָט זיך אין רעזולטאַט פון דעם אָנגעהויבן אַן אמתער יידן־געיעג, וועלכעס האָט זיך אויסגעדריקט אין ממש פיזישן פאַרניכטן יידן און אוודאי דאָס פאַרניכטן זייער האָב און גוטס. די יידן זענען געוואָרן אין די געגנטן פאַר די דאָרטיקע מיעש־טשאַנעס די גרעסטע שונאים סיי אַלס יידן און סיי אַלט קאָמוניסטן. אַזעלכעס איז געשען נאָך איידער אין יענע געביטן איז אַריין דער אַגרעסאָר — די דייטשן.

אין יענער צייט אין מיין וועג אַהיים, וועלכן מיר, איך און חבר מאַניעק האָבן שוין אַזוי צוזאַמען נאָך פון דער תפיסה פאַרגעזעצט איז, ערגעץ־ווו, אונטער דער שטאָט לובלין אויף אַ שייד־וועג גענומען דעם וועג קיין כעלם, דאָס הייסט קיין מערב־אוקראַינע צו דער באַפרייטער פון דער רויטער אַרמיי.

געוועזן איז דעמאָלט אַ שבת־טאָג. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין כעלם, אָבער אויך דער טאָג, ווען די רויטע אַרמיי איז פון כעלם אַרויס צו דער איינגעשטעלטער גרענעץ־טייך בוג, דערווייל שוין אין דעם טאָג, האָבן זיך געלאָזט „ווילגיין" די דאָרטיקע ענדעקעס, נעמענדיק נקמה אין די יידן כאָטש אַליין זענען שוין מאָרגן געוואָרן די נאַטירלעכע שונאים פון דייטשן אַגרעסאָר.

☆

אַ מאָנאַט איז ערשט פאַרביי פון איבערפאַל אויף פוילן. אַ מאָנאַט נאָר, און פוילן מיט אירע שטעט און דערפער און גאַנצער ווירטשאַפט, אינדוסטריע־פאַבריקן, ווערקשטאַטן, ווי אויך די לאַנדס־ווירטשאַפט, אַלעס דאָס וואָס האָט געמאַכט פוילן אַלס לאַנד עקזיסטירט מער נישט אויף דער אייראָפּעישער פּאָליטישער מאַפּע. עס איז, זוי מען האָט פאַרגעזען לויטן אַמאָליקן: פוילן צעטיילונג. די גרעסטע טייל לאַנד איז פאַרכאַפּט פון די דייטשן. די רוסן דאַקעגן האָבן נאָר באַפרייט די זייערע אַמאָליקע פאַרכאַפּטע געביטן, וועלכע האָבן פאַרלוירן אין רעזולטאַט פון פוילנס אַגרעסיע אויף איר, בשעת דעם אַזוי צעפּאַמפּעוועטן: „נס ביים ווייסל" אין יאָר 1920־21. היינט איז פוילן ווי פריער אַ יאָר, די טשעכאָ־סלאָוואַקיי — אָפּגעמעקט.

צוויי פאַרשידענע אָרדענונגס־געזעלשאַפטן, צוויי פאַרשידענע אין עקאָנאָמישן סטרוקטור־לענדער, צוויי קעגן זיך אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן לענדער, האָבן צווישן זיך פאַרטיילט פוילן. אויף דער דאָרטיקער אומגליקלעכער באַפעלקערונג איז אַרויף אַ רוט פון קאָנטריבוציעס, מאָרד־טאַטן און פיזישער פאַרניכטונג. אַזעלכעס איז שוין טאָקע אין דער דייטשער זאָנע. דערווייל וואָס שייך אין דער רוסישער באַפרייטער מערב־זאָנע, ביי די באָלשעוויקעס, די פּאָניעס, זאָגט מען איז דאָס לעבן גאַנץ נאָרמאַל. עס זענען דאָ אויך פאַראַן געזעלשאַפטלעכע פאַרענדערונגען.

דאָך קיין גוואַלט־טאַטן, מאָרדן אָדער רויב־מעשים — אַזעלכע זאַכן איז דערווייל דאָ נישט פאַראַן.

דאָ, אין זאַפאַד ווערן די בורזשויען פון זייער קאַפּיטאַל רכוש אויסגעאייגנט. דאָך דעם אַלעמען, איז דאָס לעבן גאַנץ נאָרמאַל, עס זענען פאַראַן קינאָס און טעאַטערס און אַנדערע פאַרווייַלונגס־ערטער. דאָרטן אַרבעטן די קאַפעען, רעסטאָראַנען, די געוועלבער פאַרקויפן זייערע סחורות, מען גרייט זיך עפענען די הויך־שולן. וואָס שייך די רוסן, זענען זיי אַלס מענטשן פריינטלעכע און שטאַרק אָנגענעמענע. מען קאָן זיך מיט זיי אונטערהאַלטן, און ווי מען זאָגט, קענען אונדזערע יידן מיט זיי מאַכן גאַנץ גוטע געשעפטן.

דער אַלגעמיינער לעבנס טריב פון דער גאַנצער באַפרייטער געגנט פון

די רוסן איז נאָרמאַל. די מלחמה האָט ווי כמעט נישט איבערגעלאָזט קיינע סימנים. דער פאַראויסגאַנג פון דער רויטער אַרמיי איז געווען כמעט אַן בלוט־פאַרגיסונג. דאָ, אין די געביטן זענען דעריבער נישט געווען קיין חורבות, דעריבער האָט די באַפעלקערונג ווייניק געליטן אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס אין פוילן, וועלכע שטחים זענען דאָרטן פון דעם דייטש געגצלעך פאַרניכטעט.

דאָ אין די געביטן גערופן פאַרקירצט — זאפאד איז אַלץ צוריק פרוכטבאַר ווי פאַר דער מלחמה. דאָס לעבן איז באַוועגלעך היימיש און אַפילו די וועלכע האָבן געלעבט אין פחד הייבן זיך אָן צוגעוווינען.

אַהער קיין זאפאד קומען אָן טאָג־טעגלעך מענטשן פון דער דייטשער זאָנע, ממש מאַסנהאַפט. דאָ, רופט מען אַזעלכע „ביעזשענצעס״ אַזעלכע זענען אויך גאַנצע יידישע משפחות, וועלכע פאַרלאָזן די דאָרטיקע זייערע פון יאָרן פאַר־האַרעוועט האָב און גוטס און קומען אַהער כדי נאָר בלייבן ביים לעבן.

אַלע די מענטשן ווערן אַזוי אָדער אַנדערש מיט עפּעס פאַרזאָרגט, עס זענען פאַראַן פאַרשידענע הילפס־אינסטיטוציעס, בפרט פאַר די אַהער אַנקומענדיקע געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע שטראָמען אַהער אין די טויזנטער, דעריבער איז דאָ אויך די ענגשאַפט גרויס בפרט אין די גרעסערע שטעט, ווי לעמבערג, ביאַליסטאָק און אַנדערע. צווישן די הילפס אינסטיטוציעס פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט דאָס הויז פאַר די געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע.

אין אַלגעמיין איז דערוויל דער רושם אַ גוטער. עס דאַכט זיך, אַז דאָס לעבן איז נישט באַגרענעצט פונקט ווי פריער, די קאַפעען און רעסטאָראַנען זענען פול באַזעצט מיט מענטשן און די מוזיק שפּילט, זי לאָזט זיך הערן ווייט אין שטאָט אין די ווייטע גאַסן. אויך זענען די דאָרטיקע מערק פול מיט מענטשן, בפרט די טאָלטשאָקן. דאָרטן פאַרקויפט מען פאַרשידענע מציאות, סחורות, אַזעלכע לויטן רוסישן שטייגער גייען פון האַנט צו האַנט בפרט, וועלכע זענען אין די געשעפטן נישט פאַראַן שוין צום קויפן, אָבער דווקא אַזעלכע זענען פאַראַן אויפן דאָרטיקן מאַרק־טאָלטשאָק יאָ צו באַקומען.

אַזוי טאַקע איז שוין איינגעפירט לויטן רוסישן שטייגער לעבן. פאַר גוט באַצאָלט איז דאָ, דער רושם באַקומט מען אַלעס, אַפילו דעם רוסישן טשינאָווניק, ווייל זיי זעלבסט קומען און קויפן מציאות בפרט זייגערלעך.

דאָך אין דער גאַנצער נישט־נאָרמאַלקייט אָדער ווי מענטשן זאָגן יאָ נאָר־מאַלקייט איז איינס באַשוועט, דאָס זענען די דאָרטן שטייענדיקע רייען, אַזעלכע זענען פאַר יעדן אָרט און אינסטיטוציע, אַזעלכעס איז דאָ אַ נייע געבוירענע נויטווענדיקייט אין אַלגעמיין איז די לאַגע נישט קיין געשפּאַנטע און איבערהויפּט קיין מוראדיקע. עס זעט אויס ווי אין אַ מין דורכגאַנג צייט ווי אין אַ מין

אַנאַרכיע געזעלשאַפט עפּעס אַ מין פּאַזע, וווּ יעדער וויל זיך צוריק אָפּגעפּונען.

די אָנקומענדיקע צאָל יידן ווערט יעדן טאָג גרעסער. דערגרייכט אפשר צו אַן האַלבן מיליאָן און אפשר מער. זעט אויס אַז די יידן האָבן ענדלעך דערקענט, אַז אַזעלכעס איז פאַר זיי דער פיזישער רעטונגס־קיום. אלא וואָס שייך די געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע איז עס אַוודאי פאַר זיי פיזישער רעטונגס־קיום.

דאָ אין די געביטן גערופן זאַפּאַד, איז וואָס אַן אמת פאַר די אַלע אַהער־שטראָמיקע יידן, געווען דער זאַפּאַד דער איינציקער מקום־מקלט. אַהער אין די געביטן האָבן די יידישע יוגנט אַריינגעברענגט לעבנס שוווּנג. דעמאָלט אין יענעם איינגעשטעלטן סדר פון פרייען אַדורכגאַנג צווישן די צוויי מאַכטן רוסלאַנד און דייטשלאַנד זענען די יידן אין משך פון דער דערלויבטער דורכגאַנג־צייט, זענען אַריין און אַרויס אַפילו שפּעטער נאָכן פאַרמאַכן די גרענעץ איז עס אויך געווען אַ מין דורכגאַנג גרענעץ, ווייל בלית ברירה זענען מענטשן געגאַנגען אַהין און צוריק צוליב אַריבערנעמען משפחה־מענטשן און ענלעכעס.

דאָס לעבן אין זאַפּאַד כאָטש עס האָט אויסגעזען נאָרמאַל איז עס נאָך ווייט געווען פון זיין נאָרמאַל. עס איז געווען גאַנץ גוט באַשווערט נאָר די מענטשן האָבן עס נאָך נישט אָפּגעפילט. דער טאָג־טעגלעכער פליטים־צופלוס האָט דאָס נאָרמאַלקייט באַשווערט. די רוסן האָבן פאַרשטענדלעך נישט געוואָלט און נישט געדענקט פון שאַפן אַזאַ מין נישט נאָרמאַלקייט בפרט געבן שטענדיקע הילפס־שטיצע פאַר געזונטע אַרבעטס־פעאיקע מענטשן אָבער, דערווייל האָבן אַזעלכעס געטוען, דעריבער האָבן זיך די פליטים געמוזט קלימאַטיזירן, אָנהויבן אַרבעטן אָדער לערנען, זענען אַריין אין דאָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָבער דאָך אַלע באַמיאונגען האָבן אַ סך פון דער גרויסער מאַסע באַפעלקערונג נישט געקענט זיך דאָרטן קלימאַטיזירן.

עס זענען נאָך דעמאָלט געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך נאָך געזען אין אַ דורכגאַנג תקופה. אָדער אַ טייל האָבן זיך געפירט ווי אין פוילן ווידער זיך פאַרנומען מיט לופט־פרנסות. זיי האָבן אַזעלכעס נישט געהאַלטן פאַר אַ פּגם אָדער אַ געזעלשאַפטלעכן שטרויכלונג, אַ סך פון זיי האָבן געשטראָמט פון שטאָט צו שטאָט. שפּעקולירט, אפילו פון זאָגנע צו זאָגנע געוואָנדערט אויך אַהין אין די פריערדיקע עכטע רוסישע לאַנד צענטערן, אַזעלכעס איז געווען פאַר די רוסן נישט דערלאָזבאַר, ווייל האָבן מורא באַקומען פאַר אַ דערנענטערונג צווישן אירער אַמאָליקער באַפעלקערונג מיט דער הייַנטיקער פוילישער באַפרייטער באַפעלקערונג.

אַזוי טאַקע האָבן זיך בלית ברירה געשאַפן די רייבונגען צווישן דעם

„באַפרייער" פון די געביטן און מיט די אַלע אַנגעקומענע אַהין נישט פּראָדוק־טיווע פּליטים מענטשן גערופן „ביעזשענצעס", וועלכע אַלס נישט פּראָדוקטיווע זענען לויטן רוסישן באַגריף אַ פּסיל, דעריבער האָבן ביסלעכווייז די געזעלשאַפט־לעכע דערשיינונג אָנגעהויבן ליקווידירן. אַזאַ מין ליקווידירן סיי פּאָליטיש און סיי געזעלשאַפטלעך האָט געהאַט אַ שטאַרקן ביי אונדז אַנטוישונג געפיל צו אונדזערע „באַפרייער" פון די שטחים, ווו מיר האָבן באַקומען אונדזערן לעבנס מקלט. אַזאַ אַנטוישונג איז אוודאי געווען ביי אונדז געוועזענע פּאָליטישע אַרעס־טירטע אין יענער צייט.

☆

אין מיין וועג אַהיים דעמאָלט פון דער תפיסה אין די גרויזאַמע טעג פון דער מלחמה, איז פאַר מיר געווען גרויס טרויעריק דער דעמאָלטדיקער באַשלוס מיינער אין יענעם טאָג אויפן שייד־וועג נאָכן שטעטל פּיאַסקי אונטער לובלין ווען איך האָב אויסגעקליבן דעם וועג צו אונדזער „באַפרייער" פון די מערב־געביטן דער רויטער אַרמיי.

דער יסוד צו דעם באַשלוס איז געווען די ידיעה, אַז די רוסן און די רויטע אַרמיי גייען צוריק צום טייך בוג, וועלכעס וועט ווערן די בשותפות גרענעץ צווישן די צוויי טאָטאַלע לענדער. דאָס אַלעס מיט דער הנחה, אַז עס קומען שווערע פאַר אונדז יידן צייטן, גורלדיקע צייטן אין אונדזער יידישן פאָלקס־לעבן און יידישן קיום־לעבן.

דעם גאַנצן וועג פון דער פּוילישער תפיסה אין קאַליש ביז אַהער אין די שטחים האָבן מיר געמאַכט באַנאַנד מיטן חבר מאַניעקן, מיט וועלכן מיר האָבן באַנאַנד דורכגעלעבט אַ גאַנצן פּעריאָד אין אונדזער לעבן אָנהויב פון אַרעסטירן אין וואַרשע, און אויך אין תפיסה קאַמער אין קאַליש, בשעתן אויפברעכן דעם קאַמער איז אונדזער פריינטשאַפט געוואָרן פאַרשטאַרקט און פאַרבונדן, אַזוי טאַקע אין דער פריינטשאַפט האָבן מיר געמאַכט באַנאַנד דעם וועג אַהער ביז קיין קאָוועל און שפּעטער לעמבערג און אויך ביז דער צייט, ווען איך שפּעטער בין אין פּאַרטייאישער שליחות צוריק געפאָרן אַהין צו דער דייטשער זאָנע אין שטאָט סענדזשישאוו, ווו טאַקע האָב באַדאַרפן אויספירן די מיינע שליחות, וועלכעס איז געווען דאָס אַריבערפירן געוויסע חברים קיין זאַפּאַד. אָבער אין רעזולטאַט פון דער שליחות בין שוין דאָרטן געוואָרן ביי די דייטשן פאַרהאַלטן. אַזוי טאַקע אין דער אומגליקלעכער פאַר מיר שליחות האָב ווי עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן איינגעשטעלט מיין לעבן און אַדורכגעמאַכט אַלע דאָרטן געטאָס און דייטשע נאַציסטישע לאַגערן. אָנהויבנדיק פון די צוואַנגס־לאַגערן אין סענדזשישאוו גופא,

דורכן שפּעטערדיקן סקאַרזשיסקאָ לאַגער, ווו האָב געאַרבעט אין יענע שווערע טעג און יאָרן אין די זייער באַוווּסטע „שולץ־אונטערנעמונגען", ווו אויך אין פאַרשיידענע אַנדערע פאַבריקן, צווישן אַנדערן אין דאָרטיקער אַמוניציע פאַבריק. אַזוי ביזן מיך באַפרייען פון אַלע לאַגערן נאָכן ליקווידירן די נאַצי־פעסט אין מאָנאַט מאַי יאָר 1945.

אין יענע טעג אָבער, פאַר די געשעענישן נאָך זייענדיק אין שטאָט קאָוועל אין דעם רוסישן „זאַפּאַד", נאָך איידער איך האָב געמאַכט מיין אַזוי נישט באַרעכנטען צוריק־גאַנג צו דער דייטשער זאָנע האָבן מיר, איך און דער חבר מאַניעק געמאַכט אונדזערן דעמאָלטדיקן ערשטן גאַנג פון דער תפיסה קיין קאָוועל.

דעמאָלט צו יענער צייט אין דער זאַפּאַד־שטאָט קאָוועל האָב איך זיך געטראָפן מיט מיינע ברידער פּליטים. מיין פרייד איז געווען שטאַרק גרויס. דעמאָלט טאַקע איז די טרעפונג מיט מיינע ברידער געווען די לעצטע אין אונדזערן לעבן. דעמאָלט טאַקע האָבן זיי מיר דערציילט וועגן די דעמאָלטדיקע פּאַסירונגען אין אונדזערן געבוירן שטעטל, בשעת דעם דאָרטן הערשן פון דער רויטער אַרמיי און נאָכן דאָרטן פאַרלאָזן. מיינע ברידער האָבן דערציילט וועגן די צרות, וועלכע האָבן זיך אַלאָז געטאָן אויף די קעפּ פון דער נעבעך דאָרטן פאַרבליבענער יידישער באַפעלקערונג, אַזעלכעס האָט טאַקע מיר געגעבן דעם באַוווּסטזיין אין דער באַפרידיקונג פאַרוואָס בין איך נישט גלייך פון דער תפיסה געקומען אַהיים, ווייל אַנדערש וואָלט איך געוואָרן דאָרטן אין שטעטל אַ קרבן פון יענע דעמאָלטדיקע דאָרטן אין שטעטל געשעענישן.

מיינע עלטערן און יונגסטער ברודער זענען פאַרבליבן אין אונדזערן געבוירן שטעטל. זיי האָבן זיך נישט געקענט שיידן מיט דעם, וואָס האָבן אין משך פון לאַנגע יאָרן צו עפּעס דערגרייכט, אַזעלכעס איז אויך געווען די סיבה פון אַ סך די דאָרטן פאַרבליבענע איינוווינער־יידן אין דער דאָרטן געגענט.

דאָס שטעטעלע איז געוואָרן אַלס „נקמה" פון די דאָרטיקע „מיעשטשאַנעס" צו יידן, פאַרברענט נאָך פאַרן אַריינקומען פון די דייטשן אין שטעטל. זיי, די „מיעשטשאַנעס" האָבן נאָר געוואַרטן אויף אַזאַ היסטאָרישער געלעגנהייט — נקמה צו נעמען אין די יידן. איצט האָבן אַוודאי געהאַט די געלעגנהייט פון נעמען אַזאַ זיסע נקמה, אין דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, אַזעלכעס האָט באַדאַרפן זיין אַ „באַצאָלונג" פאַרן זיך אויפפירן פון די עטלעכע שטעטישע „פאַרשוינען", וועלכע האָבן זיך געלאָזט „ווויליגיין" בשעתן הערשן דאָרטן די עטלעכע טעג פון דער רויטער אַרמיי, ווען די רויטע אַרמיי איז צופיל אַריבער די שפּעטערע אָפּגעשטעלטע גרענעץ און דערגאַנגען וויט די גרענעצן פון אונדזער שטעטל.

אלזאָ, די פאַרשוינען ווילגייער האָבן זיך געוואָלט באַווייזן בשעתן דאָרטן זיין פון דער רויטער אַרמיי, אַז זיי זענען נאָך מער ווי באַגלויבטע צו רוסלאַנד סימפּאַטיקער, כאָטש זיי די חברה האָבן חס וחלילה נישט דערלויבט זיך אָפּטוען שלעכטס דער דאָרטיקער מיעשטשאַנען באַפעלקערונג, ווי למשל, אויף זיי אָנפאַלן אָדער באַרויבן, אָדער וועלן אויסאייגענעם פונעם רכוש. אָבער, וועלכעס האָבן יאָ געטוען איז שוין געווען פאַר די דאָרטיקע מיעשטשאַנעס, אַז עס זאָל זיין אַ סיבה צו דער נקמה פאַר זייערע מעשים.

קודם־כל האָבן זיי פאַרברענט דעם גאַנצן דאָרטן יידישן האָב און גוטס נאָכהער האָבן זיך ערשט גענומען אויפזוכן דאָס ביסל דאָרטן באַווינטע יידן און ממש איבער זיי אַדורכגעפירט רציחות, ווייל ווער וועט זיך אָנגעמען די קריוודע פון די יידן. דער ייד איז דאָך בפירוש הפקר. שפּעטער, ווען די מיעשטשאַנעס האָבן באַקומען דעם דייטשן יאַוואָל באַשטעטיקונג, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן דער אמתער זייערער פּראָאיזוואָל אויפן ביסל נאָך דאָרטן באַווינטן יידישן איינוווינער.

מיינע עלטערן, נאָכן פאַרברענען דאָס שטעטל, האָבן זיך אַריבערגעצויגן אויף דער פאָרשטאָט. דאָרטן האָבן געלעבט מיין פאָטערס ברידער מיט די שוועסטערן און די זייערע משפחות. נאָכהער מיטן אַריינקומען פון די דייטשן אין שטעטל, ווען דער יידן־געיעג איז מער געוואַקסן, אַזעלכעס איז דאָך געווען דער הויפּט ציל פון די דאָרטיקע „מיעשטשאַנעס”, ווי אַוודאי פונעם אַגרעסאָר דייטש זענען אַלע איינוווינער ווי אויך מיינע עלטערן אַנטלאָפן אַהין אין די דאָרטיקע ליפּצאַווע וועלדער, די אַזוי פאַראייביקטע דורכן יידישן שרייבער י. אַפּאַטאָשו אונטערן נאָמען — „פּוילישע וועלדער”. צום סוף טאַקע זענען די אַלע הונדערטער משפחות וועלכע האָבן געזוכט שוץ אין די וועלדער פאַרן אַגרעסאָר־דייטש, זענען צו שפּעט פון דעם גורל דאָרטן טאַקע אין די וועלדער געוואָרן ביז איינעם אויס־געמאָרדעט פון די מערדערלעכע הענט, זייערע שכנים פּאָליאַקן מיעשטשאַנעס.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָרטן אין אונדזערער געגענט דאָס שכנות לעבן פון הונדערטער יאָרן צווישן די יידן און די דאָרטיקע איינוווינער, די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך נישט געמיעסט איינטונקן זייערע ברודיקע הענט אין אומשולדיקן פאַרגאָסענעם יידישן בלוט. אַזוי איז געווען דער סוף צום גאַנצן דאָרטן לעבן פון יידישן פּוילישן קיבוץ דאָרטן. אַזוי אויך איז געווען דער סוף פון מיינע עלטערן, יונגסטער ברודער און די אַלע פון מיין טאַטנס ברודערן משפּחות.

אַזאַ ענלעכן סוף האָט געטראָפן באַלד אין די ערשטע צייטן פונעם אָנקומען אין יענער געגענט דעם אַגרעסאָר דייטש — מיין שוועסטער. מיין שוועסטער, זי האָט געווינט אין טאָמאַשאָוו. צו יענער האָט אויך געלעבט דאָרטן אויף דער

פאַרשטאַט גערופן, פאַרצעלעס, דאָס איז געווען אַ געגענט בלויז פאַר פּאָליאַקן, בלויז נאָר מיליטער־לייט. די שוועסטער האָט געהאַט די דערלויבעניש צו וווינען אין די „פאַרצעלעס", צוליבן שפּייז געוועלב. דאָרטן טאַקע צוגלייך מיטן אָנקומען פון די היטלעריסטן, שוין נאָר בלויז אין די ערשטע טעג האָט מען מיין שוועסטער מיט אירע צוויי קליינע קינדערלעך דערשאָסן. דאָס אָרט איז געבליבן יידן ריין. אַזוי אַרום איז נאָך פאַר די ערשטע אויסזידלונגען, וועלכע זענען טאַקע דאָרטן אין דער געגענט געווען פון די ערשטע איז שוין געווען גרויס מיין ביישטייער מיטן אויסמאָרדן אַלע מיינע משפחה קרובים.

נאָכהער מיטן איבערפאַל פון די דייטשן אויף רוסלאַנד, זענען צו דעם צעטל צוגעקומען די רשימה פון מיינע דריי ברידער, וועלכע האָבן זיך אין זאַפּאַד עוואַקואירט מיט זייערע משפחות. דאָס איז מיין אומגליקלעכער ביישטייער צום אַלגעמיינעם אומגליק וואָס האָט געטראָפן אונדזער פּויליש יידנטום. פון דער גרויסער אַמאָליקער פאַרצווייגטער משפחה בין איך נאָר אַליין דאָך אַלע מיינע טראַגישע איבערלעבונגען געבליבן דורך אַ נס ביים לעבן.

אין רוסלאַנד בשעת דער פּערעדישקע

קאָוועל איז געווען די ערשטע שטאָט אין מערב אוקראַיִנע געראָפן בײַ די רוסן — זאַפּאַד, וווּ מיר מיט מאַגיעקן זענען אָנגעקומען. אַהין האָבן זיך אָפּגעגעבן אַלע געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע פון דער דײַטשער זאָנע. דאָרטן אין קאָוועל איז געוואָרן געשאַפן אַן הילפס־אינסטיטוציע פאַר די געוועזענע פּאָליטישע אַרעס־טירטע, וועלכע איז געווען אָנגערופן: „דאָס פּאָליטישע הויז״. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן אַ סך באַקאַנטע, מיט וועלכע מיר זענען געווען צוזאַמען אין די פרײַ־ערדיקע תּפיסות, דעריבער זענען מיר בײדע געוואָרן געשטעלט לײטן מיטן פּאָליטישן הויז. די אַרבעט איז געווען נישט קײן באַצאָלטע, ווײַל אויך דער גאַנצער כאַראַקטער פונעם פּאָליטישן הויז איז געווען אַ פילאַנטראָפּישער. דאָס פּאָליטישע הויז האָט זיך געפונען אין אַ שטעטישן גימנאַזיום, וועלכעס מען האָט געגעבן צו אונדזער דיספּאָזיץ.

צווישן אונדז, די געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע, איז איצט פאָרגעקומען אַ גאַנצער איבערברוך. די אַמאָליקע פּאָליטישע פּאַרטײ וויכּוחים זענען ווי נישט מער געווען, געוואָרן אָפּגעשטאָרבן. הײַנט נאָכן אויסברעכן פון דער מלחמה, נאָכן איבערלעבן די אַלע שוידערלעכע מלחמה־טעג, איז אונדז אַרײַן אַ פּאָליטישע כטאַגנאַציע. די אַלע פּאָליטישע שמועסן וועגן די נישט אָנגדײַפּס־פּאַקטן, אָדער אַנדערע פּאָליטישע געשעענישן זענען בײַ אונדז אַראָפּ פון פּרק. עס האָט זיך געמאַכט פון צײַט צו צײַט אַ דורכלויפענדיקע באַמערקונג, אָבער אַזעלכעס איז געבליבן אַ גראָטעסקע.

דער פּאָליטישער האָריזאָנט צו יענער צײַט האָט אָנגעוויזן אויף דעם זיך צעמענטירן פון די קלאַסן כּוחות צו אַ קלאַסן קאָנפראָנטאַציע אין צווישן לעבן פון די צוויי וועלט בלאָקן. דאָך, איז בײַ אונדז אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן געווען אַ מין שטילשטאַנד, ווײַל סײַ־ווי האָבן מיר אין אַלעמען מסכּים געווען כּאָטש יעדער האָט זײַנע טענות און מענות געהאַט, און דאָך האָבן מיר געשוויגן. אַ טײל חברים, האָבן זיך געוואָלט אין דער פּאָליטישער עליטע באַזירן, אַנדערע ווידער האָבן געוואָלט שטודירן, ווײַל דאָך אין רוסלאַנד איז געגעבן די מעגלעכקײט צו שטודירן אויף דער סטיפּענדיום פון דער רעגירונג.

דאָס דעמאָלטדיקע פּאָליטישע לעבן האָט אָנגעוויזן אויף אַ פּאַרקערטע ווענדונג צו דעם, וואָס מיר האָבן פּאַרגעזען. דאָס איצטיקע, געמיינט די דאָרטן געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען און לעבנס באַציאונגען, איז געווען אין קעגנשפּרוך צו אונדזערן געלייענטן און געלערנטן. אויב, אויך, ווען אַנאַליזירנדיק די ווירקלעכקייט פון יענער געזעלשאַפט, האָבן מיר זי געזען ווי אין אַ צייטווייליקער סטאַגנאַציע אין יענעם פּאָליטישן לעבן, אַזוי איז געווען אונדזערע דעמאָלטדיקע מסקנה.

ווייל דאָך, ווען מיר פּאַקטיש ברויכן אַנאַליזירן די דעמאָלטדיקע געשעענישן, ווען צוויי טאָטאַלע לענדער, וועלכע האָבן זיך שטענדיק געוואָלט קעגנזייטיק פאַרניכטן. ווען האָבן נאָר געזייעט שנאה צו זיך, דאָך אין רעזולטאַט זענען גאָר געוואָרן צווישן זיך פריינט און חבריש, אַזעלכעס קאָן נאָר פאַרשטאַנען זיין, אַלס קעגנזאַץ צו דעם געלערנטן וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ווייל עס פרעגט זיך צי איז געווען לאָגיש, אַזאַ פאַרשטענדעניש צווישן די צוויי וועלט בלאָקן, וו זשע ליגט די פאַרבאָרגענע סכנה? דעריבער האָט יעדער אין זיך געטראַכט, אַזעלכעס איז נישט אַנדערש ווי אַ צייטווייליקע פּאָליטישע סטאַגנאַציע, וועלכע וועט דויערן ביז אַ באַשטימטן אויפברויז, ביז אַ באַשטימטער צווישן זיי אַנקומענדיקער מלחמה קאָנפראָנטאַציע.

מיר, די געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע, די געיאָגטע אין פּוילן פון דער פאַשיסטישער מאַכט, וועלכע האָבן אַהער זיך געראַטעוועט אַ דאַנק אונדזער אייגענער באַפרייאונג, מיר, וועלכע האָבן געפירט דעם קאַמף פאַרן איינהייטס און פּאָלקספראָנט, מיר, וועלכע האָבן געפירט דעם קאַמף פאַר אַ קאָלעקטיוון מלוכותבלאָק קעגן פאַשיזם, מיר, וועלכע זענען געוועזן דער אַרבעטער אַוואַנגאַרד פון פּוילישן אַרבעטער קלאַס, וועלכע האָבן שוין אָן מורא דאָ אין זאַפּאַד זיך רעגיסטרירט אַלס קאָמוניסטן, וועלכע היינט טראָגן דעם קלינגענדיקן נאָמען: „געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע". די, וועלכע זענען געקומען אַהער קיין זאַפּאַד דאָס לאַנד בויען, באַפרוכפּערן, מיר אַלע, האָבן אויך אין רוסלאַנד נישט בעסער פּאַרענדיקט אונדזער פּאָליטישע לעבנס-געשיכטע, ווי אַזעלכע אין היטלער דייטשלאַנד. דאָ, אין רוסלאַנד זענען מיר געוואָרן פאַרשריגן אַלס אָפּאָרטוניסטן אָדער אַלס אַנדערער מין אָפּנויגער, מיר זענען געוואָרן די סאַבאָטאַזשניקעס, אַנטי-קאָמוניסטן און פּאָלקס שונאים! דאָס, צוליב דעם, ווייל מיר האָבן געהאַט צופיל גלויבן אין הערשענדן רעזשים-געשפּענסט וואָס הייסט ראַטנפאַרבאַנד.

דעמאָלט אין די באַפרייטע טעג פון אונדזער לעבן אין די מערב געביטן, ווען מיר מיט פול לעבנס האָפענונג האָבן געשטראָמט אַהער אין די באַפרייטע

געביטן און געגלויבט, אַז ענדלעך דאָך, וועלן מיר דאָ לעבן אַן אונטערדריקונג, אַן עקספּלאָאַטאַציע. דעמאָלט, ווען מיר האָבן געדענקט פון אַ פריי וואָרט, פון און אַרויסגערעדטן פרייען געדאַנק, איז אַזעלכעס, אויך אין רוסלאַנד געוואָרן פאַר אונדז פאַרבאָטן. אויך דעמאָלט אין רוסלאַנד האָט אונדז אָנגעהויבן באַהערשן אַ מורא פאַר אַזאַ מין אַרויסגעזאָגט פריי וואָרט!

די אַמאָליקע געפירטע דיסקוסיעס בשעת מיר זענען געווען אין די תפיסות זענען געוואָרן צעריבן, געוואָרן אַ פוסטער פאַרבייגייענדיקער חלום. מיר קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט מיט רוסלאַנד דווקא אידענטיפיצירן, זענען פון איר געוואָרן מיט עקל אָפּגעשטויסן און מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן. מיר סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זענען געוואָרן סיי אין רוסלאַנד, ווו סיי דאָרטן אין פאַשיסטישן דייטשלאַנד געוואָרן נאָר געבראַכט צו איין ציל, פאַרניכטונג.

אין אַלגעמיין גענומען, איז דאָס גאַנצע לעבן אין די באַפרייטע געביטן, די אַזוי גערופן מערב געביטן, די באַפרייטע פון דער רויטער אַרמיי, האָט אונדז „געוויזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע", אָנגעהויבן פּאָליטיש און געזעלשאַפטלעך אַנטוישן, עס האָט אין אונדז אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען אַ פּראָצעס פון אַן אויסניכטערונג פון די יאָרן לאַנג איינגעקריצטן בלינדן גלויבן צו די סאָוויעטן, אַלס איינציקע שעפער און בויער פון דער יושר־וועלט אין זייערן סאָציאַליסטישן אויפגעבויטן ראַטנפאַרבאַנד.

אַלזאָ, בכדי צו באַגרינדן אונדזערע לעבענס אַנטוישונגען צו אונדזער באַפרייער — דעם ראַטנפאַרבאַנד, ברענגען מיר אונדזער לעבענס פאַרגאַנגענהייט פון יענעם אַדורכגאַנגס־פּעריאָד, ווו מיר האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט ביזן טאָג פון מיין צוריקפאָרן אַהין אין דער דייטשער זאָנע אין דער גרויסער אומגליקלעכער שליחות קיין סענדזשישאוו, און אויך אין דער פאַרזעצונג אַלס באַגרינדונג ברענגען מיר די דערציילונגען פון מאַניעקס לעבן אין רוסלאַנד גופא, אַלס אַ באַגרינדונג צו אונדזערער פּאָליטישער אַנטוישונג, וועלכע האָבן זיך ביי אונדז צו די סאָוויעטן געשאַפן.

די דערציילונגען פון מאַניעקס לעבן אין רוסלאַנד זענען אָביעקטיווע און אויטענטישע, דעריבער שפּיגלען אָפּ אַן קאָמענטאַרן דעם ריכטיקן און רעאַלן רוסישן שטייגער לעבן פון יענער צייט אין דער געשאַפענער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אַזוי אין רעזולטאַט זענען מיינע דערציילונגען אינאיינעם מיט זיינע שאַפן אין גרונט די באַזע פאַר אונדז געוועזענע קאָמוניסטן די פאָרשטעלונג צו אונדזערע פּאָליטישע אידעען אַנטוישונגען.

☆

סוף כל־סוף זענען מיר אָנגעקומען אין לעמבערג. די שטאָט לעמבערג איז כאָטש דער מלחמה פאַרגאַנגענהייט, שיין און פּראַכטפול און אויך גרויסאַרטיק, אפילו איצט אין דעם גרויסן מענטשן געפילדער און רעש פון טויזנטער פּליטים, דאָך אין דעם אַלעמען, איז די שטאָט פּראַכטפול. די רוסן האָבן געהאַט פאַר לעמ־בערג אַ ספּעציעלן רעספּעקט. דאָס ביי זיי אַרויסגעזאָגטע וואָרט — לעמבערג האָט געהייסן זאַפּאַד און זאַפּאַד האָט געהייסן — לעמבערג און אײַנגאַנצן האָט עס באַדייטעט: די מערב־קולטור און דאָס איז געווען זייער שיינער לוויִה.

פאַקטיש איז די מלחמה מיטן אַריינקומען אַהער אין די געביטן פון דער רויטער אַרמיי געוואָרן פאַרענדיקט, אָבער אינערלעך האָט דאָס דאָרטיקע לעבן געהאַט אַ נישט נאָרמאַלן כאַראַקטער. מיר קאָמוניסטן, האָבן עס אָפּגעשאַצט אַלס אַ לעבן אין אַ הייגטצייטיקן „נעפּ־פּעריאָד". געלעבט האָט זיך דאָרטן אין גאַנצן זאַפּאַד גאַנץ פאַרשידן. מענטשן זענען געשטאַנען פאַר גאָר גרויסע לעבענס פאַרענדערונגען און אין דעם אַלעמען האָט דאָס דעמאָלטדיקע לעבן שוין געהאַט פון רוסישן לעבענס נוסח און סדר, ווו אין כלל געגומען איז דאָרטן אין רוסלאַנד איינגעפירט, אַזעלכעס איז, אַ לעבן אין — רייען. די לעצטע זענען אומעטום, פאַר רעגירונגס אינסטיטוציעס, פּאַרטיי־ביוראָען, פאַר קאָמונאַלע אינסטיטוציעס און אויך פאַר אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אַוודאי אויך פאַר פאַר־שידענע שפּייז־געשעפטן: רעסטאָראַנען און קאַפעען. מען איז געשטאַנען אין רייען, ווייל אַזוי איז אין רוסלאַנד דער אָנהויב סדר, וועלכער הייסט — רייע, דאָך האָבן זיך מענטשן וועגן דעם נישט באַקלאָגט.

דאָס סאַמע ברענענדיקסטע דאָרטן פּראָבלעם צו יענער צייט איז געווען דאָס וווין־פּראָבלעם. מענטשן האָבן דאָרטן אין זאַפּאַד נישט געוווינט נאָר אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן אין זיי נאָר געשלאָפן, דאָס הייסט דער מענטשלעכער וווין־אינוועטאַר איז באַשטאַנען פון אַ בעטל, וועלכעס איז געשטאַנען ביי עמיצן אין אַ משפּחה, פאַר דעם געצאָלט בכדי נאָר אַדורכשלאָפן.

מיר מענטשן באַפרייטע פון די תפיסות, כאָטש מיר זענען געווען פון די דעמאָלטדיקע מיוחסים האָבן באַוווינט די לעמבערגער בריגיטקע תפיסה. אַזוי, צום שפּעט פון גורל, אַז די תפיסה, ווו אַמאָל איז געווען פאַר אונדז פּאָליטישע אַרעסטירטע דער באַוווינטער מיט כוח — וווין־פּלאַץ, איז איצט געוואָרן פאַר אַ סך אַזעלכע באַפרייטע אַרעסטירטע אויך אַ באַוווינטער לעבנס־אָרט. אַזעלכעס איז טאַקע געווען אַ פּראָוויזאָרישע זאַך, ווייל אַזאַ זאַך ווי אַ תפיסה, איז שפּעטער געוואָרן פאַר די דאָרטיקע סאָוויעטישע מושלים מער וויכטיקער, ווי אַזעלכעס צו געבן צום רשות הרבים צום בלויזן נאָר סתם וווינען.

דאָ, אין לעמבערג אין דעם רעשיקן געפֿילדער, ווו זענען געווען מער אַנגעקומענע פּליטים ווי עכטע דאָרטן געבוירענע בירגער, דאָ אין דער גרויסער בעזדאַמני־שטאָט איז נישט קוקענדיק אויפֿן גאַנצן דאָרטן שלעכטן זענען די קאַפֿעען און רעסטאָראַנען פֿול מיט באַזוכער, מענטשן זענען ממש געשטאַנען אויפֿן קאָפּ ביים אַנדערן, בכדי צו באַקומען אַ פֿריי אָרט ביים עס־טיש. אַ סך צו יענער צייט רעסטאָראַנען האָבן אַרויסגעגעבן מיטאָגן אָן געלט — פֿאַר טאַלאָנען, אָבער אַפֿילו דאָרטן, ווו עס האָט יאָ געקאָסט געלט איז אויך געווען פֿול מיט מענטשן. עס זענען אויך געווען עס־ערטער, ווו למשל די קאַפֿעען, ווו מען האָט זיך געקענט אויך אַמוזירן ביי די קלאַנגען פֿון שיינער פֿאַרוויילונגס־מוזיק, אַזעלכעס האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז, עס איבערהויפּט נישט געווען קיין מלחמה און בפֿרט קיין מענטשלעכע זאָרגן.

דער האַנדל אין שטאָט איז ווייטער אָנגעגאַנגען, די געשעפֿטן זענען געווען אָפֿן צופֿיל אין זיי סחורות איז נישט געווען, דערפֿאַר איז אַלעס שוין צו יענער צייט געצויגן צו באַקומען אויף די דאָרטיקע באַזאַרן גערופֿן טאַלטשאָקן. אויף די טאַלטשאָקן האָט מען דעמאָלט באַקומען געקויפֿט אַלעס נויטיקע. אַהער האָבן די שפּעקולאַנטן צוגעשטעלט יעדע געברויכטע סחורה. דער טאַלטשאָק איז געוואָרן דאָס וויכטיקסטע האַנדלס פּלאַץ. עס איז נאָר אַוונדער אַז, די באַפֿעלקערונג האָט שוין געוווּסט פֿון דעם האַנדלס־סדר, וועלכער עקזיסטירט אין רוסלאַנד.

אין לעמבערג אין דער גרויסער שטאָט פֿון די מערב געביטן איז געווען די גרעסטע מערהייט פֿון די באַפֿרייטע געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע אַהער אין מערב אָנגעקומענע, ווו אויך סתם פּליטים, צווישן זיי איז אויך געווען אַ גרויסער פּראָצענט פֿון דער פּוילישער אַנטלאָפֿענער אינטעליגענץ פֿון דער דייטשער זאָנע. דעריבער צוליב דעם גרויסן צופֿלוס פֿון מענטשן כוח, פֿיזישן און סיי גייסטישן, איז אין רעזולטאַט האָט זיך געשאַפֿן אַ יאָגעניש און אַ קאַמף פֿאַר יעדער גוטער אַרבעט, און צוליב דעם אַ געוויסע באַזירטע און איינגעפֿירטע אַרבעטס־פּראָטעקציע, וועלכעס איז מיט דער צייט געוואָרן אַ גאַנץ דאָרטן פֿאַרשטענדלעכקייט.

וואָס אַ אמת, אַז אין דעם גרויסן שטופּעניש פֿאַרן „דאָס־זיין קאַמף”, כאָטש איך בין פֿאַרשטענדלעך געווען פֿון די מיוחסים, האָב פֿאָרט נישט געהאָט די העזע זיך שטופּן אָדער זיך אַרויסרוקן אין דער עקזיסטירנדיקער דאָרטן שאַכער־מאַכער־פּראָטעקציע אין דער גרויסער יאָגעניש, דעריבער האָב אין אַלעמען מוותּר געווען און אָפּגעטרעטן, ווייל סוף־כל־סוף אַלס געוועזענער פּאָליטישער אַרעסטירטער, דאָס הייסט אַלס געליטענער, האָב פֿאַרשטאַנען מער ווי די אַלע דאָרטן שטופּענדיקע מענטשן, וועגן דער ריכטיקער געשאַפֿענער אַלגעמיינער לאַגע. טאַקע

וואָס אַ אמת איז, די פּאַרטיי האָט מיר געגעבן פולע אונטערשטיצונג אין אַ סך געביטן ווי למשל האָב געהאַט צו מיין דיספּאָזיציע אַ צימער־וווינונג, געווען אויך אָנגענומען אין לעמבערגער אוניווערזיטעט, נאָר האָב עס נישט אויסגענוצט צוליב אַנדערע טעמים, נעמלעך מיט דער אָפּפאַרנדיקער שליחות צוריק אין דער דייטשער זאָנע אין דער שטאָט סענדזשישאָוו.

די רוסן האָבן זיך אין שטאָט לעמבערג כמעט ווי נישט געוואָרפן אין די אויגן. זייער באַציאונג איז געווען אַ חברישע און פּאָליטיש זענען געווען שטאַרק טאַקטיש, אַזעלכעס איז צו פאַרשטיין, ווייל אַהער אין זאַפּאַד האָבן געשיקט מענטשן באַגלויביקע און אויסגעקליבענע פון שופרא דשופרא, וועלכן האָבן געהאַט אַ פּאַרטייאישן צוטרוי און אין עיקר אַזעלכע, וועלכע זאָלן קענען פאַר די רוסן געבן דאָס סאַמע פּאָזיטיווסטע.

אינערלעך אין דעם זאַפּאַד האָבן זיך די רוסן געפּירט ווי וואָלטן ערשט נאָר אַדורכגעפירט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. גאַנצע גרופּען מענטשן, פּאַרטיי־חברים, פּאָליטישע קאַדרן האָבן פאַרגעזעצט זייערע פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, האָבן נאָר גערעדט וועגן דעם גרויסן געשעעניש וואָס הייסט „באַפרייען דעם זאַפּאַד” און די ברידער אוקראַינער פונעם פּוילישן פּריצישן פּאַנסקי יאָך, אַזעלכעס איז געווען דער עיקר געשפּרעך אין די געהאַלטענע פּאָליטישע רעפעראַטן פון זייערע פּאַרטיי און רעגירונגס־פאַרשטייער, אַזעלכעס אויך האָבן פּראָפּאַגאַנדירט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי. אַהין האָבן אַפילו געשיקט אונדזערע געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע און אין דעם אַלעמען האָבן באַדאַרפן הויפּטזעכלעך אונטערשטרייכן דאָס באַפרייען די אוקראַינישע און ווייסרוסישע געביטן פון פּוילישן פּריצישן יאָך, ווייל טאָמער איז אַזעלכעס חס־וחלילה נישט פאַרשטאַנען פון דער אייגענער רויטער אַרמיי.

אין דעם גרויסן פאַרשידנאַרטיקן מענטשן ים, פאַרשידענע מענטשן שיכטן און גרופּן זענען געווען צופרידענע און נישט צופרידענע. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן ווייטער ווי געוויינטלעך פאַרגעזעצט זייער לעבן, אַזוי, ווו אַמאָל אין פּוילן, געהאַנדלט און געוואַנדעלט פאַר זיי איז אַזעלכעס ווי האַנדל נישט געווען קיין פּגם, אַנדערע ווידער האָבן גערייזט אַהין און צוריק, שוין געווען אַפילו דאָרט אין זייערע עכטע רוסישע שטעט: מאָסקווע, קיעוו און אַנדערע גרעסערע שטעט, געווען אויך אויפן דאָנבאַס, און באַקוקט דעם סאָוויעטישן גן־עדן. אַנדערע ווידער האָבן געזוכט פּראָטעקציע בכדי זיך עקאָנאָמיש באַזירן אָדער געוואָרן אַ פּאַרטיי ביוראָקראַט. אַנדערע ווידער האָבן אָפּגעטוען אַלע דאָרטן עבודה זרהס. געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אָדער שטודירן און עס זענען

אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך נאָר געשושקעט, געסודעט און פֿון אַלעמען אָפּגעלאַכט אָדער אפשר געלעבט פֿון די זייערע געברענגטע רייכטומער, צווישן די אַלע איז אויך געווען מענטשן, וועלכע האָבן נאָר קריטיקירט די גאַנצע סאָוויעטישע מאַכט־אָרדענונג ווי בשעתו אין פּוילן, אָן יעדוועדער מורא, וועלכעס האָט דאָך באַדאַרפֿן ווערן קלאָר אַז, מיט דער צייט וועלן פֿאַר אַזעלכעס שטאַרק באַצאָלן.

דאָ אין דעם גרויסן עקזיסטענץ געראַנגל איז אין יענע אָנהויב צייטן האָבן דווקא אויך די סאָוויעטן דאָך נישט געהאַט צו די ביעזשענצעס קיין רעגירונגס־פֿאַרשטענדלעכקייט. דאָך זענען די ביעזשענצעס, די געיאָגטע און גערודפטע, וועלכע האָבן שטאַרק זייער לעבן געליבט, וועלכע האָבן נישט אַנדערש ווי נאָר זייער לעבן געוואָלט פֿאַרזעצן, אָבער דאָך, זענען נישט געווען קיין שונאים פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, קיין שפּיאָנען און אַוודאי קיין פּאָליטישע קעגנער, נאָר סתם פּשוט געפּלאָגטע פֿון גורל, וועלכע וואָלטן באַדאַרפֿן בעסערע און פֿאַרשטענדלעכע באַציאונגען, ווי אַזעלכע האָבן באַקומען אין אייניקע וואָכן אַרום פֿון דער דאָ־טיקער סאָוויעטן מאַכט!

אַלזאָ, אַזוי האָבן די טויזנטער פּליטים, וועלכע האָבן אַלע באַקומען איין נאָמען: „ביעזשענצעס”, וועלן אויך שפּעטער באַקומען אין אָן אויסנאָם געזעל־שאַפֿטלעכן סאָוויעטישן טיפּול, לויטן רוסישן באַקאַנטן סיסטעם, וועלכער איז אין מהות מער „ליבעראַלער און דעמאָקראַטישער” און חס וחלילה נישט צו פֿאַרגלייכן מיטן פֿיזישן ליקווידירן נוסח — היטלער, ניין!

אַזאַ מין טיפּול אין רוסלאַנד הייסט איבערקוואַליפֿיצירונג פֿון מענטשלעכן כאַראַקטער אין אַ ספּעציעלן סאָוויעטישן פֿאַרשטענדלעך, טאַקע אין סאָוויעטישן הימלאַנד. אַזאַ מין טיפּול האָט ביי די רוסן אַ גאַנץ אַנדערן צוגאַנג. אַזעלכן דאַרטן רופֿן, פּראָלעטאַרישן אָדער סטאַלינישן, וועלכן האָבן נישט איינמאָל אויסגענוצט ביי זיך אין לאַנד מיט גרויס הצלחה.

ביי די סאָוויעטישע מושלים פֿון די באַפֿרייטע מערב געביטן, איז אַזאַ באַשריבענער אויפֿפֿירונג פֿון די דאָרטן ביעזשענצעס הייסט ווידערשפּעניקונג. דעריבער טאַקע האָבן די סאָוויעטישע מושלים לאַנג נישט געטראַכט און אָנגע־הויבן אָנווענדן זייער באַרימט פּראָלעטאַרישן מיטל. אַזוי האָבן מיטאַמאָל אָנגע־הויבן אָנווענדן זייערע אָבלאַוועס עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַרומיאָגן נאָכן ביעזשעניעץ, פֿון די שטובער באַנאַכט אַרויסגעשלעפּט, אָדער אויף די גאַסן און מערק צוזאַמענגענומען, אָדער פּשוטע דורכגייער פֿאַרהאַלטן, וועלכע האָבן קיינע דאָקומענטן געהאַט און אפשר אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן קיין סימפּאַטישן אויסזען

געהאַט, און אַלע אינאײנעם האָבן געזאַמלט אין שוין פון פריער צוגעגרייטע וואַגאָנען, טיעפּלושקעס, כדי זיי אין ווייטן צפון געגענטן אָפּשיקן. ווו וועלן באַקומען אויפן סאָוויעטישן אופן אַ קורס פון איבערדערציאונג דאָס הייסט פאַר מענטשן מאַכן.

אַזוי האָבן זיי די אַלע ביעזשענצעס ווי סתם פאַרברעכער געשיקט אין זייערע לאַגערן און אַרבעטער קאָלאָניעס צום קאַלטן צפון אין די דאָרטיקע וועלדער, ווו עס הערשט אייביקער שניי און פראָסט. פאַרשטענדלעך אַז, פון דאָרטן וועט קיין איין לעבעדיקער מענטש זיך אַנטוואָגן אַליין צוריקקומען. אַלעס דאָס, האָבן די סאָוויעטן געטוען אָן רעש, שטיל, ווי זייער שטייגער איז אין אַזעלכע ענינים. דאָך צום שפּעט פון גורל זענען די אַלע דעמאָלט פאַרשיקטע דווקא היינט צו טאָג דער יידישער שארית־הפליטה פון די פּוילישע יידן.

☆

איך מאַניעק, וועלכער בין געווען לויט אַלע פאַרשריפטן געהאַרכזאַם ווי אַ אַמאָליקער פאַרטיי־חבר, ווען ענדלעך האָב אָפּגעוואָרפן אַלע אַלטערנאַטיוון צו פאַרבלייבן אין שטאָט לעמבערג האָב איך זיך נאָך באַצייטנס רעגיסטרירט כדי אָפּפאָרן אין טיף רוסלאַנד, אַזעלכעס האָב געטוען בכדי דערלערנען די רוסישע שפראַך, וועלכע וועט מיר געבן די מעגלעכקייט אַריינטרעטן ערגעץ־ווו, דאָרטן אין רוסלאַנד אין אַ הויך־שולע צו שטודירן. דעריבער בשעתן זיך רעגיסטרירן האָב אָנגענומען די אַנגעבאָטענע שטאָט, דאָס איז געווען די שטאָט קיראָוו.

דער רוסישער לעבענס־שטייגער, איז פאַר מיר געווען באַקאַנט נאָר פון דער באַשריבענער רוסישער ליטעראַטור. פון דער געלייענטער רוסישער ליטעראַטור האָבן מיר נאָכגעפאָרשט דאָס דאָרטיקע געזעלשאַפטלעכן לעבן. דעם דאָרטן זיך בויענדיקן דניעפּראָסטראַי, מאַגניטאַגאָרסק און אַנדערע וויכטיקע פאַר דער װעלט באַקאַנטע אָרטשאַפטן, אויך אין דעם זעלבן האָבן מיר נאָכגעפאָרשט די דאָרטיקע שלאַגלער־באַוועגונג וועגן דער קאָלעקטיוויזיאַציע. דעריבער טאַקע האָבן מיר, דעמאָלט אין פּוילן קאָמוניסטן, געהאַט אַ קליינע אַנונג וועגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, ווו פאַרשטענדלעך, בויט זיך און שאַפט זיך דער באַזיגטער סאָציאַליזם און קלאַסענלאָזער געזעלשאַפט, וועלכע געזעלשאַפט מיר האָבן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן אַזוי הייס פראָפּאַגאַנדירט אין אונדזער פאָליטישער טעטיקייט.

חוץ דעם אַלעמען איז רוסלאַנד פאַר אונדז קאָמוניסטן געווען, דער באַסטיאָן פון וועלט־שלום, דער באַפרייער פון פאַרשמאַכטע פעלקער און דאָס פאָטערלאַנד

פון אַרבעטער־קלאַס. אַלעס דאָס, פּלוס מײַנע פּאָליטישע קאָמוניסטישע איבער־צײַגונגען איז שוין געגנוג צו פֿאַרשטיין, ווי טײַער איז פֿאַר מיר געווען דער ראַטנפֿאַרבאַנד צו וועלכן האָב געהאַט פֿולשטענדיקע אמונה און גלויבן. אַזעלכער איז דעמאָלט געווען דער מײַן אַנגעגאַרטער אוצר, אַנקומענדיק אַהין אין די גרענעצן פֿון רוסלאַנד. וואָס אַ אמת צוליב דעם אַלעמען האָב געזען אין אַלע רוסישע מעשים נאָר פֿאַרשטענדלעכקייט און דאַנקבאַרקייט, דאָך דעם אַלעמען האָב געפֿילט אַז, בין איך נישט ווײַט פֿון דער סכנה, וועלכע לאַקערט אויף מײַן קאָפּ און צום סוף, טאַקע בין געוואָרן, אַ פֿאַרשריגענער דאָרטן פֿאָלקס־שונא און אַנטי־קאָמוניסט אַלס אַזעלכן בין געוואָרן באַשולדיקט. נאָר וועגן דעם אין ווײַטערע דערציילונגען.

אין טאָג פֿון אָפּפֿאָרן קיין קיראָוו, האָבן מיר זיך פֿאַרזאַמלט אויף דער דאָרטיקער לעמבערגער באַן־סטאַנציע, דאָס נאָכן אַדורכגיין אַלע נויטיקע פֿאָר־מאַליטעטן. דאָס ערשטע, וועלכעס האָט אונדז געוווּנדערט איז געווען, וואָס מען האָט אונדז גרופּירט אין אַ צוג פֿון בלויז „טיעפּלושקעס". אַזאַ מין צוג האָט געדינט פֿאַר איבערפֿירן סחורות אָדער בהמות אָבער נישט מענטשן. דאָס פֿאָרן אַהין האָט ווי געוויינטלעך געברויכט דויערן עטלעכע טעג און פּאַקטיש האָט עס געדויערט אַ פּאָר וואָכן, דאָס אַן מינימאַלע מענטשן באַדינגונגען בפֿרט אָן היגיענישע באַדינגונגען, דאָך האָבן מיר זיך נישט באַקלאָגט, ווײַל אויף אַלעמען האָבן מיר געהאַט אַ נויטיקע פֿאַרענטפֿערונג, אין וועלכן האָט זיך אויסגעדריקט סימפּאַטיע צום ראַטנפֿאַרבאַנד.

דער צוג איז געווען אַ לאַנגער מיט אַ סך אַזעלכע וואַגאָנען טיעפּלושקעס און אין יעדן אַזאַ וואַגאָן, איז געווען קרוב — 50 רייזענדיקע מענטשן. אויף יעדן וואַגאָן איז געווען אָנגעצייכנט די באַשטימטע שטאָט. דער אָנפֿאַנגס פֿון דער נסיעה איז געווען איינגענעם. די רייזענדע זענען בשעת דער נסיעה אַריבער פֿון וואַגאָן צו וואַגאָן מען האָט געמאַכט באַקאַנטשאַפֿט און הנאה געהאַט פֿונעם דורכפֿאָרענדיקן רוסישן פּייזאַש. אָבער דאָס אַלעס, ווען מיר זענען נאָך געווען אין די מילדערע רוסישע געגנטן אָדער פֿריער אין די אַמאָליקע פּוילישע געגענטן. נאָכהער, ווען מיר זענען אַרײַן טיפֿער אין די רוסישע עכטע געביטן, ווען דער ווינטער מאָנאַט יאַנואַר האָט זיך אָנגעהויבן אָפּפֿילן, ווען אויך מענטשן אַרויס־לויפֿענדיק אויף די דאָרטיקע באַן־סטאַציעס עפּעס פֿון עסן איינקויפֿן, האָבן בשעת המעשה באַקומען אַן אָפּגעפֿרוירן אויער. איז פֿאַרשטענדלעך האָט עס אונדז אָנגעהויבן ספֿקן אין דעם אונדזערן באַשלוס פֿונעם אָפּגעטוענעם טאַט, דאָך, האָט דאָס אַלעס נאָר געמאַכט אונדז מער הומאָר.

מער ווירקענדיקער האָט אויף אונדז בשעת דער נסיעה געמאַכט דער איינ־דרוק אַז, קומענדיק אויף די דאָרטיקע באַן־סטאַציעס האָבן מיר פאַר אונדזערע רובלן נישט געקענט באַקומען די נויטיקע צום קויפן פּראָדוקטן. אַ סך פון די געפּאַדערטע פּראָדוקטן האָבן מיר בכלל נישט געקענט באַקומען, אַזעלכעס למשל, וואָס אין שטאָט לעמבערג האָבן יאָ געקענט באַקומען געקויפט, פאַרשטענדלעך אַז, אַזעלכעס האָט אונדז איבערראַשט, אויך האָט אונדז איבערראַשט די דאָרטיקע בלויז שטייענדיקע רייען צו זייערע סטאָלאָוועס און אַנדערע עסן־מאַגאַזינען, אַזעלכעס האָט אונדז געוווּנדערט, ווייל עס איז דאָך דאָ, ביי זיי נישט געווען קיין מלחמה — האָבן מיר זיך געטראַכט. אַזעלכעס איז אין אונדזערע מערב געביטן געווען פאַרשטענדלעך, אָבער אין די פאַרביי פאַרענדיקע שטעט אין רוסלאַנד האָט עס אונדז שטאַרק געוווּנדערט.

וואָס שייך די רוסן, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט בשעתן פאָרן אויף די דאָרטיקע באַן־סטאַציעס האָבן מיר פאַר זיי געהאַט די גרעסטע שעצונג, זענען געווען גוטע אין דער טבע, אויך אין זייער באַציאונג צו אונדז געווען דורכאויס אַ גוטע, האָבן אונדז פאַרשטענדלעך מיטגעפילט און האָבן ליב געהאַט מיט אונדז איינטענהן. דאָך אין דעם אַלעמען האָט זיך אַרויסגעפילט, אַז עס איז פאַראַן צווישן אונדז און זיי אַ מין נישט אויסגערעדטע דיסטאַנץ און אַ נישט אויסגע־רעדטע איבערלעבע מורא צוליב דער מיט אונדז באַגעגעניש. אַזעלכעס האָבן מיר דעמאָלט פאַרבנדיק נישט געקענט געגוי אָנטאַפּן אָבער דאָך האָט זיך אַזעלכעס אין זייער רעדן אָפּגעפילט.

די אַדורכפאַרנדיקע שטעט און שטעטלעך האָבן אויף אונדז נישט געמאַכט קיין שטאַרקן רושם. דער סטאַנדאַרד פונעם הייזער־בוי איז געווען אַ פיל נידעריקער, ווי ביי אונדז אין פּוילן. אָבער וואָס שייך די דאָרטיקע געזעלשאַפט־לעכע ענדערונגען, וועלכע האָבן פאַר אונדז באַדאַרפן זיין מוסטער־ווערק לגבי פּוילן, האָבן מיר נאָך נישט כמעט ווי געזען. כאָטש אין אמתן געזאָגט האָבן מיר אַזעלכעס נאָך נישט געגומען שטאַרק אין אַכט חוץ אפשר ביי אונדז סימפּאַטי־זירנדיקע מיט רוסלאַנד מענטשן. מיר גערופענע „ביעזשענצעס" האָבן אוודאי ביי די רוסישע איינוווינער געהאַט אַן אויסזען פון נעבעכדיקע „בעזדאָמני"־מענטשן, וועלכע דאַרפן נאָר גוטן ווונטש און אַזעלכעס איז ביי די רוסן, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט אויפן וועג איז געווען צו אונדז זייער פיל, געוווּנדערט האָט אונדז דעמאָלט דאָס, און וועלכעס מיר האָבן נישט געקענט פאַרשטיין איז געווען דער דאָרטן גרויסער המון מענטשן דער שטענדיק שטייענדיקער אין די רייען פאַר זייערע עס־רעסטאָראַנען.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אין שטאָט קיראָוו. עס איז געווען אַ פאַרנאַכט, גלייך מיטן אָנקומען האָט מען אונדז געפירט אין אַן רוסיש פּאַרע באָד נאָכהער האָט מען אונדז די גאַנצע חברה געפירט אין אַ צוגעגרייט פאַר אונדז אויפנאַם־וווינונג, וווּ מיר האָבן געדאַרפט עטלעכע טעג פון וועג רוען. דער קבלת־פּנים איז געווען פריינטלעך, גרויס און שטאַרק וואַרעם. צו אונדזער דיספּאָזיציע זענען געווען צוגעטיילט עטלעכע רוסישע געזעלשאַפטס־פרויען, וועלכע האָבן באַדאַרפן אונדז געבן אַלע נויטיקע אָנווייזונגען, זיי האָבן אונדז געפירט אין די דאָרטיקע סטאָלאָוועס און באַזאָרגט מיט אַלעמען און פּאַקטיש זע־נען געווען אונדזערע פאַרזאָרגערינס פאַר דער גאַנצער צייט פון אונדזער אָפּרו אין שטאָט קיראָוו. דעמאָלט בשעתן קבלת־פּנים האָט מען יעדן פון אונדז אַרויסגעגעבן פאַרשטענדלעך אויפן חשבון דער שפּעטערדיקער אַרבעט וואַרעמע קליידער און אויך פאַר יעדן וואָלענקעס און אויך אַ וואַרעמע וואַטענע קאָלדרע צום שלאָפן. מיט איין וואָרט די אויפנאַמע איז געווען שטאַרק מענטשלעך.

דאָס אָנקומען פון אונדז ביעזשענצעס אין קיראָוו איז געווען אויפגענומען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג גוט און האַרציק, אַזעלכעס איז געווען ביי אַלע איינוווינער שיכטן, אַזעלכעס האָט זיך אויסגעדריקט צו אונדז אַלס באַפרייטע פון פוילישן פּריצישן יאָך. אַזוי און נישט אַנדערש האָט מען וועגן אונדז גערעדט אין שטאָט גופא און אין רעזולטאַט פון דעם זענען צו אונדז אין אויפנאַמס־וווינונג געקומען פאַרשידענע שטעטישע דעלעגאַציעס אונדז באַגריסן און צווישן אַנדערע איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון דער שטעטישער צייטונג „קיראָווסקאַ פּראַוודאַ”. די צייטונג האָט אונדז וואַרעם באַגריסט, אונדזערע בילדער דאָרטן אין איר פאַרעפנטלעכט מיט אַ פּירוש, אַז מיר די באַפרייטע פונעם פוילישן פּריצישן יאָך אַ דאַנק דער קלוגער רעגירונגס־פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיטן חבר סטאַלין בראש. אַזוי אַרום איז טאַקע דעמאָלט געשאַפן געוואָרן אַ קשר צווישן די קיראָווער איינוווינער מיט אונדז ביעזשענצעס, בפרט מיט מיר, וועלכער בין געווען פון דער גאַנצער גרופּע אַ געוועזענער פּאָליטישער אַרעס־טירטער און אַ געליטענער פון פוילישן פּריצישן יאָך אין די דאָרטיקע תּפיסות.

די לייטערן פון דעם גרויסן קבלת־פּנים איז געווען אַ פרוי, וועלכע האָט געהייסן מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, זעלבסט איז זי געווען די קולטור־לייטערין אין דער שטעטישער האַרמאָניע פאַבריק די גרעסטע אין רוסלאַנד גערופן „קיראָווס־קאַיאַ גאַרמאָניאַ”. זי מאַריאַ איוואַנאָוואַ איז געוואָרן אונדזער פאַרזאָרגערין און זי האָט זיך אויך פאַרנומען מיט גרויס האַרציקייט און איבערגעבענקייט צו די דאָרטן צוזאַמען מיט אונדז געקומענע משפחות מיט קינדער, פאַר וועלכע האָט געבראַנגט שיינע קינדער מתנות.

די פרוי מאַריאַ איוואַנאָוונאַ איז געווען אין אמתן צו אונדז ביעזשענצעס איבערגעגעבן. זי איז געווען אַ פּאַרטיי־חבר און געזאָרגט פאַר אונדז אַלע, און אויך אַ דאַנק איר שתדלנות בין איך געוואָרן איבערגעלאָזט אין שטאָט גופא אַרבעטן, ווייל דאָך, האָב געוואָלט פאַרשטענדלעך אַריינטרעטן אין דאָרטיקן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט לערנען. אָבער אויך אין דעם האָבן געהאָלפן מיינע פּאַרטיי־דאָקומענטן, וועלכע איך האָב געוויזן אַלס געוועזענער פּאָליטישער אַרעסטירטער און אַמאָליקער פּוילישער קאָמסאָמאָל חבר. דעם זכות, אָבער צו פאַרבלייבן אין שטאָט גופא איז ערשט מיר געגעבן געוואָרן נאָכן אויספאָרשן מיך אין שטעטישן אָבלאָסטנעם פּאַרטיי קאָמיטעט.

די שטאָט קיראָוו, די אַמאָליקע וויאַטקאַ געררופן אויפן נאָמען פון שטעטישן טייך וויאַטקאַ, שפּעטער איז דער נאָמען געוואָרן פאַרטוישט אויף קיראָוו נאָכן דערמאָרדן דעם לעצטן. קיראָוו איז געווען אַ נאָענטער פּול מיט צוטרוי חבר פון דעם „גרויסן" י. סטאַלין. די באַשולדיקונג איז פאַרשטענדלעך געוואָרפן אויף דער ליקווידירטער „טראָצקיסטישער זינאָוויעוו־גרופּע". די שטאָט קיראָוו איז געווען אַן אָבלאָסטנוי קריי. די שטאָט האָט דעמאָלט געהאַט מער ווי 200 טויזנט איינוווינער און אין דער שטאָט איז געווען דריי גרויסע הויך־שולן, פּע־דאַגאָגישער אַ וועטערינאַר־מעדיצינישער און אַן אינסטיטוט פאַר אויסלענדישע שפּראַכן און אויך איז דאָרטן געווען עטלעכע טעכניקומס און אויך אַנדערע מיטל־און פאָלקס־שולן.

פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט איז אין דער שטאָט געווען פאַבריקן און אַ סך וועדקשטאַטן ווי שוין די דערמאָנטע קיראָוסקאַיאַ גאַרמאַניאַ, אויף וועלכער פאַבריק האָבן געאַרבעט מער ווי טויזנט אַרבעטער, די דאָרטן איינ־וווינער האָבן מיט שטאָלץ אויף איר אָנגעוויזן אַלס בעסטע אין דער היגזיכט אין גאַנצן לאַנד, אַהין אין דער פאַבריק האָב איך באַדאַרפט אָנקומען צייט־ווייליק אַרבעטן ביזן דערלערנען די רוסישע שפּראַך כדי קענען פאַרשטיין די געלייענטע אויפן אינסטיטוט לעקציעס. שפּעטער איז אַהין אין קיראָוו אין קאָנסעקוועגץ פון דער מלחמה געוואָרן עוואַקואירט אַ סך מיליטערישע זאַ־וואָדן מיט זייערע אַרבעטער פּערסאָנאַלן.

ענדלעך נאָכן עטלעכן טאָגיקן אָפּרו אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן איינאָרדענען די אָנגעקומענע ביעזשענצעס אויף אַרבעט, וועלכע איז פאַראויס געזוכט שוין צוגעגרייט אָבער נאָר אין אבלאסט, איך, ווי האָב שוין דערמאָנט אין זכות פון דער קולטור־לייטערין מאַריאַ איוואַנאָוונאַ בין פאַרבליבן אין שטאָט גופא. די פרוי מאַריאַ איוואַנאָוונאַ האָט מיר געשאַפן די צייטווייליקע

אַרבעט אין דער פאַבריק „קיראָווסקאַיאַ גאַרמאַניאַ". געוווינט האָב איך אין אַ דאָרטיקן פאַבריקס־אבשעזשיטיע מיט נאָך 5 פּערזאָן אין אַ צימער. דער דעמאָלטדיקער מיין גאַנצער רכוש איז באַשטאַנען פון די אַרויסגעגעבענע מיר זאַכן אַלס אַוואַנס פון מיין שפּעטערדיקער אַרבעט אין פאַבריק.

דאָס וווינען אין דער דאָרטיקער אבשעזשיטיע איז געווען פאַר מיר שטאַרק מאָדנע. אַזאַ מין זאַך האָט מיר דערמאָנט די יאָרן פון מיין זיצן אין תפיסה, דאָך האָב איך זיך נישט באַקלאָגט אַפילו, ווען אָביעקטיוו גענומען פון שטאַנד־פּונקט אין פאַרגלייך צו דעם, וועלכעס האָב געהאַט אין שטאָט לעמבערג האָט זיך עס ווי דאָ אין קיראָוו נישט געקענט פאַרגלייכן בפרט צו אַזעלכעס האָב באַדאַרפט האָבן די שתדלנות פון דער פרוי מאַריאַ איוואַנאָוונאַ.

פון איין זייט, איז דאָס דאָרטיקע אבשעזשיטיע לעבן אין רוסלאַנד האָט זיין עפעקט פאַרן דאָרטיקן אַרבעטער, וועלכער האָט נישט באַדאַרפן זוכן אַ שלאָף אָרט אין אַ פרעמדער שטאָט און אַוודאי נישט פאַרן יעדן טאָג צו זיך אין דאָרף אָדער אין קליינעם אָבלאַסנעם שטעטל. דאָך האָב איך אַזאַ לעבן אין דער באַציאונג צו מיר נישט געקענט אַזעלכעס פאַרשטיין אפילו מיט מיין גרויסן פאַרטייאישן באַוווסטזיין, ווייל דאָך בין איך געקומען זיך איינ־אָרדענען און לעבן אַ משפחה־לעבן, דאָך אַלעמען, האָב איך זיך נישט באַקלאָגט.

אינערלעך אין אבשעזשיטיע צימער ביים בעטל איז געשטאַנען אַ קליין נאַכט שענקל פאַר געשיר און שפּייז. דאָס צימער איז קיינמאָל נישט געווען פאַרשלאָסן, ווייל די באַוווינטע דאָרטן מיט מיר מענטשן האָבן געאַרבעט אין פאַרשידענע אַרבעטער שיכטן און צוליב דעם אויך איז דאָרטן שטענדיק געווען קליינע גניבהלעך. דאָך, איז מיין צוזאַמענלעבן מיט די דאָרטיקע מענטשן געווען האַרמאָניש און פריינטלעך, דאָס אַ דאַנק מיין לעבן פאַרגאַנגענהייט, וועלכעס האָט מיר געגעבן געניטונג אין דעם פּראַקטיק.

די שטאָט קיראָוו איז געווען אַן אַלטע, זעלטן אין איר אַ גרויס שטאָקיק הויז, חוץ פאַרשטענדלעך די עטלעכע נייע בנינים שוין אויפגעבויטע בשעת דער ראַטנמאַכט, וועלכע זענען געווען פון נייעם סטיל געבויט, ווי דאָס נ.ק.וו.ד.־הויז און דער דאָרטיקער גאָר סאָוויעט און דאָס נייע אויפגעשטעלטע דאָרטן טעאַטער. אַלע איבעריקע זענען געווען געבויט נאָך אין אַמאָליקן סטיל און שטייגער און פאַרשטענדלעך אָן יעדוועדער קאַנאַליזאַציע, כאָטש אַזעלכעס אויב עס איז יאָ געווען אין אַ דאָרטיקן הויז האָט עס אין די דאָרטיקע ווינטער־מאָנאַטן נישט געאַרבעט צוליב די גרויסע פרעסט, וועלכע זענען דערגאַנגען ביז 40 גראַד און אפשר נאָך מער. אויך איז אין שטאָט געווען אַ גוט אָרגאַ־

ניזירטע ביכער ביבליאָטעק אויפֿן נאָמען פֿון רוסישן שרייבער און הומאַניסט — הערצן. די שטאָט האָט אויך געהאַט דריי הויך־אינסטיטוטן אין וועלכע עס האָבן געלערנט קרוב 2000 סטודענטן מיט פּרימיטיווע וווינונגס באַדינגונגען, אָן היגיענישע איינריכטונגען, אָבער מען האָט אין זיי געוווינט.

אונדזער אָנקומען אין דער שטאָט קיראָוו האָט געהאַט גרויס אָפּקלאַנג אין געזעלשאַפֿטלעכן דאָרטן לעבן ביי אַלע שיכטן באַפֿעלקערונג, בפֿרט ווען די שטאָט קיראָוו איז געווען אַ מין פֿאַרשיקונגס־שטאָט ביי דער סאָוויעטישער רעגירונג. דעריבער מיטן אָנקומען פֿון אונדז ביעזשענצעס האָט עס געהאַט פֿאַר דער שטאָט אַ מער צופֿרידענעם פֿאַר דער דאָרטיקער באַפֿעלקערונג אויס־דרוק, צוליב וועלכן האָבן זיך אָנגעהויבן מער רעספּעקטירן און צוליב דעם איז געווען זייערע פֿאַראינטערעסירונג מיט אונדז גרויס.

אַזוי האָבן טאַקע פֿאַרשידענע אין שטאָט אַרבעטער אינסטיטוציעס אויס־נוצענדיק אַזאַ געלעגענהייט געשיקט צו אונדז דעלעגאַציעס, באַגריסן און אויך דעריבער געבעטן אונדז ביעזשענצעס שיקן עמיצן צו זיי אין די פֿאַבריקן זיי דערציילן, וועגן אונדזערן אין פּוילן געיאָגטן עקספּלאָאַטירטן לעבן, ווייל אַזעלכעס האָבן די רוסישע פּאַרטיי־מאַכט אויסגענוצט פֿאַר זייערע פֿאַרשטענד־לעכע אינטערעסן, און אין עיקר צו באַווייזן די קלוגע פּאָליטיק פֿון דער סאָוויעטישער מאַכט און רעגירונג און אין עיקר אונטערשטרייכן די גרויסע עקאָנאָמישע הילף, וועלכע דערלאַנגט דער ראַטנפֿאַרבאַנד דער באַפֿרייטער מערב־אוקראַינע, צוליב וועלכער דעריבער איז איצט ביי זיי פֿאַראַן אַ געוויסער דוחק אין געוויסע שפּייז־פּראָדוקטן. ווייל פֿאַקטיש צייגן מיר אייך, אַז מיר שטיצן אונטער די באַפֿרייטע אין מערב געביטן.

אין רעזולטאַט פֿון דעם האָבן זיך דעמאָלט געשאַפֿן, צווישן מיר און אַ סך דאָרטן אַרבעטער־אינסטיטוציעס אַ געוויסע פֿריינטשאַפֿט, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס איך האָב פֿאַר די דערמאָנטע אַרבעטער־קאָלעק־טיוון דערציילט וועגן אונדזערן אַמאָליקן לעבן אין זאַפּאַד אונטער דעם פּוילישן פּריצישן יאָך.

אַזוי אַרום נאָכן זיך איינאָרדענען אין שטאָט קיראָוו בין געווען ממש טאָג־טעגלעך פֿאַרבעטן צו רעפֿערירן אויף אַזעלכע טעמעס. אין מיינע רעפֿע־ראַטן האָבן פֿאַרשטענדלעך געלויבט די גוטע פֿריינטלעכע באַציאונג פֿון דער ראַטנמאַכט צו אונדז דאָרטן אין די באַפֿרייטע געביטן בירגער, און האָב טאַקע אויך גערעדט וועגן דער גרויסער אונדזער דאַנקבאַרקייט וואָס דאָס דאָרטן באַוווינטע פֿאָלק האָט פֿאַרן ראַטנפֿאַרבאַנד און זיין פֿאָלק.

געווען איז שוין דעמאָלט די מלחמה צווישן רוסלאַנד און פינלאַנד. די עקאָנאָמישע לאַגע אין קאָנסעקווענץ פון דער מלחמה איז געוואָרן באַשווערט, די דאָרטיקע מאַגאַזינען זענען געווען ממש לער פון פּראָדוקטן. מענטשן זענען געשטאַנען אין גרויסע רייען, די אַזוי באַקאַנטע אין רוסישן סדר לעבן. אָבער אַזעלכעס האָבן די דאָרטיקע מושלים געוואָלט אַז דאָס פאָלק זאָל אַזעלכעס פאַרשטיין פון דער נויטווענדיקייט, וועלכע דרינגט צוליב געבן שטיצע דער דאָרטיקער באַפרייטער מערבֿ־אוקראַינע, און אַזעלכעס דאַרף ווערן די ריכטיקע סיבה פאַרן פאָלק, כדי זאָל אַזעלכעס קענען פאַרשטיין פון אַזעלכע גורמים וואָס קענען וועגן דעם עדות זאָגן. דעריבער פאַרשטענדלעך בין איך געוואָרן דאָרטן אין שטאָט אַ געוואונטשענער ביישטייער פאַר דער שטעטישער פאַרטיי־לייטונג אין פאַרשידענע דאָרטן אַרבעטער־קאָלעקטיוון. אָבער גאַנץ אַנדערש האָבן וועגן אַזאַ ענין געדענקט די דאָרטיקע שטעטישע היטערן פון דער זיכערקייטס דינסט, וועלכע טראָגט דעם שרעקלעכן נאָמען נ.ק.וו.ד.

דאָך נישט קוקענדיק אויף די שפּייז־שוועריקייטן וואָס די מלחמה האָט געבראַכט קיין רוסלאַנד, וועלכעס האָט מיך אַזוי שטאַרק דעמאָלט געוווּנדערט, ווייל רוסלאַנד איז אַ גרויס און רייך לאַנד, דעריבער איז אַזאַ זאַך אַ גרויסער דאָרטן אין לעבן קעגנשפּרוך. דאָס פאָלק איז דאָ באַשיידן און שטאַרק שפּאָרזאַם און לעבט ממש ווי אַן אָרעם פאָלק, קיין לוקסוס האָט עס נישט געהאַט און געזען, נאָר שטאַרק פאַרהאָרעוועט. פרעגט זיך, פאַרוואָס האָט נישט געקענט זיין קיין גרעסערער פּראָדוקציע אָנבאָט, בכדי דער אַרבעטער זאָל נישט באַדאַרפן שטיין שעהן לאַנג יעדן טאָג אין די רייען, כדי צו באַקומען ברויט אָדער עפּעס אַנדערש פון שפּייז־פּראָדוקטן ?!

דאָך נישט קוקענדיק אויף דעם, איז דאָרטן דער אַרבעטער געווען געדולדיקט און נישט זיך באַקלאָגט אָבער אויך האָט אַזעלכעס נישט אויפגענומען מיט ליבשאַפט, ווייל אויך אין אמתן געזאָגט וואָלט אים נישט געהאָלפן זיך קלאָגן.

מיין דאָרטן לעבן אין שטאָט קיראָוו האָט געהאַט פאַר מיר אַ ספּעציעלן אינטערעס. קודם כל, האָב איך אין דעם דאָרטיקן לעבן געזוכט די דערגרייכונגען פון מער צוואַנציק יאָר סאָציאַליסטישע בויאונג. געזוכט זיין פאַרשריט, איך האָב אויך געוואָלט זען צי עס איז אַזוי, ווו עס זינגט זיך אין דער ראַדיאָ אודיציע יעדן טאָג ביים אויפשטיין: — אַז „יעדער מענטש איז ווי אַ בעל־הבית ביי זיך אין ראַטנפאַרבאַנד". און אויך האָב איך געוואָלט זען די דערפאָלגן אין לאַנד גופא. מיט איין וואָרט, איך האָב געוואָלט זען מיט וואָס דאָס

לאַנד רוסלאַנד איז אַביישפּיל־לאַנד פאַר אַלע אין דער וועלט אַרבעטער־באַוועגונגען.

אַזעלכעס דערציילן האָב געוואוסט טאָר איך נישט, אַזעלכעס האָב געטראָגן טיף אין מיין נשמה. אַפילו מיינע געדאַנקען האָב זיך מורא געהאַט אַנצופאַרטרויען, ווייל דאָך האָב אויף יעדן שריט און טריט געזען אַז עפּעס דאָ אין מיין אויס־געבענקטן לאַנד קלאַפּט נישט. אין שייכות טאָקע מיט דעם, האָבן די מענטשן די מיט מיר אַהער געקומענע ממש געררעדט אָפן וועגן זייערן נישט צופרי־דנקייט, איך דערקעגן האָב זיך אָפּגעהאַלטן פון אַרויסזאָגן מיין מיינונג. נאָכמער האָב די רוסן פאַרטיידיקט. געזוכט אין זיי די גוטע זייטן, כאָטש אין אמתן געזאָגט, האָב געזען די אַלע עוולות, אָבער האָב זיי אין מיר דערשטיקט, ווייל פאַר וועמען אַזעלכעס דערציילן.

דעמאָלט אין יענער צייט האָט זיך אין דער שטאָט קיראָוו אָנגעטראָפן אויף אַ מין דערשיינונג וועלכעס מען באַמערקט אין דאָרטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, דאָס איז דער נישט צוטרוי פון איינעם צום צווייטן. דעריבער פלעגן דאָרטן די רוסן אין יעדער געזעלשאַפט מיט אונדז אויסלענדער פון פאַראויס אונטערשטרייכן, אַז ערשט נישט לאַנג איז ביי זיי געווען פון אַלעם גוטן און דאָס ממש בשפע, אַזעלכעס איז געווען אַ באַשטאַנדטייל אין דער פסיכיק פון רוסישן בירגער, אַזעלכעס איז געווען אין רעזולטאַט וואָס יעדער דאָרט בירגער איז געווען אָבסערווירט און נאָכגעפאָרשט פון אַ ספּעציעלן פּאָליטישן פּאָלקס רישום אין דעם קאַדראָווען אָדיעל, ווו יעדער בירגער האָט געאַרבעט.

☆

נאָכן פאַנאַנדערשיקן די אָנגעקומענע „ביעזשענצעס" אויף אַרבעט אין אָבלאַסט האָט די פּרוי מאַריאַ איוואַנאָוונאַ ווייטער אָנגעהאַלטן מיט מיר פּריינט־לעכע באַציאונגען. זי פלעגט מיך באַזוכן אין אָבשעזשיטיע און מיר ברענגען פאַרשידענע איינגעקויפטע שפּייז־פּראָדוקטן, זיי באַשיידן מיר דערלאַנגען מיט די ווערטער: „עס איז דאָך שווער אַזעלכעס היינט צו באַקומען". מאַריאַ איוואַנאָוונאַ איז געווען פאַר מיר אין דער גאַנצער יענער צייט ממש אַ שוועסטער.

געוווינט האָט מאַריאַ איוואַנאָוונאַ צוזאַמען מיטן מאַן און אירע דריי קינ־דער אינאיינעם מיט נאָך צוויי שוועסטערן אין אַ דריי צימער־וווינונג, בסך הכל — 10 פּערזאָן. מאַריאַ איוואַנאָוונאַ איז געווען פון אַרבעטער אָפּשטאַמונג און זעלבס מיט אירע אייגענע כוחות דערגרייכט די מדרגה פון אַ קולטור־לייטערין פון דער פאַבריק, קיראָווסקאַיאַ גאַרמאָניאַ, אין וועלכער האָט געאַר־בעט מער פון טויזנט אַרבעטער און אויך האָט זי געהאַט גרויס פּאַרטייאיש־

גלויבן, דעריבער אויך איז זי געווען אויסגעקליבן צו זיין די פאַרזאָרגערין און פאַטראָנאַטין צו די אָנגעקומענע ביעזשענצעס.

איינע פון אירע שוועסטער האָט געאַרבעט אין אָבקאָם פון קיראָווער פאַרטיי־קאָמיטעט און דער מאַן פון דער דריטער האָט געאַרבעט אויף „לעס־זאַגאָטאָווקע". וואָס אַזעלכעס דאָס איז, האָב איך זיך דערוווּסט אַ סך מאָנאַטן שפּעטער. דאָס וואָרט „לעס זאַגאָטאָווקע" איז דווקא פאַר אונדז דעמאָלט פּויליש ייִדן געווען פּילזאָגענדיק.

דאָס איז געווען די אויסגעפּירטע אַרבעט דאָרטן אין די צפון געביטן פון רוסלאַנד, ווו אַהין מען האָט אונדזערע ביעזשענצעס פאַרשיקט אַרבעטן אין שרעקלעכע באַדינגונגען אין יענעם קאָלטן און ווייטן צפון. די טאָקע אַרבעט האָט זיך גערופן לעסזאַגאָטאָווקע. דאָס לעצטע איז בשעתו און אויך היינט געווען אַן „אויסבעסערונגס לאַגער" פאַר אונדזערע פּוילישע ייִדן, וועלכע מען האָט פאַרטריבן אַהין אין די צפון טייגעס, אַ געגענט פון אייביקן שניי און פראָסט און מיט אַן עקזיסטירנדיקע אייביקער קאַטאָרגע אַרבעט, אין די דאָרטן געדיכטע פון אורצייטן וועלדער.

אין די דאָרטן טייגעס האָט מען פאַרטריבן אונדזערע פּוילישע ייִדן ביעזשענצעס אָן שום עבירות, נאָר טאָקע צוליב דעם וואָס האָבן געלעבט און געפירט זיך אַזוי ווי אין פּוילן, געהאַלטן זיך מער פרייהייטלעכער. אַזעלכעס איז פאַר די דאָרטיקע פּראָלעטאַרישע מושלים, האָבן די ביעזשענצעס געהייסן נישט קיין פּראָדוקטיווע עלעמענטן און כדי אַזעלכע ליקווידירן האָט מען זיי אַריבער־געפירט קיין צפון אין די שוין דערמאָנטע טייגעס אויף אַן „איבערדערציאונג". פון די טאָקע „אויסבעסערונגס לאַגערן" האָט נאָך קיינער נישט אַנטלאָפן, ווייל ווער וועט זיך איינשטעלן פון אַזאַ ווייטקייט אַנטלויפן אין הערשנדיקן אייביקן ווינטער.

אין די לעסזאַגאָטאָווקע לאַגערן, ווו אונדזערע ביעזשענצעס האָבן געאַרבעט האָט מען באַדאַרפן שווער אַרבעטן בכדי אַרויסנעמען די טאָג נאָרמע און פאַר דער נאָרמע באַקומען די באַצאָלטע ברויט־פּייקע. אַזאַ אַרבעט האָט ביי די רוסן געהייסן אַ ליבעראַל איבערקוואַליפיצירונג פון אַ בירגערלעכן עלעמענט אין אַ סאָוויעטישן. אַזאַ מין איבערקוואַליפיצירונג האָט געקענט דויערן יאָרן. אָבער ווער פון די פּראָלעטאַרישע מושלים, וועט זיך דאָרטן קרעמפּירן, ווען אַזאַ אַרבעט אין דעם דאָרטן לעסזאַגאָטאָווקע לאַגער דויערט אַזוי לאַנג. די דאָרטיקע לאַגערן זענען טאָקע נישט לויט די דייטשע טויטן־לאַגערן. דאָ אין רוסלאַנד איז נישט פאַראַן קיין גוואַלט־טאַטן דערפאַר אָבער מוזט אַרבעטן, ווייל אויב נישט גיי און האַלט איבער די פאַרמשפּטע לאַגער יאָרן. דאָ אין רוסלאַנד האָבן די רוסן אַריינגעלייגט

באַגריפֿן, אין דעם לאַגער־סיסטעם האָבן די רוסישע מושלים געגוג פּראַקטישע הצלחה.

דאָרטן אין קאַמי־ס. ס. ר., וווּ טאַקע געפֿונען זיך די אַזוי גערופֿענע לעסזאַ־גאַטאַווקע לאַגערן, האָט מען באַדאַרפֿן אַרבעטן גאַנצע אַרבעטס־טעג בכדי אויס־אַרבעטן די דאָרטן איינגעשטעלטע אַרבעטער־נאָרמע פֿון דער סאָוויעטישער רע־גירונג. האַלץ איז דאָרטן אין דער געגנט פֿאַראַן אַ סך, גאַנצע שטחים פֿון הונ־דערטער יאָרן אָנגעוואַקסענע וועלדער און אַרום, אַרום, וווּ נאָר מיטן אויג קענסט דערגרייכן זעסט נאָר בלויז וועלדער, געדיכטע און אין זיי גרויסע ברייט געוואַק־סענעביימער אַזש נעמט אָן אַ מורא מיט אַזאַ מין בוים זיך פֿאַרמעסטן. אַזעלכעס האָבן טאַקע די יידישע אַהער פֿאַרשיקטע בחורים באַדאַרפֿן באַגרייפֿן אין זייערער אַרבעט די נאָרמע אויסאַרבעטן, וואָס האָט געהייסן, אַזעלכע ביימער אויסהאַקן, זעגן און נאָכהער צוזאַמענלייגן דאָס אַלעס פֿאַר דער דאָרטן געגעבענער ברויט־פּייקע. אויך האָבן דאָרטן די זייערע פּרויען געמוזט אַזאַ אַרבעט טוען, ווייל דאָרטן זענען דאָך די פֿרויען אין פּולער גלייכבאַרעכטיקונג. דאָרטן אין די לעסזאַגאַטאַווקע לאַגערן זענען נישט נאָר געווען מיר די ביעזשענצעס, אַהער זענען געווען אויך פֿאַרשיקט מיליאָנען רוסישע בירגער אויף אויך אַזאַ מין איבערדערציאונגס קורס און פֿון דאָרטן קומט טאַקע זעלטן עמיצער אַהיים.

די לעסזאַגאַטאַווקע איז נאָר איינער פֿון דעם דאָרטיקן לאַגער סיסטעם, וועלכע זענען פֿאַרשפּרייט אין גאַנצן רוסלאַנד, עס זענען פֿאַראַן מער פֿיינלעכע אַרבעטס־לאַגערן אין רוסלאַנד פֿאַרן רוסישן בירגער, וועגן וועלכע מיר וועלן נאָך האָבן אַ געלעגענהייט צו דערציילן.

אַלזאָ, אין דער שטאָט קיראָוו ווייט פֿון דער הײם, ווייט פֿון פֿריינט אין אַ פֿרעמד לאַנד אַפֿילו ווייט פֿון די ביעזשענצעס מיט וועלכע איך בין צוזאַמען געקומען. אַליין בוכשטעבלעך אַליין, ווייל אַזוי האָבן געוואָלט מיינע שטעטישע פֿאַרזאָרגערס איז פֿאַר מיר געווען די פֿרוי מאַריאַ איוואַנאָוונאַ מער צו זאָגן אַ פֿריינדין. מאַריאַ איוואַנאָוונאַ האָט פֿאַרשטענדלעך געטוען פֿאַר מיר, אַלעס מעג־לעכע בכדי מיר פֿאַרגרינגערן מיין דאָרטן אין קיראָוו לעבן. דאָך איז זי געווען אויף אַזויפֿיל קאָרעקט און האָט קיינמאָל מיך נישט געפֿרעגט וועגן מיין פֿריערדיקן לעבן בכדי זי זאָל נישט קיין שלעכטס פֿאַרשטיין. אין ראַם פֿון מיין זיין אין שטאָט קיראָוו האָב פֿאַרשידענס געטוען אויך האָב געלערנט. מיין פֿרייע צייט בין געווען אין דער שטעטישער ביבליאָטעק. אויך פֿלעגן מיר זיך אַמאָל טרעפֿן מיט אונדזערע ביעזשענצעס אין אַ וויכאָדנע טאָג און אויך פֿלעגן מיר קומען אין שטעטישן רעס־טאָראַן אויף אַ מיטאָג. דער איינציקער אין שטאָט רעסטאָראַן, וווּ איז געווען אַ קלעזמער־מוזיק אונטער וועלכע טענער, האָבן די שטעטישע יוגנט געטאַנצט און

זיך געוויילט. אויך זענען אין רעסטאָראַן געקומען אַהער אין קיראָוו אַדורכפאָרער פון פאַרשידענע אין לאַנד שטעט. אַזוי פראָסט און פשוט האָבן דעמאָלט פאַרבראַכט אין דער שטאָט, דאָך צו יענער שוין צייט האָט אויך אין מיין „קאַדראָוון אדדיעל״ פון דער האַרמאָניע פאַבריק, ווו האָב געאַרבעט שוין זיך געזאָמלט היפש אָנגאַבן וועגן מיין פּערזאָן, שפּעטער איז טאַקע אַזעלכעס געווען אויסגענוצט קעגן מיר אַלס אַ באַשולדיקונג אין נישט לעיאַלקייט קעגן דער ראַטנמאַכט צוליבן מיין קומען אַהין אין דעם רעסטאָראַן מיטאָגן.

אין אמתן געזאָגט, אַזוי ווי טאַקע זייערע דאָרטן באַשולדיקונגען זענען שטענדיק פול מיט שקרים און נישט קיין באַזירטע און אַוודאי קיינער זיי לייענט נישט דעריבער איז זעלבס פאַרשטענדלעך קענען אין זיי שרייבן יעדעס מענטשלעך בייז בכדי דעם פאַרמשפּטן באַשולדיקן, דעריבער אויך, איז נישט וויכטיק וואָס דאָרטן אין אים איז געשריבן.

דאָס לעבן אין שטאָט קיראָוו איז געווען אָן באַפאַרבונג. צו יענער צייט נאָך די מיינע תפיסה איבערלעבונגען האָב איך זיך געפרייט מיט דער פרייהייט און געוואָלט פון איר הנאה האָבן. דאָך, ווער האָט געוווסט אַזוי ווי איך, וואָס אַזעלכעס איז פרייהייט? דעריבער האָב איך געלעבט אויסער יעדער פּאָליטישער געשעעניש בכדי נישט קיינמאָל ווערן פּאָליטיש אין עפּעס פאַרמישט בפרט, ווען איך האָב געוווסט, אַז אין רוסלאַנד איז אַזעלכעס אַ גרויסער פּראָבלעם.

אַזוי אין אַזעלכע טעג און באַדינגונגען, איז פאַרביי דער ווינטער 1940. אַ סך ענדערונגען זענען אין דעם יאָר פאָרגעקומען, פּוילן איז פאַרשטענדלעך געווען אָפּגעווישט פון דער פּאָליטישער אייראָפּעאישער מאַפּע. די באַלטישע לענדער זענען אַריין אָן אַ שאָס צו טוען צום גרויסן רוסישן ראַטנפאַרבאַנד, אַזעלכעס איז געווען געטוען פון „הונטן״, דאָס הייסט, אַז נעבעך די דאָרטן באַווינטע פעלקער האָבן זיך געבעטן פון אַזאַ מין צושליסן צו דער גרויסער רוסישער פעלקער משפּחה. אלא, וואָס שייך דעם קליינעם פינלאַנד האָט די מלחמה געגעבן גוטע רעזולטאַטן. דאָס „לענינגראַדער פענצטער״ האָט זיך פאַרברייטערט און מיליטעריש פאַרזיכערט און נאָך דעם אַלעמען האָט זיך געדאַכט, אַז די רוסישע בירגער הייבן אָן ענדלעך אַביסל אָפּאָטעמען און פון לעבן הנאה האָבן.

דאָך אין אמתן געזאָגט האָב איך נישט געזען אין שטאַב קיראָוו קיין צופרידנקייט קיין גרויסהאַלטעריי, אַוודאי נישט ביים פּשוטן פאָלק. דאָס רוסישע פאָלק, האָט ווידער אין פאַרצווייפלונג געלעבט און נאָך מער געוואָרן דערשלאָגן. דער געוויינלעכער רוסישער בירגער, כאָטש זייערע פּאָליטישע נצחונות, האָבן כמעט וועגן די אַלע פּאָליטישע און מיליטערישע נצחונות נישט גערעדט. דערצו,

ווען נאָך עס זענען געווען גרויסע פאַרלוסטן אין מענטשן אין רעזולטאַט פון דער קליינער מיט פינלאַנד מלחמה.

די סאָוויעטישע מאַכט האָט פאַרשטענדלעך שטאַרק פּראָפּאַגאַנדירט דעם נצחון איבער פינלאַנד, באַשריבן דעם באַזיגטן קאַמף איבער דער שטאַרקער „מאַנערהיים ליניע" געשאַפן נייע פּראָפּאַגאַנדע פילמען, וועגן דער גרויסער גבורה פון דער רוסישער רויטער אַרמיי.

דאָך נאָך אַ געוויסן אָפּגעלעבטן צייט־אָפּשניט האָט מיך פאַרדראָסן אַ מעשה, וועלכע איך האָב בייגעוווינט בשעת מיין אַרבעטן אין צעך פון דער דאַרטיקער האַרמאָניע פאַבריק. נעמלעך די מעשה איז אַזוי געווען אַמאָל בשעת דער מיין נאַכט שיכט אַרבעט האָט דאָרטן אַ צעכן מייסטער דערציילט זיינע אַרבעטער וועגן די יידן, און גערעדט וועגן זיי אַלס פּאַראַזיטיש פאָלק. אַזאַ מעשה האָט מיך שטאַרק אונטערגעטראָגן אַזעלכעס הערן אין פּראָלעטאַרישן היימ־לאַנד איז געווען פאַר מיר שטאַרק פאַרדראָסיק, אַז כ׳זאָל אַזעלכעס אַדורכלאָזן בשתיקה אין יענע טעג אין ראַטנפאַרבאַנד. דערהערנדיק אַזעלכעס דעמאָלט פון דעם מייסטער צעך האָב איך געמאַכט אַ באַמערקונג פאַר אַזעלכע נישט גע־וווּנטשענע אויסדרוקן קעגן יידן. ער דער צעכן מייסטער דאַקעגן איז מיך ערשט גוט באַפאַלן מיט אַ זידלונג אַז איך זעלבסט בין אַ זשיד און יעווריי. אַזעלכעס האָב שוין נישט געקענט פאַרשווייגן און איך האָב באַשלאָסן אַזעלכעס פאַרברענגען פאַר די דאַרטיקע צעכן אָנפירער.

אַלזאָ טיף אַנטוישט פון דער מעשה, האָב איך זיך געוואַנדן צו דער פאַרטיי־נאַטשאַלסטוואָ, וועגן דעם ענין פון באַשמוצן אַ פאָלק און אויך מיך אַ סאָוויעטישן בירגער. אָבער זיי, די נאַטשאַלסטוואָ, אַנשטאָט צו רופן צו אָרדענונג דעם צעכן מייסטער, האָבן ערשט מיך באַפאַלן אין באַשמוצן אין אַ געמיינער פאַרלוימדונג אָן אמתן סאָוויעטישן בירגער , דאָס הייסט סתם געמאַכט אַ בילבול אויף אַ ערלעכן סאָוויעטישן צעכן־מייסטער. אַזאַ מעשה איז פאַר מיר דעמאָלט געווען די ערשטע אונטערשטרייכונג פון דעם, וואָס איך קאָן נאָר זיך דערוואַרטן פון יענער אויסגעבענקטער רוסישער געזעלשאַפט. אַזעלכעס האָט שוין מיין גלויבן אין דער רוסישער געזעלשאַפט ארונטערגעריסן.

אַ צווייטע מעשה, וואָס האָט מיך ארויסגענומען פון מיין בלינדן גלויבן צו זיי, איז געווען אַ פשוטע דערציילונג פון אַ באַקאַנטע סטודענטין פון דאַרטיקן אינסטיטוט, איינע פון אַ סך מיט וועלכער האָב געלערנט אויפן דאַרטיקן איב־סטיטוט. דערציילט האָט זי מיר אַזאַ קוריאָז. דער פאָטער פון דער סטודענטין אליא מיראָוונאַ, איז געווען אַן אינערלעכער קאָנדוקטאָר אין אַ צוגס־וואַגאָן אויף

דער שטרעקע קיראָוו — מאָסקווע. אַזוי ווי צו יענער צייט איז דאָס לעבנס־מיטל געווען שווער צו באַקומען אין די דאָרטיקע פּראָווינץ שטעט, בפרט אין די אָבלאָסט שטעט, פלעגט דער פאָטער פון דער סטודענטין ברענגען פון מאָסקווע געוויסע אויספּעלענדיקע פּראָדוקטן, ווייל דאָרטן אין דער הויפּט־שטאָט פון רוסלאַנד, איז געווען נאָך אַלעס צו באַקומען.

און דאָ טאַקע הויבט זיך אָן די גאַנצע מעשה. אַזוי האָט געטראָפן, אַז זייערס אַ שכנטע פון דער מיינער סטודענטין האָט זיך פאַרגלוסט עסן אַן הערינג. דערהערנדיק אַזעלכעס, האָט די שוועסטער פון דער סטודענטין אַרויסגעברענגט דער שכנה אַ הערינג פון די געברענגטע פון דער פאָטערס רייזע פון מאָסקווע.

שפּעטער האָט זיך טאַקע פון דעם הערינג אָנגעהויבן די גאַנצע געשיכטע. זי די שוואַנגער פרוי האָט איינגעקלאָגט די שוועסטער פון דער מיין באַקאַנטער סטודענטין אין שפּעקולאַציע מיט הערינג. אַזעלכעס איז געווען גענוג צו באַ־באַשטראָפן איר שוועסטער צו יענער צייט אויף עטלעכע יאָר תפיסה שטראָף. נישט קוקענדיק וואָס איר מאַן איז געווען אַן אַרבעטער אין יענער דאָרטיקער נקוו״ד, איז די פרוי גאַנץ שיין אָפּגעזעסן די עטלעכע יאָרן תפיסה שטראָף.

די סטודענטין אליא מיראָוונא, וועלכע האָט מיך שוין געקענט פון די ערשטע טעג פון מיין קומען אין קיראָוו, פלעגט מיר אויך דערציילן וועגן יענע נישט לאַנגע צייטן פון יאַגאָדעס און יעזשאָוווס הערשונג אין דער רוסישער נקוו״ד. ווען צו יענער צייט האָט פאַרשלעפּט מענטשן אין די דאָרטיקע תפיסות ממש אין די מיליאָנען, וועלכע זענען קיינמאָל נישט געקומען צוריק אַהיים. זי האָט מיר דערציילט וועגן צענדליקער טויזנטער אומשולדיקע מענטשן דערשאָסענע אָדער אויף אַן אַנדערן אופן אומגעבראַכט לויטן סטאַלין באַפעל. זי האָט אויך מיר דערציילט וועגן גרויסן פאַרדראָס און פאָלקס־צאָרן צוליב די מעשים, נאָר פאַרשטענדלעך האָבן דאָרטן מורא וועגן אַזעלכעס רעדן, ווייל שטענדיק דראָט זיי די תפיסה. זיי, די יאַגאָדעס און די יעזשאָוווס זענען געווען דאָרטן דאָס געזעץ, זיי זענען געווען די מערדער פונעם פאָלק און דאָס אַלץ האָבן געטוען לויטן באַפעל פון י. סטאַלין, אָבער וועלכע האָבן שפּעטער מיטן אייגענעם לעבן באַצאָלט אַלס קרבן פון גרויסן איינערלעכן נישט אַרויסגערעדטן פאָלקס פאַרדראָס. וועלכער האָט באַוויזן דעם מעכטיקן סטאַלינען אויסקלייבן די יאַגאָדעס און יעזשאָוווס אַלס שולדיקע אין דעם גרויסן פאַרברעכן, וועלכן זענען באַגאַנגען לגבי דעם רוסישן פאָלק.

היינט, האָט זי צוגעגעבן, איז אין פאַרגלייך מיט יענע יאָרן פון יענע באַרימטע רייניקונגס פּראָצעסן, איז שוין ממש ביי אונדז אַ גן עדן. אָבער ווייסט, האָט זי זיך פלוצלינג דערמאָנט, צו וואָס וועגן דעם אַזוי פיל רעדן, לאָמיר טאַקע

וועגן דעם גערעדטן מער נישט רעדן, ווייל ביי אונדז האָבן מענטשן ליב נאָר פּלוידערן, קיין גוטס קענען מיר זיך ביי אונדז אין לאַנד קיינמאָל נישט דערוואַרטן און דעריבער איז בעסער שווייגן, כאָטש מירליידן פון דעם שטענדיק. אַזוי האָט זי אַמאָל אין אירן נשמה אויסגעגאָסן אין אַ געשפּרעך מיט מיר, אַזעלכעס וועגן זייערן לאַנד דערציילט.

אירע דערציילונגען זענען מיר געווען באַוווּסט, אויך האָט עס דאָס גאַנצע דאָרטן לאַנד געוווּסט, אַזעלכעס איז געווען אין בלוט ביי אַלע רוסישע בירגער, אַזוי איז געווען אמתדיק און רעאַל דאָס ווירקלעכע רוסישע לעבן. דאָך, פאַר מיר האָט עס געהייסן אַ באַשטעטיקונג אין פאָרם פון אַ רוסישן דערציילער וועגן דווקא מיך אַזוי אינטערעסירטן פון יענער צייט אין רוסלאַנד לעבן. דעמאָלט טאַקע האָב איך זיך דערמאָנט וועגן אונדזערע דיסקוסיעס אין פּוילן. קומט טאַקע אויס און עס איז געדרונגען, אַז דאָס דעמאָלט דיסקוטירטע אין פּוילן איז אמת. אַזוי האָב זיך ענדלעך דערוואַרטן אַ באַשטעטיקונג אין דעם ענין פון אַ רוסישן דערציילער.

דעריבער איצט, ווען איך האָב נאָכגעפאָלגט נאָכן קיראָוון געזעלשאַפטלעכן לעבן דאָס נאָך צוואַנציק יאָר סאָציאַליסטישער דאָרטן בויאונג אין דער פאַזע פון בויען די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט, זענען די אַלע זאַכן געוואָרן צוריק פאַר מיר אַנטשפּרעכענד און רעאַל.

דערווייל, מיטן אָנקומען פון זומער, האָב זיך געגרייט אַריינטרעטן אין אינסטיטוט לערנען. איך האָב זיך באַמיט צו באַקומען כאָטש אַ קליינעם אורלויב, בכדי האָבן מער צייט צוגרייטן מיינע אַריינטריט עקזאַמענס. דעריבער האָב געבעטן ביי די פאַבריק ליטונג אַ געוויסן אורלויב וועגן דעם ענין. אָבער אַזעלכן האָבן די פאַבריקס דירעקטאָרן נישט געוואָלט מיר געבן, אָבער ווען האָב פאַרגעלייגט מיר געבן אַ נישט באַצאָלטן אורלויב, האָבן זיי מיר ענדלעך אַזעלכן יאָ געגעבן.

אינדערצווישן צייט זענען אַריין אין מיין פּריוואַטן לעבן אַנדערע געשע־ענישן. איך האָב זיך געטראָפן אין דעם שטעטישן רעסטאָראַן מיט אַהין געקומענע יידן, וועלכע האָבן מיר אַריינגעגעבן אַ געדאַנק וועגן אָפּפאָרן פון קיראָוו אין אַן אַנדערער, ערגעץ־ווו שטאָט אין אוקראַינע, ווו איך וואָלט געקענט זיין אין אַ יידישער סביבה און אויך באַגרייפן דאָרטן לערנען אין אַ הויך־שול. וואָס אַן אמת, אַז אַזעלכעס איז מיר תיכף אַריין אין קאָפּ, ווייל דאָך בין געווען גאַנץ איינזאַם. דעריבער האָב לאַנג נישט אַריינגעטראַכט, בכדי אויסנוצן מיין צייט פון אורלויב און בין אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו. דאָרטן אין קיעוו נישט צו פאַרזוימען האָב אָנגעהויבן מאַכן מיינע עקזאַמענס. דאָס האָב געמאַכט

מיט גרויס הצלחה. אויך, ווו ווינען האָבן מיר דאָרטן אין קיעוו געגעבן אין סטודענטישן אָבשעזשיטיע ווינונג, אָבער אַזעלכעס נאָר צייטווייליק, ביזן ענדיקן די מיינע עקזאַמענס. שפּעטער, ביים וועלן מיך צושרייבן אין שטאָט קיעוו ווינען, בכדי דאָרטן פאַרבלייבן לערנען האָט מען מיר געענטפערט מיט אַ גרויסן — ניין! אַזעלכעס האָבן געטענהט צוליב פּאָליטישע און זיכערקייטס־ענינים. ווען דאָך האָב אַזעלכעס געוואָלט דערגרייכן ערגעץ אין דער נאָענט פון קיעוו מיך צושרייבן האָב אַלץ באַקומען דעם זעלבן ענטפער — ניין! אומעטום האָט מען געענטפערט, אַז צוליב די נאָענטקייט פון דער גרענעץ, קענען זיי מיר נישט דערלויבן אַלס ביעזשענעץ ווינען. אַזעלכעס האָט מיר געגעבן די פולע איבערצייגונג, אַז דאָך בין נישט אַנדערש דאָ אין ראַטנ־פאַרבאַנד ווי אַ בירגער פון אַ צווייטער קאַטעגאָריע.

אַלזאָ, בלית ברירה האָב געמוזט צוריקפאָרן אין קיראָוו, די איינציקע שטאָט, ווו האָב נאָר געקענט ווערן אָנערקענט אַלס צוגעשריבענער בירגער. דעריבער בין צוריק געפאָרן קיין קיראָוו און גלייך מיטן אַהין אָנקומען בין געגאַנגען צום דאָרטיקן אינסטיטוט דירעקטאָר מיט מיינע אַלע איבערוויזונגען און די גויטיקע פּאַפּירן וועגן די אָפּגעגעבענע עקזאַמענס און בין באַלד געוואָרן פאַרעכנט אַלס סטודענט אין דאָרטן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

די לערע אין דאָרטן אינסטיטוט איז פאַר מיר נישט געווען שווער, טראָץ מיינע שוואַכע קענטעניש אין רוסישן, אָבער זענען געווען גענוגענד בכדי צו פאַרשטיין דאָס געלייענטע אויפן אינסטיטוט אויך איז אונטערשטרייכן אַז, אַלס אויסלענדער האָבן מיר דעריבער נישט געמאַכט קיין שוועריקייט בנוגע דער שפּראַך. אַזוי אין אַזאַ צושטאַנד איז גאַנץ פאַרביי אַ פּאָר שיינע מאָנאַטן און איך האָב געלערנט, געווען צופרידן, באַקומען ווי אַלע די סטיפּענדיעס און בין געווען צופרידן מיטן לעבן, ווייל קודם כל האָב דערגרייכט מיין ווונטש, דאָס שטודירן אין אינסטיטוט, וועלכעס איז דאָך ביי מיר געווען דער גאַנצער ציל פון דעם אַהער קומען קיין רוסלאַנד.

מיין צופרידענקייט האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. ווייל אין אַ שיינעם טאָג איז געקומען אַריין אין אינסטיטוט אַ מיליציאָנער, ממש בשעת אַ לעקציע און שעפּטשענדיק עפּעס דעם דאָרטיקן לערער עפּעס מיט אים געשפּראָכן און נאָכהער האָט מען מיך אַרויסגערופן. אַלעס דאָס האָט געדויערט בסך הכל עטלעכע פאָר מינוטן. דער מיליציאָנער האָט מיר געהייסן מיט אים מיטגיין און האָט אויך פאַרלאַנגט מיטנעמען אַלע מיינע זאַכען פון דער דאָרטיקער סטודענ־טישער ווינונג. אַזוי גאָרנישט זאָגענדיק האָט נאָר פאַרלאַנגט די באַשטעטיקונג,

אַז איך בין טאַקע דער פון אים געזוכטן. דער מיליציאַנער האָט מיך אַריינ־געזעצט אין דער דאָרטן וואַרטענדיקער מאַשין און גלייך צום דאָרטיקן נ.ק.וו.ד. בנין. אויף מיין פראַגע וווהין ער מיך פירט? האָט ער נישט געענטפערט, ווען דאָך האָב אויף אים געדריקט און געפרעגט וואָס באַדייט אַזאַ מין אַרעסטירן האָט ער מיר ענדלעך געענטפערט, אַז „דאָרטן וועט זיך מיר די זאַך קלאָר מאַכן".

אויפן הויף פון דער נקוו"ד געביידע האָט מען מיר געהייסן אַרויסגיין און מען האָט מיך אָנגעהויבן פירן, ערגעץ אַרויף אויף טרעפּ און נאָכהער אַראָפּ אויף טרעפּ און ווידער דאָס זעלבע ביז אַ קאָרידאָר און ווייטער ווידער אַראָפּ טרעפּ און ענדלעך שטיי אין אַ קליינער קעלער תפיסה, ווו פוןביידע זייטן שמאָלן קאָרידאָר זענען געווען אַ סך קאַמערן מיט באַקאַנטע מיר שוין תפיסה קאַמערן, אין וועלכע אונטער די טירן זענען פאַרשטענדלעך פאַראַן אַ סך מענטשן ווי איך. דער מיליציאַנער האָט זיך באַצייטענס נאָך פון דער תפיסה אָפּגעטראָגן.

אַזוי אין מיינע ציוויל קליידער האָט מען מיך שטיל אָן רעש אַריינגעלאָזט אין אַ קליינעם קאַמער, און שטיל אָן רעש האָט מען נאָך מיר פאַרמאַכט די אייזערנע טיר. איך בין געבליבן אין אַ שמאָלן איינצעלנעם קאַמער, ווו אויבן ביים סאַמען סופיט איז געווען אַ פאַרקראַטעוועט פענסטערל. נעבן דער וואַנט איז געשטאַנען אַ קליין מעטאַלן טישעלע און אויך אַ מעטאַלן בענקעלע. דאָס בעטל אין קאַמער איז געווען באַהאַפטן צו דער וואַנט. דאָס איז געווען דער גאַנצער דאָרטן תפיסה אינווענטאַר.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר מיינע פיינלעכע טעג אין דער דאָרטיקער תפיסה אָן אַ פריערדיקער באַשולדיקונג. אַ תפיסה מיט אַ גרויסן פראַגע צייכן, געווען איז אין דער תפיסה אַזוי שטיל ווי דער סוד אַליין , טאַקע עפּעס אַ מוראדיקע שטילקייט אַנטשפּרעכענד דער דאָרטיקער תפיסה. אינערלעך דאָ, אויפן קאָרידאָר איז אַלץ געווען געטועון שושקענדיק זיך ווי מורמעלדיק. די דאָרטן תפיסה היטער האָבן נאָר געמאַכט מיטן ווינק מיטן אויגן אָפּעל. אַפילו דאָס עפענען די אייזערנע טירן האָט מען קוים געהערט כמעט אָן רעש. אַזוי האָט מען אויך קוים געהערט נאָך מיר פאַרמאַכן די טיר כדי קיינער זאָל אין שכנות קאַמער נישט הערן און נישט וויסן, קיינער זאָל אַזעלכעס נישט, נישט פאַרשטיין.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר דער פּעריאָד פון דער דאָרטיקער נקוו"ד. תפיסה. אַ פּעריאָד פון שרעקלעכן פיזישן און גייסטישן מאַטערניש, אַ פּעריאָד פון אַ שאַנטאַזשירטער קעגן מיר באַשולדיקונג, קעגן מיין פּערזאָן, אַ פּעריאָד פון אַ טעראָריזירנדיקער נקוו"דווירקלעכקייט, וועגן וועלכער מיר האָבן אין

יענע פוילישע צייטן אַזוי פיל וועגן דעם ענין דיסקוטירט, אַזוי פיל באַהאַנדלט, נישט האָבענדיק קיין אַנונג וועגן עצם ענין פון זייערער אויספאָרשונג. אַזוי אַן רעש ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלן פון קיינעם נישט געזאָרגט. ווייל ווער וועט זיך אָננעמען די קריוודע פון אַ ביעזשעניעץ?

באַלד מיטן מיך אַריינלאָזן אין דאָרטיקן קאַמער האָט זיך פאַר מיר פאַר־געשטעלט די גאַנצע איצטיקע ביטערע און גרוילעכע מיין סיטואַציע. מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַגן, זיינען, אַז האָב מיטן גאַנצן קערפּער געכליאַפּעט פון גרויס צער און פאַרדראָס, ווי פון אַ שטאַרקן פיזישן ווייטיק. דאָך, האָב איך זיך געטראַכט, וואָלט איך כאָטש געהאַט עמיצן: אַ פריינט, אַ באַקאַנטן, אַ קרוב, פאַר וועמען וואָלט זיך געקענט אויסרעדן.

איך האָב זיך געזעצט אויפן קליינעם מעטאַלענעם בענקעלע אין קאַמער און האָב שעהן לאַנג געוויינט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז האָב איך מיין לעבן געוויינט, אַזוי דערשיטערט, האָט מיך דער מיין אַרעסט אין דעם איצטיקן נקוו״ד־קאַמער און אין דעם אַלעמען איז געשטאַנען פאַר מיר די פראַגע, פאַרוואָס האָט מען מיך אַהער געבראַכט? ווייל בלויז דאָס איינע, מיין געפונען זיך אין דעם קאַמער האָט שוין געהייסן פאַר מיר גאָר גרויס לעבענס געשע־עניש. ווייל דאָך האָב געוווסט אַז קיין זינד קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד בין דאָך נישט באַגאַנגען, פאַרקערט, דאָרטן אין פוילן האָב נאָר פאַר דער עקזיסטענץ פונעם ראַטנפאַרבאַנד געקעמפט.

דעריבער איז מיין ווייטיק געווען גרויס, צו מיין עוולה איז נישט געווען קיין פאַרענטפערונג, אין לשער און ביטערע ווייטיקלעכע טרערן האָבן זיך געגאָסן איבערן מיין געזיכט פון מיין ליידענדיקן האַרצן. דעמאָלט טאַקע האָב זיך פאַרגעשטעלט די שוין באַוווסטע דערציילונגען פון אַזעלכע איבערגעלעבטע מענטשלעכע יסורים אין זייערע תפיסות און איך האָב זיך געפרעגט, צי טאַקע דענקן זיי אַזוי אויך מיך באַשולדיקן? איז דעריבער פאַר וועלכער זינד, צוליב וואָס?! איך דאָך, האָב נישט געהאַנדלט, נישט געוואַנדלט, נישט קעגן זיי אַגיטירט, פאַרקערט בין צו זיי ריין און ערלעך, אפילו אין מיינע מחשבות אין באַצוג צו זיי בין געטריי.

אויף אַלע מיינע דעמאָלט פראַגן, האָב פאַרשטענדלעך אין דעם טאָג נישט געהאַט קיין ענטפער. דערווייל אין דעם ערשטן טאָג, האָבן זיי מיך געלאָזט מיט מיינע מחשבות. דאָס איז געווען דער אַריינפיר צו דער שפּעטערדיקער אויספאָרשונג. דאָס איז געווען נאָר דערווייל, דער אָנהויב פונעם קומענדיקן צער און פיין. אַזעלכעס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן מאָרגן, דערווייל דער

היינט, לויט דער זייערער שיטה, דאַרפֿן נאָר אַביסל גייסטיק דעם קרבן צו־גרייטן. אַזאַ שיטה איז פּולקאָם דאָרטן באַרעכטיקט. זיי האָבן גענוג פּראַקטיק. אַזעלכעס ווערט ביי זיי סיסטעמאַטיש געלערנט. אויף קורסן ספּעציעלע — דערוויזן, ווייל אַזעלכעס דאַרף ווערן אין דער אויספאָרשונג זייער בייהילפיק.

נאָכן אַריינלאָזן מיך אין קאַמער מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָט מען אַזוי אויך שטיל די טיר געעפנט און מיר האָט מען דערלאַנגט אַ טעלער זופּ מיט אַ שטיקל ברויט. דאָס אַלץ כמעט מורמלדיק, אָן געפּילדער, ווי אויפן ווינק, אַזוי האָט מען מיך געפירט אַהין אין די שרותים, ווייל אַזעלכעס איז געווען דאָרטן דער באַפעל, נאָר שטיל, איידל און קולטורעל און אַזוי אויך איידל און שטיל האָט מען נישט איינעם פון זייערן גן־עדן אין קבר געפירט.

באַנאַכט צום שלאָפן האָט מען מיר דערלאַנגט דאָס בעטל, וועלכעס איז געווען צו דער וואַנט פאַרטשעפּעט, דערביי האָט מען מיר באַמערקט, אַז ביים שלאָפן זאָל איך זיך נישט איבערדעקן דעם פּנים, ווייל אַנדערש וועלן זיי מיך פון שלאָף וועקן. דאָך, איז די נאַכט געווען די ערשטע און לעצטע נאַכט די איינציקע נאַכט, וועלכע איך האָב דאָרטן פון משך 4 מאָנאַט געשלאָפן!

אויפצומאָרגנס, גלייך מיטן ברויט געבן האָט זיך עס אָנגעפאַנגען. עס האָט זיך אָן עמיצער באַוויזן מיט אַ קליין צעטל אין האַנט און האָט ווי דאָרטן, אין דער נוסח געפרעגט, ווי אַזוי מען רופט מיך. נאָכהער פאַרזיכטיק פאַר־גלייכט מיטן אָנגעשריבענעם אין צעטל און מיך אַרויסגעפירט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער מיין פאַרהער. דאָ, אין שטאָט קיראָוו איז ער געווען גאָר אַנדערש ווי אין פּוילן. דאָרטן האָט מען געשריגן רופנדיק דעם אַרעסטאַנט איבערן גאַנצן קאָרידאָר, דער אָפּקלאַנג איז געווען כמעט אין אַלע קאַמערן, דאָס אָבער אין רוסלאַנד, איז עס געווען שטיל, קיינער זאָל נישט הערן, ווייל צום פאַרברעכן איז בעסער אָן עדות.

נאָכן אַרויספירן מיך פון קאַמער האָט דער מיך פירענדיקער סאָלדאַט נאָר מיט אַ ווינק געהייסן מיטגיין. די הענט האָב געמוזט האַלטן פאַרלייגט אויף הינטן. אויך האָט ער פאַרזאָגט נישט זיך אַרומקוקן, נישט אויף לינקס און נישט אויף רעכטס אפילו נישט קוקן פאָרווערטס, נאָר די אויגן האַלטן אַראָפּ צום באָדן, און אַזוי האָט מען מיך געפירט איבער פאַרשידענע געדרייטע טרעפּ, אַראָפּ און אַרויף ביז צו אַ געוויסן שטאָק און גלייך נישט וואַרטענדיק האָט מען אַריינגעפירט אין אַ צימער. דאָס צימער איז געווען אַ גרויס, צוויי טישן אין דער לענג איינער נאָכן אַנדערן זענען געשטאַנען און אַרום די טישן אַ סך שטולן. ענדע די צוויי טישן איז געזעצן ער, דער פּאָלקאָווניק, דער נאַטשאַלניק איבער מיין דיעלאָ.

זיין ערשטע צו מיר פראַגע איז געווען: מיין פולן נאָמען און פאַמיליע נאָמען דאַן נישט געאײַלט זיך, פאַרלאַנגט פון מיר דערציילן מיין גאַנצע לעבענס־ביאָגראַפיע. איך האָב אָנגעהויבן דערציילן, דאָס לויט אַלע זייערע פאַרלאַנגען פון די פריסטע קינדער־יאָרן, וועגן מיינע עלטערן און שפּעטערע יוגנט יאָרן, וועגן דער מיין גאַנצער פאַרטייאישער פאַרגאַנגענהייט, פּאָליטישער טעטיקייט, וועגן די שפּעטערע יאָרן אין דער פּוילישער תּפיסה אויך וועגן מיינע חברים אין דער תּפיסה אאַ"וו.

די גאַנצע מיין דערציילונג האָב דערציילט פאַר דעם פּאָלקאָווניק, אָן אויפהער ביז ממש צום מיד ווערן. אָבער דער פּאָלקאָווניק איז נישט מיד געוואָרן. ער האָט נאָר געפאָדערט דערציילן דאָס זעלבע צום וויפעלסטן מאָל. ער איז געזעסן און געהאָרכזאַם אָן באַמערקונגען, ער האָט אַפילו מיטן אויג קיין פינטל געטוען, נישט רעפּליקירט, נאָר פאַרלאַנגט דערציילן מיין לעבנס־געשיכטע.

געדויערט האָט אַזעלכעס ממש ביזן פינסטער ווערן. נאָכהער האָט מען מיך געהייסן צוריק אין קאַמער אָפּפירן. מיין עסן דאָרטן איז שוין געווען אָן טעם און קאַלט. גלייכצייטיק האָט מען שוין געטיילט דעם אָוונט־עסן און איך האָב אפילו קיין פרישטיק געגעסן. אָבער טאַקע נאָר ווי איך האָב זיך אָוועקגעזעצט עסן האָט מען מיך ווידער אַרויסגעשלעפּט אַרויף אין אויספאָר־שונגס־צימער, אַהין צום אויספאָרשער דעם פּאָלקאָווניק. ווידער בין געווען אין זעלבן צימער, ווידער די געדרייטע טרעפּ, ווידער די וואָרנונג נישט קוקן אין די זייטן בפרט אויף קיין דורכגייער און ווידער שטיי פאַרן אויספאָרשער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן שוין די באַקאַנטע געשיכטע מיט מיין לעבענס־ביאָגראַפיע. זעט אויס די טענדענץ איז ביי זיי געווען מיך כאַפּן אין נישט ריכטיקן דערציילן פון איין מאָל ביזן צווייטן, דעריבער איז געדרינגען אַז איך דערצייל פאַר זיי נישט קיין אמת. אָן ערך נאָך אַזאַ מין ווידער דערציילונג וועלכע האָט איצט געדויערט אויך בסך־הכל עטלעכע שעה, האָט מיך „פּאַטער־לעך" געפרעגט דער פּאָלקאָווניק צי איך האָב שוין געגעסן אָוונט־ברויט און ער האָט פאַראָרדנט אין מיין קאַמער מיך צוריק אָפּשיקן. נאָכהער, נאָכן אָפּעסן אין קאַמער מיין שוין ביסל קאַלט זופּ האָט מען מיך צוריק אַרויס־גענומען צום סלעדאָוואַטל־פּאָלקאָווניק. איצט האָט דער פּאָלקאָווניק מיר שוין געהייסן דאָס פריערדיקע דערציילטע שרייבן. שרייבן די מיין פאַר אים דער־ציילטע ביאָגראַפיע. אַזוי האָב איך געשריבן עטלעכע שעה אָן אויפהער און אַ סך מאָל, אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט. נאָכהער אַ פאַרמאַטערטן צוריק אין קאַמער געפירט.

קומענדיק אין קאַמער בין געווען אַזוי דערשעפּט אַז האָב נאָר געדענקט פון

איינעם שלאָפן. שלאָפן אַבי זיך פאַרגעסן, פאַרגעסן פון היינטיקן טאָג־מאַטער־ניש. אָבער אויך שלאָפן האָבן זיי מיך נישט געלאָזט. טאַקע מיט אַ כונה האָט מען מיך באַלד נאָכן זיך לייגן שלאָפן — אַרויסגענומען ווידער אַהין צום נאַטשאַלניק, דאָרטן איז געווען אַן אַנדערער, אויך אַ פּאָלקאָווניק — דער פריי־ערדיקער מן־הסתם שלאָפט — האָב איך זיך געטראַכט. איך בין געווען אינ־גאַנצן ווי שיכור, מיינע פיס האָבן מיך נישט געטראָגן. איך ממש וואַקל זיך און ווידער בין איך זעלבן באַקאַנטן צימער און פאַר אים דאָרטן ווידער אָנגע־הויבן אויפן באַפעל שרייבן און שרייבן מיין באַרימטע ביאָגראַפיע. אַזוי האָט עס געדויערט ביזן ממש טאָג ווערן. ביים איצטיקן ד׳עם נאַכטיקן אויספאָרשער דער זעלבער סיסטעם ווי ביים ערשטן, וואָס הייסט שרייבן און נאָכאַמאָל שרייבן מיין ביאָגראַפיע און מיין אָפּגעשריבענע ביאָגראַפיע האָט מען תיכף פון מיר באַלד צוגענומען, אַזוי האָט עס געדויערט ביז טאָג.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די דאָרטן קעגן מיר אויספאָרשונג. אַזוי איז געווען טאָג און נאַכט אָנאויפהער, אַראָפּ געפירט און אַרויף געפירט, מען האָט מיך ספּעציעל אַרויסגענומען פונעם קאַמער דווקא בשעתן עסן אָדער דווקא ווען איך האָב באַנאַכט זיך געלייגט שלאָפן. אַזוי איז פאַרשטענדלעך פאַר זיי בעסער. אַזוי איז דאָך פאַרשטענדלעכער, ווייל אין דער מיין פיזישער און גייסטיקער אויסמאַטערניש וועל איך זיך אפשר איינברעכן. אַזוי איז דאָרטן דער סיסטעם פון דער נקוו״ד אויספאָרשונג.

עס איז אַוועק שוין אַ פּאָר וואָכן און איך בין נאָך אַלץ אין דער אויספאָר־שונג. וואָס אַ אמת. אַז בין שוין מענטשלעכער שאַרבן, מיינע פיס זענען ווי אונטערגעהאַקט, מיין קאָפּ פון נישט שלאָפן איז ווי אָנגעבלאָזן ממש אַ שטיק בליי. איך טרעסל זיך ווי אין אַ מאַלאַריע צושטאַנד און וואָס זיי ווילן פון מיר ווייס איך נישט. זיי דאָרטן די פּאָלקאָווניקעס אויף דער אויספאָרשונג ענטפערן מיר גאָרנישט אויף מיינע געשטעלטע צו זיי פראַגן. זיי זאָגן, אַז דאָס איז ערשט דער אָנפאַנג, ווייל זאָגן, איך בין גאָר אַ גרויסער פאַרברעכער, אָבער וואָס געענוי זאָגן מיר נישט און וואַרפן נאָך מיר קיין זאָך פאַר.

ענדלעך האָב איך זיך געטראַכט אין דעם מיין געליבטן און אויסגעבענקטן ראַטנפאַרבאַנד, וועל איך האָבן מיין לעבענס סוף. דאָ אין שטאָט קיראָוו, ערגעץ וויִיט אין צפון רוסלאַנד. מיינע נערוון זענען אַזוי צעשרויפט, אַזוי אויסגע מאַטערט ביז צו ענדלאָזיקייט. יאָ האָב זיך געטראַכט, זיי זענען אמתע פאַרשער, קענען גוט די אַרבעט פון פאַרשן און מאַטערן. איצט, איז שוין פאַרביי דריי וואָכן ווי מיך מען נאָר אַזוי פירט און שלעפּט, דאָס באַטאָג און באַנאַכט, איך נישט שלאָף און נישט עס, נאָר דערצייל און שרייב מיין ביאָגראַפיע, דאָס אפילו

מיר קיין פיזישן ווייטיק נישט טוען כאַטש אין אמתן געזאָגט צו וואָס ברויכן אָנווענדן פיזישן כוח, אין פוילן האָט מען מיך בסך הכל געפּאָרשט עטלעכע שעה, אָבער דאָ אין רוסלאַנד בין שוין דריי וואָכן אין שטענדיקן אויספאָרשונג און ווייס נישט וואָס ווילן פון מיר.

ענדלעך נאָך אַ מאָנאַט פון אַזאַ מין מיך מאַטערן האָבן די דאָרטיקע סלע־דאָוואַטעלעס פאַרגעוואָרפן מיר דריי באַשולדיקונגען. ענדלעך האָבן מיר אַזעלכעס פאָרגעלייענט — איך בין באַשולדיקט אין אַנטי קאָמוניסטישע טעטיקייט וועלכעס דריקט זיך אויס אין אַגיטאַציע ווי אויך פּראָפּאַגאַנדע אויפן שטח קיראָוו. דאָס צווייטע, איך ווער באַשולדיקט אַלס שפּיאָן, וועלכן מען האָט געשיקט אַהער קיין קיראָוו אָנזאַמלען אויסקונפטן וועגן דאָרטיקן אינדוסטריעלן און מיליטערישן באַשטאַנד בוי פון רוסלאַנד און אויך בין באַשולדיקט אין אַ שפּיאָנאַזש קאָנ־טאַקט מיט דער דייטשער מיליטער מאַכט.

אַזעלכע באַשולדיקונגען קעגן מיר. בפרט די באַשולדיקונג פון מיין בונד מיט דער דייטשער מיליטער מאַכט האָט זיך געשאַפן ביי זיי צוליב די מיינע אַרויסטרעטונגען פאַר די דאָרטיקע קיראָווער אַרבעטער קאָלעקטיוון, בכדי צו־געווינען די סימפּאַטיע ביי די דאָרטיקע אַרבעטער קאָלעקטיוון. אַזוי אַרום פאַרשטענדלעך מיט אַזאַ שיטה, האָבנדיק די פרייטשאַפט פון רוסישן אַרבעטער ביי וועלכע וועל אין דער פריינטשאַפט באַקומען געגוג מיליטערישע סודות, און זיי נאָכהער איבערזויזן, מיינע, מיט מיר דייטשע פאַרבינדעטע. אַזעלכעס פאַרשטענדלעך ברויכן ביי מיר אין דער אויספאָרשונג דערגרייכן.

וואָס שייך מיין אַנטי־רוסישע שטעלונג און געפירטער פּראָפּאַגאַנדע נעמט זיך אַזעלכעס פון דעם, וואָס אין מיין פריסטער יונגנט בין געווען פּאָליטיש אָנגעהערט צו אַ ציוניסטישע בורזשואַזיע פּאַרטיי, וועלכעס האָט געווירקט אויף מיין פּאָליטישער אויספאָרמירונג און שנאה צו רוסלאַנד.

די פאָרגעלייגטע קעגן מיר באַשולדיקונגען, זענען פאָרגעלייענט געוואָרן אין דער אָנוועזנהייט פוןביידע אויספאָרשער. דעריבער האָבן מיר פאָרגעלייגט פאָל־גענדעס: אַזויווי, די אַלע קעגן מיר באַשולדיקונגען זענען קלאָר דערוויזן און פעסטגעשטעלט ?! דעריבער איז גלייכער, אַזויווי, ביי זיי איז איינגעשטעלט אַז איך אין דעם פאַל — דער באַשולדיקטער, ברויך אַלץ דאָס אונטערשרייבן. אויך האָבן אונטערגעשטראָכן וועלן אַזעלכעס פון מיר פאָדערן און צווייטנס, אויב איך וועל זיך פאַרעקשנען און נישט וועלן אַזעלכעס אונטערשרייבן, איז אפילו דעמאָלט בין איך סיי ווי לויטן סאָוויעטישן געזעץ פאַרמשפּט נאָר פאַרשטענדלעך דאַן פול האַרבער און שטרענגער.

פאַר מיר פּערזענלעך איז געווען פאַרשטענדלעך אַז זיי ווילן דווקא אויף מיר אַרויפוואַרפן די באַשולדיקונג פון מיין כלומרשטן שפּיאָנאַזש־דינסט כאָטש אין אַלע לאַגישע מיינע אויספירונגען האָב געזען אַז אין דער גאַנצער קעגן מיר באַשולדיקונג — עפּעס קלאַפּט נישט, אָבער ווער דאָרטן אין דער נ. ק. וו. ד.־ אינסטאַנץ דענקט פון לאָגיק?

אַזוי אויך האָבן די אויספאָרשער אין יענעם טאָג נאָכן פאַרלייענען די קעגן מיר באַשולדיקונג נישט פאַרלירענדיק קיין צייט זאָפאָרט דעם באַשולדיקונגס־דאָקומענט געהייסן אונטערשרייבן, אַזוי האָבן געטענהט איז בעסער איידער זיי נעמען אָן אָקעגן מיר מער שטאַרקערע מיטלען נאָכהער אויפקלערנדיק פאַר מיר זייערן שטראַף־קאָדעקס אַז נעמלעך, עס איז פאַראַן אין זייערן שטראַף־קאָדעקס אַזאַ מין באַשולדיקונגס אַרטיקל, וועלכער לויטעט אַז אויב אַן אָנגעקלאָגטער יויל זיך נישט מודע זיין צום פאַרגעוואָרפענעם פאַרברעכן פון וועלכן איז געדריגנגען זיין נישט לאָיאַלקייט צו דער רעגירונג. דעריבער, אַזוי אָדער אַנדערש ביזט שטענ־דיק באַשטראָפט, דערפאַר האָבן מיר דעמאָלט געצהט אַז איך וועל מיט פאַרשטאַנד טוען. ווייל קיין אַנדערער אויסוועג פאַר מיר איז נישט פאַראַן, זוי נאָר אונטער־שרייבן דעם פּראָטאָקאָל און אויך דעריבער וועלן מיך נישט שטאַרק באַשטראָפן.

דאָך אַלע זייערע עצות, האָב איך דעם אונטערגעריקטן קעגן מיר באַשול־דיקונגס־אַקט אָפּגעשטויסן און נישט אונטערגעשריבן. דאָס האָט זיי אַזוי דער־שטוינט אַז זענען געוואָרן אויסער זיך פון כעס און צאָרן. איך דערקעגן האָב זיי פשוט געענטפערט: אַזאַ דאָקומענט קעגן מיר זעלבס וועל מיט מיינע הענט נישט אונטערשרייבן אפילו, ווען איר זאָלט פאַראָרדענען אויפן פּלאַץ מיך שיסן אָדער עפּעס אַנדערש טוען וואָס נאָר איר אַליין ווילט. פאַרשטענדלעך איר קענט מיט מיר טוען אַלעס, ווייל קיינער ווייסט נישט, וווּ איך געפין זיך און קיינער וועט זיך מיין קריוודע נישט אָננעמען. אלא וואָס שייך מיין משפּחה ווייסט זי דאָך אַפילו נישט, ווו איך בין? דאָך וועל אַפילו אין דעם מיין מצב, אַזאַ דאָקומענט איך, מיט מיינע הענט נישט אונטערשרייבן ווייל אַלס ייד איז שוין אומגלויבלעך אַז, איך האָב געקענט זיין אַ דייטשער שפּיאָן, ווייל אַלס ייד בין אַ אָביעקט פאַר דער דייטשער ראַסן־פאַרניכטונג, פרעגט זיך צי איז לאָגיש פאַר מיר מיטאַרבעטן מיט דער דייטשער ראַזוויעטקע?

צווייטנס, אַזוי ווי איך איז שוין באַקאַנט בין איך צופעליג מיטן זיך באַפרייען פון דער פּוילישער תפיסה אָנגעקומען אין די געביטן פון מערב־אוקראַינע איז פרעגט זיך, ווען זשע בין געווען אין קאָנטאַקט מיט דער דייטשער מיליטער־מאַכט? איך — אַזוי האָב טאַקע דעמאָלט פאַר מיינע אויספאָרשער פעסטגעשטעלט

בין מיין גאַנץ לעבן אין פּוילן געווען אַ קעמפער און רעוואָלוציאָנער פאַרן אַרבעטער־קלאַס, געווען, אַ הייסער סימפּאַטיקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד, געפירט פּראָפּאַגאַנדע פאַרן כלל אַרבעטער ענין, פאַר וועלכער, בין געווען אין פּוילן פאַרמשפּט און געזעסן 4 יאָר תּפיסה־שטראָף. אַזעלכעס איז פאַרשטענדלעך אַ קעגנערשאַפט צום פאַשיזם. פרעגט זיך דעריבער, ווי קאָן געמאָלט זיין, אַז איך זאָל זיין אַ דייטשער שפּיאָן? דעריבער וואַרף איך אָפּ מיט עקל אַזאַ קעגן מיר באַשולדיקונג און וויל אויך מיינע כוונות צום ראַטנפאַרבאַנד זענען געווען נאָר פריינטלעכע און לאָיאַלע.

אלא, וואָס שייך דאָס וואָס איר וואַרפט מיר פאַר אַנטי־סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע איז אַזעלכעס קעגן מיר נאָר אַ פאַרלוימדונג און וואַרף אָפּ אַזעלכעס מיט גרויס עקל, ווייל דאָך בין געווען אַ קאָמוניסט, איך גלויב אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע פאַר וועלכער, האָב מקריב געווען מיין לעבן אין פּוילן. פאַרשטייט זיך עס קאָן זיך לייגן אויפן שכל, אַז עס קומט אַ מענטש פון פּוילן אין אַ פרעמד לאַנד און בלויז אין געציילטע טעג ווערט באַרימט אין דאָרטיקן אַרבעטער ציבור אַלס סאָוויעטישער אַגיטאַטאָר, פאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכעס קאָן דרינגען, האָב געטוען צוליב וועלן זיך איינקויפן אין פאָלק סימפּאַטיע. אָבער דאָך אַלעמען האָב עס געטוען נאָר צוליב דעם ווייל מען האָט מיך אַרויסגערופן צום רעדן און אַזעלכעס איז נישט מיין שולד, ווי אויך דערקלער אַז, אַלע מיינע געהאַלטענע רעפעראַטן זענען געווען לאָיאַל צו דער רעגירונג און נישט קיין אַנטי־סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע, ווייל אויב אַזעלכע זענען געווען אַנטי־סאָוויעטישע רעפעראַטן, פאַרוואָס זשע זענען אַזעלכע געווען געדריקט אין דער שטעטישער פאַרטיי־פּרעסע?

דעריבער איז מיין ענטפער: ניין. אַפילו — האָב איך פאַרגעזעצט, צעררייסט מיך אויף שטיקער, ווייל מיר איז דאָס לעבן שטאַרק נישט טייער. איך בין פיזיש און גייסטיש אויסגעמאַטערט פון דער גאַנצער אויספאָרשונג, דאָך אין דעם מצב בין נישט גרייט מיט מיינע אייגענע הענט קעגן מיר אַזאַ באַשולדיקונג אונטערשרייבן, דעריבער מיין קאַטעגאָרישער ענטפער: ניין!

אַזוי איז דעמאָלט קעגן מיר געווען די באַשולדיקונג. אַזוי האָט מען מיר יעדן טאָג אונטערגעשטיפּט דעם טרויעריקן דאָקומענט, און טאָג־טעגלעך האָב איך אים דעם דאָקומענט אָפּגעשטויסן. אַזוי איז עס געווען טאָג־טעגלעך ווי ערשט היינט, אָדער נעכטן, ווי אַנומלט און איך האָב עס מיט עקל אָפּגעשטויסן. אַזוי טאַקע טאָג־טעגלעך האָט מען מיר געברענגט אין קאַמער עסן און די אויספאָרשער האָבן מיך דווקא „פאַטערלעך" נישט געלאָזט טועם זיין פון דעם עסן, טאָג־טעגלעך האָב איך זיך געלייגט שלאָפן און האָבן פון צופיל זאָרג פאַר מיר נישט געלאָזט מיך שלאָפן, ווייל פּונקט האָט מען מיך באַדאַרפן אויספאָרשן. און די אויספאָר־

שונג האָט זיך יעדן טאָג אָנגעפאַנגען אויפסניי. ווי אין אָנפאַנגס טאָג, ווי נאָר ערשט, אַצינד, ווי וואָלט געווען דאָס ערשטע מאָל ביים פאַרשער, ווי נעכטן און אַנומלט, אָדער אַפילו היינט איז דאָ ביים סלעדזאוואטעל מיט מיר גאָרנישט געווען.

אַמאָל געווען איז שוין שפּעט אין דער נאַכט, מיינע נערוון און איך אַלס גאַנצעס, האָב זיך געבעטן רחמים. מיין פּנים איז געווען שטאַרק פאַרזאָאַקסן, געווען איז שוין דעמאָלט ביי מיר דער צווייטער מאָנאַט פון בלויזן אַזוי מיך שלעפּן צום אויספאָרשן. איך גופא בין געווען מער מענטשלעכער שאַרבן ווי גוף, אויס־געמאַטערט, ממש אַ מוזולמאַן און טאַקע אין אַזאַ צושטאַנד האָט מען מיך אין מיטן נאַכט געבראַכט צום סלעדזאוואטעל, דאָרטן אין צימער זענען אויך געווען אַחוץ דעם פּאַלקאָווניק, נאָך עטלעכע הויכע נקוו״ד־אָפיצירן. איינער פון זיי דער, וועלכער האָט געפירט מיין דיעלא, נעמט אַרויס פון שופלאָד־טיש אַ דאָקו־מענט אַזאַ מין בויגן פּאַפּיר, פּאַכעט מיטן בויגן פּאַפּיר אין דער לופטן בכדי מיר אים צייגן און נאָכהער לייענט פון אים פאָלגנדעס: „מיר, די אונטערגעשרי־בענע פּוילישע ביעזשענצעס — דאָ קומען אויסגערעכנט נעמען פון די אונטערגע־שריבענע ביעזשענצעס (אַלע אויסגערעכנטע נעמען זענען מיינע חברים פון דער פאַרמלחמהדיקער פּוילישער תפיסה) שטרייכען אונטער, און מיר, זענען זיך מודה און מתוודע פאַר דער סאָוויעטישער רעגירונג אין באַגיין קעגן איר דעם גרויסן פאַרברעכן מיט דעם, וואָס מיר האָבן גענומען אויף זיך די אחריות צו פירן אַ שפּיאָנאַזש־טעטיקייט אויפן שטח רוסלאַנד — אין דינסט פאַר דער דייטשער שפּיאָנאַזש־ראַזוויעטקע״, אונטער פאַרשטענדלעך דעם דאָקומענט שטיין אונ־טערגעשריבן אַלע די נעמען פון מיינע באַקאַנטע חברים מיט וועלכע איך בין געווען פאַרמשפּט אין תפיסה אין שטאָט וואַרשאַ.

אַזאַ מין מעשה האָט באַלד מיר געגעבן צו פאַרשטיין וועגן דעם אופן פון פּראָדוצירטן דאָקומענט אין דער זייער נידערטרעכטיקער קעגן מיר אויספאָרשונג. נאָך אַזאַ מין פאָרלעזן דעם דאָקומענט האָבן זיך די אויספאָרשער אַרומגעשטעלט אַקעגן מיר, „נאַ, זאָגן זיי, זעסט שוין ווער זענען דיינע חברים מיט וועלכע דו ביסט געזעסן אין די דאָרטיקע תפיסות?! דעריבער טאַקע, דיינע חברים, זענען שפּיאָנען און דו. אויך אַזעלכער און וועסט אויך אונדז אַזאַ דאָקומענט — אונטער־שרייבן!״ האָט זיך שוין אויף ערנסט צעשריגן מיין אויספאָרשער דער פּאַלקאָוו־ניק, „ווייל איר אַלע פּוילישע זענט מרגלים און פאַר אייך איז נאָר אונדזערע סאָוויעטישע תפיסה!״

הער ביזגער סלעדזאוואטעל — האָב איך שטיל און רואיק אָפּגעענטפערט, קאָן מעגלעך זיין אַז, די אַמאָליקע מיינע חברים, וועלכע, האָבן דאָס אונטערגעשריבן זענען אפשר געווען שפּיאָנען און דעריבער האָבן אַזאַ דאָקומענט אונטערגעשריבן.

קאָן מעגלעך זיין אַז האָבן מיטגעאַרבעט מיטן דייטש, מיט דער דייטשער ראַזוויעט־קע דעריבער טאַקע, איך שטרייך נאָכאַמאָל אונטער האָבן אונטערגעשריבן. אָבער וואָס שייך מיך, בין נישט קיין שפּיאָן איך בין נישט געוואָרן געשיקט אַהער קיין רוסלאַנד שפּיאָנירן, דעריבער וועל אַזאַ דאָקומענט נישט אונטערשרייבן, דאָס אין קיין פאַל נישט. אַזוי האָב איך געטענהט היינט, אַזוי האָב געטענהט נעכטן און אַנומלט און אַזוי וועל טענהן מאָרגן. אַזעלכעס איז מיין קאַטעגאָרישער — ניין! נאָך אַזאַ מין רעפּליקע האָט דער אויספאָרשער מיר אויסגעצויגן אַזאַ זעץ מיט דער פויסט אין פּנים אַז, בלוט האָט זיך אָנגעהויבן גיסן פון אַלע זייטן פּנים, נאָז און ציינער און מיט די ווערטער, פירט אים צוריק אין קאַמער, האָט זיך דעמאָלט באַנאַכט די אויספאָרשונג מיט גרויס צו מיר כעס געענדיקט. דעמאָלט איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען מען האָט אָנגעוואָנדן קעגן מיר אַ פיזישן מיטל.

אַ צווייט מאָל האָט דער אויספאָרשער גענומען מיט מיר איינטענהן וועגן מיין אין פוילן פאַרגאַנגענהייט — „אין דיר שטעקט אַ באַקציל פון דיין קליינ־בירגערלעכקייט נאָך פון יענער צייט, ווען ביסט אַ ציוניסט געווען — דו, ווייסט דאָך זעלבס אַז, אַזעלכעס איז ביי אונדז אויסערן געזעץ, אַזעלכעס זעלבס איז שוין דאָך ביי אונדז אין רוסלאַנד אַ מלוכהשער פאַרברעכן און שטראָפלעד”. ווען איך האָב אים אין ענטפער אָנגעוויזן אויפן פאַקט אַז איך בין געבוירן אין פוילן און נישט אין רוסלאַנד, ווו און אפילו, ווען מיין פאָטער אַלס קליינבירגער איז דאָך אויך לויט אַלע געדרינגטע מאַרקסיסטישע טעאָריעס אין קלאַסן פריינטשאַפט מיטן אַרבעטער־קלאַס, און אַ פאַרבינדעטער פון אַרבעטער־קלאַס אין רעוואָ־לוציאָנערן קאַמף. צווייטענס צי קאָן איך ווערן באַשולדיקט אין דעם, אַז בין געבוירן אין פוילן ביי עלטערן — קליינבירגער. אלא, דאָס וואָס בין אין די ערשטע יוגנט יאָרן געווען אַ ציוניסט איז בסך־הכל דעמאָלט בין געווען אַלט נאָר — 14 יאָר און שפּעטער טאַקע האָב געטענהט, ווען כ'האָב באַקומען מערערן פּאָליטישן באַוווסטזיין בין איך אַריבער צו די דאָרטיקע רעוואָלוציאָנערע יוגנט קרייזן — צום קאָמסאָמאָל.

אַמאָל אין גאַנג פון מיין אויספאָרשונג יוען מען האָט מיך געהאַלטן פון אַ פאַרמיטאָגס ביז שפּעט אין נאַכט, ווען אַ מידער בין קוים אין קאַמער אַריינגע־קומען קוים שטייענדיק אויף מיינע פיס, האָב איך צו מיין גרויסער דערשטוינונג געטראָפן אין קאַמער ביי מיר אַ שכן. געווען איז ער אַ רוס אין דער עלטער פון די דרייסיקער יאָרן. מיין שטימונג איז געווען אַזוי נישט פילבאַר און אַפּאַטיש אַז, כ'האָב זיך שטאַרק מיטן שכן נישט פאַרנומען און גלייך זיך געוואָרפן אויפן בעט שלאָפן, אַפילו נישט עסענדיק מיין מאָלצייט. שפּעטער אין אונדזערן ווייטער צוזאַמענלעבן האָט ער מיר דערציילט אַז, מען רופט אים — וואַניאַ איוואַנאָוויטש,

אַ בוכהאַלטער פון אַ גרויסער דאָרטיקער אין אבלאַסט — פראָמ־אינסטיטוציע.

וואַניאַ איוואַנאָוויטש אין זיינע געשפּרעכן מיט מיר האָט נאָר גערעדט וועגן זיך, ער האָט גערעדט וועגן זיין באַשולדיקונג, פאַר וועלכער האָט באַקומען בלויז נאָר — 13 יאָר תּפיסה־שטראָף. ער האָט דערציילט אַז איז איינער פון אַ גאַנצער גרופּע באַשולדיקטע אין אַ טראָצקיסטער סאַבאָטאַזש־אַרבעט. אויפן משפּט האָט ער דערציילט האָט מען אים נישט געגעבן אַזעלכעס איז נישט פאַראַן אין רוסלאַנד. דאָרטן שיקט מען נאָר דעם אָנגעקלאָגטן דעם גזר־הדין אונטערשרייבן. דעריבער טאַקע איז ער אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט פאַרוואָס די אויספאָרשער מיך, אַזוי נאָר שלעפּן אויף די אויספאָרשונגען. נאָכהער פלעגט רעדן אַז, בכלל גענומען קימערט אים נישט דער גאַנצער ענין. ער וועט פאָרן אין לאַגער און דאָרטן וועט ער אַרבעטן, שפּעטער נאָכן באַנאַנד אָפּזיצן אַ געוויסע צייט האָט ער ענדלעך מיך געפרעגט וועגן מיין באַשולדיקונג. איך האָב וואַניען געזאָגט, אַז מיט מיר איז זעט אויס אַגאַנץ מיספאַרשטענדעניש, איך גלויב אַז ברויך טאַקע דאָ נישט זיצן, ווייל בין קיין טראָצקיסט און קיין אַנטי־קאָמוניסט, אַזעלכעס איז אַלעס וואָס קאָן אים — וואַניען — וועגן מיר דערציילן.

איך האָב טאַק געקלערט אפשר איז עס טאַקע אַ מין פאָרטל פון דער דאָרטיקער נ. ק. וו. ד. דאָס זיין וואַניעס זיצן אין קאַמער מיט מיר צוזאַמען, וואַניאַ האָט אַ גאַנצן טאָג נאָר גערעדט און דערציילט מעשׂיות און אין דעם אַלעמען האָט די דאָרטיקע רעגירונג און די נ. ק. וו. ד. — נאָר געשאָלטן, דאָך האָט אָבער מיט זיין רעדן האָט מיך אַביסל צעשטרייט פון די אַלע טאָג־פאָרשונגען.

אַמאָל האָט ער מיר געפרעגט, פאַרוואָס זיי אַזוי פיל שלעפּן מיך אויף דער דאָרטיקער אויספאָרשונג און האַלטן מיך אַזוי לאַנג. דעריבער האָט ער מיר געעצהט טוען דאָס וואָס ער האָט געטוען אַלעס אונטערשרייבן, ווייל זיי קאָנען מיר דאָס געזונט רואינירן חוץ אַלעמען זאָלסט וויסן, אַז פון דאַנען דער נ. ק. וו. ד. תּפיסה ווערט מען נישט באַפרייט אַזוי איז עס און — באַסטאַ! איך דאַקעגן האָב אים אָפּגעענטפערט אַז, וועל קיינמאָל נישט אונטערשרייבן אַזאַ דאָקומענט קעגן מיר בפרט מיט מיינע הענט און אויף דעם האָט זיך געענדיקט דער דעמאָלטדיקער געשפּרעך צווישן אונדז אין קאַמער.

עס איז נישט איבעריק צו דערמאָנען אַז, טאָג־טעגלעך נאָכן אויספאָרשונג בין געווען ממש איינגעבראָכן, דאָס סיי פיזיש און אַוודאי מאָראַליש. איך בין שוין בכלל נישט געווען קיין מענטשן־צורה נאָר אַ אַרום און אַרום אַ מענטשן שאַרבן. אַמאָל האָט אַזאַ מין אויספאָרשונג געדויערט אַ גאַנצן פאַרמיטאָג און ביזן שפּעט אין דער נאַכט אַמאָל אַ גאַנצע ממש נאַכט, אַלעס אַזעלכעס בכדי מיך

איינברעכן, אויסשעפּן, אויסמאַטערן כּדי ווערן נאָכגיביק און כּדי אין רעזול־טאַט אונטערשרייבן אַלע קעגן מיר באַשולדיקונגען.

מיינע נערוון זענען געווען אָנגעצויגן און אָנגעווייטיקט, מיין האַרץ איז פול מיט פּיין, דאָס נישט שוין מאָראַלישן פּיין נאָר אויך שוין אַ פּיין פון מיין אַנט־גילטיקער אין זיי אַנטוישונג. די דאָרטיקע ג. ק. וו. ד. דעמאָלט האָבן מיך געהאַט געברענגט צו אַזאַ מדרגה אַז, איך זעלבס האָב זיך ביי זיי געבעטן: טועט מיט מיר וואָס נאָר איר ווילט: פאַרמשפּט, הרגעט אָדער שיסט, שיקט אין די לאַגערן אָבער נאָר ענדיקט מיט מיר און מער מאַטערט נישט.

מיין לעבן איז געווען איצט ביי זיי, קלאָר און דורכזיכטיק. זיי די ג. ק. וו. ד. האָבן שוין געקענט אַפילו מיינע אינטימסטע דורכלעבונגען, דאָך האָבן מיך נאָך אַלץ טאָג־טעגלעך געמאַטערט און נאָר פאַרלאַנגט מיין אונטערשריפט. דאָך וואָס אַ אמת, אַז האָב פאַר זיי די גרעסטע שעצונג. זיי דאָרטן די ג. ק. וו. ד.־פאַרשער פאַרשטייען יעדן מענטשלעכן גליעד, אבר. זיי קענען יעדעס ריגעלע פון דער קייט וואָס הייסט מענטש. און אין דעם עיקר, האָבן אַזוי פיל סאַדיסטישן פאַר־שטאַנד און וויסן. איצט האָב זיך דעמאָלט געטראַכט פאַרשטיי שוין וואָס אַזעלכעס איז דאָס אַמאָליקע זיך דאָרטן — מודע זיין ביי יענער דעמאָלט רעוואָלוציאָנערער גוואַרדיע. איצט פאַרשטיי וואָס אַזעלכעס איז דאָס זיך, זעלבס קריטיקירן, ווייל אין דער זייערער אויספאָרשונג זענען שטאַרקער פון יעדער עמפינדלעכער מענטשן נשמה.

דאָרטן אין דער ג. ק. וו. ד. — האָט די אויספאָרשונג קיין פאַרזעצונג. יעדן טאָג איז די אויספאָרשונג אויפסנייַ, עס דאַכט זיך דיר, אַז, מיטן היינטיקן טאָג איז פאַרענדיקט געוואָרן אַ פּרשה אין דער אויספאָרשונג, אָבער ניין! אויף מאָר־גענס איז ווידער די זעלבע געשיכטע, דאָס נעכטיקע וואָס האָט דיך געקאָסטעט אַזוי פיל געזונט איז ווידער אויפן איבערפלאַך אַזוי אַז אַ סוף און אַן אויפהער.

די דאָרטן וואָכן־לאַנג אויספאָרשונג האָט אַזוי אויף מיר געווירקט אַז, אין די אַמאָליקע עטלעכע שעה דאָרטן שלאָפן, ווען האָבן פון צופעליקע סיבות מיך נישט געוועקט און געפאָרשט זענען געווען פאַר מיר בלויז אַ שלאָפן אין שרעק־לעכע קאָשמאַר־חלומות, אַזעלכעס איז געווען למשל, וואָס מיך דערוואָרט אין סוף פון דער דאָרטיקער אויספאָרשונג. מיין שכן אין קאַמער פלעגט מיר אַזעלכע חלומות פּותר זיין ווי אַ מומחה פּסקנען. דאָס זאָגט ער — איז אַ סימן אַז, מיט דיר וועט אַזוי געשעען און אַזוי דיר וועט מען טוען, אַלענפאַלס האָט פאַרענדיקט דיר דערוואָרט נישט קיין גוטס, אָדער טויט־שטראָף אָדער אייביקע תפיסה. מיר רוסן קענען פּותר חלומות זיין.

אַמאָל אויף דער אויספאָרשונג האָבן מיך מײַנע סלעדאָװאַטעלעס געדראָט אַז אויב איך װעל זיך נישט בײַגן און אונטערשרײַבן זײערע קעגן מיר באַשולדיקונ־גען װעלן זײ מיך װי אַ הונט דערשיסן. אין קאָנקלוזיע אויף דעם האָב זײ געפרעגט — צי װעלן מיר דערלויבן זאָגן פאַרן טויט עטלעכע לעצטע װערטער? — װאָס אַזעלכעס דו, הונטישער זון װילסט זאָגן? האָט מיך געפרעגט מײַן אויספאָרשער דער פּאָלקאָװניק. איך דערקענן האָב נישט לאַנג טראַכטנדיק געזאָגט אַז אין מײַנע לעצטע פאַרן טויט װערטער, װעל זאָגן: זאָל לעבן דער ראַטנפאַרבאַנד מיטן חבר סטאַלין בראש.

פאַרשעמט פון אַזאַ מעשה האָבן מיך גלײַך באַפוילן אָפּפירן צוריק אין קאַמער. יענעם טאָג האָבן מיך דװקא מער נישט געפּאַרשט, אַזעלכעס האָט מיר דװקא פאַרשאַפט גרויס מאָראַלישן פאַרגעניגן און הנאה, װען מײַנע װערטער האָבן באַשאַפן אַביסל בושה דעם אויספאָרשער.

אין יענעם טאָג האָבן מיך מײַנע אויספאָרשער מער נישט געפּאָרשט דאָך האָב דעמאָלט זיך געטראַכט, טראָץ אַלע פאַרטלען און פאַרשידענע מיטלען, כאָטש בין געװען פיזיש און גײַסטיק דערמאַטערט דאָך בין געװען מיט מײַן פעסטן באַשלוס נישט אונטערשרײַבן און אודאי בין געװען מאָראַליש פול העכער פון מײַנע באַטריגער. חוץ דעם אַלעמען. האָב געװוּסט אַז, זענען בכוח צו טוען מיט מיר װאָס נאָר זײ װעלן דאַרפן, דעריבער בין געװען אויסער יעדער אילוזיע אַז, װעלן מיך באַפרײַען. דערפאַר אין מײַנע ענטפערס צו זײ האָב געגעבן אַ רמז אַז דאָך פאַרשטײ גאַנץ גוט זײערן פאַרשונגס צװאַנג און בפרט זײערן פאַרברעכערישן טאַט, װעלכעס איז אין תוך פון זײערן אויספאָרשונגס־סיסטעם.

אַמאָל געװען איז עס שוין אין 4־טן מאָנאַט פון מײַן פאַרשונג. דעמאָלט שוין, װען האָבן מיך געקענט פון אַלע שטאַנדפּונקטן האָבן פלוצלינג אָנגעהויבן מיט מיר אײַנטענהן װעגן דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע און סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. דער מײַן סלעדאָװאַטעל דער פּאָלקאָװניק האָט אַמאָל אין אַ געשפּרעך מיט מיר געפרעגט מיך — צי איך האָב געלײענט די װערק פון מ. גאָרקין? װען איך האָב אַזעלכעס באַשטעטיקט האָט צו מײַן גרויסער איבעראַשונג געבראַנגט מיר איבערלײענען אַן אַרטיקל געשריבן פון מ. גאָרקין א.ב. „װראַג קאַפּיטאַרי ניע זדאַיאָטסיאַ נוזשנאָ אוניטשטאָזשאַט" אַזעלכעס דאַרף הײסן אין איבערזעצונג אַזוי: „אַ שונא, װעלכער גיט זיך נישט אונטער ברויכט מען אים פאַרניכטן".

דער עפעקט פון מ. גאָרקיס אַרטיקל, דער פּראָלעטאַריש־רוסישער הומאַניס טישער רעװאָלוציאָנערער שרײַבער האָט באַדאַרפן מאַכן בײַ די ג. ק. װ. ד. גרויס װירקונג. דאָך איז עס געװען אַ רמז פאַר מיר, אַז ענדלעך ברויך אַזוי אָדער אַנדערש מסכים זײַן אויף אַלע זײערע דאָרטן מעטאָדן אין דער פאַרשונג און אויך

אוודאי זיך מודע זיין, ווייל אויב נישט איז עס ווידער אין קרייז אַרום דער גאַנ־צער מעשה און דעריבער איז געדרינגען: אַזוי אָדער אַנדערש מוז ווערן פאַרמשפּט, דאָס איז אין אַלגעמיין, אָבער אויך האָט דער אַרטיקל געהאַט אין זיך פאַר מיר אַ גרויסע סכנה, ווייל צו וואָס דען האָבן באַדאַרפן רעדן מיט מיר וועגן אַזעלכע ענינים.

וואָס אַ אמת, האָט זיך מיר נישט געוואָלט מיט זיי דיסקוטירן וועגן דעם איבערגעלייענטן אַרטיקל. כאָטש אין אמתן געזאָגט האָב ביז דעמאָלט נישט געהערט פון אַזעלכעס געשריבן פון מ. גאַרקין אַרטיקל, אָבער איך האָב נישט געקענט אַזעלכעס אַפּלייקענען: דאָך האָב איך זיי געענטפערט אַז, „דער אויסדרוק שונא" קאָן ווערן פאַרשידן פאַרשטאַנען אָבער וואָס האָט עס אַ שייכות מיט מיר און ווי אויך, איר קענט מיך און מיין פערזאָן אַדורך און אַדורך, איז אַזאַ מין כאַ־ראַקטעריסטיק נישט שייך צו מיר — איך בין קיין שונא פון ראַטנפאַרבאַנד, נאָך מער האָב פאַרן זווילזיין פונעם ראַטנפאַרבאַנד געקעמפט און אויך וועל ווייטער קעמפן אויב מען וועט ברויכן.

אַזאַ געשיכטע איז געווען אַ נייע ווענדונג אין מיין אויספאַרשונג פון דעמאָלט אָן אין ווייטער האָב נאָר אונטערגעשטראָכן מיין פולע פריינטשאַפט צום ראַטנפאַר־באַנד. די מעשה מיטן גאַרקי־אַרטיקל האָט מיך געשטעלט פאַר אַ רעאַלער נייער ווירקלעכקייט און דער עיקר האָבן מיר געוואָלט צייגן די וויכטיקייט אין דער אַזוי גרויסער מיסיע, וועלכע איז אין קאָנסעקווענץ פון זייערן משפּט.

אַמאָל האָט פּאַסירט בין איך בשעת אַן אויספאַרשונג געוואָרן אַזוי פּיזיש ערשעפּט אַז בין דאָרטן אין צימער געפאַלן חלשות דאָך. האָבן זיך שטאַרק נישט געקימערט. מען האָט מיך אָפּגעפירט צו אַ דאָרטיקן רופא, וועלכער האָט מיך בודק געווען אָבער דאָס וועלכעס מען האָט מיך אַ צוויי טעג נישט אַרויסגערופן האָט געקענט עדות זאָגן — וועגן מיין דעמאָלטדיקן צושטאַנד.

זייענדיק גאַנצע צוויי טעג אין קאַמער האָב איך זיך מיטן שכן אויסגעשמועסט. איך האָב דערציילט אַז, מיך האָט אַהער אין תפיסה געבראַכט אַ געוויינטלעכער מיליציאַנער און דאָס ממש ביי טאָג פון אַ לעקציע אין אינסטיטוט. וואַניאַ איוואַ־נאָוויטש האָט ממש געשטוינט — ניין — זאָגט ער, אַהער אין תפיסה ברענגט מען מענטשן נאָר באַנאַכט און נישט מיט קיין מיליץ. די לעצטע גייט איבערהויפּט נישט אָן דעם ענין פון פּאָליטישער טעטיקייט, ווייל קודם־כל אַז קיינער פון דער אויסערלעכער וועלט זאָל וועגן אַזאַ מין אַרעסטירן נישט וויסן. פון אַזעלכן ווייסט נאָר די משפּחה. זי אויך, די משפּחה ווערט געוואָרנט קיין מעשיות וועגן דעם ענין נישט דערציילן. דעריבער האָט זיך געוווּנדערט פון דער געשיכטע פון מיין אַרעסטירן. ממש אַזאַ מעשה איז פאַר אים געווען נישט גלויבלעך!?

מיך גופא איז די זאַך פון מיין אַרעסטירן דעמאָלט געווען אויך מאָדנע און נישט פאַרשטענדלעך, מעגלעך פון אַן אַנדערן שטאַנדפונקט אַפילו אַן דעם וואָס מיין שכן אין קאַמער האָט מיר די זאַך אויפגעקלערט וועגן דעם מהות פון זייערן אַרעסטירן מענטשן. אָבער אין מאָמענט האָט עס מיר נישט גרינגער געמאַכט מיין דעמאָלטדיקע לאַגע. שפּעטער איז טאַקע דער גאַנצער ענין פאַר מיר געוואָרן קלאָר. זעלבס האָבן זיי מיר די זאַך אויפגעקלערט. דאָס איז שוין געווען נאָענט צו מיין מיך באַפרייען. דערווייל, ווער װאָלט מיר געקענט געבן דעם מינדעסטן רמז וואָלט עס מיר דאַך געווען פיל גרינגער און שמערצלאָזער.

אַמאָל אין אַ געוויסן טאָג, ווען עס איז שוין געווען כמעט 4 מאָנאַט פון מיין דאָרטן זיצן אין דער באַרימטער און טרויעריקער תפיסה. ווען מען האָט מיך געשלעפּט צום סלעדאוואַטעל האָב איך באַמערקט עפּעס אַזאַ געשטאַלט ווי דאָס וואָלט געווען מיין באַקאַנטע סטודענטן — אַליאַ מיראָוונאַ, די לעצטע, איז געווען באַקאַנט דאָרטן אין אינסטיטוט פאַר אַ גוטע מיין באַקאַנטע, דעריבער איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס מען האָט זי אַהין געשלעפּט אין דער נ. ק. װ. ד. בכדי טאָמער אפשר וועט זי עפּעס קענען מיר טענהן, וועלכעס זאָל פאַרשווערן מיין באַשולדיקונג. אָבער דאַך בין געווען אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט זיכער אַז, די מיין באַקאַנטע סטודענטין וועט אויף מיר קיין שלעכטס נישט רעדן.

שפּעטער שוין אויף דער פריי, ווען כ'האָב זיך געוואָלט דערוויסן וועגן דעם צי טאַקע זי איז עס געווען דעמאָלט ביים סלעדאוואַטעל האָט זי מיר געענטפערט אויסמיידענדיק: „ווען אַפילו, יאָ װאָלסט געוואָלט פון מיר אַזאַ באַשטעטיקונג? זעסט דאַך שוין זעלבס אויף דיינע אייגענע פּלייצעס אַז, מען ברויכט דיר מער נישט זאָגן, אַז וועגן זיי ברויך מען ווינציקער ריידן. דו, האָסט דאַך שוין זיי דערקענט?!״

אַזעלכע רייד נאָר אין אַנדערן פאָרם האָבן זיי מיר די נ. ק. וו. ד.־פאַרשטער פאַרגעלייענט צום פאַרגעדענקען אין טאָג פון מיין באַפרייען, וועלכעס האָט געהייסן „קיין פּיפּס נישט טוען קיינעם וועגן דעם, ווו איך בין די גאַנצע 4 מאָנאַט געזעסן״ דעריבער האָב טאַקע ווינציקער גערדריקט אויף דער סטודענטין — אַליאַ מיראָוונאַ אַז זי זאָל זיך פאַר מיר מודה זיין אין דעם ענין.

✡

זעט אויס אַז דאָס, וועלכעס איז געוואָרן פאַרשטאַנען פון מיר אין רעזולטאַט פון מיין אויספאָרשונג איז געווען אַז, מיין פּערזאָן האָט אין זיי דערוועקט גרויס חשד און אויפמערקזאַמקייט, צוליב מיין פּאָליטישער דאָרטן אין קיראָוו טעטיקייט בשעתן רעפערירן אין די דאָרטן אַרבעטער קאָלעקטיוון. אָבער חוץ דעם בין איך

געקומען דעמאָלט צו דער איבערצייגונג, אַז, דאָס באַפרייען מיך האָב געהאַט צו פאַרדאַנקען אַ גרעסערע נ. ק. וו. ד.־שישקע וועלכע איז צו יענער צייט געווען אין שטאָט קיראָוו און זעט אויס, אַז דער זייער גענעראַל (אַזאַ טשינש) האָט דער נ. ק. וו. ד.־מענטש געהאַט אין וועלכנס זכות בין איך באַפרייט געוואָרן. דעמאָלט טאַקע אין יענער צייט אין דער אַנוועזנהייט פון דער גרויסער שישקע האָט מען מיך אַרויסגערופן אויף אַן אויספאָרשונג און טאַקע דעמאָלט איז געווען געפּסקנט מיין גורל מיך צו באַפרייען. אַזוי טאַקע פּונקט צו ענדע פון 4 מאָנאַט זיצן אין דער קעלער תּפיסה האָט מען מיך אַרויפגענומען צום באַקאַנטן אויספאָרשער און מען האָט מיר דערציילט דעם סוד פון מיין אַרעסטירן דהיינו, אַזוי ווי איך האָב זיך נישט צוריקגעשטעלט צו דער אַרבעט אין פאַבריק נאָכן מיין באַקומענעם חופש האָט מען מיך באַשטראָפט אונטער מיינע אויגן אויף 4 מאָנאַט אַרעסטן־שטראָף לויטן דעמאָלטדיקן אַרויסגעגעבענעם דאָרטן אין רוסלאַנד אַ נייעם געזעץ־אוסטאַוו.

אָבער, אַזוי ווי מיין זיצן איז געווען אין ראַם פון דער נ. ק. וו. ד., וועלכעס איז דאָך נישט געזעצלעך, דעריבער בשעתן מיך באַפרייען האָט מען מיר פאַר־זאָגט קיינעם וועגן דעם דערציילן, ווייל אַנדערש וועלן זיי מיך שטענדיק קענען פאַרבעטן אַהער אין די קעלערן. ממש קלאָר ווי דער טאָג. אַזוי, האָט מען מיר געגעבן אַ רמז אַז אויב וועלן מיך צוריק האָבן ביי זיי אין דער תּפיסה מעג איך זיך אויף אייביק געזעגענען מיט דער פרייהייט. צווייטענס אַז, כ׳זאָל מער נישט פּרובירן אַרויסטרעטן אויף קיין שום עפנטלעכע פּלעצער בפרט אין פאַבריקן און גלייכצייטיק האָבן מיר געזאָגט צום פאַרענטפערן זיך, אַז דאָך איז היינט מלחמה־צייט און זייער אויפגאַבע איז צו היטן דאָס לאַנד.

נאָך אַזאַ מין אַריינגעהאַקטע תּורה האָב איך שוין פאַרשטאַנען די דער־ציילונג פון מיין רוסישן שכן אין קאַמער — וואַניאַ, וועלכער האָט אַזוי פול געשטויגנט פאַרוואָס מיך האָט דווקא אַרעסטירט אַ מיליציאָנער. אַזוי טאַקע נאָכן שרעקלעכן מיך אָפּפייניקן און מיט פאַרויס אַ צוגעזאָגטע בשורה, וועלכע קלינגט נאָך היינט מיר אין קאָפּ, אַז כ׳זאָל פאַרגעדענקען, אַז שוין צומאַרגנס קענען מיך ווידער אין די זייערע קעלערן אַלס אַרעסטאַנט האָבן און עסן זייערן וויניגרעט האָבן זיי מיך אָפּראַזירט, אָפּגעוואַשן און באַפרייט, געשיקט צוריק אויפן אינסטי־טוט לערנען ווי גאַרנישט וואָלט מיט מיר געשען . אַלעס דאָס פאָדערט נישט קיין קאָמענטאַרן.

איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען דעם מהות פון זייערן פּראָלעטאַרישן הערשן. איצט האָב פאַרשטאַנען די אַמאָליקע קריטיק און זעלבסקריטיק, איצט האָב שוין בעסער פאַרשטאַנען די דאָרטן אויסגעפירטע אורטיילן, איבער די אַמאָליקע רעוואָ־

לוציאַנערן, וועלכע האָבן אין אַזעלכע קאַמערן באַקומען זייערן לעבענס סוף.

איצט האָב פאַרשטאַנען וואָס איז אַזעלכעס דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט — איצט האָב פאַרשטאַנען די נשמה פון רוסישן מוזשיק, איצט האָב שוין פאַרשטאַנען זייער נישט אַרויסגערעדטע מורא אויף זייערע פּנימער, וועלכע קוקט אַרויס פון אַלע דאָרטן איינוווינער און אין עיקר איצט האָב פאַרשטאַנען אַז, איך זעלבס בין אין פּוילן וואָרט אַ רוסישער בירגער אין מיין אַזוי שטאַרק אויסגעבענקטן ראַטנפאַרבאַנד, אָבער פול העכער און מאָראַלישער ווי די געשפּענסטער מיינע דאָרטן — סלעדאוואַטעלעס. איך בין אַרויס פון זייער תפיסה אַ ריינער אָבער אויך אַ רייפער, ממש אַ רייפער בירגער, כאָטש עס האָט מיר אויף אייביק אַזעלכעס פאַרגעדענקט.

אינערלעך בין נאָך דער מעשה, ווי געוועזן פאַרשעמט פאַר מיינע פאַרגאַנגענע אין פּוילן פּאָליטישע יאָרן. איך בין געוועזן פאַרשעמט פאַר די ווערטער אין טאָג פון מיין באַפרייען: „געדענק, אַז שוין מאָרגן אויב ווערסט נאָר אַ פּיפּס געבן וועלן מיר דיך אַהער ברענגען” דאָס הייסט אַז, קיינמאָל ביסט פון זיי נישט פּטור, זייער אַרעסט גייט דיר נאָך ווי דער אייגענער שטן אַזוי טאַקע איז עס געוועזן דאָרטן אין גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן ביי יעדן בירגער.

דאָך דעם אַלעמען, האָב זיך געפרייט ממש נישט צום באַשרייבן. וואָס פאַראַ פרייד דאָס איז געוועזן פאַר מיר, די פרייד איז פאַר מיר געוועזן אַזוי גרויס. ווי בשעתו דעמאָלט אין קאַליש, ווען מיר האָבן זיך באַפרייט פון דער קאַלישער תפיסה אין טאָג, ווען דער דייטש איז אַהין אַריין. מיין פרייד איז געוועזן אַזוי גרויס אַז, האָט זיך געוואָלט מיר אַרומנעמען די דאָרטן פאַרפרוירענע קאַלטע ערד און זי קושן פאַר גרויס פרייד.

די 4 מאָנאַטן זיצן דאָרטן אין דער נ. ק. וו. ד.־תפיסה איז פאַרבליבן אויף מיר אַן אייביקייט. עס האָט מיך דעמאָלט אַזוי צערונירט, עס האָט מיך מאָראַליש פאַרבראָכן איך בין געוואָרן אויס מענטשלעך קיום. איך האָב דעמאָלט געהאַט פאַרלוירן אויף אייביק מיין צוטרוי צו זיי און צו אַלעמען, אפילו צו מיינע אַלע אידעאישע און פּאָליטישע אַנשויאונגען. נישט גרינג האָב איך געקענט אַריבער צו מיין טאָג־אָרדענונג און דער עיקר איך בין געוואָרן צו אַלעמען און צו יעדן פול מיט אומצוטרוי.

צוריק קומענדיק אין אינסטיטוט לערנען האָט מיר בסוד דערציילט מיין באַקאַנטע סטודענטין אַליאַ מיראָוונאַ אַז, צומאָרגנס נאָכן מיינעם אַרעסט, האָט מען גערעדט אויף דער גאַנצער שטאָט, ווו אויך אין אינסטיטוט וועגן דעם אַז, מען האָט געכאַפּט אַ גרויסע שישקע, אַ גרויסן דייטשן שפּיאָן אַדאַנק דער וואַכזאַמקייט פון דער דאָרטיקער סאָוויעטישער זיכערהייטס דינסט. איצט אָבער מיטן

מיין באַפרייען איז אַלעס שטיל. קיינער פרעגט מיך נישט וועגן גאָרנישט, קיינעם אינטערעסירט נישט גאָרנישט, קיינער אַפילו מיטן אויג קיין פּיפּס טועט נישט מיך אין מינדסטן עפּעס וואָס פרעגן, און אַפילו די חברישקייט צו מיר איז אויך ווי פריער אָן אונטערשייד. מענטשן נאָר האָבן מיך אפשר מיט מיטלייד אָנגעקוקט.

איצט האָב אָנגעהויבן באַשיידן און איינזאַם לעבן אַפילו אין די דאָרטיקע רייען האָב מורא געהאַט זיך צו שטופּן, ווייל פאַר מיר איז אַזעלכעס אויך פאַר־באָטן, ווייל טאָמער פאַרגליסט זיך עמיצן ווידער, וועגן מיר זאָגן עפּעס אַזעלכעס וואָס קאָן מיר שאָדענען.

אַזוי האָבן אָנגעהויבן לעבן איינזאַם, אַזעלכעס האָט דעריבער מאַדאָרפן מיר שאַפן און מאַכן גליק, ווייל דאָרטן אין רוסלאַנד איז יעדע אַזאַ מין זאַך, וואָס פאַרשאַפט שלווה הייסט גליק אפילו, ווען הונגערסט, דאָס אַלעס בכדי זאָלסט נישט באַדאָרפן דערקענען יענע דאָרטיקע גרוילעכע זיכערהייטס־דינסט די היטערן פון גרויסן לאַנד וואָס הייסט רוסלאַנד, ווייל אַנדערש ווי האָבן זיי מיר געזאָגט, קענען מיך שיקן צו מיינע ברידער אַהין אין די קאַלטע טייגעס אויף אַן אמתן איבער־דערציאונגס־קורס.

אין רוסלאַנד בשעת דער מלחמה

דער מלחמה־איבערפאַל אויף רוסלאַנד איז דאַכט זיך געשען אין אַ וויכאָדנע טאָג. מיר דעמאָלט סטודענטן האָבן זיך געפונען אין דער שטעטישער הערצן־ביבליאָטעק, געגרייט אונדזערע לעקציעס. פלוצלינג ערגעץ־ווו, האָט מען זיך בסוד גענומען איבערשמועסן וועגן דעם, אַז מען גרייט זיך הערן אַ וויכטיקן רע־גירונגס־נייעס בשעת דער מיטאָגס־אוידיציע אויפן דאָרטיקן ראַדיאָ. מעגלעך אַז אַ סך דאָרטן אין שטאָט איינוווינער האָבן שוין וועגן דער דערוואַרטער ידיעה געוווסט, אָבער פּרוביר אין יענע באַדינגונגען זיך אַנטוואָגען וועגן אַזעלכעס רעדן, איידער עס קומט דער רעגירונגס־קאָמוניקאַט.

די ידיעה האָט ערהאַלטן די באַוווסטע היסטאָרישע מאָלאָטאָוו־דעקלאַראַציע, וועלכע האָט געלויטעט: „היינט דעם 22־טן יוני 1941 יאָר, פרי פאַרטאָג זענען מיר פרידלעכע סאָוויעטישע בירגער אָן אַ סיבה און אָן אַ יסוד באַפאַלן געוואָרן פאַרעטעריש אַרונטעררייסנדיק דעם צווישן אונדז עקזיסטירנדיקן — נישט אָנ־גרייפס־אָפּמאַך פון די פאַשיסטישע דייטשע הארדעס. דעריבער טראָגן זיי די פאַשיסטן די פולע אחריות. זייער מלחמה קעגן אונדז איז אַ פאַרברעכערישע, דערקעגן אונדזער קעגן־קאַמף וועט זיין אַ גערעכטער, דער שונא וועט ווערן צעקלאַפּט און דער נצחון וועט זיין אונדזער!"

צוגלייך מיט דער מאָלאָטאָוו־דעקלאַראַציע איז געוואָרן אָנגענומען די בויטיקע באַשלוסן, וועלכע האָבן באַדאַרפן זיין די גרונט־פּרינציפּן פון אָפּשלאָגן דעם פאַרעטערישן פאַשיסטישן דייטשן אַגרעסאָר. דאָס לאַנד איז אַריבער אויף אַ מלחמהדיקן שטייגער־לעבן.

דאָס רוסישע פאָלק, דאָס אייביקע פאַרשמאַכטע און פאַרפייניקטע איז געוואָרן גרויס דערשטוינט. דאָך איז עס אַריין אין טראַנס פון מלחמה. שטיל־שווייגענדיק און געהאָרכזאַם, האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק געשטעלט צום קאַמף. טראָץ אַלע שלעכטע באַדינגונגען, ווייל עס האָט ליב געהאַט איר זעלבשטענ־דיקייט און נישט געקענט מסכים זיין מיט אַן אויפגעצוווּנגענעם רעזשים פון אַ פרעמדן בלוטיקן אַגרעסאָר. עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאָביליזאַציע, דאָס פאָלק אַלס גאַנצעס האָט געשטראָמט און ווי איין מענטש, זיך אָנגעבאָטן בכדי

אַפּשטויסן דעם בלוטיקן אַגרעסאָר, דעם דײַטש. דער אַגרעסאָר האָט געזיגט טויט און מאָרד, ער איז געווען אָן רחמנותדיק. דער אַגרעסאָר האָט אין זײַן בלוטיקן מלחמה־וועג, חרוב געמאַכט שטעט און דערפער און דאָס פאַרהאַרעוועט שווער פון דורות ביסל דאָרטן מיט בלוט אויסגעהאָרעוועט מענטשלעך אָרעמקייט.

אַ נישט דערוואַרטער פּאַטריאָטיזם האָט זיך אין דער צײַט דערוועקט בײַם רוסישן פאָלק. דאָס בײַ אַלע שיכטן: אַרבעטער און פּויער, בײַ אַפילו די אַלע דאָרטן נישט צופרידענע אַפילו בײַ די דאָרטן געליטענע אין די תפיסות. דאָס גאַנצע פאָלק פון אַלע עקן לאַנד זענען געגאַנגען באַשיצן דאָס לאַנד, פאַרטיידיקן זײַן פרייהייט. גרויסן העלדישן העראָאיזם האָבן באַוויזן אין דעם קאַמף בכדי זײַן זעלבסטשטענדיקייט צוריק אויסצוקעמפן.

עס איז קיין וווּנדער, אַז בשעתן פּלוצלינגן פאַשיסטישן דײַטשן אָנפאַל אויף רוסלאַנד איז דאָס רוסישע פאָלק געווען אַזוי דערשוינט און שטאַרק באַוווּנדערט. די דאָרטיקע באַפעלקערונג האָט נישט געטאָרט וויסן וועגן די קעגנזאַצן צווישן די צוויי טאָטאַלע מאַכטן, וועלכע האָבן צווישן זיך אונטערגעשריבן דעם „נישט אָנגרייפס־אָפּמאַך" און בכלל, וועגן די באַקאַנטע אין דער וועלט מיליטערישע צוגרייטונגען פון פאַשיסטישן דײַטשלאַנד, בכדי אָרויפּזואַרפן די מלחמה אויף רוסלאַנד. אפילו די באַוווינטע באַפעלקערונג נאָענט צו דער דײַטשער זאָנע, האָט קיין אָנונג געהאַט וועגן די מיליטערישע צוגרייטונגען, וועלכע וועלן סוף כל סוף ווערן אָנגעוואָרפן אויף רוסלאַנד כאָטש אַזעלכע מיליטערישע צוגרייטונגען זענען דווקא געווען דעמאָלט גוט באַאָבאַכטעט אין גאַנץ אייראָפּע. אָבער אין טאָטאַלן רוסלאַנד איז אַזעלכעס געווען פאַרבאָטן אוז פאַרהוילן פון רוסישן פאָלק.

אַפילו די פּאָליטישע קרייזן, די נישט ווייט שטייענדיקע פון דער י. סטאַלין העריאַרכיע, האָבן אויך נישט געהאַט אָדער נישט געטאָרט האָבן קיין פּאָליטישן אָנונג וועגן דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעטוען אין די דײַטשע געביטן. ווו די דײַטשן האָבן ממש באַשיינפּערלעך צוגעגרייט און געזאַמלט מיליטער צום איבערפאַל אויף רוסלאַנד. ווייל אַזעלכעס האָט געוואָלט דער אַלמעכטיקער סטאַלין, ווייל אַזעלכעס ברענגען צו דעם באַוווּסטזיין פון פאָלק, זאָלט געהייסן אַ ווידערשפּרוך צו זײַן באַוויזענער טעאָריע, וועלכער קיינער טאָר זיך נישט קעגנשטעלן.

זײַן י. סטאַלינס טעאָריע האָט דעמאָלט פאַראויסגעזען, באַגרינדעט און געלויטעט, אַז ערשט און נישט פריער ווי אין יאָר 1944, דאָס הייסט, ווען פאַרשטענדלעך דער ראַטנפאַרבאַנד וועט זײַן מיליטעריש שטאַרקער, דאָס הייסט מער צוגעגרייט. דאַן. קאָן מעגלעך זײַן, וועט אויסברעכן די מלחמה צווישן

דייטשלאַנד און רוסלאַנד. דעריבער אויב אַזוי, זענען די סטאַלינישע פּאַר־באַדינגונגען, זענען אויך מיטן זעלבן טעאָרעטישע זענען דעריבער אַ געזעץ און קיינער קאָן זיך נישט אַנטזאָגן זיי אָקעגנשטעלן.

י. סטאַלין, וועלכער צום שפּאָט פון גורל, כאָטש דער זיין באַהערשטער מעכטיקייט אַלס הערשער און דיקטאַטור פון גרויסן רוסלאַנד, האָט דווקא געוואָלט אָנערקענט ווערן אַלס איינער פון די וויסנשאַפטלעכע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער, אין וועלכן האָט אַריינגעלייגט גרויס שווונג, אָבער דווקא אַלס מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער און פאַרזעצער פון גרויסן לענינען, האָט ער דאָך אַלע זיינע אָנשטרענגונגען נישט געקומען צו דער געוווּנטשענער וועלט אָנ־ערקענונג. טראָץ דעם אַלעמען, האָט געשאַפן זיין מאַרקסיסטישע באַלויכטענע הנחה, אַז די דייטשן וועלן נישט אָנהויבן זייער קריג קעגן די רוסן איצט, דאָס הייסט ווען דער ראַטנפאַרבאַנד איז צו דעם נאָך נישט געווען פולקאָם גרייט. אַזוי, דעריבער לויט דער הנחה, ברויכן דענקען אַלע ווי ער — י. סטאַלין, און אַוודאי דאַרפן גלויבן אין זיין פּאָליטישער פעסטשטעלונג.

דעריבער אויך פון דער הנחה איז געשען, אַז ווען די קאַמפן קעגן די רוסן זענען שוין פאַרגעקומען, ווען שוין דעמאָלט האָט זיך געגאָסן אומשלדיק בלוט פון די רוסישע בירגער, האָט דער מעכטיקער י. סטאַלין נישט דערלויבט אָפּענטפערן אויף די ערשטע דייטשע איבערפאַלן, בכדי דאָס זאָל נישט געבן קיין מיליטערישע סיבות(?), וועלכע זאָלן הייסן פאַר די דייטשן אַ סיבה צו אָן אָנהויב פון דער מלחמה?!

סוף כל סוף איז עס דאָך שוין געווען באַקאַנט, אַז דאָס נאַצי־דייטשלאַנד האָבן אַזוי און נישט אַנדערש זיך געפירט ווי נאָר איבערגעפאַלן, דווקא אַזוי אומגערעכט, בכדי דעם שונא איבעראַשן און אין רעזולטאַט פון דעם פאַרשאַפן דעם קרבן שווערע פאַרלוסטן. אַזוי טאַקע האָבן עס געטוען אָנפאַלענדיק אויף פוילן, פראַנקרייך, טאַקע אַזוי איז געווען זיין גאַנצער מלחמה־וועג אין דער גאַנצער אייראָפּע און איצט אויך און אַוודאי אַזוי אָנגעפאַלן אויף ראַטנפאַרבאַנד. בפרט, ווייל אויף אַזאַ מין אופן האָט געקענט פאַרניכטן זייערע דאָרטן אין רוסלאַנד פלי־פלעצער מיט אַלע דאָרטן קאַמפס־עראָפּלאַנען ווי אויך אַנדערע מיליטערישע סטראַטעגישע אָביעקטן.

דעריבער טאַקע פרעגט זיך, ווי אַזוי איז געמאָלט, אַז דאָרטן אין רוסישן קרעמל האָבן די מושלים אַזעלכעס נישט אָפּגעשאַצט? דער ענטפער איז, ווייל ליבערשט האָבן די סאָוויעטישע מושלים געדענקט צו פירן אַ אינערלעכע מלחמה מיטן אייגענעם בירגער, געזוכט שפּיאָנען און פאַרשידענע פאָלקס־

שונאים, ווייל לויטן סטאַלינס פּאָליטישער קאָנצעפּציע, אַז אינערלעך אין לאַנד איז פֿאַראַן דער גרעסטער שונא!

די י. סטאַלין טעאָריע וועגן דעם, אַז דערווייל וועט דײַטשלאַנד נישט אָנגרייפֿן רוסלאַנד, וועלכע דאָך אין רעזולטאַט האָט געבראַכט צו גרויסע אין לאַנד פֿאַרלוסטן, האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויפֿן גאַנצן רוסישן פֿאָלק אין משך פֿון די ערשטע צוויי יאָר מלחמה, ווייל אַרויסגייענדיק פֿון דער הנחה, לעבענדיק מיט דער זיכערקייט פֿון אַ נישט פֿאַרגעזעענעם פֿאַשיסטישן אָנגריף, האָט אַזעלכעס געבראַכט צו אַ אָפּשוואַכונג פֿון די דאָרטן רוסישע אייראָפּעאישע גרענעץ געביטן. אַזעלכעס דאָס, האָט געבראַכט צום גרויסן איבעראַשונג און צו גרויס דערשטוינונג אין פֿאָלק גופא. דאָס רוסישע פֿאָלק, וועלכעס איז געווען פֿון אייביק אָן אונטער אַן אָנגעוואָרפֿענעם באַצווינגערישן רעגירונגס־גלויבן האָט פֿאַרשטענדלעך נישט געטאָרט אַנדערש, ווי נאָר אַזוי דענקען, דעריבער איז געווען אין די טעג אַזוי שטאַרק אין זײַן רעגירונג אַנטוישט.

די מאָלאָטאָוו־דעקלאַראַציע האָט צו יענער צײַט אויסגעדריקט מער פֿאַר־דרוס פֿון דעם אַרונטעררײַסן דעם „נישט אָנגרייפֿס־אָפּמאַך" צווישן דײַטשלאַנד און רוסלאַנד, ווי פֿון דער מלחמה זעלבסט, ווייל אין דעם האָט געשטעקט טאַקע דאָס נישט פֿאַרזעען פֿון קלוגן י. סטאַלין די אָנקומענדיקע געשעענישן, וועלכער ווי מיר האָבן געזען, האָט אַנדערשט אָפּגעשאַצט די פּאָליטישע לאַגע ווי אין דער אמתן איז געוואָרן, דאָס הייסט די לעבענס ווירקלעכקייט האָט דאָך באַוויזן זײַן באַגאַנגענעם לעבענס־טעות, דעריבער, ווען אפֿילו זײַן גאַנצע סטאַלינס לעבענס געשיכטע איז דווקא געווען נאָר באַגרינדעט אין נישט צוטרוי צו קיינעם, איז אָבער אין דער באַציאונג צו דײַטשלאַנד, האָט יאָ געהאַט פּאָליטישן צוטרוי און דעריבער איז אַזוי שטאַרק אין דער פּאָליטישער מאָלאָטאָוו דעק־לאַראַציע פֿאַרדרוס צוליבן אַרונטעררײַסן דעם נישט אָנגרייפֿס־אָפּמאַך.

אַז דער פּאָליטישער צוטרוי צו דעם אײַנגעשאַפֿענעם זיך פֿרײַנט דעם פֿאַשיסטישן דײַטשלאַנד אין דער פֿעריקדישע צײַט איז געווען שטאַרק גרויס, באַווײַזט אויף דער פֿאַקט, אַז ווען דעמאָלט אין די ערשטע שעהן פֿון קאַמף פֿון דעם דײַטשן לופֿט אָנגריף, ווען עס זענען שוין געווען באָמבאַרדירט מאַסן שטעט און דערפֿער, ווען עס איז שוין געווען טויזענטער פֿאַרניכטעטע עראָפּלאַנען און טאַנקען אויף די רוסישע באַזעס, ווען עס זענען שוין געווען טויזענטער מענטשלעכע קרבנות, דעמאָלט נאָך, האָט דער רוסישער מושל געהאַט זײַן פּאָליטישן צוטרוי צום געוועזענעם פֿרײַנט היטלערן. (דאָך, איז ער נישט געווען אַנדערש ווי אַן אייביקער שונא פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד), ווען דעמאָלט

האָט סטאַלין באַפוילן זיך אָנפרעגן וועגן דעם וואָס באַדייטן אַזעלכע אָנגרייפס מעשים אויף רוסישע שטעט אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע ? !

דאָס רוסישע פאָלק, כאָטש עס איז געווען גרויס אַנטוישט און פאַר־צווייפלט האָט זיך דאָך אָפּגערופן אויפן רעגירונגס באַפעל און זיך געשטעלט ווי איין מענטש פאַרטיידיקן זיין רעכט אַלס זעלבסשטענדיק פאָלק בכדי קעמפן קעגן גרעסערן אָנגעקומענעם און אָנגעוואָרפענעם בייז. דעריבער, דאָך אַלע געליטענע עוולות האָבן פאַרטיידיקט זייער רעכט אַלס זעלבסטשטענדיק פאָלק.

דער־ווייל זענען די ידיעות פון פראָנט געווען שרעקלעכע ממש אויפ־טרייסעלנדיקע, ידיעות וועגן כסדרדיקן צוריקטרעטן און גרויסע פאַרלוסטן פון דער רויטער אַרמיי, אַזעלכעס איז ממש נישט געוואָרן גלויבלעך ביים רוסישן פאָלק, ווייל דאָך ווער בעסער פונעם רוסישן פאָלק האָט געוווסט פון דעם גרויסן פאָלקס אָנשטרענג פון אַלע צייטן, וועלכעס דאָס פאָלק האָט דאָרטן געלייסטעט ? דעריבער טאַקע האָט דאָס רוסישע פאָלק געווען שטאַרק אַנטוישט דאָך האָט די האָפענונג אין זיג נישט פאַרלוירן.

דאָס רוסישע פאָלק נישט דערעסן און נישט דערקליידעט און שטאַרק פאַרמאַטערט און דאָך אַלע פאַרלוסטן האָבן נישט אויפגעגעבן דעם זייערן קעגן פאַשיסטישן דייטשלאַנד קאַמף, עס זענען געווען און געקומען שווערע טעג עס זענען געווען גרויסע קרבנות, כאָטש עס איז שוין געווען פאַרלוירן גרויסע לאַנד שטחים, ווי די באַלטישע לענדער, ווי אויך איז געווען פאַרכאַפּט פון דעם אַגרעסאָר די אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, אויך זענען געשטאַנען פאַר אַ סכנהביידע רוסישע הויפט שטעט ווי לענינגראַד און מאָסקווע. דאָך אין די שווערע טעג און פאַר רוסלאַנד שווערע צייטן האָבן נישט אויפגעגעבן דעם קאַמף און האָבן בלוטיק פאַר עצם קיום פון פאָלק און לאַנד געקעמפט.

עס איז געווען נויטיק אין דעם קאַמף צו פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ גרויסן געווער סקלאַד און אַזוי איז געוואָרן געטוען. עס איז געווען נויטיק איבערקוואַליפיצירן מיליאָנען מענטשן אויף פּראָדוצירן געווער און דאָס איז אויך געוואָרן געטוען. עס איז געווען נויטיק צו עוואַקואירן די גאַנצע אינ־דוסטריע פון די פאַרכאַפּטע געביטן און אויך אַזעלכעס איז געוואָרן געטוען. עס איז געווען נויטיק זיך אָפּפערן בכדי צו באַזיגן דעם בלוטיקן שונא און און דאָס פאָלק האָט שווייגענדיק זיך אָנגעבאָטן אַלס קרבן. אַלעס דאָס איז געטוען געוואָרן כדי אויסקעמפן דעם נצחון איבערן פאַרפלוכטן און פאַרשמאַכטן אַגרעסאָר דעם היטלערישן נאַצי־פעסט.

אַנאַליזירנדיק דעם טאַט פון דעם נישט אָנגרייפס־אָפּמאַך, קאָן מען מיט דער פולער זיכערקייט זאָגן, אַז עס איז ווי מען קאָן זאָגן אַ שפּאַס פון גורל

די גאַנצע אָפּגעטוענע מעשה מיטן נישט אַנגרייפס־אָפּמאַך, צווישן די זיך אָקעגנשטייענדיקע טאָטאַלע לענדער — דייטשלאַנד און רוסלאַנד.

י. סטאַלין, דער מעכטיקער אין רוסלאַנד דיקטאַטור, האָט אין זיינע טעאָרעטישע מסקנות אָנערקענט אַ מעגלעכקייט זיך צוזאַמענרעדן מיטן פאַשיסטישן דייטשלאַנד, וועלכעס איז פאַרשטענדלעך, געווען גרויס איבעראַשנדיק פאַר יענער פּראָגרעסיוער וועלט צו יענער צייט. יעדער, דעמאָלט פּראָסטער בשר־ודם האָט געוווסט, אַז אַזאַ פּאָליטישער בונד האָט אין זיך נישט אַנדערש ווי נאָר פּאָליטישן פיאַסקאָ, ווייל יעדער פון די צדדים האָט געהאַט זיינע באַהאַלטענע כוונות, פאַרשטענדלעך אַז דאָס פאָלק אין רוסלאַנד, ווי אויך גרויסע אין דער וועלט אַרבעטער קרייזן זענען געווען קעגן אַזאַ מין אָפּמאַך. אָבער האָבן נישט געקענט אָקעגן ווירקן אַזאַ מין פּאָליטישן שריט. אַזוי איז דעם רוסישן פאָלק, בפרט דעמאָלט די אַרבעטער קרייזן אין אייראָפּע נישט אַנדערש פאַרבליבן ווי שווייגן און וואַרטן אויף דער נאָענסטער צוקונפט.

אגב איז אונטערשטרייכן, אַז פונעם ריינעם מאַרקסיסטישן קריטישן פאַרשטאַנד איז אין די באַדינגונגען פון יענער צייטיקער אייראָפּע, ווען דער אָפּמאַך איז צושטאַנד געקומען האָט ער נאָר געקענט ברענגען צו פּאָליטישע נעגאַטיווע רעזולטאַטן ווי טאַקע אין דער ווירקלעכקייט האָט געברענגט. ווייל אויב עס איז געווען באַוווסט, אַז היטלער דענקט נישט אַנדערש ווי נאָר צו באַהערשן די גאַנצע וועלט אַריינגערעכנט רוסלאַנד, אַזוי טאַקע האָבן אויך די רוסן געדענקט. האָבן דעריבער באַדאַרפן פון דעם דרינגען אַ ווייטערן אָנשטרענג צום פאַרזעצן צעמענטירן דעם דעמאָלטדיקן קאָלעקטיוון מלוכה־פּאַקט קעגן דעם פאַרויסגאַנג פון פאַשיזם אין דער דעמאָלטדיקער אייראָפּע. אָבער טאַקע אין דעם ליגט דער זעלבער פעלער אין דער דעמאָלטדיקער רוסישער אויסערן פּאָליטיק צוגלייך מיטן זעלבן אָפּגעטוענעם פעלער, פּאָליטישן פעלער, אין דעם מערב וועלט. ווען די מערב וועלט איז נישט איינגעגאַנגען צום נויטיקן באַוווסטזיין פון שאַפן אַזאַ פּאָליטישע קעגן באַריערע, וועלכעס האָט מיט זיך געקענט ברענגען דער קאָלעקטיווער בלאָק פון אייראָפּעאישע מלוכות קעגן דעם היטלער דייטשלאַנד.

צוגלייך מיטן אונטערשרייבן דעם נישט אַנגרייפס־אָפּמאַך צווישן די צוויי טאָטאַלע לענדער איז טאַקע געעפנט געוואָרן דער וועג פאַרן פאַשיזם צו באַהערשן די וועלט. גלייכצייטיק אויך איז אַראָפּ אין אָפּגרונט פון געשיכטע דער גרויסער אַרבעטער אָנשטרענג פון זיך שאַפנדיקן אַרבעטער־איינהייט, ווי אַוודאי זענען אַראָפּ אין אָפּגרונט די אַלע אין יענער וועלט אַרבעטער נצחונות. עס איז אויך אַראָפּ אין אָפּגרונט אַ גאַנצע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־

תקופה און אַזעלכעס האָט געטוען דער גרויסער מאַרקסיסט י. סטאַלין.

דעמאָלט אין יענער תקופה פון נאָך מינכען, ווען עס איז פאַר דער גאַנצער וועלט געווען באַוווסט, אַז איצט אין דער רייע פון דער דייטשער עקספּאַנסיע שטייט פּוילן. דעמאָלט טאַקע איז אין רוסלאַנד מער נישט פאַרבליבן קיין פּאָליטישן אויסדויער. פרעגט זיך דעריבער, ווען טאַקע דעמאָלט האָבן שוין די ענגלענדער זיך אַביסל פון פאַרכישופטן היטלער קרייז אויסגעניכטערט, ווייל שוין צו יענער צייט האָבן געשיקט שליחים כדי מיט די רוסן אונטער־האַנדלען. אמת דער וועג איז געווען אַ שווערער בכדי צו דערגרייכן מיט די דעמאָלטדיקע מערב לענדער אַן איינהייטלעכע פּאָליטישע שטעלונג, דאָך מיטן גוטן ווילן וואָלט דאָך געקענט קומען צו אַ פּאָליטישער פאַרשטענדיקונג צווישן די מערב לענדער און רוסלאַנד און עס וואָלט אפשר נישט געקומען צו דער מלחמה. עס וואָלט זיכער נישט געקומען צו די מיליאָנען מענטשלעכע קרבנות, וועלכע די אָנגעוואָרפענע מלחמה האָט פאַרשאַפט, אַריינגערעכנט אין דעם רוסלאַנד. אָבער צו אַזעלכעס איז נישט געקומען, ווייל דער מעכטיקער רוסישער דיקטאַטור, ביי וועלכן איז איצט געווען דער גורל פון וועלט־שלום, האָט געוואָלט אָפּטוען דער מערב־וועלט מיטן אונטערשרייבן אַזאַ נישט אַנגריפס־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, דאָס צוליב זיך נישט עצן מיט איר — רוסלאַנד בשעת דער מינ־כענער קאָנפערענץ. דעמאָלט טאַקע אין רעזולטאַט פון דעם איז געחתמעט געוואָרן דער גורל פון דעם וועלט־שלום.

פרעגט זיך, צי האָט דער מעכטיקער י. סטאַלין נישט געקענט די אַלע באַדינגונגען פון קלאַסן קאַמף אין יענער אייראָפּע, בשעת וועלכער ער האָט זעלבס געלערנט דער אַרבעטער־וועלט, ווי אויך זיין באַהערשט רוסיש פאָלק אין רוסלאַנד וועגן די טאַקע קלאַסן־קעגנזאַצן. בפרט אַזעלכע הערשענדיקע צווישן די צוויי טאָטאַלע רעזשימען? פאַרוואָס דווקא איז אַזעלכעס געווען קלאָר פאַר אים — סטאַלינען — בשעתן פאַרגעלייגטן פון זיין אויסערן מיניסטער ליטווינאָוון — קאָלעקטיוון פעלקער בלאָק קעגן דעם פאַראויסגאַנג פון פאַשיזם? ווי אַזוי דעריבער פרעגט זיך האָט י. סטאַלין געקענט פאַרענטפערן מיטן נאַרישן אויסרייד פון קלאַפּן אין דער רוסישער טיר מצד דייטשלאַנד, האָבן דאָך אויך שוין צו יענער צייט די ענגלענדער געקלאַפּט אין דער רוסישער טיר?!

פאַרשטענדלעך וואָס שייך דער „פערעדישקע״ וואָלטן די רוסן אויך געקענט האָבן אַזעלכעס אין זייערן זיך באַזאָרגענען, דעמאָלט, ווען וואָלטן, אַזאַ אָפּמאַך געווען געחתמעט מיט די מערב־וועלט. דעריבער איז געדרונגען, אַז דער רוסישער טאַט וועגן דעם אונטערשרייבן דעם נישט אַנגרייפס־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד איז נישט געווען אַזוי שטאַרק פאַרשטענדלעך און באַגלויבלעך.

און אויך טאַקע דאָך, דעם אָפּגעטוענעם פעלער, האָט דער רוסישער דיקטאַטור נאָך פאַרלאַנגט דעם באַשטעטיקונגס־אַמן פון דער דעמאָלטדיקער אַרבעטער וועלט. דעריבער פרעגט זיך וואָס זשע איז געווען דער פאַקטישער געדאַנק פונעם רוסישן דיקטאַטור, וועלכער האָט נאָך געוואָלט דווקא ווערן אָנערקענט אַלס מאַרקסיסטישער סאָציאַליסטישער באַגרינדער אין דער גרויסער פלעיאַדע פון די פאַרלעגער פון סאָציאַליסטישן שאַפן און וויסן איז נישט אַנדערש ווי נאָר אויך צו געניסן אין דער פאַרכאַפּערישער וועלט אַנעקסיע זיין חלק!

אַזעלכעס טאַקע איז שפּעטער געוואָרן באַקאַנט דער וועלט, אַזעלכעס איז געוואָרן באַקאַנט דעם רוסישן פאָלק דעריבער איז זיין פאַרענטפערונג, וועגן דעם קלאַפּן אין טיר, ווי אויך וועגן דער פערעדישקע נישט געהאַט אין יענער צייט בשעת דער מלחמה זיין פאַרשטענדיקונג. ווייל אפילו די באַהערשטע שטחים, וועלכע זענען אין דער רוסישער שליטה אַריין צייטווייליק האָט נישט געקענט געבן פאַרן רוסישן פאָלק די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קאָמפּענסאַציע פאַר די פאַרלוסטן, וועלכע די רוסן האָבן געהאַט בלויז נאָר אין די ערשטע טעג פון דער אָנגעוואָרפענער אויף רוסלאַנד מלחמה.

וואָס שייך דעם צווייטן סטאַלינס פעלער, אַז ערשט אין יאָר 1944 איז לויט זיינע פעסטשטעלונגען יועלן די דייטשן זיין מסוגל אָנפאַלן אויף רוסלאַנד. אַזעלכעס איז געווען דער רעזולטאַט פון זיינע מאַרקסיסטישע פּאָליטישע מסקנות, וועגן וועלכע מיר האָבן פריער גערעדט. דעריבער, דאָס אַלעס פּלוס די וואָרענונגען, וועלכע זענען געקומען פון אויסלאַנד זעלבס צו סטאַלינען, וועגן דעם אַז היטלער גרייט אַן אָנפאַל אויף רוסלאַנד, און טראָץ די אַלע באַוואָרע־נישן האָט י. סטאַלין נישט אָנגענומען קיין אַנטשפּרעכענדיקע שריט בכדי אָקעגן קומען דעם פאַרגעזעענעם אָנפאַל אויף רוסלאַנד, דעריבער איז עס אפילו לויט די באַגריפן פון רוסישן געזעץ, הייסט סאַבאָטאַזש און פאַראַט!

חוץ דעם, איז די זיכערהייט פון די רוסישע מערב־גרענעצן, ווי אַזעלכעס איז היינט באַוווסט, אַז עס איז נישט געווען לויטן באַוווסטן מיליטערישן סטאַטוס. אַזעלכעס האָט דאַרטן דאָס רוסישע פאָלק געוווסט, אַז די רוסישן מערב גרענעצן זענען נישט ווי געהעריק געווען פאַרזיכערט און באַהיטן. דאָס אַלעס איז געטוען געוואָרן מיט אַ פאַרענטפערונג כדי נישט אַרויסרופן דעם כעס פון דייטשלאַנד כדי נישט פּראָוואָצירן דעם דייטש. דעריבער הייסט אַזעלכעס נישט אַנדערש נאָר סאַבאָטאַזש. בפרט ווען סטאַלין זעלבט פאַרלאַנגט פון פאָלק זיין וואַכזאַם, דעריבער איז סטאַלינס פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין די מעשים געווען נאָך גרעסער.

אין שייכות דערמיט איז כדאַי דערמאָנען אַ קוריאָז, וועלכן דערציילט

מאַרשאַל זשוקאָוו אין זיינע מלחמה זכרונות צו די געשעענישן אין יענער צייט. דעמאָלט פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה אויף אַ מיטאָגס־עסן אַרויסגעגעבן ביי סטאַלינען, ווו אויך, אַחוץ דער רוסישער רעגירונג זענען געווען פאַרבעטן אַ סך מיטגלידער פון קאָמוניסטישן פּאָליט־ביוראָ האָט ער, גענעראַל זשוקאָוו, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער שעף פון גענעראַל־שטאַב פון דער רויטער אַרמיי דערלאַנגט אַ באַריכט וועגן דעם מצב פון די רוסישע מערב־גרענעצן אין אַנבליק פון זיך פאַרשטאַרקן דעם מיליטערישן דייטשן כוח אין די לענדער נאָענט צו די רוסישע גרענעצן, פּוילן און אויך אין מזרח פּרייסן און נישט ווייט פון די רוסישע באַלטישע לענדער. דעריבער וויזט אָן אין זיין באַריכט די נויטווענדיקייט פון אַ זאָפּאָרטיקן פאַרשטאַרקן די מערב־רוסישע גרענעצן.

בשעת דעם באַריכט דערציילט זשוקאָוו האָט אים אין מיטן באַריכט איבער־געהאַקט דער אויסערן־מיניסטער מאָלאָטאָוו, וועלכער האָט זשוקאָוון געפרעגט: „ציי איר, חבר גענעראַל זשוקאָוו האַלט פון אַ מעגלעכקייט פון אויסברעכן אַ מלחמה צווישן אונדז און דייטשלאַנד״? אויף דער פראַגע פון חבר מאָלאָטאָוו האָט ,ווי דערציילט זשוקאָוו האָט נישט געקענט ענטפערן, ווייל פונקט צו דער צייט האָט סטאַלין פאַרבעטן די געסט צום טיש מיטאָגן, זאָגנדיק דערביי, אַז „די אַלע זאַכן זענען דערווייל נישט קיין רעאַלע. דערווייל דאַרף מען נישט פאַנטאַזירן. ווייל אויפן טאָג־אָרדענונג שטייען פיל וויכטיקערע פּראָבלעמען צו באַהאַנדלען״. אַזוי איז פאַרשטענדלעך דער ענין אַראָפּ פון פּרק.

אין רעזולטאַט פון דעמאָלטדיקן באַריכט דערציילט אין זיינע זכרונות מאַרשאַל זשוקאָוו אין שייכות צו די דעמאָלטדיקע רוסישע מערב־גרענעצן, אַז אַנשטאָט גאָר צו פאַרשטאַרקן די מערב־גרענעצן זענען פאַרקערט געווען מיליטעריש מער אָפּגעשוואַכט, ווייל אַ סך מיליטערישע איינהייטן זענען געוואָרן צוריקגעצויגן טיף אין לאַנד אַריין. אַזוי האָט זיך געענדיקט די דעמאָלטדיקע זיצונג מיטן פּאָליט־ביוראָ ביי סטאַלינען אין קרעמל.

אַלעס אַזעלכעס, איז געווען נאָענט צום היסטאָרישן יוני טאָג פון יאָר 1941 אַזוי איז געדרונגען, אַז אַלעס דאָס, ווי אויך די פּערזענלעכע וועגדונגען פון אַ סך אייראָפּעאישע פּאָליטיקער, ווי אויך געוויסע מיליטער אָנפירער און אין דעם כלל גענומען אויך מענטשן פון רוסישן שפּיאָנאַזשדינסט, וועלכע אַלע צוזאַמען האָבן זיך געוואָנדן צו סטאַלינען אין דעם ענין. און טראָץ דעם אַלעמען, האָט נישט פאַראָרדנט צו שאַפן קיין מאַסמיטלען אַקעגנצווירקן דער אָנפאַלנ־דיקער אויף רוסלאַנד מלחמה, דעריבער איז זיין אחריות נאָך גרעסער. אַלעס דאָס איז געווען אין רעזולטאַט פון זיינע פעלערישע מסקנות: „אַז ערשט נאָר ווי

אין יאָר 1944 ווען די דייטשן זיין מסוגל אָנגרייפן רוסלאַנד". דעריבער זיין זיכערקייט, דעריבער אויך, שטוינט שוין נישט די פאַראָרדענונג צו מאַ־לאַטאָוון אין טאָג פון דייטשן לופט־אָנגריף פון יענעם איבערפאַל אויף רוס־לאַנד, אַז מאָלאָטאָוו זאָל זיך אינפאָרמירן אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע, וואָס אַזעלכעס הייסט דאָס דייטשע באַמבאַרדירן רוסישע שטעט.

אינאיינעם מיט דעם, איז, כדאי צו ברענגען די שטעלונג פון דער דעמאָלט־דיקער ניי־געשאַפענער רעגירונג אין ענגלאַנד בראש מיט טשערטשילן. צום זכות פון לעצטן, איז צו זאָגן מיט דער פולער זיכערקייט, אַז טשערטשיל איז געווען דער ניכטערסטער פּאָליטיקער צו יענער צייט אין אייראָפּע, ווען פאַרשטעגדלעך טשערטשיל זאָל געווען זיין אין שפּיץ פון יענע צייטן בשעת מינכען, וואָלט קיין מינכען נישט געווען, בפרט בשעת, די ברויזנדיקע אויגוסט טעג אין יאָר 1939 בשעת די טרויעריקע אונטערהאַנדלונגען אין מאָסקווע, ווען די איינציקע סיבה איז געווען פּוילן, ווען זי האָט אָנאויפהער געטענהט אַז. ווען נישט דערלאָזן דאָס אַדורכגיין פון דער רויטער אַרמיי דורך איר טעריטאָריע, וואָלט די וועלט ביים היינטיקן טאָג געהאַט אַן אַנדערן פּאָליטישן אויסזען און עיקר עס וואָלט נישט געווען געקומען צו דער פאַרניכטונגס־מלחמה.

טשערטשיל איז געווען דער איינציקער שטאַטס־מאַן אין אייראָפּע, וועלכער האָט רעאַל אָפּגעשאַצט די פּאָליטישע לאַגע צו יענער צייט, ער האָט פּאָליטיש ריכטיק פאַרשטאַנען יעדן פּאָליטישן שריט פון היטלערן. טשערטשיל איז געווען דער איינציקער פּאָליטיקער, וועלכער האָט זיך נישט געלאָזט פאַנגען פונעם היטלער צויבער, דער איינציקער וואָס האָט גענוי אָפּגעשאַצט די מינכענער קאָנפערענץ, וועלכע האָט באַדאַרפן ברענגען צום נישט באַרעכנטיקן סטאַלין שריט.

טשערטשיל איז אויך געווען דער, וועלכער האָט פאַקטיש און רעאַל אָפּגע־שאַצט דעם רוסישן מיליטערישן כוח אין יענע טעג, ווען די דעמאָלטדיקע וועלט פּאָליטיקער האָבן מיט ביטול גערעדט, וועגן דער רוסישער מיליטערישער קראַפט, איז טשערטשיל געווען דער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט און ווערט פון רוסישן מיליטער. טשערשטיל האָט געגלויבט אין רוסישן מיליטער־פּאָטענ־ציאַל און האָט געטענהט אַז נאָר מיט דער הילף פון רוסישן מיליטערישן כוח וועט זיין נאָר אומשטאַנד צו באַקעמפן דעם — היטלעריזם, ווי טאַקע אַזוי אין דער ווירקלעכקייט איז עס געווען.

טשערטשיל צוגלייך טאַקע מיטן אָננעמען די אַמט פון פרעמיער־מיניסטער אין ענגלאַנד. האָט ער זיך באַמיט צו קומען מיט די רוסן צו אַ פאַרשטענדעניש, וועגן שאַפן אַ באַלקאַנישן פראָנט פון מלוכות, ווו זאָלן אַריין אַזעלכע מלוכות: ענגלאַנד, רוסלאַנד און אויך בולגאַריע, יוגאָסלאַוויע און אויך טערקיי. אָבער די

רוסן צו יענער צייט זענען שוין געווען אינגאַנצן פאַרבינדן מיט דייטשלאַנד, אין וועלכן רעזולטאַט האָט אַפילו די ענגלישע קאָמוניסטישע פאַרטיי באַקעמפט אין יענער צייט דעם ענגלישן קאַמף קעגן דייטשלאַנד?!

דאָך, פאַרן אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויף רוסלאַנד האָט טשערטשיל נישט איינמאָל געוואָרענט רוסלאַנד פון אַן דייטשן מיליטערישן איבערפאַל אויף איר, אַזוי אויך אין קאָנסעקווענץ פון זיין רעאַל־פאָליטיק בשעתן אָנפאַל פון היטלער דייטשלאַנד אויף רוסלאַנד, האָט טשערטשיל אין זיין פּראַגמאַטישער רעדע צום פאָלק געזאָגט: כאָטש ער איז פון שטענדיק געווען אַ קעגנער פון קאָמוניזם דאָך דענקט ער, אַז, די איצטיקע מלחמה איז נישט קיין קלאַסן־מלחמה נאָר אַ מלחמה פאַרן גאַנצן בריטישן פאָלק, דעם באַזווינטן אויף דער גאַנצער גרויסער בריטישער אימפּעריע, דעריבער דאַרפן אַלע איינוווינער אין דער גרויסער אימ־פּעריע, אָנטייל נעמען אין קאַמף בכדי צו באַקעמפן דעם גרויסן מענטשן שונא, וועלכער איז דער — נאַציזם. דעריבער איז געדרינגען אַז, דער אָנפאַל אויף רוסלאַנד איז נישט אַנדערש ווי אויך די זעלבע זאַך אַן אָנפאַל אויף ענגלאַנד. זאָל דעריבער היטלער נישט מיינען אַז, איינציקערווייז, וועט ער פאַרניכטן יעדן באַזונדער און נאָכהער יעדעס פאָלק פאַרשמאַכן, ווי ער האָט אַזעלכעס געטוען ביז איצט. ניין! מיר דעריבער וועלן געבן די נויטיקע הילף רוסלאַנד ווי אויך אַזאַ נויטיקע הילף די רוסן וועלן געבן די פאַראייניקטע־שטאַטן און אַלע צוזאַמען. וועלן באַקעמפן דעם — היטלעריזם!״

אַלזאָ, ביים גרויסן קאָמוניסטישן קעגנער טשערטשילן, איז נישט געשטאַנען די פראַגע פון „אָפּטוען״ אָדער „באַשטראָפן״. ביי טשערטשילן איז די פראַגע געשטאַנען, ווי עס ברויכט שטיין ביי אַ גיכטערן וועלט־פּאָליטיקער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען די אַלע דעמאָלטדיקע אומשטענדן און די וועלט באַדינגונגען און געזוכט די וועגן ווי אַזוי פאַרט באַקעמפן דעם — פאַשיזם.

דאָך דערמאָנט טשערטשיל האָבן די רוסן נאָך זיין פּראַגמאַטישער רעדע גאָרנישט געענטפערט אַזוי לאַנג ביז ער זעלבס האָט זיך געוואַנדן צו די רוסן וועגן געבן זיי די נויטווענדיקע מיליטערישע הילף. אַזוי טאַקע שפּעטער, נאָך גרויסע רוסישע מיליטערישע פאַרלוסטן אין די קאַמפן קעגן די נאַציסטן האָט ערשט רוסלאַנד מסכים געווען צו אַזאַ אָנגעבאָטענע הילף מצד ענגלאַנד אין דעם גרויסן בלוטיקן וועלט קאַמף.

☆

נאָכן באַפרייען מיך פון דער שטעטישער ג. ק. וו. ד.־תפיסה, האָט מען מיר צוריק דערלויבט פאָרזעצן די לימודים אין אינסטיטוט, גלייכצייטיק, וועיל די

סטיפּענדיום איז געווען קליין האָב געמוזט אויך אַרבעטן, דעריבער האָט מען מיך אַריינגענומען אַרבעטן אין דער דאָרטן שטעטישער קאָמונאַלער וווינונגס־נעץ, וועלכער טאַקע אַרבעט האָט מיר פאַרמעגלעכט — לערנען און סיי אַרבעטן. אַזוי אַרום אַדאַנק מיין אַרבעט האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו דערקענען די לעבענס באַדינגונגען אין פּריוואַטן רוסישן קיראָווער שטעטישן לעבן. אין דעם ראַיאָן וווּ האָב געאַרבעט האָבן געלעבט פאַרשידענע מענטשן־שיכטן, אַרבעטער און סתם פּקידים און אַפילו מענטשן מיט פרייע פּראָפעסיעס.

געלעבט האָבן די דאָרטיקע איינוווינער אין אַ שטאַרקער ענגשאַפט. אַ דורכ־שניטלעכע משפחה האָט נישט געהאַט מער ווי צוויי צימערן, אויב צום מזל פון אַזאַ משפחה איז געווען אינדערמיטן פון די צוויי צימערן אַ האַלקער איז עס געווען אַוודאי אַ גרויסע זאַך פאַר דער משפחה. די וווינונגען זענען געווען אַלטע, פּשוט מעבלירט. דאָס איינציקע מעבל פון אַזאַ משפחה איז באַשטאַנען פון אַ קליידער־שאַנק, אַ טיש מיט שטולן, אויך ערגעץ־ווו, ביי זעמען אַ מלבושים קאַפּפער. אויף אַלע דאָרטן הייזער איז געלעגן אויף די דעכער אַ גרויסער ביז אַ מעטער אין דער הויך פאַרפרוירענער שניי. אַזעלכעס האָט אַריינגעבראַכט אין די שטובער נאַסקייט און אַ מין פאַרשימלטען זויערן ריח. אַלע דאָרטן אין שטאָט הייזער און אויך די וווינונגען האָבן באַדאַרפן אַ קאַפּיטאַלן רעמאָנט, וועגן דעם האָט מען טאַקע געהאַלטן אין נאָר רעדן, אַזוי ביזן אויסברוך פון דער מלחמה.

אין אַזאַ מין קיראָווער הייזקע האָבן באַוווינט אויף יעדן שטאָק עטלעכע משפּחות און פאַר אַלע משפּחות, איז געווען אַ בשותּפותדיקע קוך. צוליב דעם טאַקע זענען פאָרגעקומען בלויז נאָר טאָג־טעגלעכע קריגערייען, ווייל אין דער פרי בשעתן גיין צו דער אַרבעט, האָבן אַלע דאָרטן איינוווינער געוואָלט באַנוצן די קוך. אין אַזאַ מין קיראָוו־הויז זענען די שרותים געווען נאָר אין הויף. די וואַסער ליטונג אויב זי איז נאָר געווען, האָט זי נאָר געדינט אין די זומער מאָנאַטן, ווייל ווינטער איז געווען פאַרפרוירן, דאָך דעם אַלעמען זענען די דאָרטן איינוווינער אין קאַמף פאַר זייערע דירות האָבן געקעמפט אַפילו מיט דער דאָר־טיקער מיליץ און נישט געווען נאַכגיביק. אַזוי למשל בשעת דער מלחמה־עוואַקו־אַציע, ווען טויזענטער מענטשן מיט די פאַבריקן זענען געוואָרן אַהער קיין קיראָוו עוואַקואירט האָבן די דאָרטיקע איינוווינער ממש געקעמפט און נישט געוואָלט אָוועקגעבן די איבריקע אין זייערן רשות צימערן פאַר די אָנגעקומענע עוואַקו־אירטע אַהער מענטשן נאָר ערשט, ווען האָבן באַקומען אַ פאַרזיכערונג אַז, די צימערן וועלן שפּעטער צוריק באַקומען האָבן בלית ברירה מותר געווען.

מיר. אין די סטודענטישע וווינונגען האָבן אויך נישט געהאַט קיין בעסערע וווינונגס־באַדינגונגען. צו די שרותים איז מען ממש געשטאַנען אין דער רייע.

די היגיענישע באַדינגונגען זענען ממש געווען עקלדיק און עיפּושדיק ביז צו חלשות. דאָס וואַש־צימער איז באַשטאַנען פון אַ קאָרידאָר מיט עטלעכע אויפגע־האַנגענע וואַסער־פּושקעס מיט אַזעלכע צינגעלעך, וועלכע מען האָט באַדאַרפן אַריינשטופּן ביים וואַשן זיך. אַזאַ מין זיך וואַשן האָט באַדאַרפן הייסן פון אַ באַד ביז אַ באַד. אָבער אַפילו אַזאַ מין פאַרע־באַד, איז געווען גענוג שווער יעדן טאָג צו באַקומען, ווייל בסך הכל איז אין שטאָט געווען נאָר בלויז דריי פאַרע־בעדער און דער טור אַהין איז געווען געוואַלדיק גרויס.

אַ סך פון די קיראָווער איינוווינער זענען געווען פון אַהער פאַרשיקטע בירגער, אַזאַ מין תורה האָבן די סאָוויעטן זיך אויסגעלערנט פון זייערע צאַרן און אין איצטיקן רעזשים געווע אויסגענוצט מיט גרויס הצלחה. דער לעבענס־מיטל פאַר דער שטאָט איז געווען פאַר דער גאַנצער מיין לעבענסצייט זייער שווער, אַלץ איז נאָר געווען אין רייען, דאָס איז געווען אַ טייל פון דאָרטיקן שטעטישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן. די מאַגאַזינען זענען געווען ממש לער פון פּראָדוקטן, דעריבער פאַרשטענדלעך איז אין מאָמענט, ווען מען האָט דאָרטן אין זיי פאַרטיילט עפּעס פון פּראָדוקטן איז שוין באַצייטענס געוואָרן אַ גרויסע רייע. אַזעלכע רייען האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך פאַרטאָגס, פינסטערלעך, און צוליב דעם האָט מען זיך די דאָרטן אין רייען שטייענדיקע פאַרשריבן דעם נומער אויף דער האַנט בכדי צו וויסן געטנוי זיין אָרט אין דער רייע.

אין דער צייט פון דער מלחמה איז אַחוץ ברויט גאָר כמעט נישט אין די געשעפטן געווען געטיילט, זעלטן ווען עס האָט מען געטיילט פיש אָדער אַן אַנדער מין עס־פּראָדוקט. אַמאָל אויך האָט מען געטיילט ביר.

אָבער אויף וויפל די רייען נאָך ברויט זענען געווען גרויס ,זענען די דאָר־טיקע רייען נאָך ביר, געטיילט פון פעסער געווען נאָך גרעסער. נאָכן געטיילטן ביר איז קיינמאָל די רייע געוואָרן קלענער, ווייל ווען דער שטייענדיקער איז אַדורך די רייע און מיט הצלחה באַקומען זיין פאַרציע ביר, ווי אויך אַן רעזערוון באַנקעלע מיט ביר איז אַזעלכער תיכף נאָכן אַרויסגיין צוריק אין גאַס ווידער זיך געשטעלט אין רייע. אַזוי ביזן שיכור ווערן, אַזוי אַן אַ סוף ביז ענדלעך דאָס ביר פון די פעסער איז נישט פאַרקויפט געוואָרן דעמאָלט ערשט האָט זיך דער עולם פאַנאַנדער געגאַנגען.

אַזוי אין דאָרטן אין שטאָט קיראָוו געזען דער פּראָדוקטן אָנבאַט. דעריבער צוליב דעם זענען געווען אַזעלכע גרויסע רייען צו די זייערע שטעטישע געוועלבער. אָבער ביי דער דאָרטיקער שטעטישער שררה, ביי דער עליטע אַזעלכע זענען געווען די נקוו״ד־מענטשן די פאַרטיי־דיגניטאַרן, ווי אויך די דאָרטן דירעק־טאָרן און אַנדערע שליסל־מענטשן, האָבן געהאַט זייערע אַזוי גערופענע „פאַר־

מאַכטע" מאַגאַזינען, ווייל נישט פאַר אַלע זענען אַזעלכע פאַרמאַכטע מאַגאַזינען געווען דער אַריינטריט דערלויבט. אין אַזעלכע פאַרמאַכטע מאַגאַזינען איז געווען צו באַקומען אַלע נויטיקע פּראָדוקטן.

דער פּשוטער דאָרטן עולם האָט נאָר געלעבט מיטן דאָרטן באַזאַר אָדער טאַלטשאָק, וועלכער איז געווען פּאַקטיש אַ שוואַרצער מאַרק, ווייל דער דאָרטיקער עמך האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. חוץ דעם האָט דער דאָרטיקער עמך געלעבט פונעם טאַלטשאָק, ווו האָט פאַרקויפט זיינע בגדים פון וועלכן אַ סך האָבן זיך אויך פון דעם געשפייזט. אויך האָט דאָרטן עקזיסטירט אַ קאָלכאָזנע יאַריד, דאָרטן האָבן פאַרקויפט די קאָלכאָזניקעס אַביסל אייער אָדער מילך ווי אויך עטלעכע עופות און חזיר־פלייש. דאָרטן אויף די באַזאַרן האָט מען די געבערענגטע פּראָדוקטן פונעם קאָלכאָזניק, ממש אויסגעבאָפּט אָן זיך אין פרייז דינגען.

אַלס יוגנטלעכער, וועלכער האָב אין פּוילן געפּירט אַ פּאָליטישן קאַמף פאַר אַ אמתן געזעלשאַפטלעכן יושר, וועלכן יושר, מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט איז נאָר אין דער פאַרווירקלעכטער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין ראַטנפאַרבאַנד איז דעריבער אַנקומענדיק קיין רוסלאַנד בפרט איצט 25 יאָר סאָציאַליסטישער בויאונג האָב זיכער געוואָלט זען די דאָרטיקע סאָציאַליסטישע דערגרייכונגען.

אָבער אַנשטאָט די סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַליזירטע דאָרטן געזעלשאַפט פאָרם אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו עס באַדאַרף נאָר הערשן בלויז יושר, האָבן מיר געזען, אַז די גאַנצע דאָרטן סאָציאַליסטישע נייע אָרדענונג איז נישט אַנדערש ווי אַ פאַרמלוכהשטער געזעלשאַפטס־סיסטעם מיט אַ גרויסער אָרגאַניזירטער ביוראָקראַטן־נעץ און פאַרטיי־דיגניטאָרן, ווי אויך גוט באַזירטע עקאָנאָמישע פאַבריקס־דירעקטאָרן און נאָך אַנדערע פאַרשידענע פאַרטיי אַפּאַראַטשיקעס. וועלכע אַלע אינאיינעם שאַפן מיט זיך אַ נייע עליטע־שיכט, ווי אַ באַגרינדעטער נייער אויפגעשטאַנענער קלאַס, וועלכער הערשט און איז אונטערגעשטיצט פון דער דאָרטיקער גערופענער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור־הערשונג, וועלכע איז די באַזע פון דער דאָרטיקער געזעלשאַפטס־באַהערשונג.

אַזעלכעס דאַרף זיך ניבע אָנרופן נייע קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, די געזעל־שאַפט איז דאָ, געפירט און אָנגעפירט פון אַ נייעם אַבסאָלוטן הערשער, וועלכער איז נישט אַנדערש ווי אַ פאַרטייאישער ביוראָקראַטיזם. דאָ אין רוסלאַנד אַנשטאָט דעם געטרוימטן יושר, האָבן מיר געזען אַ הערשנדיקע דיקטאַטור־מאַכט, וועלכע פאַרשטייער זענען מעכטיקע ביוראָקראַטן אין וועלכע איז אין תוכן בלויז קאָרופּ־ציע און דעפּראַדאַציע דאָס אויף אַלע לעבענס אופנים און אַלעס אַזעלכעס, אונטער דער מורא פון דער שרעקענדיקער ווילקירלעכער נקוו"ד.

דערקעגן דאָס רוסישע פאָלק איז געווען פאַרשמאַכט און פון שווערע אַרבעט

פאַרמאַטערט, עקספּלאָאַטירט און דערשלאָגן. דאָס אַלעס נאָך אין אַ גרעסערער פאָרם, וועלכעס מיר האָבן געקענט פון די דעמאָלטדיקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פון וועלכע מיר שטאַמען. ווייל דאָרטן האָבן מיר כאָטש געהאַט די רעכטן צו פאָדערן, שטרייקן און אפילו קעמפן, דערקעגן דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד זענען אַלע אַזעלכע זאַכן אַנטיסאָוויעטיש, אַנטימלוכהש.

דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד, זענען אַזעלכע געפאָדערטע זאַכן פון אַן אַרבעטער נאָר שטראָפלעך, ווייל דאָ הערשט פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, דעריבער טאָר מען נישט שטרייקן, פאָדערן און פאַרלאַנגען אַזעלכעס איז נאָר געבערענגט צום זייערן — „איבערדערציען”. אַזעלכעס איז פאַרשטענדלעך, ווו זיי רופן עס אַן ליבעראַל און קולטורעל: „אויסבעסערונגס־קאָלאָניע און אַרבעטס־לאַגערן”!

☆

ביי אַ קנאַפּן האַלבן מיליאָן בירגער: תושבים, פּליטים און געוועזענע מיליטער־לייט, אויך אין דער צאָל מענטשן באַנאַכט פון די בעטן ממש אַרויסגענומען, אָדער פון די קאַפעען, רעסטאָראַנען און טאַלטשאָקן, ווי אויך סתם פּשוטע אָנגעטראָפענע פאַרהאַלטענע אַדורכגייער, אַלע די מענטשן, אַזוי גערופענע — נישט פּראָדוקטיווע עלעמענטן — אָדער סתם נישט קיין גלויביקע, זענען פאַרזאַמעלט געוואָרן ערגעץ־ווו, אין זאַפּאַד אויף די באַן־סטאַציעס פון די שטעט, סאַרנע און ראָוונע און זיי אַלע אויף צוגעגרייטע טיפּלושקעס וואַגאָנען אַרויפגעזעצט און וויט אין קאַלטן רוסישן צפון־קאָמי־ס. ס. ר. אָוועקגעשיקט.

אַלעס דאָס, איז געטוען געוואָרן בסך־הכל אין די ערשטע מאָנאַטן פון נאָכן באַפרייען די דאָרטיקע מערב־געביטן דורך זיי — די סאָוויעטן־מאַכט. די גאַנצע אויסגערעכנטע מענטשן־מאַמע האָבן באַדאַרפן ווערן אין די דאָרטיקע קאָמי־ס. ס. ר.־אויסבעסערונגס־לאַגערן און קאָלאָניעס אויף אַן איבערדערציאונגס־קורס איבערדערצויגן. אָבער בכדי צו פאַרטושן דעם גאַנצן תוכן פון די דאָרטיקע אויסבעסערונגס־לאַגערן האָט מען זיי דאָרטן גערופן פּשוט: פּאָסיאָלקעס.

אַזאַ זאַך, ווען חס־וחלילה פּאַסירט אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, וואָלט געווען פאַרשטענדלעך גרויסער געשריי, אַ הימל־געשריי, אָבער אין רוסלאַנד טוט מען אַזעלכעס אָפּט אַן נאָכוויען, ווייל ווער קאָן זיך דערלויבן דאָרטן זיך קעגנשטעלן דער דאָרטיקער מעכטיקער זיכערהייטס־דינסט, אַזוי האָבן טאָקע די רוסישע מושלים געטוען צו דאָרטן ביי זיי אַ סך פעלקער־מינדערהייטן: טאַטאַרן, טשערקעסן און צו אַנדערע דאָרטן אין רוסלאַנד באַווינטע פעלקער, ווי אויך אַוודאי צו דער דייטשער באַווינטער פאָלקס־מינדערהייט. די אַרבעט אין די אויסבעסערונגס־לאַגערן איז געווען ממש אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט, וועלכע איז באַשטאַנען

פון אויסהאַקן פון דורות וואַקסנדיקע דאָרטן אין גאַנצן שטח ביימער, שניידן און האַקן און צוזאַמענלייגן.

דער רוב פון די פאַרשיקטע זענען געווען אַמאָליקע פוילישע בירגער — יידן. שפּעטער, ווען אַזעלכעס מען האָט פאַרגעוואָרפן נאָך דער מלחמה די דאָרטיקע פּראָלעטאַרישע מושלים, דערציילט מען, האָט באַדאַרפן צו יענער צייט ענטפערן דער דעמאָלטדיקער בראש שטייענדיקער אין שפּיץ פון דער רוסישער זיכערהייטס־דינסט ל. בעריע, וועלכער האָט סאַרקאַסטיש באַדאַרפן זאָגן, אַז, „צוליב דעם טאַקע, געמיינט דער פאַרשיקונג, זענען נאָך היינט צו טאָג פאַראַן יידן ביים לעבן נאָכן גרויסן אומגליק וואָס האָט זיי געטראָפן אין דער מלחמה בשעתן דאָרטן פאַר־ניכטן אין רעזולטאַט פון הערשן דער היטלער באַנדע".

פאַרשטענדלעך אַז, אַ סך פון די פוילישע יידן בירגער האָבן אין די דאָר־טיקע לאַגערן נישט אויסגעהאַלטן דעם איבערדערציאונגס־קורס, אין יענע שווערע פיזישע און קלימאַטישע באַדינגונגען, ווייל אויך איז די אַרבעט דאָרטן קיין באַצאָלטע, ווייל אַזאַ אַרבעט איז נאָר מעסטבאַר מיט דער באַצאָלטער ברויט פּייקע, דאָס נאָר לויט דער אויסגעאַרבעטער אַרעסטאַנטן־נאָרמע און אויך, ווי קאָן מען האָבן טענות צום לאַנד, וועלכעס האָט דיר געגעבן אויפן אירן באָדן אַזאַ שלווה צו לעבן. אין זייערן גאַסטפרייינטלעכן לאַנד, דעריבער האָבן טאַקע אַ סך פון די אַהין געשיקטע אומגליקלעכע מענטשן דעם דאָרטיקן איבערדער־ציאונגס־קורס נישט אויסגעהאַלטן און האָבן דאָרטן פאַרענדיקט זייער פאַרמאַ־טערט קורץ לעבן. און טאַקע ווער ווייסט וואָס וואָלט געוואָרן מיט די אַלע דאָרטן פאַרשיקטע אַרעסטאַנטן, ווען נישט די דעמאָלט אָנפאַלערישער מלחמה אויף רוסלאַנד.

דעמאָלט טאַקע אין קאָנסעקווענץ פון דער מלחמה זענען די רוסישע מושלים באַצווינגען געוואָרן זיך מער רעכענען מיט דער אַלגעמיינער וועלט־מיינונג און אויך אין דער שתדלנות פון פּאָליטישע גורמים אין יענער צייט, ווי די ענגלישע רעגירונג און אויך די געשאַפענע אין ענגלאַנד פוילישע עמיגראַנטן־רעגירונג אין שפּיץ מיט גענעראַל שיקאָרסקי. אַלע די פּאָליטישע גורמים האָבן געפאָדערט אַז די אַלע פוילישע אָפּשטאַמיקע געוועזענע בירגער וועלכע זענען בשעתו אין די מערב געביטן אַרעסטירט געוואָרן זאָלן באַפרייט ווערן. די אַלע באַפרייטע פוילישע געוועזענע בירגער האָבן באַדאַרפן ווערן די קינפטיקע פוילישע געשאַ־פענע אַרמיי־איינהייטן, ערגעץ־ווו אין דער רוסישער מיטל־אַזיע.

דער אונטערגעשריבענער פּאָליטישער אָפּמאַך צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און דער פוילישער עמיגראַנטן־רעגירונג אין חודש יולי 1941, איז געווען מער אין זכות פון דעמאָלטדיקן ענגלישן פּרעמיער־מיניסטער טשערטשילן, ווי פון

דער שיקאָרסקי רעגירונג, אַזוי טאַקע אין רעזולטאַט פון דעם אָפּמאַך, האָבן באַדאָרפן אַמנעסטירן אַלע אַרעסטירטע פוילישע אַרעסטאַנטן, אָבער דער פּראָצעס פון באַפרייען די אַרעסטאַנטן האָט זיך ווי געוויינטלעך אין רוסלאַנד געצויגן לאַנג, אַ סך נאָך דער מלחמה און אפשר היינט נאָך פאַראַן אין זייערע לאַגערן פוילישע אַרעסטאַנטן.

די אַמנעסטירטע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן באַדאָרפן ווערן דער גרעין פון דעם פוילישן דאָרטן געשאַפענעם מיליטער האָבן זיך גרופּירט אין דעם רוסישן מיטל־אַזיע, ערגעץ נעבן דער פּערסישער גרענעץ אין אובעקיסטאַן אין אַ קליין שטעטעלע בוזולוק, ווי אויך אין די דערנעבן אָרטשאַפטן.

פאַרשטענדלעך, אַז נאָך אין יענע טעג פון דעם אָפּמאַך, ווען די פריינטשאַפט צווישן די צוויי לענדער האָט געגילט, ווען עס זענען נאָך נישט געווען קיין חילוקי דעות צווישן די צוויי רעגירונגען רוסלאַנד און דער פוילישער עמיגראַנטן־רעגירונג שיקאָרסקי, וועלכע זענען שפּעטער אַרויפגעשוומען, אויך ווען די שפּעטערדיקע געפאָדערטע פאָדערונגען פון דער פוילישער עמיגראַנטן־רעגירונג — שיקאָרסקי און אויך אין שפּיץ שטייענדיקע מיליטער־איינהייטן גענעראַל אַנדערס, וועלכע האָבן געפאָדערט דאָס אַרויספאָרן פון די מיליטער־איינהייטן אויסער דער גרענעץ פון רוסלאַנד. אָבער אויך אין עיקר, ווען צו יענער צייט איז די רוסישע סטאַלין־רעגירונג געווען אויסגעשטעלט אויף די חסדים פון יענער צייטיקער וועלט: ענגלאַנד און אַמעריקע, וועלכע דאָך האָבן געגעבן שטיצע דער קעמפענדיקער רויטער־אַרמיי קעגן דעם אַגרעסאָר די דייטשן, איז פאַרשטענדלעך, אַזוי אָדער אַנדערש דער אונטערגעשריבענער אָפּמאַך דעמאָלט מיט פוילן געווען — אויסגעפירט און מענטשן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען פון די דאָרטיקע אין רוסלאַנד אויסבעסערונגס־לאַגערן.

פאַרשטענדלעך אַז די אַלע געשעענישן וועגן דעם פּאָליטישן אָפּמאַך איז פאַרשטענדלעך נישט דערציילט דער רוסישער באַפעלקערונג, ווייל אַזעלכעס ברויכט מען: נישט דערציילן בפרט וועגן דעם שרייבן, פאַרן רוסישן פאָלק, ווייל צו וואָס געפילדער, ווו עס וועלן זיך באַווייזן אַזעלכע ידיעות פון אַרעס־טאַנטן און לאַגערן. אַזוי טאַקע דעריבער וועגן אַזעלכעס האָב איך זיך דערוווּסט ממש צופעליק, ווען איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף דאָרטן אין קיראָוו פויליש רעדענדיקע. אַזעלכע די פוילישע רעדענדיקע יידן זענען געווען פון די אַמנעסטירטע און זענען געפאָרן אין דער סאָוויעטישער מיטל־אַזיע, ווו האָבן זיך געשאַפן די ערשטע פוילישע אַרמיי־איינהייטן. שפּעטער אַזעלכע דורכפאָרנדיקע פוילישע אַמנעסטירטע דורך דער שטאָט קיראָוו האָב שוין שפּעטער אָפט באַגע־גענט. דעמאָלט טאַקע האָב איך מאָניעק צום ערשטן מאָל זיך דערוווּסט, וועגן

דער גרויזאַמער רוסישער ווירקלעכקייט און וועגן די איבערלעבונגען פון די פוילישע מענטשן אין יענע רוסישע אַרבעטס־לאַגערן.

די אַדורכגעלעבטע מאַטערגישן פון די אַמאָליקע פוילישע ביעזשענצעס זענען געווען פול מיט צרות אין זייערע דערציילונגען האָבן געברענט מיט פול האַס און צאָרן צו דער רוסישער מאַכט. דעריבער איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, אַז זייער גאַנצער טרוים פון די באַפרייטע יידן איז געווען ווי אַמשנעלסטן דאָס לאַנד רוס־לאַנד צו פאַרלאָזן. דעריבער איז אויך קיין וווּנדער אַז, בשעתן זיך שאַפן דער פוילישער אַרמיי דאָרטן אין מיטל־אַזיע איז געווען גרויס די פאָדערונג פון דער געשאַפענער פוילישער אַרמיי־איינהייטן אַרויספאָרן אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד, ווייל זייער טענה איז געווען אַז, אין קאַמף קעגן דעם פאַשיזם קענען אויך אין די רייען פון דער ענגלישער אַרמיי קעמפן און נישט דווקא אַלס מיליטער איינהייט אונטער דער מיליטערישער אָנפירונג פון דער רויטער אַרמיי.

דער רוסישער מאַכט האָט פאַרשטענדלעך אַזאַ מעשה, דאָס אַרויספאָרן אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד אַזוי פיל מענטשן־מאַטעריאַל נישט געשמעקט, ווייל אויב אַפילו נישט אַלס מיליטער־מאַטעריאַל איז עס אָבער דאָך אַ אַרבעטער מאַטעריאַל און בפרט אַזאַ אַרבעטער־מאַטעריאַל, וועלכער אין די אַרבעטער־לאַגערן איז דאָך איבערהויפּט נישט קיין באַצאָלטער, דאָס הייסט נישט דער רעגירונג־קאָסטבאַר, דעריבער האָבן אַזאַ מין אַרויספאָרן אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד אָפּגעשלעפּט ווי אויך אָפּגעשלעפּט דאָס באַפרייען פון די דאָרטן אַרבעטס לאַגערן.

☆

היטלער, פאַרכישופט פון זיין געפּירטער שאַנטאַזש־פּאָליטיק אין רעזולטאַט וועלכער, האָט פאַרכאַפּט און באַהערשט דעם סאַאר־און ריין־געביט, ווי אויך עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיי און ווידער שפּעטער, פאַרכישופט פון גרינגן נצחון איבערן פאַרהאַסטן פוילן אין רעזולטאַט פון באַרימטן פעלד־צוג אין אָנגעוואָרפענעם אויף פוילן „בליץ־קריג", ווי אויך שפּעטער, פאַרכישופט פון גרויסן הכנעה־קאַמף מצד בעלגיע, האָלאַנד און פראַנקרייך אין באַרימטן „זיץ־קריג". דעריבער אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען האָט באַהערשט די גאַנצע צענטראַל אייראָפּע מיט אירע גרויסע אינדוסטריעלע און מיליטערישע פּאָטענציאַלן, האָט ווייטער פאָרגעזעצט זיין פאַרכאַפּערישער רויב־פּאָליטיק, איצט קעגן ענגלאַנד.

אָבער, אַ חוץ די שוין פאַרכאַפּטע און אַנעקסירטע וויכטיקע צענטראַל־לענדער אין אייראָפּע האָט דאָך היטלער נישט אויפגעגעבן דעם געדאַנק פון

אַמאָליקן פּלאַן צו אַנעקסירן דאָס גרויסע און פאַרהאַסטע קאָמוניסטישע רוסלאַנד, וועלכעס דאַך, איז געווען אַמאָל אין ערשטן פּלאַן צו אַנעקסירן, פאַרן דייטשן לעבענס רוים, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין באַוווסטן פּלאַן לויטן לאָזונג: „דראַנג נאַך אָסטן".

אַזוי אַרום, היטלער האָבענדיק צו זיין רשות די מיליטערישע און אינדוס־טריעלער פּאָטענציאַלן פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי און אויך איצט פּוילן, בעלגיע און פראַנקרייך און מיט דער פולער אונטערשטיצונג, סיי פּאָליטישער און אַוודאי מיליטערישער פון פריינטלעכע צו דייטשלאַנד לענדער, ווי דאָס זענען: איטאַליע, רומעניע, אונגאַרן און אויך טיילוויז דאָס פראַנקאָ שפּאַניע, האָט היטלער געשאַפן אַ ריזן אַרמיי פון מיליאָנען מענטשן און זיי אויסגעשטאַט מיט טויזנטער טאַנקן און עראָפּלאַנען און ענדלעך גענומען אויס־פירן זיין לעצטן פּאָליטישן און מיליטערישן פאַרברעכערישן גאַנג אין זיין לעצטן פעלד־צוג אין זיין באַרימטן פּלאַן „באַרבאַראָסאַ" גערופן אויפן נאָמען פון איינעם פון די זיכטיקסטע געשטאַלטן פון דער דייטשער געשיכטע פרידריך באַרבאַראָסאַ.

היטלער אין זיין פאַרברעכערישן אָנפאַל אויף רוסלאַנד, ווען וויסענדיק, אַז די לעצטע, געמיינט די רוסן גלויבן נישט אפילו פון אַזאַ מלחמה־אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויף איר רוסלאַנד, האָט פאַרשטענדלעך איבערראַשט דעם שונא און שוין אין בלויז די ערשטע געציילטע שעהן פאַרניכטעט טויזנטער רוסישע עראָפּלאַנען און טאַנקן, וועלכע זענען געווען קאָנצענטרירט נאָך אויף זייערע מיליטערישע באַזעס. אַזעלכעס האָט פאַרשטענדלעך געגעבן דייטשלאַנד אַי־בערוואָג אין די ערשטע טעג פונעם מלחמה־קאַמף קעגן די רוסן. דאָך האָט דאָס פאָלק זיך נישט אונטערגעגעבן און האָט געקעמפט ווי מען זאָגט ממש אויף טויט.

דאָס רוסישע פאָלק כאָטש עס איז געווען געטרעטן און געטראָנקען אין בלוט דורכן אומווירדיקן אַגרעסאָר, כאָטש עס איז געווען פון דעם איבערפאַל איבערראַשט, כאָטש עס זענען שוין געווען גאַנצע אירע ערד־שטחים פאַרכאַפּט און פון פאַשיזם באַהערשט, דאָך האָט זיך העלדיש פאַרטיידיקט און אַקעגנגע־שטעלט, טאַקע דאָס בלית ברירה, דאָך האָבן געקעמפט, העלדיש געקעמפט און זיך מקריב געווען, געליטן, און דאָך געקעמפט, דאָס פאָלק איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט, דאָך זיך נישט אַרונטערגעוואָרפן דעם אַגרעסאָר און נישט געוואָלט פאַר־שמאַכט ווערן. מיליאָנען מענטשן זענען פאַרניכטעט געוואָרן, זייער האָב און גוטס פאַרטיליקט אָבער דאָך אַלעמען האָבן געקעמפט.

צו יענער צייט פון די באַשריבענע געשעענישן זענען די קאַמפן געגאַנגען אַרום דער הויפּט־שטאָט מאָסקווע.טאַקע דאָ אַרום די גרויסע מאָסקווע־קאַמפן. האָט מען געקענט זען דאָס גרויסקייט פון פאָלק אין זיין הערויִשן קאַמף קעגן

דעם בלוטיקן דייטשן אַגרעסאָר. דאָס פֿאָלק איז גערופֿן געוואָרן קעמפֿן און דאָס נישט סתם קעמפֿן נאָר אויך זיין לעבן מקריב זיין פֿאַרן הייליקן ציל וואָס האָט געהייסן מאָסקווע און פֿאָטערלאַנד.

מאָסקווע איז געוואָרן דעמאָלט דער סימבאָל פֿון פֿאָלק, סימבאָל פֿאַר פֿרייהייט און סימבאָל פֿון דער גאַנצער פּראָגרעסיוויער מענטשהייט. מאָסקווע האָט באַדאַרפֿן ווערן דער קבר פֿון נאַציזם און טאַקע די אַרום מאָסקווע קאַמפֿן זענען געווען און ווען פֿאַרבלייבן דער גרעסטער עפּאָס אין דעם גרויסן וועלט קאַמף, קעגן דעם וועלט־פֿאַרשמאַכטער פֿון דער מענטשהייט און אויך טאַקע די האָפֿענונג פֿון דער גאַנצער פֿאַרשמאַכטער אונטערדריקטער צו יענער צייט מענטשהייט. דאָרטן אונטער דער שטאָט מאָסקווע האָט דער רוסישער ווידערשטאַנד באַוויזן און געשאַפֿן די גרעסטע וווּנדער־געשיכטע דאָס נישט נאָר פֿאַרן רוסישן פֿאָלק נאָר אויך פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. מאָסקווע איז געוואָרן זינט יאָר 1939 דער ערשטער טויט־קלאַפּ פֿאַרן בלוטיקן דייטשן נאַציזם און אויך דער אָנהויב פֿון זיין סוף.

ענדלעך דערציילט מאַניעק, האָט מען מיך אין דעם גרויסן מלחמה־אָנשטרענג אויך אין מיליטער מאָביליזירט, געווען איז כמעט ענדע זומער יאָר 1942. געגאַנגען זענען שוין די קאַמפֿן אַרום סטאַלינגראַד, וועלכע קאַמפֿן זענען אַריין אין דער וועלט־געשיכטע, ווי נאָך אַ גרעסערע מלחמה־עפּאָפּיי אין יענער וועלט־מלחמה. טאַקע אין יענע גרוילעכע טעג האָט מיך גערופֿן אין קיראָוון אָבלאָסטנעם קאָמסאָמאָל־קאָמיטעט, אויפֿן זעלבן פּלאַץ, וווּ אַמאָל מיט צוויי יאָר פֿריער קומענדיק אין שטאָט קיראָוו האָט מען מיך געפֿאָרשט וועגן מיין פּאָליטישער טעטיקייט בשעתן מיך אין שטאָט קיראָוו איבערלאָזן.

אויף דער פֿראַגע — צי איך וויל ווערן מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי? האָב געענטפֿערט זעלבספֿאַרשטענדלעך און אָן געצווייפֿלט — יאָ. אַזוי טאַקע אויך בין געוואָרן אַריינגענומען אין אַ ספּעציעלער אין שטאָט אָרגאַניזירטער קאָמסאָמאָל־איינהייט, וועלכע האָט באַדאַרפֿן ווערן געשיקט ווי אַ ספּעציעלע נאָרטן איינהייט אויפֿן פֿראָנט קעמפֿן. אַזוי אויך, ווען בסך הכל נישט לאַנג בין געווען אָנגעקלאָגט אין אַנטי־סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע און אויך אין שפּיאָנאַזשטעטיקייט האָט מען מיך פּלוצלינג אָרגאַניזירט אין אַ ספּעציעלער קאָמסאָמאָלגרופּע, וועלכע האָט באַדאַרפֿן זיין איינע פֿון די וויכטיקסטע ביז איצט פֿון דער שטאָט קיראָוו אויפֿן פֿראָנט קעמפֿן געשיקט.

אין דער גאַנצער קאָמסאָמאָלצן גרופּע זענען מיר יידן געווען בסך הכל צוויי, איך און נאָך אַ סטודענט מיטן נאָמען באַריס, וועלכן האָב ביז איצט, זייענדיק אין קיראָוו נישט געקענט. די גאַנצע חברה איז געווען אויסגעשטאָטעט

אויף נאַרטן, וועלכע יעדער מאָביליזירטער האָט געמוזט קויפן פאַר זיין געלט. אַזעלכעס האָב אויך געטוען.

געשיקט האָט מען אונדז די גאַנצע גרופּע קאָמסמאָלצעס קיין קאַזאַן. דאָרטן אַרום דער קאַזאַן שטאָט אין די וועלדער האָבן מיר באַדאַרפן ווערן געלערנט און צוגעגרייט זיך באַנוצן מיט געווער ווי אויך האָט מען אונדז פּאָליטיש וויסן אין קאָפּ אַריינגעשטופּט, נאָכהער נאָך אַזאַ פאַרשטענדלעכער צוגרייטונג באַדאַרפן אונדז אָפּשיקן אויפן פראָנט. אַזוי נאָך עטלעכע טעג זיך אַרומשלעפּן איבער פאַרשידענע שטעט און באַן־סטאַציעס זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען אויפן פּלאַץ. די ערשטע זאַך איז געווען דאָס באָדן זיך און די באַוווסטע דאָרטן פאַרע־דעזינפעקציע. דעמאָלט טאַקע, אין דעם מאָמענט האָט מען מיך אויסגעקליבן צו ווערן דורך אַ דאָרטיקן לייטענאַנט, זיין געהילף. אויף מיר איז געוואָרן אַרויפגעוואָרפן אַלע אַרבעטן פון עסן באַזאָרגן און ווי אויך קליידער באַזאָרגונג פאַרן גאַנצן דאָרטן אונדזער פּלוטאָן.

די ציוויל־קליידער נאָך דער דעמאָלטדיקער דעזינפעקציע, די אויסגע־טוענע ציוויל קליידער פאַרן איבערטוען אונדז אין מיליטער־קליידער האָב איך אַדרעסירט שיקן קיין קיראָוו צו דער מיינער אַמאָליקער באַקאַנטער קולטור לייטערין פון דער פאַבריק, וווּ האָב אַמאָל געאַרבעט אין קיראָוו — מאַריאַ איוואַנאָווּנאַ. אָבער שפּעטער אין אַ וואָך שפּעטער, ווען מיר זענען געקומען דאָרטן אויף אַ געוויינטלעכער באָד־דעזינפעקציע, האָבן מיר זיך דערוווּסט דעם גורל פון אונדזערע אויסגעטוענע ציוויל־מלבושים פון אונדזערער אַזוי שטאַרק באַרימטער קאָמסאָמאָל־איינהייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַלע אונדזערע ציוויל־זאַכן, געשיקטע אַהיים, זענען צעשלעפּט געוואָרן און שוין פון לאַנג אויפן דאָרטיקן שטעטישן קאָלכאָז־מאַרק אויף ברויט פאַרטויש געוואָרן, אַזעלכעס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, נאָכהער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַזוי ווערט געטוען מיט אַלע דאָרטן ציוויל־קליידער פון יעדער אַהין געקומענער מיליטער גרופּע. איינע, פאַרקויפן דאָס אָנטועכץ פון אַנדערע, אַזוי טאַקע אין קייט. אין שייכות דערמיט, האָט מען אונדז געזאָגט וועט אפילו קיין אָנקלאָגן נישט העלפן, אַזוי ווערט דאָרט געטוען און באַסטאַ!

וואָס אָן אמת, איז טאַקע דער זעלנערשער פּאַיאָק טאַקע בלויז אַ הונ־געריקער. צוויי מאָל אין טאָג זופּן, ווי אויך אַ ביסל קאַשע און די פּייקע ברויט וועלכעס איז קיינמאָל נישט עכט אָפּגעוויגן. אַזעלכעס האָב איך דעמאָלט זעלבס זיך איבערצייגט, בשעת מעשה, ווען איך האָב אַזעלכעס פּרובירט איבערוועגן.

די מיליטערישע איבונגען זענען געווען שווערע, פאַרן אויף נאַרטן, אי־בונגען אין שיסן, שטענדיק זענען געווען בלויז נאָר באַנאַכטיקע מאַרשן, דאָס

בכדי צוגרייטן די דאָרטן אין קאַמף סאָלדאַטן. די באַנאַכטיקע אונדזערע אַלי־אַרמען זענען געווען פאַר אַלע סאָלדאַטן דאָס ערגסטע מאַטערניש, אָבער עס איז דען פאַראַן אַן אַנדער ברירה? דאָך אין דעם אַלעמען האָבן מיר זיך נישט געקלאָגט — עס איז דאָך אַזאַ מין גרויסע בלוטיקע מלחמה. דאָס לערנען דאָרטן אין מיליטער איז געווען דער דאָרטיקער מיליטער־אוסטאַוו. אַזעלכעס האָט מען מער ווי אַלץ אַרייגגעהאַקט אין קאָפּ, און אויך זענען דאָרטן געווען פאַרשיידענע רעפעראַטן, וועלכע האָבן דערהויבן דעם פּאָליטישן ניוואָ פון דעם רוסישן סאָלדאַט.

דער אַרויסלאָז פון אַן אויסגעשולטער מיליטער מחנה אויפן פראָנט איז געווען אין דעם מיליטער לאַגער עטלעכע מאָל אין יאָר. טויזנטער סאָלדאַטן זענען משך פון בלויז אַ קורצער צייט אָרגאַניזירט געוואָרן אין פּאָלקן און געשיקט אויפן פראָנט. פריער, איידער מען האָט געמאַכט אַזאַ מין „אַרויסלאָז" אויפן פראָנט, האָט מען דאָרטן געמאַכט אַ מין פּאַרטרויאונגס קאָמיסיע פון מיליטער־לייט, וועלכע האָבן יעדן איינעם סאָלדאַט באַזונדער פאַרבעטן אין אַ דאָרטן פאַרשטעלטן מיט אַ פּוירהאַנג ווינקל, און אים זיין גאַנצע לעבענס געשיכטע אויסגעפרעגט און דער עיקר אים געפרעגט: — צי וויל ער, דער סאָלדאַט גיין אויפן פראָנט קעמפן? אַזאַ קאָמיסיע איז געווען שנעל, אַריין און אַרויס, כמעט אַלע זענען אַדורך.

בשעת דער קאָמיסיע פון אונדזער קאָמסאָמאָל גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ סך טויזנטער קאָמסאָמאָלצעס דאָס שוין אַן נארטן, ווייל דאָרטן ערגעץ־ווו, אויפן זועג זענען די נארטן, וועלכע זענען געווען אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן — פאַרלוירן געוואָרן. אַזוי טאַקע בשעת דער קאָמיסיע, ווען מען האָט מיר אָנגעהויבן אויספרעגן פון וואַנען איך שטאַם, ווי אויך צי איך בין אַ קאָמסאָמאָל חבר און ביז דער פראַגע, צי איך וויל גיין אויפן פראָנט קעמפן? האָב אַן געצווייפלט געענטפערט: יאָ.

דעם טאָג אויפצומאָרגנס, בשעת אזא מין אַרויסלאָז פון טויזנטער סאָלדאַטן אויפן פראָנט האָט מען ממש געפייערט, ווי אַ גרויס דאָרטן אין מיליטער־לאַגער געשעעניש. די הילכער האָבן געלאָזט הערן אין גאַנצן לאַגער לידער דאָס בלויז פּאַטריאָטישע און לירישע, הערצלעכע, אַזש האָבן די נשמה געהויבן. אַלע סאָלדאַטן זענען געווען אויסגעפוצט און איבערגעטוען ממש אויף ניי, בפרט אַזעלכער, וועלכער האָט געהאַט פּראָטעקציע האָט אויך אָנשטאָט אַלטע וואַלענקעס באַקומען גאַנץ נייע.

און אַזוי האָט זיך דער אַרויסלאָז אָנגעהויבן. די טישן זענען געווען אין רויטע מדינה־פענער געדעקט און די דאָרטיקע רעדעס האָבן געדויערט ביז

האַלבן טאָג, נאָכהער נאָכן אַריינהאַקן אין די סאָלדאַטן־קעפּ אַביסל פּאַטריאָטישע תורה האָבן אָנגעהויבן פאַרביי מאַרשירן די סאָלדאַטן פאָלקן דורך דער געדעקטער בימה און גלייך צו דער באַן־סטאַציע אין שוין צוגעגרייטע וואַגאָנען.

דעמאָלט בשעת דער קאָמיסיע בין איך אַרויס אָן אַ ענטפער. שפּעטער אויפן צווייטן טאָג, ווען מען האָט געלייענט די רשימות פון די סאָלדאַטן די וואָס ברויכן זיך גרייטן צום מאָרגענדיקן אַרויסלאָז איז מיין נאָמען נישט געווען אין דער רשימה, דאָס הייסט, אַז האָבן מיך געפּסלט, אַזעלכעס האָט מיר שפּעטער דערציילט מיין באַקאַנטער דאָרטן אָפיציר אין דער מחנה. די סיבה פון מיין פּסלן איז געווען מיין פוילישע אָפּשטאַמונג. אויך איז אין דער זעלבער רשימה נישט געווען אַריינגענומען אַ יידישער בחור מיטן נאָמען ליאָווא, אַ געבוירענער אין זשיטאָמיר. ער ליאָווא האָט דווקא נישט פאַרהוילן זיין פרייד פון דעם וואָס מען האָט אים פונעם שיקן אויפן פראָנט באַפרייט. שפּעטער האָט ער מיר געזאָגט, אַז אפילו ווען מען זאָל אים יאָ געווען אַריינעמען אין דער רשימה, וואָלט ער סיי ווי נעלם געוואָרן.

אַזאַ מין דאָרטן אָבער פּסלן איז סתם נישט געווען פּשוט און פּראָסט. אַזעלכע סאָלדאַטן האָבן די דאָרטיקע מיליטער מאַכט נישט אַהיים געשיקט, נאָר אין די דאָרטן אָרגאַניזירטע אַרבעטס־באַטאַליאָנען געשיקט. אַזעלכע אַרבעטס־באַטאַליאָנען, אפילו מיליטערישע זענען געווען נישט אַנדערש נאָר אַרבעטס־לאַגערן, דאָס איז אויפן זעלבן שטייגער און סיסטעם. אַזוי בין איך ווידער געשטאַנען פאַר דער ברירה, פאַרן אַרבעטס־לאַגער. אַזעלכעס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, דאָס הייסט מען האָט מיך באַפרייט פון דאָרטן אין קיראָוועער תפיסה בכדי מיך פון מיליטער שיקן כאָטש נישט קיין פאַרמשפּטן אָבער דאָך אין אַ לאַגער. ווען צו יענער צייט האָב געפרעגט וועגן דעם ענין מיין באַפריינדעטן מיט מיר אָפיציר האָט ער מיר פּשוט געענטפערט — „דיעלאָ נאַטשאַלסטוואָ".

ליאָווא דער יידישער בחור דער באַפרייטער גלייך מיט מיר איז געווען ממש מלא פרייד. „וואָס, פלעגט זאָגן — איך וויל נאָך נישט פאַר די פאַראַזיטן מיין יונגן קאָפּ לייגן!" ליאָווא פלעגט נאָר אין געשפּרעך זיי שעלטן דאָס אָן מורא, ער האָט מיר שטענדיק גאָר דערציילט אַז אין רוסלאַנד איז די רעגירונג פיל ערגער, ווי אין דייטשלאַנד. זיי געמיינט אין דייטשלאַנד רעדן אָפן פון פאַרניכטן יידן און קאָמוניסטן און דאָ, געמיינט רוסלאַנד טוט מען אַזעלכעס טאָג טעגלעך נישט רעדנדיק. אַזוי טאַקע נאָך דער מעשה פון מיך פּסלן בין געווען גאַנץ גוט באַזאָרגט. פון דעמאָלט און וויטער איז ליאָווא געוואָרן מיין בעסטער פריינט. „דו, פלעגט ער טענהן, ביסט פון פוילן, דעריבער האָט אין מיר איינגעטענהט דאַרפסט קלערן אָנקומען אין דער פוילישער זיך

שאַפּענדיקער אַרמיי. הלוואי, זאָגט ער וואָלט איך געהאַט אַזאַ מין מענטשלעך גליק".

ליאָוואַ איז געווען שטאַרק ענערגיש, גאַרנישט האָט אים געשראָקן. מיך אָבער האָט די מעשה אינערלעך שטאַרק געפּרעסן. דעמאָלט אין דער מיין נישט פריילעכער מחשבה פלעגט זיך מיר דערמאָנען אַזאַ קוריאָז. דאָס נאָך בשעת מיין זיין אין קיראָוו. אַמאָל, ווען שוין האָב אַזוי אָפּט געזוכט דווקא די אַדורכ־פאָרנדיקע פּוילישע פון אַרבעטס־לאַגערן, האָב צופעליק געטראָפן אויף אַ דורכפאָרנדיקן שטעטישן און אים דעם מיין שטעטישן האָב דערציילט וועגן מיין אין קיראָוו אַרעסט. ער דער שטעטישער, וועלכער האָט געקענט מיין פאַר־גאַנגענהייט פון מיין פּאָליטישער טעטיקייט האָט מיר פאַרגעלייגט אַז ער איז גרייט מיך אַריינגעמען אין דער רשימה פון זיין גרופּע, וועלכע פאָרט קיין בוזולוק אויף אַ קאָמיסיע צום פּוילישן מיליטער. פאַרשטענדלעך בשעת מעשה פון דעם האָב זיך אָפּגעזאָגט. דעמאָלט האָט מיין שטעטישער אויך געשאָלטן אַזוי די רוסישע רעגירונג ווי איצט טאָקע נעבן מיר ליאָוואַ, וועלכעס טאָקע האָט מיך דווקא איצט נאָר געשראָקן.

אַזוי אין אַזעלכע מחשבות אין יענער דעמאָלט מיליטערישער מחנה פול מיט זאָרגן און נעבן מיר שטענדיק ליאָוואַ, היינט איז ער געוואָרן מיין בעסטער חבר. ליאָוואַ פלעגט מיך נאָר פרעגן — וואָס טוען? איך דערקעגן האָב אים געענטפערט — איז דען פאַראַן וואָס צו טוען אפשר אַנטלויפן? איך האָב געפרעגט, אויב אַזוי פרעגט זיך — ווו אַהין ווילסט דו, ליאָוואַ אַנטלויפן דאָרטן אין דיין אוקראַינע איז נאָך דער דייטש. ער אָבער ליאָוואַ האָט נאָר שטענדיק כסדר געטנהט מיטן אייביקן זיין ענטפער: קיין אַרעסטאַנט קלערט ער דערווייל נישט ווערן, צו דעם האָט ער נאָך צייט.

אַזוי אין אַזעלכע מחשבות איז ליאָוואַ אַמאָל אין אַ שיינעם טאָג געקומען און פאַרגעלייגט מיר מאַכן אַ שפּאַציר קיין קאַזאַן. אַזעלכעס איז מיר געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, מיר האָבן געבעטן אורלויב און ליאָוואַ, וועלכער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ געגנויעם פּלאַן האָט מיטגעשלעפּט עפּעס פון קליידער שמאַטעס זיי אויפן מאַרק אין קאַזאַן אויף ברויט פאַרטוישן. נאָכהער נאָכן פאַר־טוישן די דאָרטיקע קליידער שמאַטעס ביי די דאָרטיקע טאַטאַרן קאָלכאָזניקעס האָט מיך ליאָוואַ געשלעפּט צו דער דאָרטיקער באַן־סטאַציע, ווו זענען געשטאַנען פול וואַגאָנען מיט מיליטער, ערגעץ־ווו גרייט צום פאָרן.

ליאָוואַ דערזעענדיק די פולע מיליטער עשאַלאָנען האָט נישט לאַנג קלע־רענדיק אַרויף אויף אַ וואַגאָן, מיך אויך אַרויפגעשטופּט און שרייענדיק — „חברה מאַכט פּלאַץ פאַר אַ פאַרוווּנדעטן סאָלדאַט" פאַרלאַנגט פאַר אונדז ביידע

אַן אָרט אין ״וואַגאַן. דער פֿאַרוווּנדעטער סאָלדאַט בין איך פֿלוצלינג געוואָרן, ווייל האָב געהאַט אַ פֿאַרבונדענע האַנט פֿון אַ קליינער ווונד אויפֿן עלנבויגן. אַזוי נישט רעדנדיק מיט קיינעם פֿון די דאָרטן פֿאַרנדיקע סאָלדאַטן און אויך נישט אויסגעפֿרעגט פֿון די פֿאַרנדיקע סאָלדאַטן זענען מיר אַזוי געפֿאָרן אַ גאַנצן מעת־לעת ביז דער שטאָט פּענזע.

אין פּענזע אויף דער באַן־סטאַציע זענען מיר אַראָפּ פֿון וואַגאָן און צעטיילנדיק זיך מיטן ברויט, וועלכעס ליאָווא האָט געהאַט פֿאַר די געטוישטע שמאַטעס, האָט ליאָווא מיר פּשוט אַזוי דערקלערט, אַז ער פֿאָרט אַהיים, ער קאָן זיך אַן עצה געבן. וואָס שייך מיר עצהט ער מיר זיך טרעפֿן מיט פּוילישע. אָדער אויף וועלכן ס׳איז אַנדערן אופֿן דערגרייכן ביז דער מיטל־אַזיע צו דער דאָרטן זיך שאַפֿענדיקער פּוילישער אַרמיי־איינהייטן, דאָרטן פֿאַרשטייט זיך וועל דערגרייכן מיין געוווּנטשענער הילף. אַזוי האָבן מיר זיך צעשיידט און ליאָווא איז ערגעץ באַלד נעלם געוואָרן.

איצט נאָך דער מעשה אין אַזאַ צושטאַנד, בין געווען נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט. פֿרעגט זיך, וואָס טוען? חוץ דעם בין אַן אַ גראָשן געלט אָן יעדן לעבענסמיטל צום עקזיסטירן און דעם אַלעמען בין דאָך ערשט אַ מיליטער דעזערטער. דאָך האָב צו ליאָוון נישט געהאַט קיין שלעכטע ווונטשן.

אַזוי טאַקע איינזאַם, נע־ונד, האָב ערגעץ געהערט נישט ווייט פֿון מיר רעדן פּויליש אָדער יידיש און נישט טראַכטענדיק האָב זיך געלאָזט צו די רעדענדיקע. געווען זענען דאָס פּוילישע בחורים, וועלכע זענען געפֿאָרן קיין בוזולוק זיך צושטעלן אין דער פּוילישער אַרמיי. פֿאַר די חברה האָב דערציילט די גאַנצע מיין לאַגע און האָב זיי אַנטפּלעקט מיין סוד. די בחורים זענען ממש געווען ווי געשיקט פֿון גאָט צו מיר. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז טאַקע זענען אויך פֿון אַ מיליטערישע איינהייט געשיקט פֿון אַ רוסישער איינהייט אַהין אין דער פּוילישער זיך שאַפֿענדיקער אַרמיי קיין בוזולוק. דעריבער הייסן מיר טוען דאָס זעלבע וואָס זיי האָבן געטוען, נעמלעך אַריינגיין צום מיליטער נאַטשאַלניק פֿון דער באַן־סטאַציע. אַזעלכע זענען געווען אויף יעדער דאָרטן באַן סטאַציע און בעטן פֿון דעם דאָרטיקן מיליטער נאַטשאַלניק אַן איבערווייזונג צו דער פּוילישער אַרמיי קיין בוזולוק, אַז אַזוי, איך אַלס אַזעלכער, פֿאַרנדיק קיין בוזולוק צום פּוילישן מיליטער בין געוואָרן פֿון דער גאַנצער גרופּע אונטערשטעליק. אַזוי האָב געטוען. און מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער, בין שוין געווען ווי אַ כשרער מיליטער סאָלדאַט געשיקט אין

פוילישן מיליטער זיך צושטעלן און מיט אַלע געברויכטע דאָקומענטן צו אַזאַ דורכפאָר ביז דעם שטעטעלע בוזולוק.

פאַר אונדז, איצט מיט מיר אַ גרופּע פון 4 פּערזאָן איז געשטאַנען דער ציל דערגרייכן די שטאָט טאַשקענט און פון דאָרטן ערשט צום שטעטעלע בוזולוק.

ווו האָבן זיך פאַרמירט די אײנהייטן פון דער פּוילישער אַרמיי. דער וועג פון פּענזע איז געווען דורך דער שטאָט קויבישעוו און פון קויבישעוו גייט אַ גלייכע באַן־ליניע ביז טאַשקענט. די שטאָט קויבישעוו גופא איז געווען אַ וויכטיקע סטראַטעגישער פאַרקער פונקט. פון דאָרטן זענען געגאַנגען פאַר־בינדונגען צום גאַנצן לאַנד, סיי אין מערב ווי סיי מזרח און אַהין צום מיטל־רוסישן מזרח צו דער זוניקער מיטלאַזיע מיט אירע רייכע נאַטור אוצרות, לענדער, וועלכע האָבן אַ סך מיטגעווירקט אין אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן אָנ־שטרענג אויסקאָווען דעם גרויסן זיג איבער דעם היטלער נאַציזם.

דער וועג פון קויבישעוו קיין טאַשקענט האָט באַדאַרפן אפילו אין נאָרמאַלע באַדינגונגען דויערן מער ווי אַ וואָך בפרט איצט אין דער מלחמה. דער וועג איז געווען אינגאַנצן באַזעצט, באַשוערט. הונדערטער עשאַלאָנען, באַן־צוגן און סתם שטייענדיקע וואַגאָנען אויף וויפל דאָס אויג האָט נאָר געקענט דערגרייכן. אומעטום איז געווען דאָס רעווען פון לאָקאָמאָטיוון, לויפן פאַרביי, ווי צעיושעטע מיט גוואַלטיקן און ווילדן געשריי, דאָס אַלעס גיסט זיך צוזאַמען מיט די דאָרטיקע מענטשלעכע געשרייען, אין דעם גרויסן רעש און רעווען פון די קאָטשענדיקע אַדורכלויפענדיקע רעדער, לויפן אַדורך פול געפּאַקטע צוגן מיט געווער, טאַנקן, נאַפט ציסטערנעס, עשאַלאָנען פול מיט פּראָדוקטן, מיט האַלב פאַבריקאַטן און אין צווישן דעם אַלעמען עשאַלאָנען מיט סאָלדאַטן, וועלכע פאָרן אַהין קיין מזרח אָדער קיין מערב. דאָ זענען פאַרביי עשאַלאָנען סאָלדאַטן פול מיט פאַרוואונדעטע אין פאַרשידענעם צושטאַנד, עס זענען געפאָרן אַזעלכע צום און פון פראָנט, עס זענען געפאָרן סאָלדאַטן אָן הענט און אָן פיס, אַזעלכע, וועלכע האָבן זייער מלחמה שוין פאַרענדיקט און אין דעם אַלעמען זענען נאָך געפאָרן מענטשן עוואַקואירטע זוכענדיק נאָך אַלץ אַ פּלאַץ, ווו צו פאַרבלייבן ביזן זיך ענדיקן די גרויסע און שווערע מלחמה.

דאָ אין קויבישעוו איז נישט פאַראַן קיין מלחמה, אָבער זי פילט זיך אָפּ אויף יעדן שריט און טריט. דאָ איז אמתער רוסישער רוישענדיקער הינטער־לאַנד. אויפן וואָקזאַל איז פול מיט טויזנטער מענטשן. אַלע זאַלן זענען פול פאַרפּאַקט, אויך אַרום דעם וואָקזאַל, אַלע מעגלעכע פּלעצער און אַפילו גערטנער זענען פול, ממש מען שטייט איינער אויפן צווייטן, בלויז אָן שטייענדיקן דערנעבן דעם וואָקזאַל אָרט בפרט צום זיצן איז געווען אַ יקר המציאות. די מענטשן

דאָרט אַרום זענען שוין דאָ, אין קויבישעוו געווען פון אַלע באַוווינטע אין רוסלאַנד פעלקער און מינדערהייטס נאַציאָנאַליטעטן.

קויבישעוו — דאָס אַמאָליקע סאַמאַראַ, ליגט אויף דער וואָלגאַ. אַ פּאָרט שטאָט און אויך אַ גאַנץ גרויסער אינדוסטריעלער צענטער. די שטאָט קויבישעוו איז צו יענער צייט געווען אַ שטאָט מיט פול שפע, דאָס צוליבן ווייל די שטאָט קויבישעוו איז געווען אין יענעם מאָמענט די שטאָט, וווּ אַהין מען האָט עוואַקואירט אַלע אויסלענדישע און מיליטערישע דיפּלאָמאַטישע קאָרפּוסן און אויך אַ סך פון די רוסישע מלוכה קאָמיסאַריאַטן. קויבישעוו איז אויך צו יענער צייט געווען דער ערשטער אָרגאַניזירטער פּונקט פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג — אונרא־פּונקט, צו געבן שטיצע דער באַפרייטער פּוילישער באַפעלקערונג פון דער רוסישער געפענגעניש.

דער וועג קיין טאַשקענט איז געווען אַ שווערער דאָך אַן אינטערעסאַנטער. צוגלייך מיטן אַריבערטרעטן די גרענעצן אין די דאָרטן קאַזאַכסטאַנער זאַמדן האָבן מיר באַמערקט אַן אַנדערן טיפּ דאָרטן איינוווינער — קאַזאַכן און אוזבעקן — און אויך פון פאַרשידענע דאָרטן בעלעבטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. קיין טאַשקענט איז דאָס פאָרן אויך געווען שטאַרק געדרענגט צוליב דער גרויסער ענגשאַפט, אָבער אינטערעסאַנט.

☆

בוזולוק, אַהער אין דעם קליינעם אוזבעקישן שטעטעלע האָבן זיך פאַרזאַמעלט טויזנטער פּוילישע בירגער פּליטים פון די לאַגערן און סתם פון די פאַרוואָגלטע דאָרטן אין גאַנצן לאַנד פּוילישע געוועזענע בירגער. געשטראָמט האָבן אַהער אַפּזוכן זייערן פאַרלוירענעם לעבענס האָפענונג. אַלע מענער זענען אַדורך אַ מיליטערישע קאָמיסיע און נאָך דער קאָמיסיע האָבן באַקומען אַ פּוילישן בירגער צייגעניש, וועגן דער פּוילישער בירגערשאַפט. אַ טייל זענען געוואָרן אָנגענומען אין פּוילישן מיליטער אָבער דער גרעסטער טייל זענען געשיקט געוואָרן צוריק אַהיים אַלס באַפרייטע און פיזישע נישט פּאַסענדיקע צום מיליטער דינסט, אָבער שוין צוגעהעריקע צום פּוילישן בירגערשאַפט, וועלכע אַדאַנק דעם האָבן באַקומען אַ נויטיקע הילפס־שטיצע פון די דאָרטן געשאַפענע הילפס־קאָמיטעטן פון די אָנגעקומענע פון דער יידישער אַגענץ.

אין יענע דעמאָלט אָנהויבס צייטן פון זיך שאַפן די פּוילישע מיליטער־איינהייטן מיט גענעראַל אַנדערס בראש איז טאַקע צו יענער צייט זענען געוויסע איינהייטן אַריבער די רוסיש פּערסישע גרענעץ. שפּעטער זעעט אויס האָבן זיך

די רוסן באַדענקט, די פּאָליטישע רייבונגען צווישן זיך, האָבן אָנגעהויבן זיך פאַרשאַרפן און אויך, ווען שפּעטער, זענען געקומען די פאַרשפּרייטע קלאַנגען, וועלכע די דייטשן האָבן פּראָקלאַמירט וועגן די 15000 אומגעבראַכטע פּוילישע אָפיצירן אין קאַטין־לאַגער אין דער סמאָלענסקער גובערניע, וועלכע בשעתו האָבן פאַרכאַפּט אין די מערב געביטן בשעתן די געביטן באַפרייען, איז אין רעזולטאַט פון דעם האָבן זיך נאָך מער פאַרשאַרפט די פּאָליטישע באַציאונגען צווישן רוסלאַנד און פּוילן און דעריבער דאָס אַרויספאָרן פון די געשאַפענע פּוילישע איינהייטן האָט זיך אָפּגעשטעלט און אינאייגעם מיט דעם האָבן די רוסן אָפּגעשלעפּט דאָס באַפרייען די פּוילישע אַרעסטירטע, טאָקע לויטן, רוסישן סטיל, וועלכעס אין גוט באַקאַנט דער וועלט.

דעריבער אין רעזולטאַט פון די צווישן זיך פּאָליטישע רייבונגען — רוסלאַנד און פּוילן, איז דעמאָלט דאָס אָפּפאָרן פון די פּוילישע מיליטער איינהייטן קיין פּערסיע געוואָרן אָפּגעשטעלט. עס איז געוואָרן אַ פּראָבלעם און עס איז פאַרבליבן נישט מער, ווי נאָר אַ געהאָפטער פאָלקס־ווילן. אָבער אַזוי, ווי פריער זענען דאָך פאָרט אַרויסגעפאָרן געוויסע אַזעלכע מיליטער איינהייטן קיין פּערסיע, איז דעריבער, צוליב דעם האָבן זיך געשאַפן אויפן פּלאַץ אין בוזולוק פאַרשידענע מאַכערס און סתם שפּעקולאַנטן, וועלכע זענען מיטאַמאָל געוואָרן אויפטועס. אַלעס אַזעלכעס, האָט דאָרטן געשאַפן אַ שטימונג פון אַ שושקעריי, פון אַ רעדן אין בלויז פאַרבאָרגענע שטאָט ווינקלען און אַלץ איז געוואָרן צוריק סודותפול. אַלעס דאָס, האָט געבערענגט צו שפּעקולאַציע און פאַר גוט באַצאָלט האָט מען אַזאַ מין חברה מאַן אַריינגענומען אין דער רשימה פונעם קומענדיקן אַרויספאָרן קיין פּערסיע. אַלעס אַזעלכעס, איז געטוען געוואָרן שוין אין דער צייט, ווען די רוסן האָבן בכלל נישט געדענקט פון געבן מער דערלויבענישן פון אַרויספאָרן, פאַר אַזעלכע געשאַפענע מיליטער־איינהייטן מחוץ אירע גרענעצן. נישט קוקענדיק אויף דער אַלעמען איז אינערלעך צווישן די פּוילישע, די שפּיל פון דעם שפּעקו־לאַטיוון אַרויספאָרן, ווייטער אָנגעגאַנגען און טויזנטער יידן, וועלכע האָבן אויך געוואָלט פּטור ווערן פונעם ראַטנפאַרבאַנד זענען געהאַלטן געוואָרן אין אַ מין שאַך־שפּיל פון אַזאַ אַרויספאָרן.

צווישן די זיך גרופירענדיקע פּוילישע מיליטער־איינהייטן זענען געווען פאַרשידענע שררה־מענטשן, עס האָבן זיך ווידער באַוויזן די אַמאָליקע שלאַכטע מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט מיט די אַמאָליקע פּוילישע קאָנסערוואַטיווע באַגריפן בפרט נאָכן ליבעראַלן פּאָליטישן קורס אין דער דאָרטיקער רוסישער מדינה. אַזוי דעריבער אין די געשאַפענע באַדינגונגען פון בלויז דערוואַרטונגען

האָבן די מערהייט יידן געלעבט מיט פּוסטן טרוים, ווייל אין רעזולטאַט פון די באַדינגונגען זענען פאַרשטענדלעך אין ערשטער רייע אין די געשאַפענע אַרמיי איינהייטן אָנגענומען געוואָרן עכטע פּוילישע געבוירענע בירגער פּאָליאַקן און נאָכהער ערשט פּוילישע יידן. און דאָס פּאַר גוט באַצאָלט.

בוזולוק איז נישט נאָר געווען דאָס פּלאַץ פאַר די געקומענע פון די לאַגערן פּוילישע בירגער, אַהין זענען אויך געקומען אפילו אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט שוין אָנגענומען רוסישע בירגערשאַפט און אפילו אַזעלכע פון די מערב געביטן, וועלכע זענען געווען אונטער דער רוסישער רעגירונגס הערשאַפט, וועלכע ביי דער היסטאָרישער געלעגנהייט האָבן געוואָלט צוריק ווערן פּוילישע בירגער, אין רעזולטאַט פון דעם נישט צוטרוי צום רוסישן רעגירונגס סיסטעם, וועלכן האָט שוין געהאַט גענוג אין זייער לעבן.

דערווייל, אינצווישנצייט האָבן בלית ברירה די אַהער אָנגעקומענע פון אַלע עקן לאַנד יידן, וועלכע האָבן געשטראָמט קיין בוזולוק געמוזט וואַרטן אויף די צוגעזאָגטע אַרויספאָר טרוימען האָבן זיך צייטווייליק באַזעצט אין די דאָרטן געגענטן פון דער גאַנצער רוסישער מיטל־אַזיע און בפרט אין די שטעט טאַשקענט, סאַ־מאַרקאַנד און בוכאַרע און אויך פול אַנדערע שטעט וואַרטענדיק אויף דער קומענדיקער גאולה.

בוזולוק ליגט געאָגראַפיש אין די ווייטסטע און אויך הייסטע געגענטן פון דער סאָוויעטישער מיטל־אַזיע. די זון האָט דאָרטן ממש געבאַקן. ביי טאָג האָט מען ממש קיין איינוווינער אויף דער גאַס נישט געזען. מענטשן זענען געווען כמעט אויסבאַהאַלטן, צוליב דער שטאַרקער זון אין זייערע ליימיקע קיביטקעס. באַנאַכט איז מען ממש געוואָרן פון אינזעקטן צעביסן, דעריבער זענען מענטשן געשלאָפן אין בעטלעך אַרומגעצוימטע מיט גאַזע בכדי נישט ווערן ביים שלאָפן צעביסן פון דער דאָרטן פאַרשפּרייטער אינזעקטן פּלאג. צוליב טאַקע דער פאַר־שפּרייטער אינזעקטן פּלאג האָט דאָרטן געהערשט אַ פאַרשפּרייטע מאַלאַריע קרענק, און אויך צוליב דעם נישט ריינעם דאָרטן אין פאַרשידענע בריכות וואַסער האָט אויך געהערשט גאַנץ שטאַרק פאַרשידענע מאָגן קראַנקהייטן. דאָס טרינק וואַסער איז געווען אין אַזעלכע קינסטלעכע בריכות און פול מיט אינזעקטן פליגעלעך, וועלכעס פאַרן נוצן האָט מען דאָס וואַסער אַ סך מאָל באַדאַרפן איבערזייען און קאָכן בכדי עס קענען נוצן.

בוזולוק אַלס שטעטל האָט זיך קוים געמערקט. קליינע קוים שטאָקיקע הייזקעס געבויט פון גרויסע ליים שטיינער, געטרוקענטע אויף דער זון. אינערלעך אין די קיביטקעס — אַזוי האָבן דאָרטן געהייסן די וווינונגען — איז דער באָדן

געוועז אויף ווייס געקאַלעכט. די איינוווינער זענען געווען — אוזבעקן, וועלכע מענער האָבן זיך גערופן — אקקא און די פרויען אפּפּאַ. געוועז זענען לויט דער זייערער דאָרטיקער מסורה אַנגעטאָן כמעט אין שוואַרצן. די פרויען צו יענער צייט האָבן נאָך געטראָגן אַ וואָל אויפן פּנים און די מענער האָבן געטראָגן גרויסע געשטריקטע פון בוימוואל און מיט וואָל כאַלאַטן, פאַרבינדן מיט אַ גרויסע פאַטשיילע.

די אוזבעקן פלעגן גאַנצע טעג זיצן אין די דאָרטיקע טע־קאַפעען און טרינקען גרינע הייסע טע, אַזעלכעס האָבן געטענהט פאַרקלענערט זייער דורשט און גרויסע היץ. אין די דאָרטיקע זייערע טע־הייזער, פלעגן גאַנצע טעג זיך דערציילן פאַרשידענע פאָלקס־מעשים. געגעסן האָבן נאָר זיצענדיק אויפן באָדן און ממש אויף זייערע קניען. די רוסישע שפּראַך האָבן בכלל נישט באַנוצט דאָס פון שטאַרקע שנאה און דעריבער האָבן יעדן דאָרטן אייראָפּעיִשן מענטש האָבן געהאַלטן פאַר אַ רוס און פאַרהאַסט אָנגערופן — רוס.

דאָס גאַנצע אוזבעקישע פאָלק האָט ליב געהאַט האַנדלען, דאָס נאָר אפילו לשם האַנדלען, עס פלעגט טרעפן אַז, אַזאַ אוזבעק פלעגט גיין צופּיס פון איין שטאָט אין אַ צווייטער שטאָט, ברענגען אַ מין פּראָדוקט צום פאַרקויפן דאָס נאָר אַבי האַנדלען.

די סאָוויעטן, וועלכע האָבן שוין דאָרטן געהערשט כמעט אַ גאַנץ שפּאַרע צייט האָבן פאַרשטענדלעך דאָרטן אַריינגעבראַכט גאַנץ נייע זאַכען, האָבן אויפגעשטעלט און איינגעפירט אַ גאַנצע נעץ פון הויך־שולן און מיטל־שולן געשאַפן פאַבריקן און אויך פול געזעלשאַפטלעכע פּראָדוציר־ און האַנדלט־אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן באַזעצט בלויז מיט רוסן, וועלכע צוליב די דאָרטן קלימאַטישע באַדינגונגען האָבן באַקומען אַ ספּעציעלן געהאַלט.

דאָס גאַנצע דאָרטן לאַנד, דאָס אוזבעקן לאַנד איז געווען באַקאַנט אַלס אַנטוויקעלט ברויט־לאַנד דאָס צוליב דער גרויסער צאָל פאַרשידענער קערנער־זייאונג און צוליבן דאָרטן וואַרעמען קלימאַט, וועלכער האָט אויך באַפרוכפּערט דאָס גרויסע לאַנד.

צו יענער צייט, עס איז געגאַנגען דאָס יאָר 1943, די קאַמפן זענען געגאַנגען אַרום דער קורסקער בוכטע. דער רוסישער נצחון איבער דער דייטשער פאַשיס־טישער אַרמיי האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן. די טרוימען פון יידיש־פּוילישן ציבור דעם באַוווינטן אין רוסישן מיטל־אַזיע וועגן אַרויספאָרן קיין פּערסיע איז ווי אַ פּוסטער חלום צערינען געוואָרן. אין דער צייט שוין האָבן זיך דעמאָלט ביי די רוסישע מושלים אין באַצוג צו די געשאַפענע פּוילישע מיליי־

טער־איינהייטן אָנגעהויבן אָנמערקן גאַנץ נייע געדאַנקען. נעמלעך, וועגן שאַפן א פוילישע פאָלקס־אַרמיי, וועלכע זאָל אינאיינעם מיט דער רויטער ארמיי קעמפן פאַר אַ דעמאָקראַטיש פאָלקס־פוילן. די פאַרשטייער פון אַזאַ װאַריאַנט וועגן שאַפן אַ פוילישע פאָלקס־אַרמיי זענען געוואָרן וו. וואַסילעווסקא און א. זאַוואַדסקי, ווי אויך ביערוט און גומולקאַ, אַלע זענען איצט אין שפּיץ דעמאָלט שטייענדיקער נייער געשאַפענער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע אָנפירער זענען נישט אַנדערש ווי די פאַקטישע אַמאָליקע פאַרטיי־פירער פון דער אַמאָליקער ק. פּ. פּ. דער נייער וואַריאַנט פון זיך שאַפן די נייע פוילישע איינהייטן זענען אין גרונט געקומען אין קעגנשפּרוך צו די פוילישע מיליטער־איינהייטן די געשאַפענע פון גענעראַל אַנדערס דער פאַרשטייער פון דער שיקאָרסקי־רעגירונג. דעריבער איז דער אַמאָליקער טרוים פון די אַלע דאָרטן וואַרטנדיקע פוילישע יידן געוואָרן נישט מער ווי אַ פוסטער חלום.

די פּאָליטישע געשעענישן צו יענער צייט מיטן פאַראויסגיין פון דער רויטער אַרמיי האָבן זיכער פאַרשטאַרקט סטאַלינס שטעלונג צו דער פוילן־פראַגע. סטאַלין איז געווען קאָנסעקווענט אין זיין שטעלונג צו דער פוילן־פראַגע, אַז פוילן דאַרף ווערן געשאַפן נאָר, אַלס פריינטלעך צו רוסלאַנד לאַנד, דאָס פאַרשטענדלעך אין ראַם פון די גרענעצן פון אַמאָליקן קור־קערזן, אַזעלכעס איז פון לאַנג ביים רוסישן דיקטאַטור געווען באַשלאָסן בפרט איצט אין מיליטערישן זיך פאַרשטאַרקן פון דער סאָוויעטישער מאַכט, וועלכעס דרינגט פון זייערע לעצטע נצחונות איבערן שונא. פאַרקערט, האָבן די ענגלישע פּאָליטיקער נאָך דעמאָלט זיך אילוזירט אין דער פּאָליטיק פון דער פוילן־פראַגע און האָבן געהאָפט אַז, טאָמער דאָך וועט סטאַלין זיין נאָכגיביק אין די באַשלוסן בנוגע דער פוילן־פראַגע. דעריבער זענען די אַלע פּאָליטישע פּראָבלעמען נישט דווקא נאָר פּאָליטישע, וועגן דער פוילן־פראַגע נאָר אויך און בפרט וועגן דעם אַרויספאָרן פון רוסלאַנד, האָבן אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען אַנטוישט דעם פוילישן יידישן דאָרטן געלעבטן ציבור אין רוסישן מיטל־אַזיע, וועלכע האָבן נאָך אַלץ געוואַרט אויף דעם דערלויבטן אַרויספאָר קיין פּערסיע, אָבער וועלכעס די רוסן האָבן פאַרשטאַנען אַז, מיט אַזאַ מין טאַט שוואַכן אָפּ דעם באַשטאַנד טייל פון דער דאָרטיקער געשאַפענער פוילישער פאָלקס־אַרמיי.

די אַלע פּראָבלעמען װעגן דער שאַפנדיקער זיך פוילישער אַרמיי, סיי די פון דער אַנדערס־אַרמיי און סיי פון דער וואַסילעווסקאַ — זאַוואַדסקי־אַרמיי, האָבן נישט געבערענגט צו דער זאַכלעכער יידן־פראַגע וועגן אַרויספאָרן פון רוסלאַנד. די פראַגע האָט זיך געצויגן ביז דער ענדע פון דער מלחמה און ביזן אַנטשיין דעם שפּעטערדיקן רעפּאַרטיאַנטן־אָפּמאַך, צווישן פוילן און רוסלאַנד, וועלכעס

האָט געברענגט צו דער אַנטגילטיקער לייזונג פון צוריק אָפּשיקן די יידן אין זייערע געבוירן לאַנד פוילן, וועלכעס, האָט זיך דאָך נאָך געצויגן יאָרן לאַנג.

☆

דער מאָראַל פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין רוסלאַנד איז געווען נידריקער פון יעדן מענטשלעכן באַגריף. מענטשן האָבן ממש געווילדעוועט. גניבות און שווינדלערייען זענען געווען דאָרטן אַ טאָג זאַך און בפרט שוחד, קאָרופּציע און דעפּראַדאַציעס. אַזעלכעס איז געווען כמעט ביי יעדן, אָנהויבנדיק פון פּשוטן פאָלקסמענטש ביזן גרעסטן פּאַרטיי דיגניטאַר און אויך דירעקטאָר פון אַ פאַבריק און אַ געוויינטלעכן מנהל ביוראָקראַט.

די מלחמה, אַדאַנק וועלכער דער גאַנצער דאָרטן געזעלשאַפטלעכער פּראָדוציר אַנשטרענג איז געווען דער פראָנט, האָט פאַרשטענדלעך נישט געגעבן דער רוסישער געזעלשאַפט די נויטיקע לעבענס-פּראָדוקטן, דעריבער איז אין גאַנג פון לעבן דער אָנבאַט געווען קליין און האָט נישט דערגרייכט דער מענטשלעכער נאָכפראַגע. אין רעזולטאַט פון דעם איז געוואָרן אַלץ גרעסער דער יקרות אין שפּאַן מיט דעם, די וואַקסנדיקע אינפלאַציע, וועלכע האָט נאָך מער געברענגט צו אַ זיך אַראָפּקייקלען פון דאָרטיקן געזעלשאַפטלעכן מאָראַלישן לעבן, וועלכעס איז אַוודאי נישט געווען אויף אַ הויכן מאָראַלישן ניוואָ. דעריבער אויך די גרויסע דאָרט וואַקסענדיקע פאַרברעכנס.

אין דער צייט האָט דאָרטן יעדער נאָר געלעבט מיט כוח און גוואַלט פון דעם איז געקומען די גרויסע גניבות אין די פאַבריקן, זאַוואָדן און אויך די שוין דערמאָנטע מאָנטע דעפּראַדאַציעס, אפילו ביי אין דער שפּיץ שטייענדיקער העריאַרכיע, עליטע מענטשן און אַפילו פּאַרטיי חברים. ווייל בפרט אַזעלכע עליטע מענטשן האָבן צו יעדער צייט געקענט בשעת הדוחק זיך רעאַליביטירן אין די זייערע שווינדלערישע טאַטן אויפן חשבון פון אַנדערע וועלכע האָבן אויסגעקליבן אַלס זייערע שעיר-לעזאזלן פאַר דער דאָרטיקער רעגירונג.

איך מאַגיעק אין יענער צייט נאָכן באַקומען אַלע נויטיקע דאָקומענטן פון דער דאָרטיקער מיליטער קאָמיסיע אין שטעטל בוזולוק האָב איך ווי אַלע אַנדערע געזוכט מיין לעבנס פּלאַץ, וועלכעס צוליב דער גרויסער שפע פון פּראָדוקטן האָב זיך באַזעצט אין שטאָט סאַמאַרקאַנד. דאָרטן האָבן מיר באַדאַרפן וואַרטן אויף דער אונדזערער גאולה, אָדער וועלכע האָט באַדאַרפן קומען פון דער פּוילישער אַנדערס-אַרמיי, אָדער פון דער דעמאָלט זיך שאַפנדיקער פּוילישער פאָלקס-אַרמיי אונטער דער אָנפירונגס פון וואַסילעווסקאָ ביערוט און זאַוואַדסקי. אָבער אין

עיקר האָב אויך באַדאַרפֿן זוכן פּרנסה, תּכלית. קומענדיק אין דער שטאָט סאַמאַרקאַנד איז דאָס ערשטע פֿאַר מיר געווען דאָס זיך אין שטאָט צושרייבן בכדי באַקומען די געגעבענע ברויט־קאַרטן אָן וועלכע מען האָט זיכער דעמאָלט אין רוסלאַנד נישט געקענט עקזיסטירן ווי אויך האָב אָנגעהויבן זוכן אַרבעט.

געווען שוין צו יענער צייט דאָס יאָר 1943. דעמאָלט אפֿילו אין סאַמאַרקאַנד האָט זיך אָפּגעפּילט דער אָנהויב פֿון רוסישן נצחון. צוגלייך מיט דעם האָט מען שוין אָנגעהויבן אָפּפֿילן אינערלעך אַ מער פֿאַרשטאַרקטע האַנט פֿון דער רוסישער מאַכט, בפֿרט אויף דער דאָרטיקער פּוילישער באַפֿעלקערונג, אויף וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די פּלאָג פֿון כסדרדיקע אַבלאַוועס און אַרעסטן, אַזוי האָט מען אויפֿסניי אָנגעהויבן דאָרטן דעם אַלגעמיינעם בירגער האַלטן צוריק אין קלעם, דאָס תּיכף האָבן אָנגעפּילט די פּוילישע. פּלעגן דערציילן וועגן די דאָרטן רעוויזיעס אויף די וועגן, אין די צוגן ביים אַדורכפֿירן פֿאַרשידענע זייערע איבערגעפֿירטע סחורות. אַזוי אַרום האָט זיך טאַקע דער אַמאָליקער און אייביקער געשפּענסט פֿון אייביקער דאָרטן געזעלשאַפֿטלעכער מורא צוריק באַוויזן אין לעבן ביי די פּוי־לישע בירגער, וועלכע זענען צו יענער צייט געווען דער ריכטיקער אָביעקט פֿאַר דער דאָרטיקער עליטע־מאַכט כדי זיי און און מיט זיי צוריק באַזעצן די דאָרטיקע זייערע תּפֿיסות און לאַגערן.

אַזוי טאַקע אויך, איך — זעצט פֿאַר מיר וויטער — מיין חבר מאַניעק, זיינע רוסישע יאָרן איבערלעבונגען, בשעת יענע גורלדיקע טעג ביים אַריינקומען אין דער גרענעץ פֿון דער רוסישערווירקלעכקייט בין שטענדיק געווען געיאָגט פֿון אַ מורא, דאָס געשפּענסט פֿון די זייערע תּפֿיסות, וועלכעס אַוודאי איז, ווי אַ געש־פּענסט נאָכגעלאָפֿן די אַלע גערופֿענע דאָרטן פֿרעמדע איינוווינער, אויסלענדער, און טאַקע אויך מיך, אָנהויבנדיק פֿון דער שטאָט קיראָוו דורך אַפֿילו דעם דאָרטיקן מיליטער־פּעריאָד אין וועלכן אַפֿילו אויך אין דעם צייט־אָפּשניט איז געשטאַנען פֿאַר מיר דאָס זייער תּפֿיסה־געשפּענסט. אַזוי טאַקע אויך אַפֿילו ווען איך האָב געקעמפֿט מיט אַלע מיטלען אַזעלכעס אויסמיידן, דאָך האָט עס מיך אַריינגענומען און אירער נעץ און אין לויף פֿון מיין לעבנס געשעעניש בין דאָך ווידער געוואָרן געוואָרפֿן אין זייערער תּפֿיסה, ווידער אָן יעדער פֿון מיין זייט שולד.

אַזוי טאַקע אויך, האָבן מיר אין שטאָט סאַמאַרקאַנד מיט נאָך אַ פּוילישן חבר געהייסן משה, אָנגענומען אָן אַרבעט פֿון אַדורכפֿירן אַ וואַגאָן סחורה פֿון סאַמאַר־קאַנד ביז אַ שטאָט אורגענטש, ערגעץ־ווו צו אַ צענטער־שטאָט אין געביעט וואָס האָט געהייסן כאַרעזם אויך אין אוזבעקיסטאַן.

דער צוג מיט אונדזערן סחורה־וואַגאָן פֿון סאַמאַרקאַנד האָט אונדז ערגעץ־ווו, אין דער געגנט — אויב איך בין זיך נישט טועה, קאַגאַן, ווו־ערגעץ, איז געווען

אַ מין קלײנער װאַסער־פֿאַרט, װוּ מען האָט געברויכט איבער־טראַנספּאָרטירן אונדזער געפֿירטער סחורה אויף אַ שיפֿס־פּאַראַכאָד, װעלכער האָט באַדאַרפֿן אונדז אָפּפֿירן ביז דער שטאָט אורגענטש. אַהין איז געװען דער איצטיקער װעג, מיט אַ פּאַראַכאָד, װעלכער פּאַראַכאָד האָט אונדז דורך די װאַסערן פֿון טײַך אַמור דאַריא באַדאַרפֿן ברענגען קיין אורגענטש אין צענטער פֿון כאַרעזם. אין דאָרטן טאַקע אין דעם קלײנעם װאַסער־פֿאַרט איז געװען דער אונדזער שורש פֿון אונדזער שפּעטערדיקן אומגליק און דער װעג צו אַ לאַנגער תּפֿיסה־שטראָף.

דאָרטן אין דעם פֿאַרט האָבן זיך דערװוּסט װעגן אונדז אַ דאָרטיקע געװיסע פּראָם־אָרגאַניזאַציע, װעלכע האָבן געזוכט מענטשן כּדי איבערפֿירן אויך אין יענער שטאָט אורגענטש 40 פֿעסער װײַן, טאַקע אויך צו דער אָרגאַניזאַציע, װוּ אַהין, מיר האָבן געפֿירט דעם אונדזערן סחורה־װאַגאָן. אַזוי טאַקע האָט מען אָנגעװיזן אויף אונדז צװײ בחורים, װעלכע פֿאָרן אַהין אין כאַרעזם מיט סחורה.

מיר, פֿאַרשטענדלעך אַזוי, װי מיר האָבן נישט געברויכט אַרײַנלײגן קיין איבעריקע טירחה, האָבן מיר מסכּים געװען אויך אָננעמען די אָנגעבאָטענע טראַנזאַקציע פֿון איבערפֿירן די 40 פֿעסער װײַן קיין אורגענטש.

מיר האָבן געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט די דאָרטן פֿאַרשטײער פֿון דער פּראָם־אָרגאַניזאַציע, װעלכע האָט אונדז אָנגעטרויט דאָס איבערפֿירן די 40 פֿעסער װײַן, אין װעלכן איז געװען געזאָגט װעגן דעם, אַז, מיר די פּראָזאָדניקעס זענען נאָר פֿאַראַנטװאָרטלעך פֿאַר דעם כּמות פֿון 40 פֿעסער װײַן צו ברענגען אויפֿן פּלאַץ קיין אורגענטש. דאַכט זיך, אַז אַלעס איז אין פֿולשטענדיקן אָרדענונג, אָבער זײ די דאָרטיקע פֿאַרשטײער האָבן גענוי געװוּסט אַז. עפּעס איז נישט אין אָרדענונג, װעלכעס מיר האָבן פֿאַרשטענדלעך נישט געװוּסט.

שפּעטער מיט אַ טאָג, נאָכן דערלעדיקן אַלע פֿאָרמאַליטעטן און נאָכן אָנלאָדן אין פּאַראַכאָד די פֿעסער װײַן האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות, װײַל פּונקט צו אונדזערן אומגליק האָט פּאַסירט אַז, בשעת מעשׂה פֿון אַרײַנקאַטשן די װײַן־פֿעסער אין פּאַראַכאָד האָט זעט אויס פֿון גרויס דרוק אַ פֿאַס פֿון דער סומע אונדזערע פֿעסער װײַן באַדאַרפֿן אויפֿרײַסן. דער װײַן האָט געשטראָמט פֿון אַלע זײַטן פֿאַס, מענטשן די דאָרטן רײַזענדע אויפֿן פּאַראַכאָד זענען ממש פֿון פֿרײד און װילדקײט אָנגעהויבן לויפֿן אַרום דעם זיך גיסנדיקן פֿאַס װײַן.

בלית ברירה האָט זיך באַװיזן דער שיפֿס־קאַפּיטאַן און אויך אַנדערע עצה־געבער און מען האָט אונדז אין אונדזערער צרה געהײסן אונטערשרײַבן אַ אַקט געחתמעט פֿונעם שיפֿס־קאַפּיטאַן, װעלכער אַקט װעט װערן אַ באַשטעטיקונג װעגן דעם פֿאַקט פֿון פּלאַצן פֿון פֿאַס װײַן. דעריבער טאַקע, װײַל דאָס איז געװען נישט אונדזער שולד אין דעם, אַז, דער װײַן פֿון פֿאַס האָט געפּלאַצט און דער װײַן

איז דערווייל געראָטן, און מענטשן האָבן אים דעם זיין אונטערשטעלנדיק אין זייערע כלים צוזאַמענגענומען און אים די גאַנצע צייט פון אונדזערן פאָרן ממש מיט פרייד און גלוסט געטרונקען.

שפּעטער נאָך אַ וואָך רייזע מיטן — פּאַראַכאָד, זענען מיר אָנגעקומען קיין אורגענטש. דאָרטן האָט מען אונדז אָפּגעוואָרטן, די סחורה האָט מען פון פּאַראַכאָד גלייך אויסגעלאָדן אויפן ממש ברעג פון שטעטישן פּאָרט. אַזוי סתם, אונטערן הימל. קיינע מחסנים זענען נישט געווען. די גאַנצע סחורה האָט זיך געבאַקן אויף דער הייסער זון ביז פאַרשטענדלעך די דאָרטיקע ביוראָקראַטן פון דער דאָרטיקער אורגענטשער פּראָם־אָרגאַניזאַציע האָבן באַוויליקט איבערנעמען די פון אונדז געפירטע סחורה.

דער דירעקטאָר פון דער דאָרטיקער פּראָם־אָרגאַניזאַציע האָט געהייסן א. קאַמאַראָוו. זיין דאָרטיקער בוכהאַלטער אויך אַ רוס געהייסן וו. ווינאָגראַדאָוו, ביידע זענען געווען פון די אַמאָליקע פאַרשיקטע אַהער אין דער שטאָט אַלס נישט באַגלויביקע פאַר דער ראַטנמאַכט, בירגער. ביידע זענען אויך דעריבער געווען ממש כּות־גייער אַזוי טאַקע האָבן זייערן דאָרטן לעבן געלעבט.

דער געשעפֿטלעך צווישן אונדז — פּראָוואָדניקעס מיט די צוויי פאַרשוינען פון דער פּראָם־אָרגאַניזאַציע איז געווען גאַנץ פריינטלעך, אָבער טאַקע ביזן מאָמענט פון אונדזער דערציילונג וועגן דער מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיטן פּאָס וויין דערביי האָבן מיר פאַרשטענדלעך באַלד געצייגט דעם אונדזערן אונטערגעשריבענעם אַקט, מיט דער אויך אונטערשריפט פון שיפס־קאַפּיטאַן אָבער, זיי די צוויי פאַרשוינען, האָבן אונדז אין דעם ענין געצייגט אַ מין רמז, אַז, די זאַך איז סתם אַזוי נישט קלאָר און פּשוט און אַז, מיר וועלן זיי „עפּעס" געבן דאָס הייסט געמיינט געלט וועלן זיי מיט אונדז אַדורכקומען, אַנדערש וועלן מיר ווערן ממש נעבערענגט צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט ווייל זיי זייסן צו דערציילן אַז, מענטשן האָבן דאָרטן אויפן פּאַראַכאָד געשיכורט און מיר אויסנוצענדיק די געלעגנהייט צוליבן דעם געפּלאַצטן וויין־פּאָס האָבן ממש פאַרקויפט פאַר גרויסע סומעס געלט אין פּאַראַכאָד וויין, אויפן חשבון פון טאַקע דעם געפּלאַצטן וויין־פּאָס. אַלזאָ דער רמז איז געווען אַן עפּעס, דער עפּעס איז אויפן צווייטן טאָג באַדאַרפן ווערן אַ סומע פון נישט ווייניקער ווי 5000 רוסישע רובל אין דאַן וועלן מיר באַקומען אונדזערן ראַסטשאָט און צוריק אַהיים־פאָרן קיין — סאַמאַרקאַנד.

אַזוי האָט זיך די מעשה פאַרוויקלט אין אַ גרויס ערענסטקייט. מיר, וועלכע האָבן בכלל נישט פאַרמאָגט קיין געלט בפרט אַזאַ מין הויכע סומע אפילו מיטן אונדזערן ראַסטשאָט, זאָלטן מיר נישט געקענט שאַפן אַזאַ סומע ווי 5000 רובל. דעריבער האָבן מיר ממש געפייערט. דאָך האָבן מיר געמיינט אַז, סוף־כּל־סוף,

וועלן די צוויי פאַרשוינען אונדז גלויבן אַז, מיר האָבן בכלל קיין געלט און מיר האָבן בכלל נישט זיך באַנוצט און שפּעקולירט מיטן וויין פאַרנדיק אַהער קיין אורגענטש, ווייל אויך זענען דאָרטן נישט געווען קיין אַ סך רייזענדע מענטשן.

אַזוי טאַקע אויך, ווען מיר האָבן געפאָדערט אונדזערן פאַרדינטן ראַסטשאַט, ווען מיר האָבן טאַקע אויך געגלויבט אַז, די אַלע זאַכן פון זייערער זייט און די רמזים זענען נישט אַנדערש נאָר סתּם אונדז כּדי אויספּרובירן אָדער סתּם אָפּשרעקן, אַזוי טאַקע אויך, ווען מיר זענען געקומען אויפן צווייטן טאָג פאָדערן אונדזער ראַסטשאַט אין דער דאָרטיקער פּראָם־אָרגאַניזאַציע זענען מיר אָנשטאָט געלט געוואָרן אָפּגעפירט אין דער דאָרטיקער אורגענטשער תּפיסה.

אין רעזולטאַט פון דעם האָט מען אונדז באַשולדיקט אין עובר זיין אויפן אוסטאַוו, וועלכער הייסט „7־טער אויגוסט", דאָס הייסט אַ — „ראַסטראַט פון סאָציאַליסטישן געזעלשאַפטלעכן אייגנטום", וועלכער אוסטאַוו זעט נישט אַנדערש פאָר ווי 10 יאָר שווערע תּפיסה און לאַגער שטראָף!?

אַזוי טאַקע האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין דער דאָרטיקער תּפיסה אונ־דזער געלט אין הויך פון סך עטלעכע הונדערט רובל האָט מען זאָפאָרט ליקווידירט אויפן חשבון פון דער רעגירונג. דאָס טראַגישסטע פון דעם אין יענעם מאָמענט, איז געווען אַז, פון מיין דאָרטן פּראַקטיק האָב געוווסט אַז, מיטן נאָר אַריבערטרעטן די שוועל פון תּפיסה בין איך שוין אַנטגילטיק באַשטראָפט.

אַזוי טאַקע אויך האָט מען אונדז באַשטראָפט אָן שום מעגלעכקייט פון אונדז געבן די מעגלעכקייט פון אויסווייזן אונדזערן אומשולד — אויף גאַנצע 10 יאָר תּפיסה שטראָף.

אין תפיסה

מיט געדרענגטער און געדריקטער שטימונג מיט פול שרייענדיקע עוולה — דערציילט מאַניעק, האָט מען מיך געפירט אין תפיסה, דאָס פון קיינעם נישט געקימערט און אוודאי נישט פון די דירעקטאָרן פון דער דאָרטיקער פראָמ־אָרגאַניזאַציע אַפילו אויך נישט פון מיינע חוקרים, די פאָרשטייער פון דער סאָ־וויעטישער יושר־וועלט. פאַר מיר האָבן זיך פאַרמאַכט די טויערן פון פרייהייט אויף גאַנצע 10 יאָר תפיסה און לאַגער־שטראָף, וועמען האָט עס באַדאַרפן קימערן, ווען נאָך איין פערזאָן איז צוגעקומען צו דער גרויסער צאָל אין רוסלאַנד אַרבע־טער־קנעכט אין די דאָרטן אויסבעסערונגס־לאַגערן, ווו נאָר, קענען מענטשן האָבן רעכט, וווינען און עקזיסטירן?! דאָרטן אין זייערע לאַגערן, ווערט אַזעלכער, שוין אַן אַרעסטאַנט שאַפן זיין אַרבעטס וועלט. די דאָרטיקע לאַגערן גערופן ביי די סאָוויעטן אַרבעטס־לאַגער אָדער שענער אויסבעסערונגס־לאַגער, וועלכער איז אין תוכן אַן אמתער פאַרשמאַכונגס־לאַגער, אַרבעטן מענטשן פאַר דער געגעבענער ברויט־פּייקע און אויך, אויב אַזעלכער האָט געמאַכט אַ גרעסערן אַרבעטס־אָנשטרענג אין דער פּראָדוצירטער אַרבעט, באַקומט נאָך — הונדערט גראַם ברויט. פרעגט זיך איז עס נישט לאָגיש בפרט סוחריש צו האָבן אַזאַ גרויסע צאָל אַרבעטער־קנעכט אין די זייערע אויסבעסערונגס־לאַגערן.

די סאָוויעטישע מושלים האָבן אויף אַ אמת פאַרשטאַנען ריכטיק אָפּשאַצן דעם זין פון מענטשלעכער געשאַפענער אַרבעטס־ווערט, ווער דען, ווי נאָר זיי, אַלס ריכטיקע מאַרקסיסטן האָבן געקענט אָפּשאַצן די אמתן פון מענטשלעכן עקאָנאָמישן געזעלשאַפטלעכן רייכטום. די סאָוויעטישע מושלים האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזעלכעס אַ געשאַפענער מענטשלעכער „מערווערט״ פאַר בלויז אַ שטיקל ברויט, דערצו, איז אַזאַ געגעבן דעם אַרעסטאַנט ברויט, אפילו נישט גוט אויסגעבאַקן. ווער נאָר, ווי די סאָוויעטישע מושלים, האָבן געקענט עקספּלאָאַטירן דעם מענטש, זיין ענערגיע, דאָס מיט אַזוי פול חכמה, ווייל אַזעלכעס איז דאָרטן געטוען אין נאָמען פון יושר, וועלכן האָבן איינגעפירט אין לאַנד דאָס אונטערן באַוווסטזיין פאַר דיין ניבע באַגאַנגענער זינד פאַר וועלכן מוזט אַרבעטן, אַזעלכעס,

איז דאָרטן פול מיט — ציניזם און אין רעזולטאַט פון דעם, זאָלסט פאַר דער נישט באַגאַנגענער זינד. זיי, די סאָוויעטישע מושלים — דאַנקבאַר זיין.

דאָס אויסקוועטשן דאָס בלוט פון רוסישן אַרעסטאַנט אין די זייערע לאַגערן איז געמאַכט מיט אַ שיטה, בהדרגה, נישט געאײַלט כדי דער פּראָצעס פון די געשאַפענע אַרבעטס־ווערטן זאָלן דויערן לענגער און זיין וויגיקער, ווייל וואָס ער געדויערט לענגער איז דער רעגירונגס פאַרדינסט גרעסער. אלא, אז, פאַסירט אַז דער מענטש האַלט עס נישט פיזיש איבער איז מילא וועמען ברויכט אַזעלכעס קימערן, ווייל וואָס האָבן אין דעם ענין אַרײַנגעלייגט?

נעמט למשל די אין אוזבעקיסטאַן אנגרענער אַרבעטס־לאַגער, די קוילן־גרובן. די דאָרטן שטיינער באַריערן, שאַצט למשל אָפּ, וואָס איז ווערט אַזאַ אַרבעט פון איבערוואַרפן אַ גאַנצן טייך־לויף פון איין אָרט אין אַ צווייטן, וועלכער איז דער טייך אנגרען גופא, ווייל פּלוצלינג אונטערן אנגרענער וואַסער־לויף האָט מען אַנדעקט גרויסע קוילן־אוצרות. פאַרשטענדלעך זענען געקומענע געלערנטע, אינזשיניערן האָבן געמאָסטן און געוויגן און אין סוף דערקלערט, אַז מען קאָן פּשוט איבערוואַרפן דעם איצטיקן וואַסער־לויף אויף אַן אַנדערן פּלאַץ, נאָכער דעם נייעם בעקן פונעם וואַסער־לויף פאַרטיפן און פאַרפעסטיקן. טאַקע און צו אַזעלכעס אויך איז פאַראַן אַן עצה. די עצה איז, אַזויווי דאָרטן אין שטאָט אנגרען זענען פאַראַן גרויסע פעלדזן בערג, וועט מען פון די פעלדזן בערג רייסן שטיינער, מיט וועלכע מען וועט פאַרשטאַרקן די נייע ברעגעס פונעם נייעם טייך בעקן, ווו דער נייער וואַסער־לויף וועט זיין.

אַזאַ אַרבעט וואָלט באַדאַרפן קאָסטן מיליאַרדן רובלען, אָבער דאָ, אין סאָוויעטן לאַנד אַזאַ אַרבעט שאַפן מיליאָנען אַרבעטער אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען פאַרמשפּטע בירגער, און וועלכע מוזן זיך ריינוואַשן פון זייער אַפילו נישט באַגאַנגענער זינד.

אָדער, נעמט למשל די עוואַקואירטע קיין טאַשקענט פון ראָסטאָוו מיליטערישע פאַבריקן — ראָסעלמאַש, אָדער אַזעלכע זעלבס אין טאַשקענט פאַרלייגטע פאַבריקן טאַשסעלמאַש. אין די פאַבריקן, האָבן געאַרבעט טויזענטער אַרעסטאַנטן פון אַלע אין רוסלאַנד באַוווינטע מינדערהייטן. אין די פאַבריקן האָט מען אויסגעאַרבעט די באַרימטע רוסישע קאַטיושן־ראַקעטן. דעמאָלט בשעתן פּראָדוצירן די ראַקעטן האָט מען שוין נישט מורא געהאַט טאָמער, וועלן די אַרבעטער אַרויסטראָגן זייערע מיליטערישע סודות. דאָרטן האָט מען זיך אַפילו נישט גערעכנט מיט דער גרויסער געפאַלענער אויסגעמאַטערטע אַרעסטאַנטן צאָל מענטשן, וועלכע האָבן בשום אופן פיזיש נישט אויסגעהאַלטן אין יענע הונגעריקע באַדינגונגען פון דער אין פאַבריק שווערער אַרבעט. דאָרטן אויך אין שפּיץ פון די אַרבעטנדיקע אַרעסטאַנטן ברי־

גאַדעס שטייען אמתע מערדער אַלס בריגאַדירן, אין וועלכע הענט די מושלים פון די דאָרטיקע לאַגערן האָבן איבערגעגעבן אין זייערן רשות טויזנטער אַרעס־טאַנטן, וועלכע ווערן דורך זיי געיאָגט און מיטן זעלבן הייסט עס פאַר די אמתע באַנדיטן זיך אָפּקויפן פאַר זייערע באַגאַנגענע זינד.

אַזאַ מין פרך־אַרבעט איז געווען באַקאַנט עקזיסטירט אין דייטשלאַנד, אָבער אין רוסלאַנד חס־וחלילה, ווייל אַזעלכעס ברויכט קיינער נישט וויסן. דאָ, איז אַלעס אַזעלכעס געמאַכט בשתיקה, ווייל צי וואָס זיך סתם באַרימען. און בכדי אויסמעסטן פונקטלעך די אַרבעט פון אַזאַ אַרעסטאַנט איז דאָרטן אין די פאַבריקס־ביוראָען אַרבעטן טאַבעלשטשיקעס, בוכהאַלטערן, זיי מעסטן און וועגן אַזוי גענוי אויס די אַרבעט פונעם אַרעסטאַנט, ווייל ברויכן אָפּגעבן דער רעגירונג אַ בילאַנס. און יעדער אַזאַ מין אַרבעט איז באַצאָלט ווי מיר האָבן געזאָגט מיט דער ברויט פּייקע. אלא, וואָס שייך די אַרבעט גופא איז דאָרטן אין רוסלאַנד פאַראַן אַ סך. עס פעלט ממש אַרבעטער הענט.

דאָרטן אין אַרבעטס־לאַגער קוקט מען אויף דיר מיט שעצונג, דאָרטן היט מען דיך, מען רופט דיך אויף פאַרשידענע געזונטהייטס־קאָמיסיעס, פאַר וועלכער גייסט אַדורך אין דער גאַנצער נאַקעטקייט זוי געבוירן, דאָס בכדי צו זען אויב דיין הונטן־טייל פון קערפּער איז נאָך געגוג קיילעכדיק אָדער שוין פון אַ עיפּושדיקן מוזולמאַן דאָרטן מאַכט מען דיך אויך באַוווסטזיניק, מען הייסט קומען אויף פאַרלעזונגען. מען רעדט וועגן פּאָליטישע געשעענישן און אויך דאָרטן מוזט זיך קריטיקירן צוליבן נישט גוט אַרבעטן, אַזוי טאַקע ווי זיי פאַרלאַנגען און אין עיקר דאָרטן דערמאָנט מען דיר טאָג טעגלעך איז דיין וווילטעטער דער סאָוויעטישער רעגירונג.

☆

די שטאָט אורגענטש איז געווען די הויפּט־שטאָט פון כאַרעזם און איינגעשלאָסן אין דער אוזבעקיסטאַן־רעפּובליק. די שטאָט איז געאָגראַפיש געלעגן ווי אויף אַן אינדזל. אַרום דער שטאָט איז געווען דער גרויסער טייך אמור־דאַריא. דער צוגאַנג צו דער שטאָט איז געווען נאָר מיט אַ פאַראַכאָד אָבער דאָס, איז אין יענער צייט בשעת דער מלחמה געווען שטאַרק באַשרענקט. די שטאָט אורגענטש איז געווען אַ טיפּיש מזרח־שטאָט, קליינע אַלטע געביידעס, דאָס איינציקע מערק־ווירדיקע אין שטאָט איז געווען דער דאָרטן פאַרק גערופן „פאַרק פאַר קולטור". אַזאַ קלינגערישן נאָמען האָבן געהאַט אַלע פאַרקן דאָרטן אין אַלע שטעט אין רוסלאַנד כדי צו באַווייזן פאַרן פאָלק זייערע גרויסע אויפטועו אויפן קולטור געביעט.

דער אַריינפֿאָר און אויך דער אַרויספֿאָר פֿון דער שטאָט איז געווען שטאַרק באַשוועָרט צוליב טאַקע די קאָמוניקאַציע־באַדינגונגען, דעריבער האָט זיך גע־דאַכטן אַז, דאָס גאַנצע דאָרטן לעבן איז ווי אין אַ געטאָ. אַ צווייטע דאָרטן מערק־ווירדיקע זאַך איז געווען די דאָרטיקע תּפֿיסה מיט גרויסע אַרום מויערן און שטעכל־דראָטן און אַרום אויך וואַך־ווישקעס. צו דער תּפֿיסה האָט מיך געפֿירט אַ מיליציאַנט. דאָס מיך אַהין פֿירן האָט נישט אַרויסגערופֿן קיין אויפֿמערקזאַמקייט ביי מענטשן, מן הסתּם געווען צוגעוווינט צו אַזאַ מין ווידאָק.

מיך, האָט מען געפֿירט פֿון דער אָרטיקער פּראָמ־אָרגאַניזאַציע, דערקעגן מיין חבר האָט מען אַרעסטירט אין גאַס, וועלכער איז געווען אין באַגלייטונג מיט אַ פֿרוי און דעריבער האָט מען זי אויך אַרעסטירט. די קאַמערן זענען געווען נאָר פֿאַר 20 פּערזאָן אָבער פּאַקטיש זענען דעמאָלט געווען ביי 60 אַרעסטאַנטן. אינער־לעך אין דאָרטן נישט געווען קיין שום איינוועָנטאַר, קיין טישן, און אויך קיין בענק. דאָס איינציקע איז געווען אַ מאַטעראַץ אָנגעשטאָפּט מיט וואַטע־אָפּפאַלעכץ. באַנאַכט איז ער דער מאַטעראַץ געווען דאָס געלעגער און ביי טאָג האָט עס יעדן איינעם אַרעסטאַנט געדינט פֿאַר אַן שטול, ווייל דאָרטן איז געווען שטאַרק גרויס די ענגשאַפֿט אַז, אַפּילו אַדורכשפּרייזן זיך אין קאַמער איז נישט געווען ווו. די לופֿט איז דאָרטן געווען שטאַרק געפּרעסט בפֿרט אין די הייסע זומער־טעג, צוליב דעם טאַקע האָט מען געמוזט טאָג־טעגלעך לופֿטערן דעם קאַמער מיט אַ קאָץ בכדי טאַקע דערמעגלעכן דאָס דאָרטיקע קאַמער לעבן.

די אַרעסטאַנטן זענען געלעגן צוליב דער גרויסער דאָרטן ענגשאַפֿט אין קאַלושעס פֿון אייגענעם שוויס. אַלע דאָרטן אַרעסטאַנטן זענען געווען פֿון אַלע פֿעלקער באַשטאַנדן באַוווינטע אין רוסלאַנד. דער אינערלעכער רעזשים אין דער דאָרטיקע תּפֿיסה, איז געווען גאַנץ שווער און אַן הונגעריקער. אָבער אַזוי, אַ סך אַרעסטאַנטן זענען געווען פֿון די אָרטיקע באַוווינטע, דעריבער אויך, ווייל האָבן באַקומען אַהין פּערעדאַטשעס, האָבן דעריבער נישט שאַרף אָפּגעפֿילט דעם דאָר־טיקן הונגער־רעזשים.

דאָס עסן אין דער פֿרי איז באַשטאַנען פֿון אַ פּייקע שוואַרץ לעפּקע ברויט פֿון פֿאַרשידענע מעל־אָפּפאַלעכץ און נישט גוט אויסגעבאַקן ברויט, און פֿון שוואַרצע געברענטע גערשטן ציקאָריע און אויך צוויי מאָל אין טאָג באַלאַנדע — דאָס האָט געהייסן זופּ. אַזאַ וויקט איז געווען נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן מער גיכער צום שטאַרבן, ווייל נישט איינער איז סיסטעמאַטיש פֿון אַזאַ תּפֿיסה וויקט אויסגעגאַנגען.

אַלע אַרעסטאַנטן זענען געווען אין סלעדסטוואָ, אַ קלייענער נאָר טייל האָבן שוין געהאַט דעם פּסק הדין און געוואַרטן אויפֿן עטאַפּ, דאָס הייסט אָפּפֿאָרן אין

לאַגער, צו דער גרופּע האָבן געהערט עטלעכע פּוילישע באַשולדיקטע, וועלכע מען האָט פאַראורטיילט אין וועלן באַקומען צוריק דאָס פּוילישע בירגערשאַפט.

צווישן די אַרעסטאַנטן איז געווען אַ גרויסער צאָל אוזבעקן און קאַזאַכן, ווי אויך טורקמענער. צווישן זיי, זענען געווען נאָך אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך מיטן פינגער געחסמעט און האָבן נישט געקענט קיין וואָרט רוסיש, אַזאַ עלעמענט איז אוודאי געווען גינסטיק פאַר דער דאָרטיקער מאַכט, ווייל האָבן נישט געקענט זיך באַקלאָגן און האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס וויל פון זיי דער פאַרהאַסטער רוס.

דאָ אין דער אורגענטשער תפיסה איז נישט געווען קיין שום באַהערשונגס־גרופּע, וועלכע האָבן שפּעטער געטראָפן אין אַנדערע תפיסה פלעצער. דעם גרעסטן כבוד האָבן צו זיך דערוועקט די פּוילישע, דאָך זענען געווען די אַממייגסטן באַזאָרגטע גרופּע, ווייל קיין ידיעות האָבן פון דער היים נישט געהאַט, קיין צייטונגען זענען איבערהויפּט אַהין נישט אַריינגעקומען און שרייבן איז אוודאי נישט געווען אין דער דאָרטן תפיסה דערלויבט. מיר, צווישן זיך פּוילישע האָבן געלעבט פריינטלעך און חבריש, יעדער איינער פון אונדז האָט געהאַט זיינע יסורים, זאָרגן, מיר פלעגן זיך דערמאָנען, וועגן דעם ווו אַמאָל אין פּוילן איז געווען גרויס די סימפּאַטיע צו דער רוסלאַנד, ווו מיר איצט אין תפיסה זיצן, וועלכעס לאַנד איז פאַר אונדז היינט בלויז שאַנדע.

מיר, די פּוילישע חברה האָבן למשל דערמאָנט וועגן דער אין רוסלאַנד אָנגעוואָרפענער אויספאָרשונג, ווי אויך האָבן מיר אָנגעוויזן אַז, במשך פון דעם אין תפיסה זיצן, האָבן נאָך נישט בייגעווינט אַ פאַל פון באַפרייען אַן אָנגעקלאָגטן. אַלע אַרעסטאַנטן זענען, ווי די רוסן זעלבס זאָגן: „אויב געפינסט זיך אונטערן תפיסה־שלאָס מיטן זעלבן ביסט פאַרמשפּט!"

אין מיר פערזענלעך איז נאָר געווען אומעט, ווידער שטאַרקער פאַרדרוס, ווידער שטאַרקער פאַרוואָס, ווידער האָב פאַר זיך דערזען דעם נישט יושר פון דער סאָוויעטישער געשאַפענער ביוראָקראַטישער ווירקלעכקייט.

ווידער שוין צום וויפלסטן מאָל תפיסה, אַזעלכע מחשבות האָבן מיך מער געמאַכט אומעטיקער. ווידער ווי דעמאָלט אין שטאָט קיראָוו האָב פאַרגלייכט די געשאַפענע סאָוויעטישע געזעלשאַפט מיט דער יענער באַקאַנטער אין פּוילן. דאָס פּוילן, דאָס אַזוי פאַרשריגן פון דער סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע. האָב איך זיך געטראַכט, דאָס פאַשיסטישע פּוילן, וועלכעס האָט אויך געמאַטערט טויזנטער אַרעסטאַנטן, איז פאַרט, בשעת דער אויספאָרשונג פונעם אַרעסטאַנט געגאַנגען אין וועג פון געפונען אַ פאַרגרינגערונג פאַרן אָנגעקלאָגטן אַרעסטאַנט. דאָרטן אין פּוילן איז די אויספאָרשונג געווען מער ליבעראַל, וועלכעס איז בכלל נישט צו פאַרגלייכן מיטן איצטיקן רוסישן, פּראָלעטאַרישן, אין רוסלאַנד איז נאָר פאַראַן

אַ טענדענץ דיך, פאַר יעדן פּרייז באַשולדיקן. אַפילו נישט שולדיק פאַרט שולדיק דאָ, אין רוסלאַנד ביסט בעל כורחו פאַרמשפּט.

אין רוסלאַנד איז דער שטראָף־קאָדעקס אַן אַנגעוואָרפענער פּסק הדין, דאָ, איז נישט פאַראַן קיין חקירה, קיינער קימערט זיך נישט אין באַווייזן דיין אומ־שולד, די געשטעלטע אין רוסלאַנד רעגירונגס־אַדוואָקאַטן אָדער בכלל די דאָרטן פּאַרטיידיקונגס־אַדוואָקאַטן, זענען אין אַלגעמיין קיין קלענערע פאַרברעכער אין באַצוג צום אָנגעקלאָגטן, זייער פּאַרטיידיקונגס הייסט: בעטן ביים געריכט אַ קלענערן פּסק הדין, אָבער חס וחלילה צו באַווייזן דיין אומשולד בפרט פאָדערן באַפרייען דעם אָנגעקלאָגטן.

אין רוסלאַנד איז פאַראַן אַ נאָרמע. אַזעלכעס גילט אומעטום, און אַזאַ נאָרמע אויסאַרבעטן דעם רעגירונגס־פּלאַן הייסט פאַרן געריכט וואָס מער באַשטראָפן מענטשן. מאַכן זיי פאַר אַרעסטאַנטן אין דעם זין הייסט דאָרטן פאַר זיי אין רוסישן געריכט אַ נאָרמע. וועגן אַזעלכע נאָרמעס רעדן זיי אין רוסלאַנד אָפן און קלאָר.

אַמאָל אין פּאָשיסטישן פּוילן האָב איך געהערט פון אַזעלכעס, וואָס הייסט פאַרהענגען דאָס אויספירן אַן אַרויסגעטראָגטן אורטייל, אָדער האָב געזען פאַלן, וואָס אין קאָנסעקווענץ פון אַ געוויסער שתדלנות פלעגט מען באַפרייען אַן אָנגע־קלאָגטן און שיקן אַזעלכן אַהיים אויף דער פרייהייט. אַזעלכעס אָבער איז אין רוסלאַנד נישט פאַראַן, עקזיסטירט נישט. דאָ, אין רוסלאַנד מוזט אַלס אָנגעקלאָגטער ווערן געברענגט אין לאַגער, אַרבעטן און געבן דיינע פאָרדינסטן דער רעגירונג. דאָס אָן אַ שום פאַרוואָס.

מענטשן ווייסן צו דערציילן אַז, בשעת דאָרטן די געפירטע גרויסע פּאָליטישע פּראָצעסן אין, וועלכע מען האָט פאַרמשפּט דעמאָלט די חברים פון „גרויסן" י. סטאַלינען, וועלכער איז געווען אייגנטלעך דער אינספּיראַנט פון אַלע די פּראָצעסן איז ער י. סטאַלין דערגאַנגען צו אַזאַ נידערטרעכטיקייט, וועלכעס האָט געהאַט דעם גרעסטן רשעות וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם אַז, ער סטאַלין האָט צו זיך געהייסן אַריינפירן זיינע חברים — די קרבנות פאַרן טויט בכדי מיט זיי רעדן און פאַרשטענדלעך איבערלאָזן ביי זיי דעם איינדרוק פון מענטשלעכער האַרציקייט און אַוודאי חברישקייט. אַזאַ מין רשעות פון נידערטרעכטיקסטן גראַד האָט געקענט זיך איינשאַפן אַ בייזער דעספּאָט און מענטשלעכער רשע פון פּרימי־טיווסטן מענטשן־סאָרט.

אין רוסלאַנד איז אַזאַ זאַך היינט אַ מאָראַלישער יסוד פון דער דאָרטיקער געזעלשאַפט, וועלכע מען רופט ראַטנפאַרבאַנד, אַ געזעלשאַפט וואָס האָט קיין שייכות מיטן וויסענשאַפטלעכן מאַרקסיזם און לעניניזם בפרט מיט דער ניבע אויסגעקעמפטער נייער יושר וועלט.

דאָס תפיסה לעבן אין רוסלאַנד איז פאַר יעדן גלייך — צוגלייך מיטן אַריי־בערטרעטן די תפיסה־שוועל זעט מען אין דיר שוין דעם פאַרברעכער. דעריבער אַלס אַזעלכער מוזט זיך אויסקויפן אַפילו פון נישט דיינע באַגאַנגענע זינד. אַזעלכעס איז ציניזם פון עכסטער מדרגה און דאָס ליגט פאַרבאָרגן אין יענעם דאָרטן אַלגעמיינעם עקזיסטירנדיקן הערשונגס־רעזשים און אַלס אַזעלכער, ווערט דאָרטן אָנגעוואָנדן ביי דער גאַנצער שררה, אָנהויבנדיק פון לאַגער־נאַטשאַלניק ביזן קלענסטן קאָנוואָי־סאָלדאַט און ביזן געשטעלטן איבער דיר פאַרמשפטן אַרעסטאַנטן־בריגאַדיר און דער בריגאַדיר האָט די פולע רעכטן, דיך אַלס אַרעס־טאַנט, פאַרגוואַלדיקן אין זיין דערלויבטער בריגאַדיר־אַרבעט, ווייל דער ברי־גאַדיר איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער לאַגער־שררה. אַלעס דאָס ווערט דאָרטן געטוען אונטער די לאָזונגען: „אַלץ פאַרן פאָטערלאַנד, פאַרן זיג, פאַר דער פאַרטיי" און אין עיקר אַלע די אויסגערעכנטע לאָזונגען זענען געטוען אין נאָמען פון גרויסן מעכטיקן פאָטער דער מענטשהייט דעם „גרויסן" י. סטאַלין.

דעריבער צוליב אַזעלכע גרויסע און וויכטיקע אידעען מעג זיין דער אַרעסטאַנט פאַרמשפט, מעג ווערן געשלאָגן, געפייניקט און דערנידעריקט, צוליב אַזעלכע גרויסע וויכטיקע אידעען, מעג דער אַרעסטאַנט גיין נאַקעט און באָרוועס אין קאַלטן פראָסטיקן ווינטער. נאַקעט אין כלאַפּענדיקן רעגן גאַס, הונגעריק און דורשטיק און מעג לעבן אין חיהשע באַדינגונגען אבי אין עיקר זאָל אַרבעטן, דאָס ביזן לעצטן נשמה־אָטעם.

יעדער דאָרטן אַרעסטאַנט איז אַן אינדיווידואום, קיינער טאָר זיך און קאָן זיך פאַר אים איינשטעלן, עס איז אויך נישט דערלאָזט, קיינע גרופּען און קאָלעק־טיוון. וועגן דעם לעצטן דאַרפסט זיך איבערהויפּט היטן, ווייל עס קאָן חלילה ווערן אויסגעטייטשט ווי אַ פּאָליטישער קעגנערשאַפט צו דער רעגירונג. דעריבער אַוודאי באַדאַרפסט זיך היטן בכדי נישט ווערן נאָכאַמאָל אין לאַגער באַשולדיקט.

אין שייכות מיטן טאָקע עקזיסטירנדיקן אין די זייערע אויסבעסערונגס־לאַגערן פאַרברעכערישקייט איז פאַראַלעל צו דעם, דאָרטן אָנגעוואָנדן אַ מין סאַ־דיזם פון נידעריקסטן סאָרט און גראַד, וועלכער האָט אין זיך נישט קיין קלענערע שטופע פון ציניזם, למשל די דאָרטיקע אויף דער פרייהייט צווישן מענטשן ווענדונג „חבר" איז דאָ אין די לאַגערן פאַרוואַנדלט אין „בירגער" ווי: בירגער נאַטשאַלניק, אָדער בירגער קאָנוואָי, דאָס הייסט אז, ער דיין נאַטשאַלניק איז אַ מין בירגער, פאַרקערט דו, אַרעסטאַנט ביזט עפּעס פון אַן נידריקן מענטשן־מדרגה אַ מין קנעכט. דאָ, אין די לאַגערן איז איבערהויפּט נישט פאַראַן קיין רחמנות צו קיינעם. קיינער קאָן דיר נישט העלפן, ווען למשל באַגרייפסט נישט אויסאַרבעטן דיין טאָג־נאָרמע, אָדער ווער קאָן דיר אַרויסהעלפן ווען מען האָט

דיר דיין פּייקע ברויט ממש פאַר די אויגן צוגעגנבעט, ווייל דאָ איז פּרימיטיווסטער מענטשלעכער קיום־קאַמף, דאָ איז גרויזאַמער געזעץ, דאָ שטייט די פראַגע: זיין, אָדער נישט זיין.

דאָרטן אין די זייערע אויסבעסערונגס־לאַגערן בין צופעליק געווען אַן עדות, ווען בשעת אין דאָרטיקן לאַגער לעבן איז בלית ברירה געקומען צו אַזאַ צייט אַז, די לאַגער־מאַכט האָט באַשלאָסן „אַקטירן" פון די דאָרטיקע לאַגערן די קוים גייענדיקע אויף די פיס אַרעסטאַנטן. אַזעלכע זענען געווען אַרעסטאַנטן מוזולמאַנען, באַשולדיקטע אין נישט וויכטיקע אורטייל־פּאַראַגראַפן. אָבער בלויז נאָר אַזעלכע, וועלכע האָבן שוין נישט געקענט געבן דער רעגירונג קיין שום אַרבעטס־קאַמפּענ־סאַציעס פאַר אַפילו זייער ברויט־פּייקע באַקומענער אין דאָרטן אַרבעטס־לאַגער.

„אַקטירן" האָט געהייסן אַ מעדיצינישע קאָמיסיע פון לאַגער־רופאים, וועלכע אינאיינעם מיטן לאַגער־נאַטשאַלניק באַשטעטיקן אַז דער, אָדער יענער אַרעסטאַנט איז נישט מסוגל פיזיש צוליבן סכנהדיקן צושטאַנד אַרבעטן, דעריבער בעטן זיי באַפרייען אַזעלכן פון דעם לאַגער.

אַזוי אַרום אין אַ שיינעם טאָג איז געקומען די מעדיצינישע קאָמיסיע און אָנגעהויבן באַקוקן די „דיעלאָס" פון אַזעלכע אַרעסטאַנטן... דערווייל אָבער, וועגן אַזאַ מין מעשה האָבן זיך דערוווּסט די אַרעסטאַנטן־מוזולמאַנען, וועלכע זענען אָממייניסטן געווען פון די אָרטיקע אוזבעקן און אַנדערע פאַרמשפּטע פון די פעל־קער מינדערהייטן און זיי זענען געפאַלן אויף אַ המצאה און אָנגעהויבן זיך שפּייזן נאָר מיט בלויז... זאַלץ. פאַרשטענדלעך אַז, דאָס לעצטע אַרטיקל, איז צוליב דעם אויך געוואָרן אין לאַגער טייער. בכדי טאַקע צו באַקומען דאָס זאַלץ, האָבן אַזעלכע אַרעסטאַנטן אַוועקגעגעבן זייערע טאָג־פּייקע. צום סוף פון אַזאַ מעשה איז געווען אַז די אַלע אָפּגעמאַטערטע אַרעסטאַנטן מוזולמאַנען האָבן פון עסן נאָר זאַלץ ממש געפאַלן אין די הונדערטער ווי אין אַ ממש מגיפה, געוואָרן געשוואָלן און געש־טאָרבן. ממש מען האָט נישט געזדאַנזשעט די טויטע קערפּערס אַרויסטראָגן. פרעגט זיך, ווער האָט זיך וועגן אַזעלכעס זיך געקימערט. מען האָט אַפילו די מעשה נישט אויסגעפאָרשט. צוליב וואָס, פעלט זיי מענטשן?

אין דעם דאָרטן אויסבעסערונגס־לאַגער איז די מאָראַל פון גרעסטן ציניזם, אַדאַנק דעם, איז דאָרטן אַלץ דערלויבט, עס איז דערלויבט אָנצווענדן אַלע מיטלען בכדי אויסקוועטשן דעם סאַק פון אַרבעטער. דעריבער זענען אַזעלכע מיטלען פון אָנגעוואַנדענעם טעראָר מצד די בריגאַדירן איז אויך אַוודאי און אַוודאי דערלויבט. איז די דאָרטיקע לאַגערן זענען אַלע אַרעסטאַנטן גלייך, דאָס הייסט אַלע זענען אָן רעכט אַלע זענען נאָר אַ ווערקצייג צו שאַפן אַרבעטער־ווערטן, אָנהויבנדיק

אין דער מיליטער־אינדוסטריע ביז די גרעסטע ;ויסנשאַפטלעכע נויטיקע אַרבעטן געשאַפן פון אַרעסטאַנט.

אַלע אַרבעטן אין די לאַגערן זענען געטוען מיט די אַרעסטאַנטן הענט אַנהויבנדיק פון זיך איינשאַפן שפּייז ביז דער דאָרטן שאַפנדיקער מיליטער פּראָדוקציע. אַפילו וויסענשאַפטלעכע אַרבעטן, זענען אויך געטוען מיט אַרעסטאַנטן הענט, ווייל אַלע דאָרטן לאַגערן זענען זעלבס זיך אויסהאַלטנדיק אויטאַרקיש. אַזעלכעס איז סיי אינערלעך און סיי אויסערלעך. אַזוי טאַקע האָב באַגעגענט אין דער טאַש־קענטער לאַגער נעץ אין אַ פּלאַץ, וועלכעס הייסט: „סאַנגאַראַדאַק״ האָב געטראָפן נאָך צו יענער צייט מענטשן פון די אַמאָליקע פּראַצעסן די באַרימטע „רייניקונגס־פּראַצעסן״ אַזעלכע זענען צווישן זיי געווען אַ סך פון די מעדיצינישע אַרבעטער, באַשולדיקטע באַרימטע פּראָפעסאָרן און רופאים, וועלכע האָבן געאַרבעט סיי ביי פיזישע און סיי אַנדערע סאַניטאַרע מעדיצינישע אַרבעטן דאָס נאָר פאַרן שטיקל באַקומענעם פייקע ברויט. דאָרטן אין זייערן סאַנגאַראַדאַק־לאַגער האָב געזען אַ מין הערשענדיקן פּרימיטיוון לעבענס־קאַמף פאַר מענטשלעכן פּשוטן לעבענס קיום.

אַזאַ מין פּרימיטיוון לעבענס־קאַמף איז געווען אַזוי אויסדריקלעך צווישן די דאָרטן קוים לעבעדיקע אין די דאָרטן קראַנקן פּאַלאַטן אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען געשטויסן געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער מאַכט צופירן אַזאַ מין „דאָס זיין קאַמף״. דאָרטן טאַקע האָב געזען נעמלעך, ווי מענטשן קוים שוין די פיס שלעפנדיקע אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט אוניווערזיטעט טיטולן האָבן זיך ממש אין לעצטן זייערן לעבענס געראַנגל געריסן איבער אַ שטיקל שוואַרץ ברויט פון אַן ערשט פאַרשטאָרבענעם זייערס אין פּאַלאַטע חבר, וועלכער פאַרשטאָרבענער איז נאָך געלעגן אין פּאַלאַטע אַפילו נישט קיין אָפּגעקילטער און נאָר געווען פאַרדעקט מיטן זיין פאַרשפּיגן פון בלוט קאָץ. געווען איז אַזעלכעס ממש אַ רחמנות נאָר צוקוקען. אָט צי וואָס די דאָרטן אין רוסלאַנד סאָוויעטישע יושר־וועלט האָט צוגעברענגט, די בירגער פון זייערן סאָציאַליסטישן גן־עדן!

☆

דאָס לעבן פון דער אורגענטשער תּפיסה איז געווען דערשלאָגן און אַפּאַטיש דערצי האָט דאָרטן משפּיעה געווען די הייסע און גענדרענגטע דאָרטן קאַמער־לופט, אויך האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן אָפּפילן דער הונגער, וועלכער האָט אָנגעהויבן מיך נאָגן און מוטשען. די טאָג־פּייקע איז געווען שוועער און נאַס. עס איז געווען אַ ברויט פון פאַרשידענע מעלן: גערשטן, קוקורודזע און סתם קלייען. די ערשטע צייט פון מיין דאָרטן זיצן איז געווען אין אַ נעפּלדיקן מחשבות־געפּיל און רעאַלער

תפיסה ווירקלעכקייט. מיין קאָפּ איז געווען פאַרנומען מיט פאַרשידענע קעגנזעצלעכע ווידערשפּרוכן און פול איז געווען איבערפולט מיט אַזעלכע וועגן דעם מחשבות, וועלכע זענען מיט דער צייט געוואָרן אַרויסגעשטופּט פון דער רעאַלער תפיסה ווירקלעכקייט, וואָס האָט געהייסן אָפּגעשיילטע תפיסה ווענט און אַרום מענטשן אין אָפּגעריסענע מלבושים, צעריסענע מאַטראַצן. דאָס רעאַלע האָט געהייסן טאָג־טעגלעכער געדעמפּטער מענטשלעכער שווייס פון די אָרעמע אויסגעדאַרטע מענטשלעכע קערפּערס. דאָס רעאַלע איז געווען צוויי מאָל אין טאָג הוילע וואַסער־זופּן און דאָס שטיקל שוואַרץ ברויט געגעבן אין דער פרי.

דאָס געבן אין דער פרי דאָס שטיקל שוואַרץ ברויט איז געווען אַ גאַנץ געשעעניש, יעדער אַרעסטאַנט האָט דאָס ברויט אין האַנט געמאָסטן און געוויגן, ווי עפּעס אַ נישט דערגרייכט צאַצקעלע. עפּעס ווי דאָס טייערסטע אין דער וועלט זאַך. אַזעלכעס, וועלכעס מען קאָן זיך קוים איינשאַפן. טויזענט מאָל פלעגט יעדער אַרעסטאַנט אין דער תפיסה זיך פרעגן פאַרוואָס זייענדיק אויף דער פריי האָט נישט געקענט אָפּשאַצן אַזעלכעס, וואָס איז ברויט ?! איצט דאָ, אין תפיסה ברויכט מען וואַרטן אַ גאַנצן מעת־לעת אויפן שטיקל שוואַרצן ברויט, וועלכעס יעדער איינער אַרעסטאַנט האָט עס אַזוי שטאַרק באַגערט, און וועלכעס מען עסט בסך הכל אויף אין געציילטע פּאָר מינוטן, ווען בשעת מעשה האָט זיך יעדער געקלערט אַז ער וואָלט נאָך אַזעלכע פּייקעלעך ברויט געקענט אַ פּאָר מיט אַמאָל אויפעסן.

די מערהייט אַרעסטאַנטן האָבן דאָס ברויט אַראָפּגעשלינגען אַפילו נישט באַקוקט די קוואַליטעט פונעם ברויט, אָבער די דאָרטן זיצענדיקע אוזבעקן און קאַזאַכן, די וועלכע, באַקומען פון דער היים עס־פּערעדאַטשעס, האָבן דאָס ברויט געקייעט צעברעקלענדיק עס אויף קלענערע כזיותן און געמיטלעך מיט דער צונג עס געקייעט. דאָרטן אין רוסלאַנד אין זייערן ערציאונגס־סיסטעם האָבן געקענט דיר אַריינגעבן דאָס באַדייט פון דעם וויכטיקייט פון ברויט, דאָרטן האָבן דיך געלערנט וואָס א אמת הייסט לעבן. אין אַלגעמיין גענומען ווען ברויכסט זיצן אַ גאַנצן טאָג פאַרקאַטשעט אַרום זיך די פיס און פאַרזינקן אין בלויז מחשבות, וועגן נאָר איינעם, ווי דאָס איז: זאַט זיך אָנעסן דאָס מיט אַ אָפּגעגאָסענעם פון שווייס קערפּער איז דיין שטימונג נאָר אַפּאַטיש. אַפילו דאָס אונטערהאַלטן זיך מיטן שכן נעבן דיר ווערט אויך דערעסן, ווייל יעדער האָט דאָך זיינע אינערלעכע האַרץ יסורים, ווייל יעדן טועט וויי, זיין תפיסה אַרעסט.

נעבן מיר פון ביידע זייטן זענען געזעסן פּוילישע יידן, שוין פאַרמשפּטע, ביידע האָבן געוואַרטן אויפן עטאַפּ, זעלבס זענען געווען אין גרעסטן פאַרצווייפלונג און האָבן זיך שוין געבעטן אין לאַגער פאָרן. ביידע האָבן גרויסע אורטיילן, וועלכעס, פרעגט זיך האָבן מיר זיך געקענט קעגנזייטיק געבן ווי נאָר אַ טרויי־

מערישע האָפענונג? פאַר מיר דערווייל זענען די מיינע שכנים פוילישע יידן געווען אַ גרויסע פרייד עס האָט דאָך אונדז געטרייסט אַ בשותפות גורל. וועזענטלעך איז די תפיסה אַלס אַזעלכע מיר געווען שוין באַקאַנט למשל פון פוילן און פון דער נישט באַקאַנטער פאַרגאַנגענהייט אין שטאָט קיראָוו דאָך, האָט די תפיסה געהאַט פאַר מיר אירע פיינלעכע ווירקונג, ווייל בפרט דאָ אין רוסלאַנד, ווען עס איז נאָר פאַראַן אין אַלטערנאַטיוו, דאָס, וועלכעס הייסט ווערן פאַרמשפט, באַקומען אַן אורטייל. צווייטענס דאָ אין רוסלאַנד ביז ווי אַ עפּעס אַ מינדערווערטיקע זאַך. אַן אָביעקט און נישט קיין מענטש. דריטנס, אין פוילן בין איך געווען איינער פון אַ כלל פון אַ שותפות און פון אַ קאָלעקטיוו, עפּעס פון אַ כוח און אין אַן מין כוח. דאָרטן, אין אַמאָליקן פוילן האָבן זיך יענע מושלים נישט ווילנדיק מיט דיר געמוזט אַפילו אין די תפיסה באַדינגונגען זיך רעכענען. פאַרקערט דאָ. ביסט אַן שעצונג, ווי נאָר אַ ווערקצייג און דאָס ביז דיך באַדינען די הענט.

נאָך אַ געוויסער צייט זיין אין תפיסה בין דאָרטן קראַנק געוואָרן אויף דיזענטעריע, צוליבן שווערן מצב האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין אַ ספּעציעלן קאַמער פאַר אַזעלכע קראַנקע. דאָך נישט קוקנדיק וואָס די זאַך איז געווען שטאַרק ערנסט, האָט מען קיין מעדיצינישע הילף אונדז נישט געגעבן, חוץ עטלעכע שוואַרצע סוכאַרן און אַ גלאָז זויערע מילך. אין אַזאַ אויך דעמאָלט צושטאַנד האָט מיך נאָר דערשטוינט, ווען ביי אַ געוויסער דאָרטן תפיסה אינספּעקציע פון דאָרטיקן תפיסה נאַטשאַלניק, וועלכער האָט סאַרקאַסטיש אָנגעוויזן אויף מיר דעם דאָרטיקן דאָקטאָר — אַ ייד, פרעגנדיק: פאַרוואָס איך זיץ דאָ אין קראַנקן קאַמער, אָנשטאָט אין אַן אַלגעמיינעם קאַמער? געבנדיק דערביי אַ רמז, ווייל איך בין אויך אַ ייד און טאָמער אפשר זייז פאַראַן אַ פּראָטעקציע?!

נאָכן צוריקקומען אין קאַמער האָב איך שוין דאָרטן געטראָפן אַן אַנדערן מענטשן־מאַטעריאַל, אַ מער צוגעפּאַסטן צו דער תפיסה, מיינע פוילישע זענען געווען אָפּגעפאָרן. איצט אין דעם באַשטאַנד זענען דאָרטן געווען שוין אַ סך רוסן, רעצידיוויסטן־אַרעסטאַנטן. איצט מיטן נייעם דאָרטן מענטשן סקלאַד איז אַריין אויך אינערלעכע לעבנס־פאַרענדערונגען אין קאַמער גופא. איצט זענען שוין דאָרטן געוואָרן הערשער און באַהערשטע. די באַהערשטע זענען פאַרשטענדלעך געווען די דאָרטן זיצנדיקע אוזבעקן און קאַזאַכן, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט באַקלאָגן פאַר דער דאָרטיקער תפיסה־נאַטשאַלסטוואָ, כאָטש אַזעלכעס וואָלט זיי אויך נישט געהאָלפן. אין אַזאַ דאָרטן מצב בין איך געווען אין דער תפיסה־קאַמער ביזן אונדז אָפּשיקן אין אַן אַנדערער תפיסה, אַ פיל גרעסערער אין שטאָט חיווע.

—„ניין אין עטאַפּ״, אַזוי פשוט לויטעט עס אין רוסישן, דאָס הייסט איבער־

פאַרן פון אַ תפיסה צו אַן אַנדער תפיסה, אַזאַ מין זאַך האָבן מיר דעמאָלט אין תפיסה פּלוצלינג נישט דערוואַרטן אַ דורכגעלעבט. פּלוצלינג אין אַ שיינעם זומער־טאָג האָט מען אונדז זיך געהייסן גרייטן גיין אין עטאַפּ. שטאַרק נאָך פרי האָט מען אונדז אַרויסגענומען פון די קאַמערן אַן ערך ביי 150 מענטשן, אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און מיט אַ סך באַגלייטער קאָנוואָיען, מיליטער־לייט באַוואָפנטע מיט ביקסן און מיט אַ סך געפירטע הונט. און אַזוי האָט זיך דער עטאַפּ אָנגעהויבן, געגאַנגען איז מען צופוס ווו האָט מען נישט געוווסט, ביז אָנקומען אויפן פּלאַץ. די קאָנוואָיען באַגלייטער האָבן עס אָנגערופן אַ שפּאַציר־גאַנג, אַזאַ מין גאַנג איז געווען ביי 70 קילאָמעטער וועג אין באַדינגונגען פון אַ הייסן זומער־טאָג פון מער פון 30 גראַד היץ. דער דעמאָלטדיקער עטאַפּ איז געווען שווער בפרט, ווען מיר האָבן נישט געהאַט קיין וואַסער צו טרינקען בשעתן דעם אָנגערופענעם שפּאַציר גאַנג. אויך איז דאָך געווען באַקאַנט, אַז די גאַנצע דאָרטן געגנט איז נישט שטאַרק רייך אין וואַסער, דעריבער זענען מיר געגאַנגען ממש געמאַטערט פון דורשט און די נאָך אָנגעטראָפענע וואַסער ריוועלעך נישט אויסגעטריקנט פון דער זון איז געווען דאָס וואַסער ממש ליימיק, אַזעלכעס איז ממש אַ קראַנקהייט צו טרינקען. דאָך, האָבן מיר זיך געלייגט מיטן פּנים צו דער ערד און עס דורשטיק געשלונגען. אַזאַ שפּאַציר־גאַנג אונטער אויס־געשטרעקטע קאָנוואָי־ביקסן, באַגלייט מיט בייזע הונט איז געווען שטאַרק ווייטיקלעך און פּילבאַר. די קאָנוואָיען האָבן אונדז בשעת דעם שפּאַציר גאַנץ ממש מערדערלעך געיאָגט ווי טאַקע שוין פאַרמשפּטע קאַטאָרזשניקעס. דערצו נאָך טאַקע אין דעם שפּאַציר־גאַנג זענען מיר שטאַרק צעביסן געוואָרן פון די דאָרטיקע בייסנדיקע אינזעקטן. אַזוי האָט אונדזער שפּאַציר־גאַנג געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען מיר האָבן ענדלעך דערגרייכט די שטאַט חיווע, ווו האָבן אונדז פאַרמאַטערטע איבערגעגעבן דער דאָרטיקער חיווער תפיסה־מאַכט.

דאָרטן אין חיווער תפיסה־הויף, זענען מיר נאָך שעהן לאַנג געזעסן אויף אונדזערע קניען ביז מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין די צוגעגרייטע פאַר אונדז תפיסה־קאַמערן. נאָך אַזאַ מין שפּאַציר־גאַנג, זענען מיר פאַרשטענדלעך געווען פטור פון עסן, אַזעלכעס איז געווען אַ ריינער פאַרדינסט פאַר דער דאָרטיקער נאַטשאַלסטוואָ, ווייל ווער וועט זיך קימערן פאַר אַרעסטאַנטן און אונדז געבן עסן באַנאַכט, דערפאַר האָט מען אונדז פאַרזיכערט מאָרגן באַגיטיקן און דאָס איז אויך נישט געטוען געוואָרן.

די תפיסה אין דער שטאָט חיווע איז געווען פול גרעסער ווי אין אורגענטש, די תפיסה האָט געהאַט אַ פאָרם פון אַ קאַסטן, אין וועלכער קאַסטן צורה איז געווען איינגעשלאָסן עטלעכע אָנגעבויטע שטאָקיקע הייזער מיט אַ סך גרויסע קאַמערן.

די תפיסה דאָרטן איז געווען אויפן אָרט פון אַמאָליקער אוזבעקישער מדרסיה, ווו דאָרטן האָט מען אַמאָל פאַר דער רעוואָלוציע געלערנט די אוזבעקישע יוגנט די תורה פון זייערן נביא מוכאַמעד.

דאָרטן אין דער זייערער מדרסיה האָבן די אוזבעקן געלערנט זייער פאָלקס־געשיכטע, פּראָזע און ליד, וואָס איז היינט אין פאָלק מער מינדלעך ווי שריפטלעך פאַרשפּרייט. אָבער היינט איז אויפן דעם פּלאַץ, ווו די אַמאָליקע מדרסיה נאָך דער דאָרטיקער אַדורכגעפירטע און אַריינגעפירטער ראַטנמאַכט, האָבן די דאָרטיקע הערשער פאַרוואַנדלט דאָס הויז אין אַ מער וויכטיקערן פאַרן פאָלק ציל וואָס דאָס איז אַ תפיסה.

אין חיווע בין איך מיט מיין תפיסה זיצן אַריין ממש אין אַ הונגער פעריאָד. מיין קערפּער איז געוואָרן ממש אויסגעדאַרט מיינע קישקעס מאָגען און נאָגן, פאַרלאַנגען עסן, ווייל שוין אַ קנאַפּ יאָר, ווו בין אויף אַזאַ הונגער וויקט. דאָס עסן איז אין דער תפיסה ממש הוילע וואַסער, אַמאָל קענסט אין אַזאַ תפיסה זופּ אָנטרעפן אויף אַ פאַרבלאָנדזשעטן גריינעם פּאָמידאָר דאָס אפילו קיין דער־קאָכטן. אָנפאַנגס האָב געדענקט, אַז כ׳וועל זיך צוגעוווינען אָבער גיי און געוווין זיך צו דעם צו, בשעת אקעגן דיר ליגן ממש די אוזבעקן אַרעסטאַנטן און ממש דיר אין די אויגן עסן געשמאַקע פון דער היים געשיקטע פּלעץ, אַזעלכעס נאָך טינקן אין אַ צעלאָזטע טריפעגדיקע פּוטער אָדער גאָר עסן געמאַכטן קאָמפּאָט פון געטריקנטע אַבריקאָסן. אַלעס דאָס, מער נאָך מיין הונגער רייצט און וואָס קאָן איך טוען. אפילו, מיך פון דעם אָוועקדרייען העלפט נישט, דער עסן ריח דערגייט צו מיינע חושים. פון אַזאַ הונגערן בין איך געוואָרן פיזיש שטאַרק אָפּגעשוואַכט, דערצו נאָך ברענט מיר אויס דער שווייס מיינע לעצטע קערפּער־סאָקן. פאַקטיש בין איך נאָר איינער פון גאַנצע 70 מענטשן אין קאַמער, וועלכע דאָ באַנאַנד מיט מיר זיצן אין אַזאַ הונגער־צושטאַנד אַלע אַנדערע איבערהויפּט די רוסן געבן זיך אַן עצה און אויב נישט פאָדערן פונעם אוזבעק: גיב זשראַניע׳ איך דערווידער קאָן אַזעלכעס נישט באַגרייפן אפילו אין מיין גרעסטער נויט־באַדערפעניש, ווייל נישט קאָן דראָען און אוודאי נישט מיטן כוח פונעם אוזבעק זיין ברויט אָוועקנעמען.

דאָס נישט דערעסן און גלייכצייטיק מיטן מיך פיזיש אָפּשוואַכן האָט אויך געווירקט אויף מיין גאַנצער מענטאַליטעט און אין אַזאַ דערדריקטער און הונגער שטימונג האָב איך נאָר געהאַט איין ביטע, וואָס שנעלער זאָל קומען דער משפט.

די מערהייט אַרעסטאַנטן דאָרטן אין תפיסה קאַמער זענען געווען אוזבעקן און קאַזאַכן, זיי צווישן זיך בכדי צו שיצן זיך פון די גנבים רעצידיוויסטן

האָבן זיך גרופּירט אין גרופּן פון 5 אָדער מער מענטשן און אַזוי צווישן זיך האָבן געגעסן זייערע צוגאָב עסנס די באַקומענע פון די פּערעדאַטשעס, אין וועלכע האָבן באַקומען געטרינקענע פּלעץ בכדי זאָלן קענען לענגער ליגן, אויך האָבן באַקומען געטריקענע פּרוכטן. אויך און אין טאָג פון דער פּערעדאַטשע האָבן באַקומען אַ מין עסן געקאָכט פון רייז, וועלכענס האָבן גערופן פּלאַוו. אַזאַ מין פּלאַוו האָבן די דאָרטיקע אוזבעקן געגעסן מיט ממש בלויזע הענט אַזעלכעס האָבן געטענהט איז פיל געשמאַקער און געגעסן האָבן דעם פּלאַוו אַזש די קינבאַקן האָבן זיך ביי זיי געמאַרשטשעט, ווייל יעדער איינער פון די שותפים האָבן זיך געפּלייסט אין דעם עסן אַריבעריאָגן.

שפּעטער נאָכן זיך גוט אָנעסן מיטן פּלאַוו, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ סך קילאָ וואָג האָט אַזאַ איינער אוזבעק, וועלכער האָט באַקומען די פּערעדאַטשע אַרויסגענומען פונעם ברויט־זאַק, צוויי אָדער דריי קלענערע אויסגעטרוקנטע פּלעצלעך און זיי אויף אַ גרויסן טעלער צעבראָקלט אין קליינע ממש כזיותן אַרומגעטיילט דעם זיצנדיקן עולם אין קאַמער.

די גרעסטע טייל פון די דאָרטן זיצנדיקע אוזבעקן זענען געווען נאָך שטאַרק פּרימיטיוו, אַממייסטן געווען פון די דאָרטן קאָלכאָזן, צו די דאָרטן באַהערשער די רוסן האָבן געהאַט אַ פייגטלעכע באַציאונג און האָבן געהאַלטן די רוסן פאַר באַטריגער און אונטערדריקער, אָבער אין דער פיינטלעכער באַציאונג צו די רוסן זענען נישט מער ווי פּאַסיוו געווען.

אַזוי אין אַזאַ געזעלשאַפט האָב איך געלעבט מער ווי אַ יאָר, געלעבט האָב טאַקע ווי אין אַ קלאַסן געזעלשאַפט פון צוויי באַזונדער עקאָנאָמישע קאַטעגאָריעס, אַזעלכע, וואָס עסן ברויט צו דער זעט און ווי איך טאַקע ממש הונגער.

אַמאָל אין קאַמער אין אַ שטאָק פינסטערער נאַכט זענען מיר אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ פאַרצווייפעלטן געשריי פון אַ דאָרטיקן אַרעסטאַנט אוזבעק, וועלכער האָט געשריגן: רוס וואר, רוס נאן! באַדאַרפן האָט אַזעלכעס הייסן אַז מען האָט אים פון הונטערן קאָפּ דעם זאַק מיטן ברויט באַנאַכט אַוועקגעגנבעט. דער געשריי איז געווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז דער גאַנצער אַרעסטאַנטן קאמער איז ממש אויפגעוועקט געוואָרן פון שלאָף. דערקעגן האָבן די גנבים אין קאַמער געשריגן: „שלאָף הינטישער זון, עס איז דאָך נאַכט”! אַזוי איז טאַקע די מעשה דערווייל ביזן אין דער פרי געוואָרן איינגעשטילט. פאַרטאָגס ביים אַפּעל האָט מען געפונען דעם זאַק מיט דעם ברויט פון וועלכן אַ העלפט האָט שוין געפעלט. נעבן דער טיר נישט ווייט פון דער פּאַראַשע. געוווסט האָט מען בפרט די דאָרטיקע אַרעסטאַנטן אוזבעקן, וועמענס אַרבעט דאָס האָט געקענט זיין. אָבער גיי און פּרוביר זיך באַקלאָגן פאַר דער תפיסה

מאַכט, כאָטש אין אמתן געזאָגט וואָלט אַזאַ מין באַקלאָגן זיך נישט געהאָלפן, ווייל דער תּפיסה מאַכט איז אַזאַ מעשׂה בכלל נישט געלעגן שטאַרק אין אינ־טערעס וועגן אַזאַ ענין אינערלעך אין קאַמער אַריינמישן זיך. דער סוף פון אַזאַ ענין איז געווען, אַז פון דעם טאָג און ווייטער האָבן די דאָרטיקע אוזבעקן אָפּגעטיילט אַ גאַנץ היפּש ביסל פון די באַקומענע פּערעדאַטקעס עסענס פאַר די זיצענדיקע דאָרטן גנבים רעצידיוויסטן. אַזוי איז טאַקע איינגעפירט געוואָרן אין קאַמער אַ גוואַלט כּוח און אַזוי זענען געוואָרן הערשער און באַהערשטע.

ענדלעך זעצט פאַר זיין דערציילונג מאָניעק, איז געקומען דער טאָג פון אונדזער משפּט. אויף דער באַשולדיקונגס באַנק זענען געזעסן איך, מיין שותּף משה און די פּרוי, וועלכע בשעתן אַרעסטירן מיין שותּף משהן אויף דער גאַס איז געווען מיט אים באַנאַנד. איז עס נישט קיין טראַגי־קאָמעדיע? די פרוי איז אַזוי טאַקע נאָך אין דער תּפיסה געוואָרן צום טויט דערמאָרדעט אין אַ געשלעג, וועלכן זי האָט געפירט מיט אַ דאָרטיקן היטער פון דער תּפיסה. אַזעלכעס האָט מען מיר שפּעטער דערציילט. אַזאַ וערט האָבן די דאָרטן זיצענדיקע אַרעסטאַנטן בכלל אין די סאָוויעטישע תּפיסות און אויך אין זייערע אַרבעט לאַגערן.

די באַשולדיקונג קעגן אונדז איז באַשטאַנען אין דעם וואָס אין געשעדיקטן וויין־פאַס האָט געפעלט בסך הכל 40 ליטער וויין, אַזעלכעס האָבן מיר געוווּסט בשעתן אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג און אין טאָג פון משפּט אָדער עטוואָס פריער האָבן אונדז אויך צוגעשריבן וועגן דעם, אַז עס פעלט עטלעכע קילאָ טיי פון דער אונדז אַהין אין דער זעלבער פּראָמאָרגאַניזאַציע געבראַנגטער(!) וואָס שייך אונדזערע עדות דערקלערונגען, ווי אויך אונדזערע אונטערגע־שריבענע אַקטן, ווי אויך דעם אַקט וועגן דעם געשעעניש מיטן פּלאַצן דעם פאַס וויין האָט דאָס געריכט בכלל נישט גענומען אין אַכט צו באַטראַכטן.

פרעגט צו אַזעלכעס, ווי דאָס פעלן פון 40 ליטער וויין און אפילו עטלעכע קילאָ טיי קאָן ווערן אַ באַזיס פאַר אַ באַשולדיקונג פון אוסטאַוו 7־טן אויגוסט, וועלכער לויטעט: אַ צעטרענצלונג פון דעם סאָציאַליסטישן אייגענטום ?! אָבער אזוי, טאַקע איז, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז אויב דיין נאָמען פיגורירט נעבן דעם פּאַראַגראַף פון דער באַשולדיקונג איז גענוגענד בכדי דיך אין דעם באַשטראָפן!

דאָס געריכט איז באַשטאַנען פון אַ ריכטער און נעבן אים פון ביידע זייטן זענען געזעסן צוויי אוזבעקישע מיידלעך, וועלכע האָבן קוים פאַרשטאַנען די רוסישע שפּראַך, אין וועלכער זענען פאָרגעקומען די געריכטס פאָרשונגען. די צוויי אוזבעקישע מיידלעך דאַרפן באַשליסן און אויפקלערן דעם ענין פון

דעם ווייַן פּאַס אַדורכלייענען עטלעכע אונטערגעשריבענע אַקטן און אויסהערן אונדזערע טענות, אָבער אַזעלכעס איז צופיל פאַר זיי די סאָוויעטישע פאַרשטייער פון סאָוויעטישן געריכט אין באַשטאַנד פון אַזעלכע צוויי אוזבעקישע מיידלעך. וועלכע דאַרפן באַשליסן דעם גורל פון דריי אומשולדיקע מענטשן. די צוויי אוזבעקישע מיידלעך וויסן פון פאַראויס ווי אַזוי באַגיטיקן דעם פאָלקס צאָרן אַקעגן אַזעלכע פושעים, וועלכע צעטרענצלען זייערן פאָלקס סאָציאַליסטישן אייגנטום!?

דער צערעמאָניאַל פונעם משפט האָט געדויערט נישט מער ווי אַ האַלבע שעה. דער געשטעלטער אַדוואָקאַט איז געווען נישט מער ווי אַ זייפן בלאָז. אַזעלכעס טוען דאָרטן כדי צו צייגן דער וועלט אין גערעכטן סאָוויעטישן משפט. די דאָרטיקע אַדוואָקאַטן בשעתן משפט בעטן שטענדיק נאָר דעם מינימום פון אַ פּסק הדין פאַרן אָנגעקלאָגטן, עפּעס אַנדערש למשל אַרויסווייזן אונדזער אומשולדיקייט איז איבערהויפּט אַזעלכעס קומט נישט צום באַטראַכט, ווייל אַזעלכעס טאָרן נישט פאַרן סאָוויעטישן געריכט באַווייזן און ברענגען צו קענטעניש. דעריבער טאַקע איז אונדזער פאַל האָט דער אַדוואָקאַט דער געשטעלטער פון דער רעגירונג געפאָדערט דעם מינימום פון אַ גזר הדין פאַר אונדז אָנגעקלאָגטע, וועלכעס לויטן פּאַראַגראַף פון אונדזערן באַשולדיקונג האָט געהייסן נישט אַנדערש ווי גאַנצע 10 יאָר תּפיסה־שטראָף, ווייל דער אוסטאַוו 7־טער אויגוסט האָט צו יענער צייט געהאַט נאָך צוויי אופנים פון אַ גזר־הדין: מאַקסימום טויט־שטראָף און מינימום 10 יאָר תּפיסה שטראָף. דעריבער איז טאַקע פאַר אונדז געגעבן געוואָרן אַ פּסק הדין פון נאָר בלויז 10 יאָר תּפיסה־שטראָף!

אַזאַ גזר הדין פון 10 יאָר תּפיסה שטראָף פאַר דריי אומשולדיקע מענטשן, האָט מיך אינגאַנצן אויפגעטרייסלט, אַזאַ שטראָף האָט געהייסן צען יאָר צוואַנגס אַרבעט אָן מענטשלעכן באַשיצונג אין גרויזאַמע נישט מענטשלעכע באַדינגונגען און ווי אויך מיט פיזישן זיך איבער דיך איזדיעקעווען. אַזאַ תּפיסה שטראָף הייסט דיך אָפּגעטויטעט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט און אַ טייל פון דיין גאַנצן לעבן, אַזאַ שטראָף הייסט לעבן אָן אַ נאָמען, אַ לעבן ווי נאָר פיגורירסט אין אַן אַקט פון אַ באַרימטן אוסטאַוו אין וועלכן דער עיקר איז דיין שטראָף אין גרויס פון 10 יאָר. דעריבער ביסט אַ דערלויבטער קרבן צום מאַטערן און אויב עס וועט מיט דיר עפּעס חס־וחלילה פּאַסירן וועט מען אין דער דיין „דיעלאָ״ צושרייבן נאָך אַ וואָרט: „מער געפינט נישט זיך אַזעלכער!״

איצט בין שוין אַ פאַרמשפּטער, אונדזער באַגאַזש איז 10 יאָר תּפיסה

שטראָף און איצט וואַרטן מיר אויפן תפיסה עטאַפּ, איצט האָבן מיר געוווּסט וועט מען אונדז לאַנג צו באַלאַמוטשען נישט געבן, איצט איז די צייט צו באַצאָלן דער מדינה פאַר דעם נעבעך אונדז אַ יאָר אויסהאַלטן אויף איר קאָסט. די רעגירונג נעבעך באַגערט אונדזער אַרבעט דאָס הייסט אונדזערע געשאַפענע אַרבעטס־ווערטן ווייל אַזעלכעס איז דאָך ריינער פּראָפיט, דאָס איז דאָך פּאַרט דער אַזוי גערופענער געשאַפענער דאָרטן לאַנדס רייכטום. איצט דעריבער וואַרטן מיר אויפן עטאַפּ אַהין קיין טאַשקענט, דאָרטן אין דער אַרעסטאַנטן פּערעסילקע, וועגן וועלכער די דאָרטן זיצענדיקע גנבים רעצידיוויסטן האַלטן נאָר אין איין רעדן פון איר דער טאַשקענטער פּערעסילקע.

☆

טאַשקענט איז אַ צענטראַל נערוו אין דער רוסישער דאָרטן אַרעסטאַנטן וועלט און די דאָרטן אַרעסטאַנטן פּערעסילקע דינט פאַר דער גאַנצער רוסישער מיטל אַזיע. די פּערעסילקע איז אויף אַ גרויסן שטח מיט אַ סך אויפגעשטעלטע באַראַקן מיט גרויסע אַרום און אַרום מויערן, וואַכן־ווישקעס און שטעכל דראָטן, אויף די וואַכן ווישקעס זענען שטענדיק די זייערע היטער־קאָנוואָיען. דער פּערעסילקע שטח פאַרנעמט אַ סך קילאָמעטער קוואַדראַט. געווען איז די פּערעסילקע ווי אַ מדינה אין אייגענעם רשות. אינערלעך ממש טויזנטער מענטשן אַרעסטאַנטן, עס האָט געררישט ווי אין אַ בינשטאָק: עטאַפּן אַריין און עטאַפּן אַרויס, בלויז נאָר אויסרופן פון נעמען, בלויז נאָר רשימות און בלויז נאָר קאָנוואָיען און מיליטער לייט. אַרעסטאַנטן פאָרן און אַרעסטאַנטן קומען ממש אַן עקספּאָרט און אימפּאָרט געשעפט. אינערלעך איז נאָר אַ יאָגעניש. יעדער איז דאָרטן ווי אָן צייט, אָבער צווישן די טויזנטער אַרעסטאַנטן די שטענדיק דאָרטן זיצענדיקע אויף די זייערע קניען פילט זיך דווקא נישט אָפּ דער דאָרטיקער קאָנוואָי געיעג.

אַזאַ זיצן אויף די קניען איז געווען ממש באַפעל פון די דאָרטיקע לאַגער מושלים, ווייל אין אַזאַ צושטאַנד זעט דער דאָרטיקער קאָנוואָי סאָלדאַט אַלע פון אים געפירטע אַרעסטאַנטן מענטשן און דער עיקר זייערן יעדן באַוועג. עס איז טאַקע אַזאַ זיצן אויף די קניען אַביסל ווייטיקלעך פאַרן אַרעסטאַנט, אָבער וואָס אַרט אַזעלכעס דעם פאָרשטייער פון יענער לאַגער מאַכט.

דאָ, אין דער טאַשקענטער פּערעסילקע זענען פאַראַן אַרעסטאַנטן פון דער גאַנצער רוסישער גרויסער מדינה אפילו פון ווייטן קאַלטן סיביר און פון אַלע באַזונדערע דאָרטן באַפעלקערונגען, און אין דעם גרויסן פילפאַרביקן מענטשן־ים, שווימען אַרום, ווי אייגענע די דאָרטן רוסישע גנבים, וועלכע

זענען די דאָרטיקע עליטע איינוווינער, וועלכע זענען שוין צום וויפלסטן דאָרטן מאָל. דאָס זענען זיי, וועלכע רופן זיך, לויטן קערפּער אייגנשאַפט־: רודאַזיוס זאַאיקעס, קולאַוועס, דאָרטן אין דעם גרויסן מענטשן געדרודער איז זייער אמתער פּראַאיזוואַל זייער אמתע סטיכיע. דאָ, אין דער מענטשן כוואַליע באַגעגענען פרייַנט פון אַמאָל, פרייען זיך, ענדלעך, זוי מען זאָגט דערגרייכט, ענדלעך, נאָכאַמאָל זיך געטראָפן.

דאָ אויף דער פּערעסילקע, איז געווען אַן אמתער מענטשן האַנדל. דער האַנדל איז צוגעגאַנגען לויט דער „דיעלאָ" פונעם אַרעסטאַנט. „די דיעלאָ" איז געווען די ווערט פונעם אַרעסטאַנט, אַלעס אַנדערע האָט נישט געהאַט קיין באַדייטונג אין דער דאָרטיקער דיעלאָ איז געווען געגנוי באַשריבן די סחורה וואָס האָט געהייסן: אַרעסטאַנט. לויט טאָקע דער דיעלאָ האָט מען געשיקט אין לאַגער אַרבעטן, דאָס לויטן גרויס פון פּאַראַגראַף און שטראָף, כאָטש דאָרטן איז די מינדסטע שטראָף כמעט געווען 10 יאָר תפיסה שטראָף, מיטן אונטערשיד נאָר פון באַשטראָפטן קאָדעקס, למשל אַזאַ שטראָף פון 10 יאָר תפיסה אַלס פּאָליטישער אָדער פון דעם אוסטאַוו 7־טער אויגוסט איז געווען, פאַרשטענדלעך האַרבער ווי אַזאַ שטראָף פון דאָרטן אַ געוויינטלעכן באַשטראָפטן פּאַראַגראַף אַרטיקל פון זייערן קאָדעקס.

אויף דער דאָרטן טאַשקענטער פּערעסילקע האָט מען נאָר געהערט אין משך פון טאָג און אויך ביינאַכט נאָר אויסלייענען רשימות מיט נעמען אָדער סתם אַ עמיצן רופן, אַזאַ עמיצן רופן האָט באַדייטעט אַזעלכן, וועלכער הערענדיק פון וועלן שיקן אין אַ שווערן אַרבעטס לאַגער האָט זיך אַזעלכער געוואָלט בשעת מעשה פון דעם אַרויסדרייען, אַזעלכער איז אויף אַ ווײַלע נאָר נעלם געוואָרן און ווי איז געווען צו אַזעלכן, וועלכן דאָך מען האָט פאַרט אויפגעזוכט.

דאָרטן אויף דער טאַשקענטער פּערעסילקע האָבן מיר זיך דערוווסט וועגן דער גרויסער צאָל אַרבעטער לאַגערן, וועלכע זענען דאָרטן פאַראַן: גרויסע און קלענערע, שווערע קאַטאָרזשנע לאַגערן און עטוואָס לייכטערע, דאָרטן האָבן מיר געהערט פון אַזעלכע, וועלכע האָבן אַנגעוואָרפן ממש אויף אפילו די דאָרטיקע רעצידיוויסטן גנבים אַ מורא. דאָס זענען געווען די אַזוי גערופענע ראַסעלמאַש און טאַשסעלמאַש לאַגערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שם־דבר אַלס ממש קאַטאָרזשנע לאַגערן, אויך זענען געווען דאָרטן אין דער גאַנצער בלויז נאָר אוזבעקיסטאַן לאַגערן וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען פון דער שטאָט אָדער פּשוט אַ נומער און אַלע אינאיינעם האָבן געטראָגן דעם באַשיידענעם נאָמען: „אויסבעסערונגס לאַגער און קאָלאָניע".

בלויז אין טאַשקענט גופא, איז געווען אַ צענטליק אַזעלכע אַרבעטס לאַגערן

און דער עיקר זענען געווען די דערמאָנטע לאַגערן: ראַסעלמאַש און טאַש־סעלמאַש, דאָס זענען געווען מיליטערישע לאַגערן. די אַרעסטאַנטן האָבן דערציילט, אַז אין די דערמאָנטע מיליטערישע לאַגערן איז ממש הפקרות, ממש אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט, דעריבער פּלעגן זיך אַ סך אַרעסטאַנטן פּשוט צוליב מורא פון אַהין שיקן אַרויסדרייען ווען.

טאַקע אַהין אין דעם שווערסטן און אויך טראַגישסטן אַרבעטס־לאַגער האָט מען מיך אין מיין שיקזאַל אַרבעטן געשיקט, אַזעלכעס האָב נישט געקענט אַקעגן ווירקן. אין דעם לאַגער, ווו מען האָט מיך געשיקט און האָב דאָרטן געאַרבעט האָט געטראָגן דעם באַשיידענעם נאָמען: „ראַסטאָווסקי סעלסקאָ כאַזאַאיסטווענע מאַשיננע זאַוואָד”, האָט מען אויסגעאַרבעט צווישן אַנדערן גרויסע מלחמה כלים און די אַזוי באַרימטע קאַטיושע ראַקעטע.

מיך האָט מען אַוועקגעשטעלט אַרבעטן אין אַנהויב פּראָצעס פון די ראַקעטע פּראָדוצירן. די אַרבעט איז ממש געווען אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט, עס פרעגט זיך נאָר, פאַרוואָס דווקא אַזאַ מין שווערע פערד אַרבעט רופן זיי „אויסבעסערונג־לאַגער”. דאָרטן אין דעם לאַגער פאַרגוואַלדיקט מען אַלע דיינע מענטשלעכע רעכטן, דאָרטן ווערן אויסגעהונגערט טויזענטער אַרעסטאַנטן, כאָטש דער דאָרטיקער וויקט באַדאַרף זיין די באַצאָלונג פאַר דער געשאַפענער אַרעסטאַנטן אַרבעט, אָבער אויף וויפל יעדער דאָרטן וויל דיך עקספּלאָאַטירן אין דעם דאָרטיקן געשאַפענעם אַרבעטס לאַגער איז דעריבער דער דאָרטן לאַגער נאַ־טשאַלניק וויל טאַקע פון דעם האָבן זיין אויך גרויס אין דעם חלק. דאָרטן אין דעם לאַגער איז דאָס לעבן אָן ממש מינדסטע לעבענס באַדינגונגען און אַזעלכעס איז אונטער דער אויפזיכט פון ספּעציעלע געשטעלטע באַנדיטן ברי־גאַדירן, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן אָנפירן מיט דער אַרעסטאַנטן אַרבעט. ווייל אַזעלכע קענען זיין אָן רחמנותדיק צום אַרעסטאַנט.

אַזעלכע בריגאַדירן האָבן געהאַט אַ גרויסע פאַרברעכערישע פאַרגאַנ־גענהייט, אמתע באַנדיטן, אָדער אַזעלכעס ווי מיטאַרבעטן מיטן דייטש בשעתן אַנעקסירן אין דער מלחמה פון דייטשן רוסישע שטחים. אַזעלכע בריגאַדירן פאַרברעכער האָבן גערעדט אָפן פון זיך אויסקויפן פאַר זייערע זינד, דעריבער, כדי זיך אויסקויפן פאַר זייערע באַגאַנגענע זינד האָבן זיך אָנגעבאָטן אַלס בריגאַדירן און זיך צו באַווייזן פאַר דער דאָרטיקער לאַגער נאַטשאַלסטוואַ. דאָרטן אין דעם ראַסעלמאַש לאַגער האָבן די בריגאַדירן אָנגעוואָנדן קעגן דעם אַרעסטאַנט פיזישן ממש כוח. דאָס מיט דער פולער הסכמה פונעם דאָרטיקן רעזשים־לאַגער, אָבער פאַרשטענדלעך נאָר אין פאָרם פון שתיקה כדי אַזעלכעס זאָל נישט אַרויסגעטראָגן זיין אויסער דער לאַגער מאַכט. דעריבער צו אַזעלכעס

האָבן זיך אַלס בריגאַדירן געקענט פּאַסן אַזעלכע אמתע מערדער אָדער טאַקע ריכטיקע פאָלקס שונאים, וועלכע האָבן אין זייערן לעבן געקענט אויף אַלץ מסכים זיין.

אַזאַ מין אַנווענדן, ווי אַ שיטה דאָס זיך איזדיעקעווען איבער אַרעסטאַנטן, בכדי ער זאָל קענען אַרבעטן און פּראָדוצירן מער איז געווען נאָר צופאַרגלייכן צו אַזעלכעס וואָס מיר האָבן געוווסט אין פאַשיסטישע לענדער אָדער בשום בשום אופן האָט אַזעלכעס נישט געברויכט אָנגעוואָנדן ווערן אין אַ רוסישן פּראָדוקטיוון אַרבעטס לאַגער, בפרט אין דעם ראַסעלמאַש, ווו מען האָט פּראָדוצירט מיליטערישע נויטיקע וואפן.

די פאַבריק ראַסעלמאַש איז געלעגן נישט ווייט פונעם אונדזערן וווין־לאַגער. די פאַבריק האָט זיך געצויגן אויף אַ גרויסן קילאָמעטערדיקן שטח, צוליב דער גרויסער צאָל אייזערנע רערן און גרויסער צאָל פּסולת, וועלכעס האָט באַדאַרפן גרויסן שטח פּלאַץ. דער לאַגער, ווו מיר האָבן געוווינט איז אויך געווען גענוג גרויס. דער שטח אַרום איז געווען מיט שטעכל־דראָטן און קאָנוואָיען ווישקעס. די באַראַקן זענען געווען האַלב אין דער ערד איינגע־אָרדענט ממש ווי קעלערס, אַרויסגעזען האָט מען נאָר דעם דאָרטיקן דאַך און די קליינע פענסטערלעך. דער דאַך איז געזען אויף צווי זייטן איבערגעדעקט ווי אַ קאָנוס פאָרם. אין יעדן אַזאַ באַראַק האָבן געוווינט עטלעכע אַרבעטער בריגאַדן. אינערלעך זענען געווען צוויי שטאָקיקע נאַרעס אויפגעפּרעסענע פון וואַנצן און אַנדערע אינזעקטן, די נאַרעס זענען קיינמאָל נישט געוואַשן נאָר פון צייט צו צייט האָט מען דאָרטן געמאַכט אַ מין רייניקונג דיזענפעקציע. די בריגאַדירן האָבן געלעבט אינאיינעם מיט די בריגאַדן, אַזאַ מין בריגאַדיר האָט שטענדיק געהאַט נעבן זיך עטלעכע אַרעסטאַנטן געהילפן, וועלכע האָבן געבערענגט דאָס עסן פון קוך, דאָס ברויט פון דעם בודקע שטיבל ווי אויך האָבן זיי פאַרטיילט דאָס עסן פאַר דער בריגאַדע. פאַר אַזאַ מין אַרבעט האָבן באַקומען אַן איבריקע פּאָרציע זופּ פון די איינגעשפּאַרטע פון נישט דערגעבענע ביסלעך פאַר די אַרעסטאַנטן.

דער לאַגער לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פרי מיטן אויפשטיין, צוגלייך מיטן פאַרטיילן דאָס דאָרטיקע ברויט. דאָס ברויט שניידן איז געווען אין אַ ספּעציעל אָרט, וועלכעס האָט געהייסן, כלעבאָרעז. יעדער אַרעסטאַנטן פּייקע איז געווען מיט אַ ספּעציעל צוגעטשעפּעטן ברויט דאָוויעסאָק, אַזעלכעס איז געווען בכדי צו באַווייזן די ריכטיקייט פון דער אָפּגעוויגענער ברויט פּייקע. אָבער די פּייקע ברויט איז געווען באַוווסט האָט קיינמאָל נישט געהאַט די ריטכיקע וואָג, ווייל ווי אַנדערש האָט געקענט די לאַגער טאַטשאַלסטוואָ אי־

בערגעבן „פּאַ בלאַטו" גאַנצע לאַבענס ברויטן צום פאַרקויפן מיט דער הילף פון ספּעציעלע פאַרקויפער אויפן דאָרטיקן שטעטישן מאַרק. אָבער אַזאַ ברויט פּייקע, וועלכע האָט געהאַט אַ מין צובאַהאַפטן שטיקל ברויט האָט געהאַט ביים אַרעסטאַנט מער גלויבן אין דער ריכטיקייט פונעם אָפּגעוווגן ברויט, דעריבער האָט מען זיך יעדן טאָג אַרומגעריסן אין באַראַק וועגן אַזאַ טאָקע פּייקע מיט אַ דאָוויעסאַק.

די אַרבעט אין דעם מיליטערישן לאַגער ראַסעלמאַש איז געווען אַ צוויי שיכטענדיקע. ווען איינע בריגאַדן, זענען אין דער פרי צו דער אַרבעט געקומען איז אַן אַנדערע גרופּע בריגאַדן מיט זייערע קאָנוואָיען אַוועק צוריק אין באַראַק אין לאַגער. די אַרבעט האָט דאָרטן געדויערט מער ווי פונעם איינגעפירטן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם אָרדענונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דאָס הייסט מער ווי 10 שעה אַן אַרבעטס טאָג. די גאַנצע אַרבעט אין דעם מיליטערישן זאַוואָד איז געווען נאָר מיט די אַרעסטאַנטן הענט, חוץ פאַרשטענדלעך זייער ביוראָען אַרבעטן, ביי וועלכע האָבן געאַרבעט פרייע בירגער.

דער אויסזען פון אַרעסטאַנט איז געווען שטאַרק אָפּגעלאָזט. דער לבוש איז געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשונדן, די שיך זענען געווען אַ מין סאָרט טרעטערס ממש טראַנטעס געמאַכט פון גומי־רעדער, וועגן דעם טאָקע האָט מען דאָרטן דערציילט אַז, די ענדעקונג צו פראָדוצירן פון אַלטע גומי־רעדער פאַר די אַרעסטאַנטן שוך איז געווען אַן אַרעסטאַנט און דעריבער צוליב דעם אַמנעס־טירט געוואָרן. דער אויסזען פון אַלע אַן אויסנאַם די אַרעסטאַנטן מענטשן איז געווען ממש שרעקלעך אַן אויסגעמאַטערטער און אויסגעשעפּטער. דער אַנבליק איז ווי ממש ביי אַ מוזולמאַן.

דאָס אינערלעכע לאַגער־לעבן האָט זיך אָנגעהויבן מיטן סיגנאַל גערופן: אַפּעל, גלייכצייטיק האָט מען זיך געגרייט אַרויסגיין צום הויפּט־וועג, וועלכער האָט געפירט צום לאַגער אַרויסגאַנג. דאָרטן אויפן גלאַוונע וועג האָט מען זיך גרופּירט אין רייען לויט צעכן און אַרבעטער בריגאַדעס, אַזוי אויך האָט מען געציילט טאָג טעגלעך דעם דאָרטן מענטשן מאַטעריאַל, יעדע אָפּגעציילטע רייע איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט בכדי זי זאָל נישט שטערן ווייטער צום ציילן און זיך נישט טועה זיין. ביים ציילן זענען געווען אַנוועזענט סיי דער נאַטשאַלניק פון לאַגער און אויך דער קאָנוואָי פאַראַנטוואָרטלעכער, און אויך דער אינער־לעכער לאַגער נאַטשאַלניק, וועלכער איז געווען אויך אַן אַרעסטאַנט.

נאָכן אָפּציילן אַלע אַרבעטער בריגאַדעס, ווען אַלץ האָט געשטימט האָט מען געעפנט די לאַגער־טויערן, וווּ זענען געשטאַנען אין פולן גרייטקייט די באַגלייטענדיקע קאָנוואָיען מיט ביקסן און מיט געפירטע הונט, אַזוי און ווען

אַלע די צערעמאָניעס זענען געווען געענדיקט האָט דער קאָנוואָי־נאַטשאַלניק געלאָזט הערן זײַן באַרימטע וואָרענונג, וועלכע האָט געלויטעט: „אַכטונג בריגאַדן, איך וואָרן אַז, אַלע אַרעסטאַנטן דאַרפֿן גיין נאָר אין די רייען נישט אָפּנויגן לינקס און נישט רעכטס, נישט אַריבערגיין פֿון רייע אין אַן אַנדערער. אַזאַ זאַך ווי אַריבערגיין פֿון רייע צו אַ צווייטער, וועט הייסן אַ פּרוּוו צו אַנטלויפֿן און דער קאָנוואָי וועט דעריבער שיסן אָן אַ וואָרענונג, פּאָניאַטנאָ!” און מיר האָבן אַלע אומבאַדינגט געמוזט ענטפֿערן: פּאָניאַטנאָ!

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער אַרבעטער טאָג. דער קאָנוואָי האָט געגעבן דעם באַפֿעל: מאַרש. דער וועג צום זאַוואָד איז נישט געווען פֿון אומדזער וווין־לאַגער ווײַט. דער זאַוואָד און זײַן אַרום שטח איז געווען זייער גרויס פֿון בײדע זײַטן זאַוואָד שטח, איז געווען אָנגעלייגטע גאַנצע הויפֿנס פֿון צענטליקער טויזנטער 3 צאָליקע אײַזערנע רערן, שאַרע און געלע פֿון בלויז זשאַווער, דאָס אויף וויפֿל דאָס אויג האָט געקענט פֿאַרכאַפּן, און ווען דער רערן־שטח האָט זיך געענדיקט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטח פֿון בלויז פּסולת, דאָס איז געווען דיניטשקע סטענ־געלעך פֿאַסעקלעך אָפּגעשיילטע פֿון די אײַזערנע רערן בשעתן פּראָדוצירן דאָרטן די ראַקעטן, אַזעלכעס פּסולת, זענען געווען גאַנצע ממש בערג מען האָט געקענט קוים צווישן זיי אַדורכגיין, די פּסולת הויפֿן האָבן שוין ממש אַרײַנגעפֿירט אין דאָרטיקן זאַוואָד אַרײַן.

אין די צעכן זענען מיר אַרײַן לויט די בריגאַדעס. איצט אינערלעך אין צעך, ווען די קאָנוואָיען האָבן פֿאַרנעמען זייערן פּלאַן האָבן אָנגעהויבן ווערן טעטיק די בריגאַדירן. מיך גלײַך מיטן ערשטן אַרבעטס טאָג האָט מיך דער בריגאַדיר געשטעלט אַרבעטן גלײַך מיטן אָנפֿאַנגס פּראָצעס פֿון פּראָדוצירן די קאַטיושע ראַקעטע, אַזעלכעס איז באַשטאַנען פֿון אַרײַנטראָגן די גרויסע אויף דער גאַס ליגענדיקע רערן און לייגן אויפֿן סטאַנאָק, פֿון וועלכן מען האָט באַדאַרפֿן שנײַדן קלענערע שטיקער, מעטערדיקע. די לענג פֿון אַזאַ גרויסע אײַזערנע רער האָט געהאַט — 6 אָדער מער די לענג מעטער. אַזאַ אַרבעט פֿון אַרײַנטראָגן די רערן און שנײַדן אויפֿן סטאַנאָק האָט באַדאָרפֿן ווערן געטועט פֿון צוויי פּערזאָן, ווײַל דאָך איז געווען אוממעגלעך אויפֿהויבן אַזאַ מין רער פֿון איין מענטש דערצי הונדערטער אין אַ אַרבעטער שיכטע.

דאָך, מיך אַלס נאָוויציוש, האָט דווקא דער בריגאַדיר צו אַזאַ אַרבעט געשטעלט אַליין, ווײַל אַלס נײַער און אַלס זשיד (אַזוי האָט ער פֿאַר זיך אויסגערעדט) ברויך זיך באַווײַזן פֿאַר דער רעגירונג. אַזוי האָט געוואָלט דער דאָרטיקער איבער מיר בריגאַדיר אַן אוקראַאינער, וועלכער האָט געהייסן קירילענקאָ. אַזאַ באַשלוס פֿון דעם בריגאַדיר איז געווען אויסער יעדן אַפֿילו דאָרטן אין

לאַגער אַרבעטער געזעץ, אַזעלכעס איז ממש געווען אַ מערדערלעכע מעשה, אַ מערדערישער ממש איינפאַל, דאָך בין געגאַנגען די רער אין צעך אַריינבערענגען.

אַזאַ מעשה האָט מיך געבערענגט אין גרויס פיזישער פאַרלעגנהייט. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען די כוונה פונעם בריגאַדיר דאָך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אָבער אין קיין פאַל האָב נישט געקענט באַגרייפן אויפהויבן אַזאַ גרויסע 6 — מעטערדיקע רער דעריבער האָב איך די רער אָנגעהויבן שלעפּן. אַזאַ מעשה איז פאַרשטענדלעך נישט געפעלן געוואָרן דעם בריגאַדיר דעריבער האָט מיך אָנגעהויבן שעלטן, נאָכהער שלאָגן, ווייל דערפאַר וואָס בין אַ זשיד, ווייל דערפאַר וואָס בין אַ זשיד ברויך ענדלעך אין לאַגער אַרבעטן, ווייל ענדלעך איז די צייט געקומען פאַר די זשידעס אַרבעטן דאָס הייסט נאָר אין לאַגער און אין לאַגער איז די אַרבעט אַן הייליקייט ,ווייל אין לאַגער מוז מען זיך פון די באַגאַנגענע זינד אָפּקויפן.

דער בריגאַדיר קירילענקאָ האָט אַן מורא דערציילט אַז, ער האָט מיטגע־אַרבעט מיטן דייטש אין דער אוקראַינע און האָט געשלאָגן בשעתן דאָרטן הערשן די דייטשן, יידן. נאָכהער, ווען דער דייטש איז צוריק אַוועק האָט ער זיך פאַרלאָזט אַ באָרד און ערגעץ־ווו אַנטלאָפן, דאָך דעם אַלעמען האָבן אים די מענטשן דער־קענט געכאַפּט און געוואָרן פאַרמשפּט אויף 15 יאָר תפיסה־שטראָף. נאָכהער קומענדיק אַהער אין לאַגער איז פלוצלינג געוואָרן אַ הייסער פאַטריאָט און וויל זיך אָפּקויפן פון זיינע פאַרברעכנס, אָבער אַזעלכעס נאָר אַלס בריגאַדיר כדי פייניקן דאָרטן די אַרעסטאַנטן. אין דער זיין בריגאַדע, האָט אַלע אַזעלכע באַגאַנ־גענע פאַרברעכנס דערציילט אַן מורא ווי דווקא רימענדיק זיך פאַר זיינע באַגאַנ־גענע טאָטן, דעריבער טאַקע איז געווען צו פאַרשטיין דאָס זיך איזדיעקעווען איבער דער בריגאַדע און בפרט איבער מיר אַלס ייד.

איך האָב געפילט אַז, אַזוי אין אַזאַ צושטאַנד וועל לאַנג נישט אויסהאַלטן, דער בריגאַדיר האָט פּשוט מיך געוואָלט גענצלעך פיזיש ליקווידירן און אַלע דאָרטן אַרעסטאַנטן אין דער בריגאַדע האָבן פשוט מורא געהאַט פון אים ,ווי פון אַ טייוועל, דעריבער האָב באַשלאָסן, אַז זאָל מיר מיין טאָג ברויט נישט געבן און נישט מער זיך לאָזן אַזוי איבער מיך איזדיעקעווען.

אַזוי טאַקע זענען פאַרביי טעג און וואָכן און צו דעם בריגאַדירס מיך מאַטערן איז נישט געוואָרן קיין סוף, אָבער. אַמאָל האָט פאַסירט, ווען קוים טראָגענדיק אַליין אַזאַ גרויסע 6־מעטערדיקע רער איז ביזן אַריינקומענדיק אין צעך איז זי מיר ממש אַראָפּגעפאַלן שיר נישט מיר זעלבס די פיס אָפּגעהאַקט. דער בריגאַדיר דערזעענדיק אַזאַ מעשה האָט ערשט מיך גענומען אויף פעסט מימתן דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן זיך אַקעגנשטעלן אָבער מיינע כוחות זענען געווען שטאַרק

שוואַך בין איך דעריבער געלאָפן צום קאָנוואָי פאַרלאַנגענדיק פון אים מיך זאָפאָרט פירן צום דירעקטאָר פונעם זאַוואָד, ווייל האָב געשריגן דער בריגאַדיר שלאָגט מיך יעדן טאָג און וויל מיך טויטן, דער סוף איז געווען, אַז בליית ברירה האָט מען מיך נאָך אין יענעם טאָג איבערגעפירט אין אַ צווייטער בריגאַדע אַרבעטן.

אַזאַ זאַך ווי שלאָגן דעם דאָרטן אַרעסטאַנט איז געווען מיט דער שתיקה פון דער לאַגער מאַכט און דאָס איז געווען געטוען לגבי אַלע דאָרטן שוואַכע אויסגעמאַטערטע אַרעסטאַנטן אָבער ביזן זיך אַזעלכעס באַקלאָגן, ווייל דעמאָלט האָבן די לאַגער נאַטשאַלסטוואָ מורא באַקומען פון זיך אויפדעקן אַזעלכע אָנגעוואָנדענע ווילקיר מעטאָדן אין די זייערע דעמאָקראַטישע אַרבעטער־לאַגערן.

זעקס זעגען פאַרביי וואָכן און חדשים. איך בין געוואָרן גלייך מיט אַלע דאָרטן אַרעסטאַנטן אַ אמתער אַרעסטאַנט, געטראָגן ווי אַלע די זעלבע פאַרעיפּושטע קליידער, די זעלבע גומי־טרעטערס. געגעסן די זעלבע וואַסער באַלאַנדע, געריסן זיך ווי יעדער ביי אַ פייקע מיטן דאַוויעסאַק. איך האָב געררייכערט אפשר דער צוואַנציקסטער אין רייע אַ ניעדאָפּאַלעק פון אַן אַזועקגעוואָרפענעם פּאַפּיראָס. געשטאַנען אין די קעלטן ממש נאַקעט, געגאַנגען אַן אָפּגעריסענער אונטער גאָס רעגן און געשאָלטן די גאַנצע וועלט מיט דער דאָרטיקער לאַגער מאַכט, אַזוי האָט געדויערט ביז איך האָב זיך אויף אַן אמת פאַרקילט, האָב אָנגעהויבן אונטערהיסטן, געוואָרן פיזיש אויסגעדאַרט און פיזיש אָפּגעשוואַכט, באַקומען די הינער שלעפּאָטע און געלאָפן נאָכן דריי מאָנאַטדיקן ראַסטשאָט וועלכער איז באַשטאַנען פון 100 גראַם צוקער אָבער קוים דערשלעפּענדיק זיך צוריק אין באַראַק האָבן עס מיר די דאָרטיקע גנבים ממש צוגענומען און אַפילו נישט געוווּסט ווער. ווייל אין דער פינסטער האָב נישט געקענט וויסן ווער, צוליב דער מיין הינער שלעפּאַטע.

גערופן האָט מען מיך אין לאַגער פראָסט און פשוט זשיד, אַמאָל איידעל יעווריי, צווישן זיך, האָבן די דאָרטן אַרעסטאַנטן זיך בעסער נישט גערופן. די אָנגענומענע רוסישע ווענדונג לויטן פּאָטערס נאָמען, איז דאָ אין לאַגער געווען ממש שפּאָט. דערפאַר איז דאָרטן געווען אָנגענומען אַזעלכעס, ווי זיך רופן לויט. אַ קערפּער שטריך ווי אַ הינקענדיקער — קולאַווע אַ פאַרהינקענדיקער — זאַאיקא א. א. וו.

דאָס עסן אין ראַסעלמאַש לאַגער איז באַשטאַנען פון צוויי מאָל אין טאָג זופּן־באַלאַנדע, עפּעס אַ ביסל מער געדיכטער, ווו אין תפיסה און אין די דאָרטן ברויט־פּייקע. אַלעס דאָס איז געווען דער טאָג־לוין פאַרן אַרעסטאַנט דאָרטן לאַגער אַרבעט. דער דאָרטן וויקט טאָג, איז געווען געמאָסטן און געוווינן, דאָס ברויט איז געוויגן אין גראַמען. יעדע אַויסגעאַרבעטע עודף נאָרמע איז באַצאָלט מיט נאָך הונדערט

גראַם ברויט. אין דעם אַרבעטער באַצאָלונג איז אַחוץ דעם עסן אויך פאַררעכנט דער דאָרטיקער אין באַראַק שלאָף נאָרע מיט די וואַנצן און אויך די אַלע באַצאָלטע דאָרטן קאָנוואָיען און בפרט דאָס פרעסן פאַר די דאָרטן באַגלייטער די הונט. אַזאַ דאָרטן הונט מוז מען בעסער, ווי מענטשן קאָרמען דאָס מיט בלויז פלייש און אַזאַ הונט מוז אין טאָג בלויז כאָטש אַ גאַנצע קילאָ פלייש אויפפרעסן זיי זענען דאָך געטרייע באַשעפענישן בפרט פאַר דער דאָרטן לאַגער מאַכט און אויב גלויבסט נישט גיי און פרוביר. אַלע אַזעלכע קאַלקולאַציעס זענען געמאַכט מיט געניויעם חשבון, ווייל דאָרטן אין זייערע ביוראָען אַרבעטן, ווערן אַזעלכע פאַרן אַרעסטאַנט קאַלקולאַציעס אויסגערעכנט דורך פאַרשידענע טאַבעלשטשיקעס און בוכהאַלטערן און אַנדערע אויף דער פריי בירגער.

דאָ, אין ראַסעלמאַש לאַגער, איז דער מענטשן אַפקלייב אַ גוטער, דאָס הייסט גרויסע בלויז אורטיילן. דאָ אין לאַגער האָבן שוין נישט די סאָוויעטישע מושלים קיין אנגסט פון אַרויסטראָגן מיליטערישע סודות, פאַר וועלכע ניבע אַ סך אַרעס־טאַנטן ממש זיצן באַשטראָפט אין לאַגער. דאָ, זענען די אַרעסטאַנטן פון אויך אַלע דאָרטן אין רוסלאַנד אַרבעטער שיכטן באַפעלקערונג, צווישן זיי זענען אַפילו פאַרטיי־דיגניטאַרן, מיליטער לייט, פאַבריקס־דירעקטאָרן, אינזשיניערן, אַרכי־טעקטן און אַפילו זענען פאַראַן צווישן זיי לאַגער־נאַטשאַלניקעס, וועלכע האָבנדיק אַמאָל די מאַכט דאָרטן אין לאַגער האָבן פאַרקויפט אויף די דאָרטיקע שטעט־מערק גאַנצע טאָנען ברויט, וועלכע זיי די נאַטשאַלניקעס האָבן עס באַקומען אויף רשימות, אין וועלכע רשימות האָבן פיגורירט נעמען פון אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען שוין לאַנג נישט געוועןביים לעבן, אַזעלכעס האָט זיי די נאַטשאַלניקעס, וועלכע זענען געווען אַמאָל באַגלויביקע, פאַרטיי־חברים נישט געשטערט אַפטוען אַזעלכע מעשים און פאַר די ברויטן באַקומען געלט, אַריינלייגן צו זיך אין די טאַשן. צווישן דאָרטן די אַרעסטאַנטן זענען געווען אויך באַשולדיקטע אין פאָלי־טישן אַפּנויגונג, וואָס הייסט אַנטיסאָוויעטישע טעטיקייט. פאַקטיש אַזאַ מין באַשולדיקונג האָט געהייסן ממש גאָרנישט.

דאָ אין לאַגער זענען נעמלעך געווען אויך אַזעלכע באַשולדיקטע, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיטן אַגרעסאַר דעם דייטש, צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע האָבן אין לעבן קיין דייטש פאַר די אויגן געזען, אַזעלכע זענען געווען די טאַטאַרן פון דער קאַזאַנער טאַטאַרישער רעפובליק אָדער אַנדערע פון פאַרשידענע פעלקער מינדערהייט אָדער פאַרשטענדלעך אמתע דייטשן פון דער רוסישער דאָרטן דייטשער אויטאָנאָמישער געגענט, וועלכע זענען אין דער צייט פון דער מלחמה ממש אָן אַ באַשולדיקונג מאַסענווייז געשיקט געוואָרן אין די לאַגערן.

דאָס לעבן דאָרטן אין ראַסעלמאַש־לאַגער איז געווען גראָב און חיהשדיק,

די באַציאונג איז געווען פאַרקריפּעלט, צווישן די אַרעסטאַנטן איז נישט געווען קיין אויסדרוק פון מענטשלעכקייטביים מינדסטן, האָבן צווישן זיך אַרומגעריסן און איינער דעם צווייטן ממש געהרגעט. דאָס לעבן איז געווען אַ זיך נאַר שעלטן דאָס לויטן אמתן רוסישן שטייגער, דאָס איז געווען זיי זייערס אַ מין פּאַלקלאַר און דעם צווישן מענטשן גלויבן, איז געזאָרן אַ נישט גרויסער צווישן זיך אומ־צוטרוי, איינער האָט געגנבעט ביים צווייטן און טאַקע דעריבער האָט יעדער זיין שטיקל באַקומען פאַר דער טאָג אַרבעט ברויט פּייקע, געטראָגן ממש אויפן קערפּער.

דאָך ווי שווער דאָס דאָרטיקע אַרעסטאַנטן לעבן, איז פּאַראַלעל געווען דער דאָרטיקער הערשנדיקער מאַכט ציניזם, ווייל אין צווישן דעם האָב נאָך געשיקט זייערע דאָרטן פּאָליטרוקעס פירן זייערע אייביקע אַגיטאַציע וועגן דער דאָרטיקער קלוגער סטאַלין פּאָליטיק, וועגן זיין איינגעפירטער דאָרטן אין רוסלאַנד יושר הערשאַפט און דער עיקר פאַרן געשאַפענעם צדק, קעגן וועלכן האָסט נישט געטאָרט אַקעגן טענהן.

דאָס לעבן פון די דאָרטיקע אַרעסטאַנטן איז געווען שווער, די פאַרצווייפלונג גרויס, יעדער האָט געהאַט זיין פאַרגאַנגענהייט, זיין געשיכטע די גרעסטע מערהייט איז געווען ממש אומשולדיקע פאַרמשפּטע מענטשן. דאָרטן אין די לאַגערן האָבן די אַרעסטאַנטן נישט געטאָרט זיך באַקלאָגן בפרט אויפדעקן זייערער זינד, ווייל אַזעלכעס קאָן ווערן אויסגעטייטשט אין נישט לאָיאַלקייט צו דער רעגירונג און ווידער קאָן אַזעלכער ווערן באַשולדיקט און אַזוי אין קרייז אָן אַ סוף קענסט ווערן אייביקער אַרעסטאַנט. דעריבער אַזאַ זאַך האָט אַריינגעבראַכט דעם דאָרטיקן אַרעסטאַנט אין אייביקן כעס און גרימצאָרן דעריבער זייער שטענדיק זיך אַרום יאָבקעווען, וועלכעס האָט זיי אַביסל גרינגער געמאַכט דאָס דאָרטיקע זייער לעבן.

דאָרטן אין די לאַגערן האָב געזען מענטשן באַשולדיקטע פון יענע צייטן. ווען האָבן נאָך געבויט דעם דניעפּראָסטראָי, אָדער דעם מאָסקווער מעטראָ אָדער דעם קאַנאַל, וואָלגאַ־מאָסקווע. געווען צווישן זיי אויך אַזעלכע אַרעסטירטע צוליב דער דעמאָלטדיקער קאָלעקטיוויזאַציע און פון פאַרשידענע אַנדערע אָפּגעטוענעם בייזן אין גרויסן דעם רוסישן לאַנד וואָס הייסט ראַטנפאַרבאַנד. דאָרטן ווען אַלע לאַגערן הייסן „אויסבעסערונגס־לאַגערן״ איז עס נישט אַנדערש ווי אמתע צוואַנגס־לאַגערן מיט גאָר גרויסן קעגן מענטשלעכן רעגירונגס פאַרברעכן.

דער סאַנגאָראָדאָק לאַגער

אין דער צווייטער בריגאַדע, ווו מען האָט מיך איצט געשיקט אַרבעטן איז געווען אַ דערנעבן צעך. דאָרטן האָב איך געאַרבעט אויף אַ טאָקער־מאַשין. אויף דער טאָקער־מאַשין האָב באַדאַרפן אַרומשלייפן די פריער געשניטענע מעטער שטיקער רערן אויף ביידע זייטן עקן אַן ערך ביי אַ 15־צענטימעטער אין דער לענג. אַזאַ מין אַרומשלייפן האָט באַדאַרפן ווערן געמאַכט פּאַכמעניש דין און פּינקטלעך, אַנדערש האָט מען דיך געשטעמפּלט אַלס סאַבאָטאַזשניק. דאָ אין דעם צעך בין איך דווקא געוואָרן אַן אַרעסטאַנט־שלאָגלער. אַהער אין צעך פלעגן שוין קומען מענטשן פון דאָרטיקן זאַוואָדס ביוראָ־פּערסאָנאַל, אַזעלכע זענען געווען פרייע בירגער. צעכן־אינזשיניערן, מייסטערס און אַנדערע אַרבעטער, גערופן טעכניקער און לאַבאָראַנטן, ווי אויך קולטור־לייטערס, וועלכע פלעגן נאָכפאָלגן דעם גאַנג פון אַרבעטס־פּראָצעס אין משך פון דער דאָרטיקער אַרבעטער שיכטע.

די אַרבעטער־אַרעסטאַנטן אויף דעם דאָרטיקן מיליטער־זאַוואָד פלעגן געבן טאָקע זייערן גרויסן אָנשטרענג פאַר דער אַלגעמיינער זאַך צו דערגרייכן דעם נצחון איבער דעם פאַרפלוכטן אַגרעסאָר. די אַרבעט אין די לאַגער באַדינגונגען איז געווען גענוג שווער, ווייל חוץ דעם שלעכטן לאַגער ־ויקט. האָט יעדער אַרעסטאַנט אין משך פון זיין 10־שעהנדיקער אַרבעטער שיכט אַדורכגעוואָרפן שווערע טאָנען אייזנס אָנגעגליטן פון דער טאָקער־מאַשין.

דאָרטן אין דעם צעך בין איך געווען איינער, פון וועלכע האָבן געהאַלטן אויסקאַוון דעם גרויסן אָנשטרענג צו דערגרייכן אַ זיג איבערן פאַרפלוכטן דייטש, אָבער כאָטש דער שווערער אַרבעט, איז אַזעלכעס קיינמאָל נישט געוואָרן גע־ברענגט צו קענטעניש און דאַנקבאַרקייט פאַרן דאָרטיקן אַרבעטער אַרעסטאַנט. די דאָרטיקע פּאָליטרוקעס האָבן עס קיינמאָל נישט אונטערגעשטראָכן, דערפאַר גאָר, האָבן מיטן יעדן טאָג נאָר פאַרלאַנגט וואָס מערער אַרבעט.

אַזוי זענען אַוועק וואָכן און חדשים, טאָג איין און טאָג אויס, פאַר מיין גרעסערן אַרבעטס־אָנשטרענג האָב באַקומען נאָך הונדערט גראַם שוואַרץ לעפּקע ברויט, דערפאַר האָט דער דאָרטיקער לאַגער־נאַטשאַלניק באַקומען אַ גרעסערן

פּאַרטיי־אָנערקענונג, ווייל ער, דער דאָרטיקער לאַגער־נאַטשאַלניק האָט איבער־געיאָגט די פּראָדוקציע־נאָרמע...

אַזאַ דאָרטן שווערע אַרבעט אָן די גויטיקע מינדסטע לעבענס באַדינגונגען בפרט דער הונגעריקער וויקט האָט מיך ממש אויסגעמאַטערט. איך האָב ממש גע־צאַנקט, געוואָרן אַ מוזולמאַן. מיינע פיס האָבן מיך ממש נישט געטראָגן, מיין קערפּער איז געוואָרן טאָג־טעגלעך באַגאָסן מיט אַ נאַסן קאַלטן שווייס און איך האָב אָנגעהויבן באַקומען היץ. און אַזוי האָב דאָרטן פאַרגעזעצט מיין לעבן, קיינער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט. די קליידונג איז געוואָרן אָפּגעריסן און אָפּגעשינדן און בין געגאַנגען ממש נאַקעט אין די דאָרטיקע קעלטן אָן אַ האָפענונג אויף עפּעס אַ צוקונפט. דאָך, ענדלעך איז צו מיר געקומען אַ שטיקל טרייסט, דאָס דווקא פון אַ דאָרטן פרייע בירגערין, אַ יידישע לאַבאָראַנטן־אַרבעטערין, וועלכע טאַקע האָט באַמערקט אַלע אין מיר סימנים פון אַן קראַנקהייט און זי זעלבס איז געגאַנגען זיך משתדל זיין ביי דער דאָרטיקער אין לאַגער סאַניטאַר אַרבעטערין, דער לאַגער־פעלטשערין און האָט פאַרלאַנגט זאָפאָרט מיך אָפּשיקן אויף אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג אין סאַנגאַראַדאָק־לאַגער, וועלכער האָט גע־דינט אַלס הייל־באַזע פאַר אַלע אויסבסערונגס־לאַגערן און קאָלאָניעס אין רוסישן מיטל־מזרח.

☆

סאַנגאַראַדאָק הייסט אַ סאַניטאַר שטעטל און עס האָט באַדאַרפן באַדינען די הונדערטער טויזנטער דאָרטן אין אוזבעקיסטאַן אַרעסטאַנטן. געלעגן איז דאָס הייל־שטעטל אין טאַשקענט גופא. פון דעם אַרבעטס־לאַגער ראַסעלמאַש ביז אַהין זענען מיר געפאָרן בסך הכל אַ האַלבע שעה. דער סאַנגאַראַדאַק איז ווי יעדער דאָרטן אַרעסטאַנטן־לאַגער געווען אַרום באַגרויזט מיט שטעכל דראָטן. צווישן די צוויי רייען שטעכל דראָטן אַרום דעם סאַנגאַראַדאָק איז געווען אַן ערך פון 8 מע־טער אויפגעהאַקטער באָדן כדי דאָרטן זאָל קיין גראָז וואַקסן, און אַרום דעם גאַנצן לאַגער איז געווען וואַך־ווישקעס מיט קאָנוואָיען. אינערלעך אין לאַגער איז נישט דערלאָזט געוואָרן נאָענט צוקומען צו די שטעכל דראָטן.

אויסערלעך איז אַחוץ די אַרומגרויזונג און די וואַך־ווישקעס, האָט גאָרנישט מער עדות געזאָגט, אַז אויף דעם פלאַץ געפינט זיך אַזאַ מין אַרעסטאַנטן־לאַגער. דער גאַנצער סאַנגאַראַדאַק איז געווען כמעט אינגאַנצן איינגעטונקט אין בלויז גרינס און ביי יעדן קאָרפּוס באַזונדער, איז געווען געפלאַנצט ביי דעם איינ־גאַנג צום קאָרפּוס מיט בלומען, אינערלעך אין לאַגער האָט געהערשט אַ טויטע

שטילקייט, ווייל אַלע זענען געלעגן אין די באַראַקן גערופֿן קאַרפּוסן. די לעצטע זענען געווען געשטעלט אויף בעטאָנענע פּיס און אויך זענען געווען אַזעלכע דאָרטן קאַרפּוסן מיט אַ צווי שטאָקיקן געבוי.

אינערלעך כאָטש דער דאָרטן שטילקייט האָבן געלעבט אַרעסטאַנטן, פֿאַר־שטענדלעך אַממיינסטן קראַנקע, אָבער אַחוץ די דאָרטן ליגנדיקע קראַנקע אַרעס־טאַנטן איז געווען אין דעם סאַנגאַראַדאַק־לאַגער אַחוץ, דער אַזוי גערופֿענער באַדינטע אַבסלוגע אויך עטלעכע אַרבעטער־בריגאַדן. קאַרפּוסן אין דעם סאַנגאַ־ראַדאַק זענען געווען צען אַ חוץ איינער אַ קלענערער קאַרפּוס ספּק קאַרפּוס, ספּק באַראַק נישט קיין נומערירטער אָבער דאָרטן ביי די קראַנקע גערופֿן דער 11־טער אָדער דער מתים־קאַרפּוס. חוץ די אַלע קאַרפּוסן זענען דאָרטן געווען נאָך עטלעכע געביידעס וועלכע האָבן געדינט פֿאַר אַ קוך, מחסן און אַ געביידע פֿאַר אַ באָד.

דער דאָרטיקער אין לאַגער 11־טער קאַרפּוס אָדער דאָס מתים־שטיבל איז געווען שטענדיק אָפֿן, אַהער פֿלעגן די סאַניטאַרן פֿון די קאַרפּוסן ברענגען די געשטאָרבענע קראַנקע אַרעסטאַנטן. די געשטאָרבענע מתים פֿלעגן די סאַניטאַרן ממש אויף אַ קופּע אַנוואַרפֿן און אַליין וואָס שנעלער פֿון יענעם דאָרטן געזעענעם בילד און גרויסן דאָרטן עיפּושקייט זיך האַלטן ביי דער נאָז און שנעל אַנטלויפֿן. אַזוי שרעקלעך איז דאָס בילד געווען אין דעם דאָרטן מתים שטובל.

אגב אין שייכות מיט דעם, ווייל דער 11־טער קאַרפּוס איז געווען דעם אַרעסטאַנטס לעצטער זועג, איז כדי צו דערציילן וועגן די לעצטע פּראָצעדור אין פֿאַרענדיקן מיטן מענטשלעכן דאָרטן אין לאַגער לעבן, דאָס לעבן, וואָס האָט אַמאָל געהייסן מענטש, אַרעסטאַנט און היינט טויטער קערפּער. אַלזאָ, זוען דאָרטן אין טויטן קאַרפּוס איז געווען פֿיל מיט טויטע און דער ריח האָט געקלאַפּט אויפֿן גאַנצן סאַנגאַראַדאַק, האָט די נאַטשאַלסטוואָ אָרגאַניזירט עטלעכע גרויסע פֿאַרמאַכטע שלעפּ־וואָגענס און באַנאַכט האָט מען אין זיי אַנגעלאָדן די מתים, נאָכהער, ווען די אַרבעט איז געווען געענדיקט, האָט מען די אַלע וואָגענס מיט די מתים געברענגט פֿאַרן לאַגער־טויער און דער דאָרטיקער נאַטשאַלניק פֿון דער קאָנוואָי סלוזשבע איז זעלבס אַרויסגעגאַנגען אויף די מתים וואָגענס און מיט אַ שאַרפֿע שפּיציקע איי־זערנע ווידלע האָט יעדן אינעווייניק ליגענדיקן מת אַדורכגעשטאָכן. ערשט אַזוי אַרום שוין אַן איבערצייגטער, אַז די דאָרטן אין די וואָגענס ליגענדיקע זענען אמתע מתים האָט ענדלעך אונטערגעשריבן די זאַיאָווקע צום באַגראָבן.

נאָכהער ערגעץ־ווו, אונטערוועגס פֿון דער שטאָט טאַשקענט אויף אַ גרויס פּוסט פּלאַץ, ווו פֿריער מען האָט עטלעכע טעג צוגעגרייט קברים האָט מען אַהין אַריינגעוואָרפֿן די פֿון לאַגער געברענגטע טויטע אַרעסטאַנטן־קערפּערס. די קברים האָט מען יאָ צוגעדעקט און נישט צוגעדעקט, ווייל יעדער אַרעסטאַנט האָט געוואָלט

וואָס שנעלער פון אַזאַ אַרבעט פּטור ווערן, איז דעריבער די אַרבעט פון באַגראָבן די מתים געמאַכט געוואָרן לויטן אָנגערופענעם סאָבאָטאַזש נוסח און גלייך נאָכן פאַרלאָזן דאָס פעלד איז געוואָרן אַ גוט פרעסן פאַר די דאָרטיקע שאַקאַלן, וועלכע האָבן אין דער זעלבער נאַכט געפרעסן די טויטע קערפּערס פון די געוועזענע אַרעסטאַנטן אַמאָליקע מענטשן. צו דערווירקלעכקייט פון דער מענטשן ענדע פונעם נעכטיקן אַרעסטאַנט האָבן מיר זיך זעלבס אין יענער צייט איבערצייגט.

אין דעם קראַנקן־לאַגער גערופן סאַנגאַראַדאַק זענען געלעגן מער ווי טויזנט קראַנקע אַרעסטאַנטן. געזען זענען דאָרטן די אַרעסטאַנטן קראַנק אויף פאַרשידענע קראַנקהייטן, וועלכע האָבן באַקומען בשעת דער שווערער אַרבעט אין יענע אַרום אין דער דאָרטן מדינה פול פאַרשפּרייטע מיט די אַרבעטס־לאַגערן, דאָס צוליב די דאָרטן עקזיסטירנדיקע שרעקלעכע שווערע אַרבעט און ערנערונגס־באַדינגונגען. אויך איז אין דעם סאַנגאַראַדאַק־לאַגער געווען אַ ספּעציעלע כירורגיע־אָפּטיילונג, וווּ מען האָט אָפּערירט די קראַנקע אַרעסטאַנטן אויף פאַרשידענע באַקומענע פון דער שווערער אַרבעט־ברוכען. אויך איז דאָרטן אין לאַגער געווען אַ ספּעציעלער שווינדזוכט קאָרפּוס פאַר טובערקולאָזע קראַנקע, וועלכער נומער איז געווען דער 7־טער און איז געווען דער אָממייִנסטן שרעקלעכסטער קרענקלעכסטער קאָרפּוס אין יענער צייט. טאָג טעגלעך זענען אין דעם קאָרפּוס געווען טויט־פאַלן. אַהין אין דעם טובערקולאָז־קאָרפּוס האָט מען מיך געבראַנגט פונעם ראַסעלמאַש־לאַגער מיט אַנגערירטע לונגען אין אַנהויב סטאַדיום פון שווינדזוכט.

יעדער דאָרטן קאָרפּוס האָט געהאַט זיין קאָרפּוס עלטסטן. אַזעלכן האָט מען אויסגעקליבן פון די דאָרטן אין לאַגער אַרעסטאַנטן. אָבער אַזעלכער, וועלכער נאָר האָט שוין באַדאַרפן אין קורצן באַפרייט ווערן.

אַזאַ אַרעסטאַנט, ווען ער ווערט אַן קאָרפּוס עלטסטער איז אויטאָמאַטיש אויס־געשריבן פון קראַנקן קאָרפּוס און ווערט פאַררעכנט אין דער לאַגער אבסלוגע. אַ חוץ דער לאַגער אבסלוגע איז דאָרטן אויך נאָך געווען עטלעכע אַרבעטער־בריגאַדן. איינע פון די בריגאַדן האָט געאַרבעט אין דער טאַשקענטער רייז־פאַבריק, פאַר וועלכער אַרבעט האָט דער סאַנגאַראַדאַק באַקומען ברען־מאַטעריאַל, וועלכעס איז געווען רייז־אָפּפאַלעכץ מיט וועלכן מען האָט אין לאַגער באַהייצט די קוך. דאָס באָד און ווינטער אויב מען האָט אַזעלכעס דערלויבט די אויוועגס אין די דאָרטיקע קראַנקן־פּאַלאַטן אָבער אַזעלכעס איז געווען אַ זעלטענהייט.

די אויפגאַבע פון אַזאַ קאָרפּוס עלטסטן איז געווען האַלטן אָרדענונג אין קאָרפּוס און אויך פאַרטיילן פאַר די קראַנקע דאָס עסן. פאַקטיש איז דער קאָרפּוס עלטסטער געווען דאָרטן דער גאַנצער בעל הבית. זיין צוגאַנג צו די דאָרטיקע ליגענדיקע קראַנקע איז נישט געווען קיין שטאַרק הומאַנישע ווי עס וואָלט באַדאָרפן

זיין אין אַזאַ מין הייל־אַנשטאַלט נאָר דווקא, ווו אין די זייערע אַרבעטס־לאַגערן, דאָס הייסט דער צוגאַנג צום קראַנקן איז געווען מיט כוח און גראַב. צוליב דעם אַליין האָט זיך נישט געגליסט אַרבעטן אויף אַזאַ אַרבעט ווי אַ קאַרפּוס עלטסטער. ווייל אין סוף פלעגט אַזאַ מין קאַרפּוס עלטסטער ווערן אַ קרבן פון די דאָרטיקע גנבים רעצידיוויסטן, וועלכע נקמה נעמענדיק אין אַזאַ מין קאַרפּוס עלטסטן האָבן אים אין אַ קאָרטן־שפּיל אויף טויט פאַרשפּילט.

דער אַרעסטאַנטן וויקס אין סאַנגאַראַדאַק איז געווען ממש אַן הונגעריקער ברויט פלעגט אַ קראַנקער באַקומען בלויז נאָר 400 גראַם אין טאָג און דריי מאָל אין טאָג קליינע זופּ־שיסעלעך, אויך ביים מיטאָג האָט מען געטיילט די קראַנקע אַ ביסל קאַשע. אויך אין ויקט צעטל פאַר די טובירקולאָזע קראַנקע איז געווען געשריבן צו באַקומען יעדן טאָג 100 גראַם מילך אָבער אַזעלכעס, איז נאָר געווען געשריבן אויפן פּאַפּיר. ווייל שטענדיק איז געווען אַן אַנדערער תירוץ אין דעם נישט געבן דער קראַנקן די הונדערט גראַם מילך אַזוי אַז אַפילו די קראַנקע וויסענדיק פון דעם לאַגער בלאַף און מיד ווערענדיק וועגן דעם שטענדיק רעדן, האָבן בכלל זיך אין דעם מיאש געווען און אַפילו דער דאָקטאָרין וועגן דעם מער נישט דערמאָנט. מילא וואָס שייך דער מילך אָבער עס האָט דאָרטן אין דעם סאַנגאַראַדאַק־לאַגער אָפּט געטראָפן אַז דעם קראַנקן האָט מען קיין ברויט געגעבן מיט דער אויסרייד אַז, עס איז קיין צופירונג נישט פאַראַן און אַנשטאָט דעם ברויט פאַרן קראַנקן אַרעסטאַנט האָט מען אים געטיילט אַ צוגעטיילטע ראַציע רעטאַך. איז עס נישט ווונדערלעך? אַזעלכעס איז נאָך מער ווי סתם פּשוטער ציניזם, ווען אַ טויט־שטערבלעכער קראַנקער עסט רעטאַך אַנשטאָט ברויט!?

דאָס לעבן אין לאַגער און בפרט אין טובערקולאָז קאַרפּוס איז געווען ממש אַ הונגעריקער. ווייל, קודם כל איז ער איז געווען אַ קאַראַנטין קאַרפּוס. דאָס הייסט דעם דאָרטן ליגענדיקן אַרעסטאַנטן איז פאַרווערט געווען אַרויסגיין אויסערן קאַרפּוס. אָבער דווקא די דאָרטיקע קראַנקע צוליבן זייערן האַלב־הונגעריקן צושטאַנד האָבן אַממיינסטן געזוכט פאַר זיך שפּייז, ווייל דאָס עסן איז געווען פאַר די טובערקולאָזע קראַנקע די איינציקע טרייסט אין זייערן זיך דערהאַלטן ביים געזונט, דעריבער האָבן געזוכט אַן הילפס־אַרבעט, ווייל אויך איז אַזאַ מין קראַנקער געווען אויף אַ געוויסע צייט פאַרזיכערט נישט ווערן געשיקט אין דאָרטיקע לאַגערן צוריק אַרבעטן. דעריבער אַזאַ אינערלעכע הילפס־אַרבעט אין סאַנגאַראַדאַק גופא האָט געקענט אַ סך מיטווירקן און דעם פאַרבעסערן דאָס געזונט פון אַזאַ אַרעסטאַנט. אַזעלכע קראַנקע אַרעסטאַנטן פלעגן לויפן אין דער קוך אַרבעטן אָבער דאָס נאָר אויף דער גאַס אין דער קאַטשעגאַרקע. ווייל אינערלעך אין קוך גופא איז

געווען דער איינטריט פֿאַר אַזעלכע קראַנקע פֿאַרבאָטן. פֿאַר אַזעלכער הילפֿס־אַרבעט פֿלעגט אַזאַ קראַנקער באַקומען נאָך אַ שיסעלע זופּ.

די דאָרטיקע קוך אַרבעט איז געווען אין לאַגער דער גרעסטער יחוס, די קוכער זענען ממש געווען, ווי געטער, פֿאַר דעם ביסל געגעבענעם זופּ האָבן די קוכער געקויפֿט מענטשלעכע אַרבעטס הענט און אַפֿילו די דאָרטן ליגענדיקע קראַנקע פֿרויען און האָבן מיט אַזעלכע פֿרויען געלעבט אַפֿילו, ווען זענען געווען ווענעריש קראַנק. ווייל האָבן זיך דאָרטן געקענט שטענדיק אונטערזוכן ביי די דאָרטיקע רופֿאים. אַזאַ מין קוכער גייענדיק אין דעם דאָרטן לאַגער האָבן אים מיט קנאה נאָכגעקוקט סיי די זאַטע און אַוודאי די הונגעריקע אַרעסטאַנטן די נעכטיקע ביר־גער פֿון דעם גרויסן ראַטנפֿאַרבאַנד און היינט קראַנקע אַרעסטאַנטן.

נאָכן אָנקומען אַהין אַן עטאַפּ, ווען מיט מזל דער קראַנקער ווערט איבער־געלאָזט אין רשות פֿון סאַנגאָראַדאָק פֿלעגט מען אַזעלכן שיקן אויף אַ באָד־דעזינפֿעקציע, דאָרטן שוין גערופֿן קראַנקער, וואָרט אויף די סאַניטאַרן, וועלכע קומען אים ברענגען אין זיין פֿאַרשריבענעם קאָרפּוס. אַזאַ מין פּראָצעדור אין באָד פֿלעגט אַמאָל דויערן אַ גאַנצן טאָג. אַזעלכעס איז געווען געווענדעט אין דער צאָל אָנגעקומענע קראַנקע און אויך אין דעם אויב עס איז געווען וואַסער צום באָדן זיך, ווייל קיינמאָל איז דאָרטן נישט געווען קיין וואַרעם וואַסער כאָטש דער דאָרטן באָד קוימען האָט שטענדיק גערויכערט.

די גרעסטע פֿאַראינטערעסירונג אין דאָרטן סאַנגאָראַדאָק האָט אַרויסגערופֿן אַ פֿרויען עטאַפּ. געווען איז דאָרטן אַ ספּעציעלער פֿרויען־קאָרפּוס מיט אַן אָפּטיי־לונג פֿאַר ווענערישע קראַנקע פֿרויען. אַהין אין דעם באָד פֿלעגן קומען די רופֿאים אונטערזוכן די געקומענע פֿרויען, די לעצטע פֿלעגן אַדורכשפּאַצירן פֿאַר די דאָק־טוירים אין זייערער גאַנצער נאַקעטקייט נאָך איידער דער מעדיצינישער אונטער־זוכונג. אַזעלכעס האָט פֿאַרשטענדלעך בשעת המעשה צוגעצויגן, אַלע דאָרטן קאָרפּוס עלטסטע און סתם פֿון די אבסלוגע מענטשן, וועלכע האָבן טאָקע באַלד צווישן זיך פֿאַרטיילט די אָנגעקומענע פֿרויען, פֿאַרשטענדלעך די שענערע, וועלכע וועלן שוין צומאָרגענס האָבן אין זייערן רשות פֿאַר אַ שטיקל זיי געגעבן שוואַרץ ברויט.

אָנגעטאָן אין גראָבע לייך־וועש געוואָרפֿן קראַנקער ביין איך געלעגן אין אַ פֿאַלאַטע מיט נאָך פֿינף קראַנקע אַרעסטאַנטן אויף טובערקולאָז. די פֿאַלאַטע, ווו איך בין געלעגן איז געווען די איינציקע אין קאָרפּוס, אין וועלכער די קראַנקע

זענען נאָך נישט געווען אין קיין געפערלעכן קראַנקן סטאַדיום. געלעגן בין איך אַ אייזערנעם בעטל, אָבער אַרום ריין און זויבער. אַלעס מיר צו מיין דיספּאָזיץ געגעבן איז געווען ריין און זויבער. דער באָדן איז געווען צוויי מאָל אין טאָג געוואַשן פון אַן אַרעסטאַנט, סאַניטאַר און דערנעבן בעטל איז געשטאַנען אַ כלי צום שפּייען. דאָס ערשטע מאָל זינט שוין צוויי יאָר אין לאַגער האָב געהאַט צו מיין דיספּאָזיץ אַ בעטל. אַזעלכעס האָט אין מיין באַוווסטזיין געשאַפן עפּעס אַ מין נייעם לעבענס האָפענונג.

אויפן צווייטן טאָג פון מיין מיך אַהין ברענגען האָט מען מיך געוויגן און געמאָסטן (געוויגן האָב בסך הכל 44 קילאָ וואָג) צו אַזאַ מצב האָט מען מיך אין די דאָרטיקע לאַגערן צוגעברענגט אויך האָבן מיר געמאַכט אַלע נויטיקע אַנאַליזן און אַ שיין קאַרטע וועגן דער מיין קראַנקהייט באַקומענע אין דאָרטן אויסבעסע־רונגס לאַגער.

צייטווייליק איז פון מיר אַוועק דער לאַגער געשפּענסט, אין וועלכן איז געווען בלויז דערנידערונג און פיזישן איבער מיך זיך איזדיעקעיוען, דאָס ערשטע מאָל, נאָך צוויי יאָר לאַגער לעבן האָב געהאַט אַ ביסל מאָראַלישן און פיזישן פאַרגעניגן. איך האָב זיך איינגעטוליעט אין מיין קאָץ און זיך פאַרגעשטעלט די ערשט נעכ־טיקע פאַרגאַנגענהייט, ווו האָב נאָר געזען פאַרכמורעטע פּרצופּער, בייזע און הילפּסלאָזע, אין וועלכן האָב נאָר געזען אַן אויסדרוק פון בלויז שלעכטס און אין זייערע אויסגעדאַרטע פּנימער זענען נאָר געווען צוויי ליפּן מיט שטשירענדיקע ציינער און פון זייערע אַרמלן האָט נאָר אַרויסגעשטעקט דאַרע ביינערדיקע הענט און עס האָט מיך געוווּנדערט, ווי אַזוי אַזאַ מין מענטשלעך פּרצוף קאָן נאָר זיך קריגען, שעלטן און זיך שלאָגן.

אין 7־טן קאָרפּוס איז געווען אַ ערך 14 פּאַלאַטן און אין יעדער פּאַלאַטע איז געווען ביז 14 בעטלעך מיט מיטעלע און שווער־קראַנקע אַרעסטאַנטן. אַחוץ דעם איז געווען צוויי קלענערע פּאַלאַטן מיט 5 בעטלעך אין יעדער פּאַלאַטע. די זענען געווען אין ערשטן סטאַדיום פון דער קראַנקהייט. פון דעם 7־טן קאָרפּוס אויב אַן אַרעסטאַנט האָט געהאַט ווינציק צום זיצן האָט נאָך געקענט זען די פרייהייט אַנדערש האָט געטיילט זיין גורל אין מתים שטובל.

דאָ, זענען געווען אַ ערך 4 פּאַלאַטן שווער קראַנקע, וועלכע האָבן אַפילו זייערן עסן נישט געקענט אַליין עסן. דאָ, אין די פּאַלאַטן האָבן די אַרעסטאַנטן געציילט זייערע לעצטע לעבענס מינוטן, אין די פּאַלאַטן איז אַפילו די לופט געווען פול מיט די קאָך־באַקצילן, וועלכע האָבן דאָרטן גערופן „ביקאָ״. פון די שווערע קראַנקע קאַמערן האָט מען יעדן טאָג אַרויסגעטראָגן אַ געשטאָרבענעם איבערגעדעקט מיט אַ פאַרשפּונן מיט בלוט ליילעך, און אין יעדן אַזאַ טאָג, האָבן

זיך געאַמפּערט איבער דער דאָרטיקער טויטן ירושה, די עטלעכע שטיקלעך ברויט. די שלאָגענדיקע צווישן זיך איבער די עטלעכע שטיקלעך ברויט ירושה זענען געווען די נעבן טויטן ליגענדיקן שכנים קראַנקע אַרעסטאַנטן. פּאַקטיש האָט אַזעלכעס גענומען פּאַר זיך דער אַרעסטאַנטן סאַניטאַר. אָבער נישט שטענדיק האָט ער דער סאַניטאַר אַרעסטאַנט געזדאַנזשעט צו די לעצטע מינוטן פון גוסס־דיקן קראַנקן אַרעסטאַנט.

די גאַנצע דאָרטן היילונג אין טובערקולאָז קאָרפּוס איז באַשטאַנען פון גאָרנישט, חוץ נאָר דאָס אַדורכקוקען אויפן רענטגען און אַנדערע פּראָפילאַקטישע מיטלען געגעבן דעם דאָרטן אַרעסטאַנט קעגן אַנדערע קראַנקהייטן, איז מער לחלוטין גאָרנישט געגעבן געוואָרן דעם דאָרטן ליגענדיקן אַרעסטאַנט. דאָס איינ־ציקע דעמאָלט דאָרטן אָנגעוואָנדענע הייל־מיטל, ווי דאָס אָנבלאָזן די אָנגעריירטע לונג איז געווען אַזוי שטאַרק סכנהדיק אַז, ממש אַלע קראַנקע האָבן זיך פון דעם הייל־מיטל אָפּגעזאָגט.

דער פּערסאָנאַל אין 7־טן קאָרפּוס איז באַשטאַנען פון אַ הויפּט־דאָקטאָרין, אַ פרייע בירגערין געהייסן מירא מויסעיעוונאַ, געזען אַ יידישע, זי איז געווען די איינציקע פון דעם דאָרטן פרייען בירגער פּערסאָנאַל, וועלכע האָט געהאַט צו זיך מענטשלעכן כבוד און רעספּעקט. אויך איז דאָרטן אין קאָרפּוס געווען אַ פרייע בירגערין אַלס קראַנקן־שוועסטער. אין דער אַרבעט אין קאָרפּוס האָט דער דאָקטאָרין אַרויסגעהאָלפן אַן אַרעסטאַנט אויך אַ דאָקטאָר גערופן פּאַוועל פּאַולעוויטש. דער זעלבער פּאַוועל פּאַולעוויטש האָט אויך געאַרבעט אַלס דאָקטאָר אין דאָרטיקן 4־טן קאָרפּוס. פּאַוועל פּאַולעוויטש איז געווען אַן אַרעסטאַנט פון יענע באַרימטע פּראָצעסן פון די 30־ער יאָרן, זיין באַנעמונג צום אַרעסטאַנט איז אויך געווען אַ געטרייע און דעריבער האָבן אים די קראַנקע אויך באַשאַנקען מיט גרויס כבוד.

דער פּערסאָנאַל פון די פרייע רופאים אין סאַנגאָראָדאָק איז באַשטאַנען פון די שוין דערמאָנטע מירא מויסעיעוונאַ און אַ הויפּט־אָפּעראַטאָר מיטן נאָמען גרין, ווי אויך פון דעם דאָרטיקן הויפּט דאָקטאָר אין גאַנצן סאַנגאָראָדאָק לאַגער, אַלע איבעריקע דאָקטוירים אין לאַגער זענען געווען אַרעסטאַנטן און דער רוב יידן. אַלע די אַרעסטאַנטן רופאים, האָבן געלעבט ווי פּשוטע אַרעסטאַנטן, געזען פאַררעכנט אין דער לאַגער אבסלוגע. צו דער דאָרטיקער אַבסלוגע זענען אויך געווען פאַררעכנט אין לאַגער די שוסטער, שניידער, קוך־אַרבעטער און די דערמאָנטע עטלעכע בריגאַדן און די קאָרפּוס עלטסטע. אָנגעפירט מיטן גאַנצן לאַגער האָט אַ ספּעציעלער נאַטשאַלניק. וועלכער האָט געהאַט צו זיין דיספּאָ־זיציע די וואַך סלוזשבע. נאַטירלעך אַז די גאַנצע סלוזשבע איז געווען אויפן

אויסהאַלטונג דעם דאָרטיקן סאַנגאַראַדאַק לאַגער, נאָר פאַרשטענדלעך האָבן גע־האַט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג אין דער דאָרטיקער קוך און מיט פאַרשטענדלעך אַ ספּעציעלן קוכער פון די אַרעסטאַנטן.

דער קראַנקן לאַגער גערופן סאַנגאַראַדאַק איז געווען ביי אַ סך אַרעסטאַנטן דער לעצטער לעבנס־וועג פון זייערן פול פאַרביקן פערזענלעכן און געזעל־שאַפטלעכן און אויך פאָליטישן לעבן, כאָטש אַ סך זענען געווען ערשט אין די מיטל יאָרן, אָבער דאָך, האָבן דאָס זייער לעבן געהאַט שוין געפּטרט אויף דער שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט אין די אויסבעסערונגס־לאַגערן, וועלכע זענען אַזוי פיל פאַרשפּרייט אין דער גרויסער רוסישער מדינה, וועלכע הייסט ראַטנפאַרבאַנד.

איוואַן פאַוולאָוויטש איינער פון די גלאַוונע מעטראָ־בויער אין מאָסקווע. גרויסער אַרכיטעקט און אינזשיניער, וועלכער האָט זיין לעבן געשאַנקען דעם ווערק: מאָסקווער־מעטראָ, איז געווען פאַרשטענדלעך אַ באַגלויבטער פּאַרטיי־חבר, אָבער דאָס אויף וויפל זיי האָבן אים געברויכט. שפּעטער האָבן אין אים איוואַן פאַוולאָוויטשן געפונען חטאים, און דעריבער, האָבן אין אים געפונען אַ „באַשולדיקונג", אַנגעקלאָגט און פאַרמשפּט. אָבער דאָך אַן אַ פאַרוואָס באַ־שולדיקט און אַזוי אויך ווערט איוואַן פאַוולאָוויטש אַן אַ סיבה געוואָרפן פון אַ לאַגער אין אַ לאַגער, פון איינעם צום צווייטן אַזוי לאַנג ביז אַהער אין סאַנ־גאַראַדאַק. איוואַן פאַוולאָוויטש ליגט שוין אין סאַנגאַראַדאַק איבער אַ יאָר בסך הכל איז ערשט 50 יאָר אַלט, זיין מוח אַרבעט און איז פול מיט פּלענער, אָבער דאָך פילט, אַז די לאַגערן האָבן אים צוגענומען זיין געזונט, ער איז קראַנק, זיינע לינגען אין די לאַגערן האָט פון שווערע האַרעוואַניע אויסגעשפּיגען און ער פילט אַז, זיין סוף דערנענטערט זיך און דאָס דווקא אויף דעם אין סאַנגאַראַדאַק קראַנקן־בעטל. אים איוואַן פאַוולאָוויטשן איז באַקאַנט זיין סוף, דאָס איז ערגעץ־ווו, אויף שנעל אין אַ פוסטן פעלד אויסגעקאָפּעטן גריבל, וועט מען איוואַן פאַוולאָוויטשן אַריינגעוואָרפן פאַר אַ פּרעסן פאַר די שאַקאַלן. — יאָ, פאַר די דאָרטיקע שאַקאַלן. אַלע אין סאַנגאַראַדאַק קראַנקע וויסן פון דעם, וועלכעס דערוואַרט זיי אין סוף פון זייערן שטאַרמישן און ברויזנדן לעבן דאָ. אין לאַגער גערופן: סאַנגאַראַדאַק. טאַקע דאָרטן האָט מען אין געבראַכט צו „קבורה" דעם גרעסטן אַרכי־טעקט און אינזשיניער פון מאָסקווער מעטראָ, איוואַן פאַוולאָוויטשן, ווי אַ פּרעסן פאַר די דאָרטיקע שאַקאַלן און זיין משפּחה וועגן זיין סוף ביזן היינטיקן טאָג וועגן דעם וויסן נישט.

פּראָפעסאָר צערעטעלי, איינער פון די גרעסטע געשטאַלטן אין דער גרוזיני־שער אַרבעטער באַוועגונג און אויך אין דער אַלגעמיינער רוסישער אַרבעטער

באַוועגונג, איינער פון די רעוואָלוציאָנערע פירער בשעת דער רעוואָלוציע פון 1917 יאָר, באַוווסטער סאָציאַל דעמאָקראַט, געוועזענער מיניסטער, אַ מענטש מיט גרויס הומאַנישן וויסן אַ פּערזענלעכער באַקאַנטער פון לענין און אויך סטאַלינען, טאַקע שוין אַן אַלטער מענטש, אָבער טראָץ זיינע אַלע פֿאַרדינסטן פאַר דער רעוואָלוציע, דערוואַרט אים קיין בעסערע קבורה, ווי דעם פרירדיקן איוואַן פאַוולאָוויטשן. ביידע סיי דעם פּראָפעסאָר צערעטעלי און סיי דעם איוואַן פּאַוולאָוויטשן האָט געטראָפן די זעלבע קבורה, דאָס הייסט געוואָרפן פֿאַר די דאָרטיקן שאַקאַלן.

נאָך דעם ווי איוואַן פּאַוולאָוויטש האָט זיין לעצט ביסל מיט בלוט לונג אויסגעשפּיגן און שטיל אויסגעגאַנגען האָבן אים די דאָרטיקע ליגענדיקע שכנים איבערגעדעקט מיטן פאַרשפּוגענעם מיט בלוט ליילעך. שפּעטער האָבן זיך איבער זיין ברויט ירושה, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע קליינע ברויט שטיקלעך געשלאָגן די דאָרטיקע דערנעבן ליגענדיקע קראַנקע אַרעסטאַנטן, איינער האָט דעם צווייטן געוואָרגן, ביידע האָבן זיך אויפן רוסישן זאַפטיקן אופן געשאָלטן אוז אין קבר פריצייטיק געשיקט, דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג ביז. עס האָט זיך באַוויזן דער סאַניטאַר מישאַ אַן אַרעסטאַנט, אויך אַ קראַנקער. ער מישאַ, נאָך אַ געזונטער יונג האָט צווישן די שלאָגענדיקע זיך איבער דער ברויט ירושה שלום געמאַכט און אויך שטיל געמאַכט, איינטיילענדיק ביידע עטלעכע זעץ מיט דער פויסט אין זייערע ציינער און דאָס ברויט פאַר זיך גענומען. נאָכהער, נאָך אַזאַ זיג האָט מישאַ זיין אַרבעט ווייטער געטוען, ווי גאָר נישט וואָלט געווען און געשען. אַזעלכע סצענעס זענען דאָרטן טאָג טעגלעך פאָרגעקומען. די אַמאָליקע מענטשן אַרעסטאַנטן זענען געשטאָרבן עלענד און געוואָרפן פאַר די שאַקאַלן.

ווען כ׳האָב זיך נאָך עטלעכע מאָנאַט אין סאַנגאָראָדאָק צוריק געשטעלט אויף מיינע פיס, איז עס נאָר געווען מער אין פסיכישן ווי אין פיזישן זין, ווייל פיזיש בין געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט. מיין דאָרטן אין לאַגער דערנערונגס וויקט האָט מיר און אויך קיינעם נישט געגעבן דעם געברויכטן כוח. דאָך האָב כאָטש געהאַט שלווה און רואיקייט. דאָס, די רואיקייט האָט מיר געגעבן די האָפענונג, וועלכע האָב שוין פריער אין די לאַגערן געהאַט בכלל פאַרלוירן. אַזאַ אָבער איצט נייע האָפענונג האָט מיר געגעבן צוריק די אָנרעגונג, אַז, דאָך אפשר וועל אַמאָל אויך נאָך די פרייהייט זען און אפשר פון זייערן גהינום דעם לאַגער אַרויס, אַזעלכעס איז דעמאָלט געוואָרן מיין גרעסטע און הייסטסטע תפילה אַז כ׳זאָל פון זייערע גערופענע ציניש, אויסבעסערונגס־לאַגערן אויף דער פרייהייט אַרויס.

אַזעלכע אויסבעסערונגס־לאַגערן האָב אין משך פון מיין דאָרטן זיין אַדורכגעלעבט ביי אַ ערך 10. אַלע די אויסבעסערונגס־לאַגערן זענען, ווו אַזעלכע גערופן

אין אייראָפּע, צוואַנגס־לאַגערן, אַלע זענען דאָ ממש פּרך־לאַגערן, דאָ, אַזוי גערופן אויסבעסערונגס־לאַגערן, דאָס באַווייזט דעם זייערן ציניש און שפּעט כאַראַקטער אין דער גרויסער מענטשלעכער טראַגעדיע. דאָ, אין זייערע לאַגערן איז נאָר פאַרדאַרבנקייט. אויב למשל האָסט נישט קיין כלי צום עסן ענטפערט מען דיר עס נישט. אויב ביסט קראַנק זאָגט מען שטאַרב. פון דאַן האָט דער שוואַכער קיין אויסזיכטן פון צוריק קומען צו זיין משפחה פון די לאַגערן אַהיים. דאָרטן, אין די לאַגערן מוזט נאָר אַרבעטן, מוזט שאַפן דיין אַרבעטס־זוערט. ווייל טאַקע דאָס איז אין רוסלאַנד דער עיקר ענין אין לאַגער, אַזאַ זאַך איז די גאַנצע דאָרטן באַזירונג, צוליב טאַקע זענען מענטשן באַשטראָפט כדי זאָלן שאַפן דאָרטן אַרבעטס ווערטן.

אַזוי און דעריבער בכדי פון די לאַגערן זיך דאַך באַפרייען, האָב איך שטענדיק געשריבן צום העכסטן רוסישן סאָוויעט וועגן מיין אומשולד, איך האָב געבעטן רעווידירן מיין באַשולדיקונגס־אַקט. אָבער קיין ענטפער האָב נישט באַקומען. אַזוי זענען אַוועק קנאַפּע דריי יאָר זיצן. שפּעטער שוין לאַנג נאָך דער מלחמה, ווען אויך פון דער געהאַפּטער אַמנעסטיע איז גאָרנישט אַרויס, ווייל מיין באַשולדיקטער אוסטאַוו איז דווקא נישט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער קליינע געגעבענער דעמאָלט אין רוסלאַנד אַמנעסטיע, וועלכע איז קוים דערגאַנגען ביז 5 יאָר תפיסה שטראָף, איז צו יענער צייט האָט זיך באַוויזן אַ נייע פאַר מיר האָפענונג צו ווערן באַפרייט אַלס פוילישער בירגער. אַזעלכעס איז געקומען פון אונטערשרייבן אַ מין רעפּאַטריאַנטן אָפּמאַך צווישן דער נייער פוילישער פאָלקס דעמאָקראַטישער רעגירונג אין דעם ראַטנפאַרבאַנד. אַזוי טאַקע, האָב ווידער אָנגעהויבן שרייבן וועגן דעם ענין אין רוסישן אַלגעמיינעם העכסטן סאָוויעט בעטענדיק מיך באַפרייען אַלס פוילישן בירגער און צוריק שיקן אַלס אַזעלכן קיין פוילן אָבער דאָס האָט נאָך אויך געדויערט ביי קנאַפּע דריי יאָר, נאָך זיצן אין די דאָרטיקע אויסבעסערונגס־לאַגערן.

✡

עס איז שוין לאַנג נאָך דער מלחמה, דאָס לעבן אין סאַנגאָראַדאָק איז נישט געוואָרן געענדערט. די האָפענונג פון דער דערוואַרטער דאָרטן אַמנעסטיע האָט גאָרנישט מיר געגעבן. דאָ אין סאַנגאָראַדאָק זענען פראָפאָרציאָנעל אין טאָג מער געשטאָרבן קראַנקע אַרעסטאַנטן ווי, באַפרייטע פון נאָך דער מלחמה אַמנעסטיע, וואָס שייך דעם אינערלעכן לאַגער רעזשים איז אַריין אַ מין מער און פאַרגרעסערטער האַרטנעקיקייט.

דאָ, אין סאַנגאַראַדאַק־לאַגער האָט מען אַפילו נישט געפייערט דעם גרויסן נצחון איבערן פאַשיזם. עס האָט זיך אָפּגעפּילט מער פאַרדאַרבנקייט און עס האָט זיך גאָר פאַרשטאַנען אַז, אַצינד ערשט וועט מען זיך אָ נעם טוען צו די אַלע דאָרטן אין לאַנד שונאים און כל מיני פושעים. אין לאַגער גופא האָט זיך דאָס לעבן פאַרגעזעצט ווי געוויינטלעך: עטאַפּן אַריין און עטאַפּן אַרויס, דאָס געשעפט האָט ווייטער געגעבן פּראָפיט. אין מיר איז אויך דעמאָלט געווען אַ גאַנצע לעבענס ענדערונג איך בין געוואָרן ממש אַ תושב אין לאַגער, האָב געקענט אַלע זוינקלען אין לאַגער, געקענט אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע מאַכט־מענטשן און שפּעטער בכדי אַרויס פון דער מיין קראַנקהייט האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַן דאָרטיקער אַרבעטער בריגאַדע, פאַרשטענדלעך לויט דער עצה מיט דער מיין דאָקטאָרין מירא מויסעיעוונא. אַזוי בין איך געוואָרן איינגעשלאָסן אין דער דאָרטיקער בריגאַדע, וועלכע האָט געאַרבעט אויף די דאָרטיקע קאָלכאָזן פעלדער. פאַר דער אונדזער אַרבעט האָט דער סאַנגאַראַדאַק באַקומען צוגעשטעלט געמיזע פאַרן לאַגער.

די אַרעסטאַנטן אין סאַנגאַראַדאַק־לאַגער זענען געווען פון אַלע פאַרשפּרייטע לאַגערן פונעם רוסישן מיטל־אַזיע און אַזעלכן דאָרטן לאַגערן זענען געווען אין די הונדערטער. אוזבעקיסטאַן זעלבס האָט געהאַט הונדערטער אַזעלכע אויסבעסע־רונגס־לאַגערן און קאָלאָניעס. די שטאָט טאַשקענט אַליין האָט געהאַט אַזעלכע מער ווי 10 אַרבעטס־לאַגערן. אויך זענען געווען אַזעלכע אַרבעטס־לאַגערן אין כמעט יעדער דאָרטן גרעסערער שטאָט פון אוזבעקיסטאַן.

די אַנגרענער־לאַגערן, וווּ מען האָט מיך פון סאַנגאַראַדאַק שפּעטער פאַר־שיקט, זענען געווען אַ פּרשה פאַר זיך זעלבס. דאָרטן אין די אַנגרענער לאַגער־נעץ, זענען די לאַגערן געווען אַנטוויקלט אין אַ גרויסער אַרבעטס־שטופע. דאָרטן זענען געווען לאַגערן אין די דאָרטיקע קוילן קאָפּאַלניעס, דאָרטן זענען געווען לאַגערן, וווּ מען האָט אויסגעהאַקט גאַנצע בערג, וועלכע האָבן געהאַט אַ שטאַרקן גראַניט־שטיין, די ווידער זענען געווען געבונדן מיט די דאָרטן עטלעכע לאַגערן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים איבערוואַרפן דעם גאַנצן טייך־לויף וואָס הייסט אַנגרען אויף אַ צווייטן לויף־פּלאַץ, ווייל אונטערן פריערדיקן לויף־בעקן פון טייך אַנגרען האָט מען געפונען ברען־קוילן און אַנדערע נאַטור־אוצרות.

יעדער דאָרטן אַרבעטס־לאַגער איז אַ מין אַרבעטער זאַוואָד אַ מין גרויסע אַרבעטס־אונטערנעמונג. דאָרטן אין אַלע לאַגערן אַרבעטן אין שיכטן, און יעדער מין אַזאַ אַרבעטס־שיכט האָט זיינע אַרעסטאַנטן־בריגאַדעס און אויב אַזאַ מין אַרבעט געפינט זיך ממש אויפן פעלד האָט מען געאַרבעט אַ ביסל לענגער. דאָך יעדער דאָרטן אַרבעטס־לאַגער, איז אין זיין כאַראַקטער אַ זאַך פאַר זיך זעלבס.

יעדער איינע בריגאַדע־גרופּע האָט אירן קאָנוואָי־באַגלייטער און האָבן זייערן באַזונדערן טאָג אָרדענונג. דאָ אין אַנגרען זענען געווען ספּעציעלע פּרויען־לאַגערן. אַזעלכע פּרויען־לאַגערן האָבן זיך אין זייער אַרבעט מיט גאָרנישט אונ־טערגעשיידעט פון די מענער לאַגערן, ווייל די פרויען זענען דאָך אין דער אַרבעט גלייכבאַרעכטיקט מיט די מענער און דעריבער אַרבעטן אין די לאַגערן גלייך מיט די מענער, נאָר פאַרשטענדלעך אין אַ באַזונדער באַגרויזטן מיט שטעכל־דראָט לאַגער פּלאַץ.

אַלע דאָרטן אַרבעטס־לאַגערן האָבן געהאַט איין רעגולאַמין. דאָס עסן איז געווען אומעטום אַן הונגעריקער. דאָס צוליב דעם, ווייל דער דאָרטיקער נאַט־שאַלניק איז געווען אַ שותף צו יעדער דאָרטן גניבה מיט די פּראָדוקטן צושטעלער אין לאַגער. אין יעדן לאַגער איז דער דאָרטיקער נאַטשאַלניק געווען אַליין הערשער בפרט אַזעלכער וועלכער האָט באַוויזן גרויסע ווערטפולע דערגרייכונגען אין די פּראָפּיטן פאַר דער מדינה.

יעדער דאָרטן אַרבעטס־לאַגער האָט סתם נישט גלאַט געאַרבעט, יעדער האָט זיין אַרבעטס־ציל, יעדער לאַגער האָט געברויכט דער מדינה געבן זיינע פאַר־דינסטן. קיין אַרבעטס ענערגיע איז דאָרטן נישט פאַרשווענדעריש. דאָס הייסט נישט ווייל מען באַדאַרף סתם מאַטערן מענטשן, ווו אַזעלכעס. האָט געהאַט זיין כאַראַקטער ביי די דייטשע נאַציסטן, ניין, דאָ האָט דער לאַגער אַן אַנדערן זין. דאָ אין רוסלאַנד איז יעדע זאַך באַרעכנט, ווי אויך יעדער אויפּטו פון דער אַרעסטאַנטס אַרבעט, ווייל צו וואָס געבן אומזיסט ברויט דעם אַרעסטאַנט דאָ אין רוסלאַנד איז אַלץ פּלאַנירט, געוויגן און געמאָסטן, אין רוסלאַנד האָט יעדער אַרעסטאַנט געמוזט שאַפן זיין אַרבעטס ווערט, דאָ איז נאָר געשטאַנען די פּראַגע, וואָס נאָר מערער אַרויסקוועטשן פון אַרעסטאַנט זיין אַרבעטס ווערט.

די אַרבעט אין אַן אַרבעטער־לאַגער איז דורכאויס אַ קנעכטישע. אַ שקלאַפן אַרבעט און נישט קיין באַצאָלטע און מיט יעדן טאָג איז די אַרבעט ציניש געפּאָ־דערט מער און מערער. יעדער אַרעסטאַנט איז געווען געמאָסטן מיט אַ „וויפל" וויפל למשל קאָן געבן און געבט. אויב דער אַרעסטאַנט איז געוואָרן קראַנק באַקומט אַפילו די נויטיקע באַדינונג, אַן אַנערקענונג אָבער דאָס בכדי מאָרגן זאָל ער ווידער געבן און שאַפן זיין אַרבעטס ווערט.

אין רוסלאַנד האָבן די אַרבעטער אַרעסטאַנטן אויפגעשטעלט דעם „דניעפּראָ־סטראָי" דעם קאַנאַל ביים קאַספּישן ים, דעם וואָלגאַ — מאָסקווע־קאַנאַל אין רוסלאַנד איז דער גאַנצער רוסישער צפון באַדעקט מיט אַ לאַגער־נעץ פון קאַ־טאָרזשנע־אַרבעטן, אָנהויבנדיק פון בלאָטע און זומפּן־אַרבעט, ביזן דאָרטן אין זייערע געדיכטע אור־וועלדער געראָפן לעסזאַגאָטאָווקע־אַרבעטן. אויך פון דאָרטן

רוסישן ווייטן סיביר און ביזן זייערן גערופענעם זונינקן אוזבעקיסטאַן אַזוי אין דער ברייט ווי אין דער לענג פון גרויסן ראַטנפאַרבאַנד איז די דאָרטן גאַנצע רוסישע טעריטאָריע מיט אַרבעטס־לאַגערן פאַרשפּרייט.

☆

אַנגרען איז אַ נאָמען פון אַ טייך אין אוזבעקיסטאַן, אויפן נאָמען פון דעם טייך איז דאָרטן די גאַנצע געגענט גערופן אַנגרען. דאָרטן אין אַנגרען זענען פאַראַן קוילן־קאָפּאַלניעס דאָס פון בעסטן סאָרט און איכות־אַטראַציט. אַנגרען איז אין אוזבעקיסטאַן, ווי דער דאָנבאַס אין אוקראַינע. דער וואַסער־לויף פון דעם טייך איז נישט קיין שטאַרק שטראָמישער, די ברייט פון טייך איז אויך קיין שטאַרק ברייטער אָבער אונטער דעם גאַנצן טייך־בעקן האָט מען טאַקע אויס־געפונען די גרויסע דאָרטן קוילן און אַנדערע ערד־אוצרות. די קוילן זענען טאַקע געווען אויף יעדער דאָרטן אָרטשאַפט בפרט אונטערן וואַסער.

די קוילן צוליב דעם וואָס זענען געלעגן נאָענט צו דער אויבערפלאַך פון דער ערד, זענען געווען גרינג צום עקספּלאָאַטירן. מען האָט געקענט ממש מיט אַן עלעוואַטאָר די קוילן פון אונטערן וואַסער אַרויסבאַקומען. מענטשן די דאָרטן איינוווינער פלעגן די דאָרטיקע קוילן גראָבן אין טייל ערטער מיט ממש זייערע שטוב־כלים, און פלעגן עס נאָכהער פאַרקויפן אויפן דאָרטן מאַרק צום באַהייצונג. מיר די בריגאַדעס גייענדיק פאַרביי צו דער אַרבעט אַהין צו דער שטיינער־באַריערע האָבן טאַקע געזען אַזעלכע אויפגעגרובענע קוילן־פלעצער פון מענטשן. פאַר־שטענדלעך אַז אַזעלכעס איז געווען נישט דערלויבט און געהייסן דאָרטן גניבה.

אַלזאָ, צוליב דעם טאַקע האָט מען פלאַנירט דעם אַזוי גרויסן פּלאַן, ווי דאָס איבערוואַרפן דעם גאַנצן טייך־בעקן, ווו ער איז איצט, אויף אַ צווייטן אָרט און אַזאַ אַרבעט איז פאַרשטענדלעך געמאַכט געוואָרן מיט אַרעסטאַנטן־הענט. מיר זענען טאַקע געווען אַ גרופּע אַרעסטאַנטן בריגאַדעס, ווו האָבן געאַרבעט אין דעם דאָרטן אָנפאַנגס פּראָצעס ביים אַריבערוואַרפן דעם טייך־בעקן.

אונדזער אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער שטיינער באַריערע, דאָס איז געווען גרויסע הויכע פעלדזן בערג, וועלכע האָבן געהאַט אין איין באַטרעף גראַניט שטיינער. די שטיינער האָט מען באַדאַרפן צו ערשט אויפרייסן און שפּעטער האָבן געדינט פאַר פאַרפעסטיקן די גרויסע דאָרטן אויסגעגרובענע פוןביידע זייטען קאַריטע ווענט, ווו אין מיטן האָט באַדאַרפן פליסן דער נייער אַריבערגעוואָרפענער טייך־לויף. אַזעלכע שווערע שטיינער געריסענע פון די בערג האָט מען נאָכהער געלייגט אין גרויסע געמאַכטע עטלעכע מעטערדיקע דראָטן־שאַטקעס אָדער אַזעלכע

קאַסטענס און זיי האָט מען געלייגט איינע אויף דער צווייטע, פאַרשטענדלעך געבינדן מיט דראָטן אַזוי אין רייע אויף אַ לענג פון קילאָמעטערס און אַ הויך פון 50 מעטער.

מיר בריגאַדעס, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף די דאָרטן גראַניט־בערג איז אונדזער אַרבעט געווען אין דעם פּראָצעס די שווערסטע און דערצו גרויס סכנהדיק. דאָרטן אויף די בערג האָבן מיר אויסגעקלאַפּט מיט גרויסע האַמערס טיפע לעכער. דאָס האָבן מיר אויסגעהאַקט מיט פאַרשידענע אָנגעשאַרפטע אייזערנע לאָמען, אַזעלכע האָבן מיר געהאַט צו דער אַרבעטס־דיספּאָזיץ פון אַלע גרויסן אָנהויבנדיק פון אַ האַלבן מעטער און ביז אַנדערהאַלבן מעטער די גרויס. די לאָמען האָט מען יעדן טאָג ספּעציעל געשאַרפט כּדי זאָלן שפּיציק זיין און זאָלן קענען טיף ווערן אַריינגעקלאַפּט אין דעם דאָרטיקן פעלדזן באַרג, אַזעלכע פון אונדז אויסגעהאַקטע לעכער האָט יעדן טאָג די נאַטשאַלסטוואָ געפאָדערט מערער.

אַזאַ אַרבעט פון אויסקלאַפּן אַזעלכע טיפע פעלדזן לעכער האָבן געטוען צוויי אַרעסטאַנטן, איינער האָט מיט דער האַנט דעם לאָם געהאַלטן און דער צווייטער האָט אין אים געקלאַפּט, אַזוי אויך האָט מען זיך געטוישט אין דער אַרבעט. די האַמערס זענען פון פאַרשידענע שווערקייטן און גרייסן, גאָכן יעדן ביסל קלאַפּן האָט מען געמוזט אין דעם לאָך אַריינגיסן אַביסל וואַסער כּדי עס זאָל דערמעגלעכן טיפער דאָס בויערן דעם לאָך אין דעם פעלדז־שטיין. שפּעטער נאָך דער אַרבעט האָט מען אין אַזעלכע לעכער אַריינגעשיט דינאַמיט לאָדן און צו די לעכער צו־געצויגן שנורן, וועלכע מען האָט אונטן צופּיסענס פון באַרג אונטערגעצינדן.

די אַרבעט פון אויפרייסן די געמאַכטע פון אונדז אַרעסטאַנטן לעכער האָבן געמאַכט פאַרנאַכט אַ ספּעציעלע מיליטער־גרופּע. נאָכן אונדזערן אין לאַגער אַהיימגיין. דעם אויפרייס פון דעם דינאַמיט לאָדן האָט מען געהערט ווייט נאָך דער שטאָט. אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר ערשט געברויכט אָפּרייניקן דעם גרויסן שטח פון די אויפגעריסענע פעלדזן שטיינער, גרעסערע צעקלאַפּן אויף קלענער כּדי זיי זאָלן קענען אַריין אין די געמאַכטע פון אַנדערע בריגאַדן גרויסע פון דראָטן אייזערנע קאַסטענס אָדער גערופן דראָט־שאַטקעס. די אַרבעט פון אויס־קלאַפּן לעכער אויף די בערג זוי אויך דאָס אָנלאָדענען אויף די וואַגאָנען די שטיינער, איז געווען געטוען פון אונדזערע בריגאַדן, וועלכע זענען געגאַנגען אויף דער טאַטשקע גערופן, די שטיינער באַריערע.

אַזאַ מין שוין צוגעגרייטן פעלדזן שטיין, וועלכן מען אָנגעלאָדן אין די וואַגאָנען האָט געוויגן אַ ערך 70 אָדער 80 קילאָ וואָג. געטראָגן אַזאַ שטיין האָט מען אויף די פּלייצעס אָדער מיט נאָסילקעס אויב למשל אַזאַ מין שטיין איז געווען גרעסער אָדער שווערער אין וואָג. דאָס אָנלאָדענען אַ צוג מיט צענדליקער וואַגאָנען

האָט באַדאַרפֿן זײַן אין געצײלטע אָנגעװאָרפֿענע פֿון דער נאַטשאַלסטװאָ 2 שעהן. ממש אַ קאַטאָרגע אַרבעט, מענטשן זענען געפֿאַלן אויף די פֿיס אָבער דער פּראָ־ראַב און די בריגאַדירן האָבן געװאַלדעװעט: „עס טאָרנישט זײַן קײן פּערעבוי״, װײַל אַנדערע דאָרטן בריגאַדן װאַרטן מיט זײערן אַרבעט אויף דעם פֿון אונדז געשיקטן צוג מיט די שטײנער און אַזוי אין קײט. אײנע בריגאַדן האָבן געיאָגט די אַנדערע, אײנע בריגאַדן זענען געװען אָפּהענגיק פֿון די צװײטע גרופּע בריגאַדן. און אַזוי איז יעדער אַרבעטס טאַטשקע געװען געיאָגט אין דער אַרבעט לויט זײַן שטײגער און אופֿן.

פּאַר אַזאַ מין טאָג־טעגלעכער געמאַטערטער אַרבעט האָט דער אַרעסטאַנט באַקומען נאָך אַ תּוספֿת פֿון 100 גראַם ברויט צו דער פּרי־פּײַקע, װעלכע איז באַשטאַנען פֿון 600 גראַם געראָפּן מלוכה־ברויט. װײַל אַלץ האָט מען דיר געזאָגט, אַז לעבסט נאָר פֿון דעם דיר געגעבן מלוכה־ברויט, כאָטש מען האָט אויף דעם שװער און ביטער געאַרבעט.

די אַרבעט אויף דער שטײנער באַריערע אַ חוץ אירער שװערקײט, איז געװען אויך סכּנהדיק נישט אײנמאָל האָט פּאַסירט דאָרטן אַ אומגליק פּאַל װי אַזעלכעס פֿון אָפּהאַקן אַ פֿינגער אָדער אַפֿילו די גאַנצע פֿויסט אָבער אויך האָט דאָרטן פּאַסירט גרעסערע אומגליקן, אַזוי האָט נישט אײנמאָל געטראָפֿן אַז אַ גרויסער פּול־טאָניקער שטײן האָט פּלוצלינג זיך אָנגעהויבן קײקלען און ביז אַראָפּ און אין אַ סעקונדע צעקװעטשט צװײ דאָרטן אַרבעטנדיקע אַרעסטאַנטן, פֿון װעלכן מען האָט שפּעטער נאָך דער מעשׂה נישט דערקענט קײן מענטשלעכע צורה.

נאָך אַזאַ געשיכטע מיט דעם שטײן, װעלכער האָט צעקװעטשט צװײ אַרעס־טאַנטן איז אַרײַן דאָרטן אַ גרויסער טרויער בײַ אַלע אַרעסטאַנטן, דאָס האָט געבראַנגט צו טרויעריקע מחשבֿות בײַ יעדן דאָרטן אומגליקלעכן אַרעסטאַנט. נאָך אַזאַ געשעעניש זענען געקומען די דאָרטיקע נאַטשאַלסטװאָ פֿון דער פּאַרברעכע־רישער 2־טער אָפּטײלונג פֿון דער ב. ק. װ. ד. װי געטרײַע היטער פֿון יעדן „נעבעך״ מענטשלעכן אומגליק, װעלכע אָבער פּאַקטיש האָבן געזוכט אַ מעגלעכקײט צוציען עמיצן צו אַ פּאַראַנטװאָרטלעכקײט. דאָס הײסט אפֿשר עפּעס, מעגלעך געבן עמיצן אַ צוגאָב אורטײל, אַזעלכעס אין די רוסישע לאַגערן האָט אָפֿט פּאַסירט, װײַל עס איז דאָך אַזעלכעס פֿאַר זײ געװוּנטשן, אָבער דװקא איצט האָט זיך נאָר געענדיקט מיטן אַקטירן די צװײ אַרעסטאַנטן כּדי דער נאַטשאַלניק זאָל זיך דאָך קענען באַװײַזן אין דער צאָל מענטשן פֿאַר דער דאָרטיקער בוכהאַלטעריע... און אויך אין זײערע „דיעלאָס״ פֿון די אומגעקומענע האָט מען צוגעשריבן אַ קלײנע רובריק: מער נישטאָ!

צװישנצײַט בשעתן זײַן אויף דער טאַטשקע פֿון דער נאַטשאַלסטװאָ האָבן

זיך די בריגאַדירן מער געפּלייסט אין דער זייער אַרבעט, אגב מיר די אַרעסטאַנטן זענען געווען בייז און אויסער זיך פון כעס, יעדער האָט פאַרביסן מיט די ליפּן און געשוויגן. וואָס אַן אמת, אַז דאָרטן אין זייערע לאַגערן האָב איך קיינמאָל נישט געזען קיין פּראָטעסט אָדער אַ באַוויזענעם נישט צופרידנקייט כאָטש אין אמתן געזאָגט האָבן די דאָרטן מענטשן נישט געהאָט מער ווי צו פאַרלירן נאָר די קייטן אויף זייערע הענט. אַזוי אויך האָבן די דאָרטן אַרעסטאַנטן געשוויגן, ווען שוין אַ יאָר די נאַטשאַלסטוואָ גיט זיי נישט די נויטיקע פאַרדינטע פּאַרציע צוקער, וועלכעס איז באַשטאַנען פון 100 גראַם געשיטן צוקער, אַזוי האָט מען נישט פּראָטעסטירט, ווען דאָס ברויט איז נישט געווען גוט דערוויגן, אַזוי האָט מען נישט פּראָטעסטירט, ווען מיט יעדן טאָג איז דאָס עסן געוואָרן ערגער סיי אין כמות ווי סיי אין איכות, דעריבער האָט זיך מיר געפרעגט, ווי אַזוי האָט געקענט פּאַסירן, אַז דאָס פאָלק איז אַמאָל געווען רעוואָלוציאָנעריש געשטימט און געשאַפן די דאָרטיקע רעוואָלוציע?! זעט אויס, אַז טאָקע דעמאָלט איז דאָס פאָלק געווען מער דעמאָקראַטיש געשטימט און מער זיך דערלויבט פאָדערן פון דער רעגירונג, כאָטש אַזעלכעס איז געווען בשעתן הערשן פון דעם אַבסאָלוטן צאַרישן רעזשים, ווייל גיי און נאָר פּרוביר אַזעלכעס פאָדערן ביי איצטיקן סטאַלינישן רעזשים! דאָס אַלעס, ווייל דעם דאָרטן אין רוסלאַנד אַרבעטער בפרט אין די לאַגערן איז נישט געגעבן קיין רעכט זיך אָרגאַניזירן אין קאָלעקטיוון און דעריבער אַלס יחיד פאַרלירט זיין גאַנץ קראַפט און קאַמפס פעאיקייט.

אָבער אַזיווי די דאָרטיקע מאַכט האָט דאָרטן נישט דערלויבט זיך אָרגאַ־ניזירן אין קיין קאָלעקטיוון אין גאַנצן אַלגעמיינעם לאַגער לעבן, אָבער דאָך קאָלעקטיוו באַשטראָפן, אַ גאַנצן קאָלעקטיוו פאַר אַ יחיד האָבן יאָ געקענט באַשטראָפן, דאָס כדי אָפּשרעקן די באַווינטע לאַגער באַפעלקערונג. פּאַסירט האָט די זאַך אַזוי, געווען איז עס אין אַ ווינטער נאַכט. צוערשט איז געווען אַ גרויסער רעגן־גאָס, נאָכהער אַ שניי און נאָכהער אַ שטורעם־ווינט, און נאָך דעם אַלעמען האָט אָנגעהויבן פרעסטיקן אין אַזאַ מין נישט איינגענעמענער ווינטער־נאַכט, ווען מענטשן זענען מיד געשלאָפן, האָט מען פּלוצלינג געהערט דעם אויפשטיין גלאָק. מענטשן האָבן זיך אויפגעהויבן מיט דערשטוינונג, ווייל עס איז געווען שטאָק נאַכט, אָבער די געוואַלטן פון די בריגאַדירן און קאָנוואָיען איז געווען גרויס. און בלית ברירה האָבן מיר זיך אויפגעהויבן פון דער קוים דערוואָרעמטער נאָרע.

די אַרעסטאַנטן איינגעוויקעלטע אין צעריסענע קאָצן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשאַרן אויפן צענטער וועג ווו פירט צום אַרויסגאַנג צו דער אַרבעט. כאָטש

גרינג איז אַזאַ מעשה נישט געווען אַרויסשלעפּן אויף דער פינסטערניש טויזנטער מענטשן. די אַרעסטאַנטן האָבן געשאָלטן זיך, און יעדן, די קאָנוואָיען האָבן געיאָבקעוועט אויף די בריגאַדירן, די בריגאַדירן האָבן געשריגן אויף די זייערע אַרעסטאַנטן־אַרבעטער און אַליין זענען געווען שטאַרק נישט צופרידן, דאָך נישט איינער האָט אין דער פינסטערניש באַקומען אין די ציינער. אַזוי לאַנג ביז עס האָט זיך ענדלעך אָנגעהויבן דאָס ציילן. אַזאַ מעשה אָבער האָט געדויערט דווקא לאַנג דווקא האָט מען זיך עטלעכע מאָל טועה געווען און אַזוי האָט עס געדויערט ביזן אין דער פרי, ביזן גיין צו דער אַרבעט. אַזוי טאַקע אויך, איז מען שוין געגאַנגען צו דער אַרבעט אָן עסן אָן ברויט. קיינער פון די אַרעסטאַנטן האָט נישט פּראָטעסטירט, אַפילו נישט געפרעגט וועגן דעם עסן, און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישער ארבעטס־טאָג.

שפּעטער איז קלאָר געוואָרן די נאַכטיקע פּאַסירונג. געווען איז עס אַ געשיכטע מיט פּרובירן אַנטלויפן פונעם לאַגער. טאַקע פון דעם אַנטלויפן איז גאָרנישט געוואָרן: דריי פון די אַנטלויפער האָט מען געכאַפּט, דעם פערטן האָט מען געפונען און געשאָסן. אָבער עיקר איז געווען, כדי באַשטראָפן דעם דאָרטן גאַנצן כלל לאַגער, אַז אַזעלכעס זאָל זיך מער נישט איבערחזרן. אַזוי טאַקע, איז געווען דער דעמאָלטדיקער באַנאַכט אַפּעל. אַזאַ שטראָף איז געווען אָנגעוואָנדן, כדי אָנלערנען אַ גאַנצן קאָלעקטיוו פון טויזנטער אַרעסטאַנטן, צוליב עטלעכע יחידים, האָט מען דעריבער געמאַטערט אַ גאַנצן לאַגער, אַפילו ווען עס איז שוין געווען באַוווסט פאַר די נאַטשאַלסטוואָ און די קאָנוואָיען, אַז קיינער איז נישט אַנטרינען געוואָרן.

✡

דער אַרעסטאַנטן אָפּקלייב אין די אַנגרענער לאַגערן איז געווען הויפּ־זעכלעך פון גרויסע שטראָף אורטיילן, דאָס פון 10 יאָר און העכער. אויך אין פּאָליטישן זין, איז דער לאַגער געווען גאַנץ פאַרשידענפאַרביק — אַ סך פּאָליטישע, אַ גרויסער טייל זענען געווען מיליטער דעזערטירן, און אויך פון דעם באַוווסטן אוסטאַוו 7 טן אויגוסט, וועלכער מינימום שטראָף איז געווען 10 יאָר תפיסה־שטראָף.

אויך זענען דאָרטן געווען ממש פּראָפעסיאָנעלע באַנדיטן, דאָך אין דעם דאָרטן גרויסן מענטשן־ים פון אַרעסטאַנטן זענען די גרעסטע מערהייט געווען אומשולדיק באַשטראָפטע. אָדער סתם, אַ דירעקטאָרס קרבן. ביי אַלע אָן אויסנאַם, איז געווען נאָר גרימצאָרן, וועלכעס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין הילפסלאָזן יאוש

שטימונג, צוליבן זייערן ביטערן גורל, וועלכער האָט אים, דעם אַרעסטאַנט אומשולדיק געוואָרפן אין דער זייערער תּפיסה.

אַמאָל איז געווען, פאַר דער גאַנצער צייט האָט דאָרטן אַזעלכעס בייגע־ווינט אַ סטיכישן דאָרטן אויפברויז צאָרן אָבער, וועלכן טראָץ מיינע דער־וואַרטונגען איז אַדורך, ווי אַזעלכעס איז איבערהויפּט נישט געשען און געווען. געווען איז עס אַזוי: דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט מען דאָרטן אין לאַגער קיין ברויט געטיילט. די אַרעסטירטע דאָרטן זענען ממש געפאַלן פון די פיס, ווייל דאָס שטיקל ברויט האָט דאָך געהייסן דער גאַנצער דאָרטן לעבן. פאַרן ברויט אַרבעט דער אַרעסטאַנט אַזוי פיינלעך שווער. די בריגאַדירן זענען געגאַנגען צום נאַטשאַלניק, אָבער די אַלע פאַרשידענע ענטפערס האָבן דעם אַרעסטאַנט נישט באַפרידיקט און זיי די בריגאַדירן כּדי פאַרלאַנגען די זייערע אַרבעטס־נאָרמעס, האָבן אָפּגעשטילט דעם דאָרטיקן עולם מיט צוזאָגן, אַז היינט־מאָרגן און דאָס ברויט וועט ווערן „אויסגעצאָלט" פאַר דער גאַנצער צייט.

די פּאַסיווקייט פון דעם דאָרטיקן אַרעסטאַנט האָט מיך ממש באַוווּנדערט. פון די כּלים אַרויסגעבערענגט. צי טאַקע זענען די מענטשן נאָר שטוב־כּלים? האָב איך זיך געטראַכטן. מיטאַמאָל געווען איז עס אַ ווילכאַדנע טאָג, האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אַ גרויסער וואָגן, דאָס איז געווען דער ברויט־וואָגן. אַזאַ וואָגן קאָן אפילו קיין חלק ברויט פאַרן לאַגער אַריינברענגען. דאָך אָבער האָב איך זיך געטראַכט קאָן מעגלעך זיין, איז עס טאַקע דער אָנהויב פון דעם אַריינפירן דאָס צוגעזאָגטע ברויט. אַזוי טאַקע האָט זיך יעדער געטראַכט, און פּלוצלינג איז פון וווּ־נישט־ווו איז געוואָרן אַ לויפעריי, עפּעס אַ ווילדקייט איז אַריין אין דעם גאַנצן דאָרטן עולם. אַלץ איז געלאָפן צום ברויט וואָגן, איינער האָט דעם אַנדערן געשטופּט, געשלאָגן און דאָס ברויט איז אין משך פון געציילטע מינוטן פאַרשווינדן. דאָס גאַנצע ברויט איז געוואָרן דורך די דאָרטיקע אַרעסטאַנטן צעשלעפּט, צעכאַפּט מיט שטאַרקן דערצו כּעס און גרימצאָרן.

געמיינט האָב איך, אַז נאָך אַזאַ מעשה וועט זיך אָנהויבן דאָרטן אַ אמתע לאַגער־אויספאַרשונג. די אַלע נאַטשאַלניקעס זענען טאַקע אָנגעקומען און שווייגענדיק אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און די גאַנצע מעשה איז ווי גאָרנישט פאַרגעקומען, געוואָרן אָפּגעווישט. געבליבן זענען די חברה מיט די שטיקער ברויטן אין די דאָרטיקע באַראַקן, וועלכע האָבן זיך געקילט זייער האַרץ פון אַזאַ מעשה. סוף כּל סוף — ווען וואָלטן באַשולדיקט, קיינער וואָלט אין די באַדינגונגען געגעדט קיין שלעכטס אויפן אַנדערן.

דערווייל האָט דער עולם מיט גרויס הנאה געגעסן אין די באַראַקן דאָס הייסע און לעפּקע געשמאַקע ברויט. אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי, האָט מען געטיילט

פאַר גאַנצע צוויי טעג ברויט און שטיל שאַ. וועגן דער נעכטיקער מעשה, ווי עס וואָלט גאָרניש פּאַסירט, מיר וועגן דעם געשעעניש, האָבן לאַנג אין לאַגער גערעדט אָבער די נאַטשאַלסטוואָ האָט אַנגענומען וואַסער אין מויל און געשוויגן.

שפּעטער מיט אַ חודש, האָט זיך פאַרשפּרייט אין לאַגער קלאַנגען, אַז דעם לאַגער־נאַטשאַלניק פּיעטריצקין האָט מען פון דער אַרבעט אַראָפּגענומען און אַרעסטירט. דאָס איז געווען גערעדט צוליבן פאַרקויפן ערגעץ אויפן דאָרטיקן אין אַנגרענער מאַרק, אַ גאַנצע מאַשין מיט געמיזע, וועלכע אַנשטאָט צו ווערן געברענגט אין לאַגער פאַר דער אַרעסטאַנטן־קוך האָט זי געטראָפן אירן וועג אויפן דאָרטיקן מאַרק. אַזוי האָבן טאַקע זיך געפירט די דאָרטן לאַגער נאַטשאַל־סטוואָ און נישט נאָר אין אַנגרען לאַגער, נאָר אין דער גאַנצער אַרבעטס־לאַגערן נעץ אין דער גאַנצער גרויסער ראַטנפאַרבאַנד־מלוכה.

די פּיעטריצקיס זענען געווען דריי ברידער, אַלע דריי ברידער זענען דאָרטן געווען לאַגער נאַטשאַלניקעס. די אַרבעטס לאַגערן אין זייערן רשות זענען געווען אין שכנות צווישן זיך. פאַרשטענדלעך צוליב דעם טאַקע איז אַוודאי געווען פאַר די פּיעטריצקיס גרינג דאָס באַרויבן דעם דאָרטיקן אַרעסטאַנט פון דעם אַרעס־טאַנטס באַקומענעם אַרבעטס־לוין. וועלכעס איז דאָס ברויט און די צוויי מאָל אין טאָג אַרויסגעגעבענע באַלאַנדע זופּ. דאָרטן אין די לאַגערן האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן באַזירט אויף דעם טאַקע לאַגער־וויקט. פאַר דעם לאַגער־וויקט האָבן די אַלע טויזנטער און אפילו מיליאָנען אַרעסטאַנטן געאַרבעט און געשאַפן זייערן רייכטום פאַר ראַטנפאַרבאַנד. די פאַרשטייער פון דעם דאָרטן סאָציאַליס־טישן ראַטנפאַרבאַנד אין די אַנגרענער לאַגערן זענען געווען די ברידער פּיעט־ריצקיס. זיי אַלס לאַגער נאַטשאַלניקעס זענען געווען פון דעם רוסישן סאָוויע־טישן נייעם דערצויגענעם סטאַלין־דור. מן הסתם געהאַט דעם פולן צוטרוי פון דער איינציקער דאָרטן אין רוסלאַנד יושר פאַרטיי, די קאָמוניסטישע פאַרטיי.

די מעשה מיט דער גניבה פון דעם לאַגער נאַטשאַלניק פּיעטריעצקי פונעם שווערן אין בלוט פאַרהאָרעוועטן אין שווערער פּרך־אַרבעט אַרעסטאַנטס לעבענס־וויקט, וועגן וועלכער מען האָט אַזוי פיל דעמאָלט אין לאַגער גערעדט אפילו די דאָרטיקע קאָנוואָי־סאָלדאַטן האָבן וועגן דעם אָפּען. זעט אויס מיט כונה גערעדט און פלעגן שטענדיק וועגן דער טאַקע גניבה אונטערשטרייכן. דאָך אַלעמען, איז נאָכן ניי אָנגעקומענעם אַהין לאַגער־נאַטשאַלניק אין דער דאָרטיקער אַרעסטאַנטן־וויקט נישט בעסער געוואָרן. עס איז פאַרבליבן דער זעלבער לאַגער־הונגער, די זעלבע וואַסער־זופּ, די באַצאָלטע פאַר דער דאָרטן שווערער פּרך־אַרבעט. אַזעלכעס בפרט. ווען עס זענען שוין געווען לאַנג נאָך דער מלחמה, ווייל בשעת דער מלחמה האָבן דאָרטן די אַרעסטאַנטן באַדאָרפן

אויך מוותר זיין אין דעם אַלגעמיינעם פּאָלקס אָנשטרענג, כּדי דערגרייכן דעם נצחון איבערן שונא.

דאָס עסן פאַר דער בריגאַדע פלעגט דער בריגאַדיר זעלבס אין קוך באַקומען, יעדע איינע בריגאַדע האָט געהאַט די נויטיקע צו דעם כּלים, אין וועלכע האָט געבערענגט דאָס עסן פאַר דער בריגאַדע. בשעת מעשה אין דער קוך פלעגט אַזאַ בריגאַדיר באַקומען פאַר זיך אַ ספּעציעלן קאַציעלאָק מיט בעסער עסן, דאָס הייסט אַ געדיכטערס. אַזוי אויך פלעגט דער קוכער אין לאַגער אַראָפּנעמען פון אַלגעמיינעם קאַציאָל דאָס בעסערע פאַר די דאָרטיקע לאַגער בריגאַדירן און לאַגער עלטסטע און אַנדערע דאָרטן אין לאַגער שליסל מענטשן.

אין אַן אַרבעטס טאָג אויף דער אַרבעטער טאַטשקע פלעגן די מיטאָגן געקאָכט ווערן אויפן אַרבעטער אָרט. יעדער טאַטשקע האָט געהאַט זיין קוכער און דאָרטן איז אַוודאי פאַרשטענדלעך פלעגן באַקומען דאָס בעסערע פון דעם עסן די בריגאַדירן און אויך די דאָרטיקע גנבים, וועלכע פלעגן נאָר זיצן און קאָרטן שפּילן, ווייל אַרבעטן ברויכן נאָר די דאָרטן אַלע „פרייערס“, די לעצטע דאַרפן „טירן“ אויף זייערן גנבישן לשון אָבער נישט ער דער גנב, וועלכער איז דאָך פּאָרט אין זיין אייביקער היים.

אַזוי טאַקע איז אין דאָרטיקן לאַגער סיסטעם געווען איינגעפירט דער סדר לעבן און דאָרטיקן גניבישן לעבענס סיסטעם, צו ערשט האָבן געגנבעט די פּיעטריצקיס, נאָכהער די לאַגער עלטסטע, קאָרפּוס עלטסטע, די בריגאַדירן און די קוכער, נאָכהער די ברויט שניידער און ברויט פאַרטיילער. אַלע זיי צוזאַמען, האָבן געגנבעט לויטן איינגעפירטן נוסח דעם שוין געהערשטן אין די דאָרטן אויסבעסערונגס לאַגערן.

דער רכוש פון יעדן אַרעסטאַנט איז באַשטאַנען פון אַ בלעכענע כּלי געראָפן קאַציעלאָק און אַ הילצערנעם לעפל. די פריערדיקע אייזערנע לעפל האָט מען צוריקגעצויגן און מער נישט אַרויסגעגעבן צוליב דעם, ווייל אַזאַ אייזערנעם לעפל פלעגן די אַרעסטאַנטן צעברעכן אויף שטיקער און אַראָפּשלינגען, בכדי אויף אַזאַ אופן זיך פון אַרבעטס לאַגער אין סאַנגאַראָדאָק אויף אַ מאָגן אָפּעראַציע ווערן געשיקט און מיטן זעלבן פטרן אויף אַ צייט דעם פאַרשאָלטענעם לאַגער.

די צוויי זאַכן אַ קאַציעלאָק און אַ לעפל באַדאַרף זיך יעדער אַרעסטאַנט זעלבס איינשאַפן יעדעס דאָס קאָסטעט דעם אַרעסטאַנט די טאָג פּייקע, ווייל ווען האָסט קיין כּלי צום עסן וועט דיר קיינער אַזאַ כּלי צום עסן געבן אלא, וואָס שייך דער דאָרטיקער לאַגער מאַכט, קימערט עס זיי נישט צו דער אַרעס־טאַנט עסט אָדער נישט, די דאָרטן לאַגער נאַטשאַלסטוואָ, האָבן די אַחריות איבער אַרעסטאַנט ביזן אים ברענגען אין לאַגער אַריין. אַלעס אַנדערשעס האָט זיי

נישט אינטערעסירט. יעדער פרישער אין לאַגער צוגלייך מיטן אַהין אָנקומען מוז זיך איינשאַפן אַזאַ וויכטיקן פאַר אַרעסטאַנט לעבענס געשיר, ווייל ווי דען קאָן זיין אין לאַגער אַנדערש. אַ פריש אָנגעקומענער אַרעסטאַנט אַמאָל געררו־פענער אינטעליגענט פלעגט זיין פאַרציע זופּ טרינקען ממש פון ברודיקן קאַצי־אַלאַק און אַפילו דאָס ביסל דאַרטן געדיכטערע מאַסע זופּ מיט די פינגער אַרומ־ווישן און עס אַראָפּשלינגען. און בסך הכל ווערט אַזאַ מין פריש אָנגעקומענער אַרעסטאַנט אפילו דעם גרעסטער אינטעליגענט ווערט בלויז אין געציילטע נאָר טעג אַ ריכטיקער לאַגער אַרעסטאַנט.

דער קאָצעליאַק איז געווען אַ בלעכענע כלי, אַ סתם שוואַרצע און פאַר־זשאַווערטע פושקע. אַזאַ פושקע איז פון אַלטקייט געווען לעכערדיק און די לעכער האָט יעדער אַרעסטאַנט פאַרשטיפּט מיט אָפּגריסענע שטיקלעך שמאַטעס פון זיין לאַגער מלבוש, אָבער חוץ אַלעמען היט יעדער אַזאַ מין קאציעלאָק ווי זיין אויג אין קאָפּ.

אַלע אַרעסטאַנטן אין לאַגער לעבן נאָר אויפן אַרויסגעגעבענעם לאַגער וויקט, וועלכער וויקט איז אַרומגעגנבעט און אַרומגעצופּט פון אַלע זייטן. און ווען מיר דאַרפן פאַרשטיין, אַז אַלע כמעט אַרעסטאַנטן לעבן פון דעם נאָר לאַגער וויקט, ווייל קיין אַנדערע ווירטשאַפטלעכע שטיצע האָט אַזאַ אַרעסטאַנט נישט, ווייל דער רוב זענען פּאָליטישע אָדער אויף אַן אַנדערן אופן באַשטראָפט, אַזוי אַז קיין שטיצע טאָרן נישט פון דער היים באַקומען, דעריבער איז פאַר־שטענדלעך פאַר וואָס אַזוי וויכטיק איז פאַר יעדן אין לאַגער דער דאָרטן געגעבענער טאָג פּאַיאָק.

✡

עס איז שוין לאַנג נאָך דער מלחמה. עס איז שוין פאַרביי 5 יאָר פון מיין לאַגער שטראָף און איך נאָך אַלץ געפין זיך אין אויסבעסערונגס־לאַגער, כאָטש פּאַקטיש וואָלט באַדאַרפן לויט אַלע פּולמאַכטן, וועלכע דריגגען פון אונטערגעשריבענעם רעפּאַרטיאַנטן אָפּמאַך, צווישן רוסלאַנד און פּוילן, זיין שוין לאַנג צוריק געשיקט קיין פּוילן, זיין צוריק אין דער היים אויף דער פרייהייט. אָבער זיי דאָ אין רוסלאַנד נאָך מיך, באַמיען מאַכן פאַר אַ מענטש, דאָס הייסט מאַכן פון מיר אַ לייט. וואָס אַ אמת כ׳וואָלט זיי מוחל געווען זייער גאַנצע טירחה און דאָך, בין נישט מער ווי אַ אומשולדיק פאַרמשפּטער און אַלס אַזעלכער געהאַלטן אין זייערן אויסבעסערונגס לאַגער.

5 יאָר אין זייערע לאַגערן הייסט בלויז אַ הונגער לעבן, און וועלכעס האָב

נישט נאָר אין דער צייט אַדורכגעלעבט ? תפיסה און פּערעסילקע, מיט שווערע פּרך לאַגערן, דאָרטן אין זיי האָב געאַרבעט שווערער פון מיינע דערלויבטע פיזישע כוחות, האָב געטראָגן גרויסע אייזערנע דריי צאָליקע רערן, פון וועלכער אַרבעט בין געוואָרן פאַרבראָכן און קראַנק געוואָרן, נאָכהער אין סאַנגאַראַדאָק בין אפילו אַלס קראַנקער געגאַנגען מיט דער דאָרטן אַרבעטער בריגאַדע אויף זייערע פעלדערן, דאָס אַליין איז שוין גענוג צו באַווייזן זייערן אמתן פּרצוף, וועגן דעם אמת פון זייערע אויסבעסערונגס לאַגערן. דאָס וואָרט „אויסבעסערונגס" איז פול מיט ציניזם און מענטשלעכן שפּאָט, וועלכעס נאָר דער ראַטנפאַרבאַנד דערלויבט זיך, און וועלכעס איז פול מיט פאַרדאָרבענקייט. עס איז פאַקטיש נאָר ווי אַ צוריקגאַנג צום אַלטערטום און צו יענער שקלאַפן געזעלשאַפט. אין שייכות טאַקע מיט דעם איז דאָס דאָרטיקע לעבן ווי אַ לעבן אונטערן מאַטטאָ: הרגע יענעם בכדי אַליין לעבן זאָלסט.

די ערשטע צוויי לאַגערן אין מיין לעבן איז ערשט געווען דער אָנהויב פון דעם דאָרטיקן לאַגער זומפּ. שפּעטער נאָכן סאַנגאַראַדאָק, האָב ערשט פאַרזוכט דעם דאָרטיקן טעם פון זייערן פאַרברעכערישן איינגעשטעלטן לאַגער לעבן, אין לאַגער איז געווען נידערטרעכטיקער פון צווייטן, און וואָס האָב דאָרטן נישט געזען און אין זיי געאַרבעט, געריסן פעלדזן שטיינער, אויסגעטראָגן טויזנטער טאָנען די טאַקע שטיינער, אָדער האָב מיט טאַטשקעס אַרויסגעפירט טויזנטער טאָנען מיט ערד, ציגל און אַנדערן אויסגעקאָפּעטן ליים־באָדן און האָב אויסגעקנעטן גרויסע ליימיקע באַריערן פאַר זייערע גרויסע ליים־ציגל צו זייערע דאָרטן הייזער בויאונג, געטראָגן שווערע געפּרעסטע בוימוואָל פּעק און ווי אויך זיך געבאַקן מיט דער טוריה אויף זייערע פעלדערן. עטלעכע מאָל האָב זיך טאַקע איינגעבראָכן, געוואָרן קראַנק. דאָס אַלעס האָב געטוען פאַרשטענדלעך פאַר נאָר בלויז — אַ ברויט פּייקע.

זיי — די סאָוויעטן מאַכן פון מיר אַ לייט, דאָס הייסט טאַקע אַזוי, אין די אָפּגעריסענע עיפּושדיקע מלבושים אַן הונגעריקן און מאָראַליש פאַרדאָרבן, נידע־ריק גאָר נידעריק געשלאָגן אָן מענטשלעכן נאָמען. זיי מאַכן פו מיר אַ לייט, דאָס הייסט, נישט דענקן, נישט פילן, זיין געהאָרכזאַם אונטערטעניק אָן אַרבעטער־געשיר אין דעם דאָרטיקן געשאַפענעם זייערן שקלאַפן־אַרבעטס־לאַגער.

פינף יאָר זענען פאַרביי אויף דער פאַרשמוצטער נאַרע צווישן מענטשן פון נידעריקסטער געזעלשאַפט: מערדער, גנבים און סתם שווינדלער. אַ געזעלשאַפט פון דעפּראַדאַנטן און סתם פאַרברעכער, דאָ, אין זייערע לאַגערן האָב געזען זייערע מענטשן אין די ווילדסטע געפילן, אַנאַניסטן און האָמאָסעקסואַליסטן, געזען זייערע נידעריקסטע און ווילדסטע מענטשלעכע פאַרדאָרבנקייט.

5 יאָר אונטערן מיליטערישן קאָנוואָי, ווו צוויי מאָל אין טאָג וואָרנט מיך דער דאָרטיקער מלוכה קאָנוואָי: „איך וואָרן אייך בריגאַדעס גייען נאָר אין די רייען, נישט רעדן און נישט איבערגיין פון איין רייע צו אַ צווייטער. אַזעלכעס, וועט ווערן אַ פּרווו צום אַנטלויפן, און דער קאָנוואָי וועט אָן אַ וואָרענונג שיסן!

5 יאָר אין אַ געזעלשאַפט, ווו מאָראַל איז שווינדל, מאָרד איז געזעץ, ווו מענטשן איינער צום צווייטן רעדן נאָר מיט דער פויסט אָט אַזעלכעס איז דער זייערער ציניש אָנגערופענער „אויסבעסערונגס־לאַגער"!

☆

בשעת דער מלחמה ביים פאַרטיילן ברויט דער באַפעלקערונג איז געווען אין ראַטנפאַרבאַנד איינגעשטעלט דאָס צעטיילונג פון ברויט אַזוי: קינדער און אַלטע נישט אַרבעטנדיקע מענטשן האָבן באַקומען זייערן מאַקסימום 400 גראַם ברויט טעגלעך, דאַקעגן האָט אַן אַרבעטער באַקומען זיין מינימום 600 גראַם ברויט אָבער אַזאַ פאַיאַק אין די פאַבריקן איז דערגרייכט געוואָרן ביז אַ קילאָ — אַזעלכעס איז געווען דער ערך פון באַקומענעם ברויט פון יעדן בירגער אין רוסלאַנד.

אַנדערש האָט אויסגעזען דאָס ברויט פאַרטיילונג אין די לאַגערן. יעדער אַרעסטאַנט אין תפיסה אָדער נישט אַרבעטנדיקער האָט באַקומען 400 גראַם ברויט און דער אַרבעטער אַרעסטאַנט אויף דער אַרבעט האָט באַקומען 600 גראַם ברויט פאַר זיין אויסגעאַרבעטער נאָרמע אין לאַגער. אָבער פאַר יעדער מער אויסגעאַרבעטע גרעסערע נאָרמע האָט באַקומען נאָך 100 אָדער אַמאָל 200 גראַם ברויט. אַלזאָ דער פאַרדינסט פון אַ אַרעסטאַנטן־אַרבעטער אין די לאַגערן איז באַשטאַנען פאַר זיין שווערער פרך אַרבעט אַ לוין פון הונדערט אָדער צוויי הונדערט גראַם ברויט.

אַלזאָ, אין רעזולטאַט האָט אַ אַרעסטאַנט אין לאַגער באַקומען פאַר זיין אַרבעט הונדערט אָדער צוויי הונדערט גראַם ברויט און די צוויי שוין דערמאָנטע זופּן גערופן באַלאַנדע — אַלעס דאָס האָט געהייסן דעם אַרעסטאַנטס אַרבעטער לוין. פאַרשטענדלעך אַז, אַזאַ אַרבעטער אַרעסטאַנט שאַפט גרויס רייכטום דער מדינה. דעריבער איז פאַרשטענדלעך די גרויסע וויכטיקייט פאַר דער דאָרטיקער פּראָלע־טאַרישער רעגירונג אַזאַ מין אָפּצווייג־פּראָדוקציע וואָס שאַפט דער רעגירונג אַזוי פול רייכטום און פאַר וועלכער געשאַפענער רייכטום־פּראָדוקציע באַצאָלט זי נאָר מיט די עטלעכע גראַמען ברויט. אַלזאָ אין דעם טאַקע ליגט טיף פאַרוואָרצלט

דער דאָרטן לאַגער־סיסטעם מיט אַן אַנגעוואַנדענער פּראָזאָלאָגיע פון נידער־טרעכטיקסטן מין וואָס הייסט: „אויסבעסערונגס לאַגער״.

דעריבער איז קיין וואונדער, פאַרוואָס דאָרטן אין רוסלאַנד איז פאַראַן אַזוי פול אַזעלכע אויסבעסערונגס־לאַגערן, דעריבער איז קיין וואונדער, פאַרוואָס דאָרטן אין לאַנד, איז פאַראַן אַזוי פול אַרעסטאַנטן. דעריבער איז קיין וואונדער, פאַרוואָס דאָרטן איז קיין באַשולדיקטער פון דער אויספאָרשונג נישט קיינמאָל באַפרייט און קיין וואונדער פאַרוואָס אין דעם געיעג פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט איז, וואָס מערער אַרעסטירן און פאַרשמאַכן און פאַרמשפּטן מענטשן און זיי שיקן אין די לאַגערן.

פאַרשטענדלעך אַז, אַזעלכעס איז גרויס ווידערשפּרוך צו די איינגעשטעלטע מענטשלעכע געזעלשאַפטס־מאָראַלן און בפרט אַזעלכעס וואָלט באַדאַרפן זיין אין אַן פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט, ווו ברויכט זיין די באַזע דער וויסענשאַפט־לעכער מאַרקסיזם, וועלכע דאָך האָבן אויסגעפונען און וויסענשאַפטלעך באַגרינ־דעט וואָס אַזעלכעס איז אַרבעטער עקספּלאָאַטאַציע און דער נישט באַצאָלטער אַרבעטס־ווערט אָדער מערווערט, דעריבער איז דער דאָרטן רוסישער אַרבעטס־לאַגער נישט אַנדערש ווי אַ פאַרברעכערישקייט. אַזוי טאַקע, ווו דאָרטן איז וויסענשאַפטלעך באַגרינדעט און מאַרקסיסטיש באַלויכטן יעדע ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור־געזעלשאַפט, אַזוי איז אוודאי דאָרטן באַגרינדעט דורך זיי די געשאַפענע קלאַסענלאָזע געזעלשאַפט און טאַקע אַדאַנק דער מאַרקסיסטישער באַלייכטונג האָבן אויסגעפונען די אמתע שורשים פון יעדער געזעלשאַפטלעכן רעגירונגס־רעזשים און טאַקע האָבן מיט גרויס הצלחה איינגעפירט דעם באַזיס פון אַזאַ מין געזעלשאַפטס־אַרבעט פון גרויסן אַרבעטס־פּראָפיט, וועלכעס איז באַזירט אויף אַ נישט באַצאָלטן אַרבעטס־לוין שוין נישט רעדענדיק וועגן דעם נישט באַצאָלטן טייל גערופן מערווערט און אַלעס דאָס אין די זייערע אַרבעטס־לאַגערן.

דעריבער טאַקע אַנטשפּרעכענט צו דעם עקאָנאָמישן עקספּלאָאַטאַציע־סיסטעם אין דער זייערער געשאַפענער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט האָבן די רוסישע מאַרק־סיסטן אויך איינגעפירט אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז, יעדער געזעלשאַפט־לעכע געזעצגעבונג אין וועלכער נאָר געזעלשאַפט זאָל נישט זיין, איז עס נישט אַנדערש ווי נאָר אַנטשפּרעכענט צו די דאָרטיקע עקזיסטירנדיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. יעדע אין זיין תקופה באַזונדער. וועלכעס ווערט נישט אַנדערש ווי נאָר אַלס אַ פאַרטיידיקונגס־געזעץ פאַר דער, אָדער יענער געזעלשאַפטס־תקופה געשאַפן. דעריבער טאַקע שאַפן די סאָוויעטן אויך פאַר זיך די נויטיקסטע און גינסטיקע פאַר זיך געזעצן, וועלכע דרינגען אין איינקלאַנג צו זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדערפעניש און דינען נאָר זייערער געשאַפענער געזעלשאַפט.

דעריבער אויך אַדאַנק די געשאַפענע צו זייערע באַדינגונגען געזעצן, דערלויבן זיי זיך פון דער צווייטער זייט אַפילו פאַרלעצן און נישט אויספירן פון זיך זעלבס אונטערגעשריבענע אָפּמאַכן, ווייל טאַקע פון דער הנחה פילן זיך נישט געבינדן צו די דורך זיי אונטערגעשריבענע אָפּמאַכן, בפרט אין די פאַלן, ווען זעען נישט פאַר זיך די נויטיקע קאָנסעקוועסצן. אַזוי דעריבער האָבן פאַרלעצט אין אַ גרויסער מאָס דעם אונטערגעשריבענעם בשעתו מיט גענעראַל שיקאָרסקין אָפּמאַך וועגן באַפרייען אַלע פוילישע אַרעסטאַנטן אין יאָר 1941, ווען בפירוש נאָך אַ סך שפּעטער האָבן אַנגעטראָפן פוילישע בירגער אין זייערע אַרבעטס־לאַגערן, ווייל אַזעלכע קענען דאָך שאַפן אין זייערע לאַגערן אַרבעטס־ווערטן.

אַזוי אויך היינט צו טאָג, שוין דריי יאָר נאָך דער מלחמה, שוין לאַנג נאָכן אונטערגעשריבענעם מיט פוילן אָפּמאַך וועגן דעם רעפּאַטריאַנטן הסכם, ווערט נאָך אַזעלכעס נישט כלשונו אויסגעפירט, און דאָס צוליב די זעלבע סיבות, וועלכע זענען, ווייל אַזעלכע אַרעסטאַנטן שאַפן דאָרטן אין ראַטנפאַרבאַנד זייערע ווערטן פאַר דער סאָוויעטישער רעגירונג איז דעריבער צו וואָס אַזעלכע אַרעסטאַנטן באַפרייען?

☆

דאָס זעקסטע יאָר אין מיין לאַגער־לעבן — דערציילט מאַניעק איז געווען פאַר מיר סיי פיזיש און סיי מאָראַליש אומדערטרעגלעך אויסהאַלטן. דעמאָלט, ווען עס האָט פאַסירט די מעשה מיטן גרויסן פעלדזן שטיין האָט עס אַזוי שטאַרק אויף מיר געווירקט אַז ווידער בין געשטאַנען פאַר דער דראָאונגס סכנה, פון וועלכער קאָן ווערן אויסגעשטעלט, ווידער דעריבער האָב אין זיך דערוועקט דעם געדרענקטן פחד פון האָפענונגלאָזיקייט אין דעם מיין פיזישן לעבענס־קיום.

ווידער האָט מיך אַלעס אין יאוש געפיל אַריינגעוואָרפן, האָב געלעבט בלויז אין יאוש־שטימונג אין אַזאַ מצב בין נאָר געווען מיט קנאה צו די אַמאָליקע פאַרבראַכטע יאָרן פון דער פוילישער תפיסה, דאָס פוילן וועלכעס האָב אַזוי פּאָליטיש באַקעמפט, ווייל האָב זיך געטראַכט אַפילו אין יענע תפיסה־באַדינגונגען אין פוילן האָב געהאַט בלויז רעספּעקט אין כבוד שוין נישט רעדענדיק אַז, האָב אויך געהאַט פריינט און באַקאַנטע און עקאָנאָמישע ווי בפרט פּאָליטישע אונטער־שטיצונג אָבער אין עיקר מיר האָבן דעמאָלט נישט אַזוי פול אין דעם ברויט געהונגערט, ווו דאָ, אין מיין אויסגעבענקטן ראַטנפאַרבאַנד.

און אָט ווי אַזוי זעט אויס אין כלל דאָס אונדזער לאַגער־בילד: מיר מאַרשירן אַרעסטאַנטן, אַרעסטאַנטן אטריאַדן, אייביקע און שטענדיקע אַרעסטאַנטן, אויס־

געהונגערטע מוזולמאַנען פון שווערער אַרבעט געבויגענע, פון קעלטן איינגע־שרומפּענע אָן מינדסטער לעבענס־האָפענונג. מיר מאַרשירן געיאָגט פון בירגער־קאָנוואָי אונטער אַן אייביקער ביקסן־שרעק. די אייביקע שרעק פון נעכטן, היינט און מאָרגן. מיר. אַרעסטאַנטן, אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן און היינטיקע קינדער פון דער רעוואָלוציע!

מיר מאַרשירן אָפּגעשינדענע, שוויגנדיקע אַזוי איז דער באַפעל: שווייגן, ווען עמיצער צעקלאַפּט זיך אַ פוס מוז שווייגן און טאָר נישט ווערן אונטערשטעליק אַזוי פאַרלאַנגט דער קאָנוואָי ביים קאָנוואָי ביסט נאָר אַ זאַך אַ נומער פאַר קיינעם האָבן זיי קיין פאַרשטאַנד. דאָרטן שוין אויפן אַרבעטס־פּונקט, ביסט אויך פון קאָנוואָי באַגלייט דאָרטן טאָרסט אוודאי נישט זיך אַרומבלאָנקן, ווייל הערסט באַלד אַן וואָרענונגס־שאָס ווי אויך קענסט ווערן פאַרבעטן אַהין צו דער אויספאָרשונגס־דינסט דעמאָלט בעטסט זיך וואָס גיכער פון זיי פּטור ווערן.

דאָ אין אַנגרענן אויף דער אַרבעטער טאָטשקע זוכט יעדער אַרעסטאַנט אַ מעגלעכקייט זיך עפּעס שלעכטס טאָן כדי כאָטש אַ טאָג פון דער אַרבעט באַפרייט ווערן, אָבער אַזעלכעס מוזט טוען אָן וויסן פון בריגאַדיר. ער דער בריגאַדיר איז דיין מורא, דיין באַפולמעכטיקער איבער דיין גאַנץ לעבן איבער דיין פיזישן כוח איבער דיין אויסגעגעבענער אַרבעטס־ענערגיע. דער בריגאַדיר איז דער עלטסטער פון דער בריגאַדע, איבער אים איז פאַראַן אַ פּראַראַב. דער לעצטער איז פאַרבינדן מיט אַזעלכן פּראַראַב אָבער שוין אַ פרייען־בירגער. דער פּראַראַב איז דער רעגירונגס באַצאָלער פאַר אַלע אַרבעטער־בריגאַדן אויף דער טאָטשקע.

די פאַרדינסטן זענען לויטן אויסגעאַרבעטן כמות פון יעדן טאָג. אַ טאָג אַרבעט הייסט 100 פּראָצענט אין אַזאַ טאָג מוז ווערן געגעבן די געבּרויכטע פון פּראַראַב אַרבעטער ענערגיע אַזאַ און אַזאַ צאָל פון אויסגעהאַקטן פעלדזן שטיין און אָנגעלאָדענטן אויף וואַגאָנען. נאָכהער ווערט דער אַלגעמיינער אַרבעטער פּראָצענט צעטיילט אין זכות פון בריגאַדיר לויט זיין פּערזענלעכן ווילן, דעריבער פלעגן די דאָרטיקע גנבים־רעצידיוויסטן האָבן נישט אַרבעטנדיק די גרעסטע באַקומענע ברויט פּייקע ווייל אַנדערש דראָען זיי דעם בריגאַדיר אָפּרוימען.

די שטיינערע באַריערע, וו מיר האָבן געאַרבעט האָט געהאַט אַן אויסזען פון גרויסע שיפּוע און גראַניט־בערג נאָר אַזוי ווי דאָרטן איז אָנגעגאַנגען פון יאָרן די דאָרטיקע אַרבעט זענען דאָרטן שוין געווען אויסגעריסענע מיט מענטש־לעכע הענט צוגאַנגס־וועגן. די אַרבעט פון אָנלאָדענען די אויסגעריסענע פעלדזן שטיינער אויף די וואַגאָנען איז געווען אויפן פרימיטיווסטן אופן מיט דער מענטש־לעכער פלייצע, ווי דאָס וואָלטן געווען זעק און נישט קיין שטיינער. די אַרבעט פון אָנלאָדענען אויף די וואַגאָנען און בפרט די אַרבעט פון אויסקלאַפּן די לעכער

אין די בערג איז געווען אַ קאַטאַרזשנע אַרבעט ווי אויך אַ סכנהדיקע. די אַרבעט איז געווען פאַרעכנט ביי די אַרעסטאַנטן ווי אַ צווייטער מלחמה־פראָנט, ווייל זעלטן איז אַדורך אַ טאָג אָן אַ פּאַסירונג.

דאָרטן אויף דער שטיינערנער באַריערע האָבן מענטשן פון אויסגעמאַטערט־קייט געקרעכצט און געאַרבעט. פאַרביסן פון ווייטיק די ליפּן און געאַרבעט. דאָרטן האָט מען געאַרבעט אונטערן רעגן און סיי אויף די קעלטן, פראָסט און שניי. דאָרטן האָט מען זיך נאָר געבעטן דעם פייף־סיגנאַל, ווען מען זאָל שוין קענען גיין אַ היים צוריק אין לאַגער צו דער ברודיקער נאַרע בכדי פון אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט זיך אַוועקלייגן.

נאָך דער אַרבעט ווען ענדלעך דער אויסגעבענקטער פייף הייסט. אַז דער אַרבעטס־טאָג איז געענדיקט, גליטשן מענטשן זיך אַראָפּ פון די בערג, זאַמלען זיך אונטן אויפן שוין צוגעגרייטן צו דעם שטח. יעדער שטעלט זיך אין זיין בריגאַדע און איינע נאָך דער צווייטער. די קעלט דערקוטשעט, מען קלאַפּט אַ פוס אין צווייטן, יעדער וויל שוין זיין אין באַראַק, דערווייל פאַרנעמט ערשט צייט דאָס ציילן דער קאָנוואָי הייבט אָן זיין טעגלעכע וואָרענונג און נאָך איידער ער די וואָרענונג ענדיקט שרייט מען שוין: פּאָניאַטנאָ!

און עס פאַנגט אָן דער מאַרש אַהיים אין לאַגער מען מאַרשירט, און מען שווייגט, עס הערט זיך נאָר דאָס שאַרן פון די גומי־טרעטערס אין דער דאָרטיקער שטיינערנער בערגיקער געגענט און ווידער מאַרשירן מיר, אַרעסטאַנטן, און ווי אַזוי? הונגעריקע, בורוועסע, אָפּגעריסענע אין שמאַטעס־מלבושים און מאַרשירן קוים, ווי נאָר לעבעדיקע מענטשלעכע שאָטענס און יעדער מיט נאָר דער מחשבה, וויפל וועט איצט באַקומען ברויט אין זיין צוגאָב פאַר דער שווערער טאָג־אַרבעט, הונדערט אָדער צוויי הונדערט שוואַרץ לעפּקע נישט גוט דערבאַקן אָנגעגאָסן מיט וואַסער — ברויט.

אַ ערך אַ קורצער צייט פאַר מיין באַפרייאונג און אָפּשיקן מיך אַהיים קיין פּוילן ווען בין שוין געווען ווידער מער אויף יענער וועלט, ווי פריער, אין יענעם ערשטן לאַגער ראַסעלמאַש, אַזוי איינגעבראָכן, ווי אַלע צרות האָבן זיך פון דער גאַנצער וועלט אויף מיין קאָפּ אַרויפגעוואָרפן איז אין אַזאַ סיטואַציע האָט מען מיך איבערגעפירט אויך אַ גרינגערע אין דער אַרבעטס־טאַטשקע אַרבעט.

אַזעלכעס איז טאַקע געקומען דורך דער שתדלנות פון אויסערלעכן פּראַראַב. ביי וועלכן זעט אויס האָב נושא חן געווען נאָך אַ געשפּרעך מיט מיר אויף דער אַרבעטס־טאַטשקע. מיין איצטיקע אַרבעט איז באַשטאַנען פון אַרויסגעבן דעם דאָרטיקן אַרבעטער אינווענטאַר פאַר אַלע דאָרטן אַרבעטער בריגאַדעס און אויך די דאָרטן פּראָצענטן צעטיילונג פאַר די דאָרטן אַרבעטער־בריגאַדעס.

פלוצלינג האָט דאָרטן פּאַסירט אַ גאַנץ געוויינטלעכע לאַגער פּאַסירונג אָבער דאָס מאָל האָט עס געקענט האָבן ווייט גייענדיקע פּאַר מיר קאָנסעקווענצן. די מעשה איז אַזוי געווען. די דאָרטיקע גנבים האָבן זעט אויס באַדאַרפן עמיצן פון זייערע חברים אָפּרוימען, דאָס הייסט האָבן באַדאַרפן אַזעלכן אין זייערע קאָרטן פאַרשפּילן. דער זועלכער געווינט מוז פאַרשטענדלעך זיין דער אויספירער פון פסק הדין. אַזוי האָט טאַקע דער חברהמאַן וועלכער האָט באַדאַרפן אויספירן דעם פסק הדין לויטן זייערן קאָרטן־געזעץ האָט אָפּגעזוכט אַן אייזערנע קירקע און נישט לאַנג קלערנדיק צעשפּאָלטן דעם זיינעם קרבן דעם קאָפּ. פאַרשטענדלעך עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש, יעדער האָט דערציילט זיין גירסה ביז עס זענען נישט געקומען די אַרויסגערופענע נ. ק. וו. ד.־מענטשן. נאָכן אָנקומען פון די מענטשן פון די 2־טע נ. ק. וו. ד־אָפּטיילונג האָט זיך אָנגעהויבן דער עדות פאַרהער און דאָ, נישט גלויבלעך בין איך אַריין אין דער געשיכטע הלמאי, האָבן מיך געפרעגט, האָב דעם באַנדיט געגעבן די קירקע מיט וועלכער ער האָט געהרגעט דעם דאָרטיקן אַרעסטאַנט. ווייל איך בין דאָך דער פאַראַנטוואָרטלעכער פון די מכשירים. מיך האָט אַזאַ מעשה ממש אונטערגעטראָגן. קודם כל האָב איך געטענהט איז מיין אויפגאַבע יעדן טאָג אין דער פרי פאַרטיילן די אַרבעטס אינסטרומענטן, ווייל מיט זיי אַרבעטן די מענטשן, ווייל ווי דען אַנדערש קאָן געמאָלט זיין, צי זענען די כלים נאָר אַזוי אַ סתם זאַך אויף דער טאָטשקע ? ווער עס ברויכט זיי האָבן צו דער אַרבעט נעמט זיי פראַנק און פריי און פרעגט מיר נישט אין דעם איז ווי קאָן געמאָלט זיין מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דעם ענין?!

דערווייל האָט אַזעלכעס געשאַפן מיר פול זויטיק. ווייל אַוועקפאָרנדיק האָבן מיר די נ. ק. וו. ד. נאָך געזאָגט אַז זיי וועלן נאָך מיט מיר האָבן אַ געשפּרעך וועגן דעם ענין. אַזאַ תוכן און פאַרשטאַנד האָבן מיר די דאָרטיקע זיכערהייטס היטער אין מיר איינגעפּלאַנצט, אַזעלכעס האָט מיר שוין נישט געגעבן קיין רוע אין די נאָענטע פּאָר טעג, אַזאַ מעשה מיך צו פּייניקן איז ביי זיי געווען אויפן טאָג־אָרדענונג, אַזעלכעס איז געווען פּאַר זיי אַ סאַרקאַסטישע ביז צו מענטשלעכן פּיין — הנאה.

אויפצומאָרגענס איז געווען אַ וויכאַדנע טאָג פון גרויס צרות בין איך שוין אָפּילו נישט געגאַנגען מיין עסן נעמען און נאָר אַריינגעטראַכט אין מיינע צרות. וועלכע זענען געדרינגען פון זייערע ווערטער צו מיר: „מיר וועלן נאָך מיט דיר וועגן דעם ענין שמועסן!"

דעם גאַנצן טאָג בין איך געלעגן און געוואָרטן אויף דער מיין אויספאָרשונג אין דעם ענין. אַ גאַנצן טאָג האָב נאָר געברענגט און גרויס פיבער אין קאָנסעק־ זוענץ פון אַריינקלערן אין מיינע צרות. אָט, אָט האָב געגלויבט רופט מען מיך.

ערשט שפּעט אַרום צען באַנאַכט אין זעלבן וויכאַדנע טאָג האָט מען מיך שטיל אַרויסגערופן אַהין צו דעם נאַטשאַלניק ביוראָ. צוגלייך מיט דעם איז געקומען די מחשבה פון דער מאָרד־געשיכטע, מיינע געפילן זענען ממש געווען שרעקלעכע איך בין קוים דערגאַנגען צום נאַטשאַלניק ביוראָ כאָטש עס איז קוים געווען בסך הכל עטלעכע הונדערט מעטער שפּאַן פון אונדזערן באַראַק.

דער דאָרטיקער לאַגער שליח האָט געמאָלדן מיין אַהין ברענגען. אינערלעך זענען געזעסן צוויי מיט גרויסע אויסצייכענונגען נ. ק. וו. ד.־נאַטשאַלניקעס. איך אַריינקומענדיק האָב איך ווי געוויינטלעך אָנגערופן מיין נאָמען און אויך מיין באַשולדיקונגס אַרטיקל, אַזוי איז דאָרטן איינגעפירט. אויך האָב אָנגעגעבן מיין צייט פון דער באַשולדיקונג.

דעמאָלט איז פאָרגעקומען צווישן אונדז אַזאַ מין געשפּרעך. די ערשטע פראַגע איז געווען: ווו בין איך געבוירן? מיין ענטפער איז געווען פּוילן און האָב אָנגערופן מיין געבוירן שטעטל. נאָכהער האָט מען מיך געפרעגט ווי אַזוי מיר דאָ אין לאַגער לעבט זיך? איך האָב געענטפערט נאָך בעסער ווי גוט, דאָך איז עס פאַר מיר אַ לאַגער. נאָכהער האָבן מיך געפרעגט צי איך בין דער, וועלכער האָב געשריבן די בקשות וועגן מיך אַהיים שיקן קיין פּוילן און פאַרוואָס? מיין ענטפער האָט נאָכגעפאָלגט; מיר טאַקע איז דאָ, גוט, נאָר אַזויווי איך שטאַם פון פּוילן, דאָרטן האָב געלעבט, דאָרטן איז מעגלעך לעבט נאָך מיין משפחה און אַהין האָב די רעכט צו ווערן צוריק אָפּגעשיקט. ווייטער האָבן זיי מיך געפרעגט אַז. אויב איך וויל צוריק אָפּפאָרן קיין פּוילן הייסט עס אַז מיר איז נישט אַזוי שטאַרק גוט אין רוסלאַנד דעריבער — פאַרוואָס? מיין ענטפער האָט נאָכגעפאָלגט: איך געפין זיך אין לאַגער. דאָך וואָלט איך געוואָלט זיין אין דער היים מיט מיין משפחה.

נאָכהער האָבן מיך געפרעגט פאַרוואָס דווקא איך וויל פאַרלאָזן זייער פּראָ־לעטאַריש רוסלאַנד, ווו אַזוי גוט איז דעם אַרבעטער און צי האָב דאָ אין רוסלאַנד עמיצן פון דער משפחה? מיין ענטפער איז געווען אַזוי, אַלץ איז טאַקע אמת נאָר איך האָב געשריבן וועגן דער מיין רעפּאַטריאַציע צוריק קיין פּוילן מיט דער פולער רעכט פון מיין זייט און אויך להבא וועל אַזוי טוען און וועגן דעם שרייבן דאָס איז מיין איינציקע אין לאַגער רעכט און אַזוי לאַנג וועל שרייבן ביז מען וועט מיך אַהין אין מיין געבוירן לאַנד אָפּשיקן. און אַזאַ רעכט האָב איך אַפילו אין לאַגער צו פאָדערן.

ערשט ענדלעך נאָך אַזעלכע צענטליקער שפּיציקע פראַגן, ווו זענען געווען פאַרוואָסן און נאָכאַמאָל פאַרוואָסן, און אויך אפשר וועל זיך באַדענקן און דעק־לאַרירן בכדי, אין פראָלעטאַרישן לאַנד, ראַטנפאַרבאַנד צו פאַרבלייבן, האָבן זיי מיר ערשט דערציילט דעם סוד פון מיך אַהער אַרויסרופן: דהיינו, אַז עס איז

געקומען פאַר מיר די באַשטעטיקונג פון העכסטן רוסישן ס. ס. ר.־ראַט אינס־טאַנץ צו ווערן זאַפּאַרט אַרויסגעשיקט קיין פּוילן און מיין רעשט אורטייל ווערט מיר געשאַנקען אַזוי דעריבער אַז שוין מאָרגן זאָל זיין גרייט צום עטאַפּ אַהיימפאָרן.

די פריייד פון דער פאַר מיר ידיעה איז געווען אַזוי גרויס און שטאַרק, אַז עס איז אין מאָמענט איבערגעוואַקסן אַלע מיינע צרות, עס איז געווען ביי מיר אַן אויס־גוס פון געוויין און פריייד. איך בין באַלד געלאָפן זיך טיילן מיט אונדזערע דאָרטן אין לאַגער עטלעכע פּוילישע חברים, די פריייד איז פאַר מיר געווען אַ וויטערער גורם צום אַ נייעם געבורטס לעבן. אַזעלכעס קאָן נאָר פאַרשטיין דער, וועלכער האָט אין זייערע לאַגערן פאַרברענגט יאָרן אין דער מחוצה פון די מענטשלעכע פאַרשמאַכער, וועלכע אפילו אין דעם מאָמענט האָבן נאָר געוואָלט פון מיר אַרויספרעסן אַן באַשטעטיקונג אַז זאָל דאָרטן אין זייערן גן־עדן פאַרבלייבן!

אַזוי אַן אַ פאַרוואָס אַן יעטוועדער שולד האָט פאַראַנדיקט זיין דערציילונג מיין חבר מאַניעק. האָב אָפּגעלעבט אין די רוסישע אויסבעסערונגס־לאַגערן גאַנצע 6 יאָר און 4 מאָנאַט צייט. זייערע דאָרטן אַרבעטס־לאַגערן זענען פאַקטישע צוואַנגס־לאַגערן, זענען ממש אַן ווילקירלעכע הערשונגס־לאַגערן אונטער אַזעלכן ווילקירלעכן הערשונגס־רעזשים, וועלכער רעזשים הייסט — ראַטנפאַרבאַנד. וועלכער רעזשים וואַרפט אַן אַ שרעק אויף דער דאָרטן גאַנצער באַוווינטער באַפעלקערונג.

אין אמתן געזאָגט איז דער ראַטנפאַרבאַנד אין גאַנצן זיין מהות אַן געשפּענסט גולם, אַ ציניש סאַרקאַסטיש געשפּענסט גולם, דאָס סיי פאַר דער דאָרטיקער אַרעסטאַנטן־באַפעלקערונג און סיי פאַר דער דאָרטן אויף דער פרייהייט באַוווינטער באַפעלקערונג, וועלכע מער ווי אַ העלפט פון איר האָבן אַזוי אָדער אַנדערש, שוין פאַרזוכט דאָרטן דעם טעם פון דעם אויסבעסערונגס־לאַגער, מיט וועלכע אַזוי פול זענען פאַרשפּרייט דאָרטן אין גאַנצן לאַנד, דאָס אַזוי גערופן סאָציאַליסטישער ראַטנפאַרבאַנד.

צוריק די פרייהייט

צוריק פוילן און צוריק פרייהייט. דאָס מיך צוריקשיקן קיין פוילן האָט געהייסן פאַר מיר צוריק פרייהייט. פרייהייט — וויפל האָב איך כדי דיך פרייהייט אויס־קעמפן איבערגעלעבט ! וויפל אויסגוס פון נשמה פרייד איז צוריק אין מיין האַרצן אַריין. דאָרטן אין רוסלאַנד די לאַגער מושלים, האָבן נאָך געוואָלט אין לעצטן מאָמענט מיר איינרעדן, אַז כ׳זאָל זיך פון אַזאַ זאַך ווי אַ היים פאָרן קיין פוילן אָפּזאָגן. קאָמיש און טראַגיש, אָדער אפשר גאָר אַזויווי דאָס גאַנצע דאָרטן לעבן איז ציניש. אַזוי איז אין אמתן, דאָס דאָרטיקע רוסישע געזעלשאַפטלעכע לעבן. אָבער אַזעלכעס וואָלט דאָך געהייסן פאַר מיר זיין אַ גאַנץ לעבן פאַרשקלאַפט אין רוסישן געפענגעניש.

אינטערעסאַנט, אַז פוילן האָט סימבאַליזירט פאַר מיר איצט די פרייהייט, טאָקע דאָס פוילן, וועלכעס איז פאַר מיר געווען אין יענע צייטן דער אָנהויב פון מיין פאָליטישער טעטיקייט, געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און אויך דער אָנהויב פון תפיסה און געפענגעניש. כאָטש דאָרטן אין פוילן האָט אַזעלכעס געטראָגן אַן אַנדערן כאַראַקטער. דאָרטן אין פוילן בין געווען אַ קעמפער און דאָס דווקא פאַר דער אויסגעקעמפטער סאָציאַליסטישער אָרדענונג אין רוסלאַנד, אין וועלכער געזעלשאַפט בין שפּעטער ערשט געשיקט געוואָרן אויף אַן איבערדערציאונגס־קורס אין די זייערע געשאַפענע „אַרבעטס־לאַגערן און קאָלאָניעס״.

פאַקטיש איז דאָרטן אין רוסלאַנד דער רעזשים, וועלכער באַדאַרף זיין אַ יושרדיקער איז נישט אַנדערש ווי אַ באַצווינגערישער רעזשים, און אונטערן וועלכן רעזשים לעבן די דאָרטיקע באַווינטע באַפעלקערונגען, וועלכע זענען שטענדיק נאָר אַן אָביעקט צו ווערן געשיקט אין די דאָרטיקע אויסבעסערונגס־לאַגערן, ווייל אַזעלכעס איז דאָרטן דער רוסישער פאָרם פון עקספּלאָאַטאַציע, ווייל אויף דער פריי קאָן מען נישט אַ גאַנץ פאָלק בלויז באַשפייזן מיט אַ נאָר געגעבענער ברויט־פּייקע.

טאָקע, וואָס אַ אמת, זענען די אין רוסלאַנד די אויסבעסערונגס־לאַגערן נישט קיין טויטן־לאַגערן, ווי בשעת דער מלחמה און ערב דער מלחמה, די געשאַפענע דורך די נאַציסטן אין דייטשלאַנד און אין אייראָפּע, די אַזוי גערופענע קאָנצענ־

טראַציע לאַגערן, ווייל צו וואָס סתם הרגענען מענטשן, בשעת אַזעלכע קענען לייסטן און שאַפן רייכטומער דער מדינה. דעריבער זענען די אין רוסלאַנד אויס־בעסערונגס־לאַגערן נישט קיין עכטע טויטן לאַגערן, אָבער דאָך, זענען אין רוסלאַנד אין פולן זין פון וואָרט פאַרברעכערישע אַרבעטס־לאַגערן אונטער אַן פאַרברע־כערישן הערשונגס־רעזשים פון אַ שקלאַפן געזעלשאַפט וואָס רופט זיך ראַטנ־פאַרבאַנד.

דאָ אין „הומאַנישן" סאָציאַליסטישן רוסלאַנד אין די דאָרטיקע „הומאַנישע" אויסבעסערונגס־לאַגערן, אַזוי, און דווקא אַזוי ווילן די דאָרטיקע רוסישע הערשער מען זאָל עס אָנרופן, ווייל אַנדערש הייסט עס אַ פאַרלוימדונג און אַוודאי אָנרופן אַנדערש זיין סאָציאַליסטיש לאַנד האָט שטענדיק פאַרדראָסן דעם דאָרטיקן רוסישן „פראָלעטאַרישן" דיקטאַטאָר, אז, מען זאָל נישט אָנרופן דאָס זיין הומאַניש לאַנד אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט. דעריבער איז טאַקע אין דעם הומאַנישן ראַטנפאַרבאַנד אין די דאָרטן הומאַנישע אויסבעסערונגס־לאַגערן אויך באַוווסט־זיניק אומגעבראַכט געוואָרן טויזנטער יידישע משפחות פון אונדזערן געפרוווטן יידישן פאָלק.

איצט אויף דער פרייהייט, דאָ אין פוילן, ווו זענען בשעת מלחמה געווען די ריכטיקע טויטן־לאַגערן איז טאַקע דאָס גאַנצע לאַנד, ווו נאָר איז פאַראַן אַ שטיקל ערד באַדן אַדורכגעזאַפט מיט אומשולדיק פאַרגאָסן יידיש בלוט אין וועלכן, איז פאַראַן דאָס אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט פון מיין משפחה. דאָ אויף דער זינדיקער פוילן ערד, ווו אויף יעדן שפאַן טריפט יידיש בלוט איז פאַר אונדז יידן די דאָזיקע ערד סיי הייליק און סיי זינדיק. דאָ זענען אונדזערע קדושים געבוירן און געוואָרן אומגעבראַכט.

האָט שטיי איך אויף די חורבות פון אונדזערן גרוילעכן און העלדישן געטאָ וואַרשאַ. די חורבות באַדאַרפן זיין דאָס יענע דאָזיקע וואַרשאַ, וועלכעס האָב געזען אין יענע דעמאָלטדיקע סעפטעמבער טעג פון דער פאַרניכטונגס־מלחמה. ווען מיר זענען בשעתו געקומען אַהער באַפרייטע פון די תפיסות אין יאָר 1939. אונטער די חורבות זענען באַגראָבן צוגלייך מיט די דאָרטן באַווינטע יידן די אַזוי פול זאָגענדיקע נעמען פון די אַלע צענטליקע גאַסן פונעם יידישן וואַרשאַ אויף וועלכע מיר אין יענע גרויזאַמע טעג, אונטער דער דייטשער באָמבאַרדירונג האָבן אַדורכגעמאַכט אַ שטיק לעבענס וועג אין יענע מלחמה־טעג. דעמאָלט, אין יענע טעג פון דער שרעקלעכער דעמאָלטדיקע באָמבאַרדירונג, איז געווען עפעס אַ לעבענס־האָפענונג, ביי די דאָרטן באַווינטע יידן.

היינט שטייען דאָ, בלויז פאַראיינזאַמטע שילדן, פאַראיינזאַמטע מצבות, אַלץ איז דאָ נאָר בלויז גרויסער חורבן. קיין סימן פון די צענטליקער גאַסן, טויזנטער

קוואַרטאַלן מיט צענטליקער טויזנטער הייזער, אַלץ איז חורבן, ווו נאָר מיטן אויג קענסט דערגרייכן איז בלויז הויפנס פון פאַרברענטן אַש, ווו צווישן דעם שטאַרט נאָך אפשר אַרויס אַ פאַראיינזאַמטער אָפּגעברענטער קוימען צווישן די אָנגעשיטע ציגעל. שטיינער און אָנגעוואָרפענע פאַרשידענע אייזענס. נאָר דאָס איז פאַרבליבן פון דעם אַמאָליקן, פּראַכטפולן יידישן וואַרשאַ. דאָ, אין דעם חורבות שטח, האָבן געוווינט הונדערטער טויזנטער יידן אָפּגעזינדערט צום פאַרניכטן, צום פאַרפייניקן, צום שיקן אין די קרעמאַטאָריעס צום פאַרניכטענדיקן טויט.

דאָ, צווישן די חורבות, די אַמאָליקע קלינגענדיקע נעמען פון די יידישע גאַסן אין וואַרשאַ, וועלכע זענען געווען אַזוי פול זאַגענדיק פאַרן פוילישן יידנטום ווי: זאַמענהאָף און נאַלעווקי, גענשא און סמאַטשע, מילא און קראַכמאַלניע, נאַוואָ־ליפּקי און נאַוואָליפּיע און פּול, פּול אַנדערע, צווישן די הייגטיקע חורבות, איז אַמאָל געווען תורה און חכמה, וויסן און פאַרשטאַנד. דאָ איז געווען אינדוסטריע און מלאכה. דאָ, איז געווען יידישער פאָלקס־באַוווסטזיין. דאָ זענען געווען די יידישע פאַרטיי־באַוועגונגען און דאָ האָבן געקעמפט אונדזערע יידישע גבורים. די ציוניסטן, פון פאַרשידענע פאַרטיי־פּראַקציעס און סיי בונדיסטן און אויך סתם רעוואָלוציאָנערן, אַלע אינאיינעם האָבן געקעמפט פאַרן יידישן פאָלקס־קיום און לעבענס־עקזיסטענץ. אַלע די גבורים האָבן געקעמפט וויסענדיק אַז, וועלן קיין זיג דערגרייכן, דאָך, געקעמפט בכדי דעם יידישן כבוד דערהויבן, בכדי דערציילן דער וועלט וועגן זייערן פרייהייטס־קאַמף, וועלכן קאַמף האָבן געפירט אַליין, איינזאַם, אַפילו פון פוילישן פאָלק נישט אונטערגעשטיצט. אונדזערע גבורים האָבן געקעמפט קעגן פאַרשמאַכטונג און הערשונג ווילקיר, האָבן געקעמפט קעגן דעם בלוטיקן פאַשיזם און געטראָגן הויך דעם פאָן אין דעם קעגן אַגרעסאָר קאַמף. די יידישע גבורים האָבן געקעמפט, אפילו וויסענדעק אַז, זענען אין קאַמף אַליין, געפאַלן, און דאָך געקעמפט. דאָ, אין געטאָ וואַרשאַ, ווען זיי די חורבות זאָלן קענען דערציילן וועגן גרויסן מענטשלעכן קאַמף, וועגן געמאַטערטן און געפייניקטן אין יסורים לעבן. דאָ אין די חורבות איז יעדעס אַש קערנדל אַ יידישע נשמה, אַ יידיש האַרץ, מוח און אַ יידיש פאַרניכטעט לעבן.

ערשט נישט לאַנג קוים פאַרביי 10 יאָר פון דער דעמאָלטדיקער שרעקלעכער ראש־השנה נאַכט, ווען דאָ אין וואַרשאַ איז פאַרגעקומען יענע שרעקלעכע לופט־באָמבאַרדירונג, ווען אַרום האָט אַלעס געפלאַטערט און געברענט, ווען אין שרעק־לעכער בהלה זענען מענטשן געלאָפן אָן אַ ציל און אָן האָפענונג. דעמאָלט איז געווען דער שרעקלעכער אָנהויב. קוים 10 יאָר זענען פאַרביי און וויפל זענען דאָ

פֿאַראַן מענטשלעכע יסורים, ליידן און פּיין און װיפֿל פֿאַרגאָסן מיט בלוט אױס־געװײנטע טרערן, בלוטיקע מענטשלעכע טרערן און װיפֿל מענטשלעכע גרויל־טאָטן.

איצט איז שוין ענדע, סוף. אַ טויטע שטילקייט, אַ חורבן שטילקייט, װוּ נאָר אין דעם מענטשלעכן חורבן קאָן דערציילן װעגן דעם נאָר דאָס פֿאַרבליבענע מענטשלעכע אַש. יאָ, װען דער טאָקע מענטשן אַש זאָל קענען רעדן און דערציילן און דער עיקר װאָרענען, אויף אייביק די מענטשן װאָרענען, כּדי נישט פֿאַרגעסן; עס זאָל זיין אַן אייביקער מענטשן־סימבאָל פֿון מענטשלעכע פּרעװנותן פֿון דער איבערגעלאָזטער נאַציסטישער אַריער ירושה. געטאָ װאַרשאָ ביסט אַ סימבאָל פֿון מענטשן רשעות, אַ סוף פֿון אַ מענטשן ציװיליזאַציע, אַ סוף פֿון אַ מענטשן קולטור, װעלכעס איז נישט אַנדערש װי נאָר דער פּאָליטישער אויסגאַנגס רעזולטאַט צװישן די צװיי טאָטאַלע װעלט־בלאָקן אין זייערן געדראַנג און קאַמף צו באַהערשן די װעלט.

אַ פּסיכאָז פֿון אַ טויט־שאָק האָט מיין גאַנץ מענטשלעכן עקזיסטענץ אַרומגענומען איצט האָב געקלערט ברויכן ענדלעך מענטשן צװישן זיך אַנדערש און פֿאַר־שטענדלעכער לעבן, בלויז כאָטש, צוליב נאָר מענטשלעכן רחמנות. ענדלעך האָב זיך געטראַכט װעלן אונדזערע פּאָליאַקן שכנים צו אונדז דעם פֿאַרבליבענעם ביסל יידן האָבן נאָר פֿריינטשאַפֿט, מיר זענען דאָך, נעבעך, אַזױ איצט װיניק בפֿרט דאָ אין שטאָט װאַרשאָ און אַפֿילו אויך אין דער גאַנצער פּױלישער מדינה.

דאָך דעם גאַנצן אונדזערן טראַגישן, פֿילט זיך נישט קיין שטימונג פֿון פֿריינטשאַפֿט, מענטשן קוקען אויף זיך װי פֿרעמדע און בפֿרט אַזעלכעס איז אין דער באַציאונג צו אונדז יידן, אפֿשר טאָקע אַזעלכעס דאַכט זיך מיר, אָדער אפֿשר אַזױ, דאַכט זיך מיר, צוליב מיין יידישער פֿיזאָנאָמיע, אָבער עס איז פֿאָרט אַ פֿאַקט, אַז אויף אונדז יידן אין פּױלן קוקט מען װידער װי אַמאָל דאָך נאָר מיט שנאה. דאָס אָן אַ סיבה. עס האָט זיך נאָכנישט אָפּגעטריקענט דאָס יידישע פֿאַרגאָסענע בלוט און בפֿרט דאָס אומשולדיקע פֿאַרגאָסענע בלוט פֿון די אומגעבראַכטע 6 מיליאָן אונדזערע יידן קרבנות אויף דער טאָקע דאָ פּױ־לישער זינדיקער ערד, צו װעלכן טאַט האָבן די דאָרטיקע באַװױנטע פּאָליאַקן אַ גרויסן אין דעם חלק און קוים כאָטש עס איז פֿאַרביי פֿון דער געשיכטע נאָר אַ פּאָר יאָר און שוין װידער האָבן זיך געהערט װעגן אַדורכגעפֿירטע יידן פּאָגראָמען ערגעץ־װוּ אין דער קיעלצער געגענט קעגן דעם דאָרטן קליינעם געראַטעװעטן יידישן קיבוץ.

✡

פוילן — יעדער דאָ ערד־שפּאַן סיי אין לענג און אין ברייט פון דיין שטח איז פאַרגאָסן מיט אומשולדיק יידיש בלוט. וואַרשא, דאָס וויגעלע פון פוילישן יידנטום, אין וועלכער איז געווען העראָאישער העלדן קאַמף, איז חורבן, און אַרום וואַרשא; טרעבלינקע און סאביוואָר, צוויי פאַרניכטונגס לאַגערן, אין וועלכע מען האָט פאַרניכטעט דאָס וואַרשעווער יידנטום און אויך דאָס אַרום באַוווינטן דאָרטן יידנטום.

ווייטער צו מערב, איז די גאַנצע געגענט געווען פאַרפלייצט מיט געטאָס און לאַגערן און אין צענטער, נישט ווייט פון דער אַמאָליקער היסטאָרישער פוילישער מאָנאַרכיע שטאָט — קראָקע, איז געווען דאָס באַרימטע מוסטער ווערק פון דייטשן נאַציזם — אָשוויענטשים, דאָס מוסטער ווערק פון דייטשער עכטער ראַסן־טעטיקייט.

אַהין קיין אָשוויענטשים האָט מען געבראַכט טויזנטער עשאַלאָנען מיט יידן פון דער גאַנצער פאַרכאַפּטער אייראָפּע: פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע און אויך אַ סך פון פאַרכאַפּטן רוסלאַנד. אַהין האָט מען געבראַכט יידן אפילו פון די מיט דייטשלאַנד פאַרבינדעטע לענדער, ווי אונגאַרן און רומעניע.

אַראָפּצו, אין צענטער לאַנד איז געווען לובלין. דאָרטן אין פאַרשטאָט פון לובלין — מאַידאַנעק זענען געווען די ערשטע יידן־קרעמאַטאָריומס. מאַידאַנעק איז געווען אַ צענטער פון אַ רייע פאַרניכטונגס לאַגערן, ווי טראַווניקי און פּלאַשאָוו, מילעיאָוו און פּלאַץ לעשקאָוויטשא און אַ סך אַנדערע. אין דער לובלין וואָיעוואָדשאַפט זענען געווען די ערשטע אויסזידלונגען, די ערשטע פאַרניכטונגען און די ערשטע איינגעפירטע קרעמאַטאָריומס. דאָ אין מאַידאַנעק זעט מען נאָך היינט די דאָרטן אויפגעשטעלטע ברען־אויוונס מיט די גרויסע אייזערנע האַטשיקעס צום אַרויסשאַרן און אונטערשאַרן די פאַרגאַזעוועטע אָפּגעסאַמטע טויטע יידן אין די ברענענדיקע קרעמאַטאָריומס.

מאַידאַנעק, אַ אמתע טויטן־פאַבריק, דער ערשטער סימבאָל פון דער דייטשער נאַציסטישער פאַרברעכערישקייט, דאָ, האָט אַלץ געקלאַפּט מיטן דייטשן סדר, פּונקטלעכקייט, אַלץ איז דאָ סאָרטירט יעדע זאַך לויט זיין סדר: קליידער, שיך און ספּעציעל קינדער קליידער און אויך זענען ספּעציעלע זעק פאַראַן מיט מענטשלעכע אָפּגעשוירענע האָר.

אַ מיליאָן יידישע קינדער זענען דורך די דייטשע פאַשיסטישע פאַרברעכער אומגעבראַכט געוואָרן אַ סך פון זיי אין מאַידאַנעק. די קינדער האָט מען סתם פשוט געהרגעט לשם פראָסט פשוט הרגענען. אַ טייל פון זיי האָט מען מיט איינשטיכען אויסגעמאָרדעט, אין אַ טייל גאָר האָט מען זיך שיסן געלערנט און זויג־קינדער האָט מען ממש מיט ווידלעס אַדורכגעשטאָכן. וועלכער

טאַקע מענטשלעכער טייוועל האָט זיך צו אַזעלכעס געקענט דערטראַכטן! דאָ אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט איז בלויז נאָר הרג און פאַרניכטונג. גאַנצע שטעט און שטעטלעך זענען ממש פון ערד אויבערפלאַך אָפּגעווישט. דאָ, האָט מען טויזנטער יידן מיט דער הילף פון די דאָרטיקע מיעשטשאַנעס סיי אין שטאָט ווי סיי אין דאָרף פאַרניכטעט. נאָכן יידן, האָט מען זיך אַפילו אין די וועלדער געיאָגט אַבי אים דעם ייד דערגרייכן בכדי צו פאַרניכטן. אָבער דאָ אין לובלינער וואָיעוואָדשאַפט זענען אויך געווען יידן פאַרטיזאַנער און האָבן געקעמפט מיט גרויס גבורה קעגן דעם פאַרפלוכטן מענטשן שונא — דעם נאַציזם!

טרויעריק שטאַרק טרויעריק, איז אין פוילן אונדזער יידיש לעבן. היינט שוין 5 יאָר נאָך דער מלחמה איז נאָך אַרום לובלין פול מיט יידישע נישט פאַרדעקטע קברים קדושים, היינט נאָך, פאַרן אַרום אין דער געגענט יידן, פון די פאַרבליבענע דאָרטן באַזוינטע יידן און ברענגען צו קבורה די אויפגעדעקטע יידישע קברים, שטעלן מצבות און ברענגען צו אייביקער רו, די געשענדעטע יידישע אונדזערע קדושים.

ווייטער, אַהין אין צפון צו די באַלטישע לענדער צו די פאַנאַר אָרטשאַפטן, וווּ ליגן טויזנטער יידישע אומגעבראַכטע קדושים און אויך אַרום דער שטאָט ריגע און אומגעגענט. בעסער איז אויך נישט דער וועג אין די געביטן פון דער מערב אוקראינע, ווו אין גאַנצן וועג זענען נאָר פאַראַן יידישע קרבנות ביז אַזש אַהין העט ווייט אין די וועלדער פון דער הויפשטאָט קיעוו — באַבי יאַר.

אַזוי איז געווען דער לעבענס וועג פון אייראָפּעאישן און פוילישן יידנטום. סוף־כל־סוף, האָבן זיך דערלעבט די פוילישע אַנטיסעמיטישע באַפעלקערונג צו קענען הרגענען און ירשענען נישט נאָר דעם יידישן האַנדל נאָר אויך זיין האָב און גוטס, צו וועלכן האָבן אַזוי שטאַרק געהאָפט און געבענקט.

מיר יידן, אַהער קיין פוילן צוריק געקומענע פון אַלע פאַרשידענע לאַגערן, סיי פון די טויטן לאַגערן, און סיי פון די אויסבעסערונגס לאַגערן, שטעלן מיט זיך פאַר דאָס שארית־הפליטה פון פוילישן יידנטום. מיר זענען די פאַרבליבענע פון דעם געפייניקטן יידישן פאָלק, וועלכע זיי די אייראָפּעאישע מושלים סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס האָבן אין זייערער עקספּאַנסיע, אָדער אין זייערער באַפרייאונג פאַרניכטעט. מיר היינט זענען בסך הכל אַ קליינע פאַר־בליבענע פאָלקס־גרופּע. און גרופּירן זיך אין עטלעכע שטעט, ווי וואַרשאַ און לובלין, לאָדזש און אויך אין עטלעכע קלענערע שטעטלעך אין דער נידער־שלעזיע. אַלע מיר יידן לעבן אין אַן צייטווייליקייט. אַלע מיר גרייטן זיך פאַרלאָזן פוילן, דאָס אַזוי זינדיקע פאַר אונדז לאַנד. אַלע מיר דענקען פון

עולה זיין קיין ישראל טראָץ די נישט קיין גוטע אין ישראל דערוואַרטענע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, ווייל ענדלעך האָבן מיר שוין גענוג אַלע זייערע פוילישע שכנות פריינטשאַפט.

מיר, דער יידישער ציבור אין פוילן אין דער נאָכמלחמהדיקער געזעלשאַפט האָבן אין גרעסטן טייל נאָר אַנטווישונג פון אונדזער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט. די אַנטווישונג איז צוליבן פאַרלעצן דעם גרויסן רייכן אידעען אוצר וואָס האָט געהייסן סאָציאַליזם און דווקא אין לאַנד וואָס רופט זיך ראַטנפאַרבאַנד, פאָטערלאַנד פון אַרבעטער־קלאַס, וועלכעס איז פּאַקטיש נאָר אַ פאַרקריפּלונג פון גאָר גרויסע אידעען אָנשויאונגען אויפן באָדן פון אַ שקלאַפנטום געזעלשאַפט. אַזעלכע טאָקע אַנטווישונגען זענען געקומען אין רעזולטאַט פון דעם דאָרטן לעבענס פּראָצעס פון משך יאָרן אַדורכגעלעבטן לעבן אין זייערע אויסבעסערונגס־לאַגערן און אויך אין זייערן געשאַפענעם מאָראַלישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

געציילטע טעג אַז כ׳בין אין מיין געבוירן לאַנד פוילן, איצט בין אַ באַ־פרייטער בירגער, ענדלעך בין ווידער אַ באַפרייטער בירגער, פריער אין 1939 יאָר פון דער פוילישער פאַשיסטישע תפיסה האָבן מיך זיך באַפרייט אַ דאַנק דעם, אויב מען קאָן אַזוי דרינגען נישט אָנגרייפס־אָפּמאַך און איצט בין באַ־פרייט געוואָרן פון דער סאָוויעטישער תפיסה אַ דאַנק דעם רעפּאַרטיאַנטן־אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד מיט פוילן, אָבער איצט, איז דאָס היינטיקע פוילן, אַ פאָלקס דעמאָקראַטיש לאַנד, דאָ הערשן פּאַקטיש מיינע באַקאַנטע חברים פון דער אַמאָליקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זיי זענען אין דער פאַרקערפּערונג וואָס רופט זיך — פוילישע אַרבעטער פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.). אין דער פוילישער אַרבעטער פּאַרטיי זענען אויך איינגעשלאָסן ליבעראַלן פון דער אַמאָליקער פוילישער פויערים־פּאַרטיי און אַנדערע דעמאָקראַטישע פוילישע פּאַרטיי מינדערהייטן.

דאָך דעם אַלעמען איז זייער איצטיקע דאָרטן אין פוילן רעזשים־מאַכט נאָר אַ דאַנק דער פולער אונטערשטיצונג פונעם ראַטנפאַרבאַנד. אינערלעך אין לאַנד עקזיסטירט אַ פּולקאָמע באַזירטע רעאַקציאָנערע רעאַקציע אונטער געשטיצט פון די דאָרטיקע קלעריקאַלע קרייזן, וועלכע האָבן גרויסן געזעל־שאַפטלעכן איינפלוס, דאָס אַ דאַנק דער גרויס פאַרשפרייטער גלחים אַגיטאַציע,

אין וועלכער איז ממש אויסגעשפּראָכענער יידן־שנאה און בפרט קעגן דאָרטיקן פֿאָלקס רעזשים.

די פּוילישע רעאַקציאָנערע קרייזן, די יורשים פון דער אַמאָליקער פאַשיסטישער און פעאָדאַל־רעאַקציאָנערער רעגירונג זענען איצט אַפילו שוין נאָך דער מלחמה, בלויז נאָר געשטימט אַנטיסעמיטיש. די קרייזן האָבן גאָרנישט געלערנט פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. זייערע זאָאָלאָגישע העץ־שנאה צו יידן האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. זיי זענען די, וועלכע האָבן זיך מיט פרייד צוגעקוקט צו דעם פאַרניכטן די יידן אין זייערן היימלאַנד און אפילו נישט אַקעגנגעווירקט. אַזעלכע פּאָליאַקן האָבן נאָך אַרויסגעהאָלפן פאַרברעכעריש די יידן ליקווידירן און אויך האָבן נישט איין ייד פאַרקויפט פאַר אַ פעטער געלט סומע צום דייטש אין יענער צייט. אָבער דאָך אַזעלכעס ביים היינטיקן טאָג, ווען דער ייד דאָרטן איז אַן אָביעקט צום פאַרניכטן איז עס אַוודאי פאַרברעכעריש.

דער פּויליש רעאַקציאָנערער קלער האָט דאָרטן גרויס פּאָליטישן השפעה, זיי זענען גרויסע ערד־באַזיצער, זיי בשותפות מיט דער דאָרטיקער האַלב לעגאַלער בורזשואזיע פּרובירן אויף אַלע אופנים אונטערהעצן דאָס דאָרטיקע פאָלק קעגן דער דאָרטיקער פוילישער פאָלקס רעגירונג, וועלכע אין זייערן הערשן דערלאָזן נישט אויספירן דעם זייערן דאָרטן העץ־געיעג קעגן דעם ביסל דאָרטן שארית־הפליטה יידן.

מיין קומען צוריק קיין פוילן פון די רוסישע לאַגערן איז פונקט אויסגעפאַלן אין דער צייט, ווען די דאָרטיקע קלעריקאַלע פוילישע קרייזן האָבן פאַרזוכט איינפלאַנצן אין דאָרטן פאָלק דעם גרויסן נס וואָס איז געשען אין דער קלויסטער־קאַטעדראַלע אין שטאָט לובלין, ווו עס איז געשטאַנען דאָס בילד פון דער געטלעכער מוטער, אַזוי גערופן די „הייליקע בתולה”, ווען פלוצלינג האָט אַ פרוי דערזען די מוטער געטין ממש וויינען. אַזאַ פרוי האָט פאַרשטענדלעך געווירקט אויף אַלע דאָרטן אין קלויסטער מתפללים נאָכטענהן אַזעלכעס, אַז טאַקע נישט אַנדערש ווי נאָר די מוטער געטין וויינט און אַזעלכעס, איז דאָך באַוווסט צוליב וואָס און פאַר וועלכע זינד, די מוטער געטין טאַקע וויינט. דאָרטן אויפן בילד אין גאָטס הייליקן קלויסטער.

בשעת מעשה, זייענדיק אין לובלין האָב געהאַט די געלעגענהייט אָבסערווירן אַזאַ מין קריסטלעכע הייליקע פּראָצעסיע, וועלכע איז געגאַנגען אין פאַרשיכורטן רעליגיעזן התפעלות מיט געזאַנגען פון פסאַלמען פון תהלים פון דאָרטיקן קריסטלעכן לובלינער קלויסטער, ווו איז טאַקע פאַרגעקומען דער הייליקער וווּנדער נס

דאָך האָב זיך געטראַכט אַז עס פעלט נאָר אַ קליינער בלויז פייער פונק און פון אונדז דאָ שטייענדיקע יידן, אויף דער דאָרטיקער גאַס וואָלט געבליבן פון דעם געטלעכן התפעלות נאָר אַש און פּראָך.

אַזאַ מעשה מיטן גאָטס נס, איז פאַרשטענדלעך געוואָרן אויפגעכאַפּט פון די דאָרטיקע פוילישע קלעריקאַלע קרייזן מיט גרויס הנאה און הצלחה. די גאַנצע דאָרטן געזעלשאַפטס אַטמאָספערע איז געווען, ממש אָנגעגליט מיט בלויז גאָטס רחמים און דאָס גאַנצע פוילישע פאָלק האָט געשראָמט קיין לובלין זעען דעם גרויסן גאָטס וואונדער און די דאָרטיקע פוילישע קלעריקאַלע קרייזן האָבן נאָר געוואָלט דערגרייכן געוויסע פּאָליטישע צילן, ווייל באַלד צוגלייך, האָט אַזאַ מין ענלעכן נס. פּאַסירט אין זייערן קודש־קדשים שטאָט טשענסטאָכאָוו. פאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכעס האָט געקענט האָבן גרויסע פּאָליטישע קאָנסעק־ווענצן, ווען עס זאָל נישט באַצייטענס געווען געוואָרן אָנגענומען שריט מצד דער דאָרטיקער הערשנדיקער רעגירונג בכדי נישט דערלאָזן צו יידן עקצעסן און בפרט צו קיין פּאָליטישע קעגן רעגירונג קאַמפן.

דאָ, אין פוילן, איצט פאַר מיר אַ זינדיקע ערד האָט מען אויסגעהרגעט מער ווי אַ דריטל פון מיין יידיש פאָלק, מער פון 6 מיליאָן מיינע ברידער יידן. דו, מיין גרויס פאָלק, וועלכעס האָט באַוווינט די גאַנצע גאָטס וועלט. דו מיין גרויס פאָלק, וועלכעס האָט גערעדט אויף אַלע וועלט שפּראַכן, דו מיין פאָלק, וועלכעס דו, איינציק פאָלק אין דער וועלט האָט פאַרגעזעצט דעם פון גאָט אָנגעצייכענטן וועג אָנהויבענדיק פון דיינע אבות פּאַטריאַרכן. דו, איינציק פאָלק, וועלכעס איז געשטאַנען פאַרן וועלט באַשעפער — גאָט אָננעמענדיק זיין אָנגעבאָטענע תורה. דו, מיין פאָלק פון וועמענס געדערעם זענען אַרויס די גרויסע נביאים, וועלכע האָבן געבראַכט גאָטס וואָרט דער גאַנצער מענטשהייט. דו, פּאָלק, וועלכעס האָט געגעבן דעם גרעסטן צדק און יושר פאַר דער וועלט און אירער געזעלשאַפט, וועלכעס דריקט זיך אויס און לויטעט אין פּשוטע ווערטער : ואהבת לרעך כמוך.

היינט דאָ אין פוילן איז דער קליינער היינטיקער יידישער ציבור דער וועלכער שטעלט צוזאַמען דאָס שארית הפליטה פון אונדזער פוילישן יידנטום זענען טאַקע די יידן געקומענע פון די פאַרשידענע מיני טויטן לאַגערס, געטאָס און אויסבעסערונגס לאַגערן, מיר זענען די רעשטן פון דעם שוידערלעכן יידישן אומקום און מיר זענען טאַקע די אמתע תחית־המתים יידן. מיר אַלע זענען פול מיט פּיין־שטימונג און אַנטוישטע אין אַלע יענע צייטיקע וועלט־אידעען און מיר, נאָר לעבן איצט אין טראַגישע בלוט זכרונות, דעריבער

איז אונדזער איינציקער ציל פון דאַנען וואָס שנעלער אַוועק, אַוועק פון דער זינדיקער ערד אפילו כאָטש אונדזער הייליק אומשולדיק יידישן פאַרגאָסן בלוט.

✡

צוויי וויכטיקע וועלט געשעענישן זענען געשעען בשעתן מיין זיין אין יענער צייט אין די רוסישע תפיסות, צוליב דעם זענען פון מיר פאַרהוילן געוואָרן צו זיין אַנוועזענד אויף דער פריי בשעתן זייערן פאַסירן. אַזעלכעס איז די ענדע פון דער שרעקלעכער מלחמה, און דאָס צווייטע דאָס אַנטשטיין פון דער יידישער מדינת ישראל.ביידע די געשעענישן זענען געווען די וויכטיקסטע וועלט גע־שעענישן אין אונדזער דור אין אונדזער אַלגעמיינע געשיכטע, בפרט אין אונדזער יידישער פאָלקס געשיכטע. ביידע די געשעענישן זענען געווען פולדייטיק גע־בינדן מיט אונדזערן יידישן פאָלקס־לעבן און אויך פאַרבינדן מיט יעדן ייד אַלס יחיד. דעריבער זענען די צוויי געשעענישן אַזוי שטאַרק אויסדריקלעך פאַר דער גאַנצער וועלט בפרט אין דער יידישער וועלט און אין זיין פאָלקס באַוווסטזיין.

די ערשטע פאַסירונג די ענדע פון דער שרעקלעכער מלחמה, וועלכעס האָט באַגערט די גאַנצע פאַרפייניקטע מענטשהייט אין רעזולטאַט פון דער אַנגעוואָרפענער היטלער מלחמה האָט פאַסירט בשעת מיין זיין אין סאַמען מיטן פון מיינע לאַגער יאָרן אין רוסלאַנד, כאָטש אַזאַ דעמאָלט געשעעניש האָט דערפרייט די גאַנצע וועלט. די צווייטע פאַסירונג, דאָס אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה אַ זעלבסשטענדיקע, אַן אַנערקענטע, אַן אויסגעקעמפטע, וועלכעס איז געווען אין רעזולטאַט פון קנאַפע 2000 יאָרן גלות לעבן. אַ רעזולטאַט פון אַ געראַנגל און יידישן פאָלקס קאַמף אין וועלכן זענען געפאַלן מיליאָנען יידישע קרבנות, וועלכעס איז ענדלעך דאָך געקומען צו אַ אַנטגילטיקן סוף, איז געווען בכלל פאַר מיר אין יענע צייטן ממש פאַרהוילן. ערשט שפּעטער, ווען כמעט ענדע יאָר 1949 בין געשיקט געוואָרן צוריק קיין פוילן און זייענדיק צוריק אין דער טאַשקענטער פערעסילקע האָט ווען דעם מיר דערציילט אַ רוסישער אַרעסטאַנט, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט צו דער ידיעה מיט גרויס סימפּאַטיע.

אין אמתן געזאָגט האָט נישט געקענט זיין קיין גרעסערע פרייד פאַרן יידישן פאָלק, אַז ענדלעך דאָס ביסל שארית הפליטה יידן האָט ענדלעך אויך אַ פאָלקס נחלה און דאָס, דווקא אין די היסטאָרישע אַמאָליקע יידישע פאָלקס גרענעצן, ווו האָבן געהאַט זייערן שטאַטלעכקייט, ווו האָבן, געשאַפן זייערע גרויסע מאָראַלישע ווערק. ענדלעך זענען פאַרשטראָכן געוואָרן די אומרעכטן פונעם רוימישן

צעזאַרנטום, וועלכעס האָט רויבעריש באַצווינגען און האָט פאַרטריבן אַ פאָלק פון זיין היימלאַנד און נחלה. ענדלעך האָט די וועלט אָנערקענט פאַר אַ מאָראַלישן חוב דעם געפייניקטן יידישן פאָלק די זיינע פאָלקס זכותן צו אַ פאָלקס זעלבס שטענדיקייט.

די ידיעה וועגן דער יידישער מדינה זעלבסשטענדיקייט האָט דערפרייט דאָס יידישע פאָלק בפרט, ווען דאָס פאָלק האָט נאָר געהאַט בלויז געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבענס־אַנטווישונג און דאָס פון אַלע פּאָליטישע עקזיסטירנדיקע פּאַרטיי אָנשויאונגען, וועלכע האָבן געברענגט פאַרן יידנטום בלויז אומרעכטן און לעבענס אַנטווישונג.

☆

אַ יידישע מדינה נאָר אַזעלכעס גאָר זיך פאַרשטעלן? וויפל פרייד איז אין דעם באַגריף פאַר אונדז דעם שארית־הפליטה פאָלק? אַ יידישע מדינה נאָך קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר גלותן, חורבנות און אַנדערע פּרענותן מיט וועלכן, אַזוי פול איז אונדזער יעדער יידישער געשיכטע דור פול אַדורכגעזאַפּט, און ענדלעך, איז היינט פאַר אונדז יידן אויפגעשטאַנען און דערגרייכט געוואָרן. אַ יידישע מדינה, באַשיצטע מיט אייגען אונדזערן יידישן מיליטער און דאָך שוין זענען אַרום און אַרום פול מיט שונאים, וועלכע ווילן שוין די אונדזער יידישער מדינה פאַרניכטן.

אַ יידישע מדינה אין די היסטאָרישע ארץ ישראל גרענעצן, דאָרטן טאַקע אין דעם שטח האָבן פאַר דער מדינה געקעמפט דאָס גאַנצע דאָרטן באַוווינטע יידיש פאָלק און פאַר דער אויך מדינה האָבן געקעמפט ביי אונדז אין פוילן אַלע ציוניסטישע פּאַרטיי־באַוועגונגען. דאָרטן אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן האָבן גע־קעמפט פאַר אַזאַ יידישער מדינה כמעט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק באַוווינטע אין פוילן, וועלכעס איז אין גרעסטן טייל פאַרניכטעט געוואָרן אין די היטלערישע געטאָס און טויטן לאַגערן. אַהער צו דער אויסגעטרוימטער יידישער מדינה זענען געווען געוואָנדן בשעת דער שואה די אויגן פונעם גאַנצן יידישן פאָלק.

דו, אדנדזער מדינה כאָטש ווייט ביסט פון אונדז אין שטח, דאָך ביסט אַזוי נאָענט פאַר אונדז. צוליב דיר הייבן מיר העכער אונדזערן יידישן שטאָלץ אַלס פאָלק, מיר האָבן איצט אונדזערן אייגענעם מענטשלעכן כבוד צוריק אויס־געקעמפט, ווייל דאָך אין דעם איז פאַראַן דער עמיצער, וועלכער אויך פאַר אונדז שוין זאָרגט און אַוודאי אונדז פון יעדן שלעכטן באַהיט. אַמאָל, עס דאַכט זיך מיר, אַז ערשט נעכטן האָבן מיר צווישן אונדז געפירט אַזוי פיל פּאָליטישע שטרייט פראַגן, וועגן די עצם פראַגע פון דעם יידישן פאָלק. מיר, וועלכע האָבן

דעמאָלט געטענהט, אַז די ספּעציפישע יידן פראַגע וועלן מיר געפונען אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטס־פראַגע פון יושר און צדק בפרט אין דער סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט, וועלכע באַדאַרפט איינפירן אַזאַ מין יושר אין אירער אַנט־שטאַנענער געזעלשאַפט, זענען היינט אָבער שטאַרק דווקא אַנטוישט פון דעם אַלעמען און דאָס נישט נאָר פון דעם נישט געלייזטן פאַר אונדז יידן־פראַגע פּראָבלעם נאָר אויך פון דעם גאַנצן דאָרטן אין דער גערופענער סאָציאַליסטישער וועלט געשאַפענעם יושר, בפרט צו דער דאָרטן יידן־פראַגע, וועלכעס אין תוך איז נישט אַנדערש ווי נאָר אַ מין פאַרקריפּלונג פון אידעען, אַנשויאונגען, אונטער אַ נייער אויפגעשטאַנענער און געשאַפענער ווילקיר אָרדענונג. היינט זענען מיר ענדלעך אויסגעניכטערט נאָך אַלע די אַדורכגעלעבטע „אויסגאבן" פון יענעם איינגעפירטן יושר־סיטעם, וועלכן מיר האָבן זעלבס געזען און אַרורכגעמאַכט.

אַ יידישע מדינה, ווען נאָר אונדזערע מיליאָנען קדושים זאָלן כאָטש אַזעלכעס וויסן און אַפילו, ווייל אונדזערע אומגעקומענע קדושים האָבן דאָך פאָרט אין דעם זייער גרויסן חלק ווייל אין דער מדינה איז געווען אויך זייער גרויסער פאָלקס קאַמף אין דעם איז פאַראַן זייער גרויסער מאָראַלישער און פּאָליטישער זכות. ווען טאַקע מיר זאָלן קענען אין זיי איינשאַפן אונדזערער גרויסער און זייערער אויסגעבענקטן פאָלקס פרייד!

היינט אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן, מיר דער יידישער באַוווינטער ציבור האָבן אין גרעסטן טייל נאָר אַדורכגעלעבטע אַנטוישונג פון דער נישט אונדזער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. די אונדזער אַנטוישונג איז א רעזולטאַט פון פאַרלעצן דעם גרויסן רייכן אידעען אוצר: סאָציאַליזם דווקא אין לאַנד וואָס רופט זיך ראַטנפאַרבאַנד וועלכעס האָלט זיך פאַרן פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד, אָבער, וועלכעס פאַקטיש, איז נישט אַנדערש ווי אַ פאַרקריפּלונג פון די גרויסע סאָציאַליסטישע אידעען אויפן באָדן פון ווילקירלעכן געשאַפענעם דיקטאַטאָרישן רעזשים. די טאַקע אַנטוישונג האָט פאַר אונדז דעם יידישן ציבור ענדלעך געשאַפן די אָנרעגונג זיך אידענטיפיצירן מיטן יידישן געשאַפענעם היינטיקן היימלאַנד — ישראל.

אין מיר פּערזענלעך איז גרויס די אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג, גרויס איז אין מיר די בושה פאַר מיינע און צוליב מיינע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענע יאָרן און דער עיקר צוליב דעם ראַטנפאַרבאַנד. אָה, דו פּראָלעטאַריש פאָטערלאַנד, וויפל אין דיר איז פאַראַן מענטשלעכע פאַרשפּרייטע שנאה, וויפל מיליאָנען מענטשן אַרעסטאַנטן האָלסט פאַרשפּאַרט אין דיינע תפיסות און אַרבעטס־לאַגערן? וויפל גוואַלט און רויב איז אין דיין באַהערשונגס רשות און וויפל מיליאָנען פון דיינע בירגער האָסט באַרויבט פון דער נאַטור זיי געשענקטער מענטשלעכער פרייהייט? און אַזוי און נאָר אַזוי, זעט זיך מיר דער פאַרלויף

פון דעם ראַטנפאַרבאַנדס פּאָליטישער טעטיקייט און טראָץ דעם אַלעמען, וועלכעס איז נאָר אַ רעזולטאַט פון באַגאַנגענע פּאָליטישע פעלערן, וועלכע האָבן אין לעבן גאָרנישט געגעבן פאַרן דאָרטן ראַטנפאַרבאַנד ווי בלויז פּאָליטישן און טעריטאָ־ריעלן מענטשן שאָדן, דאָך דעם אַלעמען, איז היינט אויפסניי הייבן צוריק אָן ווידער דאָרטן פּאָליטישע פּראָצעסן קעגן פאָלק פונעם דאָרטן שוין באַזירטן דיקטאַטאָרישן ווילקירלעכן רעזשים.

אָבער, אויך ביי אונדז, אויף דער יידישער גאַס אין פּוילן, כאָטש די אַלע אַדורכגעלעבטע אַנטוישונגען וועלכער יעדער איינער פון אונדז האָט אַדורכ־געמאַכט דאָך דעם אַלעמען זענען, איצט ווידער אויפגעשטאַנען אַ טייל פון די אַנטוישטע, וועלכע ווילן צוריק רעסטאַוורירן דאָס רעוואָלוציאָנערע פון אַמאָל, וועלכע רעדן ווידער היינט מיט אַ נוסח פון אַ ווירקלעכער סאָ־ציאַליסטישער תורה אַ מער אמתע ווי דאָרטן אין ראַטנפאַרבאַנד, ווייל דעמאָלט האָט דאָך געהערשט די מלחמה אין רעזולטאַט דעריבער די געקומענע אַנטוישונגען, אָבער, וועלכע טענהן קיינמאָל קענען נישט ווערן און קומען צו אַנטוישונגען אין אַלוועלטלעכן אויפן פון אוניווערסאַלן סאָציאַליזם, דאָך אָבער, מיר פערזענלעך זעעט זיך נישט אַזעלכעס פאַרט לאָגיש צו באַגרייפן אויפן היינטיקן זינדיק פּוילנס ערד באָדן, ווען שוין איצט נאָך דער גרוילעכן אַדורכגעלעבטן, איז פאַראַן ווידער אַזוי פול עקסזיסטירנדיקער אין פּוילן יידן־שנאה. פאַרשטענדלעך אַז ביים יידישן שארית־הפליטה ציבור האָבן די אַלע ווידער אויפלעבנדיקע פּאָליטישע אידעען קיין גרויסן גלויבן און די דאָרטן אין פּוילן יידן פאַרלאָזן מאַסענווייז פּוילן און פאַרן איז זייערן אויסגעבענקטן לאַנד ישראל.

איך קום בייווייזנען דאָס אָפּפאָרן פון אַן עשאַלאָן יידן קיין ישראל פון די שארית־הפליטה יידן, דאָס איז זייער לעצטער וואַנדער־וועג מענטשן פריינטלעך געזעגענען זיך מיט די ווונטשן: להתראות בארצנו! דאָס איז דער איינציקער און קורצער ווונטש, אָבער אַ פול זאָגענדיקער ווונטש. די שארית־הפליטה יידן געזעגענען זיך מיטן גאַנצן דעם אַדורכגעלעבטן פּיינלעכן, מיטן אייביקן טראָ־ריזירנדיקן לעבענס שטייגער, געזעגענען זיך מיטן אַמאָליקן נע־ונד, מיט די פּלאָגען פון אייביקן גלות־ייד. די פּוילישע יידן פאָרן קיין ישראל, פאַרלאָזן דירות הייזער, פאַרמעגענס פון דורות, גאַנצע משפחה ירושות, געזעגענען זיך מיט זייערע גרוילעכע פאָלקס־זכרונות, כאָטש, מיט וועלכע וועלן זיך קיינמאָל נישט שיידן זיי נעמען עס מיט זיך אין זייערע געדעכעניש פון דער אַדורכגעלעבטער פאַרגאַנגענהייט, ווייל דאָס פאַר זיי וועט זיין, דער אָנרעגונגס־כוח צו שאַפן און אַנטוויקלען די מיטלן פון זיך שיצן און זיך באַוואָרענען בכדי עס זאָל פאַרן יידישן פאָלק מער נישט זיין אַזעלכע פאָלקס־חורבנות.

אינהאַלט

פון די פריסטע קינדער יאָרן	7
די עקאָנאָמישע פּאָליטישע באַזירונג	25
ערב מלחמה יאָרן	76
אויף דער שוועל פון מלחמה	128
די מלחמה	162
אין רוסלאַנד בשעת דער פערעדישקע	199
אין רוסלאַנד בשעת דער מלחמה	240
אין תפיסה	276
דער סאַנגאָראָדאָק לאַגער	302
צוריק די פרייהייט	333